STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06463

UNDZER GANG TSVISHN FELKER

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם גאָלאָמב

אונדזער נאַענט צווישן פעלקער

אברהם גאָלאָמב

אונדזער גאַנג צווישן פעלקער

(עסייען)

●

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט
בוענאָס-איירעס
1961

אינהאַלט

ערשטער טייל

אונדזער אַנדערשקייט

אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — 9
גאָט אין הימל און געטלעכקייט אין גאָר דער וועלט — — — — — — — 13
אונדזער וועג צו גאָט — — — — — — — — — — — — — — 17
אַנדערש איז אונדזער זוכן גאָט — — — — — — — — — — — 27
די שטרעבונגען פון אונדזער נבואה־ליטעראַטור — — — — — — — — 35
אַנדערש איז אונדזער לערנען — — — — — — — — — — — — 55
די אַנדערשקייט פון דער תלמודיש־שטעטלשער קולטור — — — — — — 71
אַנדערש זענען אונדזערע יום־טובים — — — — — — — — — — 109
דאָס פאָלק און זיין גאָט — — — — — — — — — — — — — 119
דער תניא ווי אַ מוסטער פון רעליגיעזן געדאַנק — — — — — — — 125
ייִדישקייט איז אונדזער רעליגיע — — — — — — — — — — 149
ייִדישקייט ווי אַ פּראָצעס — — — — — — — — — — — — 155
אַנדערש איז אונדזער גאַנצע געשיכטע — — — — — — — — — 163
יחידישע און ציבורדיקע ייִדישקייט — — — — — — — — — 179
פון כלל צום פרט — — — — — — — — — — — — — — — 187
מוסיפין מן החול על הקודש — — — — — — — — — — — — 201
קדושת השטעטל — — — — — — — — — — — — — — — 213
שלום על ישראל — — — — — — — — — — — — — — — 223

צווייטער טייל

אַ פאָלק וואָס אַנטלויפט פון זיין אַנדערשקייט

אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — 233
אונדזער עגאָפּאָביע — — — — — — — — — — — — — — 237
די נשמה אין גלות — — — — — — — — — — — — — — 253

די אָרעמקייט פון פּעדאַגאָגישן געדאַנק ביי ייִדן — 269
דער אַמאָליקער פאָלקסטיפּ און דער היינטיקער דורכשניטלעכער ייִד — 283
אָפּשניידער פון ייִדישקייט — 295
וועלטלעכע ייִדישקייט — 303
קיום צוליב וואָס? — 323
גרונט־געזעצן פון ייִדישער געשיכטע — 331
סך־הכלען און אויספירן — 339

ערשטער טייל

אונדזער אַנדערשקייט

עם לבדד ישכון
ובגויים לא יתחשב
(במדבר, כ״ג)

אַ פֿאָלק רוט באַזונדער
און מיט פֿעלקער רעכנט עס זיך נישט.

מיר זענען געוואָרן אַ פאָלק, ווען די נישט־יידן האָבן אונדז אויפגעהערט צו פאַרשטיין.

(ש. ראַווידאָוויטש)

אַריינפיר

בין ישראל לעמים הבדלת.

מען איז ביי אונדז יידן געוויינט צו פיל צו קוקן אויף זיך דורך פרעמדע ברילן, מיר מעסטן זיך על פי רוב מיט אַ פרעמדער מאָס. די בעלי בתים פון לאַנד האָבן אַזוינס און אַזעלכעס, דאָס און יענץ. מיר אָבער האָבן דאָס נישט, הייסט עס אַז מיר זענען אָרעם, יורדים זענען מיר, קוקן מיר אויף יענע מיט קנאה און אויף זיך ווי אויף גייסטיקע קבצנים. יענע האָבן אַזאַ מין און אַזאַ מין שרייבער, — און ביי אונדז איז אַזאַ נישטאָ, זענען מיר דערפאַר קנאָפּ־ווערטיק. ווו זענען אונדזערע גרויסע אָפּערעס? פאַרוואָס האָבן מיר נישט קיין באַרימטע סימפאָניעס? נו, טאָ וואָס איז ווערט אונדזער גאַנצע קולטור? מיט וואָס האָבן מיר זיך צו באַרימען? מיר פרייען זיך אַז מען זאָגט אונדז, אַז שלום־עליכם איז גלייך צו מאַרק טווינען; אַז רייזען איז אַ מין טשעכאָוו; אַז אליעזר שטיינבאַרג האָט אין זיך אַ שמץ פון קרילאָוון, איין קלייניקייט! מיר זענען ביי זיך אַליין גליקלעך ווען מיר קענען זאָגן צו אונדזערן אַ ייד: „אייער עקסעלענץ". מיר זוכן אַלץ זיך צו גלייכן צו אַנדערע. זיי, די אַנדערע זענען די נאָרמע, און מיר זענען נעבעך, אָרעמער. יענע האָבן ערלעכע פּרנסות, און מיר, אַך און וויי, אונדזערע פּרנסות זענען נישט בלויז לופט און ווינט, נאָר זיי זענען טאָקע שווינדל און באַטרוג. אַלעמענס לשונות זענען גוט און פיין, אונדזער לשון איז נישט מער ווי אַ זשאַרגאָן. אַלע האָבן אַ פאָלקלאָר און מיר האָבן, נעבעך, גאָרנישט. און אויב מיר האָבן שוין יאָ עפּעס פון דעם מין, האָט עס נישט קיין טעם און נישט קיין ריח. אַלע פעלקער האָבן אַ טראַ־דיציאָנעלע קיך נאָר מיר האָבן עפּעס אַ שרעק־שלעכטס, נישט געשמאַק, קראַנקהאַפּטיקס, ווייס איך וואָס! אַלע האָבן אַ נאַציאָנאַלן טראַכט, אָבער מיר... אוי וויי! קאַפּאָטע! שטריימל! כאַנדריקעווע, זאָל שוין בעסער גאָט אונדז אויסהיילן פון דעם אַלעם... אַ יידישער נאָמען — פע, חלשות! אַ תנכי־שער אַפילו, נאָר אַ געניצטער ביי יידן איז שוין מיאוס און פסול. אַלץ וואָס יידיש איז שלעכט, אַלץ וואָס איז פרעמדס איז גוט און שיין.

אַפילו דאָס הייליקסטע ביי אַלעמען, די רעליגיע — איז אויך יענעמס בעסער און שענער. ייִדישע אינטעליגענטן פאַרכלינען זיך מיט דער שיינקייט פון דעם צווייטנס רעליגיע; שרייבער אַפילו, וואָס וואָלטן געמעגט אַריינקוקן אין די זאַכן טיפער. געגנוג פאַר עפּעס סע זאָל זיין ייִדיש, טויג עס שוין נישט. דאָס איז אונדזער קראַנקייט — די עגאָפאָביע. טוען ייִדן אַלץ וואָס מען קען, נאָר צו זיין צו לייטן גלייך, נאָר נישט אַזוי ווי ייִדן, אַפילו זיך שניידן די נאָז. נאָר מען זאָל לאָזן. אָ, דעמאָלט פילט מען זיך פריי... די צרה הייבט זיך אָן דאָרטן ווו מען לאָזט נישט, ווו מען צווינגט צו בלייבן ביי דער ייִדישקייט. גוואַלד! ווי ווערט מען פטור פון דעם ביסל ייִדישקייט!

וויל איך קומען און זאָגן: יאָ מיר זענען אַנדערש, אַ סך אַנדערש, אייגנ־אַרטיק, מיר קענען זיך נישט גלייכן צו אַנדערע. און מיר דאַרפן זיך גאַרנישט גלייכן צו קיינעם. מיר זענען אַנדערש און אין אונדזער אַנדערשקייט איז אונדזער „איך", אונדזער אייגנטימלעכקייט און — נאָר דערשרעקט זיך נישט — אונדזער שיינקייט.

איך ווייס נישט, אפשר קען יעדער פאָלק זאָגן וועגן זיך דאָס זעלביקע. איך בין צו ווייניק באַקאַנט אינטים מיט די קולטורן פון אַנדערע פעלקער, איך זאָל קענען אויף זיכער באַשטעטיקן די אַנדערשקייט פון איטלעכן פאָלק, הגם מיר דוכט זיך, אַז עס איז אַן אַקסיאָמע. אָבער בנוגע צו אונדז ייִדן נעם איך די דרייסטקייט צו באַהויפּטן אונדזער אייגנטימלעכע אַנדערשקייט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. און איך בין נאָך דערמיט צופרידן, צופרידן צו זיין אַנדערש, נישט ווי אַלע אַנדערע, הגם דאָס קען פאַררעכנט ווערן פאַר נאַציאָנאַליזם־שאָוויניזם און ווייס איך וואָס נאָך פאַר אַן עבירות.

יאָ, רבותי, מיר זענען אַנדערש. און זוכן די אייגענע נאַציאָנאַלע אַנ־דערשקייט, זיך באַמיִען קלאָר צו מאַכן איז נישט קיין עבירה, נאָר פאַרקערט, אַ מצווה, בתנאי מען זאָל אַנערקענען פאַר אַלע אַנדערע פעלקער די זעלביקע רעכט צו זיין אַנדערש, אייגנטימלעך. איטלעכער מענטש האָט זיין פּרצוף און איטלעך פאָלק דאַרף האָבן זיין גייסטיקע געשטאַלט, זיין קאָלעקטיווע געשטאַלט. די וועלט איז אַ סימפאָניע, אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען יעדער אינסטרומענט שפּילט ריכטיק זיין מעלאָדיע; ווען איטלעך פאָלק טראָגט אַריין אין דער וועלט־סימפאָניע זיין גייסט, זיין כאַראַקטער, זיין קול־טור־אייגנטימלעכקייט. ווי איז צו אַ מענטש וואָס פאַרטושט זיין כאַראַק־טער, זיין „איך", וואָס ווערט אַ קאָפּיע פון אַן אַנדערן און ווי איז צו אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין מוט צו שפּילן ריכטיק זיין פּאַרטיטור אין דער וועלט־סימפאָניע. מיר ייִדן האָבן יאָ עפּעס צוגעטראָגן דער וועלט, אָבער ווען? — ווען מיר זענען געווען פאַרזיכיק, אייגנטימלעך, אויסגעהאַלטן מיט אונ־

דזער אַנדערשקייט. מיר ווערן אָן אונדזער שעפערישקייט, מיר ווערן ווי פּאַראַליזירט גייסטיק, ווי נאָר מיר ווילן זיך אַריינשמעלצן אין אַנדערע פאָלקישע אָרגאַניזמען, ווען מיר פאַרוואַרפן אונדזער טראַדיציאָנעלע אַנדערשקייט. איז עס דער חוב פון יעדער דענקנדיקן ייִדן צו זוכן די אייגענע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט און זי אָפּצוהיטן, צו אַנטוויקלען. דאָס ווילן מיר טאָן אויך דאָ.

איז עס דאָך טאַקע אַ ווונדער: מער ווי צוויי טויזנט יאָר לעבן מיר צווישן פעלקער; מער ווי צוויי טויזנט יאָר באַמיִען מיר זיך ווען נאָר עס איז מעגלעך אָפּצומעקן אונדזער אַנדערשקייט, — און דאָך זענען מיר אַנדערש. און פאַרוואָס נאָר צוויי טויזנט יאָר? און צי ליידן מיר נישט אונדזער גאַנצע געשיכטע פון דעם דראַנג זיך אויסצומישן, צו פאַרטווישן אונדזער אייגנטימלעכקייט? צי ציט עס נישט תמיד צו פרעמדע געטער? פרעמדע קולטורן? פרעמדע אידייען? צו אַלץ וואָס עס איז פרעמד? צי דאַרפן נישט משה, יהושע און די שופטים פירן אַ שווערן קאַמף קעגן דעם דראַנג צו פרעמדס? און דאָך זענען מיר געוועזן אַנדערש און מיר זענען אַנדערש. מיר זענען אַ פאָלק נאָר מיט אונדזער אַנדערשקייט, נאָר אַ דאַנק אונדזער אַנדערשקייט, נאָר ווייל „שלא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם“.

טאָ זאָל דאָס זיין די אויפגאַבע פון אָט דעם בוך. און הלוואי זאָל עס אויספירן זיין אויפגאַבע.

גאָט אין הימל און געטלעכקייט
אין גאָר דער וועלט

הן עם לבדד ישכון ובגויים לא יתחשב.

עס איז נישט קיין ווונדער, אַז ווי גאָר דער מענטש האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, געקראָגן צוויי הענט צו אַרבעטן, געקראָגן אַ שפּראַך, זינט ער איז פון חיה געוואָרן אַ מענטש, — זוכט ער גאָט און טראַכט יועגן גאָט: אַרום און אַרום זענען פאַראַן אַזוי פיל זאַכן, עס קומען פאָר אַזוי פיל דערשיינונגען וואָס זענען העכער פון זיין שכל און מעכטיקער פון זיינע הענט. ווער מאַכט עס אַלץ? ער אַליין, וואָס גיט זיך אַן עצה מיט חיות אַ סך שטאַרקערע פאַר אים, איז דאָך אָנמעכטיק קעגן די אַלע אומפאַרשטענדלעכע, מעכטיקע דערשיינונגען? ווער און ווו איז דער וואָס טוט עס אַלץ? און די פאַנטאַזיע האָט אים גענומען מאָלן געטער — אַזוינע שטאַרקע און פאַרבאָרגענע... פאַרשיידענע געטער, אַלערליי געטער — גוטע און בייזע, לויט זיין פאָרעם און אין זיין געשטאַלט האָט ער זיי — דער מענטש — געמאָלט פאַר זיך און זיי פאָרגעשטעלט זיך. די געטער זענען העכער פאַר אים, שטאַרקער און מעכטיקער פון אַלץ וואָס אַרום, אָבער זיי זענען קאָנצענטרירט אַרום אים, זיי טראַכטן וועגן אים ווי ער וועגן זיי: זיי ברענגען אים גליק און אומגליק, זיי האָבן רחמנות און צערענען צאָרן. און דערפאַר דאַרף ער דאַנקען די גוטע און כסדר איבערבעטן די בייזע געטער זיי זאָלן זיין גוט צו אים. איז געבאָרן געוואָרן דער קולט, דאָס דינען צו גאָט אָדער צו געטער. דאַרף מען די געטער ברענגען מתנות — די גוטע ווי די בייזע. פון מתנות איז געקומען צו קרבנות, אַלערליי קרבנות, ביז צו די ליבסטע און טייערסטע — ביז מקריב צו זיין די אייגענע קינדער.

זענען געגאַנגען דורות, תקופות נאָך דורות, תקופות און פון די אַלערליי געטער איז מען געקומען צו איין, גאָט — יוצר אור ובורא חושך, איינער און ווייטער קיינער. אָבער ווו איז ער ווי זעט ער אויס? זוכן אַלץ מענטשן זיין געשטאַלט, זיין אויסזען, זיין אָרט, זיינע פאַרבינדונגען און זיין וווינונג. זוכט דער מענטש זיין גאָט, אומעטום, איבער דער וועלט, העכער פון דער וועלט, מחוץ דער וועלט, פון זיינע הייכן געוועלטיקט ער איבער

מענטש און וועלט. עס בליצט און עס דונערט — דאָס זענען זיינע דינער, די מלאכים; עושה מלאכיו רוחות, משרתיו אש לוהט. מיר זענען קליינע קינ־דער געווען, האָבן מיר קלאָר געוווּסט: עס דונערט, — דאָס פאָרט אליהו־הנביא מיט זיין קאַראָט איבערן הימל וואָס איז ברוקירט מיט קליינע וואַל־גער־שטיינער ווי די גאַסן אין ווילנע... ער איז טאַקע איינער, נישטאָ קיין סך געטער, אָבער דערפאַר האָט ער אַזוי פיל משרתים! מלאכים, גוטע און שלעכ־טע, שדים, נישט־גוטע...

איז דער מענטש געשטיגן אין זיין וויסן, האָט ער געשאַפן גאַנצע טעאָ־ריעס, וויסנשאַפטן וועגן גאָט, טעאָלאָגיע, בויט ער געזעצן וועגן גאָט, וועגן זיינע אַטריבוטן, זיינע אייגנשאַפטן, זיינע פאַרלאַנגען און פאַרבאָטן. האָט ער מורא פאַר אים, פאַר גאָט, ווערט געשאַפן אַ יראת־שמים — אַ מורא און דרך־ארץ פאַר גאָט. ווערט פון דעם אַ רעליגיע, פאַרשיידענע רעליגיעס, ווי פאַרשיידן עס זענען די מענטשן — די שעפער פון די רעליגיעס. זיי שפּיגלען אָפּ דעם כאַראַקטער, די מאָראַל פון די מענטשן. זענען פאַראַן רעליגיעס וואָס פאַרהערלעכן די מענטשלעכע אינסטינקטן — ווערן אין נאָמען פון גאָט גע־פּראָוועט אָרגיעס פון זנות און רציחה, גאָט האָט פון דעם פאַרגעניגן; ווערן יונגע מיידלעך געוואָרפן אין אָפּגרונט פאַר גאָט, ווערן פון זיי די הערצער אַרויסגענומען, ווייל גאָט האָט ליב די הערצער פון יונגע שיינע מיידלעך; ווערן געשאָכטן פאַר גאָט צענדליקער טויזנטער געפאַנגענע שונאים — גאָט האָט עס ליב; פלעגט מען אין די אינדיאַנישע פּיראַמידן אין אַמאַליקן מעק־סיקע בפירוש, טאַקע יאָ, אַריינמויערן מענטשלעכע קעפּ און ביינער פאַר גאָט. און דאָס שוין לגמרי נישט אויף אַ לעגענדאַרן אופן ווי אין מצרים. און דאָס נאָך אין 13טן און 14טן י״ה.

ווערט שוין אַנשטאָט מענטשן אין ווילדן אָפּגרונט אַראָפּגעוואָרפן אַ באָק (דער שעיר לעזאזל). ווערט ביי אַנדערע דער גאָט אַ מקור פון רחמנות, פון גערעכטיקייט, גאָט ווערט אַ באַשיצער פון שוואַכע, פון שוואַכע און פון אלמנות און יתומים... אַלע מאָל שאַפט דער מענטש זיין גאָט בצלמו ובדמו־תו; ער זוכט אין גאָט זיינע אידעאַלן. ער שרייבט צו צו גאָט זיינע אייגנ־שאַפטן נאָר אין דער העכסטער מדרגה. האָבן אינקוויזיציע פייערן געברענט אין נאָמען פון גאָט און רחמנות, ווייל אַזוי זענען די מענטשן. האָבן דאָך דאָ פאַר אונדזערע אויגן מענטשן געמאָרדעט מיליאָנען ברידער אין נאָמען פון אַן אידעאַל פון גלייכהייט און ברודערשאַפט. ווי די מענטשן זענען, אַזוי זע־נען זייערע געטער.

האָבן פאָרשטייער פון גרויסע וועלט־רעליגיעס געלערנט אַז גאָט הייסט ברענען און בראָטן יידן, אַז פון גרויס ליבע דאַרף מען צינדן שייטערס, כדי

צו ראַטעווען די אָרעמע יידישע נשמות. גאָט וויל דאָס, גאָט הייסט עס; האָבן אַנדערע געלערנט פאַרקערט — גאָט האָט בכלל פיינט קרבנות, ער בעט אייך נישט צו קומען צו אים, טרעטן זיינע הייפן. האָבן איינע געלערנט אַז פאַר גאָט דאַרף מען, מען מעג און מען דאַרף מקריב זיין מענטשן און אַ פשיטאַ שוין בהמות... האָבן אַנדערע געלערנט אַז גאָט וויל גאָר נישט מען זאָל אים בכלל דינען, — פאַראַן מענטשן וואָס נייטיקן זיך אין אייער הילף, דינט אָט די אָרעמע און שוואַכע מענטשן. דאָס איז דער ווילן פון גאָט.

האָבן איינע געלערנט גאַנצע טראַקטאַטן וועגן גאָט, וועגן זיינע אַטרי־בוטן און אייגנשאַפטן, וועגן זיינע געשטאַלטן, גלוסטונגען, פאַרלאַנגען. האָבן אַנדערע געבעטן זיך — לאָזט צורו גאָט, לערנט נישט און פאָרשט נישט זיין געשטאַלט און זיין איך. באַמיט זיך אַליין אין אייער לעבן צו דערהייבן זיך צו די מדרגות פון גאָט; ער — רחמנות, דאַרפט איר אויך זיין רחמנים; ער — פול מיט סליחה און מחילה; איר — אויך אַזוי!

זוכט נישט קיין גאָט און פאָרשט נישט קיין גאָט — זוכט און פאָרשט דאָס געטלעכע אין אייער לעבן, אין דער וועלט בכלל.

גאָט איז ערגעץ אין באַשטימטע ערטער, ווו עס פאַרגלוסט זיך אים צו ווייזן צו עמעצן וואָס פאַרדינט עס, — און דערפאַר הייליקע ערטער, פלעצער וואָס גאָט האָט אויסגעקליבן... לערנען אַנדערע — אומעטום איז געטלעכקייט פאַראַן, נישטאָ קיין אָרט אָן גאָט, די הימלען און די ערד, די חיות און די מענטשן; אין אַלע באַשעפענישן אין גאָט, אַלץ איז געטלעך און געטלעך דאַרף זיין און געטלעך קען זיין אויך דער מענטש. יעדער מענטש קען זיך דער־הייבן מיט זיין לעבן, מיט זיין אויפפיר, מיט זיין שטייגער קען ער זיך אויפ־הייבן צו די העכסטע גייסטיקע און מאָראַלישע מדרגות, ביז צו דער מדרגה פון געטלעכקייט. הייליקייט קומט פון מענטשן, „והאל הקדוש נקדש בצדקה" — דורך גוטסקייט און גערעכטיקייט וואָס מענטשן טוען ווערט גאָט געהיי־ליקט.

ווער עס באַזעצט גאָט אין די הויכע הימלען איבער דער וועלט, אויסער דער וועלט, און ווער עס זוכט גאָט אין דער וועלט, אין אַלע באַשעפענישן, אין דעם אייגענעם לעבן.

גאָט אָדער געטלעכקייט. אָט איז די ערשטע אַנדערשקייט אונדזערע, און אויף דעם און מיט דעם זענען יידן צופרידן און זיי דערגייען ביז עקסטאַז זינגענדיק: „והבדילנו מן התועים, טאַטעניו".

אַפילו אונדזערע ערנסטע און טיפע דענקער מאַכן אָפט דעם גרויסן טעות צו זוכן גאָט ווי אַ פאַרזיכטיקע, באַזונדערע קאַטעגאָריע־גאָט און וועלט, גאָט און מענטש. דאָס איז אָבער אפשר יאָ קריסטלעך (איך בין נישט קיין בר־

סמכא אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע), זיכער יאָ געצנדינעריש, אָבער בשום אופן נישט ייִדיש.

מיט אַלע מיטלען האָט דער ייִדישער געדאַנק פון די נביאים אָן זיך באַמיט צו פירן דאָס מענטשלעכע דענקען אויף אַן אַנדער וועג: נישט גאָט און וועלט, נאָר גאָט אין וועלט; נישט גאָט און מענטש, נאָר גאָט אין מענטשן, פּינקטלעכער — דאָס געטלעכע אין דער וועלט, דאָס געטלעכע אין דעם מענטשן; נאָך פּינקטלעכער — די געטלעכקייט וואָס אין דער וועלט, די געטלעכקייט וואָס אין דעם מענטשן.

מיט אַלע כוחות האָט מען זיך באַמיט צו פאַרמינערן דאָס דענקען וועגן אַ באַזונדערן גאָט ווי אַ פאַרזיכיקע עקזיסטענץ. מען האָט עס נישט געקאָנט און נישט געטאָרט אַרויסברענגען צו אָפן, ווייל מען האָט מורא געהאַט: עס קען פאַרפירן צו ווייט, עס קען ברענגען צו „לית דין ולית דיין”, צו הפקרות. עס איז דאָך געשען מיט פיר גרויסע ייִדן וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין די סודות (נכנסו לפרדס) און בלויז איינער איז פון זיי אַרויס אומגעשעדיקט. איז דאָך דאָס געווען רבי עקיבא, וואָס איז געווען דער שטאַרקסטער ריז אין הלכה — די פּראַקטישע וועגן ווי צו שמידן די איינהייטלעכע גאַנצקייט פון פאָלק אין גלות דורך שטייגער־פירונגען. און אויך ביי אים האָבן פריינד און חברים זיך געבעטן ער זאָל זיך בעסער אָפּגעבן צו הלכה און נישט אָנרירן די געביטן פון טעאָלאָגיע.

אונדזערע צו־אָפּטע טראַכטונגען און דיסקוסיעס וועגן גאָט זענען אַ סימן פון אונדזער דערווייטערן זיך פון אונדזער אָריגינעל־ייִדישן געדאַנק, אפשר פון אונדזער נאָכמאַכן פרעמדע, נישט־ייִדישע דרכים. אפשר דאַרפן מיר צוריק מאַכן די ברכה „והבדילנו מן התועים”. הלוואי!

אונדזער וועג צו גאָט

שלא שם חלקנו כהם
וגורלנו ככל המונם.

עס באַמיִען זיך קריסטלעכע טעאָלאָגן צו באַווייזן אַז אונדזער גאָט איז אַ שטרענגער, אַ בייזער, אַן אל קנא ונוקם, אַ קפדן אַזאַ. דערפאַר איז זייער גאָט אַזאַ רחמנותדיקער, אַ רחום וחנון, אַזאַ גוטער, אַז... ווען מען זאָל קענען צונויפנעמען דאָס בלוט וואָס זיינע געטרייע אָדעפטן האָבן פאַרגאָסן אין זיין נאָמען, מיט זיין ברכה און מיט זיין בילד, — אָך וואָס פאַר אַ ים בלוט עס וואָלט געווען! וואָס פאַר אַ פלאָם עס וואָלט געוואָרן, ווען פון אַלע שייטער־הויפנס ווו מען האָט געבראָטן לעבעדיקע מענטשן אין נאָמען פון דעם מלא רחמימדיקן גאָט, כדי צו ראַטעווען רחמנותדיק די זינדיקע נשמות, נעבעך! אַז מען זאָגט רחמנות איז דאָך נישט שייך. און וויפל יידישע אינטעליגענטן און האַלבע אינטעליגענטן עס חזרן איבער דעם דאָזיקן שקר וועגן דער גרוי־זאַמקייט פון אונדזער גאָט און דער רחמנותדיקייט פון זייער גאָט!...

אָבער נישט דאָס זענען מיר דאָ אויסן. איך קום דאָ נישט פאַרטיידיקן אונדזער גאָט קעגן זייער גאָט! ער קען אַליין באַשטיין זיין שטעטל. „אם אלוהים הוא, יריב לו״ — האָט נאָך אַמאָל געזאָגט גדעון אין תנ״ך. איך וויל דאָ אָנווייזן אויף אַ ריי אַנטוויקלונגען, אויף די עטאַפּן וואָס דער באַגריף גאָט האָט ביי אונדז דורכגעמאַכט און ווי אַנדערש, אייגנטימלעך אַנדערש אונ־דזערע באַגריפן זענען.

אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון חומש פעלן נישט קיין גאַנץ פרימיטיווע, אַנטראָפּאָמאָרפישע פאָרשטעלונגען. אָבער שוין דער ערשטער ייִד ווערט אַ מאָנאָטעיִסט, ווען ער באַטראַכט דעם אויסגעשטערנטן באַנאַכטיקן מידבר־הימל. גאָט האָט טאַקע מעכטיקע, אָבער דאָך גאַנץ מענטשלעכע אייגנשאַפטן. זיין האַנט איז מעכטיק, זיין כעס רויכערט זיך אין זיין נאָז (ויחר אף). עס זענען דאָ בני אלוהים וואָס באַהעפטן זיך צו מענטשלעכע טעכטער... זיין רעכטע האַנט איז שטאַרק מיט כוח... דאָך אָבער פאָדערט שוין דער ערשטער ייִד ביי גאָט גערעכטיקייט: „חלילה דיר צו טאָן אומרעכט!״. שוין דעמאָלט, ביי דעם ערשטן ייִדן איז גערעכטיקייט עפּעס פאַר זיך אַ מאַכט, אפילו מעכ־טיקער פון גאָט אַליין. דער בונד צווישן דעם ערשטן ייִדן און גאָט איז אַ ריין

משפחה־ענין: מיר דיר — דיין פאָלק און דו — אונדזער גאָט. משה בעט זיך ביי גאָט צו ווייזן אים, ער וויל זען דעם גאָט, און גאָט ענטפערט אים: „ווּעסט מיין רוקן זען, אָבער מיין פּנים קען נישט געזען ווערן פון אַ מענטשן" (שמות ל״ג, 18—23). יפתח דינגט זיך מיט דעם מלך פון די בני עמון, רעדט ער ווי וועגן צוויי גלייכע געטער, וועגן כמוש דעם עמונישן גאָט און וועגן דעם יידישן. אליהו פירט דעם קאַמף פאַרן יידישן גאָט קעגן דעם בעל־גאָט. פעל־קער קעמפן און געטער קעמפן, יעדער פאָלק מיט זיין גאָט.

אָבער שוין מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער רעדט עמוס אין נאָמען פון איין אוניווערסאַלן גאָט, וואָס פאָדערט גערעכטיקייט פון אַלע פעלקער; ער דאַרף שוין נישט קיין קרבנות, זיין שייכות צו איין אויסגעקליבענעם פאָלק איז בלויז אין כמות פליכטן וואָס אַ פאָלק האָט אויף זיך, נישט מער. דער נביא רעדט שוין נישט וועגן גאָט ווי אַזאַ, נאָר וועגן געטלעכקייט, וואָס דאַרף הערשן אין לעבן פון גאָט פאָלק.

דער יינגערער ישעיה לאַכט שוין אָפּ פון יעדער מאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף, פון קרבנות, אשור איז נישט אַנגעהעריק צו אַ צווייטן גאָט, נאָר עס איז אַ בייזער שטראָפער געשיקט פון זעלביקן יידישן גאָט. נאָך ווייטער גייען די שפּעטערדיקע ירמיה, יחזקאל און דער צווייטער ישעיה. פעל־קער זענען מעכטיק אָבער זייערע געטער זענען נאַרישקייטן, האָלץ און שטיין; מעכטיק איז בבל, אָבער נישטיק זענען זייערע געטער.

גאָר ווייט אַוועק איז דער יידישער גאָט־געדאַנק אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש, אין דער תקופה פון תלמוד. קודם כל האָט מען גענומען און גע־הייסן דעם ערשטן יידן נעמען אַ האַק און צעברעכן אַלע מאַטעריעלע געטער, נישט מאַנאָטעיזם איז דער גרויסער אויפטו פון יידישן געדאַנק, נייערט די דעמאַטעריאַליזאַציע פון דעם גאָט־באַגריף. האָט מען אַלע אויסדרוקן פון מאַטעריאַליזאַציע, פון אַנטראָפּאָמאָרפיזם דערקלערט פאַר בלויז מעטאַפאָ־רעס, מען מיינט עס לגמרי נישט: „דברה תורה בלשון בני אדם" (ברכות ל״ב, ב׳) און מען איז געגאַנגען נאָך ווייטער און געזאָגט, אַז „דברה תורה בלשון הבאי" (גוזמא, פלוידעריי; תמיד כ״ט, א׳; חולין צ׳, א׳).

האָבן די תרגומים, די איבערזעצונגען פון תנ״ך, וואָס האָבן דרך־כלל זיך געהיט צו זיין פּינקטלעכער, וואָס נענטער צום הייליקן טעקסט, האָבן זיי זיך באַמיט צו פאַרבייטן אַלע מאַטעריאַליסטישע אויסדרוקן וועגן גאָט... אַזאַ אויסדרוק ווי: ותהי עליו יד ה׳" זעצן זיי איבער: „רוח נבואה מן קדם ה׳". נישט גאָטס האַנט, נאָר אַ נבואה גייסט פון גאָט (יחזקאל א׳, 3) און אַזוי אומעטום, סיסטעמאַטיש. צייטן האָבן זיך געביטן און מיט זיי אַלע גאָטס באַגריפן, אַלע פאָרשטעלונגען, אַלע אויסדרוקן. מען האָט טאַקע נישט

געוואָגט צו רעדאַקטירן די תורה, אָבער מען האָט זי פאַרשטאַנען אַנדערש, מען האָט אַנדערע באַגריפן אַריינגעלייגט אין די אַלטע ווערטער. סיידן אַז מען האָט נישט געקאָנט, האָט מען אַפילו געענדערט, אַוועק ווייטער פון דעם פאַרהייליקטן טעקסט. אַ גמרא אין מגילה (ט׳, א׳) רעכנט אויס אַלע ערטער ווו די סעפּטואַגינטע (ערשטע גריכישע איבערזעצונג) האָט זיך יאָ דערלויבט צו ענדערן דעם טעקסט. שוין אַזוי פרי אין אַלטערטום לייקענען די נביאים עמוס, ישעיה און ירמיה דעם גאַנצן ווערט פון גאָט־דינען, איבערהויפּט פון די קרבנות, און עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז ירמיה דערלויבט זיך צו לייקע־נען בכלל, אַז גאָט זאָל ווען עס איז האָבן געהייסן ברענגען קרבנות (ירמיה, ז׳ 21). דינען גאָט מיינט שוין פאַר זיי — דינען דעם מענטשן — דעם שוואַכן, דעם קראַנקן, היטן גערעכטיקייט. די שוועריקייט איז אַריבערגעטראָגן פון הימל אויף דער ערד, פון גאָט צו די מענטשן.

אויסטערליש גרויס אין איר מאָראַל איז אַ קליינע לעגענדע פון תלמוד: אין חומש שטערט זיך נישט גאָט אומצוברענגען די גאַנצע וועלט פאַר איר זינדיקייט; גאָט רעכנט זיך מיט אייניקלעך און אוראייניקלעך פאַר די זינד פון זיידעס און טאַטעס; „עלטערן עסן אומצייטיקע פרוכט און ביי די קינ־דער ווערן אייליק די ציינער״... קעגן דעם פּראָטעסטירט שוין ירמיהו דער נביא. אין חומש פרייען זיך ייִדן מיט דעם וואָס די מצרים ווערן דערטרונקען אין ים. די גמראָ אָבער ווייס שוין שוין צו דערציילן, אַז ווען די מלאכים האָבן אויך גענומען זיך פרייען מיט דער מפּלה פון די מיצרים און זינגען, — שטילט זיי גאָט איין און ער זאָגט זיי: מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה (מיינע באַשעפעניש זינקען אין ים און איר זינגט גאָר?...).

ווען רבי מאיר בעט ביי גאָט אומצוברענגען די ייִדישע שונאים, לאָזט אים נישט זיין געלערנטע פרוי ברוריה. זי זאָגט אים: „עס שטייט: ענדיקן זאָלן זיך די זינד, אָבער עס שטייט נישט די זינדיקע. אַז עס וועלן נישט זיין קיין זינד, וועלן דאָך נישט זיין קיין זינדיקע. ביי די שפּעטערדיקע ייִדישע דענקער, אין צייט פון תלמוד קומט אויס אַז דער ייִדישער געדאַנק האָט גע־שטעלט די תורה העכער פון גאָט אַליין. זיי פירן אַוועק אין אַ ישיבה נישט נאָר יעקבן, ער זאָל לערנען תורה ביי שם ועבר, נאָר זיי זעצן אַוועק לערנען די תורה דעם רבונו־של־עולם אַליין אויך. ער זיצט אין ישיבה גלייך מיט די חכמים און מען איז זיך מתווכח מיט אים וועגן אַ דין פון טומאה און טהרה, מען דיסקוטירט מיט אים ווי מיט אַ גלייכן.

און ווער דאַרף פסקענען די פלוגתא? — ווידער אַמאָל אַ מענטש! (בבא מציעה פ״ו, א׳), כדי צו באַשאַפן די וועלט האָט דער רבונו־של־עולם גע־דאַרפט אַריינקוקן אין דער תורה אַריין ווי אַ אינזשיניער קוקט אין זיינע פּלע־

נער אַריין (בראשית רבה, פ׳, א׳). בכלל איז גאָטס מאַכט שטאַרק באַגרע־נעצט מיט דער תורה, פונקט ווי עס איז באַגרענעצט די מאַכט פון מענטש. שוין דער ערשטער ייִד האָט דאָך געפּאָדערט ביי גאָט גערעכטיקייט, דאָס זעלביקע האָט פאַרלאַנגט ירמיהו און איוב, און דער בעל־התהילים און ביז בערל שניידער (פּרץ) און „די דין־תורה מיט גאָט" פון אַנ־סקי, אויך אין דער באַרימטער דיסקוסיע וועגן דעם „תנור דבי אכנעי" (בבא מציעה נ"ט, ב׳). און גאָט דאַרף נאָך אַ צופרידענער זיך אונטערגעבן, ווייל „נצחוני בני" — די קינדער האָבן מיר גובר געווען. בכלל איז גאָר דער צדיק דער מושל איבער גאָט: „מי מושל בי? — צדיק, שאני גוזר גזירה והוא מבטלה" (מועד קטן. ט"ז, ב׳).

ש. ראַבידאָוויטש ע"ה דערציילט (בבל וירושלים), אַז ער האָט וועגן דעם געהאַט אַ שמועס מיט ענגלישע קריסטלעכע טעאָלאָגן, האָבן זיי עס נישט געקאָנט אויפנעמען, זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ גאָט־לעסטערונג. דער שווערפּונקט איז ביי ייִדן אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון גאָט צו דער תורה, פון דינען גאָט צום לערנען.

עס איז באַקאַנט אַז מיטן אויפקום פון קריסטנטום האָט די וויסנשאַפט בכלל געליטן אַ שטאַרקע ירידה. אַ סך באַגריפן וואָס זענען געווען באַקאַנט אין דער אַקאַדעמיע אין אַלעקסאַנדריע זענען פאַרגעסן געוואָרן און פאַרביטן געוואָרן מיט נאַיווע לעגענדעס ווי די מעשה מיט די העלפאַנטן וואָס האַלטן אויף זיך די ערד וכדומה.

צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער גייסטיקער פאַרפינצטערונג אין וויסן און דענקען, האָט אויך דער רעליגיעזער געדאַנק געליטן אַ ירידה. שוין די אַנטיקע געצנדינערישע וועלט האָט אונדז נישט פאַרשטאַנען. דער באַרימטער סענעקאַ, וואָס זיין ווערטל אַז אין אַ געזונטן גוף איז די נשמה אויך געזונט. ווערט ביז היינט איבערגעחזרט ווי אַן אמת, הגם עס איז שוין אַ סך מאָל באַוויזן געוואָרן, אַז עס איז אַ פּשוטע איינרעדעניש, נישט מער — אָט דער זעלביקער סענעקאַ האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם גרויסן הומאַנעם באַ־טייט פון דער שבת־אינסטיטוציע. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ סימן פון פוילן זיך. קיין טיפערן זינען האָט ער — דער פילאָסאָף — נישט געקאָנט געפינען. זיי האָבן בכלל נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי מען קען דינען צו אַ גאָט וואָס קיינער האָט קיין מאָל נישט געזען, וואָס האָט נישט קיין פיגורן, קיין בילדער און נישט אַפילו קיין סטאַטוע. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין „אמתע" געטער, האָט נישט קיין גלויבן...

מען האָט אונדז נישט פאַרשטאַנען און דערפאַר האָט מען אונדז פיינט געהאַט.

ווען עס איז אויפגעקומען דאָס קריסטנטום האָט מען אונדז נאָך מער פיינט געהאַט און דערפאַר נישט פאַרשטאַנען. מען האָט צוריק מאַטעריאַלי־זירט דעם גאָט־באַגריף אויף אַ גראָבן געצנדינערישן אופן.

און אַז יידן האָבן נישט געזאָגט קיין אָמן, האָט מען זיי פיינט געהאַט, געברענט און געבראָטן לויט אַלע רחמנות־געזעצן פון דעם גאָט פון רחמנות...

אַ טיפערע אַריינטראַכטונג אין אַ סך ערטער ברענגט צום געדאַנק, אַז די בעלי־התלמוד האָבן זיך באַמיט אויסצומיידן אַלע פאַרשטעלונגען וועגן מהות פון אַ באַזונדערן, פאַרזיכיקן גאָט מיט אַ באַזונדערער עקזיסטענץ, וואָס מען קען זיך אים פאַרשטעלן אויסער דער וועלט, אויסער דעם באַשאַף, ווי דאָס האָבן געטאָן דענקער פון אַנדערע פעלקער. זענען געווען גערעכט די העלענער וואָס האָבן געהאַלטן אַז יידן זענען אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין גאָט. בכל אופן האָבן די יידן טאַקע נישט אַזאַ גאָט ווי עמעצער פון זייער אָלימפּ. מען דאַרף זיך גאָרנישט צופיל פאַרנעמען מיט רימען און לויבן גאָט (מגילה י״ח, א׳); מען טאָר נישט זוכן גאָט, מען דאַרף גאָרנישט טראַכטן וועגן מעשי מרכבה (חגיגה, י״א, ב׳); עס איז בעסער נישט צו טראַכטן וועגן דעם וואָס עס איז למעלה און מה למטה, מה לפנים און מה לאחור (דאָרטן). פון די פיר וואָס האָבן זיך געלאָזט אַריינדרינגען אין פרדס אַריין, איז בלויז איינער אַרויס בשלום (ר׳ עקיבא) (חגיגה, י״ד, ב׳). נישט גאָט ווי אַזאַ באַ־זונדערער וועזן שטייט אין צענטער פון יידישן געדאַנק שוין אין יענער וויי־טער צייט, נאָר דאָס געטלעכע לעבן פון דעם פאָלק, די שטרעבונג צו דער־הייבן דאָס פאָלק צו די געטלעכע הייכן פון מאָראַלישן לעבן, און דאָס איז דער ציל און דער זינען פון תורה לערנען, פון דער תורה בכלל.

און עס איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז ווען עס איז געקומען אַ פעיִקער הענדלער מיט אַ גאָט, אַ פעיִקער סחורה־פאַרשפּרייטער און ער האָט זיך גענומען צו פאַרשפּרייטן יידישקייט צווישן די געצנדינער, האָט ער זיין סחורה צוגעפּאַסט צום גוסט און צום גייסט פון זיינע קליענטן די געצנדי־נער. האָט מען געשאַפן אַ גאַנצע טעאָלאָגיע, אַ געשיכטע מיט אַ גאָט־מענטש מיט נסים, מיט אַ געטלעכער משפּחה — אַלץ מן־הסתם אין גייסט פון דער פריִערדיקער געצנדינעריי. מען האָט נעבעך דעם קרבן געקרייצט, כדי עס זאָל בעסער קליידן דעם פרעמדן עולם, האָט מען דעם באַרג סיני פאַרביטן אויף אַן אָלימפּ מיט אַלע אַטריבוטן פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. איז די מאַמע פון קריסטנטום זיכער געווען אַ יידישע, אָבער דער גריכישער טאַטע האָט דער מאַמען קיין גוטס נישט געטאָן... קריסטנטום, — זאָגט פראַנץ ראָזענ־צווייג, — איז אַ יידישקייט צוגעפּאַסט פאַר געצנדינערס (דווקא, 37—38, זז׳ 93, 94). פון שטאַנדפּונקט פון רעליגיעזן געדאַנק בכלל איז קריסטנטום

זיכער נישט קיין פּראָגרעס לגבי דעם ייִדישן רעליגיעזן דענקען אין יענער תקופה. ווידער האָט מען גאָט באַשאַנקען מיט אַ גוף, וואָס איז נאָר האַלב־מענטשלעך, אַ זאַך וואָס דער ייִדישער געדאַנק האָט שוין לאַנג פריִער אָפּגעוואָרפן; ווידער האָט מען קאָנצענטרירט די מחשבה פון מענטשן אויף אַ גאָט וואָס איז „נישט פון דער וועלט". צו ייִדישקייט איז שוין דער אָפּצווייג נישט צוריק געקומען און נישט געקאָנט צוריקקומען: צו גרויס איז געוואָרן די דיסטאַנץ צווישן ייִדישקייט און קריסטנטום.

***

מען האָט לאַנגע תקופות געזוכט דאָס אָרט פון דער נשמה אין דעם מענטשן: ווו איז זי? אין דעם אָטעם? אין די נירן? אין האַרצן? דורך וואַנען גייט זי, די נשמה, אַרויס ווען דער מענטש שטאַרבט?... אַזוי לאַנג האָט מען געזוכט, ביז מען האָט אויפגעהערט צו זוכן: זי איז אומעטום און אין ערגעץ נישט באַזונדער; זי איז אומעטום, אין יעדער קעמערל פון קערפּער, זי מאַכט לעבעדיק יעדער אָרגאַן און יעדער געוועב; זי איז דאָס לעבן פון דעם גאַנצן אָרגאַניזם, און זי איז אַ חלק אלוה ממעל. און ווי זי אין קערפּער איז אויך די נשמה פון דער וועלט בכלל, פון דעם גאַנצן באַשאַף, פון דעם קאָסמאָס אין זיין גאַנצקייט און פון יעדער קליינעם טייל פון קאָסמאָס... מלא כל הארץ כבודו, עס איז ברוך המקום, ווייל הוא מקומו של עולם, ואין עולמו מקומו (בראשית רבה ס"פ). דער רמב"ם זאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערער באַווייז פאַר דער עקסיסטענץ פון גאָט ווי די רעאַלע וועלט גופא; די וועלט איז איינגעשלאָסן אין גאָט. ר' יהודה הלוי זאָגט: „והאלוהים הוא רוח העולם ונפשו ושכלו וחיותו כאשר נקרא חי העולם" (ספר הכוזרי ד' ג') — גאָט איז דער גייסט פון דער וועלט, איר נשמה, איר שכל און איר לעבן. זוכט נישט גאָט, ווייל „לית אתר פנוי מניה — נישטאָ קיין אָרט אָן גאָט. ווו איז ער? — ווייַ צו די וואָס זעען אים נישט אומעטום! — ער איז אין דעם גאַנצן באַשאַף, אין דעם אייביקן שפּאַציר פון זון און שטערן, אין יעדער אַטאָם באַזונדער, אין די עליונים און אין די תחתונים, אין דעם אַרויסשפּראָץ פון אַ קליין גרעזל, ווי אין די מעכטיקע ביימער־ריזן, אין אַ שמייכל פון אַ קינד, אין פליִ פון אַ פלאַטערל ווי אין שטילן געררויש פון וואַלד, אין געמורמל פון אַ באַהאַלטענער ריטשקע, אין וואַקסן פון בלעטל, אין שפּאַציר פון אַ וואָלקן איבערן הימל ווי אין קוילער פון אַ דונער... און ווו נישט? — אין דער קלענסטער אינפוזאָריע ווי אין די גרויסע וואַלפישן. ר' יהודה הלוי זאָגט: „כי אין החכמה בגלגלים גדולה מהחכמה בקטן שבחיות" — די חכמה אין די ספערן איז נישט גרעסער פון דער חכמה אין די קלענסטע באַשעפענישן (הכוזרי ד' כ"ה).

דער רמב״ם זאָגט עס נאָך קלאָרער אין ספר המדע: ביי גאָט איז נישטאָ „לא חיבור ולא פירוד, לא מקום ולא מידה, לא עליה ולא ירידה, לא ימין ולא שמאל, לא פנים ולא אחור, לא ישיבה ולא עמידה״... ער איז נישט אין צייט עס זאָל זיין מעגלעך אַן אָנהייב און אַ סוף, פריִער אָדער שפּעטער, נישט לעבן און נישט טויט, נישט נאַרישקייט און נישט חכמה אין מענטשלעכן זינען. גאָט איז דאָס וויסן און דער וויסער, אָבער ער ווייס די זאַכן נישט ווי מיר, נישט פון אָנרעגן, נאָר פון די זאַכן גופא (מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער האָט עס אַנטוויקלט קאַנט).

גאָט און זיין וויסן זענען איינס... דאָס אַלץ איז מיטן מויל נישט זאָגן, — שרייבט דער רמב״ם, — און נישט מיט אַ מענטשלעכן אויער צו באַנעמען. און דאָס אַלץ איז נאָר ווי אַ טראָפּן אין ים פון דעם וואָס מען וואָלט געדאַרפט דערקלערן. אָבער מען מעג וועגן דעם רעדן נאָר מיט אַזאַ וואָס פאַרשטייט אַליין. ווייל עס איז העכער פון מענטשלעכן שכל און באַגריפן, (הלכות יסודי התורה א׳ און ב׳).

נאָך אַ סך פריִער זאָגט עס די גמרא: „מה שהקדוש ברוך הוא מלא כל העולם, כך הנשמה מלאה כל הגוף״ (ברכות י׳ א׳). פאַר דעם בעל המאמר איז קלאָר אַז גאָט איז פול די וועלט, נישט אויסער איר. אַזוי איינפאַך און קלאָר, אַז ער פאַרגלייכט די נשמה צו דעם.

אין קבלה־ספרים איז מען אַוועק נאָך ווייטער, עטוואָס אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: „כשם שהנשמה חיותו של הגוף, כך הקב״ה חיותו של העולם״ — די באַלעבטקייט פון אַלץ אין דער וועלט איז די געטלעכקייט, די חיות פון דער וועלט.

איז עס דען עפּעס אַ חידוש אַז ספּינאָזע, וואָס האָט זיך מער ווי אַ העלפט פון זיין קורץ לעבן געווייקט אין די אַלע ספרים, איז דערגאַנגען צו פּאַנטעיִזם, און מען דאַרף נישט מער אָפּטיילן דעם באַשעפער פון זיין באַשאַף, דעם יוצר פון דער יצירה, דעם בורא פון דער בריאה. עס איז אָבער מן־הסתם אַ כלל אַז די נישט־יידישע וועלט באַנעמט זאַכן נאָר ווען מען צעקייט זיי אויף זייער אייגענעם שטייגער, ווען מען דעפינירט געדאַנקען קלאָר און פול, עס זאָל מער נישט זיין קיין אָרט, קיין פונקט צו טראַכטן, אַזוי ווי דאָס האָט ספּינאָזע זיך באַמיט צו באַווייזן און צו דעפינירן.

ביי אונדז אָבער האָט מען זיך באַמיט אויסצומיידן יעדער קלאָרע דעפיניציע און אַפילו יעדער דענקען וועגן דעם מהות פון אַ גאָט באַזונדער, פון אַ באַזונדערן געטלעכן יש ערגעץ אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט; מען האָט בפירוש נישט געוואָלט פאַרטיפן זיך אין דער גאַנצער פּראָבלעם פון אַ וועזנטלעכן גאָט. דער עיקר איז געווען ביי אונדז צו זוכן און צו

באַנעמען מיט מוח און מיט האַרץ דאָס געטלעכע אין דעם באַשאַף, אין דער וועלט, אין דעם אוניווערס.

נישט גאָט נאָר דאָס געטלעכע! צו פאַרשטיין, צו דער־פילן, צו באַנעמען און צו שטרעבן צו דעם. ווייל ווידער־אַמאָל־אַנדערש און אייגנאַרטיק. געטלעכקייט איז אויך נישט עפּעס „נישט פון דער וועלט״, עפּעס וואָס קומט פון ערגעץ ווייט, פון אומדערגרייכבאַרע הייכן, — נייערט... אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט ביזן הימל״... אָט דער לייטער פאַרבינדט דאָס מענטשלעכע מיט דעם געטלעכן. נישט בלויז מלאכים גייען אַרויף און אַראָפּ, נייערט אויך מענטשן קענען זיך דערהייבן ביז דעם געטלעכן און אָט טאָקע דערצו דאַרפסטו, מענטש, שטרעבן — דערהייבן די מענטשהייט ביז צו געטלעכקייטן און פאַרווירקלעכן דאָס געטלעכע אין דער מענטשהייט — לתקן עולם במלכות שדי.

נישט גאָט־מענטש, חלילה, אין גוף, נישט עפּעס אַזאַ מין צונויפשמעלץ פון צוויי סובסטאַנצן, נישט קיין פּראָדוקט פון אַזאַ מין שידוך, נייערט דאָס געטלעך־וועלטישע, דאָס געטלעך־קאָסמישע — דאָס זוך, בן אדם! און דאָס מענטשלעך־געטלעכע אין לעבן — דערצו שטרעב, בן אדם!

און דאָס זוכן און דאָס שטרעבן איז אַ לאַנגער, גאָר אַ לאַנגער פּראָצעס, וואָס קען נישט קומען צו אַן ענד, און וואָס קען בכן אויך נישט דעפינירט ווערן, פאָרמולירט ווערן אין ווערטער. ווערטער זענען דאָך שמאָל און באַ־גרענעצט, און זיי קענען נישט אויסדריקן דאָס אומבאַגרענעצטע און אומ־ענדלעכע.

דערפאַר איז ביי ייִדן די תורה פול מיט רמזים, מיט דרש און מיט סו־דות. די „סתרי תורה״ און די „סודות התורה״ לאָזן אַן אָרט פריי פאַר אַלע ווייטערדיקע דורות צו אַנטוויקלען און צו שאַפן נייע און נייע תילי־תילים פון הלכות און אגדות, אַזוי פיל אַז משה רבינו זאָל נישט קענען פאַרשטיין די תורהס פון רבי עקיבאס תלמידים (אַ גמרא); אַזוי פיל כדי די תורה זאָל זיין געגליכן צו באַשעפענישן וואָס „פרים ורבים״ — וואָס האַלטן זיך אין איין כסדרדיקן פאַרמערן, פאַרטיפן און אין איין וואַקסן. ווייל „אילו ניתנה תורה כרותה, לא היה מקום לרגל לעמוד״ — וואָלט די תורה געווען אַן אָפּ־געשניטענע, אַ פאַרענדיקטע, וואָלט דאָס תורה־פאָלק נישט געהאַט שוין וווּ צו שטיין, אויף וואָס צו שטיין.

ביי אַנדערע אָבער, ביי זיי דאַרפן זייערע תורות זיין פאָרמולירט, פאַר־ענדיקט, קלאָר דעפינירט און אויסגעענדיקט. נישטאָ און עס טאָרן גאָרנישט זיין קיין סודות, קיין „תגין״ און „אתן״, עס זאָל ווען עס איז קענען עמיצער, אַ מין ר׳ עקיבא קומען און דרשענען.

דערפאַר איז די יידישע תורה ביי יידן אַ ים, און עמוקה מני ים — נאָך טיפער פון ים און גרויסע בריות לאָזן זיך אַראָפּ זינקען אין די טיפענישן און ברענגען אַרויף די שענסטע פּערל... ביי זיי איז עס נישטאָ און עס קען נישט זיין.

דער יידישער געדאַנק האָט דורכגעמאַכט אַ געוואַלדיקע אַנטוויקלונג. פון אַ פּערזענלעכן גאָט אין הימל איז דער געדאַנק דערגאַנגען ביז צו געטלעכ־קייט אין דער גאַרער וועלט; אויסגעטאָן פון יעדער מאַטעריע, פון יעדער גשמיות, פון יעדער באַזונדערער עקסיסטענץ, ווייל אלהים איז בגמטריא הטבע, און אָט די געטלעכע האַרמאָניע פון גאָטס וועלט פאַרפליכט עס דעם מענטשן ער זאָל אויך שטרעבן צו דער זעלביקער האַרמאָניע אין זיין לעבן. וועלן מיר פּרובירן פאַרגלייכן אָט די אַנטוויקלונג פון באַגריפן מיט די פאַר־שטעלונגען פון קריסטנטום וועגן גאָט פון הימל מיט זיין זון, דעם האַלב־מענטשלעכן מיט דעם הייליקן גייסט וואָס איז געקומען פון הימל, מיט דער גאַנצער משפחה האַלבע געטער, אָדער ווי מען האָט זיי שפּעטער אַ נאָמען געגעבן „הייליקע"... פאַר אונדז איז עס אַ ווייטע אָפּנייגונג פון דער יידישער אַנטוויקלונג צו דער גריכישער אָפּגעשטאַנענקייט מיט זייער געטער־וועלט. ס'איז דאָך נישט קיין גרויסער אונטערשייד צי מען שטעלט זיך פאַר גאָט אין עפּעס אַ מענטשן אָדער אין אַן אַנדער באַשעפעניש. זוכט נישט קיין גאָט אי־בער דער וועלט, אויסער דער וועלט. יעדער אַזאַ זוכן איז אַ וועג צו געצנ־דינערײַ.

איין זאַך מעג מען יאָ, דאַרף מען יאָ פאַרשן און זוכן און שטרעבן צו דעם. דאָס איז דער „אחד" פון דער וועלט, דער אחד אין דער וועלט. דער ערשטער ייד איז געוואָרן אַ ייד, ווען ער האָט גענומען באַגרייפן דעם אחד. עס איז אַ טיפע און אַ דערהויבענע איבערלעבונג אָט דער גלויבן אין דער אחדות הבריאה, אין דעם אחד פון אַ קליין גרעזל ביז דעם מעכטיקן בוים, פון אַ ווערימל ביז די גיגאַנטן פון ים.

דער ערשטער ייד האָט באַנומען דעם א ח ד פון דער וועלט און ער האָט צעבראָכן דעם גלויבן אין מאַטעריעלע געטער. אין דעם די יידישע אַנ־דערשקייט: נישטאָ קיין געטער, קיינע מאַטעריעס קיין געטלעכע, און נישטאָ קיין באַזונדערע געטער, — אַלץ איז איינס, אַלץ איז אחד און די אחדות הבריאה איז איינצייטיק אויך די אחדות הבורא והבריאה...

איז עס אפשר גאָרנישט קיין צופאַל וואָס נאָך אברהם אבינו איז ווידער דער גרעסטער אויפטוער פאַר דער אמונה אין א ח ד, אין אחדות הוועלט ווידער אַ ייד — אַלבערט איינשטיין.

און אויך זיין וועג צו זיין אמונת האחדות איז פול מיט סימנים און צי־

רופים, צייכנס און פאָרמולעס — וואָס... „אין מלמדים אלא למבין מעצמו".

און ווי דער ערשטער ייִד איז אויך ער אַרויסגעפּירט געוואָרן אין דרויסן און עס איז אים באַפוילן געוואָרן צו... ציילן די שטערן און ציילן און רעכע־נען די מיליאָנען ליכט־יאָרן צווישן די אוניווערסן, און ווי דער ערשטער ייִד אַזוי אויך ער „והאמין בה" — און אָט וואָס ער שרייבט:

„איך גלייב אין ספּינאָזאָס גאָט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער גרויסער האַרמאָניע און אָרדענונג פון דער וועלט, נישט אין אַ גאָט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם גורל און האַנדלונגען פון מענטשן.

„דער שענסטער און טיפסטער געפיל, וואָס מיר קענען האָבן איז דער מיסטישער, דער דאָזיקער געפיל שטייט ביים וויגעלע פון אמתער קונסט און אמתער וויסנשאַפט. דער וועמען דער געפיל איז פרעמד, דער וואָס קען זיך נישט שטעלן אַ פאַרווונדערטער און גאַפן, איז אַזוי ווי ער וואָלט געווען טויט. זיינע אויגן זענען פאַרמאַכט. די דאָזיקע אינעווייניקסטע פאַרשטענדעניש וועגן דער מיסטעריע פון לעבן האָט אויך מיטגעבראַכט רעליגיע.

„צו וויסן אַז דאָס וואָס מיר קענען נישט פאַרשטיין, עקזיסטירט טאַקע, אַז עס קומט צום אויסדרוק ווי די העכסטע חכמה און שטראַלנדיקסטע שיינ־קייט, וואָס מיר מיט אונדזערע טעמפּע חושים קענען באַנעמען בלויז אויף אַ פּרימיטיוון שטייגער, אַזאַ מין וויסן, אַזאַ מין געפיל איז אין סאַמע צענ־טער פון אמתער רעליגיעזקייט. אין דעם זינען און בלויז אין דעם זינען גע־הער איך צו די סאַמע רעליגיעזע מענטשן."

ווי ענלעך עס זענען די שורות פון איינשטיינען צו דעם וואָס עס זאָגט אַן אַלטער ייִדישער מדרש (וואָס איינשטיין האָט פון אים זיכער נישט גע־ווּסט): „רשע בחייו נקרא מת מפּני שרואה חמה זורחת ואינו מברך... חמה שוקעת ואינו מברך"... — אַ רשע איז ביים לעבן שוין ווי אַ טויטער, ווייל ער פילט נישט און באַנעמט נישט מיט דער נשמה, מיטן האַרץ די דערשיינונ־גען אין גאָטס וועלט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אויסטיילן איין מענטשן מיט אַן אומנאַטיר־לעכן געבוירן און טויט, ווי נאָר ער אַליין איז גאָט זון, איז לויט אונדזער באַ־נעם בלויז געצנדינערייַ און נישט מער. פאַר די גריכן, פאַר דער געצנדינע־רישער וועלט איז עס געווען אַ נאַטירלעכע אַנטוויקלונג. אָבער פאַר אונדז קלינגט דאָס אַזוי... געצנדינעריש און פרעמד.

אַנדערש איז אונדזער זוכן גאָט

אָבער דאָס זוכן גאָט איז זייער אָפּט לגמרי נישט קיין ריין נאַציאָנאַ־לער־שכלדיקער פאַרלאַנג, נישט סתם אַ תולדה פון עץ הדעת אַליין. עס איז אָפּט נישט אַזוי אַ זוכן ווי אַ שטרעבן, נישט קיין פאַרלאַנג בלויז נאָר טאַקע אַ דראַנג — צמאה נפשי לאלוהי, ערגה נפשי. נישט אומזיסט טרעפט מען אַזוי אָפּט אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור דעם פאַרגלייך צווישן דראַנג צו גאָט און דעם דראַנג פון די געשלעכטער. דוכרא ונוקבא (זכר ונקבה). זענען געזעסן די סבי דבי אתונה (די גריכישע פילאָסאָפן ווערן אַזוי טיטולירט אין תלמוד) און זיי זוכן די סודות פון דער וועלט.

זיצן אויך די חכמי ירושלים און זיי זוכן אויך דעם סוד כל הסודות פון ־ער וועלט. אָבער זוכן צו זוכן איז נישט גלייך. זוכן די גריכישע פילאָסאָפן דעם תוך פון די זאַכן, די עלעמענטן פון וואָס די זאַכן באַשטייען, ווי זיי זע־נען קאָמבינירט. איז פון דעם זוכן געוואָרן אַ פילאָסאָפיע.

זוכן דעם סוד יידן, מיט האַרץ זוכן זיי, עס בענקט די נשמה פון מענטשן צו דער נשמה עילאה פון דער וועלט. נישט די מעכאַניק פון דעם באַשאַף וויל מען, נישט פאַלמעסן די וועלט צו דערגיין ווי זי איז קאָמבינירט, נייערט מען שטרעבט זיך צו באַהעפטן צו דעם גייסט וואָס באַלעבט דעם גאַנצן וועלטאַל. עס בענקט דאָס האַרץ צו דעם גאַנצן, צו דער גרויסן וואָס רינגלט אַרום, מען וויל זיך אָנלענען אָן דער מאַכט און מעכטיקן פון דער וועלט, כדי זיך צו פילן נישט אַזוי שוואַך, נישט אַזוי פאַרלוירן, נישט ווי אַ זעמדעלע אין מדבר, נישט ווי אַ טראָפּן אין ים. טוב לבטוח בה׳ נישט קיין אַנאַליטישע צעגלידע־רונג, נאָר די סינטעטישע גאַנצקייט, דאָס אַלגעמיינע זוכט מען.

„די וועלט האָט אַ האַרץ!
אַ באַרעמהאַרציק האַרץ״!...

(גאָלדענע קייט)

שטרעבט דאָס האַרץ פון יחיד צום האַרץ פון כלל, צום האַרץ פון דער וועלט. איז דאָ דער ראַציאָ, דער שכל צום אָרעם, צו קאַלט

„ווייל ליכט איז קאַלט...
אַזוי קאַלט״!

(דאָרט)

האָט אָט דאָס עמאָציאָנעלע זוכן געשאַפן נישט קיין פילאָסאָפיע, נאָר רעליגיע. נישט מוח, נאָר האַרץ, נישט וויסן נאָר איבערלעבן, נאָר פילן, נישט קלאָר מאַכן, נאָר זיך דערהייבן.

— עס דונערט אַ דונער, — דאַרף מען זוכן וואָס און ווי אַזוי.

— עס דונערט אַ דונער, — דאַרפסטו מענטש, דו קליין שוואַך באַשעפעניש די הענט וואַשן, אַ ברכה מאַכן, באַוווּנדערן דעם כוח און די גבורה וואָס קוילערט זיך איבער הימלען און מאַכט ציטערן בערג און טאָלן... באַוווּנדערן דאַרפסטו, מענטש, און שטרעבן זיך צו באַהעפטן צו דעם ווי צאַרטקייט שטרעבט זיך צו באַהעפטן צו שטאַרקייט און מעכטיקייט.

עס וואַקסט אַרויס ברויט פון דער טויטער ערד. דאַרף מען דערגיין ווי עס וואַקסט און אפשר וועט עס געלינגען אַרויסצוגנבענען דעם סוד פון די הימלען... עס ברענט אַ פייער שטאַרק און מעכטיק אין זיין גוטס און אין זיין שלעכטס. דאַרפסטו, מענטש, זוכן דעם פּראָמעטעוס וואָס וועט דעם סוד פאַר דיר אַרויסגנבענען פון די געטער.

עס וואַקסט ברויט פון דער ערד, — דאַרפסטו, מענטש, מיט דאַנקבאַרקייט קוקן און באַוווּנדערן די נסים, דאַרפסטו אַ ברכה מאַכן... המוציא לחם מן הארץ...

אַ פייער... ווידער אַ סוד פון די סודות, איין טייל פון סוד כל הסודות, — איז ווידער, מענטש, מאַך מיט דאַנק אַ ברכה.

דאָ איז דער שכל אַזוי אָרעם, ער איז דאָ האַרט און קאַלט

„וואָס קלאָר איז שניי
און שניי איז קאַלט,
שניי איז טויט,
וואָס קלאָר איז קאַלט
און ווי אייזן האַרט"...

(דאָרט)

מיט ראַציאָ אַליין קען די וועלט נישט לעבן, קיין קיום נישט האָבן. מיט ראַציאָ קען מען די וועלט צעשטערן, כדי צו טויטן דאַרף מען האָבן נאָר ראַציאָ, אָבער געבערן, באַשאַפן דאַרף זיין ליבע, עמאָציע. האָט די עמאָציע געשאַפן רעליגיע, שטרעבונג, רעליגיעזן באַגער

„צו אים, צו אים!
זינגענדיק און טאַנצנדיק וועלן מיר גיין
צו אים..."

נישט וועגן וויסן גייט עס דאָ, יאָ וויסן — נישט וויסן. מיט דעם וויסן קען מען אָנוואַרעמען די פאַרפרוירענע גלידער, אָבער נישט די נשמה; מיט

פייער קען מען טאַקע אָפּקאָכן אַן אָנבייסן, אָבער ווידעראַמאָל נאָר פאַרן גוף. הויך זענען די הימלען און די נשמה שטרעבט צו זייער הויכקייט; און די הייך איז אויך אַ גייסטיקע, שטרעבט דער גייסט פון מענטשן אַט צו יענע גייס־טיק־מאָראַלישע הייכן פון דעם באַשאַף, פון דעם באַשעפער, פון גאָט ברוך הוא. דער מענטש — דאָס איינציקע באַשעפעניש פון אַלע באַשעפענישן וואָס ווידמען זיך אין דער לופט און אויף דער ערד און אין די טיפענישן פון ים, און ער איינער קען זיך יאָ דערהייבן פון די טיפענישן פון די ערדישע טאָלן און ימים און זיך דערהייבן צו די הימלשע הייכן...

זוכן די סבי דבי אתונה און עס זוכן די חכמי ירושלים. די זוכן און די זוכן. איין זוכן האָט געבוירן די פילאָסאָפיע און דאָ צווייטע זוכן האָט גע־בוירן רעליגיע.

די ווילן וויסן און די ווילן פילן.

האָט יוליוס צעזאַר געפירט זיינע אַרמייען איבער די אַלפּן בערג. האָט ער זיך אין זיינע שריפטן באַקלאָגט אויף די שוועריקייטן פון איבערגאַנג, און נאָטירט עפּעס וועגן די שפּראַך־כללים. קיין וואָרט אָבער נישט וועגן דער מעכטיקער נאַטור אַרום.

איז געזעסן דער ייִד משה אין אָרעמען, נאַקעטן מדבר, — האָט ער דאָרטן יאָ דערזען גאָטס וווּנדער: עפּעס ברענט אַ סנה, ברענט און ברענט און ווערט נישט פאַרברענט. גאָט איז דאָרטן. איז דער בעל־התהילים גע־וואָרן באַגייסטערט און געזונגען „ברכי נפשי" און אַ באַגייסטערטער האָט ער אויסגערופן „מה רבו מעשיך ה'!"

האָבן די גריכן אויך געהאַט געטער. האָבן זיי זייערע געטער באַשאָנקען מיט אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, מיט זייערע גלוסטונגען און קריגערייען; האָבן די ייִדן געזוכט וועגן ווי זיך און די גאַנצע וועלט צו דערהייבן צו די געטלעכע הייכן, ווו אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען און גלוסטונגען זעען אויס אַזוי קליין און נישטיק.

„לתקן עולם במלכות שדי".

האָבן די צוויי ברידער יעקב און עשו שטרעבונגען און פאַרלאַנגען. איז דער זינען פון עשוס שטרעבונגען אַראָפּצוציִען דעם הימל אויף דער ערד כדי צו דערגרייכן אַ פּערפעקציע פון מענטשנס באַקוועמלעכקייטן אין זיין לעבן, וואָלטאָג און פאַרגעניגן, שיינקייט און גליק פאַרן גוף אין זיין קורצן לעבן, יפיפיתו של יפת, קאַלאָקאַגאַטיאַ (ביי די פאַרצייטיקע גריכן). איז דער זינען פון יעקבס שטרעבונגען און גלוסטונגען אויפצוהייבן דעם מענטשן פון זיינע ערדישע נישטיקייטן, פון דעם הבל־הבלימדיקע גליקן און אים דערהייבן ביז צו דער וועלטלעכער האַרמאָניע פון קאָסמאָס. ווייל „אדם להבל דמה, ימיו

בצל עובר״ און די גאַנצע „עולם הזה״ איז נישט ווערט קיין שישקע פּולווער לגבי דער פּערפעקציע פון דעם עולם שכולו טוב... פאַר דעם אידעאַל פון דער צוקונפט.

האָט טאַקע דער גריך פּראָמעטעוס געטאָן דער מענטשהייט אַ גרויסע טובה מיט דעם גנבענען פון די געטער זייער מעכטיק פייער... אָבער דער זעלבער געטלעכער פייער איז דאָך אויך דער אייביקער שליח חרוב צו מאַכן די וועלט. און פון דעמאָלט און ביז איצט: איז די שפּאַלטונג פון אַטאָם אַ מקור פון גליק פאַר דער מענטשהייט, אָבער פריִער האָט זי געבראַכט אומ־גליק. האָט אָבער דאָס פייער, דאָס הייליקע מזבח־פייער וואָס אַ מלאך האָט געגעבן ישעיהו הנביא, געהאַט דעם כוח צו ציִען מענטשן אין דער אייבי־קייט צו דער געטלעכער הויכקייט און צו דעם והיה באחרית הימים ווען קיין מלחמות וועלן מער נישט זיין.

האָט ביי די גריכן אין זייער געטער־רעזידענץ געהערט דאָס געזעץ פון כוח צווישן די געטער — שטאַרקערע און שוואַכערע געטער זענען זיי, און דער שטאַרקערער איז אויך דער גערעכטער. האָט אָבער דאָך שוין דער ערש־טער ייִד געפאָדערט ביי גאָט גערעכטיקייט. האָט מען געלערנט אַז דעם זי־גער משפט מען נישט. האָבן ייִדן געציטערט פאַר דעם „כל דאלם גבר״ (דער שטאַרקערער זיגט).

האָבן ייִדן זיך געשראָקן וואָס דער גרויסער רמב״ם ברענגט אויף גוואַלד אַריין אין ייִדישקייט דעם גריכישן ראַציאָנאַליזם; האָט אַן אַנדער ייִד באַ־גייסטערט געזונגען דעם „כתר מלכות״ (שלמה איבן גבירול).

האָבן נישט־ייִדישע זוכער אין פאַרבאָרגענע קעלערס געזוכט די „סתרי החכמה״ ווי דורך צירופים און סודות צו שאַפן גאָלד, כדי רייך צו ווערן (די אַלכעמיקער); האָבן ייִדישע זוכער אין דער זעלביקער צייט געזוכט די „סתרי תורה״ ווי די וועלט צו באַפרייען, ווי צו ברענגען די גאולה. איך מיין די מקובלים.

און זאָגט מען אַרויס דאָס וואָרט „קבלה״, אַזוי דערשרעקן זיך ייִדישע האַלבע אינטעליגענטן, עפּעס געהיימע, פאַרבאָרגענע פאַרשווערער וואָס זוכן ווער ווייס וואָס?... דערהערן נישט־ייִדן דאָס וואָרט „קאַבאַלאַ״, ווייסן זיי שוין עס שמעקט מיט עפּעס אַ „ייִדישער באַנדע״ אַזאַ וואָס וויל פאַרדרייען די וועלט, אָפּצונאַרן אַלע נישט־ייִדן מיט די ייִדישע שפּיצלעך, זאָל דער גע־קרייציקטער ייִד זיי מציל זיין פון דעם...

אין דער אמתן אָבער איז דאָך די קבלה אַזאַ מין פילאָסאָפישע פּאָעזיע, אָדער ריכטיקער אַ פּאָעטישע פילאָסאָפיע, וואָס האָט אין זיך אָט דעם דראַנג זיך צו דערהייבן און צו באַהעפטן זיך צו דעם גייסט פון דער וועלט — צו גאָט. עס איז אויך אַ זוכן אָבער מיט אַנדערע צילן.

משה האָט ביי פּרעהן געמאַכט נסים און די חרטומים פון מצרים האָבן אויך געמאַכט די זעלביקע נסים און ווונדער. משהס ציל איז געווען צו באַ־פרייען שקלאַפן. די חרטומים האָבן געהאַט אַן אַנדער ציל, אַ פאַרקערטן ציל — צו שטאַרקן די שקלאַפעריי, וואָס עקזיסטירט אין דער אייביקייט מיט דעם רעכט פון דעם כל דאלם גבר, וואָס ייִדן האָבן פאַר דעם אַזוי מורא געהאַט.

און דער גרויסער אַריסטאָ האָט עס באַרעכטיקט און דער אידעאַליסט פּלאַטאָן האָט עס אַריינגענומען אין זיין אוטאָפּיע וועגן אַ וועלט־האַרמאָניע. און דער שוואַכער אומגליקלעכער נביא ירמיהו האָט עס נישט געקאָנט פאַר־טראָגן אין די שווערסטע צייטן פון ערב חורבן און דער שטרענגער ייִדישער מלוכה־מאַן נחמיה האָט עס באַקעמפט אין די שווערסטע באַדינגונגען פון אויפבוי נאָכן חורבן...

האָבן ייִדישע מקובלים געזוכט די נשמה פון דער וועלט, כדי זיך צו באַהעפטן מיט איר. מעג דער גוף אַפילו צוליידן צוליב דעם — נישט אין אים איז דער ציל פון לעבן...

און גרויס איז די וועלט, און איבער איר הערשט די „סיבה כל הסיבות”, די „עילת העילות” דער מקור פון אַלץ, די סיבה פון אַלץ, דאָס העכסטע און דאָס אור־ערשטע, דאָס אומבאַגרענעצטע און דאָס אומבאַגרייפלעכסטע, דאָס אומענדלעכע, דער „אין סוף ברוך הוא”. דאָס איז דאָס זעלביקע כמעט וואָס דער ראַציאָנאַליסט — דער רמב״ם — האָט געשריבן. און די גאַנצע וועלט — ווי גרויס זי איז, ווי מעכטיק און ווי פּרעכטיק זי איז, — איז דאָך אחרי ככלות הכול, נישט מער ווי אַ צמצום, ווי אַ בלויז באַגרענעצטער און אומ־פולקאָמער אָפּגלאַנץ און אָפּהילך פון דעם אַלזייטיקן און פולקאָמסטן אין סוף ברוך הוא. עס קען דאָך קיין שום שאַפונג נישט זיין פּערפעקט, אַזוי פּערפעקט ווי זי איז אין דער אידייע ביים שעפער. די אידייע פון דער וועלט איז אַ סך פּערפעקטער און אומבאַגרענעצטער ווי זי — די פאַרקערפּערונג פון דער וועלט־אידייע איז. דער פּראָצעס פון שאַפן איז דער איבערגאַנג מן הכוח אל הפועל, פון דעם אומבאַגרענעצטן א י ן ס ו ף פון אידייע ביז צו דער באַגרענעצטקייט פון דעם חומר. און ווי גוט און שיין דער חומר זאָל נישט ווערן, איז ער דאָך נישט מער ווי אַן אָפּגלאַנץ, ווי אַן „אצילה”, ווי אַן אָפּשטראַלונג פון דעם א י ן ס ו ף. עס איז טאַקע „סוף מעשה במחשבה תחילה”, אָבער קיין מאָל קען די סוף מעשה נישט זיין אַזוי פּערפעקט ווי די מחשבה תחילה. איז טאַקע די גאַנצע וועלט נישט מער ווי אַ צמצום פון דער געטלעכער שעפערישער מחשבה. און פון אָט דעם צמצום קענען מיר, בני־אדם, באַגרייפן ווידער אַמאָל נאָר אַ באַגרענעצטן צמצום, אויף וויפל אונ־

דזערע באַגרענעצטע חושים קענען אויפנעמען, קענען אונדז ברענגען. און די חושים זענען דאָך אַזוי באַגרענעצט, אַזוי אָרעם באַגרענעצט!...

שפּעטער מיט יאָרהונדערטער איז צו דער אידייע דערגאַנגען דער פילאָסאָף עמאַנועל קאַנט מיט זיין באַרימטער טעאָריע וועגן „דינג אַן זיך" (זאַכן פאַר זיך אַליין און ווי זיי דערשיינען גאָר אַנדערש פאַר אונדז, נאָר לויט דער אָנרעגונג וואָס די זאַכן רעגן אָן אונדזערע ספּעציפישע חושים). די גאַנצע וועלט ווי מיר קענען זי איז נישט די אָביעקטיוו אמתע וועלט נייערט ווי אונדזערע חושים שטעלן זי פאָר.

וואָסערע אויספירן דער פילאָסאָף קאַנט האָט געמאַכט פון זיין „סוד הצימצום־טעאָריע", וועלן מיר דאָ נישט באַהאַנדלען. די יידישע מקובלים האָבן פון דעם געדאַנק געפירט אין אַן אַנדער, אין אַן אייגנטימלעכער ריכטונג פון מאָראַל און צו מאָראַלישער שלימות. איז ווידער אַמאָל „מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו?" און פריי זיך, בן אדם, וואָס דו מיט דיינע אָרעמע מענטשלעכע, קנאַפּע מעגלעכקייטן, קענסטו זיך פאָרט דערהייבן אין דיינע אַ ג ו נ ג ע ן, אויב נישט מיט דיין קלאָרן וויסן איז דאָך טאַקע מיט די אַ נ ו נ ג ע ן; אויב נישט מיט דיינע חושים איז מיט דיין מחשבה; אויב נישט מיט דיין שכל איז מיט דיין געפיל צו דערפילן און צו דערטראַגן זיך צו דעם וואָס עס איז איבער דיין יכולת צו באַנעמען, איבער דעם צימצום. און דערפאַר דאַרף אויך דיין שמחה, דיין פרייען זיך און דיין הוליען זיין פאַרבונדן מיט הייליקייט, דאַרף אויך דיין מעשה זיין אַ צימצום פון אַ גרע־סערער און פון אַ טיפערער, פון אַ העכערער און פון אַ שענערער מחשבה, ווייל דיין נשמה וואָס דו פאַרמאָגסט איז דאָך אויך אַ טייל, אַ צמצום פון דער נשמת כל חי, פון דער וועלט־נשמה, זי איז דאָך אַ חלק אלוה ממעל. דיין גוף, די „בתי חומר" איז טאַקע באַגרענעצט מיט זיין צייט און אָרט, מיט וואָג און מאָס, מאַטעריע און כוח, שטאָף און ענערגיע, מיט זיינע גופישע שמחה און טרויער. אָבער די נשמה דיינע איז דאָך אַ שמץ פון דעם אין סוף ברוך הוא.

אמת טאַקע, אַז יעדער שאַפונג איז אַ צמצום פון דער אידייע; יעדע פּאָעזיע אויסגעדריקט אין וואָרט איז בלויז אַ צמצום פון דער פּאָעזיע אין האַרצן פון דיכטער, אַזוי איז אויך יעדע שמחה נאָר אַ צמצום פון יענער „שמחה במעונו", דערפאַר דאַרף אויך דיין יצירה, מענטש, זיין באַגלייט מיט אַן אָפּגלאַנץ כאָטש פון יענער „שמחת יצירה", וואָס עס האָט באַגלייט די מעשי בראשית. גוף און נשמה; געטער ווי מענטשן, מענטשן ווי גאָט; גליק און צופרידנקייט — שטרעבונגען, זוכענישן; ערדישע גליקן און הימלישע הייכן; יידישע דרכים און נישט־יידישע וועגן; ממלכת כוהנים וגוי קדוש און דאָס אַלץ דערלויבטע „האָמאָ סאַפּיענס"...

און דערפאַר האָבן ייִדן מיט רעכט שטאָלצירט „שלא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם". עס זענען נישט בלויז פאַרשיידענע רעליגיעס, עס זע־נען אַנדערע מענטשלעכקייטן, אַנדערע און פאַרשיידענע וועלטן.

עס איז פאַר דעם ייִדן נישטאָ קיין באַזונדערע צוויי וועלטן — פון מענטשן באַזונדער און פון גאָט באַזונדער. גאָר די הייליקייט נעמט זיך פון מענטשן, דער מענטש קען דורך זיין פיר זיך דערהייבן צו די העכסטע הייליקייטן, ביז צו געטלעכקייט. זוכט נישט קיין גאָט אין די הימלען אים צו דינען, נאָר זוכט און שטרעבט צו דער געטלעכקייט וואָס זי איז די העכ־סטע מדרגה פון מענטשלעכקייט. הלוואי פאַרלאָזט איר מיך, הערט מיך אויף צו זוכן און צו פאָרשן, בעסער זאָלט איר מיין תורה היטן, — זאָגט דער ייִדישער גאָט. דורך דער תורה וועט איר אַליין ווערן געטלעך, ווייל דאָס איז דער זינען פון מענטשן צו שטרעבן צו געטלעכקייט, און געטלעכקייט איז נישט עפּעס אין די הימלען וואָס נישט פאַר מענטשן, נאָר עס איז דווקא די אויפגאַבע פון מענטשן צו שטרעבן צו דעם.

מענטש און גאָט זענען טאַקע צוויי פאַרשיידענע זאַכן, אָבער מענטש־לעכקייט און געטלעכקייט זענען נישט קיין קעגנזאַצן. עס זענען נאָר צוויי מדרגות פון איין זאַך, וואָס טיילט אָפּ מענטש פון בהמה. נישטאָ ביי ייִדן קיין פאַנטעאָן, קיין ספּעציעלע הייליקע ערטער וווּ גאָט זאָל האָבן באַוויליקט צו וווינען דאָרטן, ווייל מלא כל הארץ כבודו, ווייל לית אתר פנוי מניה, און גאָט איז נאָענט צו אַלע וואָס רופן אים, וואָס רופן צו אים אמתדיק, מיטן האַרצן, הייסט עס. און דערפאַר איז גאָטס הויז נישט עפּעס אַן אָרט פון באַ־זונדערער הייליקייט. פאַרקערט, איז די הייליקייט פון דעם אָרט אָפּהענגיק פון די וואָס קומען אַהין זיך ווענדן צו גאָט. דאָס האָבן שוין אונטערגעשטראָכן די גרויסע נביאים ווי ישעיהו און ירמיהו. דינען גאָט, זאָגט ישעיהו קען מען דורך דינען דעם מענטשן, דעם שוואַכן וואָס נייטיקט זיך אין דיין הילף. די קרבנות און מתנות וואָס איר גיט מיר דאַרף איך נישט און וויל נישט. און ברענגט נישט מער, מען בעט אייך נישט קומען טרעטן מיינע הויפן. דאָס זעלביקע, מיט אַנדערע ווערטער, זאָגט ירמיהו (קאַפּ׳ ז׳).

דאָס איז אַזוי ווייט פון די געוויינלעכע פאַרשטעלונגען וועגן גאָט און וועגן דינען גאָט, אַז עס שטעלט אַוועק די גאַנצע ייִדישע רעליגיע גאָר אין אַן אַנדער קאַטעגאָריע, אין אַ קאַטעגאָריע פון מענטשלעכער מאָראַל. איז געט־לעכקייט נישט קיין עפּעס פון אַ צווייטער וועלט, נישט פון ד ע ר וו ע ל ט, נייערט עס איז די העכסטע מדרגה פון מענטשישקייט. פאַרגעסט וועגן גאָט, געדענקט וועגן געטלעכקייט! שטרעבט צו איר, באַמיט זיך זי דערגרייכן.

און דערפאַר איז אין תלמוד זייער ווייניק גערעדט און געטראַכט וועגן

גאָט, גאָר פֿאַרקערט, פֿאַרבאָטן צו טראַכטן וועגן גאָט ווי אַזאַ. אנשטאָט גאָט פֿאַרנעמט דעם הויפּטאָרט די תורה. די תורה מיינט נישט לערנען צו וויסן די פֿאַרשריבענע ווערטער, ווי הייליק די ווערטער זאָלן נישט זיין. תורה מיינט בוכשטעבלעך אָנווייזונגען, פּירונגען, ווייל מיט תורה האָט מען געוואָלט און געשטרעבט צו דערגרייכן נישט צו גאָט נאָר צו איינהייטלעכער יידישקייט אין דער צעשפּרייטונג; מען האָט דורך דער תורה געוואָלט איינהאַלטן די איי־ניקייט פֿון דעם צעשאָטענעם יידישן פֿאָלק איבער אַלע זיינע גלותן.

און הגם עס האָט נאָך עקזיסטירט אַ מדינה, אָבער די מערהייט פֿון פֿאָלק איז שוין דעמאָלט געווען צעזייט און צעשפּרייט.

דערפֿאַר אויך די אַנדערשקייט אין לערנען.

די שטרעבונגען פון אונדזער נבואה־ליטעראַטור

שוין אין קאַיאָר פון קולטורן איז אונדזער אַנדערשקייט אַרויסגעקומען קלאָר אין דער נבואה־ליטעראַטור.

אויף אַ צונויפקום פון פּעדאַגאָגן און דענקער אין ארץ־ישראל איז אָנגענומען געוואָרן, אַז תנ״ך דאַרף געלערנט ווערן רעליגיעז. עס איז געווען אַ צייט ווען די אַרבעטער־שולן דאָרטן האָבן אויסגעמיטן צו לערנען תנ״ך, טאַקע מחמת זיין רעליגיעזקייט. מיר איז איינמאָל געשטעלט געוואָרן דירעקט די פראַגע, ווי אַזוי קען איך צונויפּפּאָרן וועלטלעכקייט מיט תנ״ך, ווו גאָט פיגורירט אַזוי כסדר און די נביאים רעדן דאָך כסדר אין גאָטס נאָמען? צי איז נישט ריכטיקער, אַז וועלטלעכע יידישקייט מוז זיך אָפּזאָגן פון תנ״ך?

מען איז נאָך, הייסט עס, ביי אונדז געוווינט אויפצונעמען דעם באַגריף „גאָט״ אַזוי מאַטעריאַליסטיש, געצנדינעריש, וואָלט איך געזאָגט, — אַז עס איז שווער אַפילו פאַר אינטעליגענטע, דענקנדיקע יידן צו פאַרבינדן „גאָט״ מיט וועלטלעכקייט, מען האָט נאָך מורא פאַר גאָט און צוליב אָט דער גאָט־פאַרכטיקייט אויף דער לינקער זייט איז מען גרייט אָפּצוזאָגן פון אונדזערע בעסטע אוצרות.

עס הייסט אַז די מענטשן צעטיילן ביי אונדז צוויי פאַרשיידענע געביטן: עס זענען פאַראַן שאַפונגען פון פאָלק און אַנדערע שאַפונגען זענען נישט פון פאָלק, נאָר פון גאָט. און איין געביט האָט נישט צו טאָן מיט דעם צווייטן. רעליגיעזע ספרים זענען פון גאָט און וועלטלעכע — פון מענטשן מן־הסתם.

אין אונדזער גאַנצן וועלט־באַנעם האַלטן מיר אַזאַ צוגאַנג פאַר אַ פאַלשן און פאַר אַ שעדלעכן. מיר טאָרן נישט אָפּטיילן דאָס געטלעכע פון דעם מענטשלעכן, דאָס רעליגיעזע פון דעם וועלטלעכן. פון אָנהייב אָן און ביז היינט — און, איך וויל האָפן, אויף אייביק זענען אונדזערע שאַפונגען אַלע פון פאָלק, פון מענטשן וואָס וואַקסן אַרויס פון פאָלק, און אַלע שעפערישע כוחות אין פאָלק זענען געטלעכע, נישט פון עפּעס אַ באַזונדערן גאָט ערגעץ אין די הימלען, ווייט און דערווייטערט פון מענטשן, נייערט פון דעם געט־לעכן גייסט וואָס אין פאָלק, אין די מענטשן פון פאָלק, וואָס זיי האָבן דעם זכות צו שאַפן מיט דעם פאָלקיש־געטלעכן כוח. עס שטייט „תורת ה׳ תמימה״, איז עס ריכטיק: אַלע אונדזערע גייסטיקע רייכטימער שטאַמען פון איין מקור

— פון פאָלקיש־געטלעכן גייסט. די שאַפונגען קענען זיין פון פאַרשיידענעם עלטער, פון פאַרשיידענע תקופות. די עלטערע שאַפונגען זענען פאַרהייליקט, אָבער די הייליקייט פון די שאַפונגען שטאַמט נישט פון הימל, „לא בשמים היא", נאָר זיי זענען הייליק, ווייל דאָס פאָלק האָט עס טייער געהאַלטן, פאַר־הייליקט. זיי זענען הייליק „בקדושת העם". די נבואה ווי אַלע אַנדערע שאַ־פונגען אונדזערע זענען געשאַפן אויך דורך דעם געטלעכן גייסט וואָס אין אונדזער פאָלק. און אין דער נבואה זעען מיר שוין דעם אַנדערשדיקן, ספּע־ציפיש־ייִדישן גייסט פון אונדזער פאָלק.

כדי קלאָר צו מאַכן דעם באמת ריכטיקן צוגאַנג צו אונדזערע געטלעכע אוצרות, דאַרף איך פריִער זיך באַמיִען צו דעפינירן דעם באַגריף וועלטלעכער ייִד און וועלטלעכע ייִדישקייט. פון דעם וועל איך טאַקע אָנהייבן.

ייִד, ייִדישקייט איז פאַר אונדז נישט קיין ביאָלאָגישער ראַסן־באַגריף. אַזאַ צוגאַנג איז פאַר אונדז גאָר מוקצה, טריף מחמת נאַציזם. מיר גלייבן נישט אין דער עקזיסטענץ פון באַזונדערע ייִדישע און נישט־ייִדישע גענען. ייִדישקייט איז פאַר אונדז אַ ריין קולטורעלער באַגריף, וואָס באַציט זיך צו אַ באַשטימטן סדר פון לעבן, פון אויפפיר און פון אַ וועלט־באַנעם וואָס גיט זיך איבער דורך ס אָ צ י אַ ל ע ר ירושה, נישט דורך ב י אָ ל אָ ג י ש ע ר. די דאָזיקע סאָציאַלע ירושה אין משך פון לעבן דאָס איז דאָך די קולטור, דער קולטור־שטייגער, די קולטור־פּראַקטיק וואָס פון איר וואַקסט אַרויס די וואָרט־קולטור. ייִדישקייט איז בכן אַ סכום מצוות וואָס ווערט אָפּגעהיט לשם ולשמה, ווייל מען איז אַ ייִד. אַלץ וואָס אַ מענטש טוט לשם זיין ייִדישקייט גייט דאָ אַריין אין כלל. אַזוי אַרום נעמען מיר אָן די טראַדיציאָנעל־אַלטע פאָרמול פון י ִ ד י ש ק יי ט ש ב ע ל פ ה. ריכטיקער — ייִדישקייט אין דעם אויפ־פיר און י ִ ד י ש ק יי ט ש ב כ ת ב — וואָרט־קולטור.

און אַזוי האָט אויך בשעתו דער רמב"ם געפּסקנט, אַז גרים דאַרפן אין דאַוונען זאָגן „אלוהינו ואלוהי אבותינו" וכדומה (משנה תורה הלכות בכורים ד׳ ג׳. הגם ער טרעט דאָ אַרויס קעגן אַ בפירושער משנה), ווייל דער סימן פון ייִדישקייט איז נישט קיין ביאָלאָגישער. מיר נעמען אָן די אַלטע פאָרמול מיט איין באַמערקונג: מיר באַשטימען נישט קיין עיקרים און מצוות — דאָס איז יאָ ייִדישקייט און אַנדערע זאַכן נישט. מיר זאָגן, אַז אַלץ וואָס אַ מענטש טוט לשם צו זיין אַ ייִד איז דאָס ייִדישקייט.

איין זאַך דאַרף פאַר אונדז זיין קלאָר: אָן ייִדישער פּראַקטיק קען נישט זיין קיין ייִדישקייט בכלל. אין דער פּסיכאָלאָגיע איז פאַראַן אַ געזעץ, וואָס רופט זיך אויף דעם נאָמען פון דזשיימס און לאַנגע. דער מהות פון דעם געזעץ איז, אַז די פּסיכישע איבערלעבונג איז אַ תולדה פון די פיזיאָלאָגישע

פראַצעסן. און אַזוי זאָגן מיר, אַז יידישקייט שבלב, דאָס „יידישע האַרץ", ווי מען האָט ליב זיך אויסצודריקן, קען זיין געמאָלט נאָר ווי אַ תולדה פון יידישער פראַקטיק, פון האָדעווען זיך אין אַ שטוב פון פראַקטישער יידישקייט. אַ מענטש וואָס האָט נישט איינגעזאַפּט קיין יידישע פראַקטיק, קיין פראַקטישע יידישקייט אין זיך, קען נישט האָבן קיין יידישע איבערלעבונג, קיין עמאָציאָנעלע צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק, אפילו ער זאָל האָבן זיך אָנגעלערנט מיט יידישן וויסן ווי אַ רעגאַן און אַ ווילהויזן.

און דאָ קומען מיר צו צום באַגריף וועלטלעכקייט, וועלטלעכע יידישקייט. על פי רוב דערקלערט מען דעם באַגריף מיט אַ נעגאַטיווער דעפיניציע — וועלטלעכקייט איז דאָס פאַרקערטע פון פרומקייט, אַ וועלטלעכער ייִד האַלט נישט פון אַלץ וואָס עס איז רעליגיעז, און היות די גאַנצע יידישע פראַקטיק איז געווען באַפאַרבט רעליגיעז, האָט דער וועלטלעכער ייִד זיך אָפּגעזאָגט פון דער פראַקטישער יידישקייט: מיר האַלטן נישט פון דעם. דאָס איז נישט קיין וועלטלעכע יידישקייט נייערט עס איז ה פ ק ר - י י ד י ש ק יי ט, וואָס מוז פירן צו אויסיידישונג, עס איז אַ וועג וואָס פירט אין משך פון איין, צוויי דורות אַוועק פון יידישקייט און פון יידנטום. וועלטלעכע יידישקייט, פאַרקערט, זאָגט זיך לגמרי נישט אָפּ פון יידישקייט, לייקנט נישט אין יידישקייט, באַקעמפט נישט קיין עלעמענטן פון יידישקייט. זי שיידט זיך נאָר אָפּ פון רעליגיעזער יידישקייט מיט איר וועלט-באַנעם. רעליגיעזע יידן אָנערקענען אַז די יידישקייט איז פון גאָט און נישט קיין שאַפונג פון דעם פאָלק. די וועלטלעכע יידן האַלטן אַז די גאַנצע יידישע קולטור איז אַ פּראָדוקט פון יידישן פאָלק, פון זיין שאַפונגס-גייסט, פון דעם העכערן, מאָראַלישן, שעפערישן גייסט וואָס לעבט אין פאָלק, פון דעם ג ע ט ל ע כ ן גייסט וואָס אין פאָלק און וואָס אַנטפּלעקט זיך אין זיינע שאַפונגען.

די רעליגיעזע יידן האַלטן בלויז פון דער קולטור וואָס איז קאַנאַניזירט רעליגיעז. פאַר די וועלטלעכע יידן איז אָבער אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין פאָלק הן דאָס וואָס עס איז געשטעמפּלט רעליגיעז און הן דאָס וואָס האָט נישט קיין רעליגיעזן כאַראַקטער — הייליק. ווייל פאַר דעם רעליגיעזן מענטשן איז יעדער קדושה, יעדער הייליקייט אַ מתנה פון גאָט, פון הימל, וואָס דער רבונו-של-עולם גיט במתנה אַ מענטשן, הייליקייט איז אַ חלק פון גאָט. פאַר דעם וועלטלעכן מענטשן איז הייליקייט אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכן לעבן, עס איז אַ דערהויבונג פון מענטשן פון דער ערד ביז די הימלישע הייכן. איבעריקנס איז די יידישע טראַדיציע אויך געווען אַזאַ: זאָגט באַך ישעיהו „ויגבה ה' צבאות במשפט והאל הקדוש נקדש בצדקה" — דורך משפט און צדקה, וואָס זיי קענען זיין נאָר אין מענטשלעכן לעבן ווערט דערהויבן

און הייליק גאָט אַליין... אין די ברכות איז איינגעשטעלט דער נוסח „וקדשנו במצוותיו", דורך דער פּראַקטישער יידישקייט קומט מען צו הייליקייט. און דער רמב"ם האָט עס פאָרמולירט קלאָר און דייטלעך „אין קדושה אלא עשית המצוות" (ציטירט לויט דעם ילקוט הדעות והמדות פון „ספר המצוות"). בכן אָדער הייליקייט קומט פון גאָט צו מענטשן, אָדער עס גייט פון מענטשן צו גאָט. אָבער אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט נישט בכלל קיין הייליקייט איז נישט קיין וועלטלעכער נאָר — אַ מ ס ו כ נ ע ר. פאַר אַ רעליגיעזן מענטשן איז פאַראַן געטלעכע קולטור און וואָכעדיקע, — פאַר דעם וועלטלעכן ייִדן איז דאָס ווי יענץ, ביידע הייליק און טייער אויף וויפל אין זיי אַנטפּלעקט זיך דער געטלעכער גייסט פון פאָלק. אַ רעליגיעזער ייִד קוקט אַרויף צו גאָט, — אַ וועלטלעכער — צום פאָלק און צו זיין גייסט. אַ רעליגיעזער ייִד היט אָפּ יידישקייט צוליב זיינע פּריוואַטע צילן, צוליב עגאָיזם וואָלט איך געזאָגט: ער וויל דעם שכר און האָט מורא פאַר דעם עונש, ער וויל דעם חלק עולם־הבא אין גן־עדן פאַר זיך און ער האָט מורא פאַר דער שטראָף פון גיהנום. אָבער דער וועלטלעכער ייִד היט אָפּ זיין יידישקייט, ער פירט זיין ייִדישע פּראַקטיק און די ייִדישע קולטור פון וואָרט צוליב איר גופא, נישט וואָרטנדיק אויף קיין שום אָפּצאָל פאַר זיך.

ביי אונדז האָט מען זיך צעטיילט מיט דער קולטור: דאָס — האָט מען באַשטימט אַז עס איז רעליגיעז און די וועלטלעכע ייִדן זענען פון דעם פּטור, דאָס פאַרקערט איז וועלטלעך, זענען די פרומע פון דעם פּטור. נאָך מער — זיי האַלטן פון דעם נישט. „ספר שכתבו מין — ישרף". דאָס איז די וווּלגאַרע לאָגיק. דער דענקנדיקער וועלטלעכער ייִד אָבער נעמט אָן די גאַנצע ייִדישע שאַפונג פון בראשית ברא, און ביז דער לעצטער שורה פון קולבאַקס אַ פּאָעמע מיט דער זעלביקער באַציִונג ווי צו נאַציאָנאַלער הייליקייט וואָס איז הייליק בקדושת העם. פאַר אַ וועלטלעכן ייִד איז טביה דער מילכיקער נישט ווייניקער פאָלקיש־הייליק ווי עס איז דער ספר איוב פון תנ"ך, און פּרצעס אמר ר' יוחנן המלמד איז נישט ווייניקער נאַציאָנאַלער הייליק ווי אַן אַנדער אמר ר' יוחנן פון דער גמרא אַרויס. אַזוי אַרום וואָלט מען געקענט זאָגן אַז וועלט־לעכע ייִדישקייט איז אידענטיש מיט אינטעגראַלער ייִדישקייט, וואָס איז כולל גאָר די ייִדישקייט, די שאַפונגען און איינשטעלונגען פון ייִדישן פאָלק אין אַלע דורות. זיי זענען אָבער נישט פיקסירט און נישט באַשטימט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, נאָר זיי טראַנספאָרמירן זיך און בייטן זייערע פאָרמען. ווי די טראַדיציע רופט עס אָן „פּושט צורה ולובש צורה".

נאָך מער. מיר קענען גיין ווייטער און פעסטשטעלן אַז וועלטלעכקייט נעמט אָן דעם גאָט־באַגריף. די וווּלגאַרע וועלטלעכקייט האָט זיך געשראָקן

פּאַר אַט דעם באַגריף. „קיין גאָט איז נישטאָ, אַלץ איז עלעקטרי", האָבן גע־לערנט קליינשטעטלדיקע אינטעליגענטן. פלעגט מען זינגען מיט קינדער „וואָלקן, וואָלקן, גיב אַ רעגן" אָנשטאָט „גאָט געטרייער, גיב אַ רעגן"; פלעגן לערער אויפקלערן קינדער, אַז נישט גאָט מאַכט קראַנק אַ מענטשן, נאָר עס זענען דאָ אַזוינע „קלייניקע ווערעמלעך", אָדער אַז עס איז נישטאָ קיין הימל נאָר עס איז לופט. ווען מיר נישט אָפּלאַכן פון אָט דער נאַיִווקייט, נאָר מיר ווילן אָפּגרענעצן זיך פון דעם. איך האַלט אַז אַ וועלטלעכער ייִד מוז אויך זיין אַ מענטש מיט אַ גלויבן, ער מוז האָבן זיין גאָט וועמען ער דינט. דער אונטערשייד איז אין דעם ווי מען פאַרשטייט, ווי מען באַנעמט „גאָט". צי גאָט איז מחוץ דער וועלט, אויסער דעם מענטשן, איבער זיי, ווי עס זענען באַ־זונדער דער שעפער און זיין שאַפונג, אָדער מיר נעמען אָן אַז גאָט (אָדער ריכטיקער געטלעכקייט) איז אין זיינע אַנטפּלעקונגען, אין דער וועלט און אין מענטשן. אין דער וועלט און נישט מחוץ איר. קען אַ וועלטלעכער מענטש רויִק אָננעמען דעם „קול דממה דקה" פון אליהו הנביא (מלכים א׳ יט׳); קען אַ וועלטלעכער ייִד זיך באַגייסטערן צוזאַמען מיט דעם בעל התהילים פון דעם „מה רבו מעשיך ה׳ " און אַזוי ווייטער; קען דער וועלטלעכער ייִד מסכים זיין מיט ר׳ יהודה הלוי אַז „והאלוהים הוא רוח העולם ונפשו ושכלו וחיותו כאשר נקרא חי העולם" (הכוזרי מאמר ד׳, סעיף ג׳, אַרגענט׳ אויסגאַבע, זייט 83, שורה 25). און נאָך ווייטער איז געגאַנגען די קבלה, וואָס האָט גע־זאָגט „אלוהים בגמטריא הטבע". דער וועלטלעכער ייִד איז נישט קיין „גאָט־פאַרכטיקער ייִד", נישט פּאָזיטיוו און נישט נעגאַטיוו; ער קען זאָגן צוזאַמען מיט דעם זוהר, אַז „קודשא בריך הוא ואוריתא וישראל חדא"; ער זעט די געטלעכקייט אין דעם זונפאַרגאַנג און אין דעם אַרויסשפּראָץ פון אַ קליין גרעזל; ער זאָגט צוזאַמען מיט דעם בעל הכוזרי „כי אין החכמה בגלגלים גדולה מהחכמה בקטן שבחיות" (מאמר ד׳, סעיף כה׳, אַרגענטינער אויסג׳, זייט 94, שורה 9).

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַמיט צו דעפינירן דעם באַגריף וועלטלע־כער ייִד, קענען מיר צוגיין צו דער עצם טעמע אונדזערער וועגן דער נבואה.

וווּלגאַר גענומען אידענטיפיצירט מען נבואה מיט דעם וויסן היינט וואָס מאָרגן וועט זיין. מען זאָגט „דער וועטער־נביא" אויף אַ מענטשן וואָס זאָגט פאָרויס דעם וועטער. אין דעם זינען נעמט מען אַריין נבואה אין דעם כלל פאָרויסזאָגער, טרעפערס וכדומה. און עס איז פאַלש. בלויז גאָר אין טונקעלן פאַרצייטנס האָט זיך די נבואה פאַרנומען מיט אַזאַ פאָרויסזאָגן. עס האָט אָבער דעמאָלט אַפילו אַן אַנדער נאָמען געטראָגן — ח ו ז ה און נישט נ ב י א. נבואה איז אַריבער לגמרי אין אַן אַנדער קאַטעגאָריע. דער נביא

איז אַ לערער, אַ וועג־ווייזער, אַ קעמפער, אַ שטראָפער, אַ מוכיח בשער, אַ דערציִער אין נאָמען פון העכערע אידעאַלן פאַר דער צוקונפט פון פאָלק און פון דער מענטשהייט בכלל.

אַוודאי איז דער נביא אַ געשיקטער פון גאָט, אָבער נישט פון הימלישן גאָט נאָר פון דעם גאָט פון זיין אייגענעם האַרץ אַרויס. איך וואָלט נאָך גאָר אַנדערש געזאָגט: אין דעם יִידישן נביא פאַקירן אַלע גוטלעכע שטראַלן, שטרעבונגען וואָס לעבן אין גייסט פון יִידישן פאָלק, ווילסטו דערקענען דעם טיפערן גייסט פון אַ ציבור, פון אַ פאָלק, — גיי און זוך אין די שאַפונגען פון זיינע אָנערקענטע שעפער, און דער יִדישער גייסט איז אַנטפּלעקט אין דער נבואה בשעתה. דער אידעאַל וואָס פאַר אים קעמפן די נביאים קען זיין אַ פאַרשיידענער. איז דאָס גערעכטיקייט, פאַר דער מאַכט פון רעכט איבער דער רעכט פון דער מאַכט. קען דאָס זיין אַ סאָציאַלער אידעאַל פון גלייכקייט און יושר, קען עס זיין אַ נאַציאָנאַלער אידעאַל קעגן אַסימילאַציע און פאַר אייגנאַרט, — אָבער אַלע מאָל איז עס אַן אויפשטאַנד פון די שוואַכע קעגן די שטאַרקע, פון אַ מינדערהייט קעגן די מערהייטן. אין דער נבואה איז תמיד די גבורה פון די שוואַכע.

ווי יעדע לעבעדיקע דערשיינונג איז אויך די נבואה נישט געשטאַנען אויף איין אָרט, אויף איין מדרגה, נייערט זי האָט דורכגעמאַכט אַ גרויסע טראַנספאָרמאַציע. פון די ערשטע „רואים און חוזים"־פּאָרויסזעער, וואָס פלעגן נעמען געצאָלט פאַר זייער פאָרויסזאָגן, וואָס פלעגן מסתמא פראַווען סצענעס פון עקזאַלטאַציע ביי זייערע אַרויסטריטן ביז צו דעם אַפּאָגיי פון דער נבואה, ווו איך שטעל נישט ישעיה דעם שיינגייסט פון דער נבואה נייערט ירמיהו — דעם טראַגישסטן קעמפער, און ביז דעם אונטערגאַנג פון דער נבואה אין דער צייט פון בית שני — איז דורך אַ גרויסע תקופה. איך מיין אָבער אַז עס וואָלט געווען נישט ריכטיק צו זאָגן אַז דער גייסט פון דער נבואה ביי יִידן איז אונטערגעגאַנגען. חס ושלום. ער האָט בלויז געביטן זיין גע־שטאַלט און זיינע אַנטפּלעקונגען. ווי פאַרשיידן עס זענען נישט די נביאים, האָבן זיי אַלע איין ציל און איין מיטל צום ציל. אַלע שטרעבן זיי „לתקן עולם במלכות שדי" — אַלע קעמפן זיי פאַר אַ וועלט פון געטלעכער גערעכטיקייט וואָס עס דאַרף ברענגען דאָס יִידישע פאָלק; און אַלע האָבן זיי איין מיטל: דאָס פייער פון גלויבן איינגעהילט אין געטלעך וואָרט, וואָס לערנט, מוסרט, שטראָפט און בעט זיך, רייסט פאַסן און גלעט די וווּנדן, זייט מורא און פלאַנצט בטחון. און אָט די זעלביקע צילן האָבן שפּעטער באַגייסטערט די אנשי כנסת הגדולה, וואָס האָבן זיך פאַרנומען צו פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון נביאים דורך נאָרמעס אין לעבן. און פון די נביאים ביז אונדז היינט האָט נאָך קיין

מאָל נישט אויפגעהערט דאָס וואָרט פון שטראָפער, פון מטיף, מוכיח, פון זאָגער, מגיד און מוסר־זאָגער, ווי די נביאים פאַרצייטן האָבן זייערע אָפּשטאַמ־לער אין אַלע דורות געוואָלט דערפירן די נאַטור פון דעם מענטשן צו שלימות. נייע צייטן — נייע פאַרמעס, נייע לידער, — אָבער אַלע מאָל אַלטע אידייען, וואָס זיי בלייבן תמיד ניי. נישט ניי נאָר אייביק. ניט איין מאָל דערמאָן איך זיך אַ בילד וואָס איך פלעג אין ווילנע אָפּט ספּעציעל גיין זען: ערב ראש חודש אין אָוונט פלעגט אין אַ פול געפּאַקטער קברנישער שול שטיין איינ־געהילט אין טלית אַ מגיד (ר׳ שמשון ש״ס האָט מען אים גערופן) און ער פלעגט זאָגן מוסר פאַר אַ געדיכטן עולם ווילנער יידן. און די צוהערער פלעגן גיסן ממש טרערן. איך פלעג אַלע מאָל אַריבערטראָגן דאָס בילד אין אַמאָליקן ירושלים... „עמוד בשער בית ד׳ ודברת את הדברים האלה״... מיט וואָס איז עס אַנדערש? רעדנער און שרייבער האָבן קיין מאָל נישט אויפגעהערט אין יידישן פאָלק. דאָס אַלץ איז אַ טראַנספאָרמאַציע פון יענער שטראָפערישער מינדלעכער און שריפטלעכער ליטעראַטור וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען נבואה. איך בין נישט גענוג באַקאַנט מיט דער וועלט־ליטעראַטור, אָבער אויף וויפל עס איז אָנגענומען איז די נבואה אַ ספּעציפיש יידישע דערשיינונג אין איר גייסט, ריכטונג און טעמפּעראַמענט. דאַרף מען דאָס אָננעמען ווי אַן אויסדרוק פון אונדזער פאָלקס־גייסט. איך מיין דערמיט נישט צו זאָגן, אַז עס איז עפּעס אַ מיסטעריעז נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט, אַ באַזונדערע מתנה פון גאָט. איך בין אָבער מער ווי זיכער, אַז דאָ איז געקומען צום אויסדרוק אונדזער נאַציאָנאַל־פאָלקישע אייגנטימלעכע אַנדערשקייט. אויך יעדער נביא פערזענלעך איז נישט איבערנאַטירלעך און אויסער־נאַטירלעך. די גמרא שטעלט דעם חכם העכער פון נביא. „חכם עדיף מנביא״ (בבא בתרא י״ב, א׳). אַ פאַר מאָל דערלויבט זיך די גמרא אָנצורופן אומבאַגרינדעטע רייד מיט דעם אויסדרוק „דברי נבואה״ (ערובין ס׳, ב׳; בכורות מ״ה, א׳) זע רש״י אויפן אָרט. ווייטער קומט די גמרא אַפילו צו דעם אַז: „מיום שחרב בית המקדש נטלה נבואה מן הנביאים וניתנה לשוטים ולתנוקות״ (בבא בתרא י״ב, ב׳). נאָך דער רמב״ם זאָגט, אַז אין נבואה חלה אלא על חכם גדול במידותיו. ער זאָגט אַנדערשוווּ: „...והוא דעת המון הפתאים ממי שיאמין... שה״י יבחר מי שירצה וישרה בו הנבואה וישלימו...״ (מורה נבוכים ח׳ ב׳, פרק ל״ב). די געטלעכ־קייט פון נביא איז לויט דעם אַרויסזאָג פון רמב״ם נישט מער ווי דעת המון פתאים און נישט מער. דער רמב״ם גלייבט, הייסט עס, אַז נבואה איז אַ מדרגה פון מענטשלעכקייט, ווידער אַמאָל ווי מיר האָבן געזאָגט פריִער — אַ מדרגה פון דער ערד צום הימל און נישט פאַרקערט.

עס איז אָבער דאָך פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן דעם אַמאָליקן נביא

און דעם היינטיקן ייִדישן אידעאַליסטישן קעמפער און שרייבער אָדער דיכ־טער. דער אונטערשייד ליגט אָבער נישט אין דער פּערזאָן פון דעם נביא אָדער ווי מיר זאָלן אים נישט רופן. עס ווענדט זיך פון דער באַציִונג פון דער סביבה, פון פאָלק צו דעם נביא, (צו דעם וואָס פאַרטרעט אים אין ווייטער־דיקע תקופות און טראָגט אַנדערע נעמען). פאַראַן אַ מאמר: אין נביא בעירו. פאַרוואָס? — ווייל דאָס פאָלק האָט נישט קיין אַכטונג צו אים, נעמט אים נישט אויף, לייגט נישט קיין אַכט אויף זיינע רייד, האָט ער נישט קיין השפעה, איז דער נביא בלויז אַ קול קורא במדבר. אליהו האָט זיך געקלאָגט: ואותר אני לבדי" — ער איז געבליבן איינער, אָבער שוין טויזנטער יאָרן ווי ער לעבט אין פאָלק און דאָס פאָלק לעבט מיט זיינע רייד, מיט זיינע מעשים. עס זענען אָבער פאַראַן אין תנ"ך אַפילו נעמען פון נביאים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מזל אויפגענומען צו ווערן און זיי זענען פאַרגעסן געוואָרן. און ס'קען דאָך זיין, אַז עס זענען געווען נביאים וואָס אַפילו זייער נאָמען איז נישט געבליבן. און וויפל האָט געפעלט אַז ייִדן אַליין זאָלן פון דער געשיכטע אויסמעקן אַזאַ נאָמען ווי דער רמב"ם? און וויפל ייִדישע פירער און קעמפער זענען פאַרגעסן געוואָרן, אָדער וואָס זענען פון לכתחילה נישט אויפגענומען געוואָרן פון ייִדן? היינט צו טאָג איז עס זייער שווער אַ נביא זאָל אויפקו־מען ביי ייִדן, ווייל קיינער וועט אים נישט אויפנעמען. ער וואָלט געבליבן שטום, ווייל דאָס פאָלק איז טויב צו זיינע רייד. אין דעם ליגט דער זינען פון דעם תלמודישן אויסדרוק, אַז דער דור איז נישט מוכשר, נישט פּעִיק אויפ־צונעמען עפּעס. דערפאַר און נאָר דערפאַר קענען מיר זיך נישט באַרימען מיט היינטצייטיקע נביאים. איך גלייב נישט אַז אַזאַ מעכטיקער שטראָם ווי עס איז געווען די נבואה אין משך פון דורות, נאָר פון גאַנצע תקופות, זאָל אויסטריקענען אָן אַ המשך. אני מאמין. צום באַדויערן איז עס אוממעגלעך צו דערווייזן באַשיינפּערלעך.

אויבן האָב איך ציטירט דעם רמב"מס מיינונג וועגן דער מענטשלעכ־קייט און נישט־געטלעכקייט פון דער נבואה. איך גלייב אַז אין דער נבואה אַנטפּלעקט זיך נישט קיין אינדיווידועלער גייסט פון יחידים, נייערט עס איז דער קאָלעקטיווער אייגנטימלעכער גייסט פון דעם ייִדישן פאָלק ווי אַזאַ. איך לייקן קאַטעגאָריש יעדער שייכות צווישן פאָלק און ראַסע. איך גלייב אין דעם קולטור־פּרצוף פון פאָלק. יעדעס פאָלק איז דערפאַר אַנדערש, ווייל אין משך פון דורות האָט זיין קאָלעקטיוו געלעבט אַנדערש, אייגנטימלעך, אייגנאַר־טיק און דאָס געמיינזאַם לעבן צווישן זיך, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע פאָל־קישע קאָלעקטיוון, שאַפט אַ געמיינזאַמען, אייגנטימלעכן אַרט דענקען, אַן אייגנטימלעך פאָרזיכטיקע פּסיכיק. מאַן און ווייב הייבן אָן אין משך פון

יאָרן צו דענקען און צו פילן געמיינזאַם, אַ פּשיטאַ שוין אַ פאָלק אין משך פון דורות. בכן, דאַרף מען דאָס אַלגעמיינע פון דער נבואה ווידער אַמאָל פאַרשרייבן אויפן חשבון פון פאָלק, נישט אויף דעם פּריוואַטן חשבון פון יעדן נביא באַזונדער, און זיכער נישט אויף דעם חשבון פון אַן איבערנאַטירלעכן אויסערנאַטירלעכן גאָט.

***

צוויי קולטור־שטראָמען ציִען זיך דורך דער קולטור־וועלט פון אייראָ־פּעיִש־אַמעריקאַנער פעלקער. איינער ציט זיך פון דער גריכיש־רוימישער קול־טור און דער צווייטער — פון אונדזער תנ״ך. און איינער פון די בולטסטע סימנים וואָס זונדערן אָפּ די צוויי קולטור־שטראָמען זענען נבואה און פילאָ־סאָפיע. איך שטרייך אונטער — נישט דער איינציקער אונטערשייד, אָבער איינער פון די וויכטיקסטע.

די פילאָסאָפיע שטרעבט צו דערגיין די סודות פון דער וועלט, כּדי צו זיין ווי גאָט אין וויסן. די נבואה שטרעבט צו דערהייבן דעם מענטשן ער זאָל זיין ווי גאָט, געטלעך אין זיין אויפפיר. די פילאָסאָפיע וויל אויסבעסערן די וועלט פ אַ ר דעם מענטשן. די נבואה האָט איר ציל אויסצובעסערן ד ע ם מענטשן, אים גופא, פאַר דער געטלעכקייט און וועלט.

דער וועג פון פילאָסאָפיע איז וויסן, באַווייזן, דערקלערן, אויפנעמען מיט דעם שכל. די נבואה אַפּעלירט צו די עמאָציעס. דעם אמת דאַרף מען נישט דערווייזן נאָר דערפילן, דעם אמת קריגט מען דורך התגלות, דורך „גילוי אליהו" — דורך אינטויִציע. מען קען גאָר אָפט נישט באַווייזן דעם אמת און מען טאָר גאָר נישט וועלן אים באַווייזן. דאָס מענטשלעכע דענקען איז גאָר צו שוואַך, מען זאָל אויף אים זיך קענען פאַרלאָזן בנוגע צו אמתן פון דער וועלט. ספּינאָזאַ האָט זיינע אמתן זיך באַמיט צו באַווייזן כּמעט מאַטעמאַטיש. ער איז געווען טאַקע אַ ייִד, אָבער אין זיין פילאָסאָפיע איז ער געגאַנגען נישט אויף דעם ייִדישן דרך. דעקאַרט האָט פאַר דעם הויפּט־עדות פון דער עקזיס־טענץ גענומען דעם שכל: איך דענק — הייסט עס, אַז איך בין דאָ, קאַנט וואָס האָט געוווסט צו זאָגן אַז די זאַכן פאַר זיך קענען מיר נישט, האָט דאָך גע־שריבן „די קריטיק פון ריינעם פאַרשטאַנד". ביז עס איז געקומען אַ ייִדישער דענקער און האָט דעטראָנירט דעם שכל, און אַוועקגעגעבן זיין טראָן דער „שעפערישער אינטויִציע" (בערגסאָן). אָבער בערגסאָן איז געווען אַ קנאַפּער ייִד. די טיפערע ייִדישע דענקערס האָבן געוווּסט די שוואַכקייט פון שכל לגבי דער אינטויִציע אַ סך פריִער. האָט נאָך ר' יהודה הלוי געשריבן (כּוזרי, מאמר ד', סעיף ג') אַז „... כּל שכּן שלנבואה ראות יותר גלויה מההקשה" (אַרגענט־אויסגאַבע, ז' 83, שורה 27). און בערך אין דער זעלביקער צייט וואָס קאַנט

האָט איבערראַשט די וועלט מיט זיינע „זאַכן פאַר זיך", — האָט ר' שניאור־זלמן פון ליאַדי געשריבן, אַז „נאָר דער בורא קען די בריאה נישט מצד הכרה, נאָר מצד הבריאה עצמה, בעת מיר, די ברואים, קענען די בריאה נישט מצד הבריאה עצמה, נייערט מער נישט ווי מצד ההכרה". און ווען דע־בוא־ריימאָנט האָט די וויסנשאַפטלעכע וועלט דערשראָקן מיט זיין „נאָן איגנאָראַמוס, סעד איגנאָראַבימוס" (נישט מיר וויסן נישט, נאָר מיר וועלן נישט וויסן. אויף אַ צוזאַמענפאָר אין בערלין 1896) האָט י. ל. פרץ געשריבן (און דווקא אָן פּע־סימיזם!) „מיט אַ גראָשן־ליכטל באַלייכטן אַזאַ חשכת" (גאָלדענע קייט, יוחנן מלמד). פאַר דער אייראָפּעיִש־קריסטלעכער וועלט איז עס געווען אַ ווייטיקדיקע דערקענטעניש: דער ש כ ל ה ג ד ו ל , וואָס מען האָט זיין נאָמען געשריבן מיט אַ גרויסהאַנטיקן אות, וואָס מען האָט געדינט צו אים ווי צו אַ גאָט, פאַרלירט זיין ממשלה! ביי ייִדן — צי עס איז געווען דער פרומער ר' שניאור־זלמן צי דער וועלטלעכער פרץ — איז עס בלויז געווען נאָך אַ באַווייז, אַז דער מענטשלעכער שכל איז קיין מאָל נישט געווען קיין זיכערער וועג־ווייזער.

די גריכיש־רוימישע און אייראָפּעיִשע דענקערס האָבן געזוכט צו דער־קענען די וועלט מיט אַ באַשטימטן ציל. פּראָמעטעוס גנבעט אַוועק פון די געטער דאָס פייער כדי מענטשן זאָלן זיך קענען וואַרעמען און קאָכן אָנבייסן. ישעיה און ירמיהו קריגן אָן אַנדער גע טלעכן פייער כדי דעם מענטשן גופא צו דערהייבן, צו פאַרגעטלעכן אים. און דאָס פייער איז ביי ישעיהו נישט פון הימל, נישט פון גאָט, נייערט פון מזבח, וואָס מענטשן בויען, וואָס מענטשן היטן, כדי צו זיין ריין פון זינד. און אָט די צוויי פאַרשיידענע צילן גייען דורך דער גאַנצער קולטור־געשיכטע פון די צוויי שטראָמען. און מיט טויזנ־טער יאָרן שפּעטער קומט דער ייִדישער יוחנן מלמד און לאַכט־אָפּ פון דעם וואָס „מען וועט פאַנגען די שטראַלן פון דער זון און זיי הייסן פוצן די שטיוול" (י. ל. פרץ „וואָס אַמאָל ווייניקער"). און גוט האָט געטאָן פרץ, וואָס ער האָט די רייד געבראַכט אין נאָמען פון יוחנן מלמד און נישט אין זיין אייגע־נעם נאָמען, דער יוחנן מלמד איז דאָך אַ סך עלטער פון פרצן און ער האָט דאָך געלערנט פרצן... האָט דאָך נאָך ר' יהודה הלוי אין כוזרי (איבערהויפּט אין מאמר ד', סעיף י"ג און ווייטער) געוויזן דעם אונטערשייד צווישן די צילן וואָס עס זוכט דער „בעל התורה" און דער „פילוסוף".

האָט דאָך דער דער זעלביקער ר' יהודה הלוי געשריבן אין אַ שיר: „אל תשיאך חכמה יונית שאין לה פרי אלא פרחים" (אויסג' בערנשטיין, ז' 240). ער האָט זיכער געמיינט, אַז יענע „חכמה יונית" האָט נישט קיין השפּעה אויף דעם אויפפיר פון מענטשן, און אָן דעם איז אַלץ נאָר „בלומען" — די עס־טעטיק איז נאָר אַ מיטל, אָבער נישט קיין ציל.

און היות דער ייִדישער זוכנדיקער גייסט איז אַלע מאָל געווען געפירט מער אינטויִטיוו איידער ראַציאָנעל, דערפאַר איז אין די ייִדישע שאַפונגען אַלע מאָל פאַראַן מער עמאָציע איידער ראַציאָ. אַמאָל געלייענט אַז ווען יול־יוס צעזאַר איז געגאַנגען איבער די אַלפּן האָט ער געשריבן זיין גראַמאַטיק, ער האָט זיך בלויז באַקלאָגט אויף די שוועריקייטן פון דעם מאַרש. דער ייִדי־שער גייסט האָט באַטראַכטנדיק די כמעט מאַנאָטאָנע נאַטור פון זיין היימ־לאַנד, זיך געזונגען „ברכי נפשי״, איז ער דערגאַנגען ביז עקסטאַז פון „מה רבו מעשיך ה׳!״ און דער זעלביקער דערהויבענער פּאָעטישער גייסט זאַפּט דאָך דורך אַלע נבואה־ספרים און שפּעטער. איז נישט ר׳ שלמה איבן גבירולס „כתר מלכות״ אַ פילאָסאָפיע וואָס דערפירט צו... פּאָעזיע? און דער זעלביקער עמאָציאָנעלער גייסט דרינגט דורך אונדזער ווייטערדיקער שאַפונג אויך. דערפאַר איז ביי אונדז דער „קאַלטער״ ראָמאַן ווייניקער אַנטוויקלט ווי די ליריק. דערפאַר אפשר איז אין אונדזער מוזיק נישטאָ דער לאַנגער אָטעם פון אַ גאַנצער סימפאָניע; דערפאַר אפשר האָט דער טיף־ייִדישער חסידישער ניגון און טאַנץ אַזוי פיל התרוממות הנפש, מיט דער שטרעבונג צו התפשטות הנשמיות, צו דערהייבן זיך צו די עולמות העליונים... קען זיין אַז איין מקור צו די אַלע דערשיינונגען.

און דערפאַר איז פאַר ייִדן משיח אַלע מאָל אין דעם ווייטן באחרית הימים, בעת פאַר אַנדערע איז ער שוין לאַנג געקומען. קען זיין אַז טאַקע צוליב זיין גרויסער אהבת ישראל האָט דער רוס קאָראָלענקאָ זיך דערהויבן צו זיין קליינער דערציילונג „פייערלעך״ צו שרייבן „ווי גוט עס איז ווען די פייערלעך זענען אַלע מאָל פאָרויס״...

***

ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט האָט ער כידוע באַשאַפן דעם עץ הדעת און דעם עץ החיים. האָבן אַנדערע געשטרעבט צו דעם עץ החיים און אַנדערע — צו דעם עץ הדעת. צוויי שטראָמען. האָבן די גריכישע געטער זיך געגרייסט און זיך געשלאָגן מיט מאַכט פאַר מאַכט, מיט דעם כוח פון מאַכט, ווייל מ אַ כ ט א י ז א ו י ך ר ע כ ט. און ביי ייִדן פון אברהם אָבינו אָן איז עס פאַרקערט: ר ע כ ט א ו ן מ אַ כ ט און מיט דעם כוח פון גערעכטי־קייט קעמפט אברהם קעגן גאָט אַליין אַפילו (זיין תפילה פאַר סדום) און אַזוי דורך דער אייביקייט, ביז „בערל שניידער״ ביי פּרצען און ביז אַ „דין תורה מיט גאָט״ ביי אַנ־סקי.

און דערפאַר האָט דער גרויסער פּלאַטאָן גאַנץ רויִק באַרעכטיקט קנעכט־שאַפט; ווער עס האָט די מאַכט צו פאַרשקלאַפן מענטשן מעג עס. האָט דער גרויסער און גרעסטער אַריסטאָטעל געהאַלטן אַז „פרייע״ מענטשן דאַרפן

נישט טאָן קיין פיזישע אַרבעט, ווייל דאָס איז באַשטימט פאַר „קנעכט". און בערך אין דער זעלביקער צייט האָט נחמיה — ווייט נישט קיין פילאָסאָף באַפרייט קנעכט אין דעם קליינעם און אָרעמען און שוואַכן ישוב פון שיבת ציון. דערפאַר האָט נאָך פריִער ערב דעם חורבן ירמיהו אַזוי מוטיק געקעמפט פאַר דער באַפרייונג פון קנעכט. ווי ווייט זענען די צוויי וועלטן! ווי ווייט פון אַנאַנד!

און דערפאַר איז אַזוי שלעכט אָוועק די וויסנשאַפט בכלל. דורות האָט זיך געצויגן די מחלוקת — וויסנשאַפט צוליב וואָס? האָט די וועלט געזוכט וויסנשאַפט כדי דאָס אַנצוווענדן אין לעבן, צו „פוצן די שטיוול" ווי עס לאַכט זיך אויס יוחנן מלמד, וויסנשאַפט — צו קאָכן אַנבייסן, וויסנשאַפט — צו שאַפן אַטאָם־באָמבעס, גיפטיקע גאַזן און וואָס נישט? האָבן אָבער גע־ציילטע גרויסע גייסטער דורות געקעמפט פאַר „תורה לשמה", פאַר ריינער וויסנשאַפט: אָדער די וויסנשאַפט וועט דעם מענטשן פאַרגעטלעכן, אָדער ער וועט זי פאַרשוועכן און זי וועט אים אומברענגען. האָט אין ענגלאַנד פאַ־ראַדיי נישט געטראַכט איינצושפּאַנען זיינע עלעקטרישע פרינציפּן אין מאַ־שינען. האָט אַ רענטגען נישט געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ נוצן זיינע שטראַלן וועלן ברענגען, האָט דער „בטלן" ל. פאַסטער פאַרטרויערט געפסקנט, אַז „דער דייטשער אוניווערזיטעט האָט עס גובר געווען דעם פראַנצויזישן פאַ־ליטעכניקום". האָט אין רוסלאַנד דער טיפער געלערנטער און ליכטיקער קעמ־פער ק. טימיריאַזעוו אַ לעבן געקעמפט קעגן דער אַנגעווענדטער און פאַר דער ריינער וויסנשאַפט, פאַר „תורה לשמה" (זען זיין „דעמאָקראַטיע און וויסנ־שאַפט", רוסיש). די וועלט האָט אָנגענומען פּראָמעטעוס פייער און נישט ישעיהוס. און ווער ווייס וואָס אָט דאָס פייער וועט ברענגען פאַר דער מענטש־הייט. דערווייל איז מקוים געוואָרן אַן אַלטע אגדה פון תלמוד:

אַז נח האָט זיך געראַטעוועט פון מבול האָט ער זיך גענומען צו פלאַנצן אַ ווייַנגאָרטן צו דערפרייען גאָט און לייט. איז אָבער געקומען דער שטן און געמאַכט מיט אים שותפות. וואָס נח האָדעוועט אויס צום גוטן, פאַרקערעוועט דער שטן צום שלעכטן, צום בייזן. און אַלץ ווייל די תורה פון די נביאים האָט מען געלאָזט פאַר דער קירך, ווייל פון די נביאים האָט מען געמאַכט וואָרזאָ־גער און וויסטע טרעפער, ווייל מען האָט זיי אָוועקגעזעצט אויפן הימל, כדי זיי זאָלן אויף דער ערד נישט שטערן צו טאָן אַלע אומווערדיקייטן...

דער אונטערשייד ליגט אַפילו אין די צוויי ווערטער־באַגריפן — ת ו ר ה און וו י ס נ ש אַ פ ט. תורה מיינט דאָך לערנען, אויסלערנען, אָנווייזן, דיריגירן, ריכטן, פירן — אַלץ באַגריפן פון דער מאָראַלישער וועלט. בעת וויסנשאַפט באַנוגנט זיך מיט דעם וויסן און זאָרגט זיך לגמרי נישט פאַר דער

השפעה פון דעם לערנען אויף דעם מענטשן ווי אַזאַ. אַט דער פּעדאַגאָגיש־דידאַקטישער אונטערשייד עקזיסטירט ביז היינט אין די פאַרשיידענע סיס־טעמען פון דערציִונג. אַ ייִדיש ווערטל איז דאָך, זאָגט מען, להבדיל א תורה, — דערציילט מען: אַ יונגערמאַן איז געקומען צו אַ גאון נעמען סמיכה, זאָגט ער: רבי, איך האָב אויסגעלערנט גאַנץ ש״ס. ענטפערט אים דער רב: דאָס איז נישט וויכטיק, וויכטיקער איז וואָס דער ש״ס האָט דיך אויסגעלערנט. דער־פאַר איז ריכטיק דער מאמר חז״ל „תאמר חכמה בגויים — תאמין, תימר תורה בגויים — אל תאמין״ (איכה רבה, פ״ב, י״ג).

אַט דאָס זענען די צוויי וועגן פון מענטשלעכן גייסט — דער פילאָסאָ־פיש־גריכישער און דער נביאיש־ייִדישער. וואָסער פון די צוויי איז העכער, שענער, בעסער — ווייס איך נישט, — אָבער איינס ווייס איך באמונה שלמה: פראָמעטעוס׳ פייער אָן ישעיהוס וועט די וועלט זיכער פאַרברענען און אומ־ברענגען. וואָס מער טעכניק און וויסנשאַפט, — אַלץ מער נביאישן וואָרט דאַרף די וועלט.

***

ווען מען פרעגן: ווו נעמט מען זיי איצט די נביאים, אַז זיי זענען דאָך נישטאָ?

איז עס נישט ריכטיק; זיי זענען יאָ דאָ. דען צוויי וועגן זענען פאַראַן אין אויפנעמען אַלטע קולטורן. איין וועג איז דער גריכישער — מען דאַרף יעדער שאַפונג אַ ר יי נ נ ע מ ע ן אין אַ ראַם פון צייט, אָרט און באַדינגונגען. און אַ צווייטער וועג איז דער ייִדישער — מען דאַרף יעדער שאַפונג אַ ר ו יס־נ ע מ ע ן פון צייט און אָרט און זי אויפנעמען ווי היינט, ווי אייביק. רופן מיר די וועגן: „היסטאָריזאַציע״ און „אַקטואַליזאַציע״. ווער זאָגט עס, אַז סדום איז געווען בלויז אַמאָל ערגעץ אין אַ ווינקעלע ביי דעם ים המלח? און פאַרוואָס איז סדום נישטאָ היינט און אַלע מאָל און אומעטום? און צי האָט עס בלויז איין מאָל אין גרויען פאַרצייטן אליהו אָנגעכאַפּט דעם שטאַרקן קי־ניג און אים אין פּנים אַריינגעשריגן „הרצחת וגם ירשת?״ און צי דען האָט עס בלויז איין מאָל און בלויז צו זיין דור ירמיהו מיט ווייטיק געשריגן „מיך האָבן זיי פאַרלאָזט — אַ קוואַל לעבעדיק וואַסער און זיי זענען געגאַנגען גראָבן גריבער, גריבער צעבראָכענע וואָס קענען דאָס (אָנגעגאָסענע) וואַסער נישט איינהאַלטן?״ צי חזרט ער די ווערטער נישט איבער צו אַלע ייִדן פון אַלע דור־רות און פון אַלע תקופות?... באשר מיר האָבן אויערן און מיר הערן נישט, ווייל מיר ווילן נישט הערן. רעדט דאָך אויך צו אונדז ירמיהו און ווייזט אונדז אַ דוגמא פון די רייכאָוויסטן (בני רכב) וואָס היטן אַזוי הייליק אָפּ די טראַ־דיציע פון זייערע עלטערן, בעת אַלע אַנדערע ייִדן איז „וויפל שטעט — אַזוי

פיל געטער האָט איר דאָך" און וויפל לענדער איר באַוויזנט, אַזוי פיל שפּראַכן און אַזוי פיל קולטורן פאַרמאָגט איר...

באשר — אַ נביא הערט גאָטס קול נישט מיט זיינע אויערן און צוהערן זיך צום נביא קען מען אויך נישט מיט די פליישענע אויערן...

***

אָבער עס איז דאָ נאָך איין סיבה פאַרוואָס אַ וועלט זוכט אין די פילאָ־סאָפישע טראַקטאַטן אידייען און מען זוכט זיי נישט אין די ספרים פון די נביאים. נישט ווייל זיי פעלן דאָרטן. חס ושלום! זיי זענען דאָרטן פאַראַן נישט ווייניקער, אָבער נישט זיי זענען דער עיקר.

דער נביא האָט געזוכט נישט אידייען נייערט אידעאַלן; ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַנוגנט מיט דעם וואָס ע ס א י ז ד אָ און וואָס עס איז פאַר אים קלאָר, — ער האָט דאָך תמיד געשטרעבט צו דעם וואָס עס ד אַ ר ף ז יי ן. האָט ער זיינע אידייען, זיין וועלט־באַנעם נישט געפּוצט, נישט געשליפן, נישט געוויזן דער מענטשהייט ווי קלוג און ווי שיין ער באַ־נעמט די וועלט — די שטרעבונג צום אידעאַל האָט אַלץ פאַרשטעלט.

און דאָס ווי אויך דאָס שטעלן העכער דעם אינטויִטיוון אמת איבער דעם דיסקורסיוון האָט נישט געלאָזט ביי יידן זאָל זיך אַנטוויקלען די גאַנצע סיס־טעם פון לאָגישן באַווייזן דעם אמת. ביסט נישט קראַנק אַליין צו פאַרשטיין. ווי מאַנאַטאַן איינהייטלעך עס זענען נישט אַלע נביאים, זענען זיי דאָך זייער קאַרג אויף לאָגיק און אויף לאָגישע באַווייזן און דערקלערונגען. שפּעטער, אין דער צייט פון תלמוד און נאָך שפּעטער איז אָט די לאַקאָנישקייט דער־גאַנגען ביז צו דעם מעטאָד פון פ׳ ר׳ ד׳ ס׳ *. יעדער זאַץ קען מען פאַרשטיין לויט זיין פשוטן באַטייט,, מען קען אים דרשענען, מען קען אין אים געפינען אַ רמז און סוד פאַר עפּעס וואָס איז ברייטער און טיפער פון דעם וואָס עס איז געזאָגט. עס איז געקומען ביז צו דער פאָרמול „וד״ל" און „ודו״ק" און „והמבין יבין" וכדומה. אָבער דער לאַקאָניזם איז שוין געווען ביי די נביאים אויך בנוגע צו די פּראָבלעמען וואָס זענען געווען אין זייערע אויגן פון דער צווייטער מדרגה. איז אין דער גריכיש־אייראָפּעִישער וועלט געוואָרן אַנט־וויקלט אַ קולט פאַר דיסקוסיעס, פאַר אַ מין קאַמף מיט לאָגישע געווער. ווער עס פאַרווילט דעם עולם צוקוקערס מיט פויסטגעפעכט, ווער — מיט שווערד און שפּיזן, — ביי יידן האָט מען אויך געקענט די קונסט צו דיסקוטירן און מטהר זיין דעם שרץ מיט ק״ן טעמים. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ שפּיל,

---

* פּשט, רמז, דרש, סוד.

קיין שום ערנסטע באַציִונג צו דעם איז נישט געווען. האָבן זיך די נביאים באַמיט זייערע צוהערער זאָלן דעם אמת דערפילן, אים אָננעמען מיט האַרץ, עמאָציאָנעל, האָבן זיי זיך לגמרי נישט באַמיט זייער אמת צודערווייזן לאָגיש...

האַלט איך דעם ייִדישן גאַנג פאַר בעסער, ריכטיקער און פרייער, נישט אין פאַרגלייך פעדאַגאָגישער: דער אמת ווערט אויף קיינעם נישט אַרויפגעצוווּנגען מיט לאָגישן געוואַלט, נאַ דיר אַ ווונק, אַ רמז און „ואידך זיל גמור" — גיי און שאַף זיך אַליין דיינע אמתן, און וואָס דו וועסט אַליין שאַפן, דיינע געדאַנקען און דיינע אמתן זענען נישט ווייניקער וויכטיק און הייליק ווי דאָס וואָס עס איז געגעבן געוואָרן למשה מסיני (כל מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש...) און דער אבי הנביאים — משה — גיט זיך אַ זאָג „מי יתן והיה כל עם ה׳ נביאים". און נאָך מער — די גאַנצע פילאָסאָפיע וואָס גיט זי? מאי קא משמע לן? אַז די צילן זענען דאָך אַ סך ווייטער, אַז לא המדרש עיקר, אַז בסך־הכל דאַרף מען זיך גאָרנישט גריבלען אין מה למעלה און מה למטה, אין דער מעשה מרכבה. איז דאָך ביי ייִדן לחלוטין נישטאָ קיין רעליגיעזע פילאָסאָפיע, קיין טעאָלאָגיע. די גאַנצע זאָרג, די גאַנצע שטרעבונג איז געווענדט צו דעם מענטשן, צו אַנטוויקלען דאָס געטלעכע אין דעם מענטשן און אָט דאָס מאַכן אַקטיוו. מען הייסט דיר נישט גלייבן אין גאָט, מען הייסט דיר נישט דינען צו גאָט, נישט מאַכן אים קיין יום־טובים, נישט קיין פאַרשטעלונגען, קיין בילדער, קיין באַגריפן וועגן גאָט, נישט זוכן פאַר אים קיין אַטריבוטן... גאָרנישט. איז דער ייִדישער געדאַנקענגאַנג, געשאַפן דורך די נביאים אינגאַנצן אַנדערש, אָפט דיאַמעטראַל קעגנגעשטעלט צו דער טראַדיציע פון דער גריכיש־רוימישער קולטור. און עס איז אָן ספק, אַז דער ייִדישער דענקענדיקער גייסט האָט נישט געקענט קוקן אויף דער פילאָסאָפיע אַנדערש ווי אויף שיינע בלומען וואָס טראָגן אָבער נישט קיין פרוכט. האָבן שוין די נביאים נישט געהאַט קיין צייט און נישט קיין געדולד סתם זיך צו פאַרשפרייטן און ברייט צו דערקלערן זייער געדאַנקען־וועלט, ווען פאַר זייערע אויגן איז תמיד געשטאַנען גאָר אַן אַנדער ציל — לתקן עולם במלכות שדי — אויסצובעסערן די מענטשן און די גאַנצע וועלט. אָט דער ווייטסטער חלום, דער נביאישער חלום פון והיה באחרית הימים ווען מען וועט צעברעכן די שווערדן אויף אַקעראייזנס — דאָס איז דער ווייטסטער און דער העכסטער אידעאַל פון דער נבואה. ער איז קענטיק געווען גאַנץ פּאָפּולער, וואָרום אין אונדזער תנ"ך געפינען מיר אים צוויי מאָל (אין ישעיהו און אין מיכה) מיט גאָר קליינע וואַריאַציעס. און געשאַפן איז דער נביאישער חלום אין דער זעלביקער צייט ווען דער גרויסער סנחרב האָט געלאָזט אויסקריצן אויף אַן אָבעליסק זיינע גרויסע אויפטוען: וויפל מיילן בלוט־שטראָמען ער האָט פאַרגאָסן און

איבער וויפל טויטע קערפּערס זיינע רייטוועגענער זענען אַריבער... ווי ווייט האָט געדאַרפט זיין פון דעם דאָס פאָלק וואָס האָט אָפּגעהיט ווי אַ הייליקייט דעם „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה" און דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ פון די נביאים האָט זיי דיקטירט אַז אָט דער אייביקער שלום וועט קומען דורך דעם יידישן פאָלק... און אָט טאַקע דער אידעאַל פון דעם אייגע־נעם פאָלק האָט געטריבן דעם טעמפּעראַמענט פון די נביאים צו שטראָפן און צו מוסרן דאָס זעלביקע פאָלק: ס'טייטש! אַ פאָלק וואָס דאַרף טראָגן אין זיין לעבן אַזוינע הויכע מיסיעס, זאָל גאָר זיך פירן ווי אַלע אַנדערע פעלקער, נישט בעסער!... „איר זייט ביי מיר נישט קיין יחסנים, נישט בעסער ווי די כושים און אַנדערע, אָבער איך האָב אייך, נאָר אייך אויסגעקליבן פון אַלע פעלקער־משפחות, צוליב עפּעס דאָך אַ ציל, אַן אויפגאַבע, — און איר ווילט זיין נישט אַנדערש ווי אַלע!..." אָט דאָס טוט דעם נביא וויי. דער אייביקער אידעאַל פון קדושים תהיו, והייתם לי גוי קדוש וכדומה. נישט ערדיש גליק, נישט רייכקייט און נישט שטאַרקייט זוכט דער נביא פאַר זיין פאָלק, נאָר הייליקייט און געטלעכקייט אין לעבן. און אָט די געטלעכקייט באַשטייט נישט אין גאָט־דינען, נישט אין רעליגיעזע צערעמאָניעס, אין יום־טובים און פּאַ־ראַדן וכדומה. קורץ און שאַרף זאָגט דאָס איין נביא מיט פּשוטע ווערטער „כי צדק חפצתי ולא זבח" אָבער דאָס חזרן איבער כמעט אַלע נביאים. ירמיהו דערגייט ביז צום אָפּלייקענען די תורה: „כי לא דברתי את אבותיכם ולא צויתים ביום הוציאי אותם מארץ מצרים על דברי עולה וזבח" (ירמיהו ז' 22). עס איז גאָר אַ ליגן אַז מען האָט יידן געהייסן ברענגען קרבנות, גאָר קיינמאָל האָט ער גאָר גאָט נישט פאַרלאַנגט! די גאַנצע פּראָגראַם פון די נביאישע פאָדערונגען איז אַ ריין סאָציאַלע, גלייכהייט, גערעכטיקייט לגבי דעם שוואַכן, קאַמף קעגן יעדער אונטערדריקונג פון דעם שוואַכן — דאָס איז דאָך די גאַנ־צע פּראָגראַם פון דער נבואה. איז עס אַ ריין וועלטלעכע פּראָגראַם אין אַ רע־ליגיעזער פאָרעם.

דאָ מוז מען צוגעבן: מיר זענען אויף קיין איין מאָמענט נישט חושד די נביאים אין ווערן אָפּנאַרן דאָס פאָלק. חס ושלום! זיי האָבן באמונה שלימה געגלייבט, אַז אַלע זייערע אידייען און ווערטער קומען פון גאָט, גאָטס שטים האָט גערעדט נישט צ ו זיי נאָר א י ן זיי... נישט אומזיסט האָבן דאָך אַלע נביאים אַזוי שטאַרק באַקעמפט די מאַטעריאַליזאַציע פון גאָט. דאָס דער־גייט ביז צו אַ גראַנדיעזער פּאַטעטישער הייך ביי ישעיהו דעם צווייטן וואָס האָט פאַר זיך געזען די געפּוצטע געצנדינערייַ פון בבל.

אַלע נביאים זעען דעם מאָרגן ווי אַ תולדה פון דעם היינט. דאָס אומ־גליק וואָס קומט אויף מענטש און פאָלק האָט זיין עמבריאָן אין דער פירונג

פון היינט. נישט גאָטס כעס און זיין ליבע ברענגען גליק און אומגליק, נייערט תיסרך רעתך — דו אַליין מיט דיין אויפפיר, מיט דיין גאַנג. דאָס וואָס מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער האָט רוסאָ אָנגערופן „נאַטירלעכע שטראָף", דאָס איז ביי די נביאים געווען דער גאַנצער וועלט־באַנעם. שפּעטער איז עס געוואָרן דער „מפּני חטאינו" — אין אונדזערע צרות און אומגליק זענען מיר אַליין שולדיק, נישט בלויז היינט נייערט דווקא נעכטן, פריער: „אבות אכלו בוסר ושיני בנים תקהינה" — די עלטערן האָבן געזינדיקט און זיי זענען שוין נישטאָ און מיר ליידן זייערע זינד, נישט די שטראָפן, נייערט די תולדות, די נאַטירלעכע רעזולטאַטן פון זייער שלעכטן פיר.

און מיר דוכט זיך, אַז דער צוגאַנג, די אַזוי צו זאָגן „מאָראַלישע היסטאָריאָסאָפיע" האָט זיך באַרעכטיקט אין אונדזער גאַנצער געשיכטע. נישט דאָ איז דאָס אָרט צו מאַכן היסטאָרישע אַנאַליזן, אָבער איך גלייב באמונה שלימה אין דעם „מפּני חטאינו". מער נישט געזינדיקט האָבן מיר נישט קעגן אַ גאָט אין הימל און ער איז אין כעס געוואָרן, נייערט מיר האָבן געזינדיקט און מיר זינדיקן ווייטער קעגן זיך אַליין, קעגן אַלע פּרינציפּן פון אייגענער ייִדישקייט, פון דער ייִדישער געטלעכקייט און דערפאַר האָבן מיר די צרות פון דער וועלט. דאָס גליק און אומגליק הענגען נישט אָפּ פון מאַטעריאַליסטישער פאַרזיכטיקייט, פון לאַנד, פון מדינה, — האָט געלערנט דער טיפּסטער פון די נביאים — ירמיהו. מען קען זיין גליקלעך אין גלות און אומגליקלעך אין דער אייגענער מדינה (קאַפּ׳ כ״ד און כ״ט). דאָס גליק אָדער אומגליק זענען ווידער אַמאָל נישט פון מאַטעריעלן כאַראַקטער, נאָר זיי זענען אין זיך, אין דעם מענטשן, אין זייער לעבן. די גאַנצע פּאָליטישע מאַכינאַציעס, פאַרבינדונגען מיט מצרים אָדער מיט בבל זענען גאָרנישט ווערט. אין זוכן אויסצונוצן דעם אַנטאַגאָניזם פון די „צוויי גרויסע" וועט מען נישט געפינען קיין גליק, דאָס דאַרף מען זוכן אין דער אייגענער גליקזעליקייט, אין זיך. און ווייל די נביאים האָבן כסדר געהאַלטן אין וואָרענען דאָס פאָלק מיט צוקונפטיקע רעזולטאַטן פון דעם שלעכטן היינטיקן אויפפיר, האָט די וועלט אויף אַ האַמעטנעם ווולגאַרן אופן אין זיי דערזען סתם פאַרויסזאָגער, פּראָפעטן. דערצו האָט אויך זיכער צוגעהאָלפן די השפעה פון דער נישט־ייִדישער וועלט מיט דער נייגונג צו גלייבן אין איבערנאַטירלעכע, אויסערנאַטירלעכע געטער און האַלבע געטער (וואָס האָבן געקראָגן דעם פאַלשן נאָמען „היילי־קע") מיט זייערע אומנאַטירלעכע ניסים פון אַ גראָב־מאַטעריאַליסטישן געצנדינערישן כאַראַקטער, וואָס דער ייִדישער צוגאַנג האָט זיי קוים פאַרטראָגן.

די נעגאַציע פון אַלע מאַטעריעלע הייליקייטן, פון דעם עצם־באַגריף האָט געפירט ירמיהון ביז צו דער נעגאַציע פון דעם ווערט פון בית־המקדש. נישט

די שטאָט ירושלים פאַר זיך איז הייליק, טייער, נישט אַפילו דער „היכל ד׳ היכל ד׳ היכל ד׳״, וואָרום „גייט און זעט וואָס גאָט האָט געטון מיט זיין ערשטער הויז אין שילו״... נישט דאָס לאַנד, נישט דאָס הויז פון גאָט — קיין שום מאַטעריעלע הייליקייט, נייערט די טואונגען פון מענטשן, זייער אויפפיר — דאָ איז דער מקור פון אַל דעם הייליקן און אומווירדיקן. דער־מיט איז ירמיהו געוואָרן דער ערשטער... גלותיסט. ער, דער מקונן, דער באַ־וויינער פון חורבן, דער קלאַגמייסטער — ער האָט דער ערשטער געגעבן מוט צו בויען יידישקייט אין גלות, ער האָט גערעדט און געלערנט, אַז אין גלות קען זיין אַ יידישקייט שענער און בעסער ווי אין היימלאַנד. דאָס איז זיכער געווען אַ רעוואָלוציע פון געדאַנק דעמאָלט און אויך איצט וואָלט עס גע־קענט אויפרעגן און אַריינברענגען אין כעס אַ וועלט מיט יידן...

ירמיהו האָט אַריינגעבראַכט נאָך מער רעוואָלוציע פון געדאַנק. ביז אַ צייט, טאָקע ביז דעמאָלט איז קענטיק ביי יידן נישט געווען קיין באַגריף פון פערזענלעך גליק און אומגליק. מען דאַרף זיך פירן גוט, כדי דאָס פאָלק זאָל זיין גליקלעך, דאָס פאָלק זאָל לאַנג לעבן אין זיין לאַנד אאַז״וו. ירמיהו האָט אַריינגעבראַכט דעם באַגריף פון אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פערזענלעכן שכר ועונש. ער זאָגט (ל״א 28־29) „מען וועט שוין דעמאָלט מער נישט זאָגן — די עלטערן האָבן געגעבן אומצייטיקס און ביי די קינדער וועלן אייליק ווערן די ציינער. נייערט אַ מאַן וועט שטאַרבן צוליב זיינע זינד, און דער וואָס עסט אומצייטיקס, וועלן זיינע ציינער אייליק ווערן״. דאָ איז גע־לייגט געוואָרן דער יסוד פון דער שפּעטער אַנטוויקלטער טעאָריע פון „השגחה פרטית״. שוין ירמיהו אַליין זעט די סתירה צווישן דער פּערזענלעכער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט און דעם „מדוע דרך רשעים צלחה״ (י״ב 1). דאָס איז דאָך די פּראָבלעם וואָס האָט זיך שפּעטער צעוואַקסן ביז דער איוב־טראַגעדיע, כדי צו פאַרענטפערן די סתירה איז שפּעטער אויפגעקומען דער גלויבן אין פערזענלעכן שכר ועונש, וואָס קומט שפּעטער, אויף יענער וועלט, דער גיהנום און גן־עדן, וואָס זענען לכתחילה געווען גאַנץ ערדישע באַגריפן, געאָגראַפישע ערטער און זיי האָבן געדינט ווי מוסטערן צו געבן אַ פאָרשטעלונג. זיי זענען ערשט שפּעטער געוואָרן פאַרזיכיקע באַגריפן פון צוויי טעריטאָריעס אויף יענער וועלט ווו גאָט פירט זיינע חשבונות מיט יעדער מענטשן פריוואַט.

איך ריר דאָ לגמרי נישט אָן די ליריש־פּאָעטישע, די ליטעראַרישע זייט פון דער נבואה. גרויס, אומענדלעך גרויס האָט געמוזט זיין דער פּאָעטישער עקסטאַז פון דעם נביא וואָס האָט געקענט זיך ווענדן צו הימל און ערד, צום גאַנצן קאָסמאָס און זיי נעמען פאַר עדות צו זיינע רייד „שמעו שמים והאזיני ארץ, כי ד׳ דבר!״ אָן דעם עקסטאַז, אָן דעם טיפן גלויבן אין דער אייגענער

שליחות וואָלט קיין נביא קיין נביא נישט געקענט זיין, וואָלט אליהו נישט געקענט קעמפן קעגן אַלעמען, זיך מייאש זיין, אַנטלויפן אין מדבר און דאָרטן דערהערן דעם קול דממה דקה וואָס שיקט אים צוריק קעמפן... אַ נביא קען פון זיין גורל נישט אַנטלויפן. ער קען באַוויינען און פאַרשילטן זיין נביאישן גורל, ווי דאָס טוט נישט איין מאָל ירמיהו, אָבער ער קען נישט „אויסלעשן דאָס פייער וואָס ברענט אין אים", דער „היה כאש בעצמותי".

אָט דאָס ברויזנדיקע פייער אין האַרץ פון נביאים האָט תמיד צעבלאָזן דאָס בילד פון ייִדישער אַסימילאַציע. צו שטאָלץ איז געווען יעדער נביא ער זאָל קענען רויִק צוזען ווי זיין פאָלק, באַלאָדן מיט אַזוינע הויכע מיסיעס, מאַכט גאָר נאָך אַנדערע, אַלע נאַרישע „תועבות הגויים". דאָ האָבן אַלע נביאים געשטורעמט, געגאָסן פלאַמען, געשליידערט שטיינער ווי דער סמבטיון. יעדער לויט זיין טעמפעראַמענט און פּאָעטישער גבורה. פייערט אליהו מיט זיינע ווערטער און מיט זיינע אויגן וואָס קענען פאַרברענען, מוסרט עמוס מיט אייזערנער לאָגיק; שיט פעך און שוועבל ישעיהו אויף די קציני סדום און עם עמורה; קלאָגט און וויינט דער האַרציקער ירמיהו אויף די „צוויי בייזן, וואָס זיין פאָלק האָט געטאָן: זיין אייגענעם גאָט האָט ער פאַרלאָזט יואָס ער איז אַ לעבעדיקער קוואַל און עס גייט גאָר גראָבן גריבער, גריבער וווהין מען דאַרף אַנגיסן וואַסער און עס קען נישט איינהאַלטן דאָס וואַסער"... וויפל מאָל מיר זעען דאָס: די אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור, וואָס קוועלט אין איטלעכן וואָס טראָגט זיך, פאַרוואַרפט מען און מען נעמט איבער פרעמדע קולטור־ברעקלעך, וואָס... וואָס זענען קיין מאָל נישט אָרגאַניש אייגנס ביי דעם איבערנעמער...

...אייביק איז די ייִדישע אַסימילאַציע, פון משהס צייטן אָן. שווער צו זיין אַ ייִד; ייִדישקייט הייסט איינצאַמען אינסטינקטן, איינהאַלטן זיי. אַנדערע קולטורן, פאַרקערט, פאַרגעטערן אינסטינקטן. איז „פויק און געזאַנג, און האַרף און ווין זייער יום־טוב", דאָס און נאָך עפּעס. זינגט דער ייִד „אַז מען טאָר נישט און מען טאָר נישט", „גייט אַ גוי אין שענקל אַריין, גייט אַ ייִד אין שולכל אַריין". איז דער בעל פעור מיט זיין רעליגיעזער זנות בעסער ווי דער ייִדישער גאָט, איז דער בעל און עשתרה געשמאַקער, איז די העלעניסטישע נאַקעט־קערפּערלעכע קולטור אַנציִעוודיקער איידער די ייִדישע סיג לסיג, און דער הרבה להם תורה ומצוות. איז ביז היינט דער נישט־ייִדישער „הייליקער טאָג" (האָלידיי, סאַנטאַ, פּראַזדניק, סוויענטא) געוואָרן אַ טאָג פון אָפּרו, פון פאַרווייַלונג, פון הוליען און פאַרברענגען, פון לעבן אַ גוטן טאָג; איז, פאַרקערט, דער ייִדישער „גוטער טאָג" (יום־טוב) געוואָרן אַ טאָג פון חשבון הנפש, פון ליבע־געזאַנגען צו גאָט, פון הייליקונג,

פון קידוש און נישט בלויז „יום מנוחה", נאָר אויך פון „מנוחה וקדושה"...., טאָ ווי זאָל זיך נישט גלוסטן צו גיין אויף דעם גרינגערן וועג? אויף דעם וועג פון ווילטיק און פאַרגעניגן? און דערצו איז דעם „רשע גאָר גוט אויד", טאָ צו וואָס דאַרף מען די שטרענגע און שווערע יידישקייט? און דערצו קומט נאָך צו דער באַגער פון נידעריקן זיך אויסצוגלייכן מיט דעם הויכן, דער דראַנג פון אָרעמען זיך צו פאַרגלייכן מיט דעם רייכן, פון דער מינדערהייט מיט דער מערהייט... בקיצור — שווער צו זיין אַ ייד, שווער צוליב דעם דרויסן און אָפט נאָך שווערער אינעווייניק. און ווייט נישט אַלע האָבן די נייטיקע מאָראַלישע כוחות.

ווילן עס אָבער נישט פאַרשטיין די נביאים, ברענט זייער גרימצאָרן אויף דער אַסימילאַציע. נאָך מער, ווייל קיינער האָט ווי זיי נישט פאַרויסגעפילט די טראַגישע תולדות אירע: אַסימילאַציע מוז ברענגען דעמאָראַליזאַציע, צו פאַרלירן דעם גלויבן און אַכטונג צום אייגענעם קאָלעקטיוו, צו מאָראַלישער אָפּשוואַכונג, פון דאַנען איין טריט צו סאָציאַלער אָפּשוואַכונג, — און דערמאָלט קומט דער קלענסטער שונא און פטרט אָוועק אין גאַנצן. קלאָגט אויף דעם דער נביא, בענקט ר' שלמהלע (גאָלדענע קייט) נאָך די גרויסע, שטאָלצע שבת־יום־טובדיקע יידן... אַט אַזוי אַמאָל און אַזוי אויך היינט.

אַט אַזוי איז די נבואה די אייביקע באַגלייטערין פון יידישן פאָלק, דער אייביקער אויסדריקער פון אונדזער אַנדערשקייט, אונדזער באַזונדערן און אייגנאַרטיקן וועג דורך דער אייביקייט, ווייל עס ליגט אויף אונדז אַן אויפגאַבע „עם זו יצרתי לי — תהילתי יספרו"... מיר מוזן טראָגן אין דער וועלט און פאַרשפּרייטן אַ געטלעכע אידייע. דאָס איז אונדזער גורל, אונדזער אויפגאַבע, אַ שווערע אויפגאַבע, שווער איז צו זיין אַנדערש פון אַלעמען, שווער צו גיין אין אַ וועלט פון אייביקער געצנדינערייַ, פון אַלערליי מאַטעריעלע געטער, וואָס מען ברענגט צו זיי ביז היינט די פאַרשיידנסטע קרבנות, שווער צו זיין אַנדערש און „אלה ברכב, ואלה בסוסים, — אָבער אנחנו בשם אלוהינו". אוודאי איז שווער, אָבער פון דעם גורל גייט מען נישט אַוועק, קען מען נישט אַוועקגיין. עס ווילט זיך טאָקע נישט טראָגן דעם שווערן יאָך, אָבער „כפה עליהם הר" — און מען טראָגט אים — דעם שווערן באַרג, דעם יאָך, דעם גורל — די יידישע אַנדערשקייט.

דורות אַריבער, תקופות פאַרשוואונדן און געקומען, — און אַזוי גייען מיר און מיר טראָגן די אידייע, די אייגנאַרטיקע אַנדערשקייט אונדזערע, וואָס די נבואה איז איר ערשטער און מעכטיקער אויסדרוק. פאָרמען בייטן זיך, ענדערן זיך, אָבער אין תוך איז די נבואה געבליבן דער גייסט פון אונדזער פאָלק אין אַלע דורות, אין אַלע תקופות, לעולם ועד. איין פאָלק מיט אַזאַ מין אויפגאַבע און מיט אַזאַ וועג.

אַנדערש איז אונדזער לערנען

שטייט די גאַנצע מענטשהייט איצט פאַר גאָר אַ שווערער פּראָבלעם: דער מענטש האַלטן אין באַהערשן דעם קאָסמאָס און אין פאַרלירן דעם מענטשן. זוכט די וועלט אַ וועג ווי צו פאַרבינדן די וויסנשאַפט מיט דעם הומאַניזם, די טעכניק מיט דער מענטשלעכקייט. עס חזרט זיך איבער די מעשה מיט דעם גולם: דער מהר״ל האָט באַשאַפן דעם גולם און צום סוף הייבט גאָר דער דער באַשאַפענער גולם אויף די האַק אויף זיין באַשאַפער, אויף דעם מהר״ל אַליין.

גרויס און מעכטיק איז דעם מענטשנס וויסן, מיט זיין חכמה האָט ער באַשאַפן די גרעסטע און די שטאַרקסטע מלאכי חבלה. ווי קליין איז דער מענטש אַנטקעגן די כוחות וואָס ער האָט געפונען! און ווי נישטיק קליין עס איז געוואָרן דעם מענטשנס נשמה, ווי זי איז צערונען אין אַנגעזיכט פון די גרויסע כוחות. איז די גאַנצע וועלט איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון אַ רשע... איין איבעריק גלעזל בראָנפן, און לויט אַ גרינגן סיגנאַל קענען די מעכטיקע שדים, די מעכאַנישע מחבלים חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט.

גייט אַ געיעג — ווער פריער, ווער בעסערע מחבלים. און אַלץ מיט דעם כוח פון וויסן, פון דער וויסנשאַפט!

פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא, נו, און דער מענטש? נו, און די מאָ־ראַל זיינע? און די הייליקע געבאָטן וואָס אַלע רעליגיעס האָבן זיך באַמיט איינצופלאַנצן? „מענטש“ קלינגט דאָך גאָר הויך! האָט דאָך אים גאָט גע־געבן אַ געוויסן, אַ האַרץ צו פילן, אַ געוויסן צו משפטן זיך אַליין. ווו איז דאָס אַלץ? ווו איז דאָס מענטשלעכע אין מענטשן, דאָס הומאַנע? ווייזט זיך אַרויס, אַז דער שטן, דער אשמדאי האָט באַהערשט די וויסנשאַפט. דערשטיקט איז דער מענטש אין מענטשן. איז טראַגיש דער גורל פון דער וועלט. און אַלץ דערפאַר וואָס די וועלט האָט זיך נישט אויסגעלערנט לערנען ווי מיר פלעגן לערנען. מען מיינט אַז די צוויי געביטן זענען באַזונדער, זיי גייען אין צוויי באַזונדערע, פאַרשיידענע וועגן — הומאַניזם באַזונדער און וויסנשאַפט באַ־זונדער. בעת ביי אונדז איז עס געווען אַנדערש: פון „השמים מספרים כבוד אל ומעשי ידיו מגיד הרקיע“ און ביז צו „כתר מלכות“ פון רבי שלמה איבן גבירול ציט זיך איין קייט פון הומאַניסטישער וויסנשאַפט, פון וויסנשאַפט־

לעכן הומאַניזם. האָבן מיר נישט באַוויזן אויסצולערנען די וועלט לערנען. האָבן מיר אַליין פאַרגעסן אונדזער וועג אין לערנען.

און דאָ איז אַ גרויסער אונטערשייד אין די וועגן פון לערנען. מיר לער־נען טעקסטן און זיי לערנען טעקסטן. און עס איז פאַראַן אַ גרויסער מרחק צווישן אונדזער לערנען און זייער לערנען. ביי די אומות העולם איז דאָס לערנען אַ שטודירן די טעקסטן, כדי זיי צו וויסן, קלאָרקייט דאַרף זיין אין לערנען! דאַרף דער טעקסט זיין פערפעקט, פאַרענדיקט, ער דאַרף זיין דע־טאַלירט קלאָר; עס טאָרן נישט בלייבן קיין אומקלאָרקייטן, קיין סודות. ביי יידן איז עס פאַרקערט; מיר האַלטן אין איין לערנען די „סודות התורה״, די „סתרי תורה״, ווייל די תורה איז קיין מאָל נישט פאַרענדיקט, ווייל מען מוז די דברי תורה כסדר אַנטוויקלען ווייטער, ווייל די דברי תורה זענען געגליכן צו לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס פאַרמערן זיך כסדר. עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן ספּעציעלע מעטאָדן די תורה צו דרשענען; ווייל דער וואָס נעמט אַן אַ פּסוק ווי עס איז זיין צורה, דירעקט ווי ער שטייט אין דער תורה, דער איז גאָר אַן „אויסטראַכטער״ (בדאי). איינע פון ר׳ עקיבאס גרויס־קייטן איז דאָס וואָס ער האָט געקאָנט דרשענען אַלע ווערטער „את״ און „גם״ וואָס אין דער תורה; אויף יעדער שטריכעלע איבער די אותיות האָט ער גע־קאָנט דרשענען גאַנצע בערגלעך (תלי תלים) תורה; ווייל „וואָלט די תורה געגעבן געוואָרן אַ פאַרטיקע, אַן אָפּגעשניטענע, וואָלט דאָך נישט געווען אויף וואָס צו שטיין, צו האַלטן זיך״.

ביי די אומות העולם באַשטייט זייער גאַנצע קולטור פון פערפעקט פאַר־ענדיקטע זאַכן. איז מאַלעריי, דאַרף עס זיין מוזייען פאַרענדיקטע בילדער און סקולפּטורן, וואָס מוזן אָפּגעהיט ווערן אין זייער פערפעקטקייט; איז עס מוזיק — איז ווידער גרויסע און פערפעקט־אויסגעענדיקטע סימפאָניעס; איז דאָס ליטעראַטור — גרייסט מען זיך מיט די גרויסע ביבליאָטעקן. ביי אונדז טאָרן מיר גאָר נישט האַלטן עפּעס פאַר פאַרענדיקט, פאַר עפּעס וואָס מען זאָל נישט קענען פון דעם איבערשאַפן און אָנבויען אויף דעם נאָך און נאָך. די וואָס האָבן געוואָלט האַלטן די תורה פאַר אַ פערפעקט פאַרענדיקטע זאַך, וואָס מוז בלייבן אין איר פערפעקטער קלאָרקייט זענען געווען די צדוקים, די קאַראַימער, וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון יידנטום. לכתחילה איז עס גע־ווען ביי די פּרושים אַ תולדה פון קאַמף צווישן צוויי קולטורן; דער טעקסט פון דער תורה איז געווען אַ פּראָדוקט פון איין תקופה, פון דער תקופה פון ערשטן בית־המקדש, איבערהויפּט פון יענער תקופה. אין דער צווייטער תקופה, פון צווייטן בית־המקדש איז שוין דאָס לעבן געווען גאָר אַנדערש און אַנדערש זענען געווען די פורעמס און פאָרמעס פון לעבן. עס האָט זיך געבויט און

געשאַפן אַ נייער שטייגער, אַ ניי לעבן, און פון דעם איז אויסגעוואַקסן, עס האָט זיך געהאַלטן אין כסדרדיקן שאַפן אַ נייע קולטור. זענען דערביי געװען צוויי היפּוכדיקע אידייען: נייע צייטן — נייע תורות. דאָס נייע בינדט זיך נישט מיט דעם אַלטן. דאַרף מען לעבן היינט און היטן די אוצרות פון דעם נעכטן. די תורה איז הייליק און מען טאָר נישט ענדערן אין איר קיין וואָרט! דאָס איז איין אידייע.

האָבן די פּירושים געלערנט פאַרקערט: דאָס נייע היינטיקע לעבן מוז זיין פאַרבונדן, געקניפּט און געבונדן מיט דער תורה פון נעכטן. „בעסער אויסרייסן אַ וואָרט אָבער נישט פאַרוואַרפן, נישט פאַרגעסן קיין תורה". דאַרף מען די תורה פון פריִערדיקער תקופה אַריינקנעטן אין דעם לעבן פון דער היינטיקער תקופה, פון אַלע ווייטערדיקע תקופות. די תורה מוז אַריינגעטייטשט ווערן אין היינטיקן לעבן, ווי ווייץ צום מאָלן און צום באַקן, ווי פלאַקס צום וועבן און נייען, ווייל עס קען נישט זיין קיין בית־מדרש אָן חידושים, ווייל אַ תורה וואָס ווערט אָפּגעהיט אין איר אומגעענדערטער פאָרעם, איז אַ טויטע תורה. איז די ערשטע תורה טאָקע געענדיקט: נאָר פיר און צוואַנציק ספרים און מער נישט! אָבער די נייע שאַפונגען און תורהס וואָס דאָס נייע לעבן פּראָדוצירט מוזן זיך אָנקניפּן אָן יענע ערשטע פיר און צוואַנציק ספרים. פונקט ווי דער גאָט פון פאָלק טאָר נישט ווערן קיין מאַטעריעלע רייכקייט, אַזוי טאָר אויך זיין תורה נישט ווערן קיין מאַטעריעלע, פאַרטיקע ווערק, וואָס מען מוז היטן ווי זי איז. דעריבער טאָר מען נישט אָפּשליסן די נייע ספרים, די נייע תורהס קיין מאָל נישט — נישט קיין פיר און צוואַנציק בלויז און נישט קיין פיר און צוואַנציק טויזנט ספרים. עס לעבט דאָס פאָלק, דאַרף אויך לעבן און פאַרמערן זיך זיין תורה. און אַלדאָס נייע מוז זיין געקניפּט און געבונדן מיט דעם אַלטן, ווי באַשעפענישן פון איין דור, זענען קינדער פון אַ פריִערדיקן. אַזוי דאַרפן אויך די קולטור־שאַפונגען, די תורהס פון איין דור זיין קינדער, זיי דאַרפן אַרויסוואַקסן פון די תורהס פון אַ פריִערדיקן דור, פון דער קולטור פון דער פריִערדיקער תקופה. ווייל „תורה וואָס האָט נישט קיין אָפּשטאַם איז נישט קיין תורה".

דאָס זענען צוויי וועגן, צוויי פאַרשיידענע וועגן און סיסטעמען פון קולטור:

דאָ — ביבליאָטעקן און מוזייען, רייכע קאָלעקציעס פון מאַטעריעלע גיטער, — און דאָ איז בלויז דאָס „דרשענען" — בית־מדרש, וואַרשטאַטן פון כסדרדיקער איבערשאַפונג.

בית־מדרש — דאָס הויז פון דרשענען, פון לערנען, ווייל לערנען מיינט דאָ נישט דערגרייכן צו וויסן וואָס אַמאָל פריִער איז געזאָגט, געשאַפן געוואָרן,

גייערט עס מיינט אַריינפּאַסן די ווערטער פון דער תורה, די דברי תורה אין היינטיקן לעבן. די תורה טאָר נישט זיין קיין היסטאָריע, קיין געשאַפענע פריִער, דאָרטן און דעמאָלט. זי מוז כסדר זיין אין פּראָצעס פון שאַפן זיך, אַקטועל דאַרף זי זיין, אין יעדער דור און אין יעדער תקופה ה יי נ ט י ק, נישט נ ע כ ט י ק. פלעגן משכילים לאַכן, אָפּלאַכן וואָס אפילו רבנים ווייסן נישט ווער עס איז געווען פריִער — רבי עקיבא אָדער הלל... האָבן זיי — די משכילים — נעבעך נישט פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט געווען קיין קונץ צו וויסן די כראָנאָלאָגיע, — עס איז אָבער געווען אַ פאַרלאַנג צו האָבן אַלעמען, פון אברהם אבינו און ביז די לעצטע תנאים לעבעדיק, אַקטועל, היינ־טיק, מען זאָל אין יעדער דור מיט זיי קענען רעדן, דיסקוטירן, זיך מפלפל זיין, קריגן זיך. אַנדערע האָבן געשטרעבט א ו י ס צ ו ל ע ר נ ע ן, ייִדן האָבן געוואָלט לערנען, אָבער נישט אויסלערנען, נישט ענדיקן לערנען.

קונסט־פּאַלאַצן מיט שומרים און ליווריִיען מיט גאָלדענע קנעפּ, וואָס היטן און.. געניצן. אָדער שטודיר־הייזער, פּראָדוציר־הייזער מיט פאַרשוויצטע, פאַרהאָרעוועטע פּראָדוצירער, וואָס האַלטן כסדר אין איין האַמערן און שאַפן. פונקען פליִען פון אונטער די שעפערישע האַמערס און די תורהס פון די פריִערדיקע תקופות בלייבן תמיד אָנגעגליט הייס, גרייט צום אייביקן איבער־שאַפן, אין פּראָצעס פון אייביקן שאַפן, אין „סטאַטו נאַסצענדי“.

און לערנען? לערנען איז נישט כדי צו וויסן וואָס עס איז שוין פריִער געזאָגט געוואָרן, גייערט לערנען איז: וואָס איז עפּעס היינט באַנייט געוואָרן אין שטודירהויז? מה חדש היום בבית המדרש?

אָך און ווי וואָלט עס געווען צו אונדז ווען מיר וואָלטן אין אונדזערע אייביקע וואַנדערונגען זיך געדאַרפט אַרומטראָגן מיט פאַרטיקע ביבליאָטעקן און מוזייען, מיט פּאַלאַצן. דערפאַר איז ביי אונדז „מיין תורה איז אין מיינע געדערים“...

אויך דאָ, אין אונדזער לערנען, אין אונדזער קולטור־שאַפונג זענען מיר אַנדערש פון אַנדערע, גאָר אַנדערש. בין ישראל לעמים הבדלת.

און דערפאַר איז מען אַוועק זייער דרייסט און זייער ווייט: אָפּשליסן די תורה, דעם תנ״ך. זענען פאַראַן ווערק, ספרים וואָס לאָזן זיך נישט דרשענען אין דעם היינט, דאַרף מען זיי נישט. קיין נעכטיקע שאַפונגען, וואָס קענען נישט אויסגענוצט ווערן אין ווייטערדיקן, כסדרדיקן פּראָצעס פון שאַפן ווייטער, דאַרף מען נישט. קענען זיי נישט אַריינגענומען ווערן אין הייליקן קאַנאָן פון תורה, פון אַקטיווער לעבעדיקער ייִדישקייט. האָט מען זיך שטאַרק געקריגט צי מען דאַרף אַריינעמען אין קאַנאָן די שאַרף עראָטישע און פּראַקטיקע פּאָעמע פון שיר השירים; עס איז געגאַנגען צי מען וועט אין איר קענען

מיט דורות שפעטער אַריינטייטשן עפּעס אַקטועלס. ביז עס איז געקומען אַ רבי עקיבא און ער האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס ווערק, עס דערקלערט פאַר קודש קדשים, כדי מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער זאָל אַ קיווע דער שמיד קענען ערב שבת, נאָך מיט אַ פייכטער באָרד פון מרחץ זיך זעצן זאָגן שיר השירים און נישט פאַרשטייענדיק קיין איין וואָרט, זאָל ער דאָך וויסן אַז עס גייט וועגן אַ גרויסן און אייביקן ראָמאַן צווישן דעם רבונו של עולם און זיין פאָלק ישראל...

אַלע די ספרים אָבער וואָס מען האָט נישט געקאָנט אָדער נישט גע־וואָלט אַריינדרשענען אין ווייטערדיקן לעבן, דאַרף מען נישט האַלטן הייליק, דאַרף מען נישט אַריינעמען אין תנ״ך, און „כל המכניס יותר מכ״ד ספרים לתוך ביתו, מהומה הוא מכניס״. דער תנ״ך איז אָפּגעשלאָסן, געענדיקט. דער יידישער געדאַנק, די יידישע שעפערישקייט איז אַוועק אויף לגמרי אַנ־דערע וועגן, מיט אַנדערע מעטאָדן — אויף די וועגן פון תלמוד, וואָס איז קיין מאָל נישט אָפּגעשלאָסן געוואָרן.

די אַלע שריפטן, תורהס, ווערק ווי הייליק זיי זאָלן נישט זיין, אָבער אויב נאָר זיי קענען נישט העלפן שמידן די אייניקייט און די אייביקייט פון יידישן פאָלק איבער דער וועלט, זיי אַלע דאַרף מען אָדער אויסשליסן פון קאַנאָן, אָדער זיי לאָזן אין זייער הייליקייט און זיך מיט זיי ווייניקער אָפּ־געבן. יידישקייט איז נישט קיין זאַמלונג פון גרויסע און וויכטיקע שאַפונ־גען, יידישקייט איז און דאַרף זיין אַ תורה־חיים, אַ לערע ווי צו לעבן, ווי אויפצוהיטן דאָס לעבן פון פאָלק אין זיין ווייטערדיקער געשיכטע.

דער אָרט שיינע און פּראַכטיקע שאַפונגען ווי די ספרים פון תנ״ך, אַפילו פון די נביאים האָבן דאָך נישט געגעבן קיין פּראַקטישע אָנווייזונגען ווי צו לעבן, האָט מען פאַרזיכטיק, מיט גרויס רעספּעקט, אָבער דאָך געגעוג קאַ־טעגאָריש אָנגעזאָגט, מען זאָל זיך מיט זיי וואָס ווייניקער פאַרנעמען. „משום דמשכא״ — עס קאָן אָפּציִען צו ווייט.

האָט דער עצם באַגריף „תורה״ געקראָגן אַן אַנדער באַטייט. תורה מיינט איצט: די אָנווייזונגען ווי צו לעבן פּראַקטיש אויף דער וועלט. און תלמוד תורה — לערנען תורה מיינט פון איצט און ווייטער — שאַפן און פּראָדו־צירן אָט די אָנווייזונגען ווי צו לעבן און בלייבן איין פאָלק אין זיין איינהייט־לעכער גאַנצקייט איבער זיין צעשפּרייטקייט.

עס כאַפּט אָן אַ וואונדער ווי טיף און ווי גרונטיק זיי האָבן באַנומען די פּראָבלעמען פון פאָלקס קיום און ווי ענערגיש זיי האָבן טאַקע געשמידט די אייביקע יידישקייט. אַזוי פיל פּראַקטיק און אַזוי ווייניק טעאָריע, אַזוי קנאַפּ קיום־פילאָסאָפיע! מיר קענען עס הייַנט קוים אָפּשאַצן ווי געהעריק.

אברהם גאָלאָמב

דריי פּאַרלעך ווערטער און וויפֿל זיי לערנען אונדז

די פּראָבלעמען פֿון דערציִונג זענען איצט געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער: די גאַנצע וועלט ליידט שרעקלעך פֿון יוגנט־צרות. יוגנטלעכע פֿאַרברעכערס, ווילדקייט, צעלאָזנקייט בכלל; די וועלט, איטלעך פֿאָלק און לאַנד בייטיקט זיך אין געבילדעטע, געלערנטע מענטשן אַלץ מער און מער, — און די יוגנט לערנט זיך אַלץ ערגער און ערגער. פּעדאַגאָגן און פּאָליטיקער, געזעלשאַפֿט־לעכע טוערס און מלוכה־מענער — אַלע פֿאַרנעמען זיך מיט פּראָבלעמען פֿון דערציִונג, אַלע קוקן מיט שרעק — וווּהין גייט די יוגנט — די געזעלשאַפֿט פֿון מאָרגן?

אין אָט דער סיטואַציע פֿון דער גאָרער וועלט שטייען מיר מיט אַ צרה אין קוואַדראַט. אַן אַלטע זאַך: ווען אַ צרה זענען מיר ייִדן דאָס ערשטע כפּרה־הינדל. מיר זענען געווען אַן עם הספר, אונדזער לעבן, דער קיום פֿון פֿאָלק האָט זיך געהאַלטן מיט דעם ספר, אויף דעם ספר. נישט קיין מאַכט און נישט קיין מלוכה, הפקר אויף דעם חסד פֿון פֿעלקער, — און אויסגעהאַלטן מער ווי אַנדערע, פֿעסטער ווי אַנדערע, אויפֿטוערישער פֿון אַנדערע.

— ווי אַזוי? מיט וואָס? אַ דאַנק וואָס?

זאָגט מען — מיט דער רעליגיע; זאָגט מען — מיט דער קולטור; זאָגט מען — מיט דער דערציִונג. און עס זענען אַלע דריי איין חוט המשולש, דריילינג וואָס איז איינס. ריכטיקער — די קולטור, דער שטייגער און די דערציִונג — זיי זענען געווען די רעליגיע פֿון פֿאָלק. מיר וועלן זיך באַמיִען צו באַווייזן ווי אַזוי די ייִדישע רעליגיע — אַנדערש ווי אַלע אַנדערע רעליגיעס ביי די פֿעלקער, וואָס צווישן זיי האָבן מיר געלעבט — איז געווען נישט קיין טעאָלאָגישע, נאָר אַ פֿאָלקישע, נישט פֿון גאָט, נאָר פֿון פֿאָלק און פֿון זיין לעבן. וועלן מיר דאָס דאָ אָננעמען ווי אַ פֿאַקט און גיין ווייטער אין אונ־דזער אָפּהאַנדלונג.

און אַן אַלטע איז זי — אונדזער אייגנאַרטיקע סיסטעם פֿון דערציִען און לערנען, אַ סך לענגער ווי די סיסטעמען ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער וואָס צווישן זיי לעבן מיר. מען דאַרף געדענקען אַז די ערשטע קינדער־שולן ביי ייִדן זע־נען אָרגאַניזירט געווען נאָך פֿאַרן חורבן, אָרגאַניזירט געווען לכתחילה מיט דעם ציל פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק. דורך דעם גאַנצן מיטלאַלטער זענען מיר ייִדן געווען די איינציקע בוך־מענטשן צווישן אַ וועלט מיט אַנאַלפֿאַבעטן. איז עס דאָך קלאָר, אַז אַזאַ אַלטע פּעדאַגאָגיק האָט געמוזט אויסאַרבעטן עפּעס סיס־טעמען וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער נוציקייט, מיט זייער פּראַקטיש־קייט.

וואָלט געווען נישט מער ווי אַ יושר, מען זאָל זיך אַריינטראַכטן מאי קאָ

משמע לן? — וואָס קענען מיר זיך עפּעס אָפּלערנען און אויסלערנען פון אונ־דזער טראַדיציאָנעלער דערציִונג.

***

ווערטער אין אַ שפּראַך זענען פאַראַן יִנגערע און עלטערע. פאַראַן ביי אונדז דריי ווערטער־פּאָרן, וואָס מיר דאַרפן דאָ האָבן, און דאָס זענען זיי: ח כ ם — ת ל מ י ד ־ ח כ ם; ל מ ד ן און מ ל ו מ ד, ת ו ר ה — ח כ מ ה. עס זענען העברעיִשע ווערטער, אָבער זיי ווערן גאַנץ ברייט גע־נוצט אין יִדיש־לשון און מען דאַרף זיי נישט פאַרטייטשן.

חכם איז אַ סך עלטער. שוין אין די ערשטע ספרים פון דער תורה געפינט זיך דאָס וואָרט. עס באַטייט פון אָנהייב אָן — פאַרשטאַנד, שכלדיקייט, נאַ־טירלעכע קלוגשאַפט. שפּעטער ווערט מיט דעם וואָרט חכם, חכמה שוין באַ־צייכנט עפּעס וואָס מען דאַרף קריגן, לערנען „קנה חכמה״, מען דאַרף עס קריגן (אין משלי שוין). שפּעטער האָט דאָס וואָרט שוין באַצייכנט אויך פי־לאָסאָפיע. אין אונטערשייד פון תורה. זאָגט די גמרא: מען מעג זאָגן אַז ביי פעלקער איז דאָ חכמה, אָבער קיין תורה האָבן זיי נישט — צוויי פאַרשיי־דענע געביטן זענען דאָס אין באַוווּסטזיין פון יִדן. אין דער זעלביקער תקופה האָט זיך אַנטוויקלט פאַר יִדן ספּעציעל אַ באַזונדער מאָדנער וואָרט „תלמיד־חכם״. דעם אויסדרוק האָט מען געניצט נאָר בנוגע יִדן. חכמה און חכמים זענען, הייסט עס, יאָ פאַראַן ביי פעלקער, אָבער תלמידי־חכמים — דאָס איז צו געפינען נאָר ביי יִדן.

און וואָס איז דער אונטערשייד?

גאָר אַ גרויסער. דער חכם האָט שוין — לויט אונדזער היינטיקער טער־מינאָלאָגיע — גראַדויִרט. ער איז שוין אַ חכם, אַ געענדיקטער, ער האָט דערגרייכט שוין זיין ציל, זיך איינגעקויפט חכמה, לויט דעם אַלטן תנכישן אויסדרוק. דער תלמיד־חכם איז נאָך אָבער אַ תלמיד, אַן אייביקער תלמיד, ער האַלט זיך כסדר אין לערנען, נאָך ווייט נישט געענדיקט, נישט גראַדויִרט, הייסט עס. וואָס שייך ענדיקן, גראַדויִרן? — אַז מען קען דאָס גאָרנישט, אַז לערנען איז דער עצם תכלית פון מענטשנס לעבן, ווי זשע קען מען לעבן און נישט לערנען? וואָס פאַר אַ לעבן איז עס אָן לערנען? באַצייכנט דאָס וואָרט ח כ ם שוין אַן אויסגעלערנטן, און ת ל מ י ד ־ ח כ ם מיינט אַ מענטשן וואָס האַלטן כסדר ווייטער און ווייטער אין לערנען. אָט דאָס איז איינער פון די סימנים פון יִדישן טראַדיציאָנעלן לערנען.

דערמאָנט זיך דעם חלום פון ביאַלער רבין ווען ער איז נאָך געווען אַ תלמיד ביים בריסקער (אין פּרצעס „צווישן צוויי בערג״), ווי דער בריסקער

ווייזט אים די שיינע און גלאַנציק־לויכטנדיקע פּאַלאַצן פון דער תורה, ווו עס זענען נישטאָ קיין בענקלעך, ווייל „דאָ שטייט מען נישט״, דאָ זיצט מען נישט, — מען גייט אַלץ ווייטער און ווייטער, אַלץ פאָרויס. אַ ייִד דאַרף דאָך בכלל זיין אַ „גייער״, און די תורה איז דער אומענדלעכער וועג, ריכטיקער: דער לייטער וואָס פירט אַלץ העכער.

אָט דאָס איז דער וועג פון דער ייִדישער תורה, פון ייִדישן לערנען, און דאָס באַטייט דאָס וואָרט תלמיד־חכם. לערנען דאַרף אַ מענטש אַ גאַנץ לעבן ביזן לעצטן טאָג פון לעבן, עס איז גאָר נישט שייך ווען עס איז צו קענען ענדיקן לערנען, נישטאָ קיין גבול ווען מען זאָל קענען זאָגן: „שוין, אויסגע־לערנט, געענדיקט״. וואָס איז שייך ענדיקן, אַז די תורה איז טיפער פון ים, און אַז אַ מענטש איז אין דער מדרגה אַז ער קען „אַראָפּזינקען אין די טיפע־נישן פון דעם תורה־ים און אַרויפברענגען די שענסטע פּערל״, איז עס דען מעגלעך צו דערגיין ביז די גרונטן און זאָגן: מער איז נישטאָ? חס ושלום, אַז עס קען דאָך נישט זיין אַ בית־מדרש אָן חידושים, אָן כסדרדיקע נייע און נייערע חידושים, נייע און נייע אידייען און געדאַנקען אין לערנען, אין דער תורה. און ווער איז העכער פון די צוויי — דער אויסגעלערנטער אָדער דער תלמיד־חכם וואָס האַלט אַ גאַנץ לעבן אין כסדרדיקן לערנען? לויט אונדזער ייִדישן געדאַנקען־גאַנג איז דער תלמיד־חכם העכער, אַ סך העכער.

אַ ייִדישער וויץ איז להבדיל אַ תורה, זאָגן ייִדן, איז פּאַסט זיך דאָ אַ ייִדישער וויץ. אַן אַמעריקאַנער ייִדישער גבאי קומט צוגיין אין זיין טעמפּל און זאָגט אָן זיינע „מעמבערס״ — זייט וויסן, איך האָב געפּייערט אונדזער אַלטן רב... פאַרוואָס? פרעגן ייִדן. און דער גבאי דערקלערט: איך האָב צוויי זין. איינער איז אַ דאָק (דאָקטער) און דער צווייטער — אַן אַדוואָקאַט. אַ מאַיאָנטעק מיט געלט האָבן מיר אָפּגעקאָסט זייערע ביכער. אָבער איצט זענען זיי שוין אויסגעלערנטע, זיי דאַרפן נישט אַריינקוקן אין קיין ביכער. און דער אַלטער רב? איך בין פאַרבייגעגאַנגען זיין שטוב, געזען ער זיצט שפּעט ביינאַכט און לערנט נאָך... זאָל ער זיך פריִער אויסלערנען נאָך דעם וועט ער קומען צו אונדז זיין אַ רב...

דאָ זענען די צוויי צוגאַנגען צום זינען פון ל ע ר נ ע ן: מען דאַרף ל ע ר נ ע ן אָדער מען דאַרף א ו י ס ל ע ר נ ע ן.

☚ אַ שטייִק וואַסער קען אויסטריקענען, קען פאַרוואַקסן, קען ווערן אַ זומפּ. — אַ שטראָם טריקנט נישט אויס.

ענלעך איז אויך מיט דעם צווייטן ווערטער־פּאָרל — ל מ ד ן און מ ל ו מ ד. דאָס וואָרט למדן איז אין פאַרצייטיקן העברעיִש אַ יונגס. מען קען אַ וואָרט פון דער פאָרעם מיט אַ נון צום סוף וואָס באַצייכנט אַ מענטשן

מיט אַ באַשטימטער אייגנשאַפט, נישט געפינען אין גאַנץ תנ״ך. נישטאָ אין תנ״ך — נישט אין די עלטערע און נישט אין די ייִנגערע, די שפּעטערדיקע ספרים — נישט קיין „כעסן״, נישט רחמן, נישט גזלן, נישט קפדן, נישט קבצן, בדחן, שדכן, בטלן און אויך נישט למדן. דאָס איז אַ פאָרעם פון דער משנה־צייט. און ווידער באַטייטן די ווערטער אין דער פאָרעם — אַ מענטשן אין דעם פּראָצעס: דער כעסן איז אַזאַ תמיד איצט און שפּעטער און שטענדיק, ער ווערט אין כעס זייער אָפט. און דער רחמן איז תמיד אַ בעל־רחמנות (רחמנא, רחמן איז אויך געווען דער טיטול פון גאָט, ווי רבונו־של־עולם און הקדוש־ברוך־הוא, אָדער אין אַראַמיש קודשא־בריך־הוא, אָבער דאָס געהערט נישט אַהער, צו אונדזער טעמע). און אַזוי איז למדן — אַ מענטש וואָס האַלט אין לערנען, אַ לערנער, וואָס טראַכט נישט לגמרי וועגן ענדיקן, וועגן גראַדויִרן און פּטור ווערן. בעת דאָס וואָרט מלומד איז עלטער, פאַראַן אין תנ״ך אויך דאָס וואָרט, הגם דאָרטן רעדט זיך וועגן אויסגעלערנטע קריגפירער, מלומדי מלחמה, ריין סעמאַנטיש באַטייט דאָס וואָרט — אַן אויסגעלערנטער, ער האָט געענדיקט זיין „קורס״ און איז שוין פאַרטיק. דערביי איז די פאָרעם מ ל ו מ ד אַ פּאַסיווע, מען האָט דעם מענטשן אויסגעלערנט, בעת למדן איז אַן אַקטיווע פאָרעם, אַ מענטש וואָס האַלט אין לערנען, אַליין. אַ ל ע ר נ ע ר און אַן א ו י ס ג ע ל ע ר נ ט ע ר — צוויי ווייטע באַטייטן. און אין דעם אונטערשייד ליגט דער מהות פון דער ייִדישער סיסטעם לויט אונדזער טראַדיציע: אַ מענטש ענדיקט נישט לערנען, ווייל דאָס איז אַ טייל, אַן אײַנ־האַלט פון לעבן, והגית בה — מען דאַרף טראַכטן אַ גאַנץ לעבן, אָן אויפהער, מען קען נישט און מען טאָר נישט ענדיקן. צווייטס איז לערנען אַן אַקטיווער פּראָצעס, עס גייט נישט אין אויסלערנען עפּעס כדי צו וויסן, עס גייט וועגן שאַפן, לערנען איז און דאַרף זיין אַ לעבעדיקער און שעפערישער פּראָצעס. אַנדערש האָט מען אַ גאַנץ מיטלאַלטער און אויך שפּעטער אייגנטלעך געלערנט אַריסטאָטעלס שריפטן און גאָר אַנדערש האָט מען געלערנט ביי ייִדן תנ״ך, משנה און גמרא. דאָרטן איז אָפּטמאָל דער טעקסט געווען דער העכסטער און דער לעצטער אויטאָריטעט. וויפל האָט עס געקאָסט קאָפּערניקן און גאַליליייען איידער זיי האָבן אויסגעקעמפט דאָס רעכט צו זאָגן אַנדערש ווי אַריסטאָטל! ביי ייִדן איז עס געווען פּונקט פאַרקערט: מה חדש היום בבית המדרש?״. עס מוז זיין עפּעס נייעס אין לערנען, ווייל „אי אפשר לבית מדרש בלי חידוש״ — אַזאַ לערנען וואָס ברענגט נישט אַרויס קיינע נייע אידייען און געדאַנקען איז גאָר נישט קיין לערנען. און אַזוי איז איז שפּעטער געבליבן אין דער טראַדיציע. אַזוי האָט דעם פּראָצעס פון לערנען דעפינירט דער רמב״ם (אין ספר המדע) און פון דאָרטן איז עס וואָרט אין וואָרט אַריבער אין יורה דעה, און אַזוי האָבן ייִדן געלערנט הונדערטער יאָרן כסדר. לערנען ביי ייִדן

איז נישט כדי צו וויסן און געדענקען וואָס עס שטייט געשריבן, וואָס דער און יענער האָט בשעתו געזאָגט; לערנען הייסט „פאַרשטיין און אַרויספירן דעם סוף פון אַ זאַך פון איר אָנהייב, אַרויספירן איין געדאַנק פון דעם צווייטן, פאַרגלייכן איין ענין צום אַנדערן, קענען דרשענען לויט די לאָגישע כללים וואָס לויט זיי דרשנט מען די תורה ביז כדי צו וויסן וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט פון אַלץ וואָס עס איז געוואָרן אַ טראַדיציע" (משנה תורה, הלכות תלמוד תורה, פ"א, י"א).. דאָ זעען מיר לגמרי אַנדערע צילן אין דעם פּראָצעס פון לערנען, נישט סתם וויסן, נאָר כדי צו קענען באַשטימען וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. אייגנטלעך איז עס דאָך גאַנץ קלאָר דעפינירט שוין פריִער. אָבער אין יעדער צייט און אין יעדן דור שאַפן זיך סיטואַציעס אין לעבן פון יחיד און נאָך מער — אין לעבן פון פאָלק בכלל, ווען מען מוז פון דאָס ניי באַשטימען וואָס מען דאַרף, וואָס עס איז נייטיק און נוציק דעם פאָלק און וואָס עס איז שעדלעך און מען טאָר נישט. פלעגט מען פרעגן ביי די פירער, ביי די גאונים, זענען פון דעם געוואָרן די באַרימטע שאלות ותשובות. אָבער עס איז אוממעגלעך צו קענען באַשטימען דאָס פּאַסיקע און אומפּאַסיקע היינט, עס זענען נישט געננוג די אָנווייזונגען פון אַמאָל, פון פריִער און פון אַנדערשוווּ. האָבן די פירער געדאַרפט זיין גרייט און צוגעגרייט צו קענען אַליין באַשטימען דאָס נוצלעכע און דאָס שעדלעכע אין יעדער צייט. און די פירונג פון פאָלק איז דעמאָלט געלעגן ביי די גייסטיקע פירער, נישט ביי די רייכע און נישט ביי ציווילע מענטשן. האָט שאלות געפּסקנט דער גאון און נישט דער ריש גלותא, די רבנים און נישט די רייכע אַרענדאַרן. אַט דאָס איז אויך געווען דער סאָציאַלער באַזיס פאַר דעם אַנדערשדיקן יידישן גאַנג אין לערנען. נישט דאָס וויסן איז דער עיקר, נאָר דאָס קענען, דאָס קענען אַרויספירן דאָס ריכטיקע און פאַלשע, דעם מוז און דעם מען טאָר נישט. און לערנען האָט מען געדאַרפט פון דעם וואָס עס איז געווען פריִער, דער היינט האָט זיך געמוזט באַזירן אויף די נעכטנס. דאָס לעבן און די אידייען פון נעכטן האָבן געדאַרפט געבן די אָנווייזונגען פאַרן היינט. אַט דערפאַר איז דאָס יידישע לערנען געווען גאָר אַנדערש. אַנדערע צילן און אַנדערע דרכים. ביי אַנדערע האָט דאָס לערנען געדאַרפט געבן וויסן, אָנפילן דעם מענטשן מיט ידיעות, געדאַרפט אינפאָרמאַציע געבן. ביי יידן האָט דאָס לערנען געדאַרפט געבן נישט קיין אינפאָרמאַציע נאָר פאָרמאַציע. דאָס לערנען האָט געדאַרפט דעם מענטשן פורעמען, ער זאָל אין די וועגן פון דעם נעכטן קענען פירן היינט. די אינפאָרמאַציע, דאָס וויסן אַליין האָט נישט געקאָנט אויסהאָדעווען קיין יידישע פירערס. דערפאַר האָט ר' יהודה הלוי געהאַט פולע רעכט צו שרייבן אין אַ ליד, אַז די חכמת יוון (חכמה אין זינען פון פילאָסאָפיע!) האָט בלומען אָבער נישט קיין פרוכט. די פרוכט

פון וויסן דאַרף זיין דאָס קענען, די אויספורעמונג פון מענטשן. נישט דאָס וויסן איז וויכטיק, נאָר ווי דאָס לערנען פורעמט אויס דעם מענטשן גופא, דעם לערנער ווי אַזאַ. דער ציל איז די פורעמונג פון מענטשן און נישט דער סכום פון וויסן, די פּראָגראַם. עס איז כאַראַקטעריסטיש דערפאַר אַ פּשוטער יידישער וויץ. מען דערציילט: אַ יונגערמאַן איז געקומען צו אַ באַרימטן רב בעטן ער זאָל אים געבן סמיכה אויף רבנות, און ער באַרימט זיך, אַז ער האָט אויסגעלערנט דעם גאַנצן ש״ס. ענטפערט אים דער רב: דאָס וואָס דו האָסט אויסגעלערנט דעם ש״ס איז זייער פיין, אָבער וויכטיקער איז וואָס דער ש״ס האָט דיך אויסגעלערנט, ווי דאָס לערנען האָט דיך אויסגעפורעמט.

דערפאַר איז ביי יידן געווען:

1. נישטאָ קיין גראַדויִרונג, קיין ענדיקן. אַ גאַנץ לעבן מוז מען לערנען. ווייל לעבן קען מען נאָר מיט דעם לערנען.

2. אין לערנען איז וויכטיק דאָס לערנען „פאַר זיך״, נישט פון לערער, נישט וואָס עס האָט געזאָגט אָדער געשריבן די און יענע, נאָר וואָס זאָגסטו, וואָס האָסטו מחדש געווען, וואָס קענסטו זאָגן איצט, וואָס קענסטו לערנען די אַלע וואָס קומען צו דיר היינט פרעגן, לערנען זיך ווי צו לעבן.

3. נישט וויכטיק קיינע פּראָגראַמען, יעדער קען לערנען די אָדער יענע מסכתא, דער ציל פון לערנען איז אין דעם לערנער גופא און נישט אין זיין וויסן.

4. אַ גרויסע מעלה איז געווען די אַ ק ט ו אַ ל י ז אַ צ י ע. נישט אַריינשטעלן דאָס געלערנטע אין זיין כראָנאָלאָגישער צייט, אין זיינע דעמאָלטיקע באַדינגונגען, נייערט פונקט פאַרקערט, דיסקוטירן מיט רבי עקיבאן עלעהיי ער איז היינט מיט אונדז אין אונדזערע באַדינגונגען.

און כדי יעדער דור זאָל קענען נעמען דאָס געלערנטע אַקטועל אין זיין צייט, האָט די יידישע תורה נישט געטאָרט זיין קיין פאַרענדיקטע, שוין פאַרמולירט ענדגילטיק, וואָס קען זיך שוין נישט בייטן, נישט ענדערן. נישט קיין דאָגמעס, קיין קאַטעכיזמען, קיינע קרעדאָס. פאַרקערט, „ואידך זיל וגמור״ — (און ווייטער גיי און לערן אַליין). דערפאַר האָבן יידן נישט גענוצט דעם באַגריף וויסנשאַפט, נאָר תורה, סעמאַנטיש מיינט עס אָנווייזונגען, וועגווייזונגען. האָט זיך עמעצער געקאָנט באַרימען אַז ער ווייס די שטעגן פון אַלע הימלקערפּער אַזוי ווי די גאַסן אין זיין שטאָט, אָבער דאָס קען דאָך נישט פאַרמען דעם מענטשן, איז דאָס נישט דער ציל פון לערנען.

***

אויפֿן שוועל פֿון ניינצטן י״ה האָט הערבאַרט אַריינגעבראַכט אין דער פּעדאַגאָגיק אַ נייעם און אַ נוציקן באַגריף „דערציִעריש לערנען״. דערמיט האָט ער און זיינע נאָכפֿאָלגער די הערבאַרטיאַנער אין משך פֿון אַ גאַנצן יאָרהונדערט געמיינט, אַז דאָס עצם לערנען, יעדער לעקציע, יעדער „מעטאָדישער איינס״ דאַרף די תּלמידים דערציִען, פֿורעמען אין דער עצם צייט פֿון לערנען. אין דעם „סטאַטו נאַסצענדי״ ווי עס וואָלט געזאָגט כעמיקער. און די הערבאַרטיאַנישע פּעדאַגאָגיק האָט דאָך אַ סך נוצן געבראַכט דער דערציִונג אין אייראָפּע. אָבער מיר האָבן געזען, אַז די ייִדישע פּעדאַגאָגישע טראַדיציע האָט עס אין איר פּראַקטיק געהאַט אַ סך פֿריִער, אין דער פּראַקטיק, הגם נישט אין טעאָריע.

דערצו נאָך האָט הערבאַרטס פּעדאַגאָגיק געהאַט אַ גוואַלטיקן ד י י ט ש י ש ן חסרון.

הערבאַרט און אַלע זיינע נאָכפֿאָלגער אין משך פֿון אַ גאַנצן יאָרהונדערט (און מער עטוואָס) האָבן נישט אַנדערש געוואָלט מושטרירן דאָס דענקען פֿון די תּלמידים: אַזוי מוז גיין אייער געדאַנק, אַזוינע און אַזוינע ד י ד אַ ק ט י ש ע מ ד ר ג ו ת דאַרף דורכמאַכן דער פּראָצעס פֿון דענקען, און אויף דעם און דעם וועג, לויט דעם און דעם באַשטימטן סדר. און אַלע תּלמידים גלייך. אַ דייטשישע מושטרע פֿון גייסט.

ערשט שוין אין צוואַנציקסטן י״ה, נאָך דעם ווי עס איז דעטראָנירט געוואָרן זיין מאַיעסטעט דער באַוווסטזיין, דער שׂכל מיט דעם גרויסהאַרטיקן שׂ, ווען מען האָט גענומען גלייבן אין דעם כּוח פֿון אונטערבאַוווסטזיין; ווען אָנשטאָט דער ראַציע איז געקרוינט געוואָרן די „שעפֿערישע אינטויִציע״, האָט אויך די פּעדאַגאָגיק געביטן איר אָפּגאָט הערבאַרטן. עס איז די רעוואָלוציע קעגן אים אויך נישט גרינג אָנגעקומען, און אין די שולן פֿון דער וועלט, גלייב איך צו זאָגן, אַז ער הערשט נאָך איצט אויך, עס גייט די טראַדיציע אָדער ריכטיקער — די רוטין. עס הערשט נאָך די פּראָגראַם, דאָס אויסלערנען כּדי צו וויסן, און אַלע תּלמידים מוזן אַריינגעמען דעם זעלביקן סכום „פֿון דאַנען ביז דאָרטן״. און דאָס גוטע וואָס ביי דעם אַלטן הערבאַרטן — אַז דער עצם פּראָצעס פֿון לערנען דאַרף אומבאַדינגט דערציִען, בעתן לערנען — אָדער עס גייט לויט דער אַלטער, פֿאַרעלטערטער סכעמע, לויט לאַנג פֿאַרעלטערטער פּסיכאָלאָגיע, אָדער מען טראַכט בכלל נישט וועגן לערנען דערציִעריש, געווענג אַז צום עקזאַמען וועט מען קענען ענטפֿערן יאָ, נישט.

אונדזער טראַדיציאָנעלע פּעדאַגאָגיק האָט פֿון אָט דער דייטשישער מושטרע נישט געוווסט. און נאָך אַ צייט פֿריִער, יאָרהונדערטער פֿריִער איידער די געבילדעטע וועלט האָט געלערנט דעם ווערט פֿון אינטויִציע, האָט

נאָך די תלמודישע פּעדאַגאָגיק געלערנט, אַז „אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין". צי מען האָט עס גערופן גילוי אליהו, צי נישט, אָבער יעדער לערנער אינדיווידועל האָט געהאַט די פולע פרייהייט צו פורעמען זיין געדאַנק. זיין דענקען לויט זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן. אפשר די דעמאָקראַטישסטע פּעדאַגאָגיק.

און כדי די אינטואיציע זאָל קענען קומען האָט די ייִדישע לערן־טראַדי־ציע געהאַט נאָך אַ מעלה — זי איז געווען מאָניסטיש. די געביטן פלעגן קו־מען איינער נ אָ ך דעם צווייטן, נישט אַ סך לימודים וואָס בייטן זיך יע־דער שעה, אַ מין כף הקלע אַזאַ, וואָס שליידערט דעם תלמיד פון איין געביט צו אַ צווייטן עקסטרעם ווייטן, און ער קען זיך נישט קאָנצענטרירן אויף קיין איינעם פון אַלץ וואָס ער לערנט. אָנשטאָט דעם פלעגט מען ביי ייִדן לערנען נאָר איין הויפּט־לימוד, און דאָס עצם לערנען האָט געדאַרפט זיין קאָנצענט־רירט אַזש ביז „כל עצמותי תאמרנה". דערפאַר האָט געקענט מער און פּרוכ־טיקער זיך אַנטוויקלען די אינטואיציע ביי דעם תלמיד אַליין, דערפאַר האָט די אַלטע ישיבה אַרויסגעגעבן אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט אַקטיוו שעפערישע מענטשן, ווי די נישט־ייִדישע שולן האָבן דאָס געקענט. האָט דאָס ייִדישע לערנען פאַרשפּאָרט צו שאַפן סעמינאַרן פאַר לערער און פאַר רבנים. „אַז דו וועסט קענען אַ בלאַט גמרא, וועסטו שוין קענען אויך איינשפּאַנען אַ פערד" פלעגט עס אַמאָל זאָגן מיינער אַ ראש־ישיבה... אפשר איז ער גערעכט גע־ווען אויך. פּעדאַגאָגן גוטע זענען צווישן זיי געווען נישט ווייניק. און אָט די פּעדאַגאָגישע סיסטעם האָט דאָך געהערשט אין די ישיבות ביי אונדז ביז אונדזער צייט! איז עס אַ גרויסער פאַרלוסט וואָס אונדזער מאָדערנער פּע־דאַגאָגישער געדאַנק האָט נישט אויפגעהיט, נישט אַנטוויקלט אונדזער גוטע סיסטעם און איז אַוועק זוכן פרעמדע שלעכטע... ייִדן פלעגן אויף דעם טייטשן דעם פּסוק „כרמי שלי לא נטרתי".

עס זענען איצט אויך דאָ מאָדערנע ישיבות, אָבער זיי טוען פונקט פאַר־קערט ווי מען וואָלט געדאַרפט: אָנשטאָט צו פירן אַלע וועלטלעכע לימודים לויט די מעטאָדן פון דער ייִדישער טראַדיציע, האָבן זיי פון די ייִדישע געביטן געמאַכט אַ פּראָגראַם לויט פרעמדע מוסטערן.

און מיר וואָלטן בפירוש געדאַרפט אומקערן זיך צוריק אין די ייִדישע שולן, אין דער מדינה און די גלותן צוריק צו האָדעווען לערנער און נישט קיין געלערנטע, תלמידי־חכמים אָנשטאָט חכמים; מען וואָלט געדאַרפט אויך פאַרוואַנדלען די ווי ס נ ש אַ פ ט ן אין ת ו ר ה; נישט אינפאָרמאַ־ציע נאָר פאָרמאַציע דורך דעם לערנען. אפשר וואָלטן מיר געקענט דורך דעם פּרוכטיקער מאַכן דאָס לערנען נישט בלויז ביי אונדז. ווער ווייס? די וועלט

בייטיקט זיך אין אַ גרויסער אָפּפרישונג, זי מוז זיך באַפרייען פון דער רוטין.

אין מיין לאַנגער לערערישער פּראַקטיק פון אַריבער פופציק יאָר האָב איך בלויז אַ קורצע צייט געהאַט דאָס גליק צו קענען פירן די אַרבעט אין דער ריכטונג ווי דאָ באַשריבן. דאָס איז געווען אין ווילנער לערער־סעמינאַר איידער די פּוילישע רעגירונג האָט אונדז געצוואונגען אָנצונעמען זייערע פּראָגראַמען און דרכים. און איך האַלט נאָך אַלץ אין בענקען נאָך אַזאַ מין אַלגעמיינער שול מיט די מעטאָדן פון ישיבה, פון דער אַלטער טראַדיציע.

און אָט קומען מיר צום לעצטן ווערטער־פּאָרל תּורה און חכמה. די וועלט איז גרויס און זי איז פול מיט חכמה, אומעטום חכמה אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף. לערנט אַ וועלט מיט מענטשן צו געפינען, צו פאַרשטיין אָט די חכמה פון דעם קאָסמאָס.

צו וואָס? — כדי צו וויסן, צוליב דער הנאה פון וויסן; חכמה אַליין איז אַ הויכע מדרגה פון גייסט. און אגב —

גאָט האָט דאָך באַשאַפן דעם מענטשן ווי אַלע אַנדערע חיות, — און ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט גאָט: שאַפסט! מיר קענען אויך! דו בויסט, — מיר קענען צעברעכן. דו האָסט באַשאַפן אַ וועלט, מיר גייען זי חרוב מאַכן.

און נאָך עפּעס וויל דער מענטש מיט זיין חכמה: קאָכן אַנבייסן. נו, האָט מען געגנבעט דאָס פייער פון די געטער צו האָבן פון דעם אַ נוץ; עס שיינט די זון אַזוי העל און ליכטיק, — טאָ זאָל זי אונדז פוצן די שטיוול (פּרץ). דאָס לערנען דאַרף ברענגען נוצן אין פּראַקטישן לעבן. אַלץ איז פאַרן לעבן: די גאַנצע וועלט מיט דעם קאָסמאָס פאַר אונדז...

אַנדערש איז דאָס לערנען ביי אונדז. פאַר אונדז איז נישט חכמה, נאָר תּורה דער עיקר. וואָס איז דער אונטערשייד? — תּורה איז פון עטימאָלאָגיע אָנווייזונג, מורה דרך זיין, ווייזן ווי אַ מענטש דאַרף לעבן, דאַרף זיך פירן. גרויס איז די חכמה פון דער וועלט, דאַרפסטו מענטש פון דעם זיך לערנען ווי מען דאַרף זיין אַנדערש פון אַ חיה; דאַרפסט, בן־אדם, אין דיין מענטשלעכער פירונג זיך באַמיִען צו דערהייבן זיך צו געטלעכקייט. נישט דער גאַנצער קאָסמאָס איז פאַר דיר, פאַר דיין מאָגן, פאַר דיין רציחה־קונסט, נאָר פאַרקערט — דו קליין מענטשעלע, דאַרפסט שטרעבן צו דער חכמה פון קאָסמאָס, צו דער הייך פון זיין באַשעפער אין דיין פירונג, אין דיין לעבן.

און דערפאַר האָט נאָך די גמרא געזאָגט, אונטערגעשטראָכן קלאָר און לאַקאָניש „תּאמר חכמה בגויים — תּאמין, תּאמר תּורה בגויים — אל תּאמין" (איכה רבתי) חכמה איז דאָ ביי אַלע פעלקער, אָבער תּורה — דאָס נישט; תּורהדיק לערנען — דאָס איז אונדזער דרך, אונדזער וועג.

און דערפאַר איז אַזוי גערעכט געווען ר׳ יהודה הלוי ווען ער האָט גע־

וואָרנט, אַז די חכמה יוונית (גריכישע פילאָסאָפיע, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע וויסנשאַפטן) האָט בלויז בלומען אָבער נישט קיין פרוכט. לויט די ייִדישע באַגריפן איז וויסן אַליין נאָך נישט קיין ציל. דער אמתער ציל צו באַגרייפן די חכמה פון דער וועלט, כדי צו באַמיִען זיך אַליין דורך איר צו דערהייבן זיך. נישט ציִען דאָס געטלעכע צו זיך, צו מיינע שטיוול צו פּוצן, נאָר ציִען זיך העכער, צו דער געטלעכקייט וואָס אין דעם גאַנצן באַשאַף.

אונ אַנדערש האָט אונדזער לערנען דערציִונג: מיר דאַרפן נישט קיין אויספּאָלגער, נאָר אַ שעפערישע אינטעליגענץ, וואָס טראָגט איר אחריות אין זיך, נישט פאַר קיין מענטשן נאָר טאָקע פאַר גאָט, וואָס לעבט אין האַרצן פון מענטשן, פאַר זיך לערנען, נישט צו קיין דיפּלאָמען, פאַר זיך אומגעצוווּנגען דינען דעם כלל, דעם ציבור אַן אַ צוואַנג פון קאָדעקסן און פּאָליציי, און שטראָפן און טורמעס, נאָר ווייל אַזוי האָט גאָט געהייסן און אַזוי פירן זיך ייִדן די וווּנדערבאַרע סיסטעם פון צדקה, וואָס האָט באַזאָרגט אַלע סאָציאַלע באַדערפענישן פון אַ פאָלק אין גלות בעסער ווי אַלע פעלקער מיט מדינות און מיט צוואַנג־מיטלען פאַר סאָציאַלע באַדערפענישן.

און אַ פאָלק האָט געהאָדעוועט אַן סעמינאַרן און אַן פיקסירטע פּראָגראַמען און אַן אינספּעקטאָרן רבנים און מלמדים (און צווישן זיי אַ גרויסער פּראָצענט טאַקע גוטע לערער!) און שוחטים און חזנים און שתדלנים און פּידער... מען האָט זיך אַליין געהאָדעוועט. ווייל דאָס לערנען איז געווען דערציִעריש יאָרהונדערטער פריִער איידער דער טערמין „דערציִעריש לערנען“ איז געבוירן געוואָרן אין אייראָפּע.

און אַן אָרעם פאָלק, וואָס פלעגט דאַנקען גאָט, וואָס „די בויך האָט נישט קיין פענצטער“ (קענען אַנדערע נישט זען וואָס אָרעמע עסן וואָס מען פילט דערמיט אָן דעם מאָגן), האָט אָפּגעריסן פון זיך און פון קינדער און געהאָדעוועט אין ישיבות פון אָרעמע קינדער עילויים, גאונים, געלערנטע... די דעמאָקראַטישסטע סיסטעם אין דער וועלט.

אַפילו היינט האַלט זיך נאָך אונדזער קולטור און גייסטיק לעבן אויף די עלטערע וואָס שטאַמען פון די ישיבות.

עס איז אַנדערש און אייגנטימלעך די גאַנצע קולטור, אַז עס איז אַנדערש די רעליגיע, אַז דער גאַנצער גורל פון פאָלק איז צונויפגעבונדן מיט דעם פּראָצעס פון לערנען. און דאָס לערנען איז לגמרי אַנדערש ווי עס איז אַנדערשוווּ, ביי לייטן. איז שוין אויך אַנדערש, אייגנטימלעך אַנדערש אויך די גאַנצע סיסטעם פון דערציִונג.

און אַן אַלטע איז אונדזער סיסטעם פון דערציִונג. עלטער ווי ביי אַלע

אַנדערע אייראָפּעיִשע פעלקער. נאָך פון פאַרן חורבן אָן. שוין דעמאָלט האָט מען ביי ייִדן געבויט שולן און געשאַפן אַ דערציִונג וואָס האָט זיך געהאַלטן ביז אונדז. און געבויט איז זי געווען אויף דעם פרייוויליקן גוטן ווילן פון פאָלק, אָן צוואַנג־שטייערן, אָן פּאָליציי, נאָר מיט דעם גוטן ווילן פון פאָלק. און אַ סיסטעם וואָס האָט אַרומגענומען אַלע ייִנגלעך פון פאָלק!

עס איז געווען דער פולער באַוווסטזיין פון דער וויכטיקייט פון דער דערציִונג. מען טאָר נישט מבטל זיין די קינדער פון לערנען אַפילו כדי צו בויען דעם בית־המקדש. און כל־זמן עס הילכט דער קול יעקב, דאָס קול פון ייִדישע קינדער אין לערנען, וועלן די ידי עשו זיי נישט קענען שעדיקן. דער־ציִונג איז אויך געשטעלט געוואָרן אין דינסט פאַר דעם קיום פון פאָלק. אַ פאָלק האָט זיך געגרייט צו גיין אין גלות... מיר האָבן אין יענע דורות געהאַט אַ מדינה, און די מדינה איז געווען אין אַ שטאַרקער ירידה, האָט דאָס פאָלק געהאַט אַ „גלות אין וועג". און דאָס גאַנצע לעבן, די קולטור, די רעליגיע, דאָס לערנען — אַלץ האָט זיך אין משך פון דורות צוגעפּאַסט צום לעבן אָן אַ מדינה־אָרגאַניזאַציע; די גאַנצע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, אַלע פליכטן פון יחיד לגבי דעם ציבור — אַלץ האָט איבערגענומען די רעליגיע. איז אויך די דערציִונג פון קינדער געשטעלט געוואָרן פאַר דער אויפגאַבע. די אויפגאַבע איז געווען צו דערציִען מענטשן וואָס זאָלן אַליין, אָן אַ וואָסער עס איז פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ קאָלעקטיוו זיין גרייט צו קענען און וועלן טראָגן אַלע פליכטן פאַר אַ קאָלעקטיוו.

און די סיסטעם איז אויסגעאַרבעט געוואָרן, און זי האָט אויסגעהאַלטן איר לאַנגדויערנדיקן היסטאָרישן עקזאַמען: די דערציִונג אַריינגעפּאַסט אין רעליגיע, אַריינגעפּאַסט אין סיסטעם פון לערנען האָט גוט געגרייט די יוגנט און די קינדער צו לעבן אַ קאָלעקטיוו, נאַציאָנאַל לעבן אָן אַ מדינה, צו טראָגן אַלע פליכטן פאַרן כלל אָן אַ צוואַנג פון כלל.

די אַנדערשקייט פון דער תלמודיש־שטעטלשער קולטור

אַ ר יי נ פ י ר

מיט דעם אויסדרוק „תלמודיש־שטעטלשע קולטור" מיין איך נישט די וואָס האָבן געהערשט אין דער צייט ווען דער תלמוד האָט זיך געשאַפן. איך מיין אויך נישט די געזעצן און נאָרמען, פּרינציפּן און אידייען וואָס געפינען זיך אין ש"ס אויף דער טעמע. די תלמודישע דערציִונג און קולטור האָבן געהערשט אין ייִדישן לעבן אַ סך אַ לענגערע צייט. דער אָנהייב שטעקט אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש, און אפשר נאָך פריִער. און געענדיקט האָט זיך די תלמודישע קולטור ערשט איצט מיט דעם חורבן פון שטעטל אין מזרח־אייראָפּע. די סוב־תקופות פון דער לאַנגער עפּאָכע זענען: בית שני, בבל, אשכנז, מזרח־אייראָפּע. די גאַנצע צייט האָט דאָס ייִדישע פאָלק געלעבט און דערצויגן די דורות לויטן תלמוד. און אפשר גאָר, האָט דאָס לעבן געשאַפן דעם תלמוד, געשאַפן די גאַנצע צייט אָן אויפהער, אונטער פאַרשיידענע נעמען, אין פאַרשיידענע פאָרמען, אָבער אַלץ איז געווען תלמודיש. געלעבט און געשאַפן תלמודיש. אָבער זיכער האָט דער תלמוד געשאַפן און געפורעמט דאָס ייִדישע לעבן און דעם ייִדישן מענטשן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין דעם תלמוד און אין דער תלמודישער ליטעראַטור זענען צעשאָטן אַ שלל מיט פּעדאַגאָגישע זאַצן, פּרינציפּן, מיינונגען און אויך טעאָריעס, — דאָך דאַרף מען נישט זוכן דאָ קיין פּעדאַגאָגישע סיסטעם, קיין סיסטעמאַטיזירטע פּעדאַגאָגישע טעאָריע. ביי ייִדן איז די טעאָריע קיינמאָל נישט געווען דער עיקר. דער נ ע ש ה איז אַלעמאָל געקומען פריִער פאַרן נ ש מ ע. דורך דער אַרבעט, דורך דעם מקיים זיין ייִדישקייט פלעגט קומען דער אויספיר. און דער צדוקי וואָס האָט געזאָגט צו ר' זיראַן, אַז די ייִדן זענען אַ געאיילט פאָלק, עמאָ פזיזאָ, ווייל זיי האָבן געזאָגט פריִער נעשה און נאָכדעם נשמע, זיי זענען הייסט עס גרייט צו פאָלגן איידער זיי האָבן געהערט וואָס מען וויל פון זיי (ביים מעמד הר סיני) האָט פשוט נישט פאַרשטאַנען דעם ייִדישן גייסט, אַז דער נשמע, דאָס פאַרשטיין איז אַ תולדה פון טאָן.

מיר מוזן בעסער פאַרשטיין די לענגסטע און פּרוכטיקסטע תקופה אין אונדזער נצח.

די ראָל פון תלמוד אין אונדזער קיום

מען קען זיך נישט פאָרשטעלן דעם קיום פון אונדזער פאָלק אָן דעם תלמוד. מיט דעם תנ״ך זענען מיר געוואָרן אַ פאָלק צווישן אַלע אַנדערע קולטור־פעלקער פון אַלע צייטן, אַ שוואַך פאָלק, אַ קליינס, אָבער אַ קולטור אָן אייגענע שוין גאָרנישט קיין קליינע. אָבער מיט דעם תנ״ך וואָלטן מיר געקענט האָבן דעם זעלביקן גורל וואָס אַלע אַנדערע קולטור־פעלקער פון יענער צייט: אַ מאַטעריאַל פאַר אויסגראַבונגען, אויפן בית־עולם פון פאַרצייטיקע קולטורן. אויב מיר זענען, ווי אַן אויסנאַם, דאָך געבליבן אַ לעבעדיק (שעפעריש) פאָלק דורך אַלע גלותן און דורך אַלע צרות, — איז דאָך דאָס נאָר אַ דאַנק דעם תלמוד.

אָבער מיר דאַרפן דאָ נישט נעמען דעם תלמוד ווי אַ ספר, ווי אַ ביבליאָטעק פון ספרים, נאָר ווי אַ גאַנצע קולטור, ווי אַ שטייגער אין לעבן און אין דענקען. דער תנ״ך האָט אונדז געמאַכט פאַר אַ קולטור־פאָלק, פאַר אַן אייביק פאָלק. מיט דעם תנ״ך זענען מיר געוואָרן אַ פאַרזיכיק פאָלק, אַ פאָלק צווישן פעלקער; מיטן תלמוד זענען מיר געוואָרן אַן אויסנאַם־פאָלק, אַן אַנדערשדיקס, אַזוי אַז מען קען שטעלן אַלע אַנדערע פעלקער אויף איין זייט, און אונדז ייִדן אויף דער צווייטער זייט: בין ישראל לעמים הבדלת. מען קען דאָ צוגעבן איין קליין וואָרט בין ישראל לכל העמים הבדלת.

דער תלמוד איז לגמרי נישט קיין ליטעראַטור. דער תנ״ך איז יאָ ליטעראַטור. אַזאַ באַשטייט פון ווערק, ווערק זענען גאַנצקייטן, איטלעך ווערק — אַ גאַנצקייט, אַ טעמע, אַן אינהאַלט באַאַרבעט. אַזוי זענען אַלע ספרים פון תנ״ך. אין תלמוד זענען נישטאָ קיין ווערק, קיין באַזונדערע גאַנצע ווערק. אפשר וואָלט מען נאָך געקענט די משנה יאָ אָננעמען ווי אַ סכום פון ווערק, אָבער בשום אופן נישט די גמרא.

אַ ליטעראַטור־ווערק האָט זיינע וואָרצלען אין לעבן פון פאָלק, אין די געדאַנקען און אין די רייד פון פאָלק, אָבער אָט דער פאָלקישער מאַטעריאַל איז באַאַרבעט, איז איבערגעשאַפן און דורך דעם איז עס געוואָרן אַ ווערק. אין תלמוד אָבער זענען אַזוינע באַאַרבעטע, איבערגעשאַפענע ווערק נישטאָ. עס קומט אויס, ווי עס וואָלטן פאַרשריבן געוואָרן דירעקט אַלץ וואָס די פאַרשרייבערס האָבן געזען און געהערט דירעקט אין פאָלק, אַלע דיסקוסיעס אין די ישיבות, אַלע מעשיות וואָס דאָס פאָלק האָט דערציילט וועגן זיינע באַרימטע העלדן, אַלע קלוגע (און נאַרישע) לעגענדעס אין פאָלק, און וויצן און

חכמות, רפואות זאַבאַבאָנעס, ווערטלעך — אַלץ וואָס עס איז געווען גאַנג־באַר אין פאָלק — אַ פאָלקלאָר־זאַמלונג, אפשר די גרעסטע אין דער וועלט אָן אַ שפּעטערדיקער קינסטלערישער באַאַרבעטונג. עס איז אַ רעקאָרד פון אַלץ וואָס עס האָט געלעבט אין פאָלק, אין שטייגער און אין גייסטיקן לעבן, ביי דעם פשוטן פאָלק און ביי זיינע העכסטע שפּיצן פון גייסט.

אין תנ״ך זענען אויך דאָ רעשטלעך פון אַט אַזאַ פאָלקלאָר (פון אַ פריִערדיקער תקופה, פאַרשטייט זיך), אָבער טאַקע נאָר רעשטלעך. אַלץ איז שוין פאַרשריבן געוואָרן אין אַ באַאַרבעטער פאָרעם מיט אַן אינדיווידועלן נאָמען, אָדער פאָלקיש־אַנאָנים, אָבער באַאַרבעט. וואָס שפּעטער אין צייט ווערט דער פאָלקישער מאַטעריאַל אַלץ ווייניקער און ער טרעט אָפּ דאָס אָרט פאַר אינדיווידועלע שאַפונגען.

אין תלמוד איז אָבער נישטאָ קיין אינדיווידועלע שאַפונגען, נישטאָ קיין ספרים וועגן באַזונדערע טעמעס, הגם אין משנה איז דאָ אַ פּרוּוו פון אַזוינע באַזונדערע טעמעס, אָבער נישט וועגן אינדיווידועלע אידעאָלאָגישע, אָדער קינסטלערישע פּראָבלעמען, נאָר וועגן דעם פשוטן שטייגער פון פאָלקס לעבן, וועגן דעם ג אַ נ ג (און די ג ע נ ג) פון אַט דעם פאָלקישן לעבן (די הלכות), נישטאָ פון דעם אין תנ״ך גאָרנישט. דער תנ״ך ווי אַ ליטעראַטור איז טאַקע אויסגעוואַקסן פון לעבן, אָבער ער איז שוין געווען אַ קולטור פאַר זיך, אומאָפּהענגיק פון דעם לעבן וואָס פון אים האָט ער אַרויסגעשטאַמט. דער תנ״ך האָט שוין געלעבט פאַר זיך און דאָס לעבן פון פאָלק איז שוין געווען פאַר זיך, נישט איינס. דער תלמוד איז אוממיטלבאַר, דירעקט געשאַפן פון פאָלקסמויל. אַפילו די אַרויסזאָגונגען פון די גרעסטע פאַרשטייער זענען אויס צו זיין פאַרשריבן נישט דירעקט פון דעם פאַרשטייער גופא, נאָר ווי אַזוי דאָס פאָלק האָט איבערגעגעבן יענעמס געדאַנקען, יענעמס אידייען. פאַראַן ספרים פון באַזונדערע נביאים, אָבער נישטאָ קיין באַזונדערע ספרים פון באַזונדערע תנאים. כדי מען זאָל, למשל, וועלן האָבן אַלץ פון ר׳ עקיבא, וואָלט מען געדאַרפט דורכבלעטערן דעם גאַנצן ש״ס *. און אַזוי וועגן יעדער אַנדערן פון די חכמי התלמוד.

אַזוי אַרום איז געוויס גערעכט די טראַדיציע אונדזערע וואָס האָט אָנגערופן דעם תלמוד „תורה שבעל פה״. אָבער נישט דערפאַר ווייל ער איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני נישט פאַרשריבן, נאָר דערפאַר וואָס ער איז די גרעסטע און געטרייסטע זאַמלונג פון אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט גע־

* לעצטנס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַזאַ ספר „רבי עקיבא״ אוסף שלם של דברי רבי עקיבא בספרות התלמודית והמדרשית״ פון הרב ד״ר ישראל קנוביץ. מוסד הרב קוק, ירושלים תשט״ז.

האַלטן אין אומגעשריבענעם באַזיץ, דערפאַר וואָס דער תלמוד איז די „תורה שבעל פּי־העם״, פון פאָלקס מויל. כ׳ווייס נישט צי עס איז אין דער וועלט פאַראַן נאָך אַ פאָלק מיט אַן ענלעכער פאָלקישער „ליטעראַטור״.

איז דער תנ״ך טאַקע ליטעראַטור, אָבער דער תלמוד איז דירעקט לעבן, נישט קיין ליטעראַטור, דער תנ״ך — פּרוכט וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון לעבן אין דער פריִערדיקער תקופה, — דער תלמוד — וואָרצלען, וואָס זיי קענען אַרויסברענגען פּרוכט מיט אַ צייט שפּעטער.

דער אונטערשייד איז באַקאַנט געווען שוין די בעלי־התלמוד גופא. דעם תנ״ך קען מען איבערזעצן און אים טייער האַלטן אויף אַלע שפּראַכן, ביי אַלע פעלקער. תלמוד איז לעבן דירעקט, מען קען נישט לעבן ייִדיש און זיין נישט־ייִדן.

מיר פלעגט אַמאָל אויסקומען אין פּראַסטיקע קאַנאַדער פּרימאַרגנס צו שטיין אין דרויסן און וואַרטן אויף אַ טראַמוויי. און דורך אַ פענצטער פלעג איך קוקן אויף די אימפּאָרטירטע טראָפּישע פּרוכטן. קולטור, ליטעראַטור וואָס איז געבראַכט פון ווייטע, פרעמדע לענדער אָדער פון אַנדערע ווייטע צייטן איז תמיד אין סכנה פאַרפוילט צו ווערן. אַנדערש איז מיט קולטור וואָס וואַקסט דירעקט אויף די וואָרצלען פון דירעקטן לעבן. עס איז תמיד זיכערער אַן אָרעמע סאָסנע אויף אירע אייגענע וואָרצלען, איידער אַ יחסנדיקע פאַלמע אָן וואָרצלען.

דער תנ״ך האָט נישט אויפגעהיט אונדזער ייִדישקייט, דעם קיום פון ייִדישן פאָלק. דאָס האָט יאָ געטאָן דער תלמוד. נישט אומזיסט האָבן פעלקער ליב דעם תנ״ך און פיינט דעם תלמוד. דער תנ״ך קען זיך גאַנץ פיין ליגן אין שאַפע, מען קען שטאַרק ליב האָבן זיי שיינקייט. פאַרוואָס נישט? מען קען שטאַרק הנאה האָבן פון אים. קיין לעבן און קיין לעבנס פאָרמען דיקטירט ער נישט. אַנדערש איז עס מיט דעם תלמוד. ער איז אַ שפּיגל פון לעבן און פון גייסטיקן אינהאַלט פון ייִדן אין זיין לאַנגער תלמודישער תקופה.

עס שרייבט ראַווידאָוויטש, אַז ייִדן זענען געוואָרן אַ פאָלק פאַר זיך ערשט דעמאָלט ווען אַנדערע האָבן אויפגעהערט אונדז צו פאַרשטיין. דער תלמוד איז אַ פּראָדוקט פון אָט יענער צייט.

היינט אָבער איז שוין אויך דער תלמוד נאָר אַ תורה שבכתב פאַר אונדז, אין אונדזער תקופה. אונדזער תקופה לעבט נישט לויט דעם תלמוד שוין און אויך איר קולטור איז שוין אַן אַנדערע.

אַ פאָלק זענען מיר געוואָרן אַדאַנק דעם תנ״ך. אַן אייביק פאָלק זענען מיר געוואָרן אַדאַנק נישט דעם תנ״ך, נאָר דעם תלמוד. און דווקא דערפאַר וואָס ער איז נישט געוואָרן קיין ליטעראַטור. ער איז לכתחילה געווען אַ שפּיגל

פון פאָלקס לעבן, פון פאָלקס פאַרזיכיקייט, און אַזוי האָרט ביים לעבן, ווי אַ טייל פון לעבן, ווי אַן עלעמענט פון טאָג־טעגלעכקייט איז ער געבליבן דורך דער גאַנצער לאַנגער תקופה. מען האָט זיך באמת נישט צו פאַרוואַנדלען דעם תלמוד אין אַ פערפעקטער ליטעראַטור.

מיר זענען געקרוינט געוואָרן מיט אַ גאַנץ פיינעם טיטול פון „עם הספר". אָבער נישט דערפאַר ווייל מיר האָבן דעם תנ״ך און אַ וועלט מיט פעלקער האָט אים אָנערקענט. נישט דערמיט זענען מיר וואָס מיר זענען. יאָ, מען לערנט און מען לייענט דעם תנ״ך, שניים מקרא און אחד תרגום. אָבער עס איז אַ געענדיקטע שאַפונג. געענדיקט, קאַנאָניזירט, הייליק, נישט אָנצורירן. דער תלמוד איז אַנדערש: הפוך בה והפוך — מערער ווי ער איז אַן אָביעקט צו וויסן, איז ער אַ טייג צו קנעטן און איבערמאַכן, איבערשאַפן און ווייטער ציִען. דער תנ״ך — אַ פאַרטיקע קונסטווערק, אויסגעענדיקט, פערפעקט. דער תלמוד איז קיינמאָל נישט אַרויס פון וואַרשטאַט ווו דער מייסטער האָלט אים אין כסדרדיקער איבערשאַפן. און דער מייסטער ווער איז? — דאָס פאָלק פון גרויס ביז קליין, פון מתנגדישן גאון ביז דעם חסידישן עם־הארץ. און דער־פאַר — ותלמוד תורה כנגד כולם. דאָס לערנען (אַ ספּעציפישער פּראָצעס נישט ווי לערנען ביי אַלע אַנדערע פעלקער) וויכטיקער פאַרן קיום פון פאָלק — אַריינקנעטן דעם תלמוד אין לעבן, אין טאָג־טעגלעכן לעבן און נישט לאָזן אים ווערן אַ פערפעקטע קולטור־שאַפונג.

דערפאַר האָבן מיר זיך נישט צו באַרימען מיט פערפעקטע געענדיקטע אָפּערעס און סימפאָניעס, באַלעטן וכדומה. אַן עפּל — כל־זמן ער איז באַ־העפט מיט דעם בוים לעבט ער, וואַקסט ער. איז ער שוין פאַרטיק, אָפּגעריסן פון בוים, דאַרף מען אים איינפּאַקן און איינוויקלען אין אַ פּאַפּירל, היט — ער זאָל נישט פוילן...

און אַזוי פון אָנהייב פון דער תלמוד־תקופה און ביז דעם אונטערגאַנג פון אונדזערע שטעטלעך, אַזוי אַ קימא לן פון קנאַפע דריטהאַלבן טויזנט יאָר — אַ תקופה לענגער אַ סך פון דער געשיכטע פון דעם רוב קולטור־פעלקער היינט — איז דער תלמוד געווען דער הויפּט־אינהאַלט פון יידישן לעבן. נישט ווי אַ קאָדעקס פון דינים. געמשפּט האָט מען גאָר לויט דעם שפּעטערדיקן שולחן ערוך, לויטן חושן משפט, לויט אַנדערע ספרים. דער תלמוד איז געווען צום לערנען. לערנען איז געווען דער וויכטיקסטער אינהאַלט פון לעבן, דער העכסטער ציל אין לעבן. נישט לערנען צו מאַכן מיט דעם אַ לעבן, נישט לער־נען כדי צו האָבן אַן אָרט אין לעבן, נייערט מען לעבט כדי צו לערנען. לער־נען איז ערנסט, לערנען איז פאַרוויילונג, לערנען איז ספּאָרט, פאַרמעסטונ־גען, שפּיל, לערנען איז פאַרגעניגן. בלויז צוויי מאָל אין יאָר טאָר מען נישט

לערנען, ווייל די צייט איז טרויער — דאָס איז תשעה באָב און די ניטל־נאַכט (די קריסטלעכע געבורט־נאַכט, וואָס האָט ייִדן געקאָסט אַזוי פיל בלוט). וויצן און חכמהלעך — אויך פון תלמוד און לויטן תלמוד. פּורים זיך פרייִלעך מאַכן — איז מיט פּאַראָדיעס פון תלמוד, מיט אַפּלאַכערישע „תורות" און שאַרפע אַריינזאָגענישן פון אַ „פּורים־רבֿ" מיט זיינע דרשות. אַוודאי האָט מען גע־ווּסט אַ פּסוק נישט פון תנ"ך אַרויס, נאָר ווייל ער איז געווען געבראַכט אין דער גמרא. וואָסער תלמיד־חכם (אינטעליגענט בלע"ז) האָט זיך דאָס ערנסט פאַרנומען מיט אַ פּסוק? סיידן ער האָט אים געדאַרפט צוליב אַ דרש. לערנען — איז תלמוד! ווי דען? איז מען אַליין — דאַרף מען טראַכטן אין לערנען, איז מען אין אַ חברה — רעדט מען אין לערנען, קומען געסט — איז מען זיי מכבד מיט אַ „שטיקעלע" תורה. מתנגדישע גדולים האָבן גאָרנישט געהאַט קיין צייט צו פּראָווען דביקות אין דאַוונען, צו זאָגן זמירות ביים שבתדיקן טיש — דאָס לערנען איז בילכער. דאָס לערנען איז בילכער פון אַלץ. פּרנסה — כ'מיין: מען דאַרף דאָך לעבן, „לשבת יצרה". אָבער ווי קען זיך דאָס פאַר־גלייכן צום זינען פון לערנען! פלעגן ייִדן זיך אָפּרייסן פון די געשעפטן און זיך אַריינכאַפּן זיך אָפּרוען ביים „שיעור"־לערנען. מיט דער גרעסטער הנאה. און לערנען האָט נישט געהאַט קיין גבול, קיין גרענעץ, ביז וואַנען? נישט שייך לגמרי. „דאָ שטייט מען נישט" זאָגט דער בריסקער רבֿ צו זיין תלמיד (ביי פּרצן „צווישן צוויי בערג") דאָ שטעלט מען זיך נישט אָפּ. מער נישט וואָס די ווענט פון די תורה־פּאַלאַצן זענען שוין גאָרנישט קאַלט, ווי דער חסיד דער תלמיד מיינט. אָ, ווי די תורה האָט געוואַרעמט, ווי זי האָט געברענט ביי ייִד־לערנער! ש. ראַווידאָוויטש באַשרייבט ערגעץ אַ הושענא רבה־נאַכט אין זיין שטאָט, ווען ייִדן זיצן אַ גאַנצע נאַכט און מען לערנט. עס איז שוין גאָר־נישט קיין קאַלט לערנען! און אַז חברים בחורים צעהיצן זיך אין אַ דיסקוסיע מיט אַ חבר אַ חתן ביי אים אויף חתונה איבער אַ „האַרבן רמב"ם". שוין גאָרנישט קאַלט!

און פּשוטע ייִדן עם־ארצים האָבן געדרשנט תורה „צי טוט קראָווען מעשקאַ", אָדער „וו סערעדו נאַסטיאַ" (פאָלקס־לידעלעך אַזוינע — פּאַראָ־דיעס).

האָט דער תלמוד געפורעמט דאָס לעבן, געפורעמט די שפּראַך (ייִדיש), געפורעמט דעם כאַראַקטער, די גאַנצע פּסיכיק פון פאָלק, פון דעם תלמיד־חכם און אויך פון דעם עם־הארץ, וואָס איז תמיד געווען מער למדן ווי אַ היינטיקער „אויסגעלערנטער".

האָט דער תלמוד אַזוי שטאַרק זיך באַהעפט מיט דעם לעבן, אַז פּשוטע ייִדן־עם־ארצים האָבן גערעדט תלמודיש, מיט תלמוד־אויסדרוקן, אַז מיט אַ

דרש און מיט אַ פשטל פון אַ געהערטער דרשה האָט מען איינגעשטילט דעם מאָגן, האָט מען פאַרענטפערט אַלע פּראָבלעמען פון לעבן, לויפן הערן אַ „גע־שמאַקע" דרשה איז געווען די בעסטע פאַרוויילונג. האָט דאָס לשון פון פאָלק זיך אַזוי אַריינגעקנאָטן אין תלמוד, אַז פרומע יידן זאָגן זיך אָפּ פון לערנען גמרא נישט אין יידיש, אַפּילו אין ארץ־ישראל קען מען נישט מסכים זיין אָפּצוטיילן גמרא פון יידיש. און אפשר איז יידיש געוואָרן יידיש אַדאַנק טאַקע דעם לערנען גמרא. פונקט אַזוי האָט זיך יידיש צונויפגעגאָסן, צונויפ־געשמאָלצן מיט דעם חומש — אַ פסוק און זיין טייטשוואָרט. ביידע זענען מסיני, צוזאַמען געגעבן געוואָרן, צונויפגעוואַקסן.

דער יחיד פאַרן כלל

אין ספּאַרטאַ האָט מען דערצויגן די קינדער זיי זאָלן שפּעטער קענען פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. די דערציִונג גופא איז געווען נישט אַזוי וויכטיק פאַר זיך, ווי אַזאַ, נאָר זי איז געווען אַ צוגרייטונג צום לעבן. עס איז אויך געווען דערציִונג פאַרן קיום פון פאָלק, פון לאַנד. דער יחיד פאַר זיך גופא איז דאָ נישט געווען ווערטפול. ער האָט געהאַט זיין ווערט נאָר אויף אַזוי פיל וויפל נוצן ער האָט געקענט ברענגען זיין לאַנד. דער יחיד אין דינסט פון כלל, דער יחיד איז משועבד צום כלל און נאָר פאַרן כלל האָט אַ זינען זיין לעבן. טויג ער נישט צו דער פאַרטיידיקונג פון דעם לאַנד, דעמאָלט קען מען אים אַרויסוואַרפן נאָך קינדוויז ווי אַ הינטל און יוצא.

אויך ביי יידן איז די תלמודישע דערציִונג געווען פאַרן כלל, אין די אינ־טערעסן פון כלל, פון פאָלק ווי אַזאַ. אָבער דאָ זענען געווען דריי קאַרדינאַלע אונטערשיידן:

1. — די דערציִונג איז נישט קיין צוגרייטונג צו דעם וואָס דאַרף קומען שפּעטער, נישט דאָס קינד ווערט געגרייט אין זיין קינדהייט צו דער אויפ־גאַבע וואָס עס וועט דאַרפן אויספירן דערוואַקסענערהייט, נייערט — דורך דער עצם דערציִונג, דורך דעם לערנען פון די קינדער ווערט שוין דערגרייכט דער ציל — דער קיום פון פאָלק.

אַז זיי האָבן טאַקע אַזוי אויפגענומען דאָס לערנען לשם קיום האומה און נישט אַנדערש איז צו זען פון אַזאַ מין דיסקוסיע. איינער זאָגט אַז די תורה איז געגליכן צו דער מויער־פעסטונג אַרום דער שטאָט און די תלמידי־חכמים זענען די טורעמס אויף דער מויער. זאָגט דער צווייטער: ניין, דער מויער איז די כנסת ישראל און די טורעמס זענען די בתי מדרשים און בתי כנסיות. און כלומרשט גייט עס זיי אין אײַנטייטשן אַ פסוק פון שיר השירים „אני חומה ושדי כמגדלות". מען האָט געדאַרפט זיין פסיכיש אַזוי פאַרטאָן, אַריינ־

געטאָן אין קיום־פּראָבלעמען, כדי צו נעמען אַזאַ פּשוט עראַטישן פּסוק און אויף אים אויפבויען אַ קיום־פראַגע. און די עצם פּראָבלעם איז גילטיק אויך היינט: יאָ, די פעסטונג פון אונדזער לעבן איז די תורה, אָבער וואָסער תורה? די פאַרשריבענע ספרים אָדער די וואָס איז אין דעם פאַרזיכיקן לעבן פון יידי־שע מאַסן (כנסת ישראל). (בבא בתרא ז׳ ב׳).

2. — די אינטערעסן פון כלל זענען טאַקע דער עיקר, אָבער דער יחיד ווי אַזאַ טראָגט די אחריות פאַר זיי. נישט יעדער יחיד איז איין זעמדעלע אין גאַנצן כלל וואָס רופט זיך פאָלק, נאָר יעדער יחיד טראָגט אין זיך דעם כלל און די אחריות פאַרן כלל. דער יחיד איז כולל דעם כלל. ער איז מיט זיין פולער יידישקייט דאָס גאַנצע פאָלק בזעיר ענפין.

3. — דער קיום פון כלל, פון פאָלק ליגט נישט אין שטאַרקן, פיזישן, אין מיליטערישן כוח, נאָר טאַקע אין דעם לערנען גופא, „ותלמוד תורה כנגד כולם״. דאָס לעבן פון פאָלק איז אין גייסט, נישט אין שטאַרקן גוף. אין דער קולטור, אין זיין תורה.

מען טאָר נישט מבטל זיין דאָס לערנען אפילו צו בויען דעם בית המקדש, אָבער צו הכנסת כלה און הלוואת המת — דאַרף מען יאָ מבטל זיין דאָס לער־נען. הכנסת כלה — ווייל זיי האָבן טאַקע געזאָרגט פאַר דעם ריין פיזישן קיום פון פאָלק. נישט אומזיסט איז די פאַרמערונג פון דער צאָל יידן די ער־שטע מצווה. און אַז אַ ייד שטאַרבט — צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו אַ ספר־תורה וואָס איז פאַרברענט געוואָרן (מועד קטן כ״ה א׳). ווייל אַ צדיק אַז ער שטאַרבט, האָט דער דור פאַרלאָרן (מגילה ט״ו א׳).

אָט די פלוגתא וועגן דער ראָל פון פירער און פאָלק, די פלוגתא וואָס האָט אונדז אַזוי שטאַרק פאַרנומען אין אונדזער יוגנט, און מיר האָבן זי גע־לערנט ווי אַ מחלוקת צווישן דעם רוס טאָלסטאָי און דעם ענגלענדער קאַר־לייל, — די פלוגתא איז פאַראַן אין גמרא (ערכין י״ז א׳), ווי אַ מחלוקת צווישן ר׳ יהודה הנשיא און די רבנן. איינער זאָגט אַז דער דור איז ווי זיין פרנס און די אַנדערע זאָגן אַז דער פרנס איז ווי דער דור. און אַ סך מאָל איז פאַראַן אין גמרא דער אויסדרוק „לא אכשרא דרא״ — די גאולה וואָלט גע־דאַרפט קומען אין דער אָדער אין יענער צייט. נאָר דער דור איז נישט צוגע־פאַסט געוואָרן. די פּראָבלעם איז אויך פאַר אונדז היינט נישט בלויז אַ היס־טאָריאָסאָפישע, ווייט נישט בלויז. און איז זי נישט דער באַזיס פון דער פלוגתא צווישן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע? און ווי אָפט די דעמאָקראַטיע זינדיקט קעגן איר אייגענעם פרינציפּ. אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסן...

אַהער פּאַסט זיך אויך אַריין די דעפיניציע פון רמב״ם וועגן עם־הארץ. מיר האָבן געזען דעם טערמין אין חומש ביי אברהם (ווען ער קויפט די מערת

המכפלה) — ער, דער פרעמדער ביי דעם באַלעבאָס פון לאַנד. דער זעלביקער באַגריף אין די צייטן פון עזרא און נחמיה. די געקומענע פון גלות, שטאַרק נאַציאָנאַליסטיש געשטימט קעגן די געבליבענע אין לאַנד „עמי הארץ", וואָס זענען אַזוי שטאַרק אַסימילירט, כמעט נישט מער קיין ייִדן. שפּעטער — די קעגנערשאַפט צווישן דעם חבר (פּרושים) און די נישט אָפּגעהיטע עם־ארצים. און דער רמב"ם האָט שוין אַן אַנדער דעפיניציע: דאָס זענען די וואָס האָבן דרך־ארץ און שטייגער נאָר קיין תורה האָבן זיי נישט. אָט דאָס באַזירן דעם קיום פון פאָלק אויף דער תורה, אויף דעם לערנען, אויף דעם איינשטעלן פעסטע טראַדיציעס, נאָרמירן זיי און דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ צווייטער תורה (משנה — איז דער טייטש דאָס צווייטע) און זי איז אַזוי הייליק און געטלעך ווי די ערשטע און דערצו נאָך וויכטיקער ווי די ערשטע תורה — דאָס איז פאַר די ייִדן אַליין געווען ניי און ס'האָט זיך פּאַמעלעך איינגעקריצט אין די מוחות פון פאָלק. די גאַנצע תקופה פון בית שני האָט געדויערט אָט דער איבערגאַנג. די ערשטע העלפט צייט, כמעט דריי הונדערט יאָר איז קיין מדינה נישט געווען. ערגעץ ווייט, אָפּגעטיילט מיט לענדער און פעלקער איז געווען אַ הערשער־פאָלק (די פּערסיער), וואָס האָט ווייניק זיך אינטערעסירט מיט דעם לאַנד און פאָלק ערגעץ ווייט דאָרטן ביים מיטללענדישן ים. נישט קיין מלחמות, נישט קיין אַרמייען, נישט קיין טייער קאָסטנדיקע קייסערלעכע הייפן. האָט טאַקע געקענט אויסוואַקסן פון אַ קליינער גרופּע געקומענע פון גלות בבל אַ שטאַרק פאָלק, וואָס רעוואָלטירט און גייט זיך פאַרמעסטן מיט אַ שטאַרקער מלוכה. פיזיש זיך פאַרמערט, קולטורעל אויסגעוואַקסן, פון אייגענע וואָרצלען, אויף דעם אייגענעם באָדן פון אייגענעם לעבן און שטייגער. דאָס איז דער כוח פון אַ פּאָר הונדערט יאָר אָן אַסימילאַציע, ווייל אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון הערשער־פאָלק.

ווי נאָר אָבער עס איז אין דירעקטער שכנות מיט יהודה אויפגעקומען אַ הערשער־פאָלק, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אַסימילאַציע, אינעווייניקסטע קריגערייען און רייסערייען, אַ מוטיקער און מעכטיקער רעוואָלט, אַ נצחון — אַן אייגענע מלוכה! און צוויי דורות שפּעטער — ווידער אַסימילאַציע, די אייניקלעך פון די קעמפער קעגן זענען אַליין אַריינגעפאַלן אין אַסימילאַציע. מלחמות, ברודער־קריגערייען. אַ גרויסער טייל פון פאָלק וואַנדערט אויס פון דעם אייגן, סוועווענעם לאַנד: נישטאָ קיין כוחות אויסצוהאַלטן די שווערע בלוטיקע לאַסט פון מלוכה, מלכים, מלחמות און קריגערייען. דאָס אַלץ פירט פאַמעלעך צו אַ חורבן...

האָט אַ טייל פון פאָלק זיך בכלל מייאש געווען, אַוועק פון מלוכה־לעבן אין מדבר אַריין, דאָרטן וועט מען זיין מיט זיך אַליין, אין קליינע גרופּעס,

מען וועט ראַטעווען די אייגענע נשמה כאַטש. האָט דאָך נאָך ירמיהו גע־חלומט וועגן אַנטלויפֿן אין מדבר אַריין.

האָט דער שטאָם פֿון פֿאָלק, דער פּשוטער מאַסיוו פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין דער מלוכה מיט אַלע גליקן און צרות, האָט מען זיך אָפּגעשיידט פֿון אַלץ וואָס נישט אייגן, פֿון פֿרעמדס. דאָס איז געווען נישט קיין פּאַרטיי „פּרו־שים", נאָר דער רוב מנין פֿון פֿאָלק, וואָס האָט געליטן די צרות פֿון דער מלוכה, אירע לאַסטן און יאָכן, אָבער נישט די גליקן. פֿון דעם האָבן געגאָסן די פּני, די אַריסטאָקראַטן, די אויפֿגעקומענע רייכע, די צדוקים. דריי ריכ־טונגען, דריי וועגן זענען דאָס געווען, דריי ריכטונגען אין לעבן. די איסיים זענען געגאַנגען ביי דער זייט פֿון לעבן, אין לעבן פֿון פֿאָלק האָבן זיי כמעט נישט גענומען קיין אָנטייל, דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן, די שטאָט, די אינ־טער־עסן פֿון דעם פֿאָלק־קאָלעקטיוו זענען זיי נישט אָנגעגאַנגען. עס איז זיי נישט אָנגעגאַנגען אויך די צוקונפֿט פֿון פֿאָלק. דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן געוואָלט איז ראַטעווען זיך פֿון דעם פֿייער פֿון גיהנום, צו פֿאַרדינען פֿאַר זיך גן־עדן. דער גלויבן אין יענער וועלט איז געווען ביי זיי שטאַרקער פֿון אַלע אַנדערע אינטערעסן. דער יחיד נאָר פֿאַר זיך, קיין שום כלל־אינטערעסן.

דער היפּוך פֿון זיי זענען געווען די צדוקים: זיי האָבן געהאַט דעם גאַנצן עולם הזה, האָבן זיי נישט געטראַכט און נישט געגלייבט אין עולם הבא, נישט אין תחית המתים; ווי דער קלאַס וואָס האָט געהאַט באַציִונגען מיט שכנישע פֿעלקער האָבן זיי זיך נישט געקענט באַגרענעצן מיט ייִדישקייט בלויז, זיי האָט עס געצויגן צו פֿרעמדער קולטור, צו פֿרעמדן שטייגער אויך. אין דער זעלביקער צייט איז מען אָבער נישט געווען סתם אַסימילאַטאָריש, מען האָט אפֿשר אויך אויפֿריכטיק געוואָלט זיין און בלייבן ייִדן. ווי זשע געפֿינט מען דעם אויסוועג? — איז געקומען דער ענטפֿער: דער ייִדישער שטייגער און פֿירונג זענען נישט די ייִדישקייט, וואָס איז נייטיק. די ייִדישקייט איז די אַל־טע פֿאַרשריבענע תורה, דער תנ"ך. און עס איז גענוג צו האַלטן פֿון תנ"ך כדי צו זיין ייִדן. די באַזונדערע ייִדישע שפּראַך איז נישט וויכטיק, דער ייִדי־שער באַזונדערער שטייגער איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז דער תנ"ך. פֿון אים דאַרף מען האַלטן און וואָס עס איז נישטאָ אין תנ"ך דאָס דאַרף מען נישט, דאָס שטערט דער קולטור, די באַציִונגען מיט אַנדערע קולטורן, דאָס מעג מען אָפּוואַרפֿן, דאָס דאַרף מען אָפּוואַרפֿן. די צדוקים, אַזוי ווי פֿריִער־דיקע שומרונים האָבן אָנגענומען די ייִדישע פֿאַרהיילקטע ליטעראַטור, די תורה שבכתב, אָבער זיי האָבן בשום אופֿן נישט געוואָלט אָננעמען דעם פּשוטן לעבנשטייגער וואָס דאָס פֿאָלק האָט גענוצט, ווי דאָס פֿאָלק האָט גע־לעבט, דאָס נישט.

ביידע די ריכטונגען — די איסיים און די צדוקים זענען אַרויסגעפאַלן פון דער יידישער געשיכטע, אָפּגעשטאָרבענע צווייגן פון יידישן בוים. דעם המשך פון אונדזער קיום פירט בלויז די דריטע ריכטונג — די פרושים. דאָס איז אייגנטלעך דאָס פאָלק, דאָס פשוטע פאָלק וואָס לעבט אָן חכמות דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער און וואָס באַציט זיך מיט ליבע צום אייגענעם, פאָלקישן שטייגער, און וואָס דער פאָלקישער שטייגער איז ביי אים די יידישקייט. ווער איז אַ ייד? — דער וואָס פירט זיך ווי אַ ייד, בשעה שעושה מעשי עמך. אַזוי האָט געלערנט די פרושישע אינטעליגענץ, וואָס איז געווען פאָלקיש און פאָלקסטימלעך.

דאָ זענען געקומען אומבאַדינגטע קאָנפליקטן צווישן דעם שטייגער מיט דעם וואָס עס איז פאַרשריבן אין דער תורה. זי איז דאָך געווען אַ פּראָדוקט פון אַן אַנדער תקופה מיט אַן אַנדער שטייגער. ווייט נישט אַלץ, נישט אַלע חוקים און משפטים האָבן געקענט אָנגעווענדט ווערן אין דער צייט פון בית שני. די עצם באַגריפן וועגן גאָט האָבן זיך געביטן, געענדערט האָבן זיך די פאַרהעלטענישן צווישן כלל און יחיד, עס איז געוואָרן אַנדערש די פאַרהעלטעניש צווישן פאָלק און לאַנד.

אין חומש זענען דאָ געזעצן וואָס האָבן שוין נישט געקענט אָנגעווענדט ווערן אין דער צייט פון בית שני (עין תחת עין און אַ סך אַנדערע), אין חומש און די ערשטע נביאים פאַרלאַנגען פון פאָלק אויסגעהאַלטענע יידישקייט אין די אינטערעסן פון פאָלק און זיין גאַנצקייט. און די אינטערעסן זענען תמיד פאַרבונדן מיט דעם לאַנד. דאָס פאָלק איז אַ פאָלק כל־זמן ער איז אין זיין היימלאַנד. די פאָרשטעלונגען וועגן גאָט גופא זענען אין חומש מער אַנטראָפּאָמאָרפישע. האָבן די יידן אין צייט פון צווייטן בית המקדש דעם אַנטראָפּאָמאָרפיזם שוין נישט געקענט פאַרטראָגן.

אָט די אַלע אַנדערשקייטן און ענדערונגען האָבן אין משך פון דורות געבראַכט צו נייע און נייערע באַגריפן און איינשטעלונגען:

1. — אין דער קאָליזיע צווישן דעם פאַרשריבענעם וואָרט און דעם שטייגער אין דער נייער תקופה האָבן די פרושים תמיד געהאַלטן מיטן שטייגער (מנהג איז העכער פון אַ דין) דעם פסוק האָט מען שוין צוגעפּאַסט, געענדערט, אַריינגעטייטשט, צו רעכט געמאַכט. עס זענען געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע מעטאָדן ווי צו דרשענען די פסוקים פון דער תורה זיי זאָלן פּאַסן צום לעבן.

2. — די אַלע נייע, אַקטועלע איינפירונגען און מנהגים, די נייע גלויבונגען זענען אויך געגעבן געוואָרן פון גאָט אויפן באַרג סיני, מער נישט וואָס געגעבן האָט גאָט זיי נישט שריפטלעך נייערט בעל פּה, אויסנווייניק, איינ־

צייטיק זענען זיי ביידע געגעבן געוואָרן — די פאַרשריבענע, שבכתב און די תורה שבעל פה. מען האָט שוין תמיד געפונען אין די ווערטער פון דער תירה עפּעס אַ רמז, אַ ווונק, אַ וואָרט, וואָס מען זאָל קענען אָן אים אָנקניפּן אַלץ וואָס איז אָנגענומען אין פאָלק, מען זאָל קענען די גאַנצע תורה שבעל פּה פאַרבינדן מיט דער תורה שבכתב. און אַז מען האָט אַזוינע אָנקניפּונגען נישט געקענט געפינען, האָט מען זיך אויך נישט דערשראָקן, זענען דאָס געווען „בערג וואָס הענגען אויף אַ האָר״. דער עיקר אָבער איז געווען: אַלץ וואָס עס איז טראַדיציאָנעל אָנגענומען אין פאָלק, אַלע נייערע אידייען, אַלע זיטן און מנהגים וואָס זענען ספּעציפיש יידישלעך זענען פּונקט אַזוי הייליק, געט־לעך ווי דאָס וואָס איז דירעקט פאַרשריבן. אַלע צוגעקומענע תורות און דינים און אַלץ וואָס וועט נאָך צוקומען, וואָס מען וועט באַנייען אין יידישקייט אין אַלע ווייטערדיקע דורות — אַלץ איז מסיני — די זעלביקע קדושה. אַלע יידי־שע טראַדיציעס זענען „הלכה למשה מסיני״. פאַקטיש האָבן די פרושים דורך דעם פאַרוואַנדלט דעם מעמד הר סיני פון אַן איינמאָליקער דערשיינונג אין אַן אייביקן פּראָצעס. דער גלויבן אין מעמד הר סיני האָט זיך ביי די פרושים שטאַרק געענדערט. אין חומש איז מעמד הר סיני אַן איינמאָליקע איבערנאַ־טירלעכע דערשיינונג. פאַר די פרושים איז דער מעמד הר סיני אַן אייביק דויערנדיקער פּראָצעס — די גאַנצע תורה שבעל פּה איז מסיני, אַלץ וואָס אַ גוטער תלמיד וועט מחדש זיין אין יידישקייט איז מסיני (כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש. דער נוסח איז פאַרשידן אין עטלעכע ערטער). און יעדער טראַדיציע האָט זיך גערופן הלכה למשה מסיני.

דער תרגום איז אויך מסיני, נאָר ער איז פאַרגעסן געוואָרן און אונקלוס און יונתן בן עוזיאל האָבן אים צוריק מגלה געווען (שכחום וחזרו ויסדום. מגילה ג׳ א׳). און אַלע ענדערונגען וואָס דער תרגום האָט אַריינגעטראָגן זע־נען אויך מסיני (קדושין מ״ט א׳ אין רש״י).

די טראָפּ (טעמים) זענען מסיני, הגם זיי שטאַמען פון אַ סך אַ שפּע־טערדיקער צייט (מגילה ג׳ א׳).

שפּעטער האָבן יידן אין מזרח־אייראָפּע געגלייבט אַז אויך די טראַדי־ציאָנעלע חומש־טייטשן אויף יידיש זענען מסיני (די עדות פון ד״ר שלמה נאבעל אין זיין אַרבעט וועגן דעם). די טראַדיציאָנעלע ניגונים זענען אויך מסיני (סיני־ניגונים). אויך דער גמרא־ניגון איז מסיני. מיט איין וואָרט — די קדושה מסיני באַגלייט אַלץ וואָס עס שאַפט זיך אין יידישקייט לשם יידיש־קייט און עס ווערט אַ טראַדיציע, אָדער ווי דער טערמין איז געווען ביי אונדז מקדמונים אָן — הלכה למשה מסיני. דאָ איז אויך געווען דער „געטרייער רעוואָלט״ קעגן תורת משה: בנוגע צו איר, איז נישט מער ווי כ״ד ספרים,

אַלדאָס איבעריקע איז „אינו מטמא״, איז נאָר לגניזא, ספרים חיצוניים. אויס. און פונקט פאַרקערט, איז בנוגע צו אַלע ווייטערדיקע שאַפונגען אין יידישקייט „כל מה שיחדש תלמיד ותיק״ (תנחומא), און כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש (ירושלמי, חגיגה, מגילה) אַלץ איז מסורה, קבלה און הלכה למשה מסיני. און — דאַרפן מיר צוגעבן איצט — אַלץ וואָס עס שאַפט זיך אין יידישקייט לשם יידישקייט, אַפילו מיט וועלטלעכע כוונות, איז אויך די קדושה מסיני חל אויף זיי. און די וואָס לייקענען דאָס, וואָס ווילן נישט אָנערקענען קיין יידישע קדושה אויף די נייע שאַפונגען אין יידישקייט לשם יידישקייט, זיי זענען די צדוקים פון אונדזער היינטיקער תקופה. אַזוי ווי אַ בוים מיט אַלע זיינע פרוכטן, מיט אַלע בלעטער וואָס בייטן זיך, שטאַמט אַלץ פון זיין זאָמען, — אַזוי שטאַמען אַלע יידישקייטן פון אַלע דורות און תקופות פון סיני.

אין יעדער דור דאַרף אַ ייד אָננעמען ווי ער אַליין שטייט אויפן באַרג סיני און איז כסדר, אייביק מקבל די תורה פון גאָט. יידישקייט איז נישט קיין איינמאַליקע, פיקסירטע און געחתמעטע תורה, נאָר עס איז אַ פּראָצעס, אייביק וואַקסט יידישקייט, אייביק ענדערט זי זיך, זי באַנייט זיך, זי פאַרמערט זיך ווי עס פאַרמערן זיך לעבעדיקע זאַכן בכלל. אַלטע דינים, פאַרעלטערטע וואָס זענען נישט פּאַסיק פאַרן אַקטועלן לעבן ווערן בטל. די יידישקייט איז „פושט צורה ולובש צורה״. מיר קענען פאָרמולירן די יידישקייט פון די פּרושים בערך אַזוי:

יידישקייט פון יעדער דור און יעדער תקופה נעמט אַריין אַלץ וואָס שיידט אָפּ און טיילט אָפּ יידן פון אַלע אַנדערע פעלקער, אַלדאָס ספּעציפישע, דאָס אַנדערשדיקע.

די צדוקים האָבן מיט דעם נישט געקענט מסכים זיין נישט אידעאָלאָגיש און נישט סאָציאַל. איז דער קאַמף צווישן די צוויי ריכטונגען געווען אַ שטאַרקער. אין גמרא איז פאַראַן אַן אויסדרוק „ווען עס איז בטל געוואָרן די סנהדרין פון די צדוקים און עס איז געשטעלט געוואָרן אַ סנהדרין פון יידן...״ ביי די פרושים אין די אויגן זענען די צדוקים לגמרי נישט געווען קיין יידן אַפילו. און דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען ביזן סוף, ביז די צדוקים זענען לגמרי אַרויסגעפאַלן פון יידישן פאָלק. נישט ווייל די פרושים האָבן זיי אויסגעראָטן. ווייל אַ פאָלק קען נישט לעבן מיט אַ פאַרגליווערטער, פיקסירטער, פאַרשטיינערטער יידישקייט.

3. — ביי זייער גאַנצער אַכטונג און פאַרהייליקטער באַציִונג צו דער תורה שבכתב, האָבן די פרושים זיך באַמיט צו באַגרענעצן איר השפעה אין פאָלק. אָט איז אַ בינטל ציטאַטן אויף דער טעמע:

— כל העוסק בתורה בלבד דומה כמי שאין לו אלוה (עבודה זרה י״ז א׳).

— כל המכניס לתוך ביתו יותר מכ״ד ספרים, מהומה הוא מכניס לתוך ביתו (קוהלת רבה י״ב).

— הזהר בדברי סופרים יותר מדברי תורה (עירובין כ״א ב׳); (סנהדרין פ״ח ב׳).

— לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה (גטין ס׳ ב׳).

— ...אלא מי שמיסתורין שלי אצלם, הם בני (תנחומא תשא). דאָרטן רעדט זיך, אַז אַלע אַנדערע פעלקער קענען דעם תנ״ך איבערזעצן און זאָגן אַז זיי זענען די אמתע ייִדן. דערפֿאַר קען דער תנ״ך אַליין נישט דעקן די גאַנ־צע ייִדישקייט.

— לא תרגילם במקרא יותר מדי משום דמשכא (ברכות כ״ח ב׳). זע רש״י אויפן אָרט, אויך ר׳ האי גאון.

— כיוון שיצא אדם מדבר הלכה לדבר מקרא, שוב אין לו שלום (חגי־גה י׳ א׳).

— העוסקין במקרא מידה ואינה מדה (בבא מציעא ל״ג א׳).

„עד שאתה שואלני מדוע נאמר בדברות טוב שאלני אם נאמר בהם טוב אם לאוו״ (בבא בתרא קי״ג). גיט צו תוספות: „פעמים שלא היו בקיאין בפסוקים״. די חכמי התלמוד האָבן פשוט נישט קלאָר געוווּסט אַ פסוק אין דער תורה (אויף דער גמרא האָט מיר בשעתו אָנגעוויזן ר׳ יצחק טעאָדאָר ע״ה).

זיי האָבן אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן דעם פּינקטלעכן באַטייט פון די ווער־טער אין דער תורה, ווען ער איז געווען קעגן זייערע באַגריפן. „ר׳ יהודה זאָגט: דער וואָס זעצט איבער אַ פסוק ווי זיין אויסזען איז (כצורתו), — דער איז אַ ליגנער (קדושין מ״ט א׳. רש״י און תוספות אויפן אָרט): מען דאַרף אָננעמען די איבערזעצונג וואָס זיי האַלטן פאַר ריכטיק. אַנישט איז מען אַ מחרף און מגדף! מען באַליידיקט גאָט, מען טייטשט פאַלש אויס די ווערטער ווייל דער טייטש וואָס זיי האָבן אָנערקענט — ער איז הלכה למשה מסיני (רש״י, דאָרטן).

אמר רב כהנא: רב הונא בר חמני סרי שנין והוה גמירנא ליל לכוליה ש״ס ולא הוה ידינא דאין מקרא יוצא מידי פשוטו (שבת סי״ג א׳).

אָט דער דרייסטער וועג אויסצוטייטשן דעם פסוק אין גייסט פון דער נייער תורה שבעל פה, פון פאַלקישער שטייגערישקייט איז געקומען פון טיפן גלויבן, אַז די תורה שבכתב ווי זי איז פאַרשריבן, ווי זי איז געקומען פון אַ פריִערדיקער תקופה קען זיך נישט אַריינפּאַסן אין די באַגריפן פון זייער אַק־

טועלער תקופה (תוספות אויפן אָרט) שוין אין זייער צייט האָבן די „פינקט־לעכע תנכיסטן" געגוצט דעם תנ"ך ווי אַ געווער קעגן דער לעבעדיקער יידיש־קייט. (די געשיכטע חזרט זיך איבער...). און דערפאַר איז בעסער עס זאָל אויסגעריסן ווערן אַ תורה אָבער עס זאָל נישט פאַרגעסן ווערן די תורה ביי ישראל" (מוטב שתעקר תורה ואל תשתכח תורה מישראל. תמורה י"ד ב').

פאַר דעם קיום פון פאָלק איז אַלעמאָל וויכטיקער די שפּעטערדיקע תורה איידער די היסטאָריש פריערדיקע; מען קען אַ דור פאַרבינדן צו דעם וואָס איז מער אַקטועל, מער היינטיק, מער פאַרבונדן מיט דעם איצטיקן לעבן. דאָס איז דער באַקאַנטער כלל אין אַלגעמיינער פּעדאַגאָגיק: פון נאָענטן צום ווייטן. פאַר אונדז מיינט נאָענט־היסטאָריש, געאָגראַפיש און פּסיכיש. שוין אין צייט פון דער ערשטער תלמודישער תקופה, אין צייט פון בית שני, איז שוין דער תנ"ך געווען צו ווייט פּסיכאָלאָגיש, צו ווייט שטייגעריש פון די לעבעדיקע יידן און פון זייער לעבן. דערפאַר האָבן זיי נישט געהאַט קיין מורא צו זאָגן אָפן און דרייסט, אַז דער וואָס הערט אויף צו דאַוונען און נעמט זיך לערנען איז זוכה מקבל צו זיין די שכינה (ברכות, סוף). דערפאַר האָבן זיי יאָ געקענט זאָגן: די מקרא (חומש און אויך תנ"ך בכלל) איז ווי וואַסער, די משנה איז ווי וויין און דער ש"ס ווי קונדיטון (געווירצטער וויין) (סופרים ט"ו הלכה ג') אָבער גליקלעך איז דער וואָס איז פאַרנומען מיט גמרא!

אַז אַ מענטש קומט אויף יענער וועלט, פרעגט מען אים: האָסטו גע־האַנדלט ערלעך? האָסטו סיסטעמאַטיש געלערנט? האָסטו געבוירן יידישע קינדער? האָסטו געוואַרט אויסגעלייזט צו ווערן? האָסטו זיך פאַרנומען מיט פּילפּול ווי געהעריק? האָסטו זיך באַמיט אַרויסצוציִען איין געדאַנק פון אַ צווייטן? (שבת ל"א א'). אָבער מען פרעגט אים לגמרי נישט צי ער האָט געלערנט אַ סך תנ"ך, צי ער האָט זיך באַמיט צו קענען תנ"ך אויף דער נאָדל. לאָמיר זיך פאָרשטעלן ווען עמעצער וואָלט היינט געזאָגט אַז דער תנ"ך דאָס איז וואַסער, משנה איז ראַזשינקע־וויין, גמרא גוטער וויין און די היינטיקע יידישע ליטעראַטור איז דער בעסטער וויין... מען וואָלט דאָך פאַר דעם אַליין אַ מענטשן איך ווייס נישט וואָס געטאָן. בכל אופן וואָלט מען אַזאַ „אַפּיקור־סות" אין אַ גמרא נישט אַריינגעשטעלט...

איך ווייס אַז מען קען אין דער תלמודישער ליטעראַטור געפינען נאָך און נאָך מימרות אויף דער טעמע, אָבער מיין נישט גרויסע בקיאות העלפט מיר נישט צופיל. עס איז באַקאַנט אַ שפּעטערדיקער מדרש וועגן אַ קיסר וואָס האָט געגעבן אַ מתנה פון ווייץ און פלאַקס צו זיינע צוויי מיניסטאָרן. דער נאַר האָט עס באַהאַלטן אין אַ גאָלדן שאַכטל ביז עס איז פאַרפוילט געוואָרן, דער קלוגער האָט פון דעם געמאַכט געשמאַקע ברויט און געוועבט אַ שיינעם

טישטעך. לויט מיין ברודער הרב אלחנן ד״ר גאָלאָמב ז״ל שטאַמט דער מדרש פון עלפטן, צוועלפטן י״ה, אין קאַמף קעגן די בבלער „צדוקים״ — די קאַ־ראַימער. עס איז וויכטיק אונטערצושטרייכן אַז אַזוינע „צדוקישע״ אָפּלייקענער פון אַלע שפּעטערדיקע תורות שבעל פּה זענען געווען אויך אין אשכנז, אויך אין מזרח־אייראָפּע און זיי פעלן אויך נישט איצט אין דער מדינת יש־ראל. זייער גורל איז אַלעמאָל דער זעלביקער — אונטערגאַנג, הגם נעמען טראָגן זיי אַלעמאָל אַנדערע.

4. — די פּרושים האָבן געפירט דעם „געטרייען רעוואָלט״ (דער אויס־דרוק געהערט דעם פּראָפ׳ ש. ראַווידאָוויטש ז״ל) קעגן דעם תנ״ך אויך אַז אַנדער געביט: מען האָט שטרענג געקליבן די ספרים פאַרן תנ״ך, ביים קלענסטן חשד פון אַ נטיה צו צדוקיזם האָט מען אַן רחמנות דן געווען „לגניזה״, באַזייטיקן פון פאָלקס באַנוץ, נישט מער ווי די פיר און צוואַנציק ספרים. מען האָט נישט אַריינגענומען די ספרים וועגן די חשמונאים (אין גאַנצן תלמוד איז נישט דערמאָנט דער נאָמען פון יהודה המכבי), מען האָט אויסגעשלאָסן דעם שיינעם „משלי בן סירה״ און אַ סך אַנדערע, וואָס מיר ווייסן און נאָך מער — וואָס מיר ווייסן אַפילו נישט.

5. — די פּרושים מיט דעם גאַנצן פּשוטן פאָלק בכלל האָבן זיך אַנטוישט אין דער מלוכה: מלחמות, בלוטיקע ברודער־מלחמות צווישן זיך אַרום דעם טראָן און דער כהונה, שווערע שטייערן, אַסימילאַציע אַפילו ביי די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די חשמונאים אַליין. האָט מען געשפּירט אַז עס פירט צום חורבן. און כדי דער חורבן פון דער אומבאַליבטער מלוכה זאָל נישט פירן צו קיין חורבן פון פאָלק, האָט מען די גאַנצע ענערגיע אָנגעווענדט אויף גייסטיקער פאַרזיכיקייט.

מען האָט פאַרן חורבן געטאָן דאָס וואָס די גולי יהודה און בבל האָבן מיט זעקס הונדערט יאָר פריִער געטאָן נאָכן חורבן: מען האָט זיך באַמיט צו פאַרטיפן די גרענעץ צווישן ייִדן און די אַרומיקע פעלקער, בויען אַ סיג און אַ גדר (אַ וואַנט און אַ צוים) צו קענען לעבן מיט זיי אין געאָגראַפישער שכנות און דאָך גייסטיק, שטייגעריש זיין ווייט אָפּגעזונדערט. איבעריקס איז עס שוין געווען אַקטועל נייטיק, ווייל די גרעסטע מערהייט פון פאָלק האָט שוין געלעבט מחוץ די גרענעצן פון דער צעשרויפטער, פאַראָרעמטער מלוכה. מען איז געלאָפן פון דאָרטן ווי מחמת די בלוטיקע שווערע שטייערן און מלחמות און אפשר אויך שוין מחמת אַ געוויסן פּסיכישן סנאָביזם... האָבן די פּרושים גענומען אויסמיידן אַלץ וואָס שמעקט מיט „טומאת הגויים״, מען האָט געאַסורט „זייער ברויט צוליב זייער ווין, זייער ווין צוליב זייערע טעכ־טער״ (אויסצומיידן געמישטע חתונות). צווישן זיך האָבן די פּרושים זיך גע־

רופן „חברים‟. זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט אויך פון די ייִדן וואָס האָבן נישט מקפּיד געווען אויף גוייִשע, נישט־ייִדישע פּירונגען. די ייִדן האָבן זיי גערופן מיט דעם אַלטן נאָמען „עם הארץ‟. אין דער צייט פון די שבי ציון האָט דאָס וואָרט באַצייכנט די ייִדן וואָס די געקומענע פון בבל האָבן געפונען אין ארץ־ישראל, און וואָס זענען געווען האַלב אָדער גאַנץ אַסימילירט ווי נחמיה דערציילט אין לעצטן קאַפּיטל פון זיינע מעמוארן. איצט האָט דער נאָמען עם־הארץ באַצייכנט די וואָס עסן זייער ברויט נישט אין טהרה, אָפּגעהיטקייט, (שפּעטער האָט דער טערמין ווידער געקראָגן אַן אַנדער אינהאַלט, ווי ביים רמב״ם, למשל).

6. — אַזוי ווי מען האָט אָנגעווירן דעם גלויבן אין דער מלוכה, האָט מען זיך באַמיט צו באַזירן דעם קיום פון פאָלק אויף אָט דער אויסגעהאַלטענער אַנדערשקייט און פּאַרזיכיקייט אין גאַנצן שטייגער פון לעבן. די שטרעבונג צו מאַכן דעם שטייגער איינהייטלעך אומעטום ווו ייִדן זענען דאָ פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט דער פאַרלאַנג אָנצוקניפּן יעדער דעטאַל פון שטייגער מיט דער פריערדיקער תורה שבכתב — אין דעם איז באַשטאַנען דאָס לערנען. מען האָט זיך באַמיט איינצושטעלן איין איינהייטלעכן מנהג פאַר אַלע ייִדן און אויסזוכן פאַר אים אַ „מן התורה מנין?‟ דאָס איז די פּראַקטישע ייִדישקייט. די נייע אידייען ווערן מערער אויסגעדריקט אין דער אגדה ווי אין דער הלכה. די אגדה איז אַ ספּעציפישע פאָרעם אויסצודריקן אידייען. אַזוי אַרום איז ביסלעכווייז דאָס לערנען געוואָרן דער אינהאַלט און דער זינען פון לעבן בכלל.

לערנען

דער עצם פּראָצעס פון לערנען איז געווען ביי ייִדן אַנדערש דעמאָלט. דער ציל פון לערנען איז נישט וויסן נאָר פעסטשטעלן, שאַפן די נייטיקע אָנווייזונגען ווי צו לעבן, טאַקע פעסטצושטעלן די נאָרמען פון לעבן, פון ייִדישקייט. דאָס עצם וואָרט „תורה‟ מיינט נישט וויסנשאַפט, נאָר אָנווייזונג. פאַר וויסנשאַפט איז לכתחילה געווען דאָס וואָרט „חכמה‟ און שפּעטער איז געקומען דאָס וואָרט „מדע‟ (שוין נאָכן תלמוד) ווען איך לייען אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, למשל, טעקסט־קריטיק פון תנ״ך, צי אַ געשיכטלעכע פאָרשונג, דוכט זיך מיר תמיד אויס אַז עס ליגט פאַר מיר אַ געפאַלמעסטע טויב; אַ טויטע, אַ צעשניטענע, וואָס דער פאָרשער זוכט עפּעס אין איר. צום פאָרשער און צו זיין לעבן האָט די טויב שוין קיין שום שייכות. צו איר אייגענעם געוועזענעם לעבן האָט שוין איצט די טויטע און געפאַלמעסטע טויב קיין שום שייכות נישט. זי איז געוואָרן אַ טויטער אָביעקט,

עלעהיי אַן אַרכעאָלאָגישער שערבל, אַ ווייטער שטערן אין הימל, עפּעס אַן אומבאַקאַנטער אינזעקטל צי וואָס. דאָס איז דער אָביעקטיווער וויסנשאַפט־לעכער צוגאַנג צום שטודירטן אָביעקט.

גאָר אַנדערש איז דער תורהדיקער צוגאַנג. לעולם שטייט פאַרן פאָר־שער אַן אַקטועלע, גאַנץ סוביעקטיווע פּראָבלעם, אַ לעבנספראַגע הייִנט, הייִנט און דאָ. און ער זוכט דורך זיין לערנען, דורך זיין פאָרשן אַ לייזונג פאַר זיין פּראָבלעם, אַן ענטפער אויף זיינע פראַגעס. דער אָביעקט איז אים סוביעקטיוו אייגנס, עס גייט דעם לערנער אין לעבן, כי היא חיינו ואורך ימינו. עס גייט אים אין דעם מאי קא משמע לן. נישט איך שטודיר אַ טויטע טויב, נאָר זי דאַרף מיך פירן און ווייזן וואָס איך דאַרף טאָן פאַר זיך, ווי איך דאַרף זיך פירן. דערפאַר איז דאָס אַ תורה — אַנווייזונג. וויסנשאַפט איז אַ טאָכטער פון וויסנגיריקייט, תורה שטאַמט פון לעבנסגיריקייט.

עס האָט אַנדערש אויך נישט געקענט זיין: פאַר וויסנשאַפט דאַרף מען אַ רויִקן קאָפּ און אַ זיכערן געמיט. ווו און ווען האָבן עס ייִדן געהאַט? ווו און ווען האָבן דאָס ייִדן געקענט האָבן כדי צו קענען רויִק זיך אָפּגעבן מיט אָב־יעקטיווער וויסנשאַפט? עס זענען באַקאַנט בלויז אויסנאַם־פאַלן ווען וויסנ־שאַפטלער זאָלן האָבן אַן ענלעכן, אַן עטוואָס־ענלעכן קוק אויף זייער אַרבעט. און אַלעמאָל איז עס געווען אין שווערע צייטן. ווען האָבן מיר דען געהאַט נישט קיין שווערע צייטן? דערפאַר האָבן ייִדן געלערנט מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער נישט וויסנשאַפטלעך, נאָר תורהדיק, נישט כדי צו וויסן, נאָר כדי צו לעבן, וחי בהם.

עס מאַטערט זיך איצט די גאַנצע וועלט וועגן דער מאָראַלישער לאַגע פון די דורות. פון איין זייט האָט דער מענטש דערגרייכט די העכסטע און טיפסטע מדרגות אין זיין וויסנשאַפט, און פון דער צווייטער זייט איז די מאָראַל פון דער וועלט, פון דעם דור אין אַ גוואַלטיקער ירידה. זוכט מען וועגן ווי צו הייבן דעם הומאַניזם און דאָך נישט פאַרוואַרלאָזן די וויסנשאַפטן. די לעצטע זענען דעצידירנדיק אין לעבן ביי הייִנטיקן טעכנלאָגישן דור, דער הומאַניזם אָבער איז ווידער נייטיק, וואָרום אַן אים וועלן די וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען חרוב מאַכן די וועלט. שטייען פאַר דער מענטשהייט צוויי אידעאַלן — דער „האָמאָ סאַפּיענס" ווי איין אידעאַל און דער מאָדערנער „האָמאָ טעכנאָלאָגיקוס" פון דער צווייטער זייט, ווי אַ צווייטער אידעאַל.

און די גאַנצע פּראָבלעם איז לויט די ייִדישע דרכים אין גאַנצן נישט מעגלעך. מיר האָבן זאָך פון אייביק אָן געלערנט אַלץ ת ו ר ה ד י ק. פאַר אונדז איז דאָך תמיד געווען די וויסנשאַפט פאַר דעם האָמאָ, פאַר דעם מענטשן. האָט דאָך ישעיה דאָס געטלעכע פייער גענוצט כדי צו ריין ווערן פון זיינע

זינד, נישט סתם ווי פּראַמעטיי — צו קאָכן מיטאָג. האָט דאָך דער בעל־התהילים זיך געלערנט פון די הימלען וועגן גאָט, מיט „מספרים כבוד אל ומעשי ידיו מגיד הרקיע״, האָט דאָך דאָס ביסל וויסן וואָס די ייִדן האָבן געהאַט זיי געהאָלפן צו דערהייבן דעם מענטש ביז צו ברכי נפשי. האָבן די פעלקער געזוכט חכמה און די חכמה האָט זיי דערפירט ביז דעם הייַנטיקן קריזיס, ווען דער האַמאַ טעכנאָלאָגיקאַ שטייט מיט זיינע אַטאָמישע מחבלים קעגן דעם האָמאָ סאַפּיענס — איין ריר מיט אַ קנעפּל, און איך מאַך חרוב דיך מיט דיינע אַלע דערגרייכונגען... גאָר אַנדערש וואָלט געווען ווען די וועלט וואָלט ביי אונדז זיך אויסגעלערנט לערנען וויסנשאַפט ת ו ר ה ד י ק. האָט איינשטיין דער ייִד דורך זיין גאונותדיקן וויסן זיך יאָ דערהויבן צו רעליגיעזקייט. האָבן דאָס אַנדערע נישט געקאָנט. איז גערעכט געווען די גמרא וואָס האָט געזאָגט: „תאמר חכמה בגויים — תאמין; תאמר תורה בגויים — אל תאמין״. דאָ ליגט די טראַגעדיע פון דער וועלט און אפשר... אפשר זענען מיר שולדיק וואָס מיר האָבן די וועלט נישט אויסגעלערנט לערנען ייִדישלעך, תורהדיק. אפשר זענען מיר שולדיק, אָבער זיכער וועלן קריגן די שטראָף... ר׳ יעקב־משלם — פאַר אַלע זינד פון דער וועלט.

דערפאַר האָט עס שפּעטער ר׳ יהודה הלוי געקאָנט זאָגן אַז די גריכישע וויסנשאַפט (חכמה יונית) האָט נאָר בלומען אָבער נישט קיין פּרוכט. (אין ד״ר ש. בערנשטיינס אויסגאַבע „שירי יהודה הלוי״, זייט 240). עס פאַרנעמט זיך סתם מיט זוכן דאָס שיינע און גוטע, „קאַלאָקאַגאַטיאַ״, ווי עס האָט געהייסן פאַרצייטן ביי די גריכן, אָבער נישט קיין נאָרמען ווי צו לעבן, ווי זיך צו פירן, און נאָר דאָס זענען די אמתע פּרוכט פון דעם לערנען.

דער רמב״ם דעפינירט דעם פּראָצעס פון לערנען אַזוי קלאָר און פּרטימדיק אָט אַזוי:

פאַרשטיין און אַרויסדרינגען דעם אויספיר פון אָנהייב אָן, אַרויספירן איין געדאַנק פון אַ צווייטן, פאַרגלייכן איין ענין צום צווייטן און באַנעמען לויט די מעטאָדן פון דרשנען די תורה דעם עיקר פון פירונג, און אַרויסצופירן דאָס פאַרבאָטענע און דערלויבטע. און דאָס הייסט גמרא (לערנען אין אַראַמיש. משנה תורה, הלכות תלמוד תורה פ״א, י״א). און אַזוי אַרום איז דאָס לערנען געוואָרן דער יסוד כל היסודות פאַרן פאָלקס קיום, „ותלמוד תורה כנגד כולם״ — וויכטיקער פון אַלע מצוות. כדי דאָס צו דערגרייכן איז שוין בערך אַ 70 יאָר פאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג איינגעפירט געוואָרן אַלגעמיינע בילדונג פאַר קינדער אין ספּעציעלע שולן (בית ספר). די גמרא שרייבט עס צו צום כוהן יהושע בן גמלא. אָבער קלויזנער באַווייזט אַז די שולן פאַר קינדער שטאַמען פון שמעון בן שטח און דער פּרושישער

מלכה שלום ציון (6776 פאַר אַלג׳־צייט רעכענונג). דאָס איז אפשר געווען די ערשטע אינסטיטוציע פון אַלגעמיינער בילדונג פאַרן פאָלק (נאָך יי׳נגלעך) אין דער וועלט. דאָ האָט מען געלערנט לייענען און אויך שרייבן און די געזעצן פון אויפפיר, חוקים און דינים. אין גמרא זענען פאַראַן אַ שלל מיט ערטער וואָס באַווייזן ווי וויכטיק דאָס האָט זיך גערעכנט ביי יי׳דן. מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר עטוואָס: ווען מרדכי האָט זיך דערוווסט פון המנס גזרות איז ער געגאַנגען איבער די קינדער־שולן, געבעטן זיי זאָלן אים זאָגן דעם פסוק וואָס זיי האָבן אין יענעם טאָג געלערנט (אויסנווייניק!). אין דעם פסוק פון די קינדער האָט מען געזען עפּעס פון נבואה. און ער זאָגט: כל זמן די תינוקות של בית רבן (די שול־קינדער) גיבן אַרויס אַ קול־יעקב (זיי לערנען יי׳דישקייט) וועלן די ידי עשו נישט האָבן קיין שליטה. די פּראַקטיקע אגדה גיט מערער אַרויס דעם גלויבן אין דער וויכטיקייט פון לערנען פאַרן קיום האומה איידער אַלע דעפיניציעס. אַזוי אַרום האָבן זיך די יי׳דן באמת געמעגט באַרימען „וכל בניך למודי ה׳״.

אין תלמוד זענען צעשאָטן אַן אַ שיעור פּעדאַגאָגישע כללים. ווען מען וואָלט זיי צוזאַמענגעקליבן און סיסטעמאַטיזירט, וואָלט זיך באַקומען גאָר אַ היפּשער פּעדאַגאָגישער טראַקטאַט. קודם כל — די באַציִונג פון תלמיד צום לערער. דער כבוד פון רבין איז פריִער פאַרן כבוד פון פאָטער, דער דרך־ארץ צום רבין איז ווי דער דרך־ארץ פאַר גאָט, ווער עס קריגט זיך מיט זיין רבין איז ווי ער וואָלט זיך געקריגט מיט גאָט אַליין (סנהדרין ק״י, א׳). הלוואי וואָלטן יי׳דן היינט געהאַט אייַן פּראָצענט פון דעם כיבוד רבי פאַר דעם יי׳דישן לערער.

לערנען לשם וויסן קען מען אויך פון אַ לערער, וואָס מען האָט צו אים קיין שום דרך־ארץ נישט, ער איז געגליכן צו אַ קרעמער, ביי וועמען מען קויפט עפּעס. דער קרעמער גופא אינטערעסירט אונדז לגמרי נישט; לערנען אָבער לשם תורה קען מען נאָר פון אַ רבין, וואָס מען האָט פאַר אים דרך־ארץ, ווייל ער דאַרף זיין אַ מאָראַלישער און אַן אינטעלעקטועלער מוסטער. מען דאַרף ביי אים זיך אויסלערנען נישט בלויז וויסן, נאָר — בעיקר — שאַפן דאָס וויסן, פּראָדוצירן עס. נאָך מערער — פירן זיך, לעבן דאַרף מען זיך לערנען פון דעם רבין. דאָס אַלץ קען מען נישט פון אַ רבין וואָס מען האָט פיינט, וואָס מען האָט פאַר אים נישט קיין דרך־ארץ. *

* דאָ ליגט די סיבה פאַרוואָס די יי׳דישע שול אין מזרח־אייראָפּע האָט געהאַט נישט אין פאַרגלייך אַ גרעסערע השפעה אויף אירע תלמידים אויף זייער גאַנץ לעבן, איידער אין אַמעריקע: די סביבה זעט דאָ אין דעם יי׳דישן לערער אַן אָנגעשטעלטן וואָס דאַרף פאָלגן זיינע בעלי־בתים און איז דערצו אַ שלימזל — ער איז אין אַמעריקע און קען נישט מאַכן קיין געלט!

איטלעכער וואָס קען, מוז לערנען מיט אַנדערע וואָס קענען נאָך נישט; די קינדער־שול איז וויכטיקער ווי די דאַוונשול; דאָס געלט וואָס עס קאָסט אויספוצן אַ דאַוונשול וואָלט מען בעסער פאַרנוצט אויף צו לערנען קינדער די תורה (ירושלמי שקלים פ״ה); פיר הונדערט מיט אַכציק קינדער־שולן זענען געווען אין ירושלים (זיכער אַ גוזמא), און אין יעדערער איז געווען אַן אַנהייב־שול און אַ העכערע מדרגה (בית־ספר למקרא ובית־תלמוד למשנה). איכה רבתי פתיחתא י״ב) אין כתובות ק״ה איז דער נאָמען נישט בית־תלמוד נאָר בית־מדרש — די צווייטע מדרגה פון שול.

גאָט באַגלייט די ייִדן אין אַלע גלותן, ווו מען לערנט תורה, ווו אַפילו נאָר איינער זיצט און לערנט איז דערביי די שכינה פאַראַן, גאָט אַליין זיצט יעדער פרימאָרגן און לערנט תורה אַ דריטל פון טאָג. גאָט בעט זיך ביי די ייִדן: מיך פאַרלאָזט, אָבער די תורה זאָלט איר לערנען (הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו).. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער נבואה ביי עמוסן, ישעיהו און ירמיה. זיי פאָדערן דאָס מיט אַן אַנדער געמיט, די גמרא זאָגט עס אויף איר שטייגער „היוצא מבית־הכנסת ונכנס לבית המדרש ועוסק בתורה, זוכה ומקבל פני השכינה״ (סוף ברכות). גאָט בעט ביי די ייִדן זיי זאָלן מאַכן פאַר אים אַ הויז ווו ייִדן זאָלן לערנען, כדי ער זאָל דאָרטן קענען זיין מיט זיי (שמות רבה ל״ג). אין דעם קורצן מאמר איז פאַראַן אַ שלל מיט אידעען וועגן גאָט און זיין פאָלק. די עצם־באַגריפן זענען דאָ אַנדערע ווי ביי פעלקער. אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט דאָס צו באַהאַנדלען. דאָס לערנען איז אַזוי וויכטיק, אַז ער, דער רבונו־של־עולם אַליין, באַשאַפט די וועלט נאָר קוקנדיק אין דער תורה, ווי אַן אַרכיטעקט בויט אַ הויז; נישט נאָר ער לערנט אַליין, נאָר זיצט מיט די צדיקים אין ישיבה של מעלה און זיי פירן מיט אים אַפילו דיסקוסיעס וועגן דינים; ער גיט זיך אויך אָפּ מיט לערנען קינדער תורה, אין דער בחינה פון אַ לערער (עבודה זרה ג׳, ב׳). עס איז אוממעגלעך צו באַנעמען אַזוינע אידייען מיט נישט־ייִדישע גאָט־באַגריפן (וועגן די ייִדישע גאָט־באַגריפן — אין אַ צווייטן קאַפּיטל).

יעדער שטאָט דאַרף מען צווינגען צו אָרגאַניזירן קינדער־שולן (אַפילו דורך אַ חרם!). די אמתע היטער פון דער שטאָט זענען די קינדער־לערערס (דער מקור פון דעם אויסדרוק „נטורי קרתא״); לערנען איז וויכטיקער פון בויען דעם בית־המקדש; שטעט וואָס האָבן נישט קיין קינדער־שולן ווערן חרוב. דאָס נישט לערנען איז ערגער פון די גרעסטע דריי עבירות (איכה רבתי פתיחתא ב׳ און ח׳) די גרעסטע סכנה פאַר וואָס מען האָט מורא געהאַט איז געווען נישט דער פּאָליטישער חורבן נאָר „שמא תשכח תורה מישראל״ — מען זאָל חלילה נישט פאַרגעסן די תורה. דאָס לערנען טאָר נישט זיין

לשם קאַריערע (קרדום לחפור בו), נישט לשם כיבודים וכדומה. די נאָרמע צאָל תלמידים אויף איין לערער איז פינף און צוואַנציק. אָנהייבן לערנען דאַרף מען צו זעקס יאָר אָבער נאָך בעסער אויך פריִער. שוין אין אָנהייבשול זענען געווען די דאַקטישע טראַדיציעס, למשל אלף־בית מיינט אלף בינה (לערנט פאַרשטאַנד! ג׳ ד׳ — איז דער סימן גומל דל; פאַרוואָס האָט דער גימל זיין פוס אויסגעשטרעקט צום דלת — ווייל דער וואָס טוט גמילת־חסדים איילט זיך צום אָרעמאַן, צום דל... און אַזוי ווייטער; ווו עס איז נישטאָ קיין קינ־ד׳ערשול טאָר מען גאָר נישט וווינען. די גמרא דערמאָנט אָפילו אָ באַרימטן לערער וואָס האָט זיך משמעות אויסגעצייכנט ווי אָ פעדאַגאָג — ר׳ שמואל בר שילת. שלאָגן אָ קינד מעג מען אָבער נאָר מיט אָ שוכבענדל (ערקתא דמסנא), נישט שטאַרק. (אָ פאָר הונדערט יאָר נאָכן חורבן). צוגרייטן ספרים פאַר קינדער צו לערנען איז איינע פון די גאָר וויכטיקע זאַכן. און מען דאַרף זען עס זאָלן דאָרטן נישט זיין קיין גרייזן. דאָס אַלץ איז וועגן דער נידעריק־סטער מדרגה פון שול, וועגן דער קינדער־שול. די העכערע מדרגה האָט גע־הייסן בית־מדרש. אָדער בית־תלמוד. דאָס איז דאָס, וואָס האָט זיך שפעטער גערופן ישיבה, און וואָס דער נאָמען האָט זיך איינגעהאַלטן ביז היינט, הגם נישט אַלע מאָל מיט דעם זעלביקן אינהאַלט, נישט אַלע מאָל די זעלביקע צילן און מעטאָדן.

דער בית מדרש

דער בית ספר, וואָס איז שפעטער געוואָרן דער חדר האָט געהאַט פאַר אַ ציל אַריינצופירן דאָס קינד אין יידישן תורהדיקן לעבן־שטייגער אַריין, איז דער בית־מדרש, די שפעטערדיקע ישיבה, געווען דאָס אָרט פון שעפערישן לערנען. דאָ האָט מען נישט נאָר געלערנט וואָס עס איז שוין דורך פריִערדיקע אויטאָריטעטן פעסטגעשטעלט געוואָרן, דאָ האָט מען גע־דאַרפט בעיקר שאַפן נייע פעסטשטעלונגען, נייע אידייען, נייע געדאַנקען אין יידישקייט. „אי אפשר לבית מדרש בלי חידוש״. דאָ האָט מען געדאַרפט אָנבינדן דעם לעבן, דעם ספעציפיש־יידישן מיט דער תורה, דאָ האָט מען געדאַרפט די תורה פאַרוואַנדלען אין לעבן עס זאָל ווערן איינס. דאָ האָט מען געדאַרפט דאָס אַקטועל־היינטיקע פאַרבינדן מיט דער תורה פון די פריִערדיקע דורות, די אַקטועלע פירונגען, די שטייגערישע מנהגים פאַרבינדן און פאַרקניפן מיט דער תורה שבכתב, מען האָט געזוכט דעם „מן התורה מנין?״. דער עיקר איז דער יידישער, אַנדערשדיקער שטייגער לעבן, דאָס אָפגעהיטע נישט ענלעך פירן זיך ווי די אַרומיקע פעלקער, ווי עס פירן זיך די נישט־אָפגעהיטע. דאָס איז דער עיקר, אָבער עס דאַרף געזוכט ווערן אַ סמך, אַ סאַנקציע פון אַ פסוק. יעדער יידישער מנהג דאַרף האָבן אַן אָפשטאַם

פון פריער, יעדער תורה דאַרף האָבן אַ בית־אָב, אַן אָפּשטאַם. דאָס איז געווען דער גאַנג פון דער ה ל כ ה — דער וועג פון לעבן, דער שטייגער.

מען האָט אַ סך אָפּגעלאַכט ביי אונדז פון דעם פאַרנעמען זיך מיט אַזוינע „פּראָבלעמען" ווי ביצה שנולדה ביום־טוב וכדומה. עס וואַקלט זיך דער גורל פון פאָלק, עס איז אין סכנה דער קיום פון פאָלק, — און דאָ פאַרנעמט מען זיך מיט אַ דין וועגן אַן איי וואָס איז געלייגט געוואָרן אום יום־טוב, צי מען מעג זי עסן און ווי אַזוי! אָט אַזוינע בטלנים!...

אין דער אמתן האָבן אָט אַלע הלכות און דינים צונויפגעהעפט דאָס צע־שאָטענע פאָלק און געשאַפן איין גאַנצקייט. מען רעדט ביי אונדז איצט אַ סך וועגן קיבוץ־גלויות, צונויפנעמען אַלע ייִדן אין איין אָרט, מען רעדט וועגן מיזוג גלויות — אוניפיצירן אַלע ייִדן. נאָך מער אויפטו איז געווען דער „איחוד גלויות" — דער גייסטיקער קיבוץ גלויות, דאָס מאַכן איינהייטלעך דאָס גאַנצע פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט און צעשאָטנקייט. און דאָס האָבן אויפגעטאָן אָט די „קליינלעכע" זיטן, פּירונגען, אַ ייִדישע שטוב אין בבל און אין רוים, און ערגעץ אין אַפריקע, צי אין שפּאַניע זאָלן האָבן איין איינהייט־לעכע פירונג, איין שטייגער, איין עסן, איין גענאַנג, איין און דיזעלביקע גייס־טיקע פאַרוויילונג און איין וואַנט, איין סיג און גדר, וואָס זאָל זיי אַלע, אומעטום אָפּטיילן און אָפּשיידן פון די „דרכי האמורי" פון די דרכי הגויים.

אָט דאָס לערנען נישט כדי צו וויסן וואָס עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, פאַרשריבן געוואָרן פריער, נאָר כדי צו זאָגן עפּעס נייעס, צו שאַפן עפּעס נייעס אין לעבן, דאָס רופן מיר דאָ אַן ש ע פ ע ר י ש ל ע ר נ ע ן. דאָס האָט פעסטגעשטעלט דעם שטייגער — די הלכה. די אידעאָלאָגיע, געדאַנקען, טרוימען, בכלל די ליטעראַרישע שאַפונגען זענען געווען אין דער אגדה. דאָ איז דער גאַנצער געמיט פון יענע דורות, די נשמה. די אגדה גיט דעם גייס־טיקן פאָן פון דער הלכה. אַזוי האָט אין משך פון דורות דאָס לעבן געפו־רעמט תורה און די תורה האָט געפורעמט דאָס לעבן אין ייִדישקייט. ביז עס האָט זיך אויסגעפורעמט, פעסטגעשטעלט געוואָרן. ערשט דעמאָלט איז גע־קומען די צייט די נייע אויסגעפורעמטע דורך דורות תורות צו רעדאַקטירן און צו פאַרשרייבן, פאַרוואַנדלען די תורה שבעל פה אין אַ תורה שבכתב, די צווייטע תורה. אַזוי האָט מען זי טאַקע גערופן „משנה" — די צווייטע.

און געווען איז די סיסטעם פון לערנען און דערציִען זייער דעמאָקראַטיש אויסגעהאַלטן, נישט די פריערדיקע קאַסטע פון די כוהנים, וואָס זיי האָבן „געהאַלטן" די תורה (תופסי התורה), נאָר אַפילו אַ ממזר וואָס איז געלערנט איז ער העכער פון אַ כוהן גדול, און „הזהרו מבני עם הארץ שמהם תצא תורה" (סנהדרין מ"ו, א') און „הזהרו מבני עניים, שמהם תצא תורה" און

די גאַר גרויסע תורה־אויטאָריטעטן וואָס זענען געווען אָרעמע בעל־מלאכות, און די שפּעטערדיקע אָרגאַניזאַציע פון די ישיבות, אַז אַפילו די אָרעמסטע זאָלן קענען געניסן פון זיי. פאַרקערט האָט דאָך אַ גביר אַן עם הארץ זיך איינגעקויפט אין יחוס דורך טאָן אַ שידוך מיט אַן אָרעמען תלמיד חכם. דאָס אַלץ האָט אויפגעהיט און אויפגעהאַלטן דעם טיף דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דעם יידישן לערנען. ווי ווייט העכער די סיסטעם איז געווען פון דער גריכישער, וווּ די פילאָסאָפן אַפילו האָבן באַרעכטיקט שקלאַפעריי און האָבן געהאַלטן אַז דער פרייער בירגער דאַרף זיך נישט פאַרנעמען מיט פיזישער אַרבעט, וואָס איז באַשטימט בלויז פאַר די שקלאַפן (אַריסטאָטל).

נאָך אין דער ערשטער תלמודישער תקופה, נאָך אין אייגענעם לאַנד פאַרן חורבן האָט זיך באַגלייך מיט דער וועלטלעכער מאַכט אַנטוויקלט אַ צווייטע העראַרכיע — אַ תורה־העראַרכיע, וואָס האָט קאָנקורירט מיט דער וועלטלעכער מאַכט *, ביז אונדזער היינטיקער תקופה אין אַמעריקע. מען קען בפירוש זאָגן, אַז דאָס תלמודישע לעבן און דאָס לערנען האָבן אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק בעסער און פעסטער ווי אַלע אַנדערע פיזישע מיטלען אין באַוואָרענישן דורך מלוכות און אַרמייען. די מלוכה איז געפאַלן, די אי־נעווייניקסטע קריגערייען און ברודער־מלחמות פאַר דער מאַכט האָבן געטאָן דאָס מער ווי די דרויסנדיקע שונאים האָבן נישט באַוויזן צו טאָן. „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שינאת חינם”, פּערזענלעכע אַמביציעס פון אַ קמצא און בר קמצא וכדומה האָבן דערבראַכט צום חורבן, בכל אופן פאַרגיכערט זיין אָנקום. מצדה (מסדה) די פעסטונג איז אַ סימבאָל פון איין זייט און יבנה איז דער סימבאָל פון דעם צווייטן וועג. אונטערגעגאַנגען איז די מלוכה, אונטערגעגאַנגען די וועלטלעכע מאַכט, אונטערגעגאַנגען איז דאָס לאַנד — אין דאָס פאָלק איז געבליבן; דאָס איינציקע פון צווישן אַלע באַזיגטע פעלקער וואָס איז געבליבן לעבן הגם אונטערדריקט, הגם פאַרשקלאַפט, הגם אין גלות; דאָס איינציקע פאָלק צווישן אַלע זיגערישע, מלוכהשע פעלקער, זענען מיר דאָס איינציקע פאָלק פון אַלטערטום, וואָס איז נישט קיין אַרכעאָלאָגישער אָביעקט בלויז (דער ווייטער מזרח מיט זיינע פעלקער איז אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך). און אַלץ מיט וואָסער כוח? — מיט דעם כוח פון תורהדיקן לעבן, מיט דעם כוח פון לערנען, וואָס איז נישט קיין טייל פון לעבן, נאָר דער עיקר פון לעבן. נישט מען לערנט כדי צו קענען לעבן, צו וויסן ווי צו לעבן, צו פאַרדינען צום לעבן, צו שפּילן אַ ראָל אין לעבן, נייערט מען לעבט כדי צו

* שמעון בן שטח הייסט דעם קעניג ינאי זיך שטעלן פאַרן בית־דין; דער נשיא און אב בית־דין; דער ריש גלותא אין בבל און דער גאון; די רבנים און די פרנסים אין די לעצטע יאָרהונדערטער.

לערנען. און אַזוי לערנענדיק האָט דאָס פאָלק איבערגעלעבט אַלע אַנדערע „לעבנדיקע" פעלקער. די וועלטלעכע מלוכהשע מאַכט האָט געפירט צום חורבן און די „אַנמעכטיקע" תורה, דאָס לערנען האָט איינגעהאַלטן דעם קיום. איך ווייס נישט צי עס איז אויף דער גאָרער וועלט פאַראַן אַ צווייטער מוסטער פון אַזאַ מין פאָלק, ווי מיר זענען דאָס. אונדזער לעבן, אונדזער קיום האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם לערנען, מען האָט געלעבט כדי צו לערנען האָט דווקא דאָס לערנען אויפגעהאַלטן דאָס לעבן.*

רוים — דער האַמער פון דער גאַנצער וועלט — (אַזוי האָבן רי צעשלאָגענע יידן גערופן די רוימישע מדינה) האָט געלערנט „אין אַ געזונטן גוף איז אויך די נשמה אַ געזונטע". און די שוואַכע צעשלאָגענע יידן האָבן געלערנט „לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוח". ווען איך בין מיט יאָרן צוריק געשטאַנען אין רוים ביי דעם נצחון־טויער פון טיטוסן, האָב איך געטראַכט: דער יידישער זאָץ איז דער ריכטיקער. די היינטיקע פסיכאָסאָמאַטיק האָט אויך אָנגענומען די יידישע פאָרמול: ביי אַ געזונטער נשמה איז אויך דער גוף געזינטער און פעסטער.

תלמודישע פעדאַגאָגיק

אין תלמוד זענען פאַראַן טראַקטאַטן וועגן אַלערליי ענינים: שבת, פסח, סוכות, יום כפור, ראש השנה, עירובין, חולין, קדושין, גטין און נאָך און נאָך אָן אַ שיעור. קיין מסיכתא תלמוד־תורה איז נישטאָ. נישט דערפאַר ווייל דער ענין איז ווייניקער וויכטיק. עס איז, מיר דאַכט זיך, פאַרקערט, ווייל אַלע טראַקטאַטן, אַלע מסיכתות זענען אַלע געצילט צי איין אַלגעמיינעם ציל „ותלמוד תורה כנגד כולם". און אויב אַפילו עס איז זייער שווער צונויפצונעמען אַלע פעדאַגאָגישע געזעצן און כללים פון דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור, האָט עס פאַר אונדז געטאָן דער רמב"ם אין זיין משנה תורה. אין די זיבן פרקים פון „הלכות תלמוד תורה" האָט ער צונויפגענומען גאָר

---

* עס איז באַקאַנט דאָס פאָלקסליד „מאירקע מיין זון" (צוגעשריבן צו ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער), ווו עס זאָגט זיך, אַז בנים, חיים און מזונות דאַרף מען ווייל בנים עוסקים בתורה, ווייל חי הוא יודך, ווייל ואכלת ושבת וברכת — אַלץ כדי צו לערנען, צו בענטשן, גאָט צו לויבן.

אויף ווי ווייט דאָס לערנען איז אַריינגעדרונגען אין לעבן איז צו זען אַפילו פון אַזאַ דערשיינונג: אַז אַ ייד ווענדט זיך צו אַ צווייטן, איז די ווענדונג נישט הער, נישט גאָספאָדין, נישט פאַן, נישט מיסטער, נישט סעניאָר, נאָר רב, רבי, מורנו ורבנו, מורה מורינו, מרז, רבן און... גדול מרבן שמו... אַלץ פון לערנען, פון געלערנטקייט. צום באַדויערן האָט מען איצט אין ארץ־ישראל איינגעפירט דאָס וואָרט אדון, ווי אויך להתראות און שלום (נישט שלום עליכם) — אַלץ פון רוסיש....

די גאַנצע פּעדאַגאָגיק פון תלמוד. און ער האָט עס אַלץ אַריינגעשטעלט גלייך נאָך די הלכות יסודי התורה (וועגן גאָט און קאָסמאָס) און די הלכות דעות (עטיק און אויפפיר בכלל). מיר ווען דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט איבערזעצן דעם גאַנצן טראַקטאַט. מיר וועלן נאָר נעמען עטלעכע פּונקטן. ווען דאַרף זיך אָנהייבן די דערציִונג? — גלייך ווי דאָס קינד הייבט אָן צו רעדן. דאָס איז זיין היימשול (יאָהאַן עמוס קאָמעניוס האָט עס אין 17טן י״ה אָנגערופן „מוטער־שול״). צו זעקס — אָדער זיבן יאָר מוז מען שוין שיקן דאָס קינד אין אַ שול אַריין. (אין דער תקופה פון מזרח־אייראָפּע האָט מען קינדער געשיקט אין חדר אַ סך פריִער, צו פיר יאָר בכל אופן).

ווען האָט אַ ייִד געענדיקט לערנען? — ביים שטאַרבן, נישט פריִער. קיין ענדיקן איז נישט געווען און נישט געטאָרט זיין אַ גאַנץ לעבן. עס איז נישט שייך צו זאָגן, „ענדיקן״ לערנען. נישטאָ אַ מעגלעכקייט גאָר אַזאַ. מיר האָבן אויבן ציטירט דעם רמב״מס דעפיניציע פון לערן־פּראָצעס. אין דער דעפיניציע דאָמינירט דער מאָמענט פון שעפערישקייט, נישט פון דערוויסן זיך, און שאַפן קען מען און מען דאַרף אַ גאַנץ לעבן. איז די ייִדישע תורה געווען אַ ים, „ים התלמוד״ אָבער נישט דער ים התנ״ך * און דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק איז געשווומען איבער אָט דעם ים, ווער עס האָט געטויכט אין די טיפענישן צו געפינען די פּערל און ווער בלויז ביים ברעג אָנצושמעקן זיך מיט די ריחות פון ים. און כאַפּן די אוצרות פון ים, און זוכן פּערל איז נישט שייך צו ענדיקן, פאַרקערט, וואָס געניטער אַלץ דערפאָלגרייכער איז דאָס לערנען, דאָס זוכן. ווען איז צייט צו לערנען? הלל איז מחייב די אָרעמע לייט און בן חרסום איז מחייב די גבירים. אַלע, וכל בניך — נישטאָ קיין אויסנאַם. אַן אַרבעטער דאַרף דריי שעה אַרבעטן און ניין שעה לערנען. צי איז דער כלל ווען עס אויסגעפירט געוואָרן? איך מיין אַז נישט. דוכט זיך, אַז דער רמב״ם אַליין האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט עס דורכצופירן אין זיין לעבן.

וואָס דאַרף מען לערנען? — פאַר די אָנפאַנגערס קומט די תורה שבכתב שפּעטער קומט די תורה שבעל פּה און שאַפן אַליין (לויטן רמב״ם, רופט זיך דאָס גמרא). די מפרשים פאַרלאָזן זיך אויף אַן אַנדער מאמר אין גמרא און פירן אַרויס אַז מען קען יוצא זיין מיט דעם תלמוד בבלי אַליין (משנה תורה הלכות תלמוד תורה, י״ב).

אין יעדער שטאָט דאַרף זיין אַ שול, אַ ייִדישע שטאָט וואָס האָט נישט קיין קינדערשול, איז ווערט פאַרשאָלטן צו ווערן (מחרימין אותה). אַ לערער

---

* דער תלמוד איז נישט געבויט אויף דעם תנ״ך, ווי מען וויל עס פון קדמונים אָן דרשענען. ער שטאַמט פון דעם ספּעציפישן לעבן אין זיין צייט און איז קאָאָרדינירט געוואָרן מיט דעם תנ״ך, און דאָס איז ווייט נישט אַלע מאָל געלונגען.

וואָס טוט זיין אַרבעט נישט בשלמות, מיטן גאַנצן האַרצן, אַזאַ וואָס איז מבטל די צייט פון לערנען פאַרדינט אַ קללה „ארור עושה מלאכה ה׳ רמיה״; איך דערמאָן זיך פון אייגענער קינדהייט, ווען אַ רבי האָט מיר געזאָגט, ער האָט שוין נישט קיין כוחות, אָבער ער האָט מורא פאַרן „ארור״.

די נאָרמירטע צאָל קינדער אויף איין לערער דאַרף זיין פינף און צוואַנ־ציק. מען דאַרף אַריבערפירן קינדער פון איין לערער צו אַ בעסערן. מען טאָר אָבער זיי נישט לאָזן גיין צו ווייט צופוס און אויך איבער וועגן וואָס זענען נישט זיכער, ווי אַ שוואַכער בריק וכדומה. לערנען דאַרף מען אויפן קול, מיט אַ ניגון, ווייל וואָס מען לערנט שטילערהייט פאַרגעסט זיך גרינגער. און עס איז אַ גאַנץ ריכטיקער דידאַקטישער פרינציפּ פון קאָנצענטרירטקייט. דער ניגון און דאָס שאָקלען זיך ביים לערנען האָבן געהאָלפן דער קאָנצענטראַציע, דער פאַרטיפקייט, דעם אויסטאָן זיך פון דעם גאַנצן אָרום, מען זאָל אַריינ־קומען אין דער בחינה פון „כל עצמותי תאמרנה״. דער כלל איז אָפּגעהיט געוואָרן ביז היינט (און מיט דערפאָלג!). עס איז פאַראַן אין ש״ס עטלעכע מאָל, אַז לערנען איז גוט פון אַן אָנשטענדיקן לערער מיט מאָראַלישע תלמי־דים. פונקט ווי די תורה קען זיין אַ „סם חיים״, קאָן זי אויך זיין פאַר די וואָס זענען נישט זוכה, אַ סם־המוות.

דער רבי דאַרף נישט מיד ווערן צו דערקלערן די תלמידים דעם ענין נאָך אַמאָל און נאָך אַ מאָל ביז די תלמידים וועלן פאַרשטיין ריכטיק. און די תלמידים טאָרן זיך נישט שעמען צו פרעגן עטלעכע מאָל ביז זיי וועלן באמת וויסן. אָבער פוילע דאַרפן קריגן זייער שטראָף. עס איז ממש צו באַוווּנדערן ווי שטאַרק דער תלמוד איז מפקיד אויף דעם כבוד פון רבין.

דער עיקר פון לערנען איז ביינאַכט, ניט אומזיסט איז אין אַלע ישיבות און אין בתי־מדרשים געווען דער מנהג צו זיצן „אַ משמור״ (לערנען אַ גאַנצע נאַכט). אָבער מען דאַרף נישט שלאָפן אין אַ בית־מדרש, מען דאַרף אַפילו נישט איבעררייסן דאָס לערנען מיט זאָגן אַ צווייטן לערנער „צו געזונט״, ווען יענער האָט אַ נאָס געטאָן. אַ בית־מדרש (ווו מען לערנט) איז הייליקער פון אַ בית־הכנסת (ווו מען דאַווענט). אין דער יידישער ליטעראַטור איז נישט איין מאָל באַשריבן ווי עס האָט אויסגעזען אַ בית־מדרש אין אַ ווינטערדיקן אָוונט נאָך מעריב: יידן מיט ספרים און ליכטלעך ביי די שטענדערס לערנען פאַר זיך, נענטער צו דער טיר ביי טישן זיצן „חברות״ און מען לערנט מיט אַ רבין. און חברות זענען געווען פאַרשיידענע: חברה ש״ס, צו לערנען גמרא, חברה משניות חברה עין יעקב, חומש מיט רש״י, די נידעריקסטע מדרגה פאַר די גאָר פשוטע יידן איז געווען די חברה תהילים. און עס זענען אין יעדער שטעטל געווען גאָר נישט ווייניק פשוטע יידן וואָס האָבן נישט פאַרשטייענדיק האַנדל, געשעפטן איז אָבער ווי גאָט גיט (סייעתא דשמיא (מגילה ו׳, ב׳).

קיין איין וואָרט, דאָך געקאָנט דעם גאַנצן תהילים אויסנווייניק. דער עיקר לערנען איז געווען תמיד דער תלמוד בבלי. מיט אים איז מען יוצא אַפילו פּאַר חומש. די מפרשים פון משנה תורה וווּנדערן זיך פאַרוואָס דער רמב״ם האָט אין איין אָרט געפּסקנט לויטן תלמוד ירושלמי און האָט „פאַרלאָזן אונדזער תלמוד (תלמוד דידן). אַפילו ווען מען האָט געלערנט חומש האָט מען אים געלערנט אַזוי צו זאָגן „תלמודיש״, מיט אַ דרש און מיט אַ מאמר מיט אַן אויסריידעניש. און אַזוי האָט אויך אויסגעזען דער חומש פאַר ווייבער, דער „צאינה וראינה״. תלמודיש איז געווען דאָס לשון פון ייִדן. וואָסער ייִד, אַפילו דער גרעסטער עם־הארץ האָט עס נישט גענוצט אַזוי אויסדריקן ווי: די סברא איז מחייב, קל וחומר, קם ליה בדרבא מיניה, נפקא מינה, מאי קא משמע לן? און טויזנטער אַנדערע. דער ייִדישער דענקען אויף אַלע געביטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן איז געווען תלמודיש, דער קנייטש, דער מאַך מיט דער האַנט: מילא, תיקו, דער תלמוד האָט געפורעמט דעם ייִדן, דעם ייִדישן טיפּ מענטש. אַפילו דער וואָס האָט נישט געלערנט אין בית־מדרש האָט זיך אָנגעשמעקט מיט דעם ריח התורה.

טוביה דער מילכיקער מיט זיינע פסוקים, מימרות, מדרשים אמתע און צוגעטראַכטע איז נישט געווען קיין אויסנאַם, ער איז, פאַרקערט, געווען דער טיפּישסטער ייִד פון יענע צייטן אין שטעטל. דאָס פאָלק האָט געלעבט מיט דעם, האָט דאָס געלעבט אין פאָלק. קיינע שולן און קיינע קולטור־אונטערנעמונגען וועלן עס קיין מאָל נישט קענען איינפלאַנצן אין פאָלק. מען קען רעדן ייִדיש און דאָס רעדן זאָל זיין פול מיט תורה־ציטאַטן, מיט מאמרים און מימרות. און מען קען אויך רעדן העברעיִש און דאָס רעדן זאָל זיין פרעמד און ווייט, אויסגעליידיקט פון יעדער שמץ פון דער קולטור־ירושה, אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט. אַן אַנדער קולטור־שטייגער און אַנדערע ייִדן, יענע ייִדן, טוביהס ייִדן האָבן רעדנדיק ייִדיש געלעבט מיט די פסוקים, אין ליידן און אין פריידן איז דער מדרש געווען זייער חיות. די נשמה פון דעם ייִדן איז געווען דורכגעזאַפּט, דורכגעווייקט מיט דער גאַנצער קולטור, אַפילו ווען מען האָט לגמרי נישט געלערנט, נישט געווייקט זיך אין די ישיבות. די גאַנצע תלמודישע קולטור האָט געלעבט אין פאָלק, זענען די ייִדן געווען תלמודישע. און אַזוי איז געווען דאָס ייִדישע לשון — אַן אָרגאַנישער צונויפשמעלץ פון ייִדישן מיט דעם תלמודישן, וואָס ער איז נאָך בשעתו געווען צונויפגעשמאָלצן מיט דעם תנ״כישן — איין אָרגאַנישע באַהעפטונג. עס קען אויך חלילה זיין אַ העברעיִש־רעדנדיק פאָלק וואָס האָט נישט קיין וואָרצלען אין פאָלקס־קולטור, „שאין לו שרשים באומה״, ווי ביאַליק האָט עס געזאָגט.

ווי געזאָגט איז דאָס לערנען געווען אַ שעפערישס — דער לערנער האָט דעמאָלט פאַרדינט דעם נאָמען לערנער, ווען ער האָט עפּעס געקענט פון זיך

מחדש זיין אין לערנען. קיין גראַדויִרן איז דאָך נישט געווען שייך. וואָס הייסט ענדיקן? מאַכן אַ יום־טוב, וואָס מען האָט שוין געענדיקט, געפּטרט, — אַז מען דאַרף דאָך לערנען אַ גאַנץ לעבן. אָבער וויכטיק איז געווען די דאַטע פון אַרויסגיין לערנען פאַר זיך, ווייל „אינו דומה לומד מעצמו ללומד מרבו" (כתובות קי"א, י') און פון די לעצטע דורות דערציילט מען: אַ יונ־געראַמאַן איז געקומען צו אַ גרויסן רב און בעט ביי אים סמיכה, באַרימט ער זיך: ער האָט אויסגעלערנט גאַנץ ש"ס. זאָגט אים דער רבי: „דאָס וואָס דו האָסט אויסגעלערנט דעם ש"ס, דאָס איז קיין רבותא נישט, — דער עיקר איז וואָס דער ש"ס האָט דיר אויסגעלערנט"... ווייל עס ליגט אין דעם ענטפער פעדאַגאָגישער אמת! דורות האָבן זיך געביטן, תקופות זענען אַריבער, גע־וואַנדערט האָבן ייִדן, מיט זיי צוזאַמען האָט געוואַנדערט די העגעמאָניע (עס געפעלט מיר נישט שטאַרק דאָס וואָרט, איך ווייל בעסער זאָגן — די שכינה פון פאָלק האָט מיטגעוואַנדערט): פון ארץ־ישראל קיין בבל, פון בבל קיין אשכנז, פון דאָרט קיין פוילן־רוסלאַנד, אָבער אַלע מאָל און אומעטום איז זיי בייגעשטאַנען דער דאָזיקער „כלל גדול": וואָס האָט דאָס לערנען דיר אויסגעלערנט? וואָסערע גייסטיקע פעיִקייטן האָט דאָס לערנען אַנטוויקלט אין דיר? מיט וואָס ביסטו געוואָרן שעפערישער ווי פריִער?

מען האָט ביי ייִדן פון דעם תלמוד אָן שטאַרק פאַנאַנדערגעטיילט און אָפּגעשיידט צווישן תורה און חכמה, צווישן תורה און מדע. נישט בלויז האָט עס געטאָן ר' יהודה הלוי אין זיין באַרימטן זאָץ, אַז די גריכישע חכמה האָט גאָר בלומען אָבער נישט קיין פּרוכט (בערנשטיינס אויסגאַבע, ז' 240). עס איז שוין פאַראַן אין גמרא דער מאמר: „תאמר חכמה בגויִם תאמין"; תאמר תורה בגויִם — אל תאמין. דער אונטערשייד, וואָלט איך געזאָגט, איז פאַראַן ביז היינט. דאָס לערנען כדי צו וויסן (מדעדיק) און דאָס לערנען כדי זיך צו ענדערן גייסטיק מאָראַליש, גייִסטיק (תורהדיק לערנען). דערפאַר איז פאַראַן אין גמרא, אַז דאָס לערנען קען זיין „סם חיים" און אויך סם מות. עס ווענדט זיך ווי און צו וואָס מען לערנט (תענית ז', א'; הגיגה ג', ב'). און אַ גוטן מיִסטער: „אם דומה הרב למלאך אלוהים יבקשו תורה מפיו, ואם לאו, אל יבקשו תורה מפיו" (מועד קטן, י"ז, א').

און עס איז, אין דעם געווען אַ גרויסער היסטאָרישער זינען: דאָס יידישע פאָלק איז געווען מאַנאַליטיש, נישט סתם קיין פירערישע קלאַסן און קיין געפּירטע, איטלעכער ייִד האָט געקאָנט דערגרייכן צו ווערן אַ פירער פון פאָלק. האָט דאָס לערנען געדאַרפט אַנטוויקלען אָט די שעפערישקייט. נישט וויכטיק איז די אָדער יענע פּראָגראַם וואָס מען לערנט. מען קען לערנען די אָדער יענע מסיכתות — אַלץ איינס. דער עיקר איז געווען צו אַנטוויקלען די שעפערישקייט דורך דעם לערנען... מיט דריי קרוינען זענען ייִדן געקרוינט

געוואָרן, — זאָגט דער רמב״ם: תורה, כהונה און מלכות. כהונה איז פאַר אהרון, מלכות — פאַר בית דוד. די תורה־קרוין אָבער איז פאַר אַלע ייִדן און ווער עס וויל קען קומען און נעמען זי. און זי — די תורה־קרוין — איז די זייכטיקסטע פון אַלע דריי. אַ פאָלק האָט געדאַרפט האָדעווען נישט קיין ווייסער, נייערט גייסטיקע פירער. איז דאָס לערנען געווען צוגעפּאַסט. און... אפשר וואָלט די וועלט געווונען אַ סך, ווען דער צוגאַנג ווערט אָנגענומען אויך פון אַנדערע.

דידאַקטישע כללים

פון די דאַקטישע אָנווייזונגען וואָס זענען צעשאָטן איבערן גאַנצן תלמוד וועלן מיר דאָ ברענגען נאָר עטלעכע:

מען דאַרף צוגעוווינען צו מצוות (דערציִען אין ייִדישן שטייגער) פון קינדוויַיז אָן (אין אַנדערע אַרבעטן האָב איך זיך באַמיט אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פון קולטור־שטייגערישן מאָניזם אין קינדהייט).

אַז מען לערנט קליינערהייט איז עס גלייך ווי מען שרייבט מיט גוטן טינט און גלאַטן, גוטן פּאַפּיר. עס איז אַ גרויסער אונטערשייד צי מען לערנט אַ זאַך הונדערט מאָל אָדער הונדערט און איין מאָל. די מזל־ברכה אין לערנען איז אין זאַכן וואָס מען קען נישט וועגן און נישט מעסטן און נישט ציילן, נאָר דווקא אין זאַכן וואָס זענען פאַרהוילן פון אויג (סמוי מן העין תענית ח׳, ב׳). ווען איך טראַכט זיך אַריין אין דעם קורצן מאמר, דוכט זיך מיר אַז אַ מאָ־דערנער אַנטיהערבאַטיאַנער פּעדאַגאָג וואָלט אויף דער טעמע אָנגעשריבן אַ גאַנצן... טראַקטאַט.

ברוריה, די געלערנטע ר׳ מאירס ווייב לערנט אַ לערנער, ער זאָל לערנען אין דער הייך, אויפן קול, כדי די תורה זאָל אַריין אין אַלע גלידער. ווייל אַניט וועט זי פאַרגעסן ווערן. (עירובין נ״ג, ב׳). עס איז צום באַדויערן וואָס אין די היינטיקע שולן לערנט מען... צום עקזאַמען און מען זאָרגט אַזוי ווייניק וואָס פון דעם געלערנטן וועט בלייבן נאָך... דריי יאָר אַפילו. וועגן פאַרדייען דעם געלערנטן טראַכט מען גאָרנישט, גאָר ווייניק. אין אַ פּאָר ערטער איז אָנגעוויזן די ראָל פון לערנען מיט אַ ניגון (סופרים פ״ג, מגילה ל״ב, א׳). אונדזער אַלטער גמרא־ניגון, וואָס אַ פרומער ייִד האָט מיר געזאָגט אַז ער איז געגעבן געוואָרן צוזאַמען מיט דער תורה מסיני.

אַז אַ תלמיד קומט שווער אָן דאָס לערנען איז אין דעם שולדיק דער רבי, אַ סך קענען העלפן דערביי חברים (תענית ז׳, ב׳). אין די ישיבות איז טאַקע געווען אָנגענומען צו געבן אַ שוואַכן תלמיד אַ חבר וואָס זאָל אים העלפן.

עס איז בעסער צו לערנען שטייענדיק, באשר „צוליב די היינטיקע

שוואַכע דורות" (געזאָגט געוואָרן נאָך פאַרן חורבן!) לערנט מען זיצנדיק (מגילה כ"א, א'). פון דעסטוועגן איז עס אויסגעקומען צו זען גאָר אַ סך צע־היצטע לערנער וואָס שטייעןביים לערנען. די תורה דאַרף ביי אַ תלמיד־חכם קאָכן אין אים, און אַזאַ איינער וואָס איז נישט האַרט ווי אַן אייזן איז נישט קיין תלמיד־חכם. און דאָך דאַרף עס זיין געלאַסן (תענית ד', א').

מען דאַרף לערנען די קינדער פון אַ גוט־קאָרעגירטן ספר, זיי זאָלן נישט זען קיין גרייזן (מועד קטן, י"ח, ב').

נישטאָ קיין מזל ברכה (אין השכינה שורה) אין אַ לערנען ווען מען פוילט זיך, נישט ווען מען איז פאַראומערט, און אין לייכטזיניקייט און דברים בטלים, עס דאַרף זיין אַ מצווהדיקע פריידיקייט אין לערנען. מען דאַרף וויסן — עס איז אַ גרויסער פּעדאַגאָגישער אמת איז דעם פאַראַן: פריידיקע ציפרידנקייט איז די שטימונג ווען מען קען זיך עפּעס אויסלערנען (פּסחים, קי"ז, א'). מען דאַרף געדענקען: געהאָרעוועט און נישט דערגרייכט — גלייב נישט; נישט געהאָרעוועט און יאָ דערגרייכט — גלייב נישט; יאָ געהאָרעוועט און טאַקע דערגרייכט — דאָס זאָלסטו גלייבן. דאָס איז אין לערנען. אין האַנדל, געשעפטן איז אָבער ווי גאָט גיט (סייעתא דשמיא (מגילה ו', ב'). און ווי וויכטיק עס איז דאָס לערנען, מוז מען אָבער די קינדער אויך לערנען פאַרדינען. ווער עס לערנט נישט זיין קינד קיין פּרנסה, איז ווי ער וואָלט אים געלערנט רויבעריי (קידושין ל', ב').

אַזוינע און אַ סך אַנדערע פּעדאַגאָגישע אָנווייזונגען זענען צעשפּרייט איבערן גאַנצן תלמוד און אין דער גאַנצער שפּעטערדיקער תלמודישער לי־טעראַטור. עס איז צו באַוואונדערן ווי ווייניק זיי האָבן געהאַלטן פון טעאָריעס און ווי ווייט זיי האָבן אַלע געדאַנקען און אידייען גלייך באַמיט זיך צו פאַר־וואַנדלען אין הלכה למעשה. אין דער אָדע לכבוד שבת „לכה דודי", האָט דער צפתער מקובל שלמה אלקבץ געשריבן „סוף מעשה במחשבה תחילה". לויט דער תלמודישער פירונג איז זיכער ריכטיקער צו זאָגן „סוף מחשבה במעשה תחילה". אָט די פאַרקערטע פאָרמול וואָלט געקראָגן באַשטעטיקונג אויך פון דער היינטיקער פּסיכאָלאָגיע. פאַראַן אין תלמוד מסיכתות, קיין מסיכתא תלמוד תורה איז נישט, נישטאָ וואָלטן מיר געזאָגט אין דער היינ־טיקער טערמינאָלאָגיע קיין פּעדאַגאָגישער טראַקטאַט באַזונדער. דאָס גאַנצע לעבן איז געווען דער טראַקטאַט.

נאָך איין גרויסע מעלה האָט די פּעדאַגאָגישע סיסטעם פון ישיבה געהאַט לגבי דער אייראָפּעיִשער. אין דער לעצטער הערשט ניוועלירונג, אוניפיקאַ־ציע פון די תלמידים — איין פּראָגראַם פאַר אַלעמען, איין וויסן, די זעלביקע ידיעות מוזן אַלע האָבן, די זעלביקע פאָדערונגען ווערן געשטעלט צו אַלע־מען. אָבער מענטשן זענען פאַרשיידן, יעדערער מיט זיינע אינטערעסן, איט־

לעכער מיט זײַנע פֿעיִקייטן. פֿאַרשיידענע טיפּן זענען די לערנער, און ווי קען מען צו אַלעמען שטעלן די זעלביקע פֿאָדערונגען? זעלנער אין מאַרשירן דאַרפֿן אַלע שטעלן דעם טראָט גלייך (אָבער אין קאַמף טאָרן שוין די זעלנער נישט זיין ניוועלירט!). האָט די ייִדישע סיסטעם פֿון ישיבה און בית־מדרש דאָס לערנען פֿאַרקערט. אינדיווידואַליזירט. איטלעכער לערנער גייט זיך זיין גאַנג, פֿאַרטיפֿט זײַנע פֿעיִקייטן, לערנט לויט זײַנע נייגונגען. איטלעכער לערנט פֿאַר זיך, און אַלעמען העלפֿט דער רבי גיין זיין אייגענעם וועג. אין דער איי־ראָפּעיִשער סיסטעם איז מעגלעך אַזאַ דערשיינונג, ווי ברילִיאַנטענע תּלמידים מיט די בעסטע מיינונגען און זיי ווערן שפּעטער פֿולשטענדיקע גאָרנישטן. און פֿאַרקערט, זענען כמעט אַלע גרויסע מענטשן געווען אין שול פֿאַררעכנט פֿאַר שלעכטע תּלמידים. זיי זענען שוין אין צייט פֿון זייער לערנען געווען אויסגעשפּראָכענע אינדיווידן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צום סדום־בעטל פֿון שול. אין דער ייִדישער סיסטעם איז אַזאַ דערשיינונג נישט געווען און נישט געקאָנט זיין: איטלעכער לויט זײַנע אינדיווידועלע פֿעיִקייטן נעמט יעדערער זיין אָנלאָדונג מיט וויסן — ווער מער און ווער ווייניקער, ווער פֿון איין געביט און ווער — פֿון צווייטן. און יעדערער נוצט אויס זיין וויסן לויט זײַנע דרכים און לויט זײַנע אינטערעסן.

און נישט געקוקט אויף דער שטרענגער אינדיווידואַליזאַציע, האָט דאָך דאָס לערנען פֿאַראייניקט. צונויפֿגעהעפֿט דאָס פֿאָלק אין איין גאַנצקייט. און אפֿשר טאַקע אַ דאַנק דעם איינהייטלעכן וועג פֿון לערנען, אַ דאַנק דער טיפֿער אַלגעמיינער קאָנצענטרירטקייט אויף דער תּורה און אַ דאַנק דער איינהייט־לעכער שטייגערישקייט, איז דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע פֿאָלק ישׂראל געווען איין און דאָס זעלביקע פֿאָלק איבער אַלע שבֿעה ימים און איבער אַלע שבֿעים אומות און לשונות.

אָט די ראָל פֿון לערנען — מדרש און מעשׂה אין אויפֿהיטן און איינ־האַלטן דעם קיום און די געמיינזאַמקייט פֿון פֿאָלק איז געווען ביי די שפּעטער פֿון תּלמוד אַ קלאָרער באַוווסטזיין. עס זאָגט די גמרא: „זינט עס זענען מע־רער געוואָרן די תּלמידים פֿון שמאי און הלל וואָס האָבן נישט גענוג זיך אַריינגעטאָן אין לערנען, האָבן זיך פֿאַרמערט די קריגערייען ביי ייִדן און די תּורה איז געוואָרן ווי צוויי (משרבו תלמידי שמאי והלל שלא שמשו כל צרכן, רבו המחלוקות בישׂראל ונעשית תורה כשתי תורות (סנהדרין פ״ח, ב׳; סוטה מ״ז, ב׳).

און אַ מדרש דערקלערט: „ווען די ייִדן זענען אַרויס פֿון מצרים פֿלעגן זיי וואַנדערן אין מחלוקות און רוען אין מחלוקות. אָבער ווען זיי זענען געקומ־מען צום באַרג סיני (און געקראָגן די תּורה) זענען זיי געוואָרן איין גאַנצ־קייט" (כשיצאו ישׂראל ממצרים היו נוסעים במחלוקות וחונים במחלוקות,

כיוון שבאו להר סיני נעשו כולם הומוניא״. איכה רבתי פתחתא כ׳. דאָס לעצטע וואָרט „הומוניא״ — גאַנצקייט, פון גריכישן, זען מאַרקוס יאַסטרוב „ספר מלים״) און באַפעסטיקט דעם טיפן געדאַנק האָט מען מיט אַ גרינגן פּסוק פריִער שטייט „ויחנו ישראל״ — אין מערצאָל און סיני שטייט „ויחן״ — אין איינצאָל. די אידייע איז געווען פריִער, דעם פּסוק האָט מען אויסגעזוכט שפּעטער.

נישט לאַנד, נישט מדינה און מלוכה האָט די שבטים צונויפגעבונדן אין איין פאָלק, נייערט די תורה — דאָס איינהייטלעכע לעבן און דענקען. דאָס איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג ביי דער פאָלקסטימלעכער אינטעליגענץ, די פּרושים אין צייט פון צווייטן בית־המקדש.

און אַזוי האָט זיך ביי ייִדן געהאַלטן אַן אַלגעמיינע, אַבליגאַטאָרישע, איינהייטלעכע און אומזיסטע דערציִונג מער ווי צוויי טויזנט יאָר. דאָס איז די פאָרמול פון דעמאָקראַטישער דערציִונג, ווי מיר פלעגן דאָס רופט אַמאָל אין אונדזער לערער־סעמינאַר — „די פאָרמול פון די פיר אלפן״.* און אַלץ מיט דעם כוח פון אַ מי שברך. מיט דער דיסציפּלין פון רעליגיע, וואָס אַ פאָלק האָט געשאַפן פון זיין ייִדישקייט, פאַר זיין ייִדישקייט.

און אַזוי האָט די תורה אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק. און תורה איז געווען כמעט דורכויס נאָר תלמוד בבלי, וואָס ער איז כולל אַל דאָס פריִערדיקע. אויב בנוגע צום תנ״ך האָט מען מיט א שטאַרקער האַנט איבערגעריסן דעם פּראָצעס פון זיין שאַפן: פיר און צוואַנציק ספרים, און נישט מער! אַרויסוואַרפן (ספרים חיצוניים), נישט אָנערקענען (דן זיין לגניזה). איז דער שאַפונגס־פּראָצעס פון תלמוד קיין מאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן, קיין מאָל נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן. האָט אַ גאַנץ פאָלק געלערנט — אָרעם און רייך, קליין און גרויס, און לערנען הייסט אַלע מאָל מחדש זיין. לערנער ביי־טאָג, לערנען ביינאַכט, לערנען אין דאַוונען (צו זאָגן אַ רבנן־קדיש), פאַרן דאַוונען און נאָכן דאַוונען, לערנען אין דער וואָכן און לערנען שבת און יום־טוב, לערנען אויף אַ סעודת־מצוה, און ווען נישט? אויף אַ חתונה אין משפּחה — ווי קען מען זיך באַגיין אָן אַ שטיקל תורה, אָן אַ דרשה? און מתנות גיט מען נישט סתם אַזוי, נאָר דאָס איז דרשה־געשאַנק און אַז סוחרים באַגעגענען זיך ווינטער ביינאַכט ערגעץ אין אַ קרעטשמע ביי די וועגן, האַנדלט מען, וואַנדלט מען און מען שליסט שידוכים און מען פאַרווייַלט זיך, מען וויצלט זיך מיט אַ שטיקל תורה... ווי דען? מען איז דאָך עפּעס שטיקלעך ייִדן נישט ווי די גויִים, וואָס כאַפּ־לאַפּ, פרעס און זויף, אַפילו אָן אַ וואָרט פון תורה... וואָרום — שלשה שאכלו — אַז דריי האָבן געגעסן און נישט „פאַרביסן״

* אַלגעמיינע, איינהייטלעכע, אומזיסטע און אַבליגאַטאָרישע דערציִונג.

מיט דברי תורה, איז עס אַ טויטע סעודה. האָט דאָך נאָך דער צווייטער „תורה־געבער" (עזרא הסופר, לויט דער גמרא) איינגעפירט אַז עס טאָרן ייִדן נישט נעכטיקן דריי נעכט אָן תורה.

אַזוי האָבן ייִדן אויפגעהאַלטן זייער קיום, דעם קיום פון פאָלק. וואָרום — וואָס מיינט קיום פון פאָלק? — עס מיינט נישט קיין מלוכות, אַרמייען, גרענעצן, לענדערייען, — עס מיינט אָפּגעהיטע, פאַרזיכיקע אַנדערשקייטן אין לעבן, אין פירונג, אין שטייגער, און אין גייסטיקן אויסהאַלטן זיך. אָט דאָס פאַרזיכיקע לעבן ווערט אַ תורה, און די תורה איז געוווען דאָס לעבן, דאָס לעבן פון גאַנצן פאָלק. דאָס גאַנצע פאָלק האָט געלערנט און דאָס לער־נען האָט געשאַפן די גאַנצקייט פון פאָלק. „כי היא חיינו ואורך ימינו"... נישט אומזיסט האָט מען פיינט געהאַט דעם תלמוד נישט ווייניקער ווי די לעבעדיקע ייִדן. דער תנ"ך — אדרבא ואדרבא! הייליק ביי אַלעמען, איבערגעזעצט אויף טויזנט מיט הונדערטער שפּראַכן, דאָס אייגנס פון דער גאַנצער קולטור־וועלט; אין יעדער האָטעל־צימער אַ תנ"ך... הייליק פאַר אַלעמען אָבער שוין נישט פאָלקיש־אייגנס פאַר קיינעם, הייליק, אָבער נישט היימיש, — פאַר אונדז אויך נישט. אונדזער היינטיקער „עלענאָווי" איז גאָר אַן אַנדערער ווי דער תנכישער אליהו הנביא ערגעץ אויף דעם כרמל־באַרג אָדער אין דער הייל אויף דעם חורב־באַרג. אונדזער מאַמע־רחל איז נישט די וואָס פּאַשעט איר טאַטנס שאָף ערגעץ אין פדן ארם, נאָר זי איז די פון טייטש־חומש, וואָס קלאָגט אויף דעם גלות פון אירע קינדער; אָט די רחל מבכה על בניה. אונדזער סאַמע משה רבינו איז נישט דער וואָס גייט אַרויף אין הימל ברענגען די לו־חות. עס איז דער וואָס קומט צו רבי עקיבאן אין דער ישיבה און פאַרשטייט נעבעך נישט וואָס די תלמידים לערנען... אונדזער דוד המלך איז ווידער נישט דער וואָס פּראַוועט מלחמות, נאָר ער זיצט גאָר און לערנט און פּסקנט שאלות און זאָגט תהילים אין אַלע אַלטע בתי מדרשים, צוזאַמען מיט פּשוטע ייִדישע בעל־מלאכות... צו ווייט איז פון אונדז דער תנ"ך און ער האָט זיך נישט אַריינגעקנאָטן אין אונדזער לעבן, אין אונדזער נשמה. בכל אופן נישט אין זיין אָריגינעלער איכות. ער איז צו אונדז דורכגעזייט געוואָרן דורך דעם תלמוד, בלויז דורך אים, נישט מער. און ווען פרומע שונאים האָבן אונדז עקידהדיק געברענט צוזאַמען מיט דעם תלמוד, האָבן זיי מיט די זעלביקע הענט געדריקט צום האַרצן דעם פאַרשוועכטן תנ"ך אונדזערן. פאַרברענט די מאַמע און געשענדעט די טאָכטער. געברענט דעם תלמוד און געגלאָצט די אויגן אויפן תנ"ך. באַגלייט אונדז אין די וועגן פון אונדזער נצח האָט נישט דער תנ"ך, נאָר דווקא דער תלמוד. דער תנ"ך — נאָר אויף וויפל ער איז אַריינגעזיפּט אין תלמוד. און אַ כלל:

עס קען אַ פאָלק נישט לעבן היינט מיט תורהס וואָס זענען פאַרחתמעט

געוואָרן אין אַ פריִערדיקער תקופה. געלעבט האָט דאָס פאָלק מיט דער תורה וואָס עס האָט אַליין געשמידט יעדן טאָג, יעדע שעה פון דאָס ניי. אַזוי איז געווען דער ציל און אַזוי איז ער דערגרייכט געוואָרן. עטלעכע זענען זיי גע־ווען די צילן: נאַציאָנאַלע. ווען זיי האָבן מיר די גאַנצע צייט גערעדט, דורך דער גאַנצער אַרבעט געפירט צו זיי. אָבער די נאַציאָנאַלע צילן האָבן געפּאָדערט אויך אינדיווידועלע, עס זענען געווען אויך אינדיווידועלע אויפגאַבן פון דער דערציִונג. ווען דאָס קינד איז נאָך אין וויגעלע געלעגן, פלעגט די ייִדישע מאַמע שוין חלומען „תורה וועט ער לערנען, ספרים וועט ער שרייבן". יעדער ייִד האָט געדאַרפט זיין נישט בלויז אַ תורה־קענער, נאָר טאַקע אויך אַ תורה־שפּעער. נאָך משה רבינו האָט געחלומט: „מי יתן והיה כל עם ה׳ נביאים". שפּעטער, אַז עס איז געקומען די צייט ווען מען האָט געזאָגט אַז „חכם עדיף מנביא׳ (אַ געלערנטע ייִד איז וויכטיקער פון אַ נביא), איז אויך די פּאָרמול פּאַרביטן געוואָרן „וכל בניך למודי ה׳", און דאָס איז יאָ מקוים געוואָרן. די אינדיווידועלע צילן זענען געווען אין דעם לערנען גופא. עס איז נישט וויכ־טיק געווען קיין שום פּראָגראַם, צי דער תלמיד לערנט די אָדער יענע מסיכתא, נישט וויכטיק וויפל מסיכתות ער האָט שוין אויסגעלערנט. ער וועט דאָך לער־נען ווייטער, ער ענדיקט דאָך נישט. דער עיקר איז דאָך, ער זאָל קענען לער־נען אַליין, ער זאָל וועלן לערנען, ער זאָל זיין שפּעריש אין לערנען. אָט די לעצטע אייגנשאַפט איז געווען די וויכטיקסטע. אַ בר־מצווה־ייִנגל האָט גע־דאַרפט זאָגן אַ דרשה אַליין, נישט נאָכזאָגן ווי אַ פּאָפּוגיי וואָס מען האָט אים געלערנט, אויף חתונה דאַרף דער חתן זאָגן אַ דרשה און ווען נישט? איז יע־דער לערנער האָט מען געשאַצט תמיד נישט אַזוי זיין בקיאות, וויפל ער ווייס, וויפל ער האָט אויסגעלערנט, וויפל בלאַט גמרא ער געדענקט. וויכטיקער איז געווען דאָס וואָס ער קען אַליין זאָגן, אַליין שאַפן. עס זענען גאַרנישט זעלטן געווען יונגע בחורימלעך וואָס פלעגן קענען זאָגן צענדליקער בלאַט גמרא אויסנווייניק, וואָס פלעגן זאָגן די גמרא „אויף דער נאָדל" (דורכשטעכן מיט אַ נאָדל אַ צאָל בלעטער אין איין אָרט, און מען זאָל זאָגן וואָס עס שטייט אויף דעם אָרט מיט אַ צען, מיט אַ צוואַנציק בלעטער ווייטער). דאָך איז גע־ווען וויכטיקער צו קענען זאָגן אַ „חילוק", אַ „הדרן", אַ חידוש, אַ דרש צו קענען פרעגן קשיות און געבן תירוצים, קענען דיסקוטירן נישט בלויז מיט חברים, מיט אויטאָריטעטן, מיט ספרים, נאָר אַפילו מיט די תנאים און אמו־ראים גופא. בקיאות איז געווען אַ גרויסע מעלה. חריפות איז אָבער געשעצט געוואָרן העכער. אַ „שאַרף קעפּל" פלעגן רביים, ראשי ישיבות זאָגן מיט ליבע אויף אַזאַ תלמיד, מען האָט פון אַזאַ הנאה געהאַט, „ער וואַקסט אַ כלי", אַ „צאַצקע"... טאַטע־מאַמע פלעגן אָנקוועלן און ציטערן פאַר אַן עין־הרע, חלילה. אַזאַ איינער, אַז ער פלעגט זיך נעמען צו וועלטלעכע לימודים, איז נישט

זעלטן געווען ער זאָל דורכמאַכן דעם קורס פון אַכט יאָר גימנאַזיע אין איין יאָר, אין צוויי און אָפּגעבן עקזאַמען אויף מאַטורע. נישט אומזיסט איז עס געווען ביי די רוסישע לערער אַ ווערטל „זשידאָווסקאַיאַ גאָלאָווקאַ״ (אַ יידישע קעפּל). מען קען אָן גוזמא זאָגן, אַז די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ — אַלע אונדזערע שרייבערס, טוערס זענען געווען פון דעם טיפּ, פון דעם מין. עס זענען ביי יידן נישט געווען קיין סעמינאַרן פאַר רבנים, פאַר אַנדערע ספּעציעלע קורסן צוצוגרייטן, — אַליין, אַליין לערנט מען און יוצא. אָט די פעיקייט צו לערנען אַליין, פאַר זיך איז אפשר געווען די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט פון דער יידישער טראַדיציאָנעלער פּעדאַגאָגיק: ווו און ווי אַזוי האָט אַ פאָלק אין גלות אָן אַ באַשטימטער הערארכיע פון אויטאָריטעטן, פון „געגעבענע״ טיטולן און מדרגות (דיגרי) זיי געקענט האָבן? זענען די גדולים געוואַקסן אַליין, אָן טיטולן און אָן דיפּלאָמען. און זיי טאַקע האָבן געפירט דאָס פאָלק, נישט די געלט־אַריסטאָקראַטיע, נאָר די „תורה־אַריסטאָקראַטיע״. די געלט־יידן האָבן זיך איינגעקויפט אין יחוס דורך אַ שידוך מיט די תורה־יידן. די מעטאָדן פון לערנען גמרא זענען געווען דערציערישע, אַנטוויקלענדיקע. דאָס דענקען איז געווען נישט אין פאַרגלייך העכער געשעצט ווי דאָס געדענקען. אין גמרא זענען פאַראַן צעשאָטן אָן אַ שיעור מימרות, וואָס שטרייכן אונטער די וויכטיקייט פון שאַרפן דעם מוח ביים לערנען. איך וועל דאָ ברענגען בלויז איינעם — צוויי מוסטערן: „ווי אַ קליין שפּענדל צינדט אָן אַ גרויסן שייט האָלץ, אַזוי העלפט אַ קליינער דעם גרויסן לערנען״. די גמרא ברענגט אַ ווערטל (דאמרי אנשי) אַז עס איז בעסער איין קערנדל שאַרפער פעפער פון אַ גאַנצן קאָרב פּסוק (מגילה ז׳ א׳; יומא פ״ה ב׳; חגיגה י׳ א׳). אין סנהדרין דאַרף מען נישט אַוועקזעצן איינעם וואָס קען נישט דורך פּילפּול מטהר זיין אַ שרץ (סנהדרין י״ז א׳). ר׳ חנינא באַרימט זיך, אַז ווען די תורה וואָלט פאַרגעסן געוואָרן וואָלט ער זי ווידער געבראַכט דורך זיין פּילפּול (כתובות ק״ג); פון דעסטוועגן איז אויך פאַראַן אַ מאמר, אַז „סיני (בקיאות — אַ סך וויסן) איז וויכטיקער ווי עוקר הרים (אויסרייסן פעסטע בערג דורך פּילפּול. סוף ברכות).

דער פּילפּול איז אין מיטלאַלטער, איבערהויפּט אין פּוילן געוואָרן דער עיקר פון לערנען. פאַרקערט נעם איך אָן די משנה תורה פון רמב״ם ווי אַ פּרווו צו סומירן דעם ש״ס און איבעררייסן מיט דער גאַנצער שקלא וטריא. דאָס איז געווען אַ מין פאַרלאַנג איבערצורייסן די תלמודישע פּילפּולדיקע שאַרפזיניקע מוח־שאַרפעניש. (דער רי״ף האָט דאָך דאָס געוואָלט נאָך פריער פאַרן רמב״ם). אָבער עס איז נישט געלונגען, איבערהויפּט טאַקע אַדאַנק אַשכנז. און אפשר האָט טאַקע דערפאַר אשכנז זוכה געווען צו אַזאַ שעפערישקייט וואָס ספרד האָט קיינמאָל נישט געהאַט עפּעס ענלעכס.

עס פאַרשטייט זיך אַז יעדער איינזייטיקייט דערגייט צו עקסטרעם, און דער פילפּול איז שפּעטער אויך דערגאַנגען ביז אַבסורדן, ביז „אַריינשלעפּן אַ העלפאַנט אין אַ לעכל פון אַ נאָדל”, אָבער פּאַראַלעל צו דעם האָט מען דאָך זיך געפּילפּולט אין סאָרבאָנע און אין אַנדערע אוניווערזיטעטן וועגן דעם וויפל שדים עס קענען זיך האַלטן אויפן שפּיץ פון אַ נאָדל.

דער היפּערטראָפּירטער פּילפּול האָט אַרויסגערופן שפּעטער אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט. באַקאַנט די קעגנערשאַפט פון מהר״ל צום פּילפּול (זע ציג־בערג, באַנד 5, 111 און ווייטער: אויך אסף „מקורות לתולדות החינוך בישראל”). דער מהר״ל האָט געלעבט אין זעכצנטן י״ה פריִער פון זיין בן עיר יוהנן עמוס קאָמעניוס, וואָס די וועלט האַלט אים פאַר דעם פאָטער פון דער מאָדערנער ראַציאָנאַלער פּעדאַגאָגיק נאָר דערפאַר ווייל מען איז נישט באַקאַנט מיט די שריפטן פון מהר״ל אויף דעם געביט (ד״ר טשרנא, מהר״ל וקמעניום”; דעם געניויעם ריכטיקן נאָמען פון דער אַרבעט געדענק איך נישט). אויך דער ווילנער גאון איז געווען קעגן פּילפּול. דאַכט זיך, אַז דער מהרש״ל האָט געשריבן „יש בת משוגעים האומרים כי הפילפול מחדר” (איך האָב אונטער דער האַנט נישט די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן גענוי). אַזוי צי אַזוי איז דער תלמודישער מעטאָד פון לערנען דער „שולדיקער” אין די „יידישע קעפּלעך”. איך בין זיכער אַז די דערציִונג אין דער וועלט וואָלט געהאַט אַן אַנדער פּנים, ווען עס וואָלט מקוים געוואָרן „כי מייִדישן גלות תצא תורה”. דערווייל וואָלטן מיר געווען צופרידן ווען יידן אַליין וואָלטן ממשיך געווען די תלמודישע מעטאָדיק אין זייערע היכשולן און מיטלשולן.

עס איז זיכער זייער אַקטועל צום באַדויערן וואָס דער תלמוד איז ביי היינטיקן טאָג כמעט ווי אויסגעשלאָסן פון קוריקולום פון די יידישע שולן. און דער עיקר שאָדן איז וואָס דער תלמודישער לערנגאַנג, די סיסטעם איז פאַרלאָזן.

דער מעטאָד איז געווען באַזירט אויף קאָנצענטראַציע. די גאַנצע צייט אין משך פון טאָג און אין משך פון יאָר האָט מען געלערנט איין לימוד, איין געביט לימודים. די אייראָפּעיִשע סיסטעם פון פירן עטלעכע, און אַמאָל אַ סך לימודים איינצייטיק, האָט דעם געוואַלטיקן חסרון, וואָס זי שטערט די לערנער צו קאָנצענטרירן זיך. זיי ווערן געוואָרפן יעדער שעה אין אַ מין כף הקלע פון איין געביט צו אַ צווייטן, און זיי קענען זיך נישט קאָנצענטרירן אויף קיינעם. און דערפאַר קען נישט זיין קיין מזל־ברכה אין דער אינטוּיִציע אויף קיין געביט. די אייראָפּעיִשע פּעדאַגאָגיק איז אַלעמאָל געווען געבויט בלויז אויף ראַציאָ און זיכרון צו דערגרייכן דעם ציל וויסן. דער אַפּאָגיי פון דער פּעדאַגאָגיק איז געווען הערבאַרט און זיינע נאָכפאָלגער. אונדזער טראַדיציע אין

דערציִונג האָט געהאַט תמיד אין אויג די אינטויִציע, דערפאַר די סיסטעם פון קאָנצענטרירטן לערנען, פון פאַרטיפן זיך אין איין געביט. די נייערע פּעדאַגאָגיק אין דער וועלט, איבערהויפּט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אויך אַ קער געטאָן צו דער אינטויִציע, וואָלט די תלמודישע סיסטעם געקענט שטאַרק נוציק זיין * איז טאַקע כרמי שלי לא נטרתי.

דאָס וואָס דער תלמוד גופא איז אַרויסגעפאַלן פון קוריקולום יִדישע לימודים כמעט אין אַלע שולן, איז ווידער אַ גרויסער פעלער, עס פעלט טאַקע, וואָרום עס איז שווער צו זיין אַ יִדישער אינטעליגענט אָן דער השפּעה פון תלמוד. ער פורעמט דאָך מערער דעם יִדישן גייסט איידער דער תנ״ך. די צרה איז נאָר וואָס ביז היינט האָט דער יִדישער שעפערישער געדאַנק נישט געפונען דעם ריכטיקן וועג ווי אים אַריינצופּאַסן אין דעם פּיללימודימדיקן קאַליידאָסקאָפּ, ער זאָל דאָך ווירקן אויף די תלמידים נישט בלויז זיי זאָלן וויסן אַ פּאָר סוגיות. די אַלע מעטאָדן און עקספּערימענטן וואָס זענען מיר באַקאַנט, האָבן געלאָזן אָן אַ זייט דעם הויפּטציל פון דעם לימוד — זיין אינטויִטיווע השפּעה. איך אַליין האָב אין משך פון יאָרן צוגעגרייט אַזאַ מין עקספּערימענט, אָבער צוליב טעכנישע סיבות האָב איך אים נישט געקענט פאַרעפנטלעכן. דער מאַטעריאַל ליגט אָן נוץ.

בכלל האַלט איך אַז די עצם צעטיילונג די יִדישע קולטור אויף צוויי טיילן — רעליגיעזע און וועלטלעכע, און איין טייל האָט נישט קיין שייכות צום צווייטן, פאַר אַ פאַלשן און פאַר אַ שעדלעכן. די יִדישע קולטור איז איינע, וואָס מען קען זי אויפנעמען רעליגיעז אָדער וועלטלעך. עס טאָרן די וועלטלעכע יִדן זיך נישט אָפּזאָגן פון דער רעליגיעזער קולטור און די רעליגיעזע יִדן מוזן אָנערקענען דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון דער וועלטלעכער קולטור. אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך צו פאַרטיפן אין דעם ענין.

---

* צוויי יִדישע פּעדאַגאָגינס אין ווילנע, סאָפיע גורעוויטש און ראָזע סימכאָוויטש ע״ה, וואָס האָבןביידע אין קיין ישיבה נישט געלערנט, זענען אין 1921 געקומען פון אַ שטודיערייזע אין אייראָפּע, און געשאַפן אַזאַ ברייטן עקספּערימענט פון קאָנצענטרירט לערנען אין דעם יִדישן לערער־סעמינאַר וואָס זיי האָבן געגרינדעט און געפירט דעם ערשטן יאָר. די סיסטעם האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער דערפאָלגרייך פאַר די פעיִקע תלמידים. צום גרויסן באַדויערן האָבן מיר געמוזט זיך אָפּזאָגן פון דעם עקספּערימענט צוליב דעם צוואַנג פון דער פּוילישער רעגירונג, וואָס וואָלט אַנדערש נישט געגעבן קיין רעכט די תלמידים צו ווערן לערער, סיידן דער סעמינאַר וועט זיך צופּאַסן צו דער סיסטעם פון די מלוכהשע סעמינאַרן.

אַנדערש זענען אונדזערע יום־טובים

אל תשמח ישראל אל גיל כעמים.

מיר זענען אייגנטימלעך אַנדערש פון אונדזערע שכנים אין פריידן און אין טרויער. אַלע פעלקער האָבן זייערע יום־טובים, זייערע פריילעכע און היי־ליקע טעג. משמעות עס איז אַן אַלגעמיינע אייגנשאַפט פון אַלע מענטשן צו האָבן טעג ווען מען וויל פאַרגעסן דאָס וואָכעדיקע, דאָס טאָג־טעגלעכע און זיך אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער וועלט. דאָס איז דער יום־טוב. אָבער עס איז אַ גוואַלדיקער אונטערשייד צווישן אונדזער טראַדיציאָנעלן יום־טוב און פון די שכנישע פעלקער וואָס צווישן זיי האָבן מיר געלעבט הונדערטער יאָרן און מער נאָך. ביי ייִדן איז געווען דער נאָמען יום־טוב — אַ גוטער טאָג. ביי די שכנים איז דער נאָמען געווען פאַרבונדן מיט „הייליקייט" — האָלי־דיי, סוויענטאָ, סאַנטאַ וכדומה. ווי האָט אָבער אויסגעזען די ייִדישע „גוטס־קייט" פון דעם פרייען טאָג, און ווי — די הייליקייט ביי אַנדערע.

איך בין אייגנטלעך פטור צו באַשרייבן אַ ייִדישן שבת, אַ יום־טוב פאַר ייִדישע לייענער, אָבער דאָך איז פטור בלי כלום קען נישט זיין. אָט אין וואָס עס איז געווען די גוטסקייט פון די ייִדישע „גוטע טעג" (יום־טוב): מען דאַרף מאַכן קידוש, זיך הייליקן, דעם טאָג הייליקן, אָפּטיילן און אָפּשיידן דעם טאָג פון דער גאַנצער וואָך. „בין יום השביעי לששת ימי המעשה הבדלת". דאָס בעסערע עסן — פאַר דער נשמה יתרה. זינגען הייליקע געזאַנגען (זמירות), אַריינקוקן אין אַ ספר און טאַקע אויך לערנען. אַז עס קומט אַ יום־טוב איז דער גרעסטער פאַרגעניגן ביי טוביה דעם מילכיקער וואָס ער קען אַריינכאַפּן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, אַריינקוקן אין אַ מדרש, אָפּדראַפּען אַ פרשה חומש מיט רש"י, אָפּקלאַפּן אַ שטיקעלע עין יעקב; און אַפילו גאָלדע — די פשוטע ייִדישע פרוי, אַפילו זי האָט זיך איר ליטעראַטור אויף יעדער שבת. דאָס, יענץ, לאָקש בוידעם, אָבער, כ'מיין — מען איז דאָך עפּעס שטיקלעך ייִדן אויף דער וועלט... דער גאַנצער יום־טוב איז פאַרבונדן מיט גייסטיקייט, צילט צו התרוממות הנפש — דערהייבן די נשמה. און טוביה איז דער סימבאָל פון אַ ייִדן בכלל.

איך וועל זיך דערלויבן צו ברענגען אַ באַשרייבונג פון הושענא רבה־נאַכט פון ש. ראַבידאָוויטש — אַ מענטש פון וויסנשאַפט און האַרציקייט.

..."ווער עס האָט נישט געזען אַ שמחת בית השואבה אין רוסלאַנד און פּוילן פאַרן חורבן, שוואַך פון דרויסן און פאַרפעסטיקט אינעווייניק, דער האָט נישט געזען קיין אמתע ייִדישע שמחה. יעדער מענטש מיט זיינע קינדער־זכרונות צו דערקוויקן און צו פאַראומערן זיין געמיט... ווען איך טראַכט נאָך וועגן דעם, דערמאָנען זיך מיר די בתי־מדרשים פון מיין שטעטל (גרייעווע) אין די נעכט פון סוכות און הושענא רבה. באַלויכטן העל, פול מיט אויסגעפּוצטע מענער און פרויען, חול־המועדיקע ייִדן — אָט דער צונויפשמעלץ פון יום־טוב און וואָך. עס איז טאַקע יום־טוב, אָבער אָן באַגרענעצונגען, אָן מוקצה. יום־טוב און אַלץ מעג מען, אַפילו אַ חול־המודיק סיגאַרעטל האָט אַן אַנדער טעם...

שטייען די ייִדן און מען מאַכט זיך פריילעך מיט קאַפּיטלעך תהילים, מיט די שיר המעלותן. דער אַלטער שמש איז אויס קפדן, אויס כסדרדיקע אָנגעברוגזדיקייט. ער שטייט אויף דער בימה און טיילט אתה הוראת־פּסוקים. קויפן ייִדן און מען איז מכבד קרובים און גוטע פריינט מיט דעם פאַרגעניגן צו זאָגן אַ פּסוק.

ביי אַ לאַנגן טיש זיצט אַן עדה ייִדן און מען זינגט מיט התלהבות "אָבער אַ מעלה און ווידער אַ מעלה — אום אני חומה. כאָטש גולה וסורה, אוי גולה אוי, סורה און פון דעסטוועגן דמתה לתמר"... ביי אַ צווייטן טיש פראַוועט אַ יונגער מאַן אויף קעסט יום־טוב. ער גיסט אין זיך אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל, מאַכט כסדר אַ ברכה און פאַרענטפערט אין צווישן די ברכות אַ "האַרבן רמב"ם": דער רמב"ם זאָגט.. איז דאָך אָבער אַ קשיה... די ראשונים זאָגן, רש"י מאַכט... אַלע הערער זענען יום־טובדיק צופרידן: אַ גוואַלד, ס'אַר אַ גאונות... און איידער ער ענדיקט, כאַפּט זיך אַ צווייטער זיידענער יונגער־מאַנטשיק און טענהט: דו, עם־הארץ, דו בור דאוריתא, דער רמב"ם האָט גאָר־נישט אַזוי געמיינט. קריגט זיך דער ערשטער — דו שיכור, דו אָנגעזויפּטער... און אַזוי פּילפּולט מען זיך ביי דעם גלעזל, מען טרינקט און מען לערנט, מען פרעגט און מען ענטפערט, ביז עמיצער כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ "וואָלאָזשינער קידוש", און די "רמב"מיסטן" קענען זיך נאָך אַלץ נישט באַרויקן... און אויסער די בתי מדרשים קלייבן זיך אויך צונויף די יונגע בחורים און מיידלעך — ציוניסטן, סאָציאַליסטן מיט זייערע ביכלעך... אַנדערע פּירושים האָבן זיי, דער האַרבער רמב"ם מאַטערט זיי נישט, אַנדערע קשיות און אַנדערע תירוצים טראָגן זיי"... (פון "מצודה" ה־ו זייט 532). עס וואָלט צוגענומען צו פיל אָרט צו באַשרייבן אַ ייִדישן טראַדיציאָנעלן יום־טוב, דאָס פאַרבעטן אויף קידוש, די סדרים און די שמיני עצרתן ווען מען טראָגט דעם רב אָדער דעם גבאי אין שול אַריין... אַך, ווו זענען זיי אָט די הייליקע ייִדישע "גוטע טעג"!...

און ווי האָט אויסגעזען אַ נישט-ייִדישער „הייליקער טאָג" ביי די שכנים? דאָס רוסישע וואָרט „פּראַזדניק" באַטייט ליידיק גיין. מען מאַכט זיך אַ יום-טוב" — מיינט, מען גייט נישט צו דער אַרבעט. אָבער מיר וועלן אויך דאָ ברענגען אַן עדות פון דער ליטעראַטור.

„...נאָר סיי ווי — מיידלעך יאָ, צי מיידלעך נישט —
אָן אַ געשלעג האָט זיך דאָס נישט געענדיקט;
די זעלביקע, די גוטע פריינד און ברידער,
וואָס זענען אומגעגאַנגען מיט אַ רגע פריִער
מיט די הענט פאַרפלאָכטן אויפן צווייטנס נאַקן,
— איין רגע שפּעטער —
געממיתט זיך, געשלאָגן מכות רצח,
געשפּאָלטן קעפּ מיט שטיינער, האַלבע ציגל,
זיך אָפּגעגאָסן מיט דער רויטער יוכע
אין פאַרצווייפלטן און ביטערן געיאָמער"...

אָדער:

„און פּלוצים, ווייסט אַליין נישט ווי דאָס געשעט
און עס ווערט אַ „דראַקע" איבערן גאַנצן הויז
אין אַ פאַרצווייפלטן געפלעכט פון הענט און פיס
פון בייזע, ווילדע, מערדערישע ברואים.
די ביר-פלעשער קומען צוניץ אַצינד,
אויב פולע — איז אַוודאי און אַוודאי רעכט:
מען ברעכט זיי איבער קעפּ, צעדמטע פּנימער,
פאַרפלייצט מיט ביר און בלוט, די שויבן בראַזגען.
אַ מערדערלעכער שיפּ און כריפּ פון העלדזער
מיט וויסטע קללות, מיאוסע זידלערייען"...

(י. י. שוואַרץ, „יונגע יאָרן", זייטן 157 און 159)

ווער פון אונדזער עלטערן דור געדענקט די צווייערלעליי יום-טובים און טאַקע מיט אַן אמתן „להבדיל". ווי די מענטשן — אַזוי זייערע יום-טובים. ווי די פעלקער אַזוי זייערע גוטע טעג.

איבעריקנס, האָבן דאָך די יום-טובים ביי ייִדן אַן אַנדער ציל און דער-פאַר אויך אַן אַנדער זינען. אַנדערע האָבן ביי אונדז צוגענומען דעם „ושמחת בחגך" — אַ ייִדישער יום-טוב איז לגמרי נישט פאַר סתם פריילעך זיין. ער האָט אַ טיפערן נאַציאָנאַלן זינען פאַרן קיום פון פאָלק און דערפאַר איז ער אָנגעפילט מיט עשהן און לאווין. מיט מצוות און עבירות, גאַנצע מסיכתות אין גמרא און שולחן-ערוך. די יום-טובים האָבן דאָך געדאַרפט צעמענטירן אַ צעזייט און צעשפּרייט פאָלק, וואָס דאַרף בלייבן איינס מיט דער אייניקייט פון שטייגער, פון די מנהגים און פירונגען, מיט דער גלייכקייט פון די סעו-

דות און פון געזאָנגען... האָבן דאָס די משכילים, נעבעך, נישט פאַרשטאַנען, אַז כל־זמן ייִדן פראַווען אויף איין שטייגער זייערע יום־טובים, איז דאָס צעזייטע פאָלק אייניק און גאַנץ; אין צוויי עקן וועלט, אָבער איין און דער זעלביקער יום־טוב, איין און דער זעלביקער שטייגער — איז איין און דאָס זעלביקע פאָלק. די יום־טובים אונדזערע זענען פאַרבונדן מיט אונדזער געשיכטע אין דער פאַרגאַנגענהייט און מיט אונדזער קיום אין דער צוקונפט. זיי זענען אַלע „זכר ליציאת מצרים". און פון דער רוימישער תקופה אָן, ווען דער נוסח איז איינגעשטעלט געוואָרן האָט די פאָרמול זכר ליציאת מצרים אַ פאַרשטעלטן זינען — אַ סימבאָל פון פאָלקס־אומאָפּהענגיקייט בכלל ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט און אַזוי נאָך מער אין דער צוקונפט — דאָס האָט דער דראַנג צו פרייהייט געשאַפן די פאָרמול זכר ליציאת מצרים. דער דראַנג צו פרייהייט איז איבערהויפּט פאַרבונדן מיט דעם יום־טוב פסח, מיט דער הגדה. עס איז לגמרי נישט געווען סתם אַזוי זיך דערציילן וועגן דער אַמאָליקער גאולה. מיט דעם וואָרט „ארמי" וואָס מען האָט אים געשאַצט ערגער פון פרעהן האָט מען געמיינט נישט דעם אָרעמען לבנען, נאָר רוים — די פאַרהאַסטע פאַרשקלאַפער. רבי עקיבא האָט נישט סתם געדרשנט אין בני ברק די מכות אויף מצרים ווי ער האָט פּלאַנירט מכות פאַר רוים (דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא). ער איז דאָך געווען נישט בלויז דער גרויסער אויטאָריטעט אין הלכה און אגדה, נאָר דער פּראַקטישער רייזנדער איבער דער גאַנצער ייִדישער וועלט און דער אינטעלעקטועלער פאָטער פון אויפשטאַנד. דאָס איז געווען דער זינען פון זיצן אין בני ברק ביז פאַרטאָג, ביז תלמידים קומען און זאָגן אָן, אַז מען דאַרף זיך שוין צעגיין: נישט פאַרן טאָג האָט מען מורא געהאַט, נאָר פאַר די שפּיאָנען פון רוים. מיט דעם וואָרט יציאת מצרים האָט מען פאַרדעקט דעם דראַנג זיך צו באַפרייען פון רוימישער קנעכטשאַפט. אָט דאָס איז דער נאַציאָנאַלער אינהאַלט און ציל פון די ייִדישע יום־טובים. זיי זענען ביי אונדז לגמרי נישט פאַרבונדן מיט קיין טעאָלאָגישער רעליגיע פון געשעענישן אין גאָטס ביאָגראַפיע. זיי זענען פאַרבונדן מיט די געשעענישן אין פאָלקס־ביאָגראַפיע (געשיכטע) מיט אַ קלאָרן נאַציאָנאַלן זינען און אויפגאַבע, אייגנטלעך צוויי אויפגאַבעס: די פאָלקישע גאַנצקייט אין דער צעשפּרייטקייט „גוי אחד בארץ" — אויף דער גאַנצער ערד און דעם פאָלקס פרייהייט.

האָבן דאָס די נאַיווע משכילים אין זייער געבילדעטער אויפגעקלערטקייט נישט פאַרשטאַנען; האָבן דאָס די וועלטלעכע נישט געוואָלט פאַרשטיין, ווייל... בהפקרא ניחא ליה. קענען דאָס נישט פאַרשטיין די רעליגיעזע, וואָס האָבן צוליב די מצוות און עבירות פון יום־טוב פאַרלאָרן דעם טיפערן און אמתן זינען. איז פאַר זיי אַ ייִדישער יום־טוב אַ מיטל זיך אָנצוגרייטן אַ

בעסערן חלק שור הבר מיט דעם לויתן. דאָס האָבן אָבער יאָ פאַרשטאַנען אויף זייער שטייגער די וואָס האָבן געשאַפן דעם גלויבן, אַז ווען יידן וואָלטן אָפּגעהיט ריכטיק צוויי שבתים, וואָלט געקומען די גאולה, ווייל די גאולה איז אויך נישט קיין דרויסנדיקע זאַך. די גאולה, די אמתע גאולה איז איז די נשמות פון די יידן גופא, דען מען קען דאָך זיין אויסגעלייזט, פריי אַפילו אין געאָגראַפישן אָדער יורידישן גלות אויך. נישט דאָ איז דאָס געהעריקע אָרט זיך צו פאַרשפרייטן וועגן דעם. מיר האָבן אין אונדזער קוקן אויף אַנדערע פאַרלאָרן, אויפגעהערט צו פאַרשטיין אַ סך פון אונדזער אָריגינעלער אַנדערשקייט.

גאָר אַנדערש איז אונדזער ראש־השנה פון זייער ניי־יאָר. זייער יום־טוב — אַ פרייד מיט דעם אָפּגעלעבטן יאָר, הוליען, פריילעך זיין. ביי אונדז איז עס אַ חשבון־הנפש, אַ וועלן זיך אויסצובעסערן, פאַרריכטן די אייגענע פעלערן־עבירות און עס איז פאַרבונדן מיט אַן אידעאַל, נישט קיין פריוואַטן אידעאַל, נאָר אַן אוניווערסאַלן. די וועלט דאַרף ווערן בעסער: „ובכן תן פחדך על כל מעשיך" — אַלע דיינע באַשעפענישן זאָלן זיך אָנפילן מיט געטלעכער מורא פאַר יעדער שלעכטס, און זיי זאָלן שאַפן איין בונד צו דינען דעם אמתן גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, ווייל גאָט וועט אומברענגען די הערשאַפט פון בייז. דער נאַציאָנאַלער אידעאַל „ובכן תן כבוד לעמך", איז בלויז אַ טייל פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן אידעאַל, פון „ויאתיו כל לעבדך" אַלע־די גאַנצע מענטשהייט זאָל קומען דיר דינען.

און דער עיקר יום־טוב איז וואָס? — נישט דאָס פרייען זיך, נישט דאָס גוטע עסן און טרינקען, נאָר דער לאַנגער דאַווענען — דאָס זאָגן און זינגען די רעליגיעזע פּאָעמעס. אמת, אונדזער היינטיקער פּאָעטישער חוש איז אָפּט נישט צופרידן מיט דעם אינהאַלט און מיט דער פאָרעם פון יענע רעליגיעזע געזאַנגען; נישט וויכטיק איז עס אויך וואָס די גרעסטע מערהייט פון פאָלק פאַרשטייט נישט דעם אָריגינעלן באַטייט פון די געזאַנגען. וויכטיק איז וואָס דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע אין פאָלק, אויך די וואָס פאַרשטייען נישט, פילן זיך אָן, זאָגנדיק, מיט אַ העכערן, געטלעכן, רעליגיעזן געפיל. דער גאַנצער יום־טוב איז נישט פאַרן גוף נאָר פאַר דער נשמה, געבן איר העכערע איבערלעבונגען.

איז עס די שולד פון אונדז, וועלטלעכע יידן, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט אַריינגעבן מער פּאָעטישן אינהאַלט, מער און מאָדערנערע רעליגיעזע פּאָעזיע. און אפשר איז נישט וויכטיק דער אינהאַלט פון דער געזאָגטער פּאָעזיע פון מחזור, ווי עס איז וויכטיק די עמאָציע וואָס זי רופט אַרויס.

פעלקער לעבן, לעבן זיי מיט דעם היינט, איז דער יום אַ פרייד פון דעם

היינט. ייִדן לעבן מיט דעם מאָרגן, איז דער יום־טוב, אַלע יום־טובים — אַ שטרעבונג צו דעם מאָרגן.

אונדזער משיח איז נאָך נישט געקומען, אוי, ווי ווייט נאָך נישט געקומען! זיי האָבן גענומען די אידייע פון משיחן און אים שוין אַראָפּגעבראַכט: אַז דער היינט איז גוט, טאָ צו וואָס דאַרף מען חלומען וועגן אַ מאָרגן? און אויב מען טראַכט יאָ וועגן אַ מאָרגן, באַמיט מען זיך אים צו ברענגען מיט דעם כוח נישט פון גאָט, נאָר פון טייוול — פון ביקס און פון דער אַטאָמישער באָמבע.

אַנדערש זענען די יום־טובים, ווייל אַנדערש זענען די פעלקער וואָס האָבן זיי געשאַפן. די ייִדישע יום־טובים זענען נישט פאַרבונדן מיט קיינע געשעענישן אין גאָטס לעבן און שטאַרבן(?), נאָר זיי זענען, זיי שטרעבן צו זיין דער געטלעכער אינהאַלט פון פאָלקס לעבן, די געטלעכקייט וואָס דאָס ייִדישע פאָלק דאַרף אויסלערנען די פעלקער פון דער וועלט, ביז זיי וועלן ווען עס איז, טאַקע „באחרית הימים" זאָגן: קומט און לאָמיר גיין צו גאָטס באַרג, צו דעם הויז פון יעקבס גאָט" (ישעיהו ב׳).

אַנדערש זענען מיר אויך אין אונדזער טרויער. איך וועל דאָ נישט רעדן וועגן תשעה־באב און אַנדערע תעניתים, וואָס זענען אַלע פאַרבונדן מיט דער נאַציאָנאַלער געשיכטע פון פאָלק. מיר נעמען אויף אַנדערש אויך דעם נאַטירלעכן מענטשלעכן טויט. ביי די אומות איז דער טויט אַ טייל פון לעבנ־שטייגער, אַ צערעמאָניע: כ׳מיין — אַלץ וואָס לעבט דאַרף שטאַרבן. ווערט עס באַגלייט מיט אַ שיינער טרויער־צערעמאָניע. זיי האָבן נישט וואָס צו זאָרגן צי דער געשטאָרבענער האָט געלאָזן נאָך זיך עמעצן ווי ער. אַנדערש איז עס ביי אונדז: דער טויט פון אַזאַ עמעצן איז געגליכן צו אַ ספר־תורה וואָס איז פאַרברענט געוואָרן... דערפאַר איז אַ ייִדישע לוויה טאַקע נישט שיין. דערפאַר איז אַ מענטשנס לעבן ביי ייִדן נישט אין פאַרגלייך טייערער, הייליקער ווי ביי אַנדערע. עס איז נישט קיין פּריוואַטע אבידה פאַר דער משפחה אַליין, נייערט עס איז אַ נאַציאָנאַלער פאַרלוסט פון גאַנצן פאָלק.

אינטערעסאַנט איז ווי די ייִדישע טראַדיציע האָט פון אָנהייב אָן אַנדערש געשילדערט די צוויי טיפּן — יעקב און עשו. עשו איז אַ יעגער, אַ פעלדמענטש, ער איז פאַרברידערט מיט דער שווערד, דאָס געיעג, יעגעריי איז ביי אים אין מויל. נאָך אין מוטערלייב איז צווישן די צוויי ברידער פאַראַן אַ „ויתרוצצו" — מען לעבט נישט בשלום... און אַזוי קען מען די אַנדערשקייט פון די צוויי שטאַמפאָטערס אין דער ייִדישער טראַדיציע ציִען ווייטער און ווייטער. און אַז רבקה גייט פרעגן ביי גאָט וואָס איז עפּעס ביי איר אַזאַ ויתרוצצו אין איר לייב, קריגט זי אַן ענטפער: צוויי שטאַמען וועלן זיך פון דיר צעשיידן, צוויי ריכטונגען וועלן דאָס זיין. הגם ברידער, אָבער אין

פאַרשיידענע וועגן וועלן זיי זיך צעגיין. אַזוי האָט די ייִדישע טראַדיציע ריכ־טיק אָפּגעשאַצט די צוויי קולטור־וועגן, וואָס וועלן זיך אַלץ מער און מער דער־ווייטערן פון אַנאַנד.

און אַזוי גייט עס שוין דורך דער אייביקייט. עשו און זיינע קינדער — די אַלע אייראָפּעיִשע פעלקער זענען אַוועק באַהערשן די וועלט, פאַנגען אַלץ וואָס עס לאָזט זיך. זיי האָבן געשאַפן און שאַפן ווייטער מאַטעריעלע רייכ־טימער, גאָט אַליין איז אויך מאַטעריע — בלוט און פלייש; די שווערד איז דער וויכטיקסטער אינסטרומענט אין לעבן און אין קולטור, — על חרבך תחיה, פון דער שווערד ביז דער אַטאָמישער באָמבע. עס איז נישט קיין אונ־טערשייד פון וואָסער רעליגיע מען האַלט, ווייל די רעליגיע איז נישט קיין אָרגאַנישע, נישט געוואַקסן פון פאָלקס־לעבן, נישט פון זיין שטייגער, נישט פון זיין קולטור, — זי איז אַ צוגעקראָגענע, אַן אַדאָפּטירטע, אַ צוגעפּאַסטע שפּעטער, ווען דאָס פאָלק איז שוין געווען אויסגעפורעמט. דאָס גאַנצע לעבן פון פאָלק, זיין אָרגאַניזאַציע ציט צו מאַטעריעלע גיטער און רייכטימער — מדינות, מלוכות, גרענעצן, פּאַלאַצן, מוזייען, ביבליאָטעקן, אוצרות גאָלד גוט באַהיטע, אין אונטערערדישע קאַטאַקאָמבן ערגעץ. אַל דאָס גייסטיקע דאַרף זיין אויסגעדריקט און אַריינגעדריקט אין מאַטעריע, אויך אין פּערפעקט פאַרענדיקטע ווערק, שאַפונגען, אין ווערטער, אין קלאַנגען, אין פאַרבן. אָט די אַלע אוצרות — זיי זענען דאָס רייכטום פון פעלקער. און אַלע פעלקער לערנען, לערנען כדי צו באַהערשן די וועלט, די נאַטור, די מענטשן, פעלקער אַנדערע; אַרויסרייסן די סודות ביי די געטער, ווי פּראָמעטעוס — דאָס געט־לעכע פייער כדי אויף דער ערד באַשאַפן אַ בעסערן מאַטעריעלן לעבן, בע־סער און באַקוועמער צו קאָכן אָנבייסן. דער ציל פון אַלץ איז אין דעם לעבן, אין דעם עולם הזה.

און גאָר אַנדערש איז אַוועק דאָס לעבן פון יעקב און פון זיינע קינדער — פון די ייִדן. אויס מיט אַלע מאַטעריעלע רייכטימער! אלה ברכב, אלה בסוסים, ואנחנו בשם אלוהינו. רעליגיע איז אָרגאַניש, זי וואַקסט און ענ־דערט זיך מיט דעם גאַנג פון לעבן, מיט די ענדערונגען אין לעבן; און אַזוי איז אויך די גאַנצע קולטור: זוכט נישט צו פאַרענדיקן, צו פאַרמירן, אַלץ וואָס איז פאַרענדיקט, אויסגעפורעמט איז דאָך שוין מאַטעריע, און אַלץ וואָס עס איז אויסגעדריקט אין מאַטעריע איז געץ — נישט גאָט, און נישט אין דעם קען זיין דער ציל פון מענטשן און פון מענטשהייט. אַ ייִד איז אַ גייער, און דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק איז אויך אַ גייער, נישט בלויז ווייל „אימער גיי, גיי, גיי". מיר זענען אין פרט און אין כלל אַ גייער אויך גייסטיק, דער ציל פון לעבן קען קיין מאָל נישט דערגרייכט ווערן, ער איז נישט אין עולם הזה, נישט אין היינט, נאָר אין עולם הבא, אין אַלץ וואָס דאַרף קומען, און נישט

די שווערד און נישט קיין אַנדערע טויט־מכשירים זענען דער מיטל, — זיי זענען נישט קיין צירונג, זיך צו פּוצן מיט זיי... און דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז הייליקער פון אַלע הייליקייטן...

צוויי וועגן, צוויי וועלטן. מען לעבט אין שכנות צוויי טויזנט יאָר און מען איז דאָך געווען און געבליבן צוויי וועלטן, צוויי פאַרשיידענע גייסטיקע ריכטונגען. ייִדן זענען געוואָרן אַ פאָלק, ערשט ווען די נישט־ייִדישע שכנים האָבן אויפגעהערט אונדז צו פאַרשטיין. ייִדן ווערן אויס פאָלק, ווען זיי אַליין הערן אויף צו פאַרשטיין זיך אַליין, צו באַגרייפן זייער אַנדערשקייט, זייער אייגנטימלעכן וועג אין דער וועלט.

„כ'האָב געפילט אין בלוט דעם גאַנצן אונטערשייד
אַט צווישן די, מיט טליתים און מיט תפילין,
און צווישן יענע, מיט סערמיגעס און לאַפּטשעס.
אַזוי ווי איך האָב שוין לאַנג געוווּסט דעם אונטערשייד
צווישן מיר און די שייגאָצים אין מיין עלטער,
די שקצים מיט די בייטשן און די בייזע הינט".

(„יונגע יאָרן" פון י. י. שוואַרץ)

אַלע פעלקער לעבן, לעבן זיי היינט מיט דעם היינט. „דאָס לעבן איז אַזוי קורץ", טאָ נעמט עס גרינגער. אַזוי איז די פילאָסאָפיע פון פעלקער. אַ ייִד לעבט היינט אין דעם פּרוזדור, כדי זיך צוצוגרייטן צום מאָרגן. דער ייִדישער היינט איז אָנגעלאָדן מיט אויפגאַבעס פאַרן מאָרגן, מיט אידעאַלן פאַרן מאָרגן, פאַר דער צוקונפט. און דער מאָרגן איז נישט קיין באַשטימטער צוזאַמען מיט דעם פאָלק גייט ער אויך אַלץ פאַראויס, ער וועט קיין מאָל קיין היינט נישט ווערן, ער בלייבט אייביק אַ לעתיד לבא, וואָס וועט קומען, ווייל ער דאַרף קומען. מען טאָר גאָר נישט זוכן און מען טאָר נישט וואַרטן אויף דעם סוף, אויף דעם קץ. און דערפאַר איז דער ייִד אַן אייביקער גייער, און דערפאַר איז דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק אויך אַ גייער.

— וווהין?

— לתקן עולם במלכות שדי... דעמאָלט ערשט, אין אַט דעם אומענדלעכן מאָרגן, דעמאָלט וועט קומען דער יום שכולו טוב.

אַנדערש איז אויך דער גאַנצער עפּאָס פון אונדזער פאָלק. זיכער זענען פאַראַן באַשטימטע ענלעכע שטריכן אין דער קאָסמאָגאָניע פון תנ"ך מיט דער קאָסמאָגאָניע פון די אַנדערע קרובישע פעלקער. קען טאַקע זיין, אַז די „ביבל" האָט גענומען פון „באַבעל" (געווען אַזאַ טעאָריע פון אַ דייטשישן געלערנטן, אַז די תורה האָט איבערגענומען אַ סך פון דער פריִערדיקער בבל־קולטור). אָבער די מאָטיוון און די גאַנצע אַטמאָספער איז אין תוך גאָר אַן אַנדערע.

זיכער איז פֿאַראַן אַ קרובהשאַפֿט צווישן דעם ייִדישן נוח־מבול און צווישן דעם בבלשן גילגאַמעש־עפּאָס. אָבער נוחן ראַטעוועט זיין צידקות, נישט זיין האַלבגעטלעכע העלדישקייט; גאָט האָט חרטה וואָס ער האָט באַשאַפֿן די וועלט, ווייל די מענטשן זענען זינדיק, נישט קיין אַנדערע מאָטיוון. קין איז נישט קיין העלד, קיין אייגנעמער פֿון דער וועלט, נאָר אַ פֿאַרשאָלטענער נע־ונדניק. שוין דער ערשטער ייִד קען נישט פֿאַרליידן קיין אומרעכט פֿון גאָט, און ער שטעלט זיך איין פֿאַר דער זינדיקער שטאָט סדום.

און אָט אַזוי גייט דורך דער גאַנצער לאַנגער געשיכטע אונדזערער די אַנדערשקייט אונדזערע. עס קומט מיר אויס די גאַנצע אייראָפּעיִש־אַמעריקאַנער מענטשהייט אויף איין זייט, און מיר — אויף אַן אַנדער זייט. עס איז נישט ריכטיק די איינטיילונג לויט די רעליגיעס — קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן און ייִדן. נישט די רעליגיע איז דאָ מאָסגיביק, נאָר דער קולטור־רעלער אָפּשטאַם: אַלע פֿעלקער און אַלע רעליגיעס זענען אויף איין זייט, און מיר זענען פֿאָרט באַזונדער, אַנדערש. און די אַנדערשקייט איז אַ סך ברייטער איידער די רעליגיע. אַנדערש זענען מיר אין אונדזער באַנעמען זאַכן. די גאַנצע וועלט, עס מוז זיין אַנדערש אונדזער פּסיכיק, דערפֿאַר זענען אַנדערש אונדזערע פֿאָרשטעלונגען וועגן גאָט און פֿון גאָט, דערפֿאַר זענען אַנדערש אונדזערע באַגריפֿן וועגן גוטס און שלעכטס, דערפֿאַר איז גאָר אַנדערש אונדזער באַציִונג צו בלוט,* דערפֿאַר איז גערעכט דער וואָס האָט געזאָגט, אַז אַ ייִד איז דער וואָס האָט נישט קיין הנאה פֿון גיין אויף יאַכט, דערפֿאַר איז ביי אַנדערע אַ שווערד אַ צירונג און ביי אונדז איז עס אַ „משחית“ וואָס מען טאָר שבת נישט טראָגן, דערפֿאַר איז ביי אַנדערע אַ ביקס־מענטש אַ העלד, אַ חשובער, באַליבטער ביי דאַמען און ביי אונדז — אַ „יוון“, נישט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט. דערפֿאַר איז אַנדערש זייער העלדן־עפּאָס און אונדזערער, דערפֿאַר האָבן זיי העלדן און מיר האָבן נביאים; דערפֿאַר איז אַנדערש זייער גאָט מיט זיינע הייליקע און דערפֿאַר איז אונדזער גאָט גאָר עפּעס אַנדערש, טאַקע, להבדיל. דערפֿאַר איז אַנדערש אונדזער לערנען, און די צילן פֿון לערנען. דערפֿאַר איז אַנדערש אונדזער „אתה בחרתנו“ פֿון אַלע אַנדערע. אונדזער „אתה בחרתנו“ האָט פֿאָרמולירט דער ערשטער שריפֿט־נביא מיט די ווערטער: „נאָר אייך האָב איך דערקענט פֿון אַלע משפּחות פֿון דער ערד, דערפֿאַר וועל איך זיך רעכענען מיט אייך פֿאַר אַלע אייערע זינד“ (עמוס) און די גמרא האָט עס מאָדיפֿיצירט, אַז גאָט רעכנט זיך מיט די ערלעכע, אַפֿילו פֿאַר עבירות ווי אַ האָר די דין (הקב״ה מדקדק עם צדיקים כחוט השערה).

* גענויער וועגן דעם אין „ייִדן און בלוטפֿאַרגיסונג“ אין די געקליבענע שריפֿטן פֿון א. גאָלאָמב, באַנד 3.

דערפֿאַר זענען אַנדערש אונדזערע אידעאַלן, אונדזערע סיסטעמען פֿון לערנען, אונדזערע יום־טובים און אונדזער דאַוונען, דערפֿאַר איז אַנדערש אונדזער גאַנצער שטייגער פֿון לעבן, דערפֿאַר זענען אַנדערש אונדזערע פֿאַדערונגען צו זיך אַליין, דערפֿאַר האָבן מיר זיך אָנגעלאָדן מיט תרי״ג מצוות און די אַנדערע, די בני נוח האָבן מיר צוגעטיילט בלויז זיבן מצוות. דערפֿאַר האָבן זיי גאָר אַן אַנדער „אתה בחרתנו״ פֿון סנחרבן און ביז היטלערן: מיר — ווייל אתה בחרתנו, דערפֿאַר טאָרן מיר נישט, נישט דאָס און נישט דאָס; און זיי — ווייל מיר זענען די וויכטיקסטע, דערפֿאַר מעגן מיר אַלץ, אַלץ איז אונדז דערלויבט און פֿאַר אונדז זענען קיין פֿאַרבאָטן נישט געשריבן.

אָט אַזוי, פֿאַלאַרמעסיק ווייט, איז אונדזער וועלט פֿון דער וועלט, פֿון די פֿעלקער וואָס מיר לעבן צווישן זיי.

אַזוי לאַנג, און דאָך זענען מיר אַנדערש; אַזוי לאַנג און אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דער וועלט פֿון אייראָפּע, און דאָך געבליבן אַזוי ווייט אַנדערש! און אַ גאַנצע געשיכטע מאַטערן מיר זיך און מיר ווילן זיין נישט אַנדערש ווי ככל הגויים, און נישט געקוקט אויף אַלץ, דאָך אַנדערש: „בין ישראל לעמים הבדלת, הבדלת וקידשת את עמך ישראל בקדושתך״.

דאָס פאָלק און זיין גאָט

מיר האָבן פריִער געזען אַז דער באַגריף גאָט האָט ביי ייִדן אַ טאָפּלטן באַטייט, ריכטיקער די שייכותן צווישן דעם געטלעכן און דעם וועלטישן איז אַ צווייִיקער: קאָסמאָס און גאָט, דער בורא און די בריאה, דער יוצר און יצירה, דאָס איז איין שייכות און די צווייטע איז גאָט און זיין פאָלק.

פריִער האָבן מיר געזען ווי ווייט די ייִדן האָבן אידענטיפיצירט גאָט און קאָסמאָס, ריכטיקער, ווי זיי האָבן זיך באַמיט צו זען דאָס געטלעכע אין קאָסמאָס, דעם „אלהים בגמטריא הטבע". דאָס קאָסמישע איז געטלעך. און אַזוי אויך האָבן די ייִדן זיך באַמיט צו שאַפן אַן ענלעכע שייכות צווישן גאָט מיט זיין פאָלק, צווישן דעם אלוהי ישראל מיט ישראל גופא. מיט אַנ־דערע ווערטער — ווי זיי האָבן זיך באַמיט צו געפינען דאָס געטלעכע אין ישראל און וויפל זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו דערהייבן ייִדישקייט ביז צו געטלעכקייט.

עס איז אין גאַנצן צו פרימיטיוו די פאָרשטעלונג וועגן דעם „בייזן, שטרענגען" ייִדישן גאָט. אפשר קען מען דאָס נאָך אָנווענדן צו די ערשטע, גאַנץ ערשטע פאָרשטעלונגען פון די פריִערדיקע חומש־טיילן. אָבער שוין פון די נביאים אָן און איבערהויפּט אין צייט פון תלמוד זענען די פאָרשטעלונגען געוועזן גאָר אַנדערע: ווי דאָס פאָלק, אַזוי שטייט אויך גאָט פאַר אַ האַרבער געזעצמעסיקייט אין דעם גאַנג פון די דערשיינונגען, וואָס אויך ער, גאָט אַליין קען בלויז באַדויערן, באַוויינען אַפילו, אָבער נישט ענדערן. די שטרענגע און בייזע שטראָף איז תמיד אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער זינד, אירע אַ תולדה. די שטראָף ווערט פאַרזייט ווען די זינד ווערט געבאָרן, ווען זי וואַקסט. גאָט קען נישט ענדערן דעם גאַנג פון די דערשיינונגען, דעם אומפאַרמיידלעכן אָנקום פון אומגליק, וואָס איז נאָר אַ דירעקטע תולדה פון דער זינד. גאָט וויל גאָר נישט באַשטראָפן קיין זינדיקע, „כי לא יחפוץ במות המת"; גאָט באַוויינט דעם גלות נישט ווייניקער ווי זיינע קינדער; גאָט גיסט טרערן אויף דעם גלות פון זיינע קינדער; די שכינה די געטלעכע ברומט ווי אַ טויב און טרויערט, און פון דעם חורבן אָן האָט דער רבונו־של־עולם נישט קיין שמחה. אויב פריִער איז געווען אַן אייזערנע וואַנט צווישן דעם פאָלק און זיין גאָט, איז נאָכן חורבן גאָר די וואַנט איינגעפאַלן (ברכות, ל"ב), די שכינה איז אַוועק אין גלות, צוזאַמען מיט דעם פאָלק. אין גליק און אין אומגליק איז גאָט צו־

זאַמען מיט זיין פאָלק. ער, דער כביכול אַליין, מוז זיך אונטערוואַרפן דער געזעצמעסיקייט פון דער געשיכטע...

שפּעטער, מיט טויזנטער יאָרן, האָט עס ביי אַנדערע פעלקער געקראָגן אַ טערמין „נאַטירלעכע שטראָף". אָבער אָן דעם טערמין האָבן שוין דאָס גע־ווּוסט די נביאים. „תיסרך רעתך", און מפּני חטאינו.

און אַז די „אייזערנע וואַנט" צווישן ישראל און „זייער פאָטער אין הימל" איז איינגעפאַלן, איז זייער גורל אויך אַ געמיינזאַמער: דער רבונו־של־עולם, דער „אונדזער פאָטער אין הימל" איז אַ שותף צו די ייִדישע צרות, צו זייער גורל בכלל.

מען קען, דאַכט זיך, מיט פולע רעכט דעפינירן די גאַנצע ייִדישע רע־ליגיע ווי אַ פאַרהייליקטע איבערחזרונג אין מעשים פון דער גאַנצער ייִדי־שער געשיכטע. אַלע יום־טובים זענען אָנדענק־טעג פון געשיכטלעכע פּאַסי־רונגען. אַלע תעניתים זענען ווידער געשיכטע־דאַטן. מען קען לגמרי נישט אָפּטיילן די געשיכטע פון ייִדישן פאָלק באַזונדער און זיין רעליגיע ווידער באַזונדער. מיט דער געשיכטע פון פאָלק האָט זיך אַנטוויקלט און געענדערט אויך די ייִדישע רעליגיע. אַלע מנהגים פון פאָלק זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי דינים, ווי הלכות, ווי רעליגיעזע געזעצן. און טאָמער האָט דער ספרדי ר' יוסף קאַרו נישט גוט געוווּסט די מנהגים פון די אשכנזים, איז געקומען דער אשכנזי, דער רמ"א און איבערדעדאַקטירט דעם שולחן־ערוך לויט די אשכנזישע מנהגים.

נישט אַ פאָלק האָט אָנגענומען אַ רעליגיע, ווי עס איז ביי אַנדערע, נאָר די רעליגיע האָט דאָ אָנגענומען אַל דאָס פאָלקישע. אַ פּראָצעס פאַרקערט ווי ביי אַנדערע פעלקער. דאָס וואָס דאָס פאָלק האָט איינגעפּירט און אָנגע־האַלטן אין זיין לעבן אַנדערשדיק פון אַנדערע, אייגנאַרטיק, פאַרזיכטיק — דאָס האָט געהייסן גאָט טאָן. דאָס פאָלקישע איז פון גאָט, הייליק בקדושת העם.

מיר פירן פון דעם אַרויס נאָך אַ כלל פאַר אונדזער לעבן: די ייִדישע געשיכטע גייט ווייטער. אין ייִדישן לעבן שאַפן זיך ווייטערדיקע און נייערע פירונגען און מנהגים. איז אויב זיי זענען ייִדישלעך פאַרזיכטיק, אייגנטימלעך ייִדיש, דאַרף די רעליגיע זיי פאַרהייליקן, דאַרפן זיי פאַר דער רעליגיע ווערן קודש בקדושת העם. די פרומע אָפּהיטער פון דער ייִדישער רעליגיע וואָס ווילן נישט אָנערקענען די הייליקייט פון פאָלקישע שאַפונגען אין שטייגער און אין קונסט, די גייען קעגן דעם גייסט פון ייִדישקייט, פון ייִדישער רע־ליגיע. אַזוי ווי די רעליגיע ביז איצט האָט פאַרהייליקט דעם אַמאָל, אַזוי דאַרף אויך איצט די רעליגיע פאַרהייליקן דעם נעכטן פאַרן מאָרגן.

די תורת משה האָט פאַרהייליקט די געשיכטע פאַר דער צוקונפט פון

פאָלק אין לאַנד. דער תלמוד האָט פאַרהייליקט זיין היינט פאַר דער צוקונפט פון פאָלק אין זיין צעשפּרייטונג. דער עיקר אָבער איז, וואָס דאָס פאָלק און זיין גאָט, זיין געשיכטע און זיין רעליגיע זענען איינס, טאַקע קודשא בריך הוא וישראל ואוריתא חדא.

און אַז מען וויל קען מען דעם זעלביקן געדאַנק אַרויסזאָגן אַנדערש: וואָס איז די ייִדישע רעליגיע? — זי איז די ווילִיקע אָנשטרענגונג איינצו־היטן דעם קיום פון פאָלק, זיין המשכדיקע געשיכטע. זינט דאָס פאָלק איז אַוועק אין גלות צו זיין אַ מינדערהייט, קען עס עקזיסטירן בלויז מיט אָנ־שטרענגונג פון ווילן. אָט די אָנשטרענגונג אָפּצוהיטן ייִדישקייט, — דאָס איז די ייִדישע רעליגיע. ווילן מיר ממשיך זיין דעם קיום פון פאָלק, דאַרפן מיר שאַפן די אָנשטרענגונג, דאַרפן מיר פון דעם שאַפן אַ רעליגיע. וועלט־לעכע ייִדישקייט קען עקזיסטירן למשל ווען זי וועט זיך אָנקליידן אין אַ רע־ליגיעזן טלית. אַזוי איז עס געווען ביז אונדז: אַל דאָס נייע אין ייִדישקייט איז פאַרהייליקט געוואָרן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעליגיע. ייִדישקייט איז די ייִדישע רעליגיע.

ייִדישקייט איז אַל דאָס אייגנטימלעכע אין אונדזער לעבן, וואָס איז אַנדערש פון אַל דעם ווי עס לעבן די אַנדערע פעלקער־שכנים.

ר ע ל י ג י ע ז ע ייִדישקייט — אַל דאָס אייגנטימלעכע ייִדישע וואָס איז שוין קאַנאָניזירט, קאַנאָניזירט און פאַרהייליקט.

וו ע ל ט ל ע כ ע ייִדישקייט — אַל דאָס אייגנטימלעכע אין אונדזער שטייגער און פיר, וואָס האָט נאָך נישט קיין רעליגיעזן שטעמפּל.

דאָס רעליגיעזע איז עלטער, דאָס וועלטלעכע איז ייִנגער, דערפאַר נאָך נישט פאַרהייליקט.

מיר האָבן פריִער געשריבן, אַז ייִדן האָבן ווי געפירט אַ ראָמאַן מיט דעם רבונו־של־עולם. דער רבונו־של־עולם ליידט פון גלות נישט ווייניקער ווי זיין פאָלק, ווי זיינע קינדער. נישט איינער אַ ייִד איז גאָטס זון, — חס ושלום, נאָר אַלע ייִדן — „אתם קרואים בנים"; ייִדן טיטולירן זייער גאָט „אבינו מלכנו", זיי ווענדן זיך „אם כבנים אם כעבדים". ר' יהודה הלוי שרייבט, אַז ייִדן זענען דאָס האַרץ צווישן פעלקער (אין ספר הכוזרי), פונקט אַזוי שרייבט ער אויך, אַז גאָט איז דאָס האַרץ פון דער וועלט. דער מדרש זאָגט נאָך פריִער, אַז גאָט איז דאָס האַרץ פון ישראל (מדרש איכה רבתי, פתיחתא ט"ז. פאַראַן אויך אַ ייִדישע איבערזעצונג פון ש. דונסקי). און פונקט ווי די קבלה זאָגט, אַז אלהים בגמטריא הטבע, אַזוי זאָגט די זעלביקע קבלה, אַז קודשא בריך הוא ואוריתא וישראל חד הוא. תורה־ייִדישקייט הייסט עס, און דאָס פאָלק ישראל איז אַלץ איינס, דאָס פאָלק און זיין גאָט איז איינס.

בכלל איז גאָטס גרויסקייט אָפּהענגיק פון זיין פאָלק נישט ווייניקער ווי

דאָס פאָלק הענגט אָפּ פון גאָט. נאָך ישעיהו זאָגט „האל הקדוש נקדש בצדקה". אָבער צדקה טוען דאָך מענטשן (דאָס וואָרט צדקה מיינט אין תנ"ך גערעכ־טיקייט בכלל, נישט בלויז אונדזער היינטיקער באַגריף פון צדקה), הייסט עס אַז גאָטס הייליקייט הענגט־אָפּ פון מענטשן. שפּעטער ווערט דער באַגריף וועגן דער השפּעה פון פאָלק אויף זיין גאָט נאָך טיפער, נאָך ברייטער. זאָגט אַ מדרש „בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, מוסיפין כוח בגבורה של מעלה... ובזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום, כביכול מתישין כוח גדול של מעלה" (איכה רבתי פ"א, ל"ד). מען קען לגמרי נישט אָפּטיילן דאָס פאָלק פון זיין גאָט. וואָלט טאַקע ריכטיקער געווען צו רעדן וועגן פאָלק און זיין ג ע ט ל ע כ ק יי ט, איידער וועגן פאָלק און זיין גאָט. נעמען מיר דעם באַ־גריף ק ד ו ש ה. אויף וויפל איך האָב אַן אַנונג וועגן דעם באַגריף אין דעם ברית חדשה קומט אויס, אַז קדושה קומט פון אויבן, פון הימל. גאָט טוט אַ חסד מיט אויסדערוויילטע און ער גיט זיי במתנה אַ טייל פון זיין קדושה. דער מקור אָבער אירער איז — פון הימל. גאָר אַנדערש איז דער באַגריף ביי ייִדן. דער רמב"ם שרייבט: „קדושים תהיו... הם ציוויים לקיום המצוות, היה קודש בעשותך כל מה שציויתך ונזהר מכל מה שהזהרתיך ממנו... כשהקדוש ברוך הוא מחדש מצוות לישראל הוא מוסיף להם קדושה, ומקיים המצוות נקרא קדוש... והייתם קדושים — זו קדושת המצוות" (ספר המצוות). „וקדשנו במצוותיו" — זאָגן ייִדן אין זייערע ברכות. דורך טאָן מצוות ווערט מען קדוש; קדושה איז בכן ווידער אַ זאַך וואָס קומט נישט פון אויבן, נישט מן השמים, נאָר פאַרקערט, פון דער ערד, פון דעם מענטשן. מענטשלעכע הייליקייט, קומט פון מענטשן, פון זייער פירונג. און מצוות, האָבן מיר פריִער געזען, זענען די פירונגען וואָס פאַרשטאַרקן ייִדישקייט. ייִדישקייט איז קדו־שה. אין זיין הקדמה צום פירוש צו פרק „חלק" שרייבט דער רמב"ם, אַז דער גן־עדן און גהינום זענען בלויז אַ משל כדי צו געבן צו פאַרשטיין דעם פשוטן מענטשן און מיט דורות שפּעטער שרייבט דער תלמיד פון ווילנער גאון, דער גרינדער פון וואָלאָזשינער ישיבה, ר' חיים: „האמת שהעולם הבא הוא מעשי ידי אדם עצמו שהרחיב והתקין חלק לעצמו במעשיו. רשעים מעמיקים להם הגהינום" (נפש החיים).

מיט איין וואָרט, ווי מיר האָבן דאָס פריִער געזען בנוגע צו דער באַציִונג צווישן דעם קאָסמאָס און זיין באַשאַפער, אַז מען קען זיי נישט פאַנאַנדער־טיילן, אַז אלהים בגמטריא הטבע, אַזוי איז אויך בנוגע צו דער באַציִונג צווישן דעם ייִדישן פאָלק און גאָט, — ישראל ואוריתא וקודשא בריך הוא חד. גאָט איז אין ייִדישקייט, ריכטיקער — ייִדישקייט איז אין איר שטרעבונג, אין איר דראַנג צו פערפעקציע די געטלעכקייט. פונקט ווי „השמים מספרים כבוד אל", אַזוי אויך איז „ישראל ושבת מעידין על הקב"ה".

אַזוי איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון די באַגריפן וועגן גאָט און וועלט, וועגן גאָט און זיין פאָלק, ביי ייִדן, ביז אין די צייטן פון בית שני, ביז אין די ערשטע תקופות פון תלמוד. פון אַ באַגריף וועגן גאָט איבער דער וועלט און מחוץ דער וועלט איז מען דערגאַנגען ביז צו דער געטלעכקייט א י ן דער וועלט, ביז דער געטלעכקייט פון דער וועלט גופא; פון אַ באַגריף וועגן גאָט איבער דעם פאָלק איז מען געקומען צו דער געטלעכקייט פון פאָלק ווי אַזאַ, צו אַ שטרעבן צו דעם, צו אַ פאַרלאַנג דאָס צו דערגרייכן. און מען האָט זיך בסדר באַמיט צו באַזייטיקן דאָס זוכן אַ באַזונדערן גאָט פאַר זיך, גאָט מחוץ דעם פאָלק, גאָט מחוץ דער וועלט.

דאָס אַלץ איז געווען ווען דאָס פאָלק האָט נאָך געהאַט זיין אָרגאַניזאַציע, געווען קרייזן וואָס האָבן געטראָגן די אויפגאַבע צו אַנטוויקלען די אידייען און זיי אַריינצוגעבן אין פאָלק.

אָבער די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פון פאָלק איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און אַלץ לויזער; די מלוכה האָט בסדר געהאַלטן אין אָנווערן איר כוח און איר זאָרג פאַרן קיום פון פאָלק, די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע פון דער כהונה איז געווען דעמאָראַליזירט און אָנמעכטיק. און בכלל האָבן דאָך אַלץ גרעסערע טיילן פון פאָלק זיך געפונען מחוץ די גרענעצן פון דער מדינה, און זיי האָבן אין גלות־לענדער נישט געהאַט קיין פאָלקישע אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל זאָרגן אָרגאַניזירט פאַרן קיום פון פאָלק און זיין אידייען־גאַנג. דאָ מיין איך, פאַרשטייט זיך, די דיאַספּאָראַ אין דער גרויסער רוימישער אימפּעריע, אָבער נישט בבל, וואָס האָט געהאַט גאָר אַ גוטע אָרגאַניזאַציע און האָט דערפאַר מיט דערפאָלג קאָנקורירט מיט איר קולטור קעגן דער קולטור פון ארץ־ישראל.* אָבער אויך דאָ, ווי אומעטום, אין דער גאַנצער גולה, אין דער גאַנצער דיאַספּאָראַ האָט מען גענומען זוכן מיטלען ווי אייבצוהיטן ייִדישקייט אָן אַ וואָסער עס איז אָרגאַניזירטן כוח, אָן אַ צוואַנג פון אַ מדינה, פון וואָסער עס איז אַנדער פאָרעם. מען האָט געדאַרפט און מען האָט באַוווּסטזיניק געוואָלט דער יחיד, יעדער יחיד און אַלע יחידים זאָלן גערן טראָגן די אחריות פאַרן קיום פון כלל אָן אַ וואָסער עס איז אַרויפגעצוווּנגענדיקער מאַכט. עס איז געווען דאָס פאָרויסזען פון גלות, וואָס איז שוין אייגנטלעך געווען אַ פאַקט. מען האָט טאַקע נאָך דער מדינה נישט געבענקט, און זי — אין איר יענעם צושטאַנד האָט טאַקע נישט פאַרדינט מען זאָל נאָך איר בענקען, זי איז נישט

* אמר רב יהודה: כל העולה מבבל לארץ ישראל, עובר בעשה (ברכות, כ״ד. ב׳); אמר רב יהודה: כל הדר בבבל כאילו דר בארץ ישראל (כתובות, קי״א, א׳); אמר רב יהודה אמר שמואל: כשם שאסור לצאת מארץ ישראל לבבל, כך אסור לצאת מבבל לשאר הארצות (דאָרטן);; כל הארצות עיסה לארץ־ישראל וארץ־ישראל עיסה לבבל (קדושין ס״ט, ב׳; ע״א, א׳).

ווערט געווען. אָבער נאָך דעם פאָלקישן קיום דורך דעם שטייגער האָט מען זייער שטאַרק געבענקט, און וועגן דעם האָט מען געזאָרגט; מען האָט גע־וואָלט אַז יעדער יחיד זאָל אַליין טראָגן די זאָרג פאַרן כלל, אַז יעדער איינער זאָל אין זיך טראָגן דאָס כללישע. און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן! און ווי־דער איז דאָס ייִדישע פאָלק אין דעם זינען געווען אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער: קיינער האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן קיין גלות און דאָך בלייבן אַזוי ווי ייִדן האָבן דאָס באַוויזן. און נאָך וואָס פאַר אַ גלות! און יעדער יחיד פון פאָלק האָט טאַקע גערן און אין גאַנצן פרייווילליק געטראָגן דעם שווערן יאָך פון קיום האומה אין די שווערסטע באַדינגונגען.

ווי דאָס איז דערגרייכט געוואָרן וועלן מיר באַהאַנדלען אין די ווייטער־דיקע קאַפּיטלעך.

דער תניא ווי אַ מוסטער פון רעליגיעזן געדאַנק

דער ת נ י א איז ביי די ליבאַוויטשער חסידים דער הייליקסטער ספר, ווי דער ז ו ה ר, למשל, ביי די מקובלים און חסידים בכלל. מען לערנט דעם ת נ י א שטיקלעכווייז יעדן טאָג, מען איז „מעיין" אין אים; אַז דער גייער (מנחם באַריישאָס בוך ד ע ר ג יי ע ר) לאָזט זיך אין וועג, לייגט ער אַריין אין טלית־זעקל דעם ת נ י א. געשריבן דעם ת נ י א האָט דער אַלטער רבי, ר' שניאור זלמן פון ליאַדי — דער ערשטער פאַרשפרייטער פון חסידות אין ליטע און אין ווייסרוסלאַנד, איבערהויפּט נאָך דעם ווי זיין חבר ר' מנחם מענדל וויטעבסקער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. דער ספר איז געווען פאַר־שפּרייט ביי די חסידים אויך אין כתב־ידן, ער איז אַ סך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אַליין און מיט חירושים און איז אַפילו אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש. אַזוי פאַרהייליקט איז ער. און ווייל דער ספר איז נישט געווען בלויז אַ פּראָדוקט פון זיצן און שרייבן, דער מחבר האָט קענטיק אין זיינע דרשות אים געשאַפן, הייסט דער ספר אויך ל י ק ו ט י א מ ר י ם — זאַמ־לונג פון געזאָגטע זאַכן. דער ספר האָט נישט קיין חידושי־תורה, קיין דרושים און פּירושים, איז ער אויסגערעכנט אויך טאַקע נישט דווקא פאַר לומדים, ער גייט בכלל נישט אין דער ריכטונג פון למדנים און עם־הארצים, נאָר אין דער ריכטונג פון צדיקים און רשעים; עס איז אַ ספר וועגן „בין אדם למקום" — צווישן מענטשן און גאָט. איך וואָלט געזאָגט, אַז עס איז מער אַ ספר פון רעליגיעזער פילאָסאָפיע איידער פון תורה. דער ספר איז אויסגערעכנט נישט פאַר לומדים און אויך נישט פאַר צדיקים — זיי דאַרפן אים נישט. די רשעים ווילן אים נישט, איז דער ספר באַשטימט פאַר די „בינונים" — פאַר די מיטל־מעסיקע טאַקע, און אַזוי רופט זיך באמת דער ספר אויך ס פ ר ה ב י נ ו נ י ם. ווער זענען זיי די בינונים? — דאָס זענען די קליינע לומדים, די וואָס דאַרפן זיך אַנשטרענגען אין דעם קאַמף מיט דער סיטרא אחרא. עס איז גרינג צו זיין אַ צדיק, אַז דער יצר־הרע ליגט אַ פאַרחלשטער אין קליינעם נאָגל פון דער לינקער פוס (דער לייוונטענער צדיק ביי אַנסקין אין זיין א ש מ ד א י). עס איז אויך נישט שווער צו זיין אַ רשע — זיי האָבן דאָך נישט קיין יצר־טוב. זענען דאָס די בינונים די אָרענע, וווּ עס קומט פאַר די מלחמה צווישן

גוטס און שלעכטס, און זיי צו העלפן קומט דאָס דער ת נ י א — העלפן אין דער אינעווייניקסטער מלחמה. חסידות בכלל איז דאָך אַ באַוועגונג נישט להגדיל תורה נאָר בעיקר להגדיל מענטש, אַזוי צו זאָגן, צו פאַרגרינגערן דעם מענטשנס וועג צו גאָט, צו געטלעכקייט, נישט אַזוי דורך תורה ווי דורך מעשים־טובים.

דער באַגריף וועגן גאָט ביי ייִדן

די מתנגדים האָבן זיך דערמיט נישט פאַרנומען. מען טאָר גאָרנישט! נאָך אין תלמוד איז פאַראַן אַז פיר זענען אַריין אין „פרדס״ פון קבלה און בלויז איינער, ר׳ עקיבא, איז נכנס בשלום ויצא בשלום. מען טאָר גאָרנישט דרשנען וועגן מעשה־מרכבה, וועגן מה לפנים ומה לאחור, עס קען פאַרשאַטן (ח ג י ג ה י״א) און מתנגדים האָבן דאָס געהיט שטאַרק.

„ר׳ אייזיק־מענדע, אַ ליטוואַק, איז קלעטערט ער נישט אין די הימלען פון קבלה״, אַזוי כאַראַקטעריזירט חיים גראַדע אַ מתנגדישן למדן. איך וואָלט געזאָגט, אַז די מתנגדים זענען געווען די פּראָזאַיקער פון דער רעליגיע, בעת חסידות האָט אין זיך גאָר אַ סך פּאָעזיע, געזאַנג, שירה, התלהבות, פריידי־קייט, ריקודים. די קבלה האָט אַפילו אַ סך עראָטישע טערמינען פּונקט ווי פּאָעזיע. שבת מלכתא, לכה דודי לקראת כלה, פני שבת נקבלה וכדומה. ביי מתנגדים איז דאָס אַלץ געווען... כ׳מיין, מהיכא תיתי, אָבער דער עיקר איז געווען הלכה, פּילפּול, דיק, אַראָפּזינקען אין די אָפּגרונטן פון ים־התלמוד און אַרויפברענגען פון דאָרטן פּערל, אויסרייסן בערג און זיי צעמאָלן, זיך לאָזן אין די קאַלטע פּאַלאַצן פון דער תורה און זיך נישט אָפּשטעלן, אַפילו אַליין, אָן כל־ישראל (דער בריסקער רב ביי פּרצן אין „צווישן צוויי בערג״). די תורה איז כל־ישראל און, פאַרקערט, ביי די חסידים איז כל־ישראל די תורה. אָבער ווייט נישט אַלע מוחות האָבן געקענט שלום מאַכן מיט דער האַרבקייט פון דער מתנגדישער טרוקענער הלכה, מיט דער פּראָזע בלויז. האָט דער ביאַלער רבי (ביי פּרצן) זיך אַרויסגעריסן פון די פּראַקטיקע אָבער קאַלטע פּאַלאַצן פון בריסקער תורה און איז אַוועק צו דער ש מ ח ה פון דער תורה ביי די פּשוטע ייִדן אין צעריסענע קאַפּאָטעס אויף דער אָרעמער לאָנקע, און די פּאָע־טישע התלהבות האָט זיי פאַרוואַנדלט אין אַ מין מלאכים ערגעץ אין אַ גן־עדן־ווינקל, סיידן דער קאַלטער מתנגדישער — „מען דאַרף מנחה דאַוונען״, רייסט אַוועק די אילוזיע. האָט דער דאַרשטיקער מוח יאָ געגלוסט צו דער פּאָעזיע פון מיסטיק און זיך יאָ פאַרנומען מיט די פאַרשטעלונגען וועגן גאָט.

די גאָר פאַרצייטיקע ייִדן אין דער תנ״ך־תקופה האָבן זיך פאַרגעשטעלט גאָט ווי אַלע אַנדערע פעלקער: ויחר אף ד׳, ימין ד׳, ה׳ צבאות, אל גיבור, מיין גאָט און דיין גאָט. גאָטס האַנט, גאָטס אויגן — דאָס זענען אַלץ מאַטעריעלע

פאַרשטעלונגען. אָבער שוין די נביאים, איבערהויפּט ירמיהו און ישעיהו, קעמפן זייער שטאַרק קעגן דער מאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף. יעדער מאַטעריעלע פאַרשטעלונג איז שוין געצנדינעריי. נאָך שטאַרקער קומט דער אַמאַטעריעלער באַגריף אין תלמוד. די בעלי־גמרא שיקן אַפילו דעם ערשטן ייִדן, אברהם אבינו, און הייסן אים ער זאָל צעברעכן דעם טאַטנס מאַטעריעלע געטער — די געצן. האָט דער תלמוד אויסגעטייטשט אַלע מאַטעריאַליסטישע אויסדרוקן פון תנ״ך ווי אַלעגאָריעס בלויז ווייל „דברה תורה כלשון בני אדם״, עס רעדט זיך אַזוי. האָט די ערשטע איבערזעצונג פון דער תורה, די סעפּטואַגינטאַ, זיך באַמיט טאַקע אויסצומיידן אַלע אַנטראָפּאָמאָרפישע אויסדרוקן אין דער תורה. דער רמב״ם האָט שפּעטער קורץ און קלאָר פאָרמולירט „אין לו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף״, מען קען אים נישט באַגרייפן מיט קיין שום מאַטעריעלע באַגריפן. די בעלי־קבלה האָבן דעם זעלביקן געדאַנק אויסגעדריקט אין אַראַמיש, — וואָס איז ביי זיי בכלל געווען שטאַרק באַליבט, „לית מחשבה תפיסא ביה״, קיין געדאַנק קען אים נישט באַגרייפן. דער מענטשלעכער געדאַנק איז בכלל נישט מסוגל צו באַנעמען דעם מהות פון גאָט. אָט דעם אַראַמישן אויסדרוק נוצט דער בעל־התניא זייער אָפט, און עס דוכט זיך, אַז ער האַלט אים ווי אַ מין קמיע, אַ שמירה, ער זאָל, חלילה, נישט נכשל ווערן, דווקא ווייל ער איז אַזוי פיל אַריינגעטאָן אין דער פּראָבלעם. וואָס שטאַרקער די מאַשין גייט, אַלץ שטאַרקער דאַרפן זיין די איינהאַלטערס; וואָס מער סכנות דער מחבר זעט אין זיין וועג, אַלץ מער באַמיט ער זיך צו פאַרזיכערן מיט דעם זאַץ, אַז לית מחשבה תפיסא ביה. קען מען טאַקע זאָגן בלשון הגמרא „שפינאָזע הציץ ונפגע, ר׳ שניאור זלמן נכנס בשלום ויצא בשלום״. און די סכנה פון אַנטראָפּאָמאָרפיזם איז ווייט נישט געווען קיין קליינע. אָט דער קריסטלעכער געדאַנק, ווען ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין ייִדן מקור, האָט ער זיך פאַרטיפט אין דעפיניציעס פון גאָט און פון זיינע אַטריבוטן ביז ער האָט זיך גאָר שטאַרק דערנענטערט צו דער געצנדינערישער טראַדיציע, ביז צו גאָר פּשוטע אַנטראָפּאָמאָרפישע באַגריפן, און אפשר איז עס נישט געשען מיט דעם ייִדישן געדאַנק טאַקע מחמת דער שטאַרקער אָפּגעהיטקייט. אָבער געטראַכט האָט מען, געזוכט האָט מען, מען האָט זיך שטאַרק געגריבלט, הגם מען האָט זיך באַמיט ווייניקער ריידן און שרייבן וועגן דעם. איז טאַקע אַ מרחק צווישן די דריי אויסדרוקן וועגן גאָט — „ה׳ צבאות״ פון תנ״ך און „ברוך המקום״ פון גמרא און דער „אין סוף ברוך הוא״ — די געבענטשטע אומענדלעכקייט אין דער קבלה. עס איז דאָך כמעט אַ אידענטיפיקאַציע צווישן קאָסמאָס און גאָט. נאָך אין תלמוד איז פאַראַן אַ פּראָבלעם „אם הוא מקומו של עולם, אָדער העולם הוא מקומו״ — צי די וועלט איז אין אים, אָדער ער איז אין דער וועלט. און, פאַרשטייט זיך, עס ווערט געפּסקנט,

כי הוא מקומו של עולם, די וועלט איז אין אים. מסתמא האָבן אַזוי אויך די מקובלים אויפגענומען דעם באַגריף „אין סוף ברוך הוא". וואָלט דאָס געווען פאַרקערט, וואָלט דאָך אַרויס אידענטיש מיט שפּינאָזעס פּאַנטעיִזם. כדי דאָס צו דערקלערן איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע טעאָריע וועגן „סוד הצימצום", וואָס גייט פון דעם אר"י ביז דעם „רבי" (אַזוי רופן חסידים דעם בעל־התניא).

אין קורצן פּרווון מיר עס תופס זיין אַזוי: גאָט האָט זיך איינגעשרענקט און באַשאַפן די וועלט. אָבער דאָס טאָר מען דאָך אַזוי פּשוט נישט באַנעמען, ווייל ער האָט זיך פון ערגעץ באַשרענקט, באַזייטיקט, איז דאָך דאָס אַ סתירה מיט דעם גלויבן, אַז מלא כל הארץ כבודו, אַז „לית אתר פנוי מניה", אַז „אור־מעטום איז דאָך דו, און נישטאָ קיין אָרט אָן דו" (פון ר' לוי יצחק באַרדי־טשעווערס קדיש. אגב, איז ער געווען דעם רבס אַ מחותן). עס וואָלט אפשר געווען גרינגער צו באַנעמען דעם סוד הצימצום, ווען מען זאָל דאָס נעמען נישט אין זינען פון חלל העולם, פון וועלטרוים, נאָר אין זינען פון כמות: אַוודאי איז מלא כל הארץ כבודו און לית אתר פנוי מניה, נאָר אין די ברואים איז דאָס געטלעכע באַשרענקט; דאָס באַשאַפענע, דער גאַנצער באַשאַף, איז אַ מין לבוש, אַ מין שוואַכער אָפּשיין פון אין סוף ברוך הוא. גאָט בכלל איז טאַקע אוממעגלעך צו באַנעמען, ווייל לית מחשבה תפיסא ביה, נאָר אין דער מאַטעריעלער וועלט קען מען אויפנעמען דאָס ג ע ט ל ע כ ע, דעם „כוח הפּועל אין דעם נפעל" — דעם כוח פון באַשאַפער אין זיין באַשאַף. בדרך כלל, הייסט עס, קענען מיר אויפנעמען בלויז דעם צימצום, בלויז אַ קליינעם באַשרענקטן חלק פון דעם אין סוף ברוך הוא. דאָ ליגט דער טיפער אונטער־שייד צווישן דעם חסידישן אין סוף און שפּינאָזעס פּאַנטעיִזם — צוויי פילאָסן וואָס גייען אַרויס פון איין אָנהייב.

אין תוך אַריין דאַרף מען דעם גאַנצן ענין פון „סוד הצימצום" נישט אויפנעמען ווי עפּעס מיסטישעס, למעלה מדרך הטבע. פאַרקערט, דאַרף מען געדענקען אַז יעדער אינטויִטיווער געדאַנק איז ברייטער, טיפער און אומבאַ־גרענעצטער איידער דער זעלביקער געדאַנק ווען ער איז שוין אויסגעדריקט אין מאַטעריע אָדער אין וואָרט. ווי נאָר אַ אידייע דאַרף זיך פאַרקערפּערן, מוז זי באַגרענעצט ווערן מיט די אייגנשאַפטן פון דעם קערפּער, פון דער מאַטע־ריע. די אַרויסגעבראַכטע, אַרויסגעזאָגטע, אויסגעפירטע אידייע איז קיינמאָל נישט גלייך, איז אַלעמאָל קלענער, איינגעשרומפּענער פון דער זעלביקער אי־דייע אין איר ריינעם אַמאַטעריעלן אורשפּרונג. טאַקע סוף מעשה איז במחשבה תחילה, אָבער יעדער מעשה איז בלויז אַ פאַרקערפּערטער צימצום פון דער מחשבה תחילה. דאָס וואָרט איז נאָר אַ צימצום פון דער מחשבה (אָדער גע־פיל) וואָס האָט אים אַרויסגערופן; אַ פּאָעמע איז בלויז אַ צימצום פון דעם

פּאָעטס איבערלעבונג; אַ געמאַכט בילד איז נאָר אַ צימצום פון קינסטלערס אידייע אין זיין מוח און אין זיין האַרץ.

אַזוי איז אויך די גאַנצע באַשאַפענע וועלט בלויז אַ צימצום פון דער געטלעכער וועלט־מחשבה. פּונקט ווי אַ קינסטלער איז ווייט נישט אַלעמאָל אַליין צופרידן מיט זיין ווערק, אַזוי איז דאָך אויך דער באַשעפער נישט צו־פרידן מיט זיין באַשאַף, נישט נאָר דער מבול. די גמרא דערציילט אַז גאָט האָלט כסדר אין באַשאַפן וועלטן און זיי חרוב מאַכן. דער צימצומדיקער אויפ־טו קען קיינמאָל נישט זיין אַזוי פּערפעקט ווי די אידייע. אַזוי אַרום איז דער סוד הצימצום אַ געזעץ אין אַלץ.

עס איז נישט אַזוי גרינג צו באַנעמען דעם אונטערשייד, בפרט ווען אין דערקלערונגען דערלויבן זיך די מקובלים אויסדריקן, וואָס זענען גאָר נאָענט צו פּאַנטעיזם. לאָמיר דאָ אָנגעבן איין אויסדרוק אַזאַ — „אלהים איז בגימט־ריא הטבע” — גאָט איז אידענטיש מיט דער נאַטור. דעם אויסדרוק ברענגט אויך דער רב אין דעם ת נ י א. בכלל אָבער מוז מען אין די רייד זיין זייער פּאָרזיכטיק, כדי נישט נכשל צו ווערן: צו צאַרט זענען די באַגריפן, וואָס איי־דעלער עס זענען די ניואַנסן אַלץ פּאָרזיכטיקער דאַרף מען זיך באַגיין מיט זיי. אין קורצן קען מען אָבער זאָגן, אַז פּאַר שפּינאָזען איז טאַקע אלהים און הטבע אידענטיש, אַלץ איינס, בשעת פּאַרן רב און פּאַר אַנדערע פרומע יידן איז די טבע, די נאַטור, דער גאַנצער באַשאַף נאָר דער כוח הפועל אין דעם נפעל, אַן אַנטפּלעקונג פון דעם געטלעכן שאַפערישן כוח, נאָר אַ צ י מ צ ו ם פון געטלעכקייט.

עס איז וויכטיק איינצוזען אין אָט דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דעם גאָט־באַגריף, פון ה׳ צ ב א ו ת, א ל ו ה י י ש ר א ל, ביז א י ן ס ו ף ב ר ו ך ה ו א אַ ספּעציפיש־יידישן כאַראַקטער־שטריך. עס איז אָנגענומען, אַז די צוויי אַנטיקע קולטורן וואָס האָבן באַווירקט די וועלט — די גריכישע און די יידישע — שיידן זיך אונטער דערמיט וואָס די ערשטע, די גריכישע, האָט אין איר אַקס געהאַט די שטרעבונג צו שיינקייט און די צווייטע, די יידישע האָט זיך קאָנצענטרירט אויף מאָראַל. איך גלייב אַז דאָס איז אַן אומפּינקטלעכקייט. די פּאָרצייטיקע יידישע קולטור האָט פּאַר־מאָגט אַן אַ שיעור באַגייסטערונג פּאַר דער שיינקייט פון דער וועלט, קען זיין, מער וויפל עס איז געווען ביי די גריכן. דער אונטערשייד איז געווען בנוגע דעם ציל, צו וועלכן די צוויי קולטורן האָבן געשטרעבט. איך וואָלט געזאָגט, אַז די גריכישע קולטור איז געווען אַנטראָפּאָצענטריש — דער מענטש איז אין צענטער, די געטער האָבן שטריכן פון מענטשן, זיי פירן זיך אויף ווי מענטשן מיט אַלע זייערע ליידנשאַפטן. די יידישע קולטור, וואָלט איך געזאָגט,

איז דעאָצענטריש — אין צענטער איז גאָט און צו אים שטרעבט דער מענטש. איין קולטור ציט דעם הימל צו דער ערד און די צווייטע ציט די ערד צום הימל. עס דוכט זיך מיר, אַז עמאָציאָנעל זענען די גריכן געווען קעלטער אַ סך. אַמאָל געלייענט, אַז ווען יוליוס צעזאַר האָט זיינע אַרמייען געפירט איבער די אַלפּן־בערג האָט ער געשריבן אַ גראַמאַטיק און זיך באַקלאָגט, אַז די בערג שטערן אים אין זיין וועג. קיין וואָרט נישט וועגן דער גרויסקייט און שיינקייט פון די גראַנדיעזע בערג. אין דער זעלביקער צייט ווערט דער ייִדישער גייסט נתפּעל און באַגייסטערט פון דער נאַטור, אַפילו ווען זי איז פאַר זיינע אויגן מאַנאָטאָן. פּראָמעטעוס גנבעט דאָס געטלעכע פייער פאַר די מענטשן מיט ריין פּראַקטישע כוונות — זאָלן מענטשן קענען קאָכן אַ געקעכץ. דער ייִדישער נביא זעט אַ געטלעך פייער, וואָס דאַרף, פאַרקערט, דערהייבן דעם זינדיקן מענטשן ביז צו דער געטלעכער מאָראַל (ישעיהו). אין תהילים ווערט די עסטעטישע באַוווּנדערונג־עמאָציע פאַר דער נאַטור דערפירט ביז צו איר העכסטער מדרגה, ביז צו פּאָעטיש־רעליגיעזן עקסטאַז. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז די רעליגיעזע עמאָציע איז אַ העכערע מדרגה פון דער פּאָעטישער. אָביעקטיוו גענומען איז די נאַטור־שיינקייט פון ארץ־ישראל, דער הייִם פון דעם בעל־התהילים, קלענער פון דער פון די אַלפּן, אָבער דער איינוווינער פון ארץ־ישראל האָט געקענט זיך אָנצינדן מיט התלהבות פון אַ שוואַכערן „אָנצינדער״ איידער דער גריך. האָבן די גריכן אַנטוויקלט אַ שכל־פילאָסאָפיע און די ייִדן — אַן עמאָציאָנעלע פּאָעטיש־רעליגיעזע ליטעראַטור, דעם תנ״ך.

שפּעטער זענען די צוויי ריכטונגען זיך נאָך מער צעגאַנגען. האָבן די אַנשי כנסת הגדולה און די חכמי התלמוד זיך באַמיט, אַז די רעליגיעז־פּאָעטישע איבערלעבונג זאָל זיך אויסדריקן אין מעשים: נישט גענוג זיך צו באַגייסטערן פאַר דער שיינקייט און גרויסקייט פון גאָטס וועלט, נאָר מען דאַרף טאַקע אָפּדאַנקען גאָט, מאַכן אַ ברכה. אַוודאי איז אַ וווּנדער ווי פון דער טויטער ערד וואַקסט אַרויס ברויט, טאָ מאַך, ייִד, אַ ברכה און דאַנק גאָט פאַרן עסן און נאָכן עסן. זיכער ליגט אַ מעכטיקער אומבאַקאַנטער כוח אין דעם דונער, וואָס קיילערט זיך איבער אַלע הימלען און געוויס איז אַ וווּנדער דער ווינט, וואָס ברענגט אַ וואָלקן וואָסער אָנצוטרינקען די פאַרחלשטע ערד אין די בערג, — טאָ זיי נישט, בן־אָדם, אומדאַנקבאַר גאָט ברוך הוא פאַר אַלע זיינע וווּנדער אַרום דיר און אין דיר. האָט דער ייִד געזען אין דער נאַטור נישט בלויז „צווישן די וואָרצלען אַ מוראדיקע מלחמה״, נאָר חסד ורחמים, טאָ לערן זיך, מענטש, און באַמי זיך אויך צו זיין „מה הוא רחום, אף אתה רחום״.

די גריכן אָבער, וואָס האָבן אין זייערע געטער געזען די פאַרפּילפאַכונג

פון מענטשלעכע אייגנשאַפטן, האָבן זיך באַמיט אָט די מענטשלעכע אייגנ־שאַפטן פון די געטער אַרויסצוברענגען אין פּלאַסטיק, אין די קונסטן.

האָבן די תלמודיסטן געפּסקנט, אַז הרואה אילן בתקופת ניסן — אַז דו זעסט אַ בוים אין פרילינג, ווען ער וועקט זיך אויף און הייבט אָן צו וואַקסן, זיך צו בלעטערן, דאַרפסטו מאַכן אַ ברכה. און, האָבן זיי ווידער געפּסקנט, אַז „רשע בחייו נקרא מת, מפני שרואה חמה זורחת ואינו מברך... חמה שוקעת ואינו מברך" — די שיינקייט און גרויסקייט פון גאָטס באַשאַף דאַרף ווירקן נישט בלויז אויף דעם מענטשנס עמאָציע, נאָר אויך אויף זיין אויפ־פיר. אַוודאי זאָגט זיך דער ייִד נישט אָפּ פון אויסנוצן די נאַטור און די גאַנצע ציוויליזאַציע, אָבער ווען פאַר דעם גריכישן גייסט ענדיקט זיך די אויפגאַבע מיט די דערגרייכטע נוצן, זוכט דער ייִדישער גייסט נאָך עפּעס ווייטער — די דערהייבונג פון דעם מענטשן גופא. לאַכט אָפּ יוחנן מלמד, אַז מען וועט נאָך „פאַנגען די שטראַלן פון דער זון און זיי הייסן שטיוול פּוצן" („וואָס אַמאָל ווייניקער"). שטיוול פּוצן איז זיכער אַ נוציקע זאַך, דער מענטש אָבער דאַרף שטרעבן צו הייך אויב נישט נאָך העכער, צו פּוצן די נשמה פון מענטשן. די קבלה האָט אין זיך אַ סך פּאָעזיע, האָט דאָך די היינטיקע פּאָעזיע אויך אַ סך „מיסטיק", מעטאַפאָרן, אַלעגאָריעס, פּערזאָניפיקאַציעס און וואָס נישט; — האָט זי, די קבלה, געזען און באַנומען די פּראַקטיקע געטלעכע מאַכט אין דעם קאָסמאָס און די מאַכטיקע געטלעכע פּראַכט, — און עס איז געקומען ביז צו דעם „אין סוף ברוך הוא". אָבער ווען איז עס גערעדט געוואָרן, ווען דער מענטש באַמיט זיך צו דערהייבן זיך אַליין אויך ביז צו די הייכן. האָט דאָך נאָך דער אַלטער בעל התהילים געזאָגט:

אַז איך זע די הימלען, דאָס ווערק פון דיינע פינגער\
די לבנה און שטערן וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט, —\
וואָס איז אַ מענטש, אַז דו זאָלסט אים געדענקען?\
און אַ מענטשנקינד, אַז דו זאָלסט אים דערמאָנען?\
וואָרעם האָסט אים געמאַכט שיר נישט מינער פון גאָט,\
און מיט כבוד און שיינקייט באַקריינסטו אים.

(תהילים — יהואש מיט איין געענדערט וואָרט).

דאַרף זיך דער מענטש גוט אָנשטרענגען צו ווערט זיין די דערהייבונג. וואָרעם — נאָך מער — אויב דער קאָסמאָס איז אַזוי מאַכטיק, און ער איז דאָך נישט מער ווי דער לבוש פון געטלעכן אין סוף, בלויז די מאַטעריעלע בצימצומדיקע אַנטפּלעקונג זיינע, — און דאָס איז דאָך „מה רבו מעשיך ה'!" טאָ ווי איז שוין דער אין סוף ברוך הוא גופא? איז טאַקע לית מחשבה תפיסא ביה. דאָ שטעלט זיך אָפּ דער מענטשלעכער געדאַנק, עד כאן און ווײ־

טער נישט. „מיר, די ברואים, קענען משיג זיין די בריאה נישט מצד הבריאה עצמה, נאָר מצד ההכרה, אָבער דער בורא כביכול, — ער איז דאָך משיג די בריאה נישט מצד ההכרה, נאָר טאַקע מצד הבריאה עצמה" (פון אַ געהער־טער חבדישער תורה. דער זאָגער האָט געוויס נישט געוווּסט פון קאַנטס „דינ־גע אַן זיך").

דאָס איז דער געדאַנק, דער באַגרענעצטער מענטשלעכער שכל, אָבער די פּאָעטישע עמאַציע פון דעם מקובל שטעלט זיך דאָ נישט אָפּ, זי קען שטרעבן העכער, ווייטער, די נשמה, וואָס איז אַליין דאָך אַ חלק אלוהים, רייסט זיך, ציט זיך צו איר מקור, צו דעם אין סוף ברוך הוא טאַקע. און די שטרעבונג האָט דריי פאָרמען זיך צו אַנטפּלעקן: מחשבה, דיבור און מעשה. דאָס פּאָע־טישע וואָרט איז בלויז איין פאָרעם פון דעם אויסדרוק, דאָ זענען אויך פאַראַן מדרגות פון דערהייבונג און זיי קענען דערגיין ביז די היכלע הייכן. אָבער מחשבה און מעשה זענען אויך נישט קיין קנאַפּערע דערהייבונגען, דורך זיי קען זיך טאַקע דער מענטש דערהייבן ביז צו דער מדרגה פון געטלעכן אין סוף. גאָט אַליין איז טאַקע אומבאַגרייפלעך, לית מחשבה תפיסא ביה, אָבער זיין רצון און זיין חכמה אַנטפּלעקן זיך אין דער תורה און אין די דינים, די מצוות. זיי זענען ווי די „רמ"ח אברין דמלכא כביכול", ווי אַ מין גשמיות־דיקער לבוש פון דער געטלעכקייט און דורך זיי קענען זיך די ברואים דער־נענטערן צום בורא, דער „אדם להבל דמה" קען ווערן „קודשא בריך הוא ואוריתא וישראל כולו חד". אַזוי איז די פאָרמול פון ז ו ה ר, אין ת נ י א האָב איך געפונען נאָר אַ צווייאייניקייט — אוריתא און קודשא בריך הוא.

דאָס געבראַכטע שעפּט ווייט נישט אויס די טיפקייט פון דעם וואָס עס איז פאַראַן אויף דעם געביט אין דעם קליינעם ספרל. אָבער דווקא שטודירנ־דיק אָט דאָס ספרל האָב איך טאַקע דערפילט דעם פחד פון יידן פאַר דער פאַרטיפונג אין פרד"ס. איך האָב אויך פאַרשטאַנען מיינע מתנגדים, וואָס האָבן בעסער אויסגעמיטן די אַלע פּראָבלעמען און די עקסקורסיעס אין די היכלע און גלאַנציק־גליטשיקע היכלות פון פּאָעטישער קבלה, ווו מען קען אַזוי גרינג געשטרויכלט ווערן.

נבואה

זייער אָפט איז דער באַגריף וועגן נבואה אַ ווולגאַרער: אַ נביא — מיינט מען — איז דער וואָס ווייס היינט וואָס מאָרגן וועט זיין. דעריבער איז דער מעטעאָראָלאָג, וואָס זאָגט פאָרויס וואָס פאַר אַ וועטער עס וועט זיין מאָרגן, דער „וועטער־נביא". אין דער אמתן האָט דאָס פאָרויסזאָגן אַ קנאַפּע שייכות מיט אמתער נבואה. דער נביא איז קודם־כל אַ אידעאַליסטישער קעמ־פער און ער קעמפט בלויז מיטן כוח פון זיין וואָרט. דער נביא איז מיט לייב

און לעבן געטריי איבערגעגעבן זיין אידעאַל — צי דאָס איז בלויז אַ נאַציאָ־נאַלער אָדער אַן אוניווערסאַלער — אַלץ איינס. על־פּי־רוב איז עס ביידע, ער קעמפט פאַר זיין אידעאַל אַפילו ווען ער איז איינער קעגן אַלעמען, ווען אַפילו עס איז אַ סכנה פאַר זיין לעבן, אַפילו ווען ער זעט נישט קיין שום פּרוכט פון זיין וואָרט־קאַמף, ווייל „עס איז אין מיין האַרצן ווי אַ ברענענדיק פייער, איינגעשלאָסן אין מיינע ביינער... און איך מאַטער זיך עס איינצוהאַלטן".

דער נביא רעדט תמיד אין נאָמען פון גאָט. דאָ הייבט זיך אָן אַ נייע קשיא: וועלטלעכע מענטשן זאָגן, אַז זיי גלייבן נישט אין גאָט, במילא איז דאָך נישטאָ וועמער עס זאָל ריידן צום נביא. רעליגיעזע דענקער האָבן אויך ספקות: אויב עס איז מלא כל הארץ כבודו, אויב גאָט איז פול אומעטום, אויב לית אתר פנוי מניה, אַז ער איז מ י ט דעם נביא און א י ן דעם נביא, טאָ ווי איז דאָ שייך גאָט רעדט? ריידן פון איינעם צו דעם צווייטן זעט דאָך פאָרויס אַ דיסטאַנץ, און ווי איז דאָ מעגלעך צו זאָגן דיסטאַנץ, מרחק? אַנ־דערע רעליגיעס קענען אויסמיידן די שוועריקייטן: דער נביא איז נישט קיין פּשוטער מענטש. ער איז ווי אַ צווישן־באַשעפעניש צווישן גאָט און מענטש, עפּעס פון דעם מין וואָס ביי די גריכן איז אַמאָל געווען דער האַלבער גאָט. די ייִדישע רעליגיע מיט איר אַמאַטעריאַליזם קען אַזוינע פאַרשטעלונגען נישט פאַרליידן. דער רמב"ם זאָגט פּשוט און קלאָר: „דאָס איז די מיינונג פון נאַ־רישן המון, די וואָס גלייבן אַז השם יתברך קלייבט אויס עמעצן וועמען ער וויל פון צווישן מענטשן און מאַכט אויף אים רוען די נבואה" (מ ו ר ה נ ב ו כ י ם, חלק ב׳, פרק 32).

ווי זשע האָבן ייִדישע רעליגיעזע דענקער פאַרשטאַנען דעם מהות פון נבואה? דער רמב"ם דערקלערט קודם־כל, אַז די נבואה „קומט נאָר אויף אַ גרויסן חכם, אַ העלד אין זיינע מידות, וואָס נישט דער יצר געוועלטיקט אי־בער אים נאָר, פאַרקערט, ער הערשט איבער זיין יצר, און ער הייליקט זיך און שיידט זיך אָפּ פון די געוויינטלעכע וועגן פון מענטשן בכלל און ער טראַכט נישט פון קיינע נאַרישע זאַכן (דברים בטלים)". (מ ש נ ה ת ו ר ה, ס פ ר ה מ ד ע, פרק ז׳).

אין מ ו ר ה נ ב ו כ י ם זאָגט דער רמב"ם: זיי וויסן, אַז דער נביאישער אמת און זיין מהות איז די השפּעה פון השם יתברך דורך דעם שאַ־פערישן שכל אויף דעם רייד־כוח און שפּעטער אויף דעם כוח הדמיון, און דאָס איז די העכסטע מדרגה פון אַ מענטשן" (מ ו ר ה נ ב ו כ י ם, חלק ב׳, פרק 33).

מיר פאַרזענלעך געפעלט מער די דערקלערונג פון ר׳ יהודה הלוי אין כ ו ז ר י, אַז דער נביא איז העכער פון דעם חסיד (ג׳ י"א) און אַז ער הערט גאָטס רייד אין זיין נשמה נישט מיט די אויערן און ער זעט עס נישט מיט

אויגן נאָר אין געדאַנק (כוזרי, א׳, פ״ז) און אויך אַז די זונג פון דער נבואה איז קלענער פון דער לאָגישער (כוזרי, ד׳, ג׳). נישט געקוקט אויף דעם וואָס די אויטאָריטעטע מיינונגען זענען שוין גאַנץ אַלט, דאָך האָבן אַ סך „וועלטלעכע״, וואָס זייער גבורה איז באַשטאַנען אין אָפּוואַרפן, „לכם ולא לו״, אָפּגעוואָרפן דעם תנ״ך: כסדר גאָט און ער האָלט אין איין ריידן צו די נביאים... ווי קען מען דאָס אָננעמען? איז די בעסטע זאַך — אָפּוואַרפן און אַ סוף. מיר האַלטן נישט פון דעם און יוצא. דער רמב״ם זאָגט זיך אָפּ צו דיסקוטירן מיט די „אפּיקורסים״ (מורה נבוכים). אַ מאָדערנער פּראָפעסאָר פון יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע מאַכט עס מיט אַ וויץ, אַז גאָטס רייד זענען נישט געווען קיין טעלעפאָן־שמועס פון אַ ווייטער דיסטאַנץ. מיר דאַכט זיך, אַז דער רב אין תניא גיט עס אַרויס קלערער און... מאָדערנער.

דער תניא דערקלערט די נבואה אָט אַזוי:

אַז אַ מענטש רעדט, טיילן זיך די ווערטער אָפּ פון אים, זיי בלייבן עקסיסטירן מחוץ אים ווי אין שטח אַזוי אויך אין צייט. ביי הקדוש ברוך הוא איז זיינע רייד פון אים חס־ושלום נישט אָפּגעטיילט, וואָרעם לית אתר פנוי מניה, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן אַז דאָס געטלעכע וואָרט איז איבערגעגעבן געוואָרן פון דאַנען אַהין, אַז „אומעטום איז דאָך דו און נישטאָ קיין אָרט אָן דו״, ווי עס האָט פאָלקסטימלעך געזונגען דעם רבס מחותן, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער. די געדאַנקען זענען אָנגעקליידט אין ווערטער, די ווערטער באַשטייען פון קלאַנגען אָדער פון אותיות אויפן פּאַפּיר. ווי די קלאַנגען אַזוי אויך די אותיות זענען שוין גשמיות, ווי עס דערקלערט דאָס ביי פּרצן דער עלטערער מקובל צו זיין תלמיד („מקובלים״). אָבער עס זענען פאַראַן געדאַנקען אָן גשמיות, ווי די געדאַנקען וואָס זענען נאָך נישט דערגאַנגען פון האַרץ צום מוח, איידער דער לעצטער פאַרוואַנדלט נאָך דעם געדאַנק אין ווערטער און די ווערטער ווערן אַרויסגעבראַכט דורך קלאַנגען אָדער אותיות. און אַזוי איז אויך בנוגע צו נבואה, עס איז אַן אַנטפּלעקונג פון פאַרבאָרגענעם, דאָס זענען רייד וואָס דורך זיי איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט, און די נביאים נעמען זיי אויף נישט דורך ווערטער נאָר דירעקט מיט דעם כוח פון נבואה. נאָר ווייל די תורה רעדט מיט אַ לשון פון מענטשן, רופט זי אָן די רייד פון גאָט ברוך הוא מיט דעם נאָמען רייד ווי, להבדיל, פון אַ מענטשן. איז תוך אַריין אָבער איז דאָ אויך פאַראַן אַ צימצום פון געטלעכקייט, מענטשן זאָלן עס קענען באַנעמען, באַגרייפן (לקוטי אמרים, פרק כ״א און כ״ב).

פאַראַן אין דער פסיכאָלאָגיע אַ שיטה וואָס וויל זאָגן, אַז דענקען איז דאָס זעלביקע ריידן, אָבער די קלאַנגען פון די ווערטער ווערן פאַרהאַלטן און נישט אַרויסגעבראַכט. די ווערטער זענען דאָ, אָבער מען הערט זיי נישט. עס

זענען אַפּילו צוגעטראַכט געוואָרן מיטלען צו פאַרשן די אַקטיוויקייט פון די קלאַנג־מוסקולן ביים טראַכטן. איך מיין נישט, אַז מען קען די טעאָריע אָפּ־נעמען שוין מחמת דעם אַליין, וואָס מיר זעען דאָך געדאַנקען אויך ביי קליינע קינדער נאָך איידער זיי קענען רעדן און זיי האָבן ווערטער. אָט די געדאַנקען האָבן נישט קיין עקוויוואַלענטע ווערטער, אָבער זיי דריקן זיך אויס אין אַדעק־וואַטע האַנדלונגען, אין דירעקטע רעאַקציעס פון פרייד, אומעט, געלעכטער און געוויין, הסכמה און פּראָטעסט. בכן זענען פאַראַן געדאַנקען אָן ווערטער. די געדאַנקען זענען ווי אַ קנויל, נישט קיין אויסגעצויגענע, אַ קייט פון באַ־גריפן איינער נאָך דעם צווייטן ווי עס איז אַ קייט פון רינגען. דער גאַנצער געדאַנק קומט דאָ מיט איין מאָל. דאָס איז אַ א י נ ט ו י ט י ו ו ע ר געדאַנק וואָס איז אין תוך אַנדערש פון דעם צעגלידערטן ד י ס ק ו ר ס י װ ן געדאַנק, וואָס באַשטייט פון אויסגעסדרטע באַגריפן און ווערטער.

עס איז פאַלש צו מיינען, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון דיסקורסיוון, שפּראַכלעכן דענקען שטאַרבט־אָפּ דאָס אינטויטיווע דענקען. פאַרקערט, ס'איז אָנצונעמען, אַז דער סכום אינטויטיווע געדאַנקען איז ביי יעדער דענקענדיקן מענטשן צאָלרייכער, מערער און נאָר אַ טייל פון זיי ווערט איבערגעזעצט אויף דער שפּראַך פון באַגריפן און ווערטער. אינטויציע בלייבט דאָך פאַרט דער רייכסטער מקור פון שאַפערישקייט. אָבער די אינטויציע איז נישט סתם אַ מתנה וואָס פאַלט אַראָפּ פון הימל. זי איז פאַראַן נאָר דאָרט, ווו עס איז פאַראַן אַריינגעטאָנענקייט, דער „והגית בו יומם ולילה". יעדער נביא איז דאָך געווען אַזוי אַריינגעטון אין זיין אידעאַל, אַז ער האָט דאָך זיך נישט אַרויסגעזען, זיך פאַרגעסן. דעריבער איז אַזוי ריכטיק די דעפיניציע פון ת נ י א וועגן דעם מהות פון נבואה, דאָ איז ריכטיק די נאָך קירצערע דערקלערונג פון ר' יהודה הלוי, אַז דער נביא הערט גאָטס רייד בנפשו ולא באזניו — אין דער נשמה און נישט סתם מיט די פליישענע אויערן. די נבואה איז אַן אינ־טויטיווער פּראָצעס, וואָס פאַרכאַפּט דעם נביא, ווייל די פּראָבלעמען מאַטערן אים טאָג ווי נאַכט, היה כאש בעצמותי, עס ברענט אין אים. אַ טייל פון דעם פייער, וואָס רייסט אים, וואָס דונערט אין זיין נשמה, גיט דעם נביא איבער אין דיסקורסיווע, פּאָעטישע בילדער און ווערטער. כדי דאָס צו קענען טון, דאַרף דער נביא קענען דאָס פייער, וואָס אין אים, וואַרפן אויף זיינע צוהע־רער, ער דאַרף קענען זיין אינטויטיוון נביאישן אמת שליידערן אַלע „שטאַרקע, מעכטיקע" אין פנים אַריין אָן מורא, ווייל ער פילט אין זיך, אַז עס זענען נישט זיינע, מענטשלעך־שטאַרביקע רייד, עס זענען געטלעכע רייד אין זיין האַרצן און ער איז נאָר דער שליח, וואָס טאָר נישט פעלשן זיין שליחות; ער אַליין אָבער, דער נביא, איז נישט קיין „הייליקער", נישט קיין הימל־מענטש, נישט קיין האַלבער גאָט, ער איז אַ פשוטער מענטש, וואָס אַ העכערער כוח

צווינגט אים צו זיין דער נביא. אָט אַזוי באַנעמט און אַזוי דערקלערט דעם מהות פון דער ייִדישער נבואה דער בעל־התניא, דער רב. איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ געטלעך־וועלטלעכער באַנעם.

פון דעם ווי מען פּאַרט צום נביא, דעם זעער (רואה), פרעגן וועגן די פאַרלאָרענע אייזלען און מען פירט אים אַ מתנה, ביז צו די פאַרשטעלונגען, וואָס מיר האָבן דאָ באַשריבן, איז טאַקע אַ מהלך פון טויזנטער יאָרן. ווי מיר האָבן געזען אין ערשטן קאַפּיטל בנוגע צום באַגריף וועגן גאָט, אַזוי האָט אויך דער באַגריף פון נבואה דורכגעמאַכט אַ גרויסע אַנטוויקלונג. ייִדישקייט באַשטייט נישט פון טויטע, באַלזאַמירטע דאָגמעס, וואָס שטייען ווי געצן אומפאַרענדערט, פאַרקערט, ייִדישקייט טראַנספאָרמירט זיך. איין זאַך אָבער בלייבט: קדוש, הייליקייט גייט נישט ביי ייִדן פון אויבן אַראָפּ, פון הימל, פון מענטש צו גאָט: דורך די העכסטע מדרגות פון מענטשלעכקייט קען דער מענטש קומען צו געטלעכקייט. די קדושה פון גאָט ברוך הוא גופא הענגט אָפּ פון מענטשן — „והאל הקדוש נקדש בצדקה". דורך די און די מידות קען דער מענטש פון זיין פּשוטער מענטשלעכקייט זיך דערהייבן ביז צו דער געט־לעכער נבואה, וואָס ער נעמט אויף בנפשו — אין זיין אינטויִציע.

נשמה

נשמות רעכנט דער רב אין תניא צוויי. איינע איז אַ נידעריקערע, אַ ריין חיהשע, וואָלט איך געזאָגט, און די צווייטע איז אַ העכערע, די „נשמה אלוהית" — די געטלעכע, דער חלק אלוה ממעל. פון דער ערשטער שטאַמען ביי אַ מענטשן כעס, גאווה, פריילעכקייט און אומעט, ליצנות און פוילקייט. די אַלע אייגנשאַפטן זענען פאַראַן ביי אַלע מענטשן פון אַלע פעלקער, אָבער די ייִדן צייִען נאָך פון אָט דער זעלביקער נשמה אויך רחמנות און גמילות חסדים. אָבער די נשמה פון אַנדערע, פון נישט־ייִדן, האָבן עס נישט, ווייל גאָר די צדקה וחסד וואָס זיי טוען איז דאָך נישט מער ווי זיך גרויס צו האַלטן מיט דעם. די נשמה גייט אַריין אין בלוט, זי האַלט אויף דאָס לעבן און די מידות אירע שטאַמען פון די פיר יסודות (עלעמענטן) פון דעם באַשאַף. כעס און גאווה שטאַמען פון יסוד פייער; דער דראַנג צו פאַרגעניגנס שטאַמט פון וואַסער; פריילעכקייט, ליצנות, באַרימערייַ און בכלל נאַרישקייטן (דברים בטלים) קומען פון יסוד ווינט, פוילקייט און אומעט קומען פון דעם יסוד ערד. די פּשוטע נשמה האָבן אַלע, אָן אויסנאַם. דאָס וואָס זי איז ביי ייִדן באַשאַנ־קען מיט רחמנות און גמילות חסד שטימט מיט דעם מאמר, וואָס איז פאַראַן אויך אין דער גמרא (המרחם על הבריות בידוע שהוא מזרעו של אברהם אבינו; ביצה, ל"ב, עמוד ב'). עס פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אַ פאַרדראָס

וואָס דער רב באַשענקט, אַזוי צו זאָגן, אַלע יידן מיט די מידות פון רחמנות און גמילות חסד און ער גלייבט, אַז ביי די אומות העולם זענען די מידות ווייט נישט קיין אַלגעמיינע דערשיינונג. איך מיין אָבער, אַז נישט ער איז שולדיק וואָס ער האָט נישט געזען די מידות ביי אַנדערע פעלקער. מיר, אין אונדזער דור, וועלן מסתמא אויך נישט וועלן גלייבן, אַז די וועלט איז באַשאָנקען מיט אַזאַ מידה ווי רחמנות. קיין אַלגעמיינע מידה איז דאָס נישט. צו פיל באַווייזן האָבן מיר געהאַט נישט צו גלייבן אין דער אַלגעמיינקייט פון רחמנות. דער רב זאָגט, אַז אַ חיה רעה פאַלט נישט אָן אויף אַ מענטשן סיידן ער דוכט זיך איר אויס ווי אַ בהמה (פ' כ"ד). און ווי זענען מענטשן וואָס בויען פאַבריקן צו מאַכן זייף פון מענטשן? זענען זיי נישט ערגער פון חיות רעות? קיין מידה פון רחמנות קען שוין ביי זיי נישט געמאָלט זיין.

אַ חוץ אָט דער נידעריקער נשמה זענען יידן באַשאָנקען נאָך מיט אַ צווייטער, אַ העכערער נשמה וואָס זי איז אַ חלק אלוה ממעל. אָט די „נפש אלוהית" שטאַמט דירעקט פון דער געטלעכער חכמה, וואָס זי איז נישט קיין פונקציע פון גאָט, נאָר „ער און זיין חכמה זענען איינס" (פרק ב'), דערביי פאַררופט זיך דער רב אויפן רמב"ם, וואָס שרייבט אַז „ער איז דער ווייסער און דאָס וויסן". „און דאָס — גיט צו דער רב — קען אַ מענטש לגמרי נישט פאַרשטיין". בכן, פאַרמאָגט אַ יידישע נשמה עפּעס פון געטלעכקייט.

זאָל אונדז נישט אויסקומען נאַיוו די טאָפּלקייט פון דער נשמה. האָט דאָך ביז גאָר נישט לאַנג די פּסיכאָלאָגיע בכלל אויך באַהאַנדלט באַזונדער דריי געביטן פון דער פּסיכיק־דערקענטעניש, געפילן און ווילן. ווען מיר בייטן די טערמינאָלאָגיע און מיר זאָגן, אַז אין מענטשנס גייסט זענען פאַראַן צוויי מדרגות — אַ נידעריקע, וואָס אַלע פאַרמאָגן און אַ העכערע, וואָס מען מוז צו ערשט אַנטוויקלען, — וואָלט עס שוין געווען מאָדערן און אָננעמלעך פאַר אַלעמען. אמת, דער רמב"ם האָט שוין אין סאַמע אָנהייב פון זיינע „שמונה פרקים" געזאָגט קלאָר און פשוט: „דע שנפש האדם אחת", אָבער ער גיט תיכף צו, אַז „זי האָט אַ סך פאַרשיידענע פונקציעס, און אַנדערע רופן די פאַרשיידענע פונקציעס — נשמות". ער רעכנט אויס גאַנצע פינף: די וועגעטאַטיווע, די שפּירנדיקע (חיהשע), די קאָמבינירנדיקע (פאַנטאַזיע), די עמאָציאָנעלע (געפילן) און די שכלדיקע. דער ת נ י א האָט אָבער אין זינען אַנדערע מדרגות. אָט די „יידישע" נשמה איז געטלעך הגם אויך זי האָט אַ סך מדרגות — פון דער נשמה פון עם־הארץ ביז דער נשמה פון דעם תלמיד־חכם און צדיק, וואָס זיי קענען אויך זיין העכער און העכער. דערפאַר דאַרף זיך אַן עם־הארץ האַלטן נאָענט צום תלמיד־חכם. דורך דעם ווערט ער אויך נאָענט צו דער שכינה, כביכול. דערהייבן די נשמה קען מען דורך תורה און מצוות און דורך זיי דערנענטערט מען זיך צו דעם אין סוף ברוך הוא.

די געטלעכע נשמה צעטיילט זיך אויף צוויי — שׂכל און מידות (חכמה און אויפפיר). דער שׂכל באַשטייט פון חכמה, בינה און דעת. פון די ראשי־תיבות פון די דריי ווערטער קומט דער נאָמען פון דער גאַנצער סיסטעם — חב״ד. און זיי — חכמה, בינה, דעת — זענען דער מקור פון די מידות — ליבע צו גאָט, מורא פאַר אים, געטרייקייט וכדומה. דער ת נ י א דערקלערט דעם אונטערשייד צווישן חכמה און בינה. חכמה איז העכער פון בינה. בקיצור, דאַכט זיך, וואָלט מען געקענט דערקלערן, אַז מיט דעם וואָרט ב י נ ה מיינט דער רב דאָס באַגרייפן אַ זאַך, אַן עניך, באַנעמען, משׂיג זיין, בעת מיט דעם וואָרט ח כ מ ה וויל ער באַצייכענען דאָס קענען שאַפן אַ אידייע פון באַגריפן. ד ע ת פאַרטייטשט דער רב איז באַהעפטונג (ת נ י א, פרק ג׳ און פרק י״ח). דער היסטאָריקער מרדכי טייטלבוים (ה ר ב מ ל אַ ד י ו מ פ־ל ג ת ח ב ״ ד) דערקלערט דעם אונטערשייד עטוואָס אַנדערש: „חכמה מיינט אַזוי ווי אַ בליץ וואָס בליצט אויף אין מוח און איז נאָך נישט געקומען צו דער מדרגה פון לענג און ברייט פון השגה, פון באַגריפן... שפּעטער, ווען דער פונקט ציט זיך אויס אין דער לענג און אין דער ברייט, ווערט דאָס אַ באַגריף און דעמאָלט רופט זיך עס ב י נ ה. ווער עס איז גערעכט — זאָלן פּסקענען גרעסערע מקובלים. סוף־כל־סוף איז דער אונטערשייד נישט קיין גרויסער. פון די דריי אייגנשאַפטן — חכמה, בינה, דעת — קומט דער מענטש צו די מידות, ליבע און געטרייקייט צו גאָט, ליבע און מורא.

די געטלעכע נשמה האָט דריי לבושים — מחשבה, דיבור און מעשה — געדאַנק, וואָרט און טואונג. טואונג מיינט מקיים זיין די תרי״ג מצוות. דורך די רמ״ח מצוות עשׂה (אַקטיווע מצוות, וואָס מען דאַרף יאָ טון) באַהעפט זיך דער מענטש צו גאָט ברוך הוא, ווייל לויט דער קבלה זענען זיי ווי די „גלי־דער פון מלך כביכול" (די קבלה האָט אָפט גאָר שטאַרק גשמיותדיקע באַגרי־פן!) און דאָס מיינט „אהבה" — ליבע צו גאָט. און די שס״ה (365) מיצוות ל'א תעשׂה (נעגאַטיווע מצוות וואָס מען זאָל נישט טון) זענען די יראת ה׳ — די מורא נישט, חלילה, מורד צו זיין אין גאָט.

מיט דעם „דיבור", מיינט מען דאָס לערנען תורה, און מחשבה נעמט אַריין דאָס באַגרייפן דעם „פּרד״ס" (געטלעכקייט). דורך די דריי מיטלען דערנענטערט זיך אַ מענטש דירעקט טאַקע צום אין סוף. הגם עס איז דאָך לית מחשבה תפיסא ביה. אָבער דאָך זענען די תורה און מצוות גאָטס ווילן און זיין חכמה, און כדי זיך צו דערנענטערן צו דעם פּשוטן בשׂר ודם, האָט זיך די תורה אַראָפּגעלאָזט פון אירע געטלעכע הייכן, זי האָט זיך אָנגעקליידט אין גשמיות, אין לעבעדיקע פּראָבלעמען פון דינים און הלכות, אין גשמיותדיקע אותיות פון טינט און פּאַפּיר, און דאָס קען דאָך שוין אַ מענטש יאָ באַגרייפן. און דערפאַר איז „קודשא בריך הוא ואוריתא" — גאָט און די תורה איינס.

דאָ ווונדערט מיך עפּעס; די אָריגינעלע פאָרמול איז, דאַכט זיך, „קודשא בריך הוא, אוריתא וישראל חד הוא". דער רב חזרט איבער די פראַזע אַ סך מאָל. אָבער אַלע מאָל נעמט ער די צוויי קאָמפּאָנענטן — גאָט און די תורה. פאַר וואָס שליסט ער אויס ישראל פון דעם דרייבונד? דורך מחשבה, דיבור און מעשה ווערט דאָך דער ייִד יאָ באַהעפט. ווייס איך נישט.

דאָס לערנען איז פאַרן רב נישט סתם דערוויסן זיך אַ הלכה, אַ דין. עס איז מער פון דעם. אין די דינים און הלכות אַנטפּלעקט זיך דאָך דער רצון און די חכמה פון דעם געבענטשטן אין סוף, וואָס קיין געדאַנק קען אים נישט באַגרייפן, אויך נישט זיין רצון און חכמה, סיידן זיי ווערן פאַרקערפּערט אין אָט די הלכות, וואָס דעם מענטשנס שכל קען שוין יאָ באַנעמען, און די נשמה פון דעם לערנער ווערט אַזוי אַרום באַהעפט דורך דער הלכה דירעקט מיט גאָט ברוך הוא. אַזוי באַקומט זיך אַ ווונדערלעכער יִחוד (צוזאַמענקייט) צווישן מענטש און געטלעכן אין סוף (פּרק ה'). עטוואָס ענלעך צו דעם דער־ציילט יוחנן מלמד ביי פּרצן: „מיש איך אויף די גמרא, פיל איך אַז דער הימל האָט זיך פאַר מיר געעפנט... פון ד ע ר װעלט פלי איך אַרויס... איך זאַפּ דאָך איין די ניצוצין... איך פיל דאָך אַז איך ווער אין גאַנצן דורכגעצויגן מיט ליכט". דאָס איז די אמת הויכע מדרגה פון לערנען בכלל. עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין שום לערנען לשם קאַריערע קען קיין מאָל נישט דערגרייכן צו אַזאַ מין מדרגה. דער רב האָט זיכער נישט געוווּסט בשעתו פון אַזאַ מין לערנען, נישט געקענט זיך גאָר פאָרשטעלן אַזאַ ירידה...

אָבער פּונקט ווי די געטלעכע נשמה באַשטייט פון די צען ספירות, און זי פאַרקערפּערט זיך אין די דריי הייליקע לבושים, אַזוי איז די בהמישע נשמה אַ פּראָדוקט פון דער „סיטרא־אחרא" (די אַנדערע זייט, די קעגנזייט פון קדו־שה, פון דער „סיטרא דקדושה"). און זי אַנטפּלעקט זיך אין קליינינקייטן, אין נאַרישקייטן, און זי קען זיין אַזוי געפאַלן, און די געטלעכע נשמה קען זיין ביי איר „אין גלות". און די וועלט איז פול מיט דער דאָזיקער סיטרא־אחרא, און דערפאַר געוועלטיקן אין איר די רשעים און קיין גוטס פאַרמאָגט זי גאָר־נישט... (פּרק ו').

אָבער ביי אַ ייִדן, וואָס איז אָפּגעהיט אין מצוות און היט זיך אויס פון עבירות, איז אויך די בהמישע (נפש החיונית — ביאָלאָגישע) נשמה העכער און זי קען דערהייבן זיך ביז צו קדושה. למשל, דער וואָס עסט גוט און טרינקט גוט נישט סתם פאַר פאַרגעניגן וועגן נאָר צוליב עונג שבת, לאָמיר זאָגן, וכדומה.

***

אין דער פאָרעם, ווי מיר האָבן דאָ געבראַכט דעם ענין פון סיטרא־

אחרא, לויט דעם ת נ י א, קען עס אויסקומען שווער פאַר אַ הייִנטיקן מענ־
טשן אויפצונעמען. אָבער עס דאַרף אויך אונדז הייִנט נישט זײַן פרעמד. מיר
ווייסן: די נאַטור האָט אירע נאָרמעס. יעדע באַשעפעניש האָט אירע נאָרמעס
און לויט זיי לעבט זי. נישט העכער, נישט נידעריקער, נישט בעסער, נישט
ערגער. דער אײנציקער איז דער מענטש, וואָס איז בכוח די נאָרמעס איבער־
צואַנדערשן. איז דאָ דער נאַטירלעכער הונגער, ער טרײַבט אַלע באַשעפענישן
צו אַקטיוויטעט. פאַר אַלע באַשעפענישן איז עס באַשטימט, נישט צו בייטן,
דער מענטשן קען דעם אינסטינקט פון הונגער בייטן און דערהייבן ביז צו
קאָנקורירן מיט די מעשי בראשית. אָבער דער זעלביקער נאָרמירטער הונגער־
אינסטינקט קען ברענגען מענטשן צו רציחה, גזלה און צו די ערגסטע, שרעק־
לעכסטע האַנדלונגען. סעקס — ביי אַלע באַשעפענישן איז עס נאָרמירט. ביי
מענטשן קען עס זיך דערהייבן צו שיר השירים וואָס איז, לויט רבי עקיבא,
קודש קדשים און ער קען אויך אַראָפּפאַלן ביז שאול תחתיה. „מיט די איי־
גענע קולות קען מען אַרויף צו דער העכסטער מדרגה פון התלהבות און דבקות.
און מען קען אַראָפּ ביזן שאול תחתיה און וואַלגערן זיך דאָרט ווי אַ וואָרעם
אין בלאָטע (פרק „אַ גילגול פון אַ ניגון”). זעצן מיר עס איבער אויף דעם
לשון פון קבלה, האָבן מיר די סיטרא דקדושא און סיטרא־אחרא. אַ בריוול
— ווי מען לייענט עס, און תורה — ווי מען פאַרשטייט זי.

איך קען אָבער נישט אָננעמען אַ צווייטע אידייע פון רב, אַז די חב״ד
(חכמה, בינה, דעת) זענען די „אמות למידות”. אויף אונדזער הייִנטיקן לשון
וואָלט עס געדאַרפט הייסן, אַז דאָס אויפפירן זיך פון אַ מענטשן שטאַמט פון
זײַן באַוווסטזיין. דאָס האָט גאַנץ גוט געשטימט מיט דער פסיכאָלאָגיע פון
רבס צייט. אויף דעם האָט הערבאַרט געבויט זײַן גאַנצע פּעדאַגאָגיק, וואָס
האָט געהערשט אין דער וועלט איבער הונדערט יאָר. איצט ווייס יעדער בר
בי רב, אַז דאָס באַוווסטזיין, דער ראַציאָ, דער שכל איז נישט קיין אב פון
אויפפיר, נאָר, פאַרקערט, ער איז דער נעבעכדיקער שמש, וואָס גייט הינטער
דעם גבאי און זאָגט אָמן אויף אַלץ וואָס יענער זאָגט אים... דער רב האָט
קיין שפּראַכן נישט געקענט און פונקט ווי ער האָט זיכער נישט געוווסט פון
קאַנטס „דינגע אַן זיך”, אַזוי האָט ער זיכער אויך נישט געוווסט פון דער
ראַציאָ־פּסיכאָלאָגיע, וואָס עס האָט אויפגעשטעלט קאַנטס יורש אין קעניגס־
בערגער אוניווערסיטעט, הערבאַרט. נאָר אַזוי איז שוין דער וועג פון ייִדישע
גאונים: זיי דערגייען פון זיך אַליין צו אידייען, וואָס אַנדערע פאַרקלינגען
מיט זיי די וועלט.

צווישן די צוויי אָנגערופענע זייטן — דער סיטרא דקדושה און דער
סיטרא אחרא, קומט פאַר אַ כסדרדיקער קאַמף, אַ מחלוקת פאַר דעם מענטשן,
ווי, למשל, אַ שטאָט וואָס צוויי חיילות קריגן זיך פאַר איר. דערביי זענען

אויך פאַראַן מדרגות: איין מענטש געפינט זיך אין גאַנצן אין רשות פון דער סיטרא־אחרא און קיין מאָל קומט נישט אין זיין געדאַנק צו טון תשובה — דאָס איז אַ „רשע ורע לו״. און פון דער נידעריקסטער מדרגה קען אַ מענטש אַרויפגיין ביז דער העכסטער מדרגה, ווען די סיטרא־אחרא האָט גאָר אויף אים נישט קיין שליטה און דאָס איז די מדרגה פון „צדיק וטוב לו״. אָבער דער בינוני — דער מיטלמעסיקער מענטש, וואָס דאָס שלעכטס, דער רע, די סיטרא־אחרא קומט אים אָנרעדן צו טון בייז — דאָס איז דער „צדיק ורע לו״, אים ווידמעט דער רב דעם גאַנצן ספר, דערפאַר רופט ער אים טאַקע ספר הבינונים. דער בינוני טוט טאַקע נישט קיין עבירות, אָבער אַ קאַמף האָט ער. ער זינדיקט נישט, ווייל „דער מוח הערשט איבער דאָס האַרץ״ און „איטלעכער מענטש קען מיט דעם כוח פון זיין ווילן וואָס געפינט זיך אין מוח גובר זיין די תאוות וואָס אין האַרצן״ (פרק י״ב). „גאָט האָט געגעבן דעם מוח אַ שליטה איבער דאָס האַרץ און די געטלעכע נשמה באַהערשט די קליינע שטאָט (דעם מענטשן) און אַלע גלידער פון גוף אַז זיי זאָלן פאַרקערפּערן די דריי לבושים — מחשבה, דיבור און מעשה — אין די תרי״ג מצוות״ (י״ג)...

ידיעה און בחירה

אין די צוויי געבראַכטע זאַצן רירט אָן דער בעל התניא אָן אַלטע און אָן אייביקע פּראָבלעם, וואָס מאַטערט פילאָסאָפן, פּסיכאָלאָגן, קרימינאָלאָגן און רעליגיעזע דענקער פון אַלע דורות. די פראַגע באַשטייט אין דעם: זענען די האַנדלונגען פון מענטשן פאָרויס באַשטימט, גאָט ווייס פאָרויס ווי דער מענטש וועט האַנדלען מאָרגן (אויפן לשון פון רעליגיעס), די האַנדלונגען פון מענטשן זענען דעטערמינירט, זיין פּסיכיק איז אַזוי באַשאַפן, אַז ער קען גאָר אַנדערש נישט האַנדלען (אויפן לשון פון פּסיכאָלאָגן); אָדער פאַרקערט, דער ווילן פון מענטשן איז פריי און ער האָט תמיד „בחירה חפשית״, אַ פרייען אויסוואַל. און די פראַגע איז זייער וויכטיק, וואָרעם אויב דער מענטש האַנדלט אַזוי ווי ער איז געצוווּנגען דורך גאָט, דורך זיין נאַטור, דורך זיין כאַראַקטער, פאַר וואָס זשע שטראָפט מען אים פאַר עברות? ער איז דאָך נישט שולדיק אין זיינע שלעכטע מעשים!

פאַר די נביאים איז די פראַגע בכלל נישט געשטאַנען. פאַר זיי איז יעדע שטראָף, יעדע צרה געווען נאָר אַ רעזולטאַט פון שלעכטס. איש בחטאו ימות. דער חטא ציט נאָך זיך די שטראָף ווי אַ רעזולטאַט. דאָס איז וואָס רוסאָ האָט מיר טויזנטער יאָרן שפּעטער אָנגערופן „נאַטירלעכע שטראָף״, די שטראָף איז נישט מער ווי אַ פּועל־יוצא פון די זינד. עס איז כלל נישט שייך צו זאָגן, אַז גאָט שטראָפט, די זינד אַליין שטראָפן, ברענגען די שטראָף. שכר מצווה

— מצווה ושכר עבֵרה — עבֵרה. און אַ חוץ דעם האָבן די ערשטע נביאים ביז ירמיהו כמעט נישט געגומען אין אַכט דעם יחיד, זיין גוטס אָדער שלעכטס. דאָס גוטס און דאָס שלעכטס ווערט באַקומען דער כלל, דער קאָלעקטיוו, דאָס גאַנצע פאָלק. ערשטע ירמיהו האָט געשטעלט דער ערשטער די פראַגע: „מדוע דרך רשעים צלחה?" און ער פירט אַריבער די פּראָבלעם פון זינד און שטראָף פון דעם כלל אויף דעם יחיד.

די גמרא זאָגט עס קורץ און שאַרף ווענן פרייען ווילן: „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" (ברכות ל"ג), אַלץ הענגט טאַקע אָפּ פון גאָטס ווילן אָבער זיין אַ צדיק אָדער אַ רשע — דאָס איז שוין אָפּהענגיק פון מענטשן אַליין. אין פּ ר ק י אָ ב ו ת זאָגט זיך „הכל צפוי והרשות נתונה" — אַלץ איז טאַקע פאָרויסגעזען, אָבער צו זיין גוט אָדער זינדיק — דאָס איז דיין רשות. און ווייטער זאָגט זיך ווי אין אַ משל „הפנקס פתוח והיד כותבת" — די קראָם איז אָפן, קענסט באַרגן, אָבער אַלץ ווערט פאַרשריבן אויף דיין חשבון. איז דאָך אָבער אַ קשיא — ווי איז עס מעגלעך גאָט זאָל נישט וויסן? איז דער תירוץ — וויסן ווייס ער טאַקע, אָבער דער מענטש קען זיך אויסקלייבן זיין וועג און ווערט שפּעטער דערפאַר צאָלן.

רבי יהודה הלוי דערקלערט אין כ ו ז ר י, אַז עס זענען פאַראַן פיר־ערליי מעשים — געטלעכע, נאַטירלעכע, צופעליקע און ווילִיקע — פון מענטש. און הגם אויך די לעצטע (די ווילִיקע) האַנדלונגען שטאַמען סוף־כל־סוף אָפּ פון דער סיבה ראשונה, דאָך איז דער מענטש נישט געצוווּנגען אַזוי צו טאָן, נאָר זיין ווילן ברענגט אים צו דעם. דאָס וואָס גאָט ווייס יאָ פון די האַנדלונגען איז נישט קיין סיבה אַז זיי מוזן אַזוי געשען (כ ו ז ר י, פּרק ה׳, כ׳). שטרענגער און דעצידירטער זאָגט זיך אַרויס דער רמב"ם קעגן דער באַשטימטקייט פון מענטשנס האַנדלונגען, קעגן דעטערמיניזם. ער שרייבט וועגן דעם אין מ ו ר ה נ ב ו כ י ם, אין די ה ל כ ו ת ת ש ו ב ה פ"ה און ווייטער, און נאָך ברייטער, אין דעם לעצטן פון זיינע ש מ ו נ ה פּ ר ק י ם. ער זאָגט דאַרטן פשוט, אַז די דעטערמיניסטן זענען שוטים פון די אומות העולם און די גולמים פון ישראל. אין דער זעלביקער צייט אָבער זאָגט דער זעלביקער רמב"ם, אַז דער וואָס זאָגט, אַז גאָט ווייס נישט די האַנד־לונגען פון אַ מענטשן, — דער איז אַן אפּיקורס און ער האָט נישט קיין עולם־הבא (ה ל כ ו ת ת ש ו ב ה ג׳).

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער רב קען נישט פאַרבייגיין די פּראָבלעם. ער קען דאָ אויך נישט אַרויס פון דעם שווערן קרייז: פון איין זייט, קען מען זיך נישט פאָרשטעלן גאָט זאָל עפּעס נישט וויסן, חס ושלום, ער איז דאָך אַ יודע הכל און פון דער צווייטער זייט, מוז דאָך דער מענטש האָבן די בחירה, וואָרעם ווען נישט, ווי קען געמאָלט זיין שכר ועונש? חזרט ער איבער אַז „הרשות

נתונה לכל אדם למשול ברוח תאוותו שבלבו ולכבוש את יצרו״ (פ׳, י״ד). עס איז לויט אים פאַראַן אַ צימצום פון דער געטלעכער ידיעה, כדי צו געבן שכר ועונש. דערפאַר דאַרף דער בינוני זיך אָנשטרענגען מיט אַלע כוחות צו באַהערשן מיט דעם כוח פון מוח די אַלע נאַטירלעכע שטרעבונגען, וואָס זענען פאַראַן אין דער לינקער זייט האַרץ (דאָרטן איז לויט דער קבלה, די בהמישע נשמה). אין דעם זעט דער בעל התניא אייגנטלעך דעם זינען פון דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף, באַקעמפן די סיטרא־אחרא און דערהייבן דעם מענטשן ביז צו געטלעכקייט. און דאָס דאַרף קומען דורך דעם עם ישראל. דאָ קומט ער צו דעם אַלטן אידעאַל פון די נביאים און ער ציטירט טאַקע „והלכו גוים לאורך״ און „בית יעקב לכו ונלכה״. „דאָס איז דער תכלית פון אַלע וועלטן, כדי עס זאָל ווערן כבוד ה׳ מלא כל הארץ, און איבערמאַכן חושך צו ליכט און ביטערקייט צו זיסקייט, און דערפאַר דאַרף אַ ייִד טון מצוות מיט כוונה און מיט אַלע גלידער. ווייל די גלידער געהערן דאָך אייגנטלעך צו דער בהמי־שער נשמה און דורך דעם ציט מען אַריין די נידעריקע נשמה אין דער קדושה פון דער תורה און תפילה (פ׳, ל״ז).

***

די גאַנצע תורה פון בעל התניא איז אַן אָפּטימיסטישע. אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן לשם דעם מענטשן און זיין דערהייבונג, אַז די דאָזיקן דערהייבונג קען דורך ישראל דערגרייכט ווערן דורך מחשבה, דיבור און מעשה אין די תרי״ג מצוות און די וויכטיקסטע פון זיי איז לערנען תורה. איז דאָך נישטאָ וואָס צו טרויערן. איז די עצבות טאַקע אַן עבירה. דער רב חזרט אַ סך מאָל איבער, אַז תלמוד תורה איז כנגד כולם, איבער אַלע מצוות. דאָ, קען זיין, אַנטפּלעקט זיך אין אים דער ליטווישער גאון. דאָ איז פאַרט די תורה געשטאַנען אויבן אָן. נישט געקוקט וואָס בכלל גענומען איז די חסי־דישע באַוועגונג געווען געווענדעט מיטן פנים צו דעם עם־הארץ, צו דעם פּראָסטן אומגעלערנטן ייִדן, ווי דאָס ברענגט אַרויס פּרץ אין „צווישן צוויי בערג״. נישט אומזיסט שטרייכט דאָך צינבערג אונטער, אַז די חסידישע באַ־וועגונג און דער קאַמף קעגן איר מצד די מתנגדים האָט געהאַט אַ וויכטיקן סאָציאַלן באַזיס, ווי אַ קאַמף קעגן דער ממשלה פון דער וועלט־ און תורה־אַריסטאָקראַטיע. חסידיזם איז אין תוך דאָך אַ פאָלקיסטישע באַוועגונג פאַר דער רעהאַביליטאַציע פון די פשוטע פאָלקסמאַסן, אַ קאַמף אַ דעמאָקראַטי־שער. און דאָך שטרייכט ר׳ שניאור־זלמן אונטער כסדר די וויכטיקייט פון לערנען. פאַרשטייט זיך, אַז לערנען אַליין איז נישט גענוג. דורך אַלע מצוות, וואָס זענען דער לבוש פון דער געטלעכער, העכערער נשמה און פון דער צווייטער זייט זענען זיי „די גלידער פון דעם מלך״ — זיין רצון און ווילן,

ווערט אַ יִיחוד, פאַראייניקונג צווישן מענטשן און גאָט ברוך הוא (כ׳, ג׳); ווערט דורך דעם מקוים דער מאמר פון זוהר, אַז קודשא בריך הוא ואוריתא וישראל חד הוא. הגם דער בעל התניא ברענגט כסדר דעם מאמר, אָבער קיין מאָל נישט מיטן דריטן שותף, מיט ישראל, נאָר קודשא בריך הוא און אוריתא.

און ווייל דער מענטש בכלל איז אַזוי אַרום אַ לבוש פון גאָט און ער טראָגט אין זיך ניצוצין פון געטלעכקייט, וואָס זענען פאַראַן אַפילו אין די „קליפות״, דערפאַר דאַרף זיין אהבת הבריות. מען דאַרף זיך באַמִיען אַרויסצוצִיען די געטלעכע ניצוצין אַפילו פון דער קליפה. מען דאַרף ליב האָבן אויך די זינדיקע.

דער בעל התניא האָט אויך נישט געהאַלטן פון צדיקיזם, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק צעשפּרייט אין פּוילן און אין אוקראַיִנע. הגם ער שרייבט אַליין אַז „אין יעדער דור קומען ניצוצין פון משה רבינוס נשמה און זיי באַהעפטן זיך אין גוף און אין נשמה פון די חכמי הדור״, און הגם עס איז דאָך שוין געווען באַקאַנט דער זאָג „צדיק גוזר והקב״ה מקיים״, דאָך האָט ער געשריבן, אַז בעסער איז יעדער ייִד זאָל זיך ווענדן אַליין דירעקט צום רבש״ע.

שכינה

אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון תלמוד אָן און ווייטער קומט דאָס וואָרט שכינה, ווי אַ וואָרט וואָס דאַרף פאַרבייטן גאָטס נאָמען, וואָס מען טאָר נישט אַרויסרעדן. אייגנטלעך, אין גאָטס אמתער נאָמען אין זיין ריכטיקער אויסשפּראַך אונדז נישט באַקאַנט. דאָס פלעגט בלויז דער כוהן־גדול אין יום־כּיפּור אַרויסזאָגן גאָטס ריכטיקן נאָמען אין קודש קדשים. איין מאָל האָט גאָט אָנגעזאָגט אין די עשרת הדברות נישט אָנצורופן גאָטס נאָמען אומזיסט, היטן דאָס אָפּ ייִדן. אַפילו ווען מען לייענט אין דער תורה, ווו עס איז געשריבן דער נאָמען מיט די פיר אותיות, ווערט גאָר געלייענט אדוני, פון וואָרט אדון, האַר; ווען מען באַצייכנט צאָלן מיט אותיות פון העברעִישן א״ב ו׳ שרייבט מען ט״ז, ווייל די דאָזיקע אותיות וואָס מען מיידט אויס גייען מיידט מען אויס די אותיות י׳ און ה׳ און מען שרייבט ט״ו, אָנשטאָט י׳ און אַריין אין גאָטס פיר־אותיותדיקן נאָמען. אַלע נעמען פון גאָט, וואָס מען באַנוצט אין העברעִיש: אלוהים, אל, שדי, מלך מלכי המלכים, השם, מלך עליון, אָבינו שבשמים, זענען אַלע פסעוודאָנימען, וואָס מען נוצט כדי אויסצומיידן דעם ריכטיקן נאָמען, אָבער אויך אין זיי ווילן די פרומע פאַרבייטן דעם ה׳ אויף אַ קוף. אינטערעסאַנט זענען די ייִדישע פסעוודאָנימען — אדושם (השם) גאָט ברוך הוא, דער אייבערשטער, טאַטע האַרציקער, דער טאַטע אין

הימל, דער אייביקער, די הענט נישט געוואַשן וכדומה. אין תלמוד זענען צו־געקומען די נעמען — המקום, רבון העולם, רבונו־של־עולם, הקדוש־ברוך־הוא. שפּעטער אויך אין סוף און קודשא בריך הוא.

צווישן די אַלע נעמען פיגורירט אויך דאָס וואָרט ש כ י נ ה (אַראַמיש — שכינתא). פון וואָרט שכן — רוען, מסתמא אין פאַרבינדונג מיט דעם אויסדרוק „ושכנתי בתוכם". אָבער דער באַגריף שכינה איז נישט געגוי אי־דענטיש מיט דעם באַגריף פון גאָט. בנוגע צו גאָט טאָר מען נישט זאָגן, אַז ער איז גלות, אָבער די שכינה איז אין גלות. יידן קלאָגן אויף גלות־השכינה מער ווי אויף גלות העם (שכינתא בגלותא — איז דער אַראַמישער עקוויוואַ־לענטער אויסדרוק), די שכינה גייט מיט מיט יידן אין אַלע גלותן (אין תלמוד, מ ג י ל ה כ"ט), אויף אַ מנין יידן רוט די שכינה... אָבער די שכינה קען זיך אויך מסתלק זיין, אָפּטון, אַוועקגיין. בנוגע צו גאָט אָבער טאָר מען דאָס גאָר נישט זאָגן, עס איז דאָך מלא כל הארץ כבודו. טאָ וואָס מיינט דאָס וואָרט ש כ י נ ה עקזאַקט? — די ווערטער־ביכער (מ. יאַסטראָוו, ד"ר קויפמאַן) פאַרטייטשן די אָנוועזנהייט פון גאָט. אַזוי דערקלערט אויך פּראָפ' אברהם יהושע העשל אין זיין לעצטן ענגלישן בוך. שכינה — רוען. קומט אויס, אַז דער יידישער אויסדרוק „די שכינה רוט אויף אים" איז אַ מין איבערחזרונג.

ווען מיר זען ווי באַנוצט דער „אַלטער רבי", דער רב ר' שניאור־זלמן דעם אויסדרוק שכינה: ער פאַרגלייכט אין ת נ י א דעם מענטשנס גוף צו אַ קנויט, די נשמה איז דער אייל, וואָס מאַכט דעם קנויט ברענען. די שכינה איז דאָס ליכט, דער פלאַם וואָס לייכט אין ליכט (פּ' ל"ה). בכן איז שוין דער גאַנצער ענין נענטער צום מענטשן, זיין שטרעבונג צו העכערס ווי דער פלאַם ציט זיך אַרויף. „און אַט דאָס ציען זיך, דאָס באַלייכטן, וואָס דער מענטש באַלייכט מיט דער שיין פון «געבענטשטער אומענדלעכקייט» (אין סוף ברוך הוא) זיין נשמה און די נשמות פון אַלע יידן — דאָס איז די שכינה, כנסת ישראל" (פּ', ל"ז). בכן קומט אויס, אַז מיט דעם אויסדרוק שכינה מיינט מען די אַקטיווע געטלעכקייט, וואָס אַ ייד שאַפט דורך זיין לערנען און מצוות, דורך זיין פירונג. בערך דאָס זעלביקע חזרט דער רב איבער אויך אין אַ ווייַ־טערדיקן פּרק (א"מ). ער גופא שטעלט די פראַגע, וואָס מיר האָבן געבראַכט אויבן: ווי קען זיין גלות השכינה, אַז מלא כל הארץ כבודו און לית אתר פנוי מניה. און ער ענטפערט: אַזוי ווי די נשמה פילט אָן דעם גאַנצן גוף, אַזוי איז אויך די גאַנצע וועלט פול מיט דער שכינה. אָבער די נשמה איז דאָך איבערהויפּט אין מוח, אַזוי איז אויך מיט דער שכינה און דורך מצוות קען מען זי שטאַרקער מאַכן.

בכן, קענען מיר אויפנעמען דעם באַגריף שכינה, ווי דעם געטלעכן גייסט, וואָס הערשט דאָרט וווּ יידן היטן יידישקייט, יידישע תורה און מצוות. מיר

קענען אויך די פאָרמול לייענען פאַרקערט און אויסטייטשן שכינה ווי דעם ייִדישן גייסט, וואָס ייִדן היטן ווען זיי זענען אַ כּנסת־ישׂראל, אָדער ווען זיי זענען אַ מנין אָדער אַפילו ווען עס איז איין ייִד, היושב ועוסק בתורה. אַזוי אַרום באַקומען מיר אַ רעליגיעזע פאָרמול פאַר אַ גאַנץ וועלטלעכן געדאַנק. די שכינה איז נישט קיין אָפּגלאַנץ פון געטלעכן אין סוף סתם, וואָס ייִדן געניסן יאָ אָדער געניסן נישט, ווען זיי זענען אַליין אַפילו גאָר פּאַסיוו. ניין, דאָס איז די שיין און דאָס ליכט פון אַקטיווער ייִדישקייט.

***

און צום סוף אַ פּאָר ווערטער שלא מענינא:

די ספרדישע „גאָלדענע תקופה" האָט געשאַפן אין צוויי שפּראַכן: פּאָעזיע און תורה־פּירושים אין העברעיִש, פילאָסאָפיע האָט מען געשאַפן אין אַראַביש. ר' יהודה הלוי האָט זיין פּאָעזיע געשאַפן אין אַ פּראַכטיקן העברעיִש, זיין כוזרי האָט ער געשריבן אין אַראַביש. און זיין העברעיִשע איבערזעצונג איז זייער אַ שווער לשון. דער רמב"ם האָט זיין משנה תורה און זיין פּירוש אויף דער משנה, געשריבן אַליין אין אַ באמת קלאַסישן העברעיִש. דעם מורה נבוכים — אין אַראַביש, און מיר האָבן אים אין אַ שווערער איבערזעצונג. ר' שלמה אבן גבירול האָט זיין מקור חיים געשריבן אין אַראַביש, און איז פאַר ייִדן געגאַנגען פאַרלאָרן. מען האָט אַפילו נישט געוווסט, אַז דאָס לאַטיינישע „פאָנס וויטע", וואָס די קאַטוילישע געלערנטע נוצן אַזוי שטאַרק, געהערט גאָר צו אונדז.

די קבלה, וואָס איז כּמעט גאָר פון איר אָנהייב אָן (פון אר"י) אַריבער צו די אַשכּנזים, האָט אויך גענוצט צוויי שפּראַכן — העברעיִש און אַראַמיש. זי האָט זיך געהאַלטן וויַיט פון דער נישט־ייִדישער פילאָסאָפיע. דער זוהר איז אַראַמיש, אַ סך זמירות זענען אַראַמיש. און... וואָס האָט געפּסקנט די געשיכטע? איך מיין נישט וואָס עס שרייבט דער אָדער יענער געשיכטע־שרייבער. איך מיין — וואָס איז שפּעטער געוואָרן אין ייִדישן לעבן מיט דער ירושה פון די צוויי ריכטונגען?

די ספרדישע גאָלדענע תקופה איז אונטערגעגאַנגען, זי איז געווען דער שטאַרקער אויפפלאַם פון אַ ליכט פאַרן אויסגיין. בלויז די אַשכּנזים האָבן שפּעטער געפונען דאָס גאָלד, וואָס די ספרדים האָבן פאַרלאָרן, ווי עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען די אַלעקסאַנדריער ייִדיש־גריכישע קולטור. אַזוי איז פאַר אונדזערע אויגן אָפּגעשטאָרבן אַ רייכע ייִדיש־דייטשישע קולטור (פאַר היטלערן ימ"ש), אַזוי איז אויך אַוועק, פאַרגעסן געוואָרן אַ גאַנץ היפּשע און אַ גאַנץ רייכע ייִדיש־רוסישע קולטור...

צי דאַרף מען פון דער געשיכטע־לעקציע נישט לערנען עפּעס? צי זענען

די צוויי „פרעמדע״ שפּראַכן — אַראַביש אָדער אַראַמיש — צי זענען זיי נישט געווען קיין פאַקטאָרן (אָדער לכל הפּחות — סימנים) פון לעבן אָדער פון אונטערגאַנג? אַראַביש איז דעמאָלט געווען די שפּראַך פון דער רייכ־סטער וועלט־קולטור. אַראַמיש — אַ שפּראַך פון אַ פאָלק, וואָס איז שוין ניט געווען, אַ שפּראַך כמעט אַ טויטע, וואָס האָט זיך אויפגעהיט ביי ייִדן...

אַוודאי דאַרף מען אַ סך לערנען פון אַזוינע לעקציעס ווען ייִדן וואָלטן געווען נישט קיין עם־קשה־עורף און זיי וואָלטן זיך געוואָלט לערנען...

יידישקייט און אונדזער רעליגיע

הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו.

די יידישע טראַדיציע האָט נישט געוווּסט פון דעם וואָרט ר ע ל י ג י ע. מען האָט גענוצט דאָס וואָרט י י ד י ש ק י י ט (אָדער י ה ד ו ת אין פאַר־שיידענע דיאַלעקטן). ביי אַלע אַנדערע פעלקער זענען די צוויי באַגריפן גע־ווען באַזונדער — פאַרזיך איז געווען זייער רעליגיע און באַזונדער — זייער „ענגלישקייט", „דייטשישקייט" וכדומה. זייער שטייגער און זייער אַרט לעבן האָט געצויגן די טראַדיציעס פון צוויי באַזונדערע מקורים, צוויי שטראָמען זענען דאָס ביי זיי — דער נאַציאָנאַלער און דער רעליגיעזער, פון צוויי באַ־זונדערע קוואַלן שטאַמען זיי. אָפט זענען די מקורים ווייט פון אַנאַנדער ווי צוויי פּאָלוסן, זיי לעבן זיך ווי עס איז יאָ צונויף אָדער נישט, אָבער דאָך בלייבן דאָס צוויי באַזונדערע שטראָמען — קריסטנטום איז עפּעס גאָר אַנ־דערש ווי די נאַציאָנאַלע טראַדיציע פון אַלע קריסטלעכע פעלקער באַזונדער. עס גייט אונדז דאָ נישט אָן לגמרי ווי עס איז דער „שלום בית" צווישן די צוויי ווייטע שטראָמען, עס איז אונדז בלויז נייטיק געווען אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, אַז מיר יידן זענען אין דעם געביט לגמרי אַנדערש פון אַלע קריסטלעכע פעלקער, צווישן וועמען מיר לעבן: מיר האָבן בלויז איין מקור פון אונדזער קולטור — דאָס רעליגיעזע און דאָס נאַציאָנאַלע זענען ביידע נאָר איין שטראָם און נישט קיין צוויי באַזונדערע. און אַזוי גייט עס ביי אונדז דורך דער גאַנצער לאַנגער געשיכטע אונדזערער: דאָס נאַציאָנאַלע איז אונ־דזער רעליגיע און די רעליגיע איז אונדזער נאַציאָנאַלע, אָן אייגענע, נישט אָפּצוטיילן די צוויי געביטן. די פּרוּוון יאָ צו צעטיילן די צוויי געביטן: דאָס וועלן בלייבן יידן אָן דער רעליגיע, דאָס וועלן איינהיטן די רעליגיע אָן דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט פון אונדזער שטייגער־טראַדיציע — ביידע פאַרלאַנגען האָבן פאַרפירט ווייט פון יידישקייט בכלל. מען קען זיין לאַנגע דורות אַ דייטש, אַ קאַטויל אָדער אַ פּראָטעסטאַנט, אָבער עס איז קיינעם נישט גע־לונגען צו זיין אַ ייד פון אַן אַנדער רעליגיע, אָדער פאַרקערט — צו זיין אַ מענטש פון אַן אַנדער נאַציע און היטן די יידישע רעליגיע. עס האָט זיך עפּעס פון דעם מין געגלוסט אַ סך יידן, מען האָט געחלומט אפילו פון אַזאַ מין פאָרמול ווי „יידן פון אַלע רעליגיעס", — אָבער עס איז נאָר געווען אַן

אומגעלונגענע נאָכמאַכעריי, נישט מער. בכן, שטאַמט די גאַנצע ייִדישקייט, הן די וועלטלעכע און הן די ייִדישע רעליגיע פֿון איין פֿאָלקישן מקור.* דאָס איז זייער אַ וויכטיקער אונטערשייד צווישן אונדז און אַנדערע פֿעלקער, וואָס צווישן זיי לעבן מיר זינט זייער רעליגיע איז געבאָרן געוואָרן ערגעץ ביי אונדז. טאָרן מיר נישט מאַכן קיין שום פֿאַרגלייכן קענען מיר נישט לערנען קיין גזרה שוות צווישן זיי און אונדז.

קענען אויך אונדזערע היימישע אולטראַ־וועלטלעכע נישט מיינען, אַז מען קען זיך אָפּזאָגן פֿון אַלץ וואָס עס איז ביי ייִדן רעליגיעז פֿאַרהייליקט און בלייבן אַ ייִד מער ווי איין דור. אַן אַנטירעליגיעזער ייִד, אַפֿילו אַ רעליגיעזער ייִד, מוז זיך אָפּזאָגן פֿון גאָר אַ סך נאַציאָנאַלע, ריין־וועלטלעכע עלעמענטן פֿון ייִדישקייט. אָן די עלעמענטן ווערט זיין שטייגער לעבן אויסגעגליכן מיט דעם פֿרעמדפֿאָלקישן שטייגער; קומט אויס לעבן ווי אַ גוי און זיך האַלטן פֿאַר אַ ייִד. אַזאַ מין געשפּאָלטנקייט קען זיך האַלטן נישט מער ווי איין דור. דאָס האָבן מיר אין אונדזער געשיכטע געהאַט נישט איין מאָל. עס קען זיין ביי אונדז אַ טראַנספֿאָרמאַציע פֿון רעליגיע, עס קען זיין היינט אַ ייִדישקייט וואָס איז זייער אַנדערש פֿון דער ייִדישקייט וואָס איז געווען נעכטן, אַמאָל, מיט דורות צוריק, אָבער עס מוז זיין אַ פֿאַרזיכיקע, אַנדערש ווי די וואָס איז פֿאַראַן ביי די צווישן וועמען מיר לעבן. עס קען זיין אַ וועלטלעכע אויפֿפֿאַסונג פֿון רעליגיעזע טראַדיציעס, אָבער עס קען נישט זיין און עס טאָר נישט זיין אַ טאָטאַלע אָפּוואַרפֿונג פֿון דער טראַדיציע, הגם זי איז פֿאַרהייליקט רעליגיעז. עס קען אַ ייִד זאָגן: איך עס נישט קיין חזיר נישט דערפֿאַר וואָס איך האָב מורא פֿאַר דעם פֿייער פֿון גיהנום, נאָר איך עס נישט קיין חזיר, ווייל עס איז אַזאַ מין נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע טראַדיציע פֿון מיין פֿאָלק. און אַזוי כסדר וועגן אַלע ייִדישע שטייגער־טראַדיציעס.

אויף דער טעמע וועט נאָך אויסקומען צו פֿאַרטיפֿן זיך אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

ווי־זשע איז די באַציִונג צווישן פֿאָלק און גאָט? ביי אַלע פֿעלקער איז

* לעצטנס איז יאָ אויסגעקומען צו לייענען אין די צייטונגען וועגן איינעם אַ ייִדישן יונגן מאַן, וואָס האָט בשעתו אָפּגעגעבן די דייטשן און גערעטעוועט ייִדן איז איצט געקומען קיין ארץ־ישראל ווי אַ קאַטויליִשער גלח און וויל קריגן רעכט פֿון אַ נאַציאָנאַלן ייִדן. די אויסטערלישקייט פֿון דעם פֿאַל ווייזט ווי ווילד און פֿרעמד דאָס זעט אויס ביי ייִדן אין די אויגן. איבעריקס האָבן דאָך קיין מאָל נישט געשפּילט קיין ייִדישע מיסיאָנערן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר נאַציאָנאַלע ייִדן. אָבער זייער ייִדישקייט האָט דאָך קיין מאָל נישט געדויערט מער ווי איין דור. די קינדער פֿון אָט די „נאַציאָנאַלע" ייִדן און רעליגיעזע גויִים זענען שוין קיין ייִדן לגמרי נישט געווען. אויך נישט די קינדער פֿון דעם געשמדטן העברעיִשן פּאָעט (קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ).

דאָס נאַציאָנאַלע, די שטייגערישע אייגנטימלעכקייט געוועז פריִער פאַר דער רעליגיע, די נייע פרעמד־געבאָרענע רעליגיע האָט אַרויסגעשטויסן די אַלטע אייגענע. דעריבער איז זייער גאָט נייטראַל, צו אַלע פעלקער גלייך. איטלע־כער יחיד, ווער עס זאָל נישט זיין, קען גלייך זוכה זיין צו אַלע גליקן פון יענער וועלט. ביי יידן איז עס פאַרקערט, אַן אייביקער פאַרבאַנד, אַ ברית צווישן דעם פאָלק און זיין גאָט. אָט דער בונד איז „פאַרשניטן געוואָרן" נאָך דורך דעם ערשטן ייִדן און ער האַלט זיך (אין גלויבן!) ביז היינט. אָפט דער־גייט עס אין באַוווסטזיין ביז צו אַ מין „ראָמאַן" צווישן גאָט און דער „בתולת בת ישראל", צווישן דעם רבונו־של־עולם און דער כנסת ישראל, אַ שיר השירים־געזאַנג און אַ „זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר". דער רבונו־של־עולם, וואָס איז אַמאָל, צום אַנהייב געווען אַ שטרענ־גער „פוקד עוון אבות על בנים" איז געוואָרן אַ האַרציקער, דערבאַרעמדיקער טאַטע, וואָס גייט צוזאַמען מיט זיינע קינדער אין גלות און פונקט ווי זיי ווייִ־נען אויף גלות השכינה, קלאָגט ער אויף דעם גלות פון „זיינע" קינדער... אָט דער גלויבן רייסט זיך נישט איבער נישט געקוקט אויף די שווערע, גרויזאַמע בלוטיקע ספקות, וואָס רייסן זיך אַריין דורך דער געשיכטע. דווקא ביי די גלייביקסטע רייסן זיך אַרויס חוצפה כלפי שמיאדיקע אויסרופן ווי „כמה עזים פני רקיע... עלית וישבת במרום ואין אתה מרחם על בניך!" (תענית כ"ה א').

קענטיק אַז דאָס פאָלק נייטיקט זיך טאַקע צוליב די צרות אין דעם „ראָ־מאַן", אין דעם גלויבן פון געטרייקייט.

אויך אַנדערע פעלקער נייטיקן זיך אין אַזאַ מין נאָענטקייט מיט גאָט. אָבער היות ווי זייער גאָט איז דאָך אַ „פרעמדער", אַ נייטראַלער, האָבן זיי זיך קאָמפּענסירט מיט קלענערע פּראָטעקטאָרן, באַשיצער, מיט „הייליקע", וואָס זענען אַ מין גילגול פון די פריִערדיקע געצנדינערישע האַלבע געטער. אָט דער גלויבן אין באַזונדערע פּראָטעקטאָרן פון יעדער פאָלק האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט צו אונדז אין דער פאָרעם פון „שר של אומה". אָבער ביי אונדז איז דער גאַנצער ענין געבליבן נאָר אין דער „פעריפעריע", אַ סך ווייטער פון צענטער איידער די מלאכים בכלל, וואָס זענען אויך צו אונדז אַריינגעוואַנדערט פון דער פרעמד (פון בבל, לויט אַ גמרא). ייִדן אָבער פירן זייער „ראָמאַן" מיט דעם בורא עולם אַליין. „זה דודי, רעי, גואלי וקרובי". יום־כיפור באַרי־מען זיך ייִדן עטלעכע מאָל אַפילו, אַז „אנו רעיתך ואתה דודנו" — מיר — דיין פריינדין און דו — אונדזער געליבטער. באַקומט זיך אַ צווייזייטיקייט פון דעם גאָט־באַגריף: גאָט דער באַשעפער, דער בורא עולם און גאָט דער „טאַטע האַרציקער". האָבן מיר דעם קאָסמישן עלעמענט באַהאַנדלט פריִער. וועלן מיר דאָ איצט זיך אָפּשטעלן אויף דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט. דאָ קענען געמאָלט זיין צוויי וועגן: אָדער די רעליגיע, דער גאָט און זיין קולט האָבן

געווירקט אויף דעם לעבן פון פאָלק, צוגעגעבן אים אינהאַלט און פאָרעם, אָדער פאַרקערט, דאָס פאָלק און דאָס פאָלקישע האָט געווירקט, געשאַפן די רעליגיע. ביי אַנדערע פעלקער פון אייראָפּעיִש־אַמעריקאַנער משפחה איז געשען דאָס ערשטע — די רעליגיע האָט געווירקט, געענדערט, אַריינגעטראָגן ענדערונגען אין לעבן פון די פעלקער, די רעליגיע איז פאַרהיימישט געוואָרן, אַריינגעדרונגען אין זייער פאָלקישער קולטור. ביי יידן איז עס פאַרגעקומען פונקט פאַרקערט: פון דער פרעמד איז גאָרנישט געבראַכט געוואָרן. דאָס פאָלקישע, דאָס שטייגערישע, דאָס געשאַפענע אין פאָלק, דאָס טאָג־טעגלעכע, די תורה שבעל־פה פון פאָלק איז געוואָרן די תורה שבכתב געגעבן פון גאָט. דאָס נאַציאָנאַלע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר דער רעליגיע. דאָס פ אָ ל ק י ש ע איז דערהויבן געוואָרן צו ג ע ט ל ע כ ס. און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די יידישע רעליגיע, וואָס האָט בפירוש געהייסן נישט רעליגיע נייערט טאַקע י י ד י ש ק יי ט און מער נישט. באשר דאָס פאָלק אַליין האָט זיך „באַרויבט" — עס האָט גענומען זיינע אייגענע שאַפונגען און האָט זיי אַלע פאַרשריבן אויפן חשבון פון גאָט: נישט מיר, נייערט גאָט. נישט מיר האָבן געשאַפן, נאָר גאָט האָט עס געגעבן פאַרטיקערהייט.

אין תוך גענומען איז דאָך אונדזער גאַנצע יידישקייט נישט קיין קרעדאָס, נישט קיין גלויבונגען, נישט קיין פּרינציפּן און נישט קיין עיקרים. ביטאָ ביי יידן קיין טעאָלאָגיע, קיין „וויסנשאַפט" וועגן גאָט. עס איז פאַרקערט, גאָר פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט די זאַכן. מען טאָר נישט לערנען קיין מעשי מרכבה, מען דאַרף נישט זוכן צו וויסן מה למעלה און מה למטה, מען דאַרף נישט וועלן אַריינגיין אין „פּרדס". אָט די אַלע זאַכן טאָר מען לערנען נאָר מיט אַ מענטשן וואָס איז אַליין טיף אַריינגעטראַכט און פאַרשטייט אַליין. קיין טעאָלאָגיע.

וואָס איז אָבער די יידישע רעליגיע? — זי האָט גאָרנישט צו טאָן מיט גאָט, — זי איז אינגאַנצן נישט קיין ג אָ ט ־ ר ע ל י ג י ע נייערט אַ פ אָ ל ק ־ ר ע ל י ג י ע איז זי — יידישקייט. זי באַשטייט אינגאַנצן פון מצוות און עבירות. מצוות זענען אַלע עלטערע און אַלטע יידישע שטייגערמנהגים, פירונגען און זיטן. און דאָס שאַפט שוין ווייטער די אייגנטימלעכקייטן פון כאַראַקטער און פון פּסיכיק. די יידישע רעליגיע איז אַ פאָלקישע, נישט קיין טעאָלאָגישע. זי פאַרנעמט זיך מיט דעם פאָלק און נישט מיט גאָט, אין צענטער פון איר תורה איז נישט גאָט, נישט זיינע טואונגען און זיין ביאָגראַפיע. די יום־טובים זענען נישט זיינע ביאָגראַפישע דאַטן, נישט אויף זיינע צרות קלאָגט דאָס יידישע פאָלק אין זיינע טרויער־טעג. זיי זענען אַלע פאַרבונדן מיט דעם גורל פון דעם פאָלק און מיט זיינע איבערלעבונגען, מיט דעם פאָלקס און נישט גאָטס. דאָ ליגט אַ גרויסער פּרינציפּיעלער אונטער־

שייך בין ישראל לעמים — צווישן אונדז און אַנדערע פעלקער. און מען טאָר נישט, מען קען נישט לערנען קיין גזרה שוות צווישן רעליגיעס.

פון אָנהייב אָן האָט די יידישע תורה מאָטיווירט אַלע אירע געזעצן, אַלע געבאָטן און פאַרבאָטן מיט די אינטערעסן פון פאָלק „כדי עס זאָלן פאַרלענגערט ווערן דיינע טעג אין דעם לאַנד וואָס גאָט האָט דיר געגעבן" — אין די אינטערעסן פון נאַציאָנאַלן קיום. קיינע פערזענלעכע גליקן און אומגליקן זאָגט די יידישע רעליגיע אין איר אָנהייב נישט צו — אַלץ פון פאָלק און אַלץ פאַר דעם פאָלק, פאַר זיינע אינטערעסן.

און דערפאַר האָבן מיר פולע רעכט צו זאָגן, אַז די יידישע רעליגיע איז נישט קיין טעאָלאָגישע, נייערט זי איז אַ פאָלקישע. נאָך מערער: די יידישע רעליגיע איז נישט קיין רעליגיע, זי איז י ד י ש ק י י ט. אַזוי טאַקע ווי די יידישע טראַדיציע האָט זי טיטולירט פון תמיד אָן. רעליגיעס זענען ביי אַלעמען אַ טייל פון שטייגער, אָבער ביי די פעלקער, וואָס צווישן זיי לעבן מיר איז עס אַנדערש: זיי האָבן אַ פרעמדע רעליגיע פאַראייגנט אין זייער שטייגער אַריין, די יידן אָבער האָבן פאַרקערט זייער לעבן פאַרהייליקט אין רעליגיע אַריין. דאָרטן — די רעליגיע אין לעבן אַריין, דאָ — דאָס לעבן — אין רעליגיע אַריין.

מען קען אויך דעם פשט לערנען פאַרקערט: די יידן וואָס האָבן נישט פאַרהייליקט עלעמענטן פון זייער לעבן, האָבן נישט געהיט, נישט אָפּגעהיט די ספּעציפישקייט פון זייער לעבן, פון זייער שטייגער, און אָן דעם זענען זיי אַרויסגעפאַלן פון יידישן פאָלק, גאָר פשוט: אויפגעהערט צו זיין יידן.

עס איז ביי אונדז אָנגענומען צו באַהויפּטן אַז די רעליגיע האָט איינגעהיט דעם קיום פון פאָלק. בכלל איז עס נישט ריכטיק. נישט די רעליגיע האָט אויפגעהיט דאָס לעבן, נאָר די ספּעציפישקייט פון לעבן האָט אויפגעהיט די עקזיסטענץ פון דעם אַנדערשדיקן פאָלק, זיין רעליגיע ווי אַ תולדה פון לעבן. די רעליגיע האָט דאָ געווירקט נאָר מיט איר מאַכן פון חול, פון וואָכעדיקייט קודש.

וואָס איז רעליגיע בכלל?

ביי די פעלקער פון דער וועלט איז רעליגיע דאָס אין וואָס זיי גלייבן, ביי יידן איז רעליגיע דאָס וואָס זיי טוען, ווי זיי פירן זיך. און דעריבער קענען אַנדערע רעליגיעס זיין אוניווערסאַלע, פירן זיך אָבער אַזוי און נישט אַנדערש — דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער שטייגער. יידישע רעליגיע איז דערפאַר נאָר אַ נאַציאָנאַלע.

דערפאַר קענען אַנדערע רעליגיעס זיין אייביקע, זיך נישט ענדערן. דאָגמען, פּרינציפּן דאַרפן זיך נישט ענדערן, זיי קענען בלייבן אַלעמאָל און אומעטום. קענען אויך אונדזערע עשרת הדברות בלייבן אייביק און אומעטומיק.

אָבער נישט מיט זיי זענען יידן אַ פֿאָלק, אַ באַזונדער, פֿאַרזיכיק פֿאָלק. מיר זענען אַ פֿאָלק אַ סך מער מיט „ביצה שנולדה ביום טוב", מיט אַן ערוב תבשי־לין, מיט קרעפּלעך און מיטן דריי מיטן פֿינגער, מיט מנהגים און זיטן, מיט לשון און וויצן.

און דערפֿאַר קען אונדזער רעליגיע נישט זיין קיין פּיקסירטע, איין מאָל און אויף שטענדיק באַשטימט און — נישט צו בייטן און נישט צו ענדערן. ניין. דאָס וואָס ענדערט זיך נישט איז טויט, דאָס וואָס בלייבט פֿאַרגליווערט איז פֿאָסיל, אַ מאַטעריאַל פֿאַר אַרכעאָלאָגן. דאָס וואָס לעבט ענדערט זיך און מוז זיך ענדערן. יידישקייט פֿון מיין פֿרומען זיידן איז דאָך געווען אַנדערש פֿון דער יידישקייט ביי רש"י, און רש"יס יידישקייט איז געווען אַנדערש ווי ר' עקיבאס. און ר' עקיבאס יידישקייט איז געווען אַזוי אַנדערש, אַז משה רבינו האָט זי נישט געקענט פֿאַרשטיין (אַ גמרא פֿאַראַן אַזאַ!). זי איז אָבער געווען אַן אָפּשטאַמיקע פֿון משהס יידישקייט, אַ הלכה למשה מסיני. און אַזוי קען און אַזוי דאַרף אויך אונדזער יידישקייט זיין אַנדערש ווי די יידישקייט פֿון אונדזערע זיידעס, נאָר מער נישט וואָס זי דאַרף זיין אַ הלכה לרש"י, אַ הלכה לרבי עקיבא און במילא שוין אויך אַ הלכה למשה מסיני.

רעפֿאָרם־יידישקייט? יאָ, רעפֿאָרם, אָבער מיט איין אונטערשייד פֿון די היינטיקע רעפֿאָרמעס: זיי שטרעבן צו פֿאַרמינערן דעם אונטערשייד צווישן ייד און נישט־ייד. די יידיש־טרייע רעפֿאָרם דאַרף שטרעבן צו זיין אַ קינד פֿון דער טראַדיציע. נישט קיין פֿאָטאָקאָפּיע פֿון דער טראַדיציע, נאָר אַ קינד, זי דאַרף זיך באַמיען אַז אַלץ אין איר זאָל זיין:

א) אַנדערש פֿון דעם וואָס ביי נישט־יידן און

ב) עס זאָל שטאַמען פֿון פֿריערדיקער יידישקייט.

ייִדישקייט ווי אַ פּראָצעס

וואַסערן אויף דער ערד קענען זיין פון צוויי טיפּן: עס זענען דאָ שטייִקע וואַסערן און פליסיקע. די ערשטע בייטן נישט זייער אינהאַלט. זיי זענען זאַמלונגען אָנגעזאַמלטע און געבראַכטע אין דעם געגעבענעם אָרט. אָבער זיי בלייבן נישט אומגעענדערט: די נאַטור פון אַזעלכע שטייִקע וואַסערן איז צו ווערן מיט דער צייט פאַרלאָרן: זיי טריקענען אויס, זיי ווערן פאַר־וואַקסן און פאַרוואַנדלען זיך אין זומפּן. דאָס וואַסער אין זיי איז און בלייבט פּאַסיוו, די אַקטיווע פאַקטאָרן זענען אַנדערע.

אין אַ פליסיקן וואַסער, אין אַ טייך, איז דאָס וואַסער אַקטיוו: עס רייסט די ברעגן אין שטראָם, עס טראָגט אָן און לייגט אָפּ ערדן און זאַמדן, עס פאַר־רעמט אַליין די ברעגעס.

אַזוי איז אויך מיט קולטור. עס קען זיין אַ שטראָם — אַ פּראָצעס און עס קען זיין פאַרגליווערט, שטייִק דורך דורות. בנוגע צו ייִדישער רעליגיע, צו ייִדישקייט גייט פון אייביק אָן אַ פּלוגתא: פאַראַן ריכטונגען ביי ייִדן וואָס זעען אין ייִדישקייט בלויז רעליגיע. עס באַשטייט פון אַ סכום דאָגמעס און גלויבונגען. זיי ענדערן זיך נישט און זיי קענען אייביק בלייבן די זעלביקע, זיי דאַרפן זיך נישט ענדערן, זיי זענען אומאָפּהענגיק פון לעבן, פון טאָג־טעג־לעכקייט. דאָס לעבן פון פאָלק קען זיך ענדערן, בייטן, אַנטוויקלען זיך, און די דאָגמעס קענען בלייבן די זעלביקע. עס קען אָנוואַקסן קולטור, נייע און נייע שיכטן. אין דער זעלביקער צייט קען די רעליגיע בלייבן די זעלביקע אָן ענדערונגען, אין איר בראשיתדיקער ריינקייט, ווי זי איז געגעבן געוואָרן. עס קען גיין און זיך אַנטוויקלען „איטאַליענישקייט", דאָס גאַנצע לעבן קען זיך ענדערן און די רעליגיע בלייבט ווי געוועזן. דאָס לעבן און די רעליגיע האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות צווישן אַנאַנד און זיי האָבן נישט קיין געמייגזאַמע רייבונג־פלאַכן.

בנוגע צו ייִדישקייט האַלטן מיר אַזאַ צוגאַנג פאַר אַ שעדלעכן און גע־פערלעכן. מיר האָבן נישט קיין צוויי באַזונדערע מקורים פאַר אונדזער קול־טור. מיר טאָרן נישט צעטיילן צווישן ייִדישקייט און ייִדישער רעליגיע. די אַלע ריכטונגען וואָס טיילן אויס באַזונדער דאָס רעליגיעזע באַזונדער(צום אָנ־האַלטן אָדער צום אָפּוואַרפן), און זיי זאָגן זיך אָפּ פון אַלץ וואָס ייִדישקייט פאַרמאָגט, אָבער עס איז נישט אַריינגערעכנט אין רעליגיע, — די אַלע ריכ־

טונגען זעען די ייִדישע רעליגיע ווי אַ שטייניק וואַסער, וואָס מוז נאַטירלעך אונטערגיין, ווי עס איז דער גורל פון אַלץ וואָס עס איז פאַרגליווערט אומ־ענדערלעך. די ריכטונגען ווילן נישט אָנערקענען קיין שום נייע אידייע, נייע אינהאַלטן. אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן דורך ייִדישער אַנדערשקייט אָבער עס איז נישט אַריין אין דער רעליגיע, ווילן זיי נישט אָננעמען, ווילן זיי נישט אָנערקענען, זיי וואַרפן דאָס אַלץ אָפּ. קיין וואָכעדיקע ייִדישקייט ווילן זיי נישט, עס איז נישט לשם קודשא בריך הוא, נישט פאַר גאָט און נישט פון גאָט. צווישן קודש און חול מאַכן זיי אַ שטרענגע הבדלה: ייִדישקייט איז נאָר פאַר גאָט, און אַחוץ דעם קען דאָס לעבן זיין ווי מען וויל. זיי וועלן מקפיד זיין אויף יעדער קלענסטער מצווה אָבער זיי וואַרפן אָפּ און זענען מבטל אַלץ וואָס איז נישט רעליגיע.

די דאָזיקע רעליגיע־היטער קענען זיין פון פאַרשיידענע לאַגערן — פון שטרענגע אָרטאָדאָקסן ביז רעפאָרמער, אָבער פאַר זיי אַלעמען איז ייִדיש־קייט נ אָ ר רעליגיע און נישט מער. עס איז צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער אונטערשייד, אָבער דער צד השווה צווישן זיי איז וואָס אַלע זיי אָנערקענען זיי נישט קיין וועלטלעכע נייע קולטור־אָנשיכטונגען, נייע שאַפונ־גען. און די זענען די מערהייט פון ייִדן היינט אויף דער וועלט.

אַ סך ווייניקער אין צאָל זענען די מ אַ נ י ס ט ן אין ייִדנטום. די וואָס אָנערקענען אין ייִדישקייט איין מקור, איין קולטור־שטראָם. די דאָזיקע ייִדישקייט־מאָניסטן, ווי זיי רופן זיך מאַכט נישט אויס, זיי אונטערשיידן נישט צווישן קודש און חול, רעליגיע, פאַרהייליקטע עלעמענטן אין ייִדישקייט און וועלטלעכע זענען גלייך חשוב און וויכטיק. זיי שיידן זיך אונטער נאָר אין עלטער: דאָס עלטערע ווערט פאַרהייליקט און עס קריגט רעליגיעזע סאַנק־ציעס, עס גייט אַריבער פון וואָכעדיקייט אין דער קאַטעגאָריע פון קודש, פון פאַרהייליקטע טראַדיציעס. וועלטלעכע ייִדישקייט איז בלויז ייִנגער, נאָך נישט באַוויזן אין צייט צו ווערן פאַרהייליקט, צו ווערן קודש. די צעטיילונג־ליניע צווישן ריכטונגען אין ייִדישקייט איז נישט פרום אָדער נישט; עס איז: אַן אָפּגעשטעלטער קולטור־פּראָצעס, אָדער אַ שטראָם וואָס ענדיקט זיך נישט און טאָר זיך נישט ענדיקן; איז ייִדישקייט אַ סכום אָפּגעענדיקטע און פיק־סירטע ווערק און לעבן־פאָרמען, אָדער עס איז אַ פּראָצעס וואָס האַלט כסדר אין גיין פאָרויס — עס פאַלן אָפּ עלעמענטן און עס קומען צו נייע; די וואָס זאָגן: עד כאן איז ייִדישקייט וואָס מיר נעמען יאָ אָן און פון דעם און ווייי־טער דאַרפן מיר נישט, ווילן מיר נישט, — דאָס זענען די אָפּשניידער פון ייִדישקייט — פון איין זייט און די וואָס באַמיִען זיך צו ציִען ווייטער ייִדיש־קייט — פון דער צווייטער זייט.

וועגן דעם גייט די דיסקוסיע — מאָניזם אָדער דואַליזם: האָט ייִדיש־קייט צוויי מקורים? איינער איז פון גאָט און דער צווייטער נישט, אָדער ייִדישקייט האָט איין מקור און אַלץ וואָס ווערט געשאַפן אין דער פאָלקישער ייִדישער אַנדערשקייט איז גלייכווערטיק און גלייך הייליק; איז רעליגיע אַ פאַרענדיקטע, אַ פיקסירטע און קיין זאַך קען נישט צוגעגעבן ווערן, אָדער די רעליגיע איז אויך שטראָמיק, אַלטע עלעמענטן קענען אָפּפאַלן און נייערע קענען און דאַרפן צוקומען, קריגן נייע סאַנקציעס, פאַרהייליקט ווערן אין פאָלק; הייליקייט איז באַזונדער און גאָט צאָלט פאַר דעם, נאַציאָנאַלע טייער־קייט איז ווידער באַזונדער, פאַר דעם צאָלט נישט גאָט — נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט. אָדער הייליקייט און טייערקייט זענען איין און די זעלביקע קאַטעגאָריע; איז גאָט באַזונדער און דעם פאָלקס שע־פערישקייט ווידער באַזונדער, אָדער אַלץ וואָס דאָס פאָלק שאַפט, וואָס עס שאַפט זיך אין פאָלק — אין ווערק און אין שטייגער לשם דער ייִדישער אַנ־דערשקייט — אַל דאָס איז הייליק און טייער בקדושת העם און מען טאָר נישט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן דעם פאָלקישן און דעם געטלעכן.

דאָס איז די דיסקוסיע אין ייִדישקייט.

גרויס איז די מחנה פון די אָפּשניידער. דאָ טרעפן זיך ריכטונגען גאַנץ פאַרשיידענע. פאַרשיידן זענען די פאַקטאָרן וואָס ברענגען ייִדן אין דער מחנה אַריין. נישט אין פאַרגלייך קלענער איז די צאָל פון די מאָניסטן, אָבער בלויז אין זיי איז דער קיום פון ייִדישן פאָלק.

אָט די דיסקוסיע צווישן די אָנהענגער פון שטייִקער ייִדישקייט און פלי־סיקער איז ביי אונדז נישט פון היינט. עס איז אַן אייביקע מחלוקת, פון די צדוקים און פרושים אָן און פון נאָך פריִער. מען קען געפינען אירע שפורן אין די עלטסטע ספרים פון תנ״ך. די פלוגתא נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען אין יעדער תקופה איז זי אַנדערש, אָבער דער תוך בלייבט אַלעמאָל דער זעל־ביקער: ייִדישקייט ווי אַ שטראָם אין געשיכטע ווי אַ טייך איז אַ שטראָם אין געאָגראַפיע אָדער ייִדישקייט איז אַ שטייִק וואַסער. פונקט ווי אַ געאָגראַפי־שער שטראָם ענדערט זיין אויסזען אָפּהענגיק פון דעם אָרט ווו ער שטראָמט. אַנדערש איז דער שטראָם צווישן פעלדזיקע בערג און גאָר אַנדערש איז דער שטראָם אין אַ ווייכן גלעגער פון אַ פלוין. אַזוי איז אויך דער שטראָם פון ייִדישקייט דורך דער געשיכטע. ער איז פושט צורה ולובש צורה. עס ענדערן זיך די שאַפונגען, די ווערק אין ייִדישקייט, עס ענדערט זיך דער שטייגער לעבן, די פאָרמען פון לעבן. דער עיקר אָבער — עס בלייבט תמיד דער פאַר־זיכיקער גאַנג, די אַנדערשקייט פון דעם ייִדישן טיפּ און פון ייִדישן לעבן אין דער סביבה פון פרעמדן אַרום — דאָס בלייבט. עס ווערט אויס ייִדישקייט,

אויס ייִדן ווען עס איז מער נישטאָ קיין אונטערשייד אין די לעבנס־פֿאָרמען צווישן ייִד און נישט־ייִד.

פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויסגעגאַנגען האָט אונדזער גרויסער רמב״ם זיכער נישט געטאָן קיין טובה דעם ייִדישן פֿאָלק מיט זיין איינשטעלן, מיט זיין וועלן איינשטעלן אייביקע פּרינציפּן פון ייִדישקייט — זיינע דרייצן עיקרים. (ער און די אַנדערע פון דעם גאַנג). נישט אומזיסט האָבן ייִדן נישט געמאַכט קיין גרויס ווען פון די דאָגמען, הגם זיי שטאַמען פון אַזאַ גרויסן אויטאָריטעט ווי דער רמב״ם. דווקא פאַרקערט, וואָס גרעסער דער מענטש, דער אויטאָריטעט — אַלץ שעדלעכער און מסוכנער זענען זיינע טעותים. אויב, לאָמיר זאָגן, דער גלויבן אין תחית המתים איז אַ סימן פון ייִדישקייט און אָן דעם גלויבן איז מען נישט קיין פולער ייִד, טאָ וואָס פאַר אַ ייִדן זענען געווען די ייִדן איידער דער גלויבן האָט זיך איינגעפעסטיקט? און עס איז דאָך אין דער תורת משה טאַקע נישטאָ קיין סימן פון תחית המתים. און די גמרא זוכט און זוכט „תחית המתים מן התורה מנין?״ און זי געפינט טאַקע נישט. מען מוז זיך באַנוגענען מיט זייער שוואַכע דרשן. מיר וועלן ווייטער זען, אַז עס איז געווען פאַר די פּרושים אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט איינצושטעלן די דאָגמע, בייטיק פאַרן קיום פון פאָלק. אין זייער צייט, אָבער נישט פריִער. און פּונקט ווי מען קען נישט איינשטעלן קיין דאָגמעס פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי קען מען נישט און מען טאָר נישט איינשטעלן קיין פעסטע עיקרים פאַר דער צוקונפט. דער שטראָם פון ייִדישקייט גייט פאָרויס שעפעריש, ענדערנדיק זיך (דברי תורה פרים ורבים), און קיינער קען נישט און טאָר נישט אים אָפּשטעלן, אים פיקסירן, אַפילו אַזאַ גדול ווי דער רמב״ם אַליין איז געווען!

אויך די גרויסע ענציקלאָפּעדיע פון ייִדישקייט — זיין משנה תורה האָט דער רמב״ם געשאַפן מיט דעם געדאַנק צו סומירן און פיקסירן גאָר די ייִדישקייט ביז זיין צייט (ער האָט געמיינט — אין דער אייביקייט אַריין) דערפאַר שרייבט ער אין דער הקדמה: „יהא חיבור זה מקבץ לתורה שבעל פה כולה עם התקנות והמנהגות והגזרות שנעשו מימות משה רבינו ועד חיבור הגמרא... שאדם קורא בתורה שבכתב תחילה ואחר כך קורא בזה ויודע ממנו תורה שבעל פה כולה ואינו צריך לקרות (לקרא. דער רמב״ם שרייבט דאָ לויטן דיקדוק פון גמרא) ספר אחר ביניהם״. נישט אומזיסט האָבן זיך ייִדן אין יענער צייט דערשראָקן: מען האָט דאָך געקענט אין דעם זען אַ פאַרלאַנג אָפּצושטעלן דעם שטראָם פון ייִדישקייט.

עס איז כדאי דאָ אגב אורחא צו באַטראַכטן דעם פאַקט, אַז ביידע גרויסע פּרוּוון צו פיקסירן און אָפּצושטעלן די תורה שבעל פה (דעם כסדר־

דיקן פּראָצעס פון שעפערישער ייִדישקייט) זענען געמאַכט געוואָרן דורך ספּרדישע גאונים (דער אלפס און דער רמב״ם). אין דער זעלביקער צייט בערך האָבן אשכנזישע גדולים געשטרעבט פאַרקערט, נישט צו פיקסירן און אָפּ־האַלטן די תורה שבעל פּה וואָס איז דעמאָלט (און אויך היינט) דער שעפע־רישער שטראָם, נאָר פאַרקערט, אים צו שטאַרקן, צו מאַכן גרינגער דאָס צו שטודירן און צו ציִען ווייטער אויף דעם זעלביקן וועג ווי אין די פריִערדיקע דו־רות (רבינו גרשם מאור הגולה און רש״י מיט זיינע נאָכפאָלגער).

דער רמב״ם דערקלערט די נויטווענדיקייט פון זיין גרויסן, ביז צו פאַר־וואונדערונג גראַנדיעזן פאַרמעסט פון זיין משנה תורה, וואָס נאָר אַזאַ גיגאַנט ווי ער האָט געקענט זיך אונטערנעמען מיט זיין „יד החזקה״ — מיט דעם אָנקום פון שלעכטע צייטן („ובזמן הזה תקפו הצרות יתרות ודחקה השעה״). אָבער אויך די אשכנזישע גדולים האָבן דאָך געהאַט נישט ווייניקער רעכט צו קלאָגן אויף די „צרות יתרות״, און אפשר נאָך מער ווי דער רמב״ם. דאָך האָבן זיי גענומען דעם פאַרקערטן וועג, צו ציִען ווייטער דעם שעפערישן שטראָם.

אפשר איז טאַקע דאָ דער סוד פאַרוואָס די ספּרדישע ייִדישקייט איז געוואָרן אַ יורד גלייך נאָך דעם גרויסן אויפשוונג אין דער באַרימטער גאָלדע־נער תקופה. אפשר ליגט דאָ דער סוד פון אשכנזישן אויפשטייג נישט געקוקט אויף די „צרות יתרות״. ווי אַלע פריִערדיקע פאַרלאַנגען צו פיקסירן ייִדיש־קייט האָבן געפירט צום אומקום (צדוקים, שומרונים, קאַראַאימען, אפשר אויך צורעכענען אַהער השכלה) אַזוי אויך ליגט אפשר דאָ די סיבה פון דער ירידה פון ספּרדישער ייִדישקייט. נישט דאָ איז דאָס אָרט ברייטער זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פּראָבלעם.

אויף די „תורה שבמעשים״ — די שטייגערישע ייִדישקייט — טאָר נישט זיין קיין פיקסירטע. מען טאָר נישט אָננעמען אַז מצוות און עבירות זענען אייביקע און זיי קענען זיך נישט ענדערן. פאַרקערט איז ריכטיק, אַז אין יעדער דור און יעדער תקופה קענען זיך מצוות ענדערן, פאַרגעסן ווערן און עס קע־נען אויפקומען נייע. וואָס אין איין תקופה איז געווען גאָר וויכטיק קען אין אַ צווייטער תקופה פאַרלירן איר וויכטיקייט און פאַרקערט. פאַראַן אַ סך אַזוי־נע ביישפּילן ביי אונדז. ווי אַ געאָגראַפישער שטראָם (אַ טייך) ענדערט זיין געשטאַלט אַזוי אויך דער היסטאָרישער שטראָם פון ייִדישקייט. עס ווענדט אָן דער צייט און אָן באַדינגונגען. דער עיקר אָבער איז דער „לשם יחוד״ אַזוי צו זאָגן — דער פאַרלאַנג אָפּצוהיטן און צו שטאַרקן אונדזער אַנדערשקייט, אונדזער אייגנאַרטיקייט צווישן פעלקער.

איך באַוואונדער תמיד ווי טיף און ווי ערנסט דאָס אַלץ האָבן פאַרשטאַ־

נען די פּרושים, די חכמי התלמוד, ווי געטריי און מסירת נפשדיק זיי האָבן אָפּגעהיט דעם „שטראָם־פּרינציפּ" און ווי לאַקאָניש זיי האָבן אים פאָרמולירט אין אַ סך ערטער אין תלמוד און אין מדרשים. ווען מען זאָל פּרובירן אויס־רעכענען זייערע געדאַנקען אויף דעם געביט וואָלט מען באַקומען טראַקטאַטן גאַנצע. מיר ווילן דערפאַר אָנמערקן נאָר אַ פּאָר פּונקטן זייערע:

1. — מתן תורה איז נישט קיין איינמאָליקע געשעעניש, נאָר אַ דויערנ־דיקער פּראָצעס (כל מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש...).

2. — דער סיני־באַרג ווי יעדער אַנדערע מאַטעריעלע זאַך איז נישט הייליק מער (ניסתלקה קדושתו).

3. — יעדער ייִד אין יעדער דור דאַרף זיך האַלטן ווי ער שטייט אויפן באַרג סיני און נעמט אָן נייע תורות.

4. — אין יעדער דור און אין יעדער תקופה דאַרף מען אָננעמען נייע תקנות און נייע פּרינציפּן פון ייִדישקייט, צוגעפּאַסט צו די באַדערפעונישן פון צייט און אָרט (תקנות עזרא לוד, יבנה, גאונים, רבינו גרשם, רבנים, וועדים).

5. — דאָס אָפּהיטן די ייִדישע שטייגערישע א יי נ ה יי ט ל ע כ ע אַנדערשקייט (הלכה) איז וויכטיקער פאַרן קיום פון פאָלק און פאַר זיין גאַנצ־קייט אין זיין צעשפּרייטקייט איידער די פאַרשריבענע תורה וואָס משה האָט געגעבן.

6. — אַט די אויסגעהאַלטענע שטייגערישע פאַרזיכיקייט אין פירונג און אין דענקען (הלכה און אגדה) די גאַנצע תורה שבעל פּה, ווי זיי האָבן עס אָנ־גערופן, איז פּונקט אַזוי הייליק ווי די תורה שבכתב; אָבער וויכטיקער איז די תורה שבעל פּה. זי דאַרף מען לערנען און אַנטוויקלען ווייטער. דאָס לערנען די תורה שבכתב דאַרף מען פאַרקערט באַגרענעצן: נישט מער ווי די פיר און צוואַנציק אָנערקענטע ספרים, און עס קען אָפּציִען (משום דמשכא) פון ייִדיש־קייט. די תורה שבכתב נישט געקוקט אויף איר גרויסער הייליקייט איז קעגן דער פאָלקישער שטייגערישער אָפּגעהיטקייט (תורה שבעל פּה) אַזוי ווי וואַ־סער קעגן געצוקערטן ווייִן (יין קונדיטין).

7. — די אַנטוויקלונג פון ייִדישקייט (תורה) קען גיין אַזוי ווייט, אַז משה רבינו זאָל זי נישט קענען פאַרשטיין מער (דברי תורה פרים ורבים).

8. — עס מוז אָבער אָפּגעהיט ווערן די ה מ ש כ ד י ק יי ט פון ייִדישקייט (מן התורה מנין?).

9. — אַ פּראָצעס איז ווי אַ שטראָם. זיין אינהאַלט ענדערט זיך, אָבער נישט זיין שטראָמען. ייִדישקייט אויך אַזוי. יעדער פּרווו צו פיקסירן ייִדיש־קייט איז ווי אַ דאַמבע אָפּצוהאַלטן אַ שטראָם. ייִדישקייט ווי אַ פּראָצעס איז דאָך איינהייטלעך פון איר אָנהייב, פון וואַנען זי האָט אַרויסגעשטראָמט און

ביז יעדער פונקט אין שטראָם (פון צייט). יעדער פאַרלאַנג איבערצורייסן, איבערצוהיפּן תקופות מיינט צעשטערן דעם כסדרדיקן שטראָם, דעם פּראָצעס.

און אַזוי איז אויך שעדלעך יעדער פאַרלאַנג אָנצוהייבן דעם שטראָם ערגעץ פון מיטן, וואָס אונדז געפעלט מערער.

יעדער פּראָצעס ווי יעדער שטראָם האָט זיין געלעגער און ער מישט זיך נישט אויס מיט אַנדערע נאָנטע שטראָמען. ייִדישקייט איז אויך אַזוי.

יעדער פּראָצעס ווי אַ שטראָם טראָגט אין יעדער פונקט די אינהאַלטן פון פריערדיקע פונקטן (אין צייט און אין געלעגער). דאָס איז דער זינען פון ייִדישן לערנען — אַריינצוברענגען אין יעדער היינט די אינהאַלטן פון דעם נעכטן. דאָס לעבן פון פריערדיקער תקופה ווערט אַ תורה, און ווי אַזאַ דאַרף עס אַריין אין שטייגער לעבן פון איצט, פון יעדער נעכטן אין יעדער היינט אַריין.

אָט אַזוי האָבן פאַרשטאַנען אונדזערע פאַרצייטיקע שעפער פון דער שטראָמיקער, אייביקער ייִדישקייט.

ווי ווייט אָפּגעשטאַנען לגבי דעם איז דער געדאַנק פון דער היינטיקער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע! ווי ווייניק זי האָט געירשנט פון דער תלמודישער ייִדישקייט־פילאָסאָפיע, הגם מען האַלט זיך פאַר די יורשים פון דער תלמו־דישער ייִדישקייט. (אפשר איז הרב קוק געווען אַן אויסנאַם).

ווי ווייט אָפּגעשטאַנען פון דעם איז דער געדאַנק פון די וועלטלעכע ייִדן, וואָס באַנעמען נישט די המשכדיקייט פון ייִדישקייט־שטראָם, זיין גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט. ווי פלאַך עס איז זייער אָפּגעריסנקייט!

און אין גייסט פון די אַמאָליקע פאָלקיסטיש־רעוואָלוציאָנערע פּרושים, וואָס נאָר זיי דאַרף מען זיין דאַנקבאַר פאַרן קיום האומה, זאָגן מיר איצט: ייִדישקייט (תורה) מוז אויך ווייטער בלייבן נאָר אַ שטראָמיקער פּראָצעס. אַלץ וואָס עס שאַפט זיך י ִ ד י ש ע ס אין ייִדנטום לשם אונדזער אַנ־דערשקייט איז פונקט אַזוי טייער און הייליק ווי דאָס פון אַמאָל פאַרהיי־ליקטע. די ייִדישקייט ווערט כסדר געגעבן נישט אויף איין פעלדזיקן באַרג (וווּ אַ רב לאָזט זיך אַראָפּ פון די הימלען צו בלאָזן שופר) נאָר אויף אַלע הויכע און העכערע ייִדישקייט־בערג אין דער גאָרער וועלט. און אַלע אידייען און אַלע שאַפונגען אין דער שפּראַך פון ייִדישער אַנדערשקייט (ייִדיש!) און אַלע מנהגים און אַלע זיטן וואָס זענען ייִדישלעך אַנדערש פון דעם אַרום — אַלץ וואָס שטרעבט אָפּצושיידן אונדז פון אַלע אַנדערע „פאָלקישקייטן“ — אַלץ איז הייליק און אַלץ איז אין המשך פון משה קיבל תורה און ביז אונדז.

אַנדערש איז אונדזער גאַנצע געשיכטע

עס איז אַן אַלטע פּלוגתּא: דער מענטש און די באַדינגונגען זיינע — ווער פון די צוויי איז פריער? מען זאָגט, אַז די באַדינגונגען פורעמען אויס דעם מענטשן, זיי פורעמען אויס דעם קאָלעקטיוון מענטשן, די באַדינגונגען שאַפן דעם כאַראַקטער פון דעם מענטשן און פון דעם קאָלעקטיוו מענטשן. און עס זענען פאַראַן אויך אַנדערע מיינונגען. וויל איך נישט אַריינגיין אין די טיפענישן פון דער מחלוקת. איך וויל נאָר זאָגן, אַז די זעלביקע מיינונגען זענען געווען אויך אין דער ביאָלאָגיע, פון לאַמאַרקן אָן (אין מיטן פון 18טן י״ה). אַפילו ביי דאַרווינען קען מען נאָך געפינען שפורן פון דעם גלויבן. ביי היינטיקן טאָג גלייבט מען מער נישט אין די וויטאַלע כוחות פון די באַשעפענישן, אַז זיי באַהערשן אויף דעם אָדער אויף אַן אַנדער אופן די באַדינגונגען פון זייער נאַטור. עס קען נאָך זיין אַ צווייטע פראַגע, צי אָט די וויטאַלע אייגנשאַפטן זענען ביאָלאָגיש איינגעבאָרענע, גענעטישע, אָדער זיי שטאַמען פון ערגעץ טיפערע און ווייטערע סאָציאַלע ירושה־פאַקטאָרן. אָבער אויך דאָס וועלן מיר לאָזן אָן אַ זייט. פאַר אונדז וועט זיין וויכטיק דאָ צו דערקלערן, אַז איך גלייב: דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דעם מענטשנס לעבן און אין זיינע גורלות איז זיין כאַראַקטער ווי ער פירט דעם מענטשן אין דעם מענטשנס לעבן און אין זיינע גורלות איז זיין כאַראַקטער ווי ער פירט דעם מענטשן אין דעם לאַבירינט פון די אַרומיקע באַדינגונגען. דער כאַראַקטער באַשטימט זיין גורל. זיינע נייגונגען, שטרעבונגען, פאַרלאַנגען, זיין עקשנות, די שטאַרקייט פון ווילן וכדומה.

און דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק איז ווידער דער אייגנטימלעכער קאָלעקטיווער כאַראַקטער פון דעם פאָלק. ער — דעם פאָלקס כאַראַקטער — ער איז דער שמידער פון דעם גורל, פון דער געשיכטע. ער ברעכט דורך דעם וועג אין דעם פּלאָנטער פון די אַרומיקע באַדינגונגען. אין די זעלביקע באַדינגונגען קענען פאַרשיידענע פעלקער לעבן פאַרשיידן און אַנדערש פירן זייער גאַנג דורך דורות. די באַדינגונגען קענען בלויז מאָדיפיצירן, בלויז צוגעבן קאָלאָריט דער געשיכטע, אָבער דער הויפּטפאַקטאָר איז דאָס פאָלק מיט זיין כאַראַקטער.

די געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז דערפאַר אַנדערש, ווייל אַנדערש

איז דאָס ייִדישע פאָלק. אין דער גאַנצער געשיכטע זעען מיר אַרויס אונדזער אַנדערשקייט.

גלייך פון אָנהייב אָן, פון דעם באַגינען איז אונדזער געשיכטע אַוועק אויף אַנדערע, אַנדערשדיקע וועגן, נישט ווי ביי אַנדערע פעלקער. דער סדר־עולם איז אַז אַ פאָלק ווערט אַ פאָלק דורך אַ מלך וואָס צעמענטירט עטלעכע שכנישע שבטים אויף איין אָדער אויף נאָענטע טעריטאָריעס. דער מלך פאַראייניקט זיי און ער סימבאָליזירט דאָס פאָלק, זיין גאַנצקייט, זיין אייגהייט. ער פירט מלחמות פון פאָלק פאַרן פאָלק: פאַרכאַפּונגען, רייכטימער, לאַנד, צו פאַרגרעסערן זיינע „געמאַרקן". צו באַהערשן לענדער און פעלקער. פאָלק און לאַנד זענען סינאָנימען.

די געשיכטע פון אַ פאָלק דעקט זיך מיט דער געשיכטע פון זיינע מלכים. ביז איצט ווערט אין די שולן געלערנט איבערהויפּט די געשיכטע פון דעם לאַנדס מלכים ווי די געשיכטע פון דעם לאַנד, פון דעם פאָלק. עס דעקט זיך. מיט דעם אונטערגאַנג פון דער מלוכה גייט אונטער דאָס פאָלק. נישט אומזיסט ווילן דענקער אַרייננעמען לאַנד, מדינה, מלוכה פאַר דעם הויפּט־סימן פון אַ פאָלק. ביז היינט האַלט איין אַ דעמאָקראַטיש פאָלק זיין אַלטן מלכים־אינסטיטוט נאָר כדי דערמיט אונטערצושטרייכן די אייגהייטלעכע גאַנצקייט פון דער צעשאָטענער אימפּעריע.

אַנדערש איז געגאַנגען די געשיכטע פון דעם ייִדישן פאָלק. ערגעץ אין מדבר האָבן וואַנדער־שבטים זיך צונויפגעהעפט אין אַ פאָלק. נישט קיין לענדער און נישט קיין גרענעצן האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן; און דער צונויפשמעלצער איז געווען נישט קיין העלדישער מלך, נישט קיין מלחמה־פירער, נאָר אַ נביא. משה דער ערשטער טרוימער פון ייִדישן פאָלק איז געווען נישט קיין „אבי המלכים", נאָר דער „אבי הנביאים". און געחלומט האָט ער נישט וועגן אַ גרויס, מעכטיק פאָלק, מיט הערשערישע אַמביציעס, וואָס וועט פאַרנעמען לענדער און אונטערטעניק מאַכן אַנדערע פעלקער. ניין, ער האָט געחלומט וועגן אַ „ממלכת כוהנים וגוי קדוש". און געשאַפן די גאַנצקייט פון פאָלק האָט דער משה נישט דורך אַ טעריטאָריע מיט גרענעצן, נאָר דורך אַ תורה מיט מאָראַלישע גרענעצן, מיט גרענעצן וואָס באַגרענעצן זיך. גאָר אַן אַנדער אידעאַל, אַנדערע שטרעבונגען, אַנדערע צילן און אַנדערע וועגן.

פאַראַן אַ שיינער מדרש, וואָס ווייזט, אַז זיי האָבן שוין אין יענע צייטן פאַרשטאַנען אונטערצושטרייכן אונדזער אַנדערשקייט. דער מדרש זאָגט: ווען די ייִדן זענען אַרויס פון מצרים זענען זיי געגאַנגען אין מחלוקות און זיי האָבן געערט אין מחלוקות. ערשט ווען זיי זענען געקומען צום סיני זענען זיי געוואָרן איין גאַנצקייט (איכה רבתי, פּתיחתא כ׳). אין דער תלמודישער ליטעראַטור

חזרט זיך דער געדאַנק איבער עטלעכע מאָל אין פאַרשיידענע פאָרמען. סיני — די אַנדערשדיקע תורה האָט אויסגעטיילט דאָס ייִדישע פאָלק פון צווישן אַלע אַנדערע פעלקער. די תורה — נישט קיין בוך, ספר, נאָר קולטור, פאַר־מען ווי צו לעבן.

ביי די תלמוד־שעפער, ד״ה ביי די שעפער פון דער ייִדישער אייביקייט זענען פאַראַן אַפילו אידייען אַז בבל, ווו דער תלמוד האָט זיך געשאַפן, איז וויכטיקער, אָדער גלייך וויכטיק ווי ארץ־ישראל, ווו עס איז געווען אַן איי־גענע מלוכה. די תורהדיקע אַנדערשקייט פון ייִדישן פאָלק איז גלייך וויכטיק צו דער אייגענער מדינה.* און מיט וואָס האָט דאָס גלות־לאַנד בבל זוכה געווען צו אַזאַ כבוד? דורך דער תורה וואָס האָט זיך דאָרטן געשאַפן. לערנען מיר פון דאַנען, אַז די תורה איז ביי ייִדן געווען חשוב ווי זייער היים, ווי זייער לאַנד. פעלקער לעבן אין לענדער, ייִדן האָבן געלעבט אין דער תורה, אין דער קולטור.

מיר ווען זיך אָבער אומקערן צום בראשית פון אונדזער פאָלק. מיר זאָגן אַז אונדזער פאָלק איז געשאַפן געוואָרן נישט דורך אַ מלך, ווי אַ מלוכה־פאָלק, נאָר דורך אַ נביא, ווי אַ קולטור־פאָלק.

פאַראַן אַ סך גוטע און געטרייע ייִדן וואָס גלייבן נישט אין מתן תורה, ווי עס איז פאַרשריבן אין דער תורה. דיסקוטיר איך נישט מיט קיינעם. עס איז פאַר מיר גענוג, אַז דאָס פאָלק האָט געשאַפן אַזאַ טעאָריע וועגן זיין בראשית, וועגן דער גרינדונג פון זיין פאָלקטום. עס איז אין דער פסיכיק פון פאָלק געווען דער גלויבן און דער גלויבן שטימט מיט דעם גייסט פון פאָלק. עס זענען פאַר אונדז נישט וויכטיק די „ריכטיקע" כלומרשט־היסטאָ־רישע דערשיינונגען וואָס זענען יאָ אָדער נישט געווען. נישט זיי שאַפן די געשיכטע פון אַ פאָלק. וויכטיק און מאַסגיביק זענען די פאָרשטעלונגען און גלייבונגען פון פאָלק. זיי שאַפן די געשיכטע. און דאָס וועלן אַלע מוזן מודה זיין — די פרומע ווי די וועלטלעכע — אַז דאָס ייִדישע פאָלק איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם העכערן, נביאיש־געטלעכן גייסט וואָס איז פאַרקערפּערט אין פאָלקס באַוווסטזיין אין דער פערזאָן פון משה (צי ער איז יאָ געווען אָדער נישט געווען און דאָס פאָלק האָט אים אויסגעטראַכט אַזאַ געשטאַלט ווי משה, איז עס נאָך מער כאַראַקטעריסטיש און נאָך מער מאַסגיביק פאַר דעם פאָלק און זיין געשיכטע).

---

* כשם שאסור לצאת מארץ ישראל לבבל, כך אסור לצאת מבבל לשאר ארצות (כתובות, קי״א); כל העולה מבבל לארץ ישראל עובר בעשה. כל הדר בבבל כאילו דר בארץ ישראל (דאָרטן גופא); תלמידי חכמים שבבבל דומים למלאכי השרת (קדושין, עב״א); כל הארצות עיסא לארץ ישראל, וארץ ישראל עיסא לבבל (קדושין, ע״א, א׳).

בכן, איז דאָס ייִדישע פאָלק לויט זיין געשיכטע נישט קיין מלוכה־פאָלק נאָר אַ נבואה־פאָלק. אַנדערש און אייגנאַרטיק צווישן אַלע אַנדערע פעלקער אויף דער וועלט, טאַקע גוי אחד בארץ. מען דאַרף נאָר קאָרעגירן עטוואָס דעם באַגריף נביא, נבואה, וואָס די השפעה פון אַנדערע פעלקער האָט ביי אונדז אויך פאַרקריפּלט. מען מיינט ווולגאַר, אַז אַ נביא איז דער וואָס זאָגט פאָרויס וואָס עס וועט זיין שפּעטער. אָט ווי דער „וועטער־נביא" זאָגט היינט וואָס פאַר אַ וועטער עס וועט זיין מאָרגן. ווי להבדיל, אַ גריכישער אָראַקול אָדער טרעפערקע, חלילה. אָט דאָס פאָרויסזען איז געווען בלויז אַן עפּיזאָד, אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג וואָס איז גיך פאַרגעסן געוואָרן שוין פאַר־צייטנס, וואָס אַפילו דער תנ"ך פון יענע צייטן דערמאָנט ווי וועגן אַן אַמאָל „וזאת לפנים בישראל". (אַזוי איז געווען ביי ייִדן פאַרצייטנס). דער נאָמען ח ו ז ה און ר ו א ה זענען גאָר לאַנג שוין פאַרגעסן געוואָרן. דער נביא אין זיין אייגנטימלעכן געשטאַלט איז געווען אַן אידעאַלן־טרעגער, און אַ קעמפער פאַר זיין אידעאַל. און יעדער אידעאַל איז פאַרבונדן מיט דער צו־קונפט. נישט פאָרויסזען און פאָרויסזאָגן וואָס עס ו ע ט סיי ווי זיין, נאָר לערנען און פרעדיקן צום פאָלק וואָס עס ד אַ ר ף זיין, וואָס מען מוז צו דעם שטרעבן עס זאָל זיין. טרוימען וועגן אַזאַ אידעאַל, פרעדיקן אים, קעמפן פאַר אים, אַוועקגעבן דאָס לעבן פאַר אים, ווייל ער איז „ווי אַ פייער אין מיינע ביינער" — דאָס איז די ייִדישע נבואה.

משה — דער אבי הנביאים — האָט נישט געחלומט סתם וועגן דער צוקונפט. ער האָט זיין אידעאַל וועגן אַ ממלכת כוהנים וגוי קדוש נישט גע־פרעדיקט מיט ווערטער בלויז, — ער האָט דעם אידעאַל געשאַפן, געשמידט אים. ער איז געווען נישט בלויז דער אַרכיטעקט וואָס האָט פּלאַנירט אַזאַ פאָלק, נאָר אויך דער אינזשיניער וואָס האָט זיין לעבן אַוועקגעגעבן כדי עס אויפצובויען. און עס איז ריכטיק וואָס משה האָט נישט אַריינגעפירט דאָס פאָלק אין כנען. עס איז גרינגער צו חלומען און האָבן דעם אידעאַל אין קאָפּ איידער אים דורכצופירן אין לעבן. יעדער פאַרקערפּערונג פון אַן אידייע איז באַגרענעצט, איז אַ צימצום, פאַרמינערט. אַנדערש קען עס נישט זיין. ווער ווייס צי איז ווען עס איז משה אידעאַל מקוים געוואָרן, אויב יאָ, איז ער אפשר אין אַ סך דורות אַרום נאָך אים, אפשר נאָך דעם צווייטן חורבן. אפשר.

נישט דאָס איז אויך וויכטיק. וויכטיק איז אַז דער שעפער פון ייִדישן פאָלק, דער וואָס פאַרקערפּערט אין באַוווסטזיין פון אייביקע דורות, דעם אויפקום פון פאָלק — ער האָט געהאַט אַזאַ נביאישן אידעאַל. מיט דעם אי־דעאַל האָט ער אַרויסגענומען אַ קנעכטיש פאָלק פון קנעכטשאַפט, און זיי געגעבן נישט קיין לאַנד מיט באַשטימטע גרענעצן, נאָר אַ תורה מיט גאָר אַ

סך באַגרענעצונגען, וואָס זאָלן איינצאַמען דאָס מענטשלעכע אין מענטשן און אים דערהייבן צו דעם געטלעכן, צום נביאישן „מי יתן והיה כל עם ה׳ נביאים״ — וועגן דעם האָט ער געחלומט משה.

נישט קיין מלוכה־פאָלק מיט מלכים, קעמפער, הערשער, נאָר אַ נבואה־פאָלק מיט אַ תורה, מיט גאָר אַן אַנדער אידעאַל, אַן אידעאַל פון אַן אויסנאַם־פאָלק. נישט יענעם באַהערשן, נאָר זיך אַליין באַהערשן, איינצאַמען, גובר זיין אַלץ וואָס עס איז חיהש אין מענטשן, אַלע נידעריקע אינסטינקטן אין מענטשן און אים דערפירן צו געטלעכער הייליקייט. דערפאַר איז אין דער תורה אַזוי פיל „לא״ און „לא״ און ווידער אַמאָל „לא״ און „השמרו לכם פן יפתה לבבכם״ און גאָר נישט פון גלוסטונגען סתם און באַגערן, גאָר נישט פון אינסטינקטן, פון איינגעבאָרענע שטריכן. אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעל־קער, וואָס פאַרהייליקן די אינסטינקטן אויב זיי זענען פאַר גאָט. זיי שרייבן צו זייערע געטער מענטשלעכע גלוסטונגען און פאַרלאַנגען און גאָט מעג דאָך. און ביי יידן איז דער פאַרלאַנג אַריינצופלאַנצן אין מענטשן געטלעכע שטריכן און דערפאַר איז „לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם״ — נישט נאָכגעבן די באַגערן פון פליישענעם האַרץ און אויגן, נייערט „מה הוא רחום, אף אתה רחום״, — באַמי זיך איינצופלאַנצן אין זיך געטלעכע אייגנשאַפטן.

צוויי וועגן אין פאַרקערטע ריכטונגען — דאָס הימלישע צו דער ערד אָדער דאָס ערדישע צום הימל.

און ווען עס איז אויסגעקומען משהן צו פירן אַ געוויינטלעכע מלחמה (מיט עמלק), האָט די מלחמה געפירט נישט דער נביא משה, נייערט יהושע, בעת משה איז געשטאַנען מיט די הענט צום הימל, ווי דער תלמוד טייטשט עס אויס, געווענדט צום „אבינו שבשמים״.

און די ערשטע צייטן אין כנען, זיך באַזעצן אין לאַנד, באַקעמפן די שכנים. לגמרי נישט נבואה־אויפגאַבעס. דעמאָלט איז נישטאָ קיין נביא־פירער, עס זענען דאָ שופטים, כמו מלכים. איז טאַקע דאָס פאָלק נישט גע־ווען נביאיש. „ודבר ה׳ היה יקר מאד, אין הזון נפרץ״ דערציילט דער תנ״ך אין אָנהייב פון שמואלס קאַריערע (שמואל א׳, ג׳, 1). נישט געווען קיין נבי־אים, און דאָס פאָלק איז געווען נישט ווייט פון אַסימילירן זיך צווישן די אַרומיקע.

ערשט אין שמואלס צייטן האָט זיך אויפגעוועקט צוריק די נבואה (נישט אומזיסט זענען משה און שמואל שכנים, לויט דער טראַדיציע). עס גייט אַ קאַמף צווישן דעם דראַנג צו ווערן אַ מלוכהש פאָלק אָדער אפשר טאַקע אַ נביאיש פאָלק. עס איז באמת הערלעך שמואלס רעדע קעגן מלוכהשקייט. דער דראַנג צו מלוכהשקייט האָט געזיגט, אָבער דאָס פאָלק האָט איינגעהיט

די רעדע פון נביא מער ווי די מלוכהשקייט. שמואלס אידעאַל איז דאָס ייִדי־שע פאָלק זאָל זיין, זאָל ווערן צוריק דאָס נביאישע פאָלק. דאָס איז זיין אויפ־גאַבע און זיין ציל אויף דער וועלט. דאָס איז אין אַ צייט אַרום פאָרמולירט געוואָרן „לתקן עולם במלכות שדי". דאָס איז געווען און געבליבן דער נבי־אישער אידעאַל, און עס איז בלויז אַן איבערחזרונג פון דעם פריִערדיקן נבי־אישן אידעאַל פון „והיה באחרית הימים".

פאַרשטייט זיך, דאָס לעבעדיקע פאָלק איז קיין מאָל נישט דערגאַנגען ביז צו הייכן פון דעם נביאישן אידעאַל. מיר האָבן פריִער שוין געזאָגט, אַז די פאַרקערפּערונג פון אַן אידעאַל מוז אַלע מאָל זיין אַ סך קלענער, נידערי־קער, קנאַפּער איידער דער אידעאַל גופא. דאָס באַשאַפענע איז אַלע מאָל בלויז אַ צימצום פון דער אידייע און אַ צימצום מיט אַ סך פאַרשיידענע דע־פעקטן. דאָס לעבעדיקע פאָלק באַמיט זיך צו זיין ווי אַלע פעלקער, ככל הגויִמדיק ווייל זיין דאָס פאָלק. די נביאים ווילן עס נישט. קומט עס כסדר צו אַ קאָליזיע.

עס זענען שוין נישט איין מאָל געווען שונאי ישראל וואָס האָבן גענומען עדות קעגן אונדז, טאַקע אונדזערע נביאים גופא: זעט נאָר ס'אַר אַ שלעכט פאָלק דאָס איז! זעט ווי זייערע אייגענע נביאים גיסן אויף זיי שטראָף־רייד. אין דער אמתן איז עס אָבער פונקט פאַרקערט: די נביאים האָבן פון אונדז פאַרלאַנגט מער ווי פון אַלע אַנדערע פעלקער. „רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה". מיר זענען קיין מאָל נישט געווען ערגער פון אַנדערע פעלקער, אָבער קיין פאָלק האָט זיך קיין מאָל נישט געקאָנט גלייכן צו אונדז מיט די פאָדערונגען וואָס מיר אַליין, אונדזערע נביאים, דאָס געוויסן פון פאָלק האָבן געשטעלט צום אייגענעם פאָלק, צו זיך אַליין. אַלע האָבן שטאָלצירט מיט זייער שלעכטס, ווי מיט העלדישקייט, בלוט פאַרגיסן — דאָס העכסטע און דאָס שענסטע צום באַרימען זיך. נאָר אונדזער פאָלק, אָט דאָס זעלביקע וואָס די נביאים האָבן אַזוי געמוסרט, האָט נישט געקאָנט לאָזן בויען גאָטס הויז דעם טייערסטן קייסער, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט אין מלחמות מיט ייִדישע שונאים פאַרגאָסן אַ סך בלוט (דוד); נאָר אונדזער פאָלק האָט איינגעהיט טויזנטער יאָרן די ווערטער פון אַ נביא, אַז „ווער בעט אייך קומען צו גאָט, ווען אייערע הענט זענען פול מיט בלוט". נאָר אונדזער פאָלק האָט אָט די ווערטער פאַרהייליקט, ווייל זיי זענען געטלעך! אַנדערע פעלקער האָבן שטאָל־צירט מיט בלוט, און זייערע געטער האָבן פון די בלוט־פאַרגיסונגען אַנגע־קוואָלן. נאָר אונדזער פאָלק האָט פאַרהייליקט אַ נבואה־ליטעראַטור, נאָר אונדזער פאָלק שלאָגט זיך על חטא"!

און זיי ווילן אַרויסווייזן זייער צידקות מיט אונדזערע עבירות? ווער

זענען זיי וואָס האָבן אויף זיך גענומען, נעבעך, די שווערע מצוה צו שטראָפן אונדז פאַר אונדזערע עבירות?... אָט דאָ ליגט טאַקע דער תהום צווישן אונדז און זיי.

מיר האָבן פון אייביק אָן געזוכט די אייגענע עבירות און אויף אַנדערע געזוכט זכותים פאַר אמתע אָדער אויסגעטראַכטע מצוות; מיר שלאָגן זיך על חטא פאַר באַגאַנגענע און נישט־באַגאַנגענע עבירות, זיך שלאָגן מיר. זיי שלאָגן אַנדערע פאַר זינד וואָס זיי אַליין באַגייען מער און שטאַרקער. די קאַליזיע צווישן דעם יידישן פאָלק מיט זיינע נביאים איז ווייל דאָס לעבע־דיקע פאָלק איז מענטשלעך און עס איז אים שווער זיך אויפצוהייבן ביז צו די נביאישע הייכן. דער אידעאַל פון „מי יתן והיה כל עם ה׳ נביאים״ קען נישט שלום מאַכן מיט „נהיה ככל הגוים״. מיר זענען קיין מאָל נישט גע־ווען ערגער פון זיי, און ביים נביא רייסט זיך אַרויס „אם לא ביד חזקה״, וועל איך אייך מאַכן אַנדערש און דאָס וואָס איר ווילט „נהיה ככל הגוים״ וועט נישט זיין אויף גוואַלד. צו די נביאישע פאַרלאַנגען זענען מיר נישט דערגאַנגען, אָבער ביז צו אונדזערע שלעגער זענען מיר קיין מאָל נישט אַראָפּ־געפאַלן.

און ווען אַ נביא דערזעט אין גלות ווי עס זעט אויס אַ הערשער־פאָלק מיט זיינע מעכטיקע געטער, ביי דער נביא זיין שטימונג, בייט ער זיין טאָן. דער שטראָפער ווערט אַ טרייסטער: „נחמו, נחמו עמי״; ער ווערט אָן אָפּ־לאַכער פון דעם שטאַרקן הערשער־פאָלק מיט זיינע געטער. דער נביא האָט אויפן פאַל פון דעם הערשער־פאָלק דערזען און אָפּגעשאַצט גאָר אַנדערש זיין אייגן פאָלק. יאָ, אין פאַרגלייך מיט דעם ריינעם אידעאַל וואָס ביי די נביאים אין האַרצן איז דאָס פאָלק וויט פון פערפעקציע, איז דאָס פאָלק זינדיק, עם כבד עוון; אָבער אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער, רייסן זיך ביים נביא אַרויס שוין גאָר אַנדערע ווערטער: „ואתה ישראל עבדי, יעקב אשר בחרתיך, בחרתיך ולא מאסתיך״ און אַזוי ווייטער און ווייטער (ישעיה דער צווייטער, אין גלות בבל).

ווען מיר דאָ נישט פירן קיין חשבונות מיט די פעלקער־צדיקים פון דער וועלט; מיר וועלן אָנגיין ווייטער מיט דער קאַליזיע צווישן די נביאישע דראַנגען פון די נביאים און די פשוט־פעלקערישע, מלוכהשע דראַנגען ביים פאָלק. דאָס פאָלק איז ווי אַ קינד וואָס קען נישט אויסוואַקסן לויט די פאַר־לאַנגען פון די עלטערן, די מעשה קען דאָך קיין מאָל נישט זיין אַזוי פער־פעקט ווי די מחשבה. איז משהס אידעאַל וועגן אַ גאָט פון „לא תעשה לך כל פסל״ ביז דעם עגל הזהב, וואָס איז זיכער אַ קאָפּיע פון מיצרישע געטער; שמואלס חלום וועגן אַ פאָלק וואָס גאָט איז זיין מלך, ד״ה וועגן אַ געטלעך

פאָלק און דעם פאָלק וואָס וויל פשוט און פּראָסט אַ מלך ווי אַלע פעלקער; צווישן די געטער וואָס קענען טאָן וואָס זיי ווילן, ווייל כל דאלם גבר, און דעם גאָט פון אברהם וואָס אברהם דערלויבט זיך אים באַגרענעצן זיין מאַכט, ווייל חלילה לך השופט כל הארץ לא יעשה משפט! און אַזוי ציט זיך די קאָליזיע דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע. ווייל עס איז נישט ריכטיק אָנצונעמען אַז די נבואה איז ביי יידן בלויז איין תקופה, בלויז איין עפּיזאָד. ניין און ניין! אונטער געביטענע נעמען, מיט אַנדערע פאָרמען האָט די נבואה זיך נישט איבערגעריסן ביי אונדז. ווי די גמרא רופט עס אָן: „פושט צורה ולובש צורה״.

אין דער משנה פון אָבות ווערט אויסגערעכנט די טראַנספאָרמאַציע פון יידישקייט לויט דורות און תקופות אין אַזאַ סדר: משה גיט איבער זיינע אידעאַלן צו יהושען, יהושע גיט איבער די ז ק נ י ם. דאָ ווערן נישט דערמאָנט קיין שופטים. זיי זענען געווען די פּאָליטישע פאָרגייער פאַר די מלכים. צו די אידעאַלן פון אַ נביאישן פאָלק האָבן די שופטים אַ קנאַפּע שייכות. אין פּאָליטישן, קריגערישן לעבן פון דער שופטים־תקופה זעען מיר נישט די זקנים אויף דער אַרענע. אַרויסגעשטעלט זענען די שופטים. און דאָס פאָלק איז טאַקע געווען גאָר נישט ווייט פון אונטערגאַנג דורך אויסמישן זיך מיט די אַרטיקע שבטים און פעלקער. די זקנים גיבן איבער יידישקייט נישט צו די מלכים, נאָר צו די נביאים, נישט צו די פּאָליטישע הערשער, נישט צו די מלוכה־און מלחמה־פירער נאָר צו די נביאים, וואָס האָבן אייגנטלעך נישט קיין שום מאַכט. און עס גייט אַ גאַנץ העפטיקער קאַמף צווישן די נביאים און די מלכים: שאול און שמואל; דוד און נתן און גד; אחאב און אליהו, און אַזוי ווייטער און ווייטער!

די נביאים האָבן איבערגעגעבן יידישקייט צו די אנשי כנסת הגדולה. ווידער האָט דאָ די משנה אויסגעמיטן די פּאָליטישע הערשער. נישט די מאַכטהאָבער, נישט די מלחמה־פירער, אַפילו נישט די גרויסע העלדן, די מכביייער, נאָר די אנשי כנסת הגדולה. ווער זענען זיי געווען? — זיי האָבן זיך באַמיט אָט די אַנדערשקייט וואָס די נביאים האָבן געוואָלט, האָבן זיי געוואָלט פּראַקטיש דורכפירן. און זיי האָבן עס דערגרייכט אויף וויפל מען קען אַן אידעאַל דורכפירן. די משנה גייט נישט ווייטער. זי ענדיקט די טראַנספאָרמאַציע ביי איר צייט. אָבער מיר דאַרפן און מיר קענען ציִען ווייטער. האָבן מיר אויך ווייטער צווייערליי פירערס — גייסטיקע און פּאָליטישע. די נשיאים און תנאים; די ראשי גלותן און די גאונים אין בבל. און אַזוי ווייטער. די יידישקייט איז געגאַנגען דורך די גייסטיקע פירער, נישט דורך די פּאָליטישע. און זיי אַלע ביז אונדז זענען געווען טראַנספאָרמירטע יורשים פון די

נביאים, די ייִדישקייט — אַ טראַנספאָרמאַציע פון דער נביאישער ייִדיש־קייט.

אַזוי ווייט, אַז אונדזערע געשיכטע־שרייבער האָבן געקאָנט אַ טעות האָבן און אָנשטאָט די געשיכטע פון פאָלק שרייבן אַ געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור, פון דעם ספר, אָנשטאָט דעם „עם״ האָבן זיי געשריבן וועגן דעם „ספר״, וועגן די שריפטן, ווי אונדזער פאָלק וואָלט געהאַט בלויז אַ נשמה אָן אַ גוף.

ביי לייטן איז די געשיכטע זייערע אַ גאַנג פון מלחמות, נצחונות און מפּלות, דעראָבערונגען און פאַרלוסטן, לענדערייען און גרענעצן. ביי ייִדן איז די געשיכטע — אַ גאַנג, אַ שטראָם פון ספרים, פון שאַפונגען און אידייען, צרות און פּיין אָן אַ ברעג, און דאָס פאָלק אַליין פאַרנעמט זיך מיט תורה, מיט ספרים.

ביי לייטן — עס גייט אונטער אַ לאַנד, גייט אונטער דאָס פאָלק. ביי ייִדן — עס גייען אונטער לענדער, חורבנות פון ישובים, און דאָס פאָלק בלייבט. אָבער ווען עס גייט אונטער דער פּראָצעס פון ספרים־שאַפונג, דע־מאָלט גייט אונטער דאָס פאָלק. נישט אומזיסט האָבן די חכמי התלמוד אַזוי מורא געהאַט „שמא תשכח תורה מישראל״ — טאָמער וועט זיך אָפּהאַקן דאָס וואָס מען האָט גערופן לערנען — תורה — און עס איז געווען ספרים־פּראָדוקציע און ספרים־שטודירן.

— איך גיי דאָ נישט שאַצן וואָסער וועג איז בעסער און ריכטיקער, — יענער אָדער אונדזערער. איך מיין נאָר אונטערצושטרייכן אונדזער אַנדערש־קייט: אָט אַזוי זענען מיר נישט ווי אַלע. טאַקע „אלה ברכב ואלה בסוסים, ואנחנו בשם אלוהינו״. נישט אומזיסט האָט מען אונדז געקרוינט מיט דעם טיטול „עם הספר״ — מיר זענען אַ פאָלק נישט מיט לענדער, נישט מיט מדי־נות, נאָר מיט דעם ספר. אָבער נישט מיט דעם ספר וואָס שטייט אין שאַפע, אַפילו אין אָרון־קודש, נאָר מיט די ספרים וואָס מען האַלט כסדר אין לער־נען און אין פאַבריצירן נייע און נייע. נישט דער תנ״ך האָט אונדז פאַרשאַפט דעם בכבודיקן טיטול, נאָר דווקא דער אומבאַליבטער תלמוד און זיין דרך ווייטער און ווייטער. נישט די ספרים אין ביבליאָטעקן ווי רייכקייטן אין אייזערנע קאַסעס, נאָר די ספרים אין פּראָצעס פון שעפערישן לערנען. ווי קאַפּיטאַלן אין פּראָדוקציע.

אַ ייִדישער וויץ איז ווי להבדיל אַ תורה: ער כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן. דערציילט מען: אַז רב אין אַ שטעטל האָט דערהערט אַז עס גייט אַ מלחמה, האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין עדה: „וואָס, די גויִים שלאָגן זיך שוין ווידער, טאָ לאָמיר גיין, ייִדן, לערנען אַ בלעטל גמראַ״... מיר לעבן אַ ספרדיק לעבן.

די ענגלענדער וואָס זאָגן? אַז אייביק וועט זיין אַן ענגלאַנד, לענדער, מדינה, אימפעריע. און מיר ייִדן וואָס זאָגן? — כל־זמן עס וועט זיין הקול קול יעקב, וועלן די ידי עשו נישט האָבן איבער אונדז קיין שליטה (אַ גמרא). כל־זמן עס וועט לעבן דער ספר, וועט זיין אַ ייִדיש פאָלק. עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער ספר איז ביי אונדז דער במקום פון פאָטערלאַנד, די קאָנס־טיטוציע אונדזערע. גוט אָדער שלעכט, אָבער סיי ווי — „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ?״.

און וואָס וויל פון אונדז דער ספר? דער ספר וואָס פאַרבייט ביי אונדז פאָטערלאַנד און מלוכה? — ער וויל ווידער און ווייטער דעם נביאישן אי־דעאַל. זענען דאָס שפּעטע געוועזן תנאים, אמוראים, גאונים, רבנים, מטיפים, דרשנים, מוסרניקעס — אָבער עס איז געבליבן „צרכי הגוף של זולתי הם עניין הנשמה שלי״ — זאָרג פאַר די פיזישע באַדערפעניש פון צווייטן און דאָס וועט דערהייבן דיין נשמה (ר׳ ישראל סאַלאַנטער) צי איז עס נישט אַן איבערחזרונג פון דעם נביאס „שפטו יתום, ריבו אלמנה״ און דאָס איז דאָך געוועזן נישט סתם ווערטער פאַרשריבן אין אַ ספר, עס איז געוועזן אַ באַוועגונג אין פאָלק אַזאַ (מוסרניקעס). איז ביי אונדז דאָך געוועזן די שטרעבונג צו ווערן ווי ווייט מעגלעך געטלעך, נענטער צו גאָט דורך זיין וואָס מער מענטש־לעך.

און אַנטקעגן דעם וועלן מיר אַוועקשטעלן דאָס ברענען גופים פון לע־בעדיקע מענטשן, כדי צו ראַטעווען זייערע נשמות, ווי דאָס האָבן געטאָן מיט פאַרגלאָצטע אויגן פרומע פעלקער אין משך פון יאָרהונדערטער, אין נאָמען פון זייער גאָט פון רחמנות. — און מיר וועלן פאַר זיך דערזען צוויי קעגנ־זעצטע פאָלוסן — אַ נביאיש פאָלק אַנטקעגן מלוכהשע פעלקער.

זיי — אַלץ דאָ און איצט: די וועלט, עולם הזה; משיח — איז שוין דאָ, יום־טוב — פאַרגעניגן; לעבט — איצט, דער ציל דאָ און איצט.

ביי אונדז — משיח וועט קומען; יום־טוב — וואַרט אויף דעם יום שכולו טוב; דער ציל — באחרית הימים. דערווייל איז נאָר אַ פּרוזדור, אַ צוגרייטונג צום ליכטיקן לעתיד לבוא. דער עיקר פון לעבן — שטרעבן צו גוטס וואָס וועט קומען, וואָס מוז קומען. האָף און גלייב!

אמת, געוועזן ביי אונדז אויך עפּיזאָדישע שטרעבונגען, אַמביציעס גרויס־מלוכהשע, אימפּעריאַליסטישע. אָבער אונדזער געשיכטע איז אַוועק פאַרביי זיי, זיי האָבן נישט געלאָזט קיין קענטיקע שפּורן אין אונדזער געשיכטע, נישט אין אונדזער געשיכטע. האָט דאָס פאָלק זיין גרעסטן מלחמה־מלך (דוד) גאָר אַוועקגעזעצט פּסקענען שאלות און זאָגן תהילים; צום ספר ר׳ דוד! און ר׳ שלמה דאַרף פאַרגעסן זיין האַרעם און זיך זעצן שרייבן ספרים. אַזוי האָט

דאָס פאָלק געהייסן. און טאָמער האָבן די חשמונאים זיך נישט געוואָלט נע־מען, נישט געלאָזט זיך אַוועקזעצן ביים ספר, האָט מען זיי כמעט ווי פאַר־געסן, זיי פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער ספרדיקער געשיכטע פון אונדזער פאָלק...

אָט אַזוי איז אונדזער גאַנצער גאַנג דורך דער געשיכטע אַן אַנדערער, אַן אייגנאַרטיקער. צי בעסער אָדער ערגער — אָבער אַנדערש. שלא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם.

אָט דער געראַנגל צווישן צוויי אידייען — נביאיש פאָלק אָדער מלוכהש פאָלק — האָט זיך געצויגן ביי ייִדן יאָרהונדערטער. פריִער איז דאָס געווען צווישן די מלכים און נביאים, בולט, טראַגיש איז דער געראַנגל קענטיק ביי ירמיהו, מיט דער ריכטונג פון מלוכה אין זיין צייט. דער באַווייִנער פון חורבן איז געווען דער ערשטער בויער פון ייִדישקייט אָן אַ מלוכה, פון ייִדישקייט אין גלות. דער געראַנגל איז נישט קענטיק אין דער פּערסישער תקופה פון אונדזער געשיכטע, ווען קיין אייגענע, אומאָפּהענגיקע מדינה איז נישט געווען. און ווי אויף אַ ווונדער איז דאָס טאַקע געווען די שעפערישסטע תקופה אין אונדזער געשיכטע.

שפּעטער גייט דער געראַנגל צווישן די חשמונאים וואָס האָבן געבויט די מדינה, די מלוכה, דעם טראָן און צווישן די אנשי כנסת הגדולה און די בעלי התלמוד, וואָס האָבן געבויט אַ גייסטיקע מדינה; ייִדישקייט איז נישט פאַרבונדן מיט מדינות, עס איז אַ גייסטיקע אַנלאַדונג, וואָס יעדער איינער קען טראָגן מיט זיך ווו ער וועט זיין. און אָט די ייִדישקייט האָט זיך געשמידט אין גרופּעס וואָס האָבן געקוקט אויף דער מלוכה ווי אויף אַ בייז וואָס איז פאַרבייגייענדיק, יאָ — יאָ; נישט — איז נישט. חנוכה איז גרויסער מילי־טערישער נצחון, אָדער חנוכה איז אַ נס מיט הייליקן בוימל, די נצחונות גייען פאַרביי, — קדושה איז דויערנדיק; מיט נצחונות קען דאָס פאָלק נישט זיין אייביק, אָבער מיט קדושה — יאָ.

אַמבולטסטן זענען די צוויי אידייען קענטיק ביי די שומרונים און די ייִדן. די ערשטע זענען געווען אַ שטאַרקער ייִדישער שבט. גאָר די הייליקייט אין דער ערד, אין דעם לאַנד. צו אים איז מען צוגעבונדן, באַהעפט נישט אָפּ־צורייסן, גאָר די הייליקע אַנדערשקייט איז אין דער מאַטעריעלער הייליקייט פון לאַנד. אַזוי ווי פעלדזן פון הייליקן באַרג ענדערן זיך נישט, אַזוי טאָר זיך אויך נישט ענדערן דער אינהאַלט פון דער אַנדערשקייט פון ייִדישקייט. דיאַמעטראַל אַנדערש איז געווען די אידיי ביי די ייִדן: די גייסטיקע טערי־טאָריע איז אָפּהענגיק פון דער געאָגראַפישער. דער ריכטיקער וועג איז קענ־טיק היינט אין דעם פאַרגלייך היינט צווישן די שומרונים און די ייִדן.

מיט יאָרן צוריק האָט דער היינטיקער פּרעזידענט פון דער יידישער מדינה, לאַנג לעבן זאָל ער, געשריבן אין אַ בריוו צו די שומרונים (אין „דבר"): „עוד מעלה להם לעניו (זיי — די שומרונים — האָבן אַ מעלה קעגן אונדז, יידן, וואָס זיי האָבן זיך קיין מאָל נישט אָפּגעריסן פון לאַנד און אין גלות נישט געגאַנגען... אַך ווי ווי וואָלט געווען צו אונדזער פאָלק ווען מיר וואָלטן געטאָן ווי די שומרונים און נישט געגאַנגען אין גלותן, נישט געבויט קיין גלותדיקע יידישקייט. מיט אַלע צרות פון גלות! ווייל דער וואָס פאַרמאָגט אין זיך די גייסטיקע מדינה, די מלכות שדי, — דער איז גובר אין זיך דעם גלות, דער בלייבט פריי אַפילו אין גלות.

דער בולטסטער טרעגער פון דער אידייע פון גייסטיקער יידישקייט איז דער תלמודישער גלגול פון נביאישן ירמיהו — ר׳ יוחנן בן זכאי. דער באַוויינער פון חורבן, דער איינשטעלער פון דער תפילה „לשנה הבאה בירושלים" — ער האָט מיט תקנות און מיט נאָרמעס געבויט די יידישקייט פאַר די גלותן, די מלכות שדי־יידישקייט.

טויזנטער יאָרן האָבן יידן געקלאָגט אויפן חורבן... פון דער מלוכה אָדער פון בית־המקדש? ווערט די ערשטע, די מלוכה אין די קלאָגלידער כמעט נישט דערמאָנט, — דער בית־המקדש! לעשות חובותינו — דאָס איז דער עיקר!

מיר ציילן — ערשטער בית־המקדש, צווייטער בית־המקדש. די מלוכה אָבער, די מלכים די אייגענע, מיט אַן אייגענער יידישער קרוין, מיט אייגענע יידישע מטבעות — דאָס אַלץ איז ווי פאַרגעסן געוואָרן. ווער געדענקט זיי גאָר — די יידישע מלכים? דערמאָנט מען זיי כאָטש אַ הונדערט חלק ווי די תנאים און אמוראים?

גאָר אַנדערש איז די באַציִונג צו די שעפער פון דער גייסטיקער יידישקייט. מיט זיי רעכנט מען זיך ביז היינט ווי מיט היינטצייטיקע פירער, מען דיסקוטירט מיט זיי ווי מיט לעבעדיקע, ביי זיי פרעגט מען ווי ביי לעבעדיקע ווי זיך צו פירן אויך היינט, מיט זיי גייען מיר ווייטער און ווייטער אין דער געשיכטע פון פעלקער, זיי גייען מיט מיטן פאָלק אין לעבן, אין בית־מדרש, אין חדר און אין ישיבה. קיינע ביאָגראַפיעס זייערע דאַרף מען נישט — זיי זענען דען נישטאָ מיט אונדז תמיד? אין ליידן און אין פריידן? גייען זיי דען נישט צוזאַמען מיט לעבעדיקע יידן אין די פלאַמען, וואָס גוטע און פרומע, רחמנותפולע מלוכה־פעלקער צינדן אַן פאַר אונדז פרומערהייט, כדי צו ראַטעווען אונדזערע נשמות פון די גיהנום־פייערן? וואָרום אוודאי איז בעסער פאַר אונדז נעבעך, אַז זיי זאָלן ברענען אונדזערע גופים, איידער אונדזערע נשמות זאָלן זיך פּרעגלען אין פייער נאָכן טויט... אַז מען זאָגט רחמנות,

איז דאָך נישט שייך... גייען אונדזערע ספרים, אונדזערע שעפער אין פייער צוזאַמען מיט אונדז, די ספרים מיט לעבעדיקע ייִדן צוזאַמען, ווייל די ברע־נער ווייסן גאַנץ גוט אַז ביי אונדז לעבן די ספרים מיט די ייִדן און די ייִדן לעבן מיט די ספרים...

מאָדנע אַנדערשדיק זענען מיר טאַקע צווישן די פעלקער פון דער וועלט. מיר און אונדזער געשיכטע.

און נאָך עפּעס ליגט עס מסתמא אויך אין אונדזער כאַראַקטער: אונדזער אייביקער שולד־געפיל. אונדזער אשמנו, בגדנו, אונדזער על חטא, אונדזער בושנו מכל עם זענען דאָך נישט געקומען צו אונדז פון העלער הויט, סתם אַזוי, אונדזער כסדרדיקער מאַכן אַ חשבון־הנפש, אונדזער זוכן תמיד מצדיק את הדין צו זיין אויף זיך, אונדזער יאָגן זיך מען זאָל אונדז זאָגן אַ ביסל מוסר, וואָס אַפילו אַ ווילנער גאון האָט זיך געבעטן ביי אַ מגיד, אונדזערע מוסר־באַוועגונגען, אונדזער בעטן זיך מען זאָל אונדז געבן אַ תשובה, דאָס וואַרפן זיך ביי דער שוועל פון בית־מדרש מען זאָל שלאָגן מלקות. דאָס און נאָך אַ סך מער פון דעם אויסגערעכנטן, ווייס איך נישט צי עס איז עפּעס פון דעם פאַראַן ביי אַ צווייט פאָלק. איך ווייס נישט צי עס איז אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער שטריך, אָבער אַנדערש איז עס.

אַנדערש איז אונדזער באַציִונג צו בלוט: עס איז דאָך געווען גערעכט דער וואָס האָט געזאָגט אַז אַ ייִד איז דער וואָס האָט נישט קיין הנאה פון גיין אויף געיעג. דאָס איז דאָך די איידלסטע, די נאָבלסטע פאַרוויילונג ביי לייטן, ביי אַלעמען נאָר נישט ביי ייִדן. דאָס קענען אויסטראַכטן אויף אונדז אַ בלוט־בילבול באַרעכטיקט בלויז דעם מאמר „כל הפוסל במומו פוסל‟.

פאַראַן ביי אַלטע רוימער אַ שפּרוך: „איין מענטש צום צווייטן איז אַ וואָלף‟. אַ שפּרוך אַזאַ האָט קיין מאָל ניט געקאָנט זיך שאַפן ביי אונדזער פאָלק. דער ייִדישער באַגריף איז: דער מענטש איז נישט פיל ווייניקער פון גאָט דעם בורא און עס דאַרף דער מענטש זיך גלייכן צו זיין גאָט אין מידות און אין מעשים (יונגע יאָרן — י. י. שוואַרץ).

און וואָסער ייִד קען דאָס הנאה האָבן פון אַזאַ מין פאַרוויילונג ווי אָקסן־קאַמף?

איך ווייס נישט צי עס איז מעגלעך ביי אַ וואָסער עס איז אַנדער פאָלק, מען זאָל פאַרבאָטן דעם באַליבטסטן קייסער ער זאָל בויען אַ בית המקדש דערפאַר וואָס ער איז געווען אַזאַ גרויסער העלד אין מלחמות מיט די שונאים און האָט פאַרגאָסן זייער בלוט (דוד); איך ווייס נישט צי עס איז מעגלעך ביי פעלקער דער פאַרבאָט צו נוצן אייזן ביים בויען אַ מזבח, דערפאַר, ווייל פון אייזן מאַכט מען מאָרד־מכשירים.

איך ווייס נישט צי עס איז ריכטיק אַז „מפני חטאינו גלינו מארצנו״. אפשר וואָלט געווען ריכטיקער אַז „מפני אונדזער אַנדערשקייט״ האָט אונדז דאָס ייִדישע האַרץ נישט געלאָזן ווערן אַ גרויסמאַכט ביז צו זיין שטאַרקער פון אַנדערע שטאַרקע? עס איז געוויס אַז מפני אונדזער אַנדערשקייט האָט די ייִדישע טראַדיציע געהאַט אַזאַ קאַלטע באַציִונג צו די העלדישע חשמונאים און דאָס האָט טאַקע געבראַכט אַז די זעלביקע טראַדיציע זאָל אַזוי מינימיזירן זייער העלדישקייט און זי זאָל פאַרוואַנדלען די גרויסע גבורה און מלחמה־נצחונות אין אַ פשוטן, לעגענדאַרן נס מיט אַ קריגעלע בוימל. קען זיין אַז טאַקע אונדזער אַנדערשקייט פון כאַראַקטער האָט עס דערהויבן דעם יום־טוב פורים (גלותדיקע שתדלנות פון אַ שיינער „ייִדישקע״ ביי אַ שיכורן קייסער קעגן אַ העלדישן מסירת נפשדיקן קאַמף) איבער חנוכה. האָבן די חשמונאים באַשטימט דעם דרייצנטן טאָג אין אדר פאַר אַן אייביקן יום־טוב (יום ניקנור) ווי אַ גרויסן מלחמה־נצחון, האָט די טראַדיציע גענומען און באַשטימט דווקא דעם טאָג פאַר אַ תענית (אסתר־תענית). עס קען טאַקע זיין אַז „מפני אונ־דזער אַנדערשקייט״ זענען מיר אַוועק אין גלות: אין אַ וועלט פון רציחה און געטער וואָס באַלעקן זיך מיט דעם געשמאַקן טעם פון שונאימס בלוט, האָבן ייִדן נישט געקענט ווערן קיין שטאַרק פאָלק.

אונדזער אַנדערשקייט זעט זיך אַרויס אויך גאָר בולט אויף אַן אַנדער געביט. דאַכט זיך, אַ קלייניקייט ווי מען ווענדט זיך אַ מענטש צו אַ מענטשן. זענען פאַראַן אַנגענומענע פאָרמעס. זאָגט מען: מיסטער, סעניאָר, פאַן, הער, גאָספּאָדין — דאָס אַלץ ווערטער וואָס באַטייטן הערשאַפט, באַלעבאַטיש־קייט איבער אַנדערע. האָט אָבער די ייִדישע טראַדיציע גענוצט גאָר אַנדערע ווענדונגען — רב, רבי, מורנו, מורה מורינו, מורי ורבותי. די אַלע ווענדונ־גען זענען גענומען גאָר פון אַן אַנדער געביט — פון לערנען. ביי וועמען עס איז אַ כבוד דאָס פאַרמעגן, ביי ייִדן איז אַ יחוס די תורה. עס איז געוויס אַ גרויסער שאָדן און אַ פאַרדרוס, וואָס דאָס מאָדערנע העברעיִש אין ארץ־ישראל האָט פאַרביטן די רייך־ייִדישע ווענדונגען פון ר ב י אויף די גוייִשע ווענ־דונגען פון א ד ו ן און ג ב ר ת. די פסיכאָלאָגישע מאָטיוון פון דעם בייט זענען זיכער נישט קיין דערהויבענע. אָבער דאָס געהערט נישט אַהער.

איך מוז אָבער מאַכן אַ באַמערקונג פאַר מיין אייגענעם געוויסן:

מיר שטייען איצט אין אַ צייט, וואָס איז אַ צווישנצייט, אַ מין בין הזמנים, ריכטיקער אַ בין התקופות. עס האָט זיך געענדיקט די תלמודיש־שטעטלשע תקופה מיט אַלע אירע סוב־תקופות. מיר גייען אַריין אין אַ נייער תקופה פון אונדזער געשיכטע. מיר ווייסן נאָך גאָרנישט ווי זי וועט אויסזען. אַ פּאָר זאַכן זענען קלאָר: זי איז אַן אורבאַנישע; מיר זענען געוואָרן אַ פאָלק

פון גרויסע שטעט; מיר לעבן איצט אין דירעקטער שכנות מיט הערשנדיקע פעלקער, אומעטום אין די זעלביקע שטעט און אין די זעלביקע גאַסן, אין די זעלביקע הייזער; דאָס איז אַלעמאָל ביז איצט געווען אַ גרויסע סכנה פאַר אונדזער אַנדערשדיקן קיום; מיר פאַרנעמען זיך מיט די זעלביקע פּראָפעסיעס, אויף די זעלביקע עקאָנאָמישע אָפּאָזיציעס, צוגלייך מיט אַלע בירגער פון הויפּטפאָלק; מיר האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ באַזונדערער סאָציאַלער קלאַס צווישן די קלאַסן פון הויפּטפאָלק; מיר זענען אַריין אין דעם גרויסן ראָד פון אַלגעמיינעם סאָציאַלן לעבן פון דער גרויס־פּראָדוקציע; מיר זענען אַריין אין אַ תקופה פון פאַרזיכיקע מדינות, צענדליקער נייע מדינות פון נייע קוים דערוואַכטע פעלקער, וואָס הייבן אָקאָרשט אָן זייער געשיכטע ווי פעלקער.

איז שווער זיך פאָרצושטעלן ווי מיר וועלן ווייטער קענען לעבן „עם לבדד ישכון" אָן אַן אייגענער, באַזונדערער מדינה. קען זיין, אַז היינט, איצט, אין דער נייער תקופה איז אונדזער יונגע, קליינע מדינה אַ רפואה פאַר דער מכה. קען זיין, אַז די „חבלי מדינה" זענען טאַקע די „חבלי משיח", וואָס מען האָט אונדז פאָרויסגעזאָגט. איך האָב אין דעם קאַפּיטל זיך פאַרנומען בלויז מיט אונדזער געשיכטע ביז היינטיקער צווישנצייט. וואָס עס שטייט אונדז פאַר ווייטער — לא נביא אנוכי ולא בן נביא.

יחידישע און ציבורדיקע ייִדישקייט

די פאַרהעלטעניש צווישן דעם כלל מיט די פּרטים וואָס געהערן צו אים זענען לגמרי נישט אַזוינע פּשוטע ווי מען קען מיינען. ווייט נישט אַלעמאָל איז אַ סכום פון יחידים שוין דערמיט אַליין אַ ציבור, אַ כלל. טויזנטער בהמות צונויפגעטריבן אין איין אָרט זענען נישט קיין סטאַדע; טויזנטער ייִדן צונויפגעטריבן דורך די דייטשן אין איין לאַגער זענען נישט קיין קהילה; טויזנטער ביימער זענען נאָך נישט קיין וואַלד. כדי פון די ביימער זאָל ווערן אַ וואַלד, דאַרף אין זייער סביבה, אין דעם אָרט ווו זיי געפינען זיך געשאַפן ווערן עפּעס אַזוינס וואָס קיין באַזונדערער בוים פאַר זיך פאַרמאָגט עס נישט. ווען מען זאָל נעמען מיליאָנען ביימער און נעמען גענוי די אינדיווידועלע סימנים פון יעדער בוים, זיי כּפלען אויף דעם סכום ביימער, וועט נאָך אַלץ נישט ווערן קיין וואַלד, ווייל דער וואַלד ווי אַזאַ פאַרמאָגט נאָך זיינע כּללישע סימנים, וואָס עס שאַפן זיך ערשט אין דער געמיינשאַפט וואַלד. און אָט די געמיינשאַפט ווירקט אויף די יחידים פון דעם קאָלעקטיוו. אַ סאָסנע וואַקסט אַנדערש ווען זי איז אַליין און זי וואַקסט לגמרי אַנדערש אין געדיכטעניש פון וואַלד. פּונקט אַזוי ווי יעדער סאָסנע באַזונדער העלפט שאַפן די געמיינשאַפט וואַלד, — אַזוי פאַרקערט ווירקט דער קאָלעקטיוו וואַלד אויף דעם געשטאַלט און אויף דעם לעבן פון יעדער בוים באַזונדער. דער יחיד איז אַ טייל פון דעם ציבור, אַ טיילווייזער שעפער פון ציבור, אַזוי איז אויך דער ציבור אַ פורעמער פון יעדער יחיד באַזונדער. אַ ים באַשטייט פון טראָפּנס וואַסער, אָבער דער סכום אייגנשאַפטן פון אַלע טראָפּנס אין ים איז דאָך אַ סך ווייניקער ווי דער סכום אייגנשאַפטן פון דעם ים ווי אַזאַ. אַ כלל — אַ קאָלעקטיוו איז אַ סך מער ווי דער סכום קאָמפּאָנענטן זיינע.

און אין דעם איז דער גרויסער אונטערשייד צווישן פאָלק און ערב רב. אַמאָל קען אַן ערב רב זיין צאָלרייכער, פאַרמאָגן מער יחידים ווי אַ פאָלק און דאָך איז ער נישט מער ווי אַן ערב רב. דאָס איז דער אונטערשייד צווישן המון און מאַסע. אַ מנין באַשטייט פון צען ייִדן, אָבער ווייט נישט אַלעמאָל איז אַ צענדליק ייִדן שוין דערמיט אַליין אַ מנין. פ אָ ל ק איז אַ סך מער ווי דער פּשוטער סכום מענטשן וואָס געהערן צו אים. עס איז אַ געמיינשאַפט, ווי מען רופט עס אין דער ביאָלאָגיע, און דאָס איז דאָס פאָלקישע, וואָס ווערט געשאַפן ערשט אין קאָלעקטיוו. דער ציבור, די געמיינשאַפט ווערט

תמיד געשאַפן, צונויפגעשטעלט פון יחידים, אָבער אין ציבור פאַרמאָגט יע־דער יחיד מער ווי דאָס יחידישע. אַ פאָלק איז אַ פאָלק נאָר ביז ווען די יחי־דים וואָס געהערן צו אים פאַרמאָגן עפּעס פאָלקישעס, וואָס דער קאָלעקטיוו איז משפּיע אויף דעם יחיד אין דעם מאָמענט ווען די יחידים פון פאָלק פאַר־לירן דאָס פאָלקישע, הערט אויף דאָס פאָלק צו זיין אַ פאָלק, עס איז נישט גענוג צו ציילן די צאָל ייִדן אין אַ לאַנד! עס איז נישט אין פאַרגלייך וויכטי־קער צו קענען מעסטן דעם סכום ייִדישקייט וואָס עס טראָגט אין זיך, אין זיין לעבן יעדער יחיד פון כלל, יעדער ייִד פון דעם ישוב. אַ תפילה בציבור פון אַ קליינעם מנין איז מער און וויכטיקער ווי די זעלביקע, אָדער ענלעכע תפילה פון אַ סך אַ גרעסערער צאָל יחידים דאַוונער. „כל ישראל יש להם חלק" — יעדער ייִד טראָגט אין זיך אַ חלק, אַן עלעמענט ייִדישקייט, און נאָר דורך דער דאָזיקער פאָלקישער אָנלאָדונג מיט ייִדישקייט וואָס יעדער ייִד טראָגט, ווערט דער סכום ייִדן אין געגעבענעם אָרט אַ כלל, אַ פאָלק. וואָס מער ייִדיש־קייט עס טראָגט אין זיך יעדער ייִד באַזונדער, אַלץ מער, אַלץ שטאַרקער איז דער ציבור, דער כלל ייִדן, דאָס פאָלק. עס איז אַ קעגנזייטיקע השפּעה — די יחידים אויפן כלל און דער כלל געשטאַלטיקט די יחידים. איז די השפּעה פון כלל ייִדן אויף די יחידים נישטאָ, איז אין די באַזונדערע ייִדן נישטאָ קיין ייִדישקייט, הערט אויף דאָס פאָלק צו זיין אַ פאָלק.

וואָס זשע ווערט פון אַזוינע ייִדישע ישובים וואָס פאַרלירן זייער פאָל־קישקייט? וואָס ווערט פון די ישובים ווו די באַזונדערע ייִדן הערן אויף צו פאַרמאָגן ייִדישקייט?

וואָס ווערט מיט אַ פעלדז וואָס וויטערט אויס? ווען זיינע באַזונדערע זעמדעלעך פאַרלירן דעם צעמענט וואָס באַהעפט זיי? — דער שטיין ווערט צעשאָטן, דער פעלדז ווערט אַ באַרג זאַמד. דער זאַמד טראָגט זיך מיט ווינטן, מיט שטראָמען אין גאַנצן פּאַסיוו. וואָס ווערט מיט דער שענסטער וואַזע וואָס צעברעכט זיך אויף פּיצלעך, שערבלעך? אַלע שטיקלעך זענען פאַראַן, אָבער קיין וואַזע איז שוין נישטאָ. דאָס איז אויך דער גורל פון אַ פאָלק וואָס זיינע יחידים פאַרלירן זייער פאָלקישקייט; דאָס איז דער גורל פון יעדער ייִדישן ישוב אָן ייִדישקייט. דאָס איז דער פּראָצעס פון אויסוויטערונג, דאָס איז דער פּראָצעס פון אויסייִדישונג. פאַראַן ישובים וואָס האָבן זיך נאָר וואָס גע־שטעלט אויף דעם וועג פון אויסייִדישונג, און פאַראַן ישובים וואָס שטייען שוין ביים סוף פון דעם פּראָצעס. און וויפל אַזוינע ישובים עס זענען שוין אונטערגעגאַנגען און זיי זענען אָפּגעמעקט געוואָרן ווי ייִדישע ישובים? און פאַרוואָס זענען זיי אונטערגעגאַנגען? — דאָס איז דערפאַר וואָס די יחידים־ייִדן אין דעם ישוב האָבן פאַרלוירן זייער ייִדישקייט, זייער ציבורדיקע אָנלאָ־דונג, זייערע פאָלקישע אינטערעסן און כלל־ייִדישע קולטור־עלעמענטן. און

אַזוינע אויסגעייִדישטע ישובים זענען דאָס געגליכן צו אויסגעוויטערטע פעלדזן. זיי צעפאַלן אויף באַזונדערע יחידים — עלעהיי זעמדעלעך, וואָס טראָגן זיך מיט ווינטן, מיט שטראָמען, מיט שטורעמס, וואָס קלעפּן זיך צו צו פרעמדע פּיס וואָס טרעטן אויף זיי. קיין פאָלק איז שוין דאָרטן נישטאָ.

אָבער וואָס איז עס עפּעס אַזוינס אָט די ייִדישקייט וואָס צעמענטירט דאָס ייִדישע פאָלק? וואָס באַהעפט ייִד צו ייִד, און אַלע ייִדן אין איין כלל — פאָלק?

עס איז לגמרי נישט גרינג צו דעפינירן דעם מהות פון ייִדישקייט. און אפשר טאָר מען עס גאָר נישט דעפינירן. שוין די גמרא נוצט דאָ אַ וואָרט מ א ס ת ו ר י ן, עפּעס מיסטעריעזעס איז דאָ פאַראַן, עפּעס וואָס לאָזט זיך נישט באַשטימען, דעפינירן קלאָר, צוויי מאָל צוויי.

אין יעדן פּראָצעס, אין יעדן לעבן, אין יעדן שעפערישן אייגס זענען פאַראַן צוויי עלעמענטן: איינער איז אַ מאַטעריעלער, מען זעט אים, מען פילט אים, ער האָט אַן אויסזען און אַ פאָרעם. דער צווייטער איז פאַרהוילן און פאַרבאָרגן. דאָס איז דער גוף און די נשמה אין יעדער זאַך. די ייִדישע טראַדיציע שיידט עס אונטער צווישן דעם נ י ג ל ה און דעם נ י ס ת ר — דאָס אָפּגעדעקטע און דאָס פאַרבאָרגענע. יעדע שאַפונג איז אַ פּראָדוקט פון עפּעס אַן אידעע, עפּעס אַ געדאַנק, אַ פאַרלאַנג, אַ חלום. די שאַפונג איז דער ניגלה, דאָס פון וואָס די שאַפונג איז אַ פּראָדוקט — דאָס איז דער ניסתר. עס איז סוף מעשה, איטלעכער אויפטו האָט זיין מקור אין געדאַנק און אין פאַרלאַנג, און דעם ניסתר. ער ענדיקט זיך נישט מיט דעם מאָמענט ווען די שאַפונג איז פאַרטיק. דער ניסתר און דער ניגלה עקזיסטירן ווייטער איינ־צייטיק. דער ניסתר אַנטפּלעקט זיך אין דעם ניגלה, די נשמה זעט זיך אַרויס אין דעם גוף. אָן דעם גוף בלייבט די נשמה „ערטילאין“, ווי עס רופט דאָס די גמרא. אָן דעם ניגלה ווערט דער ניסתר אויס, טויט. דער ניסתר לעבט אין דער ניגלה. אָבער דער ניגלה איז אַלע מאָל קלענער, באַגרענעצטער פון דעם ניסתר. דער געדאַנק, געפיל און פאַרלאַנג האָבן נישט די גרענעצן וואָס עס האָט דער ניגלה, וואָס דאַרף דאָך זיך אויסדריקן אין עפּעס מאַטעריעלס, און מאַטעריע האָט גרענעצן און זי שאַפט גרענעצן פאַרן שעפער. אַפילו גאָט אַליין איז נישט געווען צופרידן מיט דער וועלט וואָס ער האָט באַשאַפן.

מען קען און מען מעג דעפינירן דעם ניגלה, מען זעט עס, עס איז אין דעם געגעבענעם מאָמענט סטאַביל, עס האָט זיינע פאָרמעס. מען קען אָבער נישט דעפיניִרן דעם ניסתר וואָס האָט געבאָרן דעם באַטרעפנדיקן ניגלה. דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס איז קיין מאָל נישט געענדיקט, קיין מאָל נישט באַשטימט. דערפאַר טאָר מען נישט דעפינירן דעם ניסתר. די דעפיניציע וואָלט עס אָפּ־געטייט, געענדיקט. אַ פּראָצעס וואָס איז אָפּגעשטעלט איז דאָך שוין נישט קיין פּראָצעס, טויט. עס האָט אַמאָל געזאָגט אַ פיזיקער, אַז דאָס לעבן פון דער

וויסנשאַפט איז אין דעם שטרעבן צום וויסן. אין דעם מאָמענט ווען דאָס וויסן איז שוין דערגרייכט, איז די וויסנשאַפט שוין געשטאָרבן, טויט (סאָדי). און אויב דאָס האָט געקאָנט געזאָגט ווערן בנוגע צו אַן עקזאַקטער וויסנשאַפט, הײנט בנוגע צו הומאַניסטישע געביטן — על אחת וכמה.

ייִדישקייט איז פון אָנהייב אָן געשטעלט געוואָרן ווי אַ ניסתר. נישט אומזיסט האָט שוין משה פאַרבאָטן אָנצורופן גאָטס נאָמען. אַ נאָמען איז אַ דעפיניציע, און פונקט ווי גאָט איז נישט צום דעפינירן, אַזוי איז אויך ייִדיש־קייט נישט צו באַשטימען. דעם ייִדישן גאָט האָט שוין משה געוואָלט פאַר־בינדן מיט זיין פאָלק ווי דאָס מיסתורין צו דעם ניגלה — דאָס אומדעפי־נירטע און אומדעפינירבאַרע מיסתורין צו דעם ניגלה אין פאָלק.

די מערהייט פון ייִדן האָט שוין דעמאָלט עס נישט געקאָנט באַגרייפן און פאַרלאַנגט אַ מאַטעריעלן גאָט, אַ קאָנקרעטן, אַ באַשטימטן. זאָל זיין אַ קאַלב פון גאָלד, אָבער אַ גאָט! דעם „איה אלוהיהם״? ווו איז גאָט, אין וואָס? האָבן געזאָגט נישט נאָר גויים. דאָס האָבן אויך ייִדן געפרעגט. ייִדישקייט האַלט זיך ווי באַקאַנט, על שלושה דברים — על התורה ועל העבודה ועל גמילת חסדים. אַזוי איז עס פעסטגעשטעלט אין גמרא (פרקי אבות). אַלע דריי עלעמענטן זענען ניגלה. עס איז דאָך נישט אָן אַ סיבה, וואָס אַ פאָלק, ביי וועמען תלמוד תורה איז אין משך פון אַן אייביקייט געווען „כנגד כולם״ — וויכטיקער פון אַלץ, האָט דאָך געוויכט פון פילאָסאָפיע. עס איז דאָך דערגאַנגען ביז דירעקטע פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט טעאָלאָגיע. עס איז געווען אַ געפיל און אפשר אַ באַוווסטזיניקער פרינציפ, אַז דער ניסתר, דאָס מיסטעריעזע דאַרף בלייבן ניסתר, מען טאָר גאָר נישט פאַרלאַנגען עס צו פאַרוואַנדלען אין ניגלה, דאָס צו דעפינירן, באַשטימען. דאָס וואָלט גע־ווען אַ מין זוכן דעם סוף פון דעם אין־סוף. דער ניגלה איז דאָך בלויז אַ צימצום פון דעם ניסתר, דער צימצום איז און מוז זיין אומפערפעקט, די מעשה איז בלויז אַ שטרעבונג צו דער מחשבה, וואָס איז קיין מאָל נישט מעג־לעך צו פאַרקערפערן. און דערפאַר איז אויך נישט מעגלעך און מסוכן צו דע־פינירן דאָס אומבאַגרייפלעכע, דעם אין־סוף, וואָס די גאַנצע וועלט איז בלויז דער סופיקער צימצום זיינער.

דערפאַר איז די גאַנצע אומענדלעכע אָנשטרענגונג פון גאַנצן פאָלק געווענדעט געוואָרן אין אַן אַנדער ריכטונג — צו פערפעקציאָנירן דעם מענטשן. ת ו ר ה איז דאָך נישט ח כ מ ה און נישט מ ד ע. תורה איז אָנווייזונגען ווי צו לעבן, ווי זיך צו פירן, ווי זיך צו דערהייבן, צו דער־נענטערן זיך צו דעם אין־סוף. „מה הוא רחום, אף אתה רחום״. וויסנשאַפט (חכמה און שפּעטער — מדע) איז דערפאַר ביי ייִדן געווען פאַררעכנט פאַר בלומען, וואָס גיבן אָבער נישט קיין פרוכט, וואָס לערנען נישט אויס דעם

מענטשן זיך צו פאַרבעסערן, ווי צו סובלימירן(אויף היינטיקן לשון געזאָגט) זיינע נאַטירלעכע דראַנגען (רבי יהודה הלוי).

דאָס און נאָך עפּעס. חכמה, מדע, פילאָסאָפיע, חכמת הניסתר קען מען מקיים זיין ביחידות; דאָס איז אַן ענין פון דענקען, און דענקען קען מען דאָך אַליין. ייִדישקייט אָבער — תורה, עבודה און גמילת־חסדים — דאָס איז בלויז ציבורדיק, בלויז אין געזעלשאַפט קען מען עס מקיים זיין. אַזוי איז די צווייטע דעפיניציע פון פּרקי אבות „על האמת ועל הדין ועל השלום" — אויך די עלעמענטן קענען זיין בלויז אין געזעלשאַפט. בכן — ייִדישקייט אַן ענין פון ציבור, נאָר בציבור איז מעגלעך ייִדישקייט.

אַחוץ די צוויי יסודות פון ייִדישקייט איז פאַראַן אַ דריטער — ואהבת; אהבה — ליבע, געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט, ליב האָבן. אין דער תורה הייסט עס ליב האָבן גאָט (קריאת שמע). אין משך פון תקופות איז דאָס געוואָרן — אהבת ישראל. ווידער אַמאָל באַהעפטן דעם פּרט צום כלל דורך עמאָציע. די אהבה קען נישט קומען ווי אַ מצווה, זי איז אַ תולדה, אַ פּראָדוקט ווידער פון מעשה: דורך געטרייקייט צום ייִדישן שטייגער, ווערט מען מיט אים איינגעוווּינט, צוגעבונדן און עס ווערט ליב. „דער רויך פון פאָטערלאַנד איז זיס און אָנגענעם" האָבן די רוסן אַ באַליבטע ציטאַט. צו אהבת ישראל קען מען קומען דורך מעשי־ישראל — דורך ייִדישער פירונג און שטייגער. דערפאַר איז מנהג ישראל דין הוא; דערפאַר הייסט הילל גיין און זען ווי דאָס פאָלק פירט זיך. דערפאַר דערציילט מען פון ר' שמואל מאָהילעווער, ער זאָל האָבן געזאָגט צו בן יהודה: „איך בעט אייך, רעדט ווי אַלע ייִדן רעדן". דערפאַר זאָגט עס אַ קלוגע גמרא עטוואָס פאַרשטעלט, אַז: „מיום שחרב בית המקדש, אין לו להקב"ה בעולמו אלא ארבע אמות של הלכה בלבד" (ברכות, ח' א').

דערפאַר זאָגט אַ צווייטע גמרא: „מה כושי משונה בעורו, כך ישראל משונים במעשיהם מכל האומות (מועד קטן, ט"ז, ב'). דווקא די מעשים, דער שטייגער — ער פאַרקניפּט און פאַרבינדט די יחידים פון פאָלק אין איין ציבור. אַ מדרש (איכה רבתי, פתיחתא כ') זאָגט, אַז ווען די ייִדן זענען אַרויס פון מצרים האָט מען זיך געהאַלטן אין איין קריגן, ערשט ווען זיי האָבן באַקומען די תורה, זענען זיי געוואָרן איין פאָלק.

דער אַלגעמיינער כלל אין ייִדישקייט — דער פרימאַט פון דער גאַנצער ייִדישקייט איז נישט גאָט נאָר דאָס פאָלק, דאָס פאָלק אין זיין גאַנצקייט. אויך דאָס האָט געווירקט מען זאָל אָנשטאָט פילאָסאָפיע זיך פאַרנעמען מיט תורה, מיט מעשים, שטייגער, הלכה. מיט איין וואָרט — ייִדישקייט אָדער ווי מען קען עס רופן — ייִדישע רעליגיע איז אַ רעליגיע פון קאָלעקטיוו פאַרן קאָלעקטיוו־פאָלק. בעת אַן אַנדער רעליגיע, אַ שטיפטאָכטער פון ייִדישקייט

ווייל יעדער איינעם באַזונדער ראַטעווען פֿון גיהנום־פֿייער. דערפֿאַר זענען צען בטלנים, וואָס זאָרגן נישט פֿאַר דער וועלט עשׂרה בטלנים, אָבער נישט קיין מנין, צען יחידים אָבער נישט קיין ציבור. און עס איז צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס: די אַנדערע רעליגיע איז די פֿאַרבינדונג צווישן יעדן יחיד באַזונדער מיט גאָט. די ייִדישע רעליגיע (אָדער ייִדישקייט) איז די פֿאַרבינדונג צווישן יחיד און דעם כּלל — דעם פֿאָלק. איז אשרי האיש — ווייל איז דעם מענטשן וואָס זיינע פּריוואַטע אינטערעסן פֿאַלן צונויף מיט די אינטערעסן פֿון פֿאָלק. ער דינט זיין פֿאָלק און דאָס זענען אויך זיינע פּערזענלעכע אַמביציעס. אָבער עס טרעפֿט זיך אויך אָפּט, אַז די אינטערעסן צעגייען זיך — די פּריוואַטע, יחידישע ציִען אין איין ריכטונג און די פֿאָלקישע נייטיקן זיך אין אַ צווייטער ריכטונג. על פּי רוב ליידן די אינטערעסן פֿון כּלל — פֿון פֿאָלק: זיי זענען דאָך די שוואַכערע, שוואַכער ווי די עגאָיִסטישע, פּערזענלעכע. עס טרעפֿט אויך (און צום באַדויערן גאָר נישט זעלטן), אַז די פֿאָלקישע אינטערעסן ווערן אויף אַ גאַנץ האַמעטנעם אופֿן סובאָרדינירט צו די פּערזענלעכע. איינע פֿון די פֿאָרמען איז דאָס אויסנוצן די כּלל־אינטערעסן, כּדי זיך אַרויפֿצוהייבן אויף די העכסטע שטאַפּלען פֿון באַרימטקייט וכדומה. אָפּטער אָבער רייסן זיך אַזוינע מענטשן אַרויס פֿון דער פֿאָלקישער דיסציפּלין. ביי אַנדערע פֿעלקער ווערן די דאָזיקע מענטשן געצוווּנגען דורך דער מאַכט: זיי מוזן טראָגן אַלע פֿליכטן פֿון ציבור געצוווּנגענערהייט. ביי ייִדן איז דאָך אַזאַ מלוכה־צוואַנג נישטאָ. נישטאָ קיין דרויסנדיקער צוואַנג צו געהערן צום ייִדישן פֿאָלק און אַז עס איז אויך נישטאָ קיין אינעווייניקסטער דראַנג, קיין אהבֿת־ישׂראל, קיין אינטערעס, דעמאָלט צעשיטן זיך אַזוינע ייִדן, זיי רייסן זיך אָפּ פֿון קאָלעקטיוו, ווי מאַ־לעקולן פֿון דאַמף וואָס שטרעבן צו דערווייטערן זיך פֿון אַנאַנד. דעמאָלט ווערט דער ישוב, דער קיבוץ אויס פֿאָלק, אויס קאָלעקטיוו. באַזונדערע יחידים וואָס קיין כּלל זענען זיי נישט. געגליכן זענען זיי צו אַן אויסגעוויטערטן שטיין, צעשאָטן אויף די באַזונדערע זעמדעלעך, וואָס האָבן פֿאַרלאָרן דעם צעמענט וואָס באַהעפֿט זיי צו ווערן אַ פֿעלדז. ייִדן זענען זיי, אָבער נישט קיין ייִדיש פֿאָלק, נישט קיין ציבור. אָן ייִדישקייט איז ניטאָ קיין ייִדנ־טום. דאָס איז דער פּראָצעס פֿון אויסייִדישונג. דער פּראָצעס צעשטערט אונדזער פֿאָלק מער ווי אַלע דרויסנדיקע צרות. דער פּראָצעס גייט שטאַרקער דאָרטן וווּ עס זענען נישטאָ קיין דרויסנדיקע באַריערן, ניטאָ קיין צאַמען וואָס האַלטן דעם ייִדישן יחיד אין זיין כּלל. דערפֿאַר איז ייִדישע שעפֿערישקייט אַלע מאָל געגאַנגען שטאַרקער אין יענע לענדער און אין יענע סיטואַציעס ווען דרויסנדיקע פֿאַקטאָרן האָבן שווערער געמאַכט די אויסייִדישונג. די שעפֿערישסטע תּקופֿות זענען, — בבֿל, פּערסישע תּקופֿה פֿאַרצייטנס און מזרח־אייראָפּע אין דער נייער און נייעסטער צייט. אין דירעקטער שכנות מיט די

הערשנדיקע פעלקער אָן וואָסערע עס זאָל נישט זיין אָפּצאָמונגען גייט די אויסיִידישונג שטאַרקער און גיכער, ווי דאָס איז געשען אין צפון־איטאַליע, נאָך דעם ווי דאָס לאַנד האָט זיך באַפרייט פון עסטרייך. די עטאַפּן פון פּראָצעס זענען בערך אַזוינע אומעטום:

1) פאַרלירן די כלל־יידישע קולטור און שפּראַך, סימפּאַטיע, ייִדישע עמאָציעס; 2) פאַרלירן די כלל־ייִדישע אינטערעסן, די באַהעפטונג פון פּרט צום כלל; 3) צעשטויבונג, יידן זענען דאָ, אָבער קיין ייִדישקייט, קיין שום שעפערישקייט און אַקטיווקייט איז מער נישטאָ; 4) לעצטער עטאַפּ — די קינדער פאַרגעסן זייער ייִדישן אָפּשטאַם.

דער לעצטער עטאַפּ קען אויך אַמאָל נישט קומען, — ווי די אַרומיקע סביבה פון הערשנדיקן פאָלק זאָגט זיך אָפּ אויפצונעמען די געוועזענע יידן. דער אָפּזאָג קען קומען אויף פאַרשיידענע אופנים, לויט דעם כאַראַקטער פון באַטרעפנדיקן פאָלק אין געגעבענעם לאַנד...

דורך דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע ציט זיך אַט דער קאַמף צווישן די יחידישע אינטערעסן פון יעדן ייִד באַזונדער און צווישן די אינטערעסן פון דעם פאָלק. ייִדן ציט עס צו אויסיִידישונג, עס איז שווער צו זיין אַ ייִד, עס איז נישט אין פאַרגלייך גרינגער צו גיין מיט די גרויסע שטראָמען. אין אַלע לענדער, וווּ נאָר דאָס לאָזט זיך, גייען טאַקע יידן ביסלעכווייז אַוועק פון ייִדישקייט. אַט וועגן דעם געראַנגל צווישן ייִדן און ייִדישקייט גאָר ביים סאַמע אָנהייב דערציילט אַ לעגענדע, אַז יידן האָבן ביים באַרג סיני לגמרי נישט געוואָלט נעמען די תורה, באשר גאָט האָט זיי געצווונגען, כפה עליהם הר כגיגית און האָט זיי געזאָגט: אָדער איר נעמט אָן מיין תורה, צי איר ווילט יאָ צי איר ווילט נישט, אָדער דאָ וועט זיין אייער קבורה... האָבן די יידן נעבעך נישט געהאַט קיין עצה, האָבן זיי געמוזט אָנעמען די תורה... אַזוי דערציילט די קלוגע אגדה. אָננעמען האָט מען געצוווּנגען, אָבער שפּעטער זי האַלטן, אויספירן, — דאָס איז דאָך שוין עפּעס אַנדערש. און איז דען עזראַן און נחמיהן אָנגעקומען גרינג איינצופלאַנצן ייִדישקייט (די תורה) אַ צווייט מאָל? און איז דען ביז היינט די תורה־ייִדישקייט נישט קיין יאָך, עול תורה?

משה איז געווען אַ גרויסער טרוימער, האָט ער געוואָלט אין זיין צייט נאָך שאַפן פון יידן אַ „גוי קדוש און ממלכת כוהנים" — עפּעס אַזאַ מין פאָלק מיט אַזאַ מין קולטור וואָס קיין שום אַנדער פאָלק האָט עס נישט ביז היינט. זיין ייִדישקייט איז אין אייביקן קאַמף קעגן די אינסטינקטן, פאַר זייער סובלימאַציע. דערפאַר איז כסדר: „מען טאָר נישט און מען טאָר נישט און מען טאָר דאָך פאָרט נישט!", בעת די אַנדערע רעליגיעס האָבן אין נאָמען פון גאָט פריי געגעבן אַלע אינסטינקטן: פאַר גאָט מעג מען. פאַר דעם מענטשן גופא איז עס נישט גוט, אָבער פאַר גאָט איז אַלץ דערלויבט און אַלץ גוט —

זנות און רציחה און אַלץ. אַלע עבירות ווערן מצוות, אויב נאָר פאַר גאָט. דערפאַר איז תמיד געווען און עס איז שווער צו זיין אַ ייִד. דערפאַר איז טאַקע אַלע מאָל פאָרגעקומען אַן אייביקער קאַמף צווישן דעם יחיד און דעם ציבור אין ייִדנטום: ייִדישקייט איז אַן ענין פון אַ כלל, פון פאָלק. די יחידים ווילן זיך באַגיין אָן דעם עול, דעם יאָך, וואָס די ציבורדיקע ייִדישקייט לייגט אויף זיי אַרויף.

ייִדישקייט איז נאָך דערצו אויך אין גאַנצן אַבסטראַקט: אַלץ איז ניסתר, מיסתוריק, גאָרנישט קאָנקרעט, דער גאָט אַליין נאָך מער „יושב בסתר", און דאָס יאָ קאָנקרעטע איז בלויז אין מצוות מעשים. בעת אין אַנדערע רעליגיעס איז עס פאַרקערט: גאָט איז קאָנקרעט, און מען דאַרף נישט קיין מעשים. שווער צו זיין אַ ייִד און גאָר נישט שווער צו זיין אַ ניט־ייִד.

און דער אַלגעמיינער אויספיר פון קאַפּיטל איז:

א) דאָס ייִדישע פאָלק (דאָס ייִדנטום) קען האָבן אַ קיום נישט „עד אחרון היהודי" — ביז דעם לעצטן ייִדן, נייערט ביז דער אחרון היהודי וועט, אַחוץ זיינע אייגענע פּריוואַטע אינטערעסן, האָבן אויך קאָלעקטיווע, ציבור־דיקע, ייִדישע אינטערעסן;

ב) אָט די ייִדישע ציבוריקע אינטערעסן קענען נישט זיין דעפינירט, באַשטימט איין מאָל און אויף שטענדיק; ייִדישקייט איז דער ניסתר, ייִדנ־טום איז דער ניגלה. דער ניסתר קען זיין אַנדערש אין יעדער תקופה און אין יעדער דור.

ג) די ייִדישקייט פון איין תקופה קען נישט זיין אידענטיש מיט דער ייִדישקייט פון אַ צווייטער תקופה. דאָס וועלן איינהאַלטן די ייִדישקייט־פאָרמען פון איין תקופה אין אַ צווייטער, דאָס ברענגט בלויז שאָדן, ווייל ייִדישקייט דאַרף זיין לעבעדיק און נישט פאַרפיקסירט, באַלזאַמירט.

ווי־זשע קומט עס וואָס פון אַלע אַנטיקע פעלקער האָט זיך פאָרט איינ־געהיט דווקא דאָס ייִדישע פאָלק, אויפגעהאַלטן, נישט געקוקט אויף אַלע דרוי־סנדיקע צרות און אויף אַלע אינעווייניקסטע איבערברוכן און ענדערונגען? ווי איז עס געקומען דער נס פון נצח ישראל?

ווען מיר צו דער פראַגע קומען אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל.

פון כלל צום פרט

בכן, שטייען מיר פאַר אַ שווערער סוגיא: אַ פאָלק איז אַ ציבור; אין אַ ציבור מוז יעדער יחיד טראָגן אין זיך ציבורדיקס. יעדער פרט געהערט דע־מאָלט צום כלל, נאָר ווען ער טראָגט אין זיך כללישע אייגנשאַפטן און זיטן, פליכטן און פאַרמעגן. און מיר זענען אַ פאָלק אָן אַן אָרגאַניזירטער מאַכט שוין אַט צוויי טויזנט יאָר. אין גלות זענען מיר ברוך־השם נאָך פון פריִער, פון פאַרן חורבן, אַ מפוזר און מפורד פון קדמונים. ווי־זשע האָבן יחידים געטראָגן אין זיך און אויף זיך דאָס פאָלקישע, דאָס כללישע?

ווען מיר צו דער פראַגע צוגיין בהדרגהדיק, ביסלעכווייז.

ביי אַ קינד קומט דער „איך״־באַוווסטזיין שפּעטער פון דעם באַוווסט־זיין פון קאָלעקטיוו. דער „מיר״ איז פריִער פאַר דעם „איך״.

מען דאַרף אָננעמען אַז אויך ביי אַ קאָלעקטיוו איז עס אַזוי, אַזוי אַנט־וויקלט זיך אויך דאָס באַוווסטזיין ביי אַ פאָלק. מיר טרעפן נישט קיין יחידישע אינטערעסן אין די ערשטע ספרים פון ייִדישן פאָלק, און זיי האָבן דאָך איינ־געהיט אונדזער אוראַלטערטום. פּראָבלעמען און אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק ווי אַזאַ — כסדר, אָבער יחידישע פּראָבלעמען טרעפן מיר ערשט ביי ירמיהו הנביא, אַזוי שפּעט ווי ערב דעם ערשטן חורבן. דאָס שטעלט ע ר דער ערש־טער די פראַגע, פאַרוואָס איז דער רשע דווקא מצליח? ער האָט דער ערשטער פּראָטעסטירט קעגן דעם וואָס איין דור דאַרף ליידן די שטראָף פאַר די זינד פון אַ פריִערדיקן דור. די עלטערן האָבן געגעסן אומצייטיקס און די ציין פון די קינדער ווערן איילים. ער זאָגט אַז איטלעכער יחיד דאַרף טראָגן די שטראָף פאַר זיינע זינד: „איש בחטאו ימות.״

פון דעם טעקסט פון אַלע קאַפּיטלעך איז גרינג צו זען, אַז ירמיהו האָט ריכטיק פאַרשטאַנען: די שטראָף, דאָס אומגליק איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון די זינד, עס איז אַ דירעקטער, נאַטירלעכער המשך, ווי איין רינג פון אַ קייט ציט זיך נאָך דעם פריִערדיקן. נאָר פאַרוואָס קומט די שטראָף אַזוי שפּעט, אַז אַנדערע, אומשולדיקע דורות דאַרפן ליידן פאַר זינד פון די פריִער־דיקע דורות? כל־זמן דער יחיד האָט נישט געהאַט קיין פּריוואַטע פּרעטענזיעס און די חשבונות זענען אַלע געווען פון דעם גאַנצן פאָלק ווי אַזאַ איז די פראַגע גאָרנישט געבאָרן געוואָרן. ערשט ווען דער יחיד האָט באַקומען אַ באַוווסטזיין

פון זיין יחידישער עקזיסטענץ, מיט זיינע פריוואַטע פּראָבלעמען און פאַר־לאַנגען, ערשט דעמאָלט איז אויפגעקומען די גאַנצע פּראָבלעם.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אין דער יידישער קולטור דער רעוואָלט פון יחיד קעגן דעם כלל. דורך אַ לאַנגער אַנטוויקלונג אין משך פון דורות האָט דער רעוואָלט געבראַכט צו אַ גלויבן אין „השגחה פּרטית" — יאָ, טאַקע אַזוי פּירט דער רבונו־של־עולם: איטלעכער טראָגט די אחריות פאַר זיך און פאַר זיין אויפפירונג; איטלעכער באַזונדער געניסט אָדער ער ליידט די פּרוכט פון זיין גוטן אָדער שלעכטן אויפפיר — דאָס איז דער גלויבן אין שכר ועונש. איי, מען זעט עס נישט, איי, עס איז גאָר רשע וטוב לו, — איז דאָס דערפאַר ווייל דאָס קורצע לעבן פון אַ מענטשן, וואָס ער לעבט, מ'שטיינס געזאָגט, איז בכלל נאָר אַ פּרוזדור, נישט וויכטיק, בלויז אַ צוגרייטונג צום „אמתן" און גערעכטן לעבן נאָכן שטאַרבן, אויף יענער וועלט, אין דער „עלמא דקשוט" — אין דער אמתער וועלט (ריכטיקער — אין דער וועלט פון אמת). ערשט דאָרטן קומט דאָס אמתע גליק און אומגליק — דער גן־עדן און דער גהינום — ווי יעדער פאַרדינט זיך אין זיין לעבן אויף דער וועלט, אין דעם „עולם השקר" מיט זיינע נאַרישע „עולם הזהדיקע גליקן", אָך און וויי, קיי און שפּיי.*

און נאָך מערער, נאָך מער גערעכטיקייט וועט קומען, אַז מען וועט זוכה זיין, אם ירצה שם, ווען משיח וועט קומען און אַלע צדיקים וועלן אויפשטיין תחית המתים... לעתיד לבוא.

אָט דער גאַנצער קאָמפּליצירטער גלויבן, וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין באַוווסטזיין פון מענטשן בכלל און פון יידן בפרט, איז אויסגעוואַקסן פון אָט יענעם קערנדל ספק וואָס ירמיהו האָט פאַרזייט בשעתו. די אַנטוויקלונג האָט טאַקע געדויערט היפשע יאָרהונדערטער, ביז עס האָט זיך אויסגעקריס־טאַליזירט און עס איז געוואָרן אַ הויפּט־יסוד פון אונדזער גאַנצער רעליגיע, און עס איז אַריין אין דער שמונה עשרה אַפילו. עס איז אָנצונעמען אַז דאָ האָט אויך געשפּילט אַ ראָל אַ סכום באַגריפן און פאַרשטעלונגען וואָס יידן האָבן מיטגעבראַכט פון בבל. אויף דעם איז שוין מרמז די גמרא גופא. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט דער יחיד געקראָגן אין דער רעליגיע זיין יחידישע סאַ־

---

* די ווערטער גן עדן און גיהנום זענען לכתחילה געווען נאָר סימבאָלישע, דאָס זענען דאָך באַשטימטע געאָגראַפישע פּונקטן. גן עדן ווערט געבראַכט אין בראשית, ווי אַ באַשטימטער אָרט אויף דער ערד. גיהנום איז אַ טאָל אין ירושלים. גאָר פאַרצייטן פלעגט מען דאָרטן דינען דעם געץ מולך, וואָס מען פלעגט פאַר אים פאַרברענען קינדער. שפּעטער, ווען דער שרעקלעכער קולט איז אויסגעראָטן געוואָרן, איז ער געבליבן ווי אַ מיסטפעלד, אַן אומ־סימפּאַטיש ווינקעלע אַרום ירושלים. ערשט שפּעטער האָט מען די ווערטער גענומען נוצן ווי סימבאָלן פון גוטס און שלעכטס, פון געאָגראַפישע פּונקטן אויף דער וועלט זענען זיי אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף יענער וועלט.

טיספּאַקציע: איטלעכער קריגט אויף יענער וועלט ווי ער האָט פאַרדינט אויף דער וועלט.*

דער גלויבן האָט גאַראַנטעווועט דעם קיום פון ייִדישן פאָלק דורך אַלע דורות און תקופות ביז אונדז: אַ ייִד קומט טאַקע אָפּ אויף דער וועלט, אָבער דווקא דורך די ליידן פאַרדינט ער זיך דאָס גוטע פון „לעתיד לבוא", וואָס וועט אם ירצה שם קומען שפּעטער.

און נישט אומזיסט האָבן די גרונטלייגער פון ייִדישער אייביקייט — די פּרושים און זייערע פירער אַזוי שטאַרק זיך איינגעשטעלט פאַר דעם גלויבן אין אינדיווידועלן שכר ועונש. דאָס איז געטאָן געוואָרן דערפאַר ווייל דווקא דורך אים איז גאַראַנטעווועט געוואָרן דער קיום פון כלל, פון פאָלק. דער כלל האָט אויסגעהאַלטן אַ דאַנק די „פּריוואַטע" אינטערעסן פון אַלע יחידים באַזונדער. די מצוות און עבירות זענען ווי פריִער, געווען און געבליבן פאָלקישע, נאַציאָנאַלע, אָפּצוהיטן די אַנדערשקייט און די אייגנטימלעכקייט פון ייִדישן פאָלק ווי אַזאַ, ווידער אין די אינטערעסן פון „בין ישראל לעמים". אָבער פאַר וואָס דאַרפן זיך באַזונדערע יחידים איינשטעלן פאַר דעם? — טאַקע צוליב זייערע פּריוואַטע אינטערעסן צו קריגן דעם אמת־גוטן שכר אויף יענער וועלט. דער גלויבן אין יענער וועלט האָט אויפגעהיט דעם קיום פון פאָלק אויף דער וועלט. והא ראיה — די צדוקים וואָס האָבן נישט געגלויבט אין יענער וועלט און אין תחית המתים, האָבן טאַקע נישט אויסגעהאַלטן קיין ייִדישקייט און זיי זענען פאַרלאָרן געגאַנגען, נישט געקוקט וואָס די תורה הכתובה האָבן זיי געהיט. דער קיום פון כלל איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די יחידים פון פאָלק. און דאָס איז געווען זייער נייטיק טאַקע: די מלוכה האָט נישט געהאָלפן, נייערט געשטערט און צעשטערט דעם קיום פון פאָלק. זי איז די גאַנצע צייט געווען אין אַ דעקאַדענץ, אין כסדרדיקן און בהדרגהדיקן אונטערגאַנג. געקאָסט האָט זי גאָר אַ סך, ווי בלוט אַזוי אויך געלט, און אָנשטאָט נוצן האָט זי געבראַכט בלויז שאָדן. איבעריקנס, איז שוין דעמאָלט דער גרעסטער טייל פון פאָלק געווען אויסער די גרענעצן פון דער קלאָגעדיקער מלוכה. און פאַר דעם קיום פון ייִדישקייט האָט געראַדפט און געקאָנט זאָרגן נאָר יעדער יחיד פאַר זיך. האָט טאַקע יעדער יחיד געזאָרגט פאַר זיין שטיקל עולם־הבא, גאַנץ עגאָיִסטיש פאַר זיך. אָבער דורך אָט די יחידישע זאָרגן פאַר זיך האָט דער כלל אָפּגעהיט זיין באַ־

---

* אין ווילנע אויפן שולהויף פלעגט אַמאָל אַרומלויפן גדאַלקע דער משוגענער און רופן ייִדן דורכגייער זיי זאָלן זיך אַריינכאַפּן צו אַ מנין און כאַפּן אַ קדושה אָדער אַ ברכו. ער פלעגט כסדר פאַרזיכערן, אַז גאָט וועט צאָלן פאַר יעדער ברכו — דריי גילדן און פאַר אַ קדושה גאַנצע פינף גילדן. און דאָס, פאַרשטייט זיך, אויסער זיין מעקלעריי־געלט, פאַר גדאלקען אַליין... ער האָט געוווסט קלאָר דעם גענויעם פּרייז פאַר די מצוות.

זונדערקייט, זיין איינהייטלעכקייט און זיין איינהייט. דורך די זאָרגן פון יעדער ר׳ ישראל פאַר זיך איז עס געקומען צו כל ישראל און צו ישראל אחד, צו דער גאַנצקייט פון פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט. איך ווייס נישט צי מען מעג זאָגן אַז אָט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון קיום האומה זענען געווען די וואָס האָבן באַוווסטזיניק געבראַכט און איינגעפלאַנצט דעם גלויבן אין דער השגחה פּרטית. אָבער אַזוי איז עס געקומען פאַקטיש, געשיכטלעך, אומ־אָפּהענגיק צי דאָס איז יאָ געווען במחשבה תחילה אָדער נישט. ווען די מלוכה ווי אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פאַרן קיום פון פאָלק האָט מער נישט געקאָנט טאָן איר פליכט, איז די קיום־אויפגאַבע איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון אַלע באַזונדערע יחידים־ייִדן, און זיי האָבן עס געטאָן אין זייערע פּריוואַטע אינטערעסן פון יענער וועלט. די רעליגיע מיט איר גלויבן אין עולם־הבא האָט געדינט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פאָלק אויף ד ע ר וועלט.

וואָלט ייִדישקייט באַשטאַנען פון אַ סכום גלויבונגען, קרעדאָס, דאָגמעס, וואָס מען דאַרף גלייבן אין די זיי און דערמיט קען מען זיך באַנוגענען, וואָלט די אויפגאַבע געווען גרינגער (און זי וואָלט דעם נאַציאָנאַלן ציל נישט דער־גרייכט). איז אָבער ייִדישקייט אַ סכום פּירונגען, שטייגער, אַנדערשקייטן אין לעבן און אויפפיר, אַנדערש ווי עס פירט זיך דאָס הויפּט־פאָלק אין יעדער געגעבענעם לאַנד וווּ ייִדן וווינען און לעבן. דאָס איז שוין נישט אַזוי גרינג. געוויינטלעך פירן אַלע איינוווינער פון אַן אָרט איין און דעם זעלביקן שטייגער לעבן: אין רוים לעבט מען ווי אַלע רוימער און אין ענגלאַנד — ווי אַלע ענגלענדער, הגם מיר גלייבן אַנדערש. דאָס וואָלט אומגעבראַכט דאָס ייִדישע פאָלק אין משך פון עטלעכע דורות. אויב דאָס איז נישט געשען, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל ייִדן האָבן אומעטום געלעבט און געפירט זיך נישט ווי די פעלקער פון די געגעבענע ערטער לעבן, נייערט זיי האָבן אָפּגעהיט זייער באַזונדערן שטייגער און דאָס איז געווען זייער אייגענער נאַציאָנאַלער שטייגער, דער איינהייטלעכער און צעמענטירנדיקער שטייגער פון אַלע ייִדישע ישובים. דער אַלגעמיינער, ייִדישער ספּעציפיש־אַנדערשדיקער שטייגער באַשטייט פון מצוות און עבירות, וואָס די רעליגיע האָט צוגעזאָגט דערפאַר צו צאָלן שכר ועונש אויף יענער וועלט... האָט זי, די רעליגיע געווישט די טרערן פון פאָלק און פון אַלע יחידים אין פאָלק, געוואַשן די ווונדן און געטרייסט, און געגעבן האָפענונגען אויף לעתיד לבוא, אַז מען וועט פאַרדינען. פאַר איין וועג האָט שוין די פאַנטאַזיע געמאָלט די ישועות ונחמות וואָס וועלן קומען פאַר דעם ייִדישן פאָלק בכלל, אם ירצה השם, ווען משיח וועט קומען. און ווער ווייס — אפשר האָבן די ליכטיקע חלומות געהאָלפן אַריבערטראָגן אַלע פינצ־טערע גזירות, וואָס קיין שום אַנדער פאָלק איז מיט זיי נישט געפּרווט געוואָרן: מ׳שטיינס־געזאָגט, ווער עס שלאָגט — אַן עם הדומה לחמור; וואָס

פאַר אַ פּנים וועלן זיי אַלע האָבן ווען משיח וועט קומען. איי, עס טוט וויי?
— נו, אַז אַ הונט בייסט, דאַרף מען זיין זיך ביי זיך אָראָפּגעפאַלן?... דער גוטער עולם־הבא האָט קאָמפּענסירט פאַרן שלעכטן עולם־הזה, פולשטענדיק קאָמ־פּענסירט.

דאָס פאָלק האָט „איבערגעשריבן" אַלע זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן אויף דער קאָנטע פון גאָט. פון פ אָ ל ק ד י נ ס ט איז געוואָרן ג אָ ט־ד י נ ס ט ; נישט דאָס פאָלק האָט געשאַפן, נייערט גאָט האָט געגעבן, נישט די אינטערעסן פון פאָלק דאַרפן דאָס, נאָר גאָט האָט געהייסן און ער וועט דערפאַר באַצאָלן, באַצאָלן איטלעכן באַזונדער, „גומל לאיש חסד כמפעלו". נישט עס איז אַן אוראַלטע ייִדישע טראַדיציע אין פאָלק און דערפאַר איז עס טייער און וויכטיק און איר ייִדן דאַרפט עס היטן, נייערט עס איז הלכה למשה מסיני — גאָט האָט געהייסן טאָן. איז פון אהבת ישראל געוואָרן אהבת המקום, און פון אהבת המקום איז געקומען צו יראת שמים. ייִדן פלעגן מוסרן איינער דעם צווייטן: ס'טייטש, ווי טוט איר אַזאַ זאַך? און פאַר גאָט האָט איר נישט קיין מורא? אַ ייִד דאַרף דאָך האָבן י ה ד ו ת (ייִדישקייט). ייִדישקייט און גאָטספאָרכטיקייט זענען געוועזן דאָס זעלביקע, היינו הך. איז טאַקע דאָס פאָלק ישראל, — אָן און ווי — היינו לעג וקלס בגויים, אָבער דער רבונו־של־עולם — אויף אים קען מען זיך פאַרלאָזן. אָט אויף דעם וועג איז פשוטע פאָלקישע ייִדישקייט אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער מדרגה פון געטלעכקייט, פון קדושה. שטייגערישע מנהגים, פירונגען זענען דערהויבן געוואָרן צו מצוות און — אשריכם ישראל! ווי גוט עס איז צו זיין אַ ייִד! און ווי גוט עס וועט אונדז זיין לעתיד לבא: תחית המתים, אַ ייִד שטאַרבט בלויז צייטווייליק, און „אַז משיח וועט קומען וועט מען מאַכן אַ סעודהניו". און אַלע נישט־ייִדן וועלן גיין און וועלן זיך בעטן... ווייל עין לא ראתה — די ייִדישע גליקן. און אַלע וועלן זיך מגייר זיין, אָבער מען וועט נישט אָננעמען, און אַפילו דער רבונו־של־עולם וועט אַ שמייכל טאָן, הגם ער לאַכט קיין מאָל נישט פון זיינע באַ־שעפענישן... און דאָס וועט זיין די אמתע וועלט, די עלמא דקשוט, ווו ייִדן וועלן זיין די אויבערשטע פון שטייסל... אָט אַזוי איז דער אל צבאות, בורא שמים וארץ געוואָרן דער א ב י נ ו ש ב ש מ י ם, דער ה א ר צ י ק ע ר ט אַ ט ע , וואָס וויינט אויף דעם גלות פון זיינע קינדער, נישט ווייניקער ווי די קינדער זיינע וויינען אויף דעם גלות פון גאָטס שכינה.

אויף אָט דעם אופן האָט עס דער פּריוואַטער שכר ועונש־גלויבן גע־האָלפן דעם קיום פון כלל, פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו. יעדער באַזונדערער יחיד פון פאָלק האָט געטראָגן דעם עול פון אחדות האומה, פון קיום האומה צוליב זיינע פּריוואַטע, יחידישע אינטערעסן פון עולם הבא און לעתיד לבא. אַזוי האָט אַן אייביקייט יעדער יחיד מישראל גערן געטראָגן דעם עול פון

כלל־ישראל, דעם יאָך און די אחריות און במילא איז עס שוין געוואָרן אויך דאָס באַוווסטזיין. יעדער ייִד באַזונדער איז במילא געווען דאָס גאַנצע פֿאָלק, ער האָט אין זיך געטראָגן אַ גאַנצע פֿאָלקישקייט; יעדער פּרט איז געווען דער כלל בזעיר אנפּין. דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק מיט אַלע פּראָבלעמען און אינ־טערעסן, מיט אַלע זאָרגן און האָפֿענונגען, מיט אַלע חלומות און ספיקות איז געזעסן אין יעדער ייִדן באַזונדער. דער כלל ישראל איז אַריינגעדרונגען אין יעדער ר׳ ישראל. כ ל ל י ש ר א ל — יעדער ייִד איז געווען אַ י ש ר א ל א ח ד — אַ גאַנץ ייִדיש פֿאָלק. דערפֿאַר זענען גאַנצע יאָרהונדערטער נישט געווען ביי ייִדן קיין פּאַרטייען; נישט געווען קיין באַזונדערע נאַציאָנאַלע אי־דעאָלאָגיעס, קיין באַזונדערע ריכטונגען אין פֿאָלק גופא. דאָס איז געווען אַ גייסטיקער „מיזוג גלויות" אין די גלותן גופא — אַן אויפֿגאַבע וואָס איז נישט אין פֿאַרגלייך שווערער ווי דער הייַנטיקער מיזוג גלויות אין דער מדינה. פֿון אַ פּאָר ערטער אין תלמוד איז צו זען, אַז דאָס איז געווען אַ באַ־וווסטזיניקע אויפֿגאַבע, מען האָט גוט געוווסט צו וואָס מען שטרעבט און צו דעם געפֿירט מיט דער גאַנצער ענערגיע.

און טאַקע אין דער צייט, ווען די פֿאָלקישע וועלטלעכע אָרגאַניזאַציע — די מלוכה — איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט, ווען זי האָט פֿאַרלאָרן יעדן כוח און יעדן ווילן צו באַזאָרגן דעם קיום האומה, דעמאָלט האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פֿון ייִדישקייט אַ נייע רעליגיע, אַ נייע אָבער אָן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. איז דאָ דער לאָזונג געווען בלויז: ראַטעווע דיין נשמה. דאָס אַלץ. דאָס פּריוואַטע האָט נישט געהאַט קיין שום ברייטערן ציל. זענען געווען פֿאַר איר צוויי וועלטן: גיב דעם קייסער וואָס אים קומט און גיב גאָט דאָס זיינס. ביי ייִדן איז דאָס געבליבן איינס — גאָט און פֿאָלק צוזאַמען איין גאַנצקייט. ישראל, קודשא בריך הוא ואוריתא איז חד. אַזוי איז דער קאָסמישער גאָט, דער בורא שמים וארץ געוואָרן איינצייטיק דער שומר ישראל שמור שארית ישראל. דאָס פֿאָלקישע איז פֿון גאָט, די שריפֿטן פֿון פֿאָלק זענען זיינע, דעם פֿאָלקס אינטערעסן זענען גאָטס מצוות. דאָס פֿאָלק גופא זענען זיינע קינדער. און דערפֿאַר האָט ער — גאָט ברוך הוא — געגעבן דעם פֿאָלק כוחות צו לעבן און צו ליידן, צו לעבן און צו אַריבערטראָגן אַלע צרות און יסורים, וואָס די גוטע וועלט האָט פֿאַרשאַפֿט טאַקע אין נאָמען פֿון דער טאָכטער־רעליגיע, פֿון דעם נצרתער סטאָליער, וואָס מען האָט אים אויף גוואַלד אַריינגענומען אין פּאַנ־טעאָן פֿון די טראַדיציאָנעלע פּריִערדיקע געצנדינערישע געטער.

און ווייל דער איינציקער מקור פֿון דער ייִדישער „רעליגיע" איז געווען דאָס פֿאָלק און זיין לעבן, דאָס פֿאָלק און זיינע נויטן, דאָס פֿאָלק און זיינע קיום־אינטערעסן, האָט דערפֿאַר די גאַנצע רעליגיע נישט געקאָנט בלייבן פֿאַרגליווערט, נישט געקאָנט זיין קיין פֿיקסירטע, איין מאָל געגעבן און אַזוי

געבליבן. דעם פאָלקס לעבן האָט זיך דאָך געהאַלטן אין ענדערן, באַדינגונגען פון לעבן האָבן זיך געביטן. אַלטע פּאַרהייליקטע פאָרמען האָבן נישט געפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען, די לעצטע האָבן פאַרלאַנגט נייע איינשטעלונגען. און דערפאַר איז די יידישע רעליגיע, די רעליגיע פון יידישקייט געווען כסדר פּושט צורה ולובש צורה, כסדר אין פּראָצעס פון צופּאַסן זיך, פון כסדרדיקן ענדערן זיך לויט די נויטן פון פאָלקס לעבן אין געגעבענעם מאָמענט. דערפאַר זענען כסדר צוגעקומען נייע „תקנות", נייע צופּאַסונגען. די תקנות זענען געוואָרן דינים, מנהגים זענען געוואָרן הלכות. אַזוי גייען כסדרדיקע אָנשיכטונגען: די תקנות פון עזרא, פון הלל, פון רבי יוחנן בן זכאי, פון יבנה, פון לוד, פון די ישיבות אין בבל, פון די גאונים, פון די נשיאים, פון רבינו גרשום מאור הגולה, פון די וועדים, פון קהילות און פון רבנים, — אַלץ ווי עס האָבן געפאָדערט די באַדינגונגען פון לעבן און אַלץ כדי אָפּצוהיטן די אַנדערשקייט פון יידישן לעבן, פון יידישקייט.

מיט גאָטס הילף

דאָס יידישע פאָלק האָט נישט געהאַט קיין ציווילן כוח אויפצוהאַלטן זיין איינהייטלעכע גאַנצקייט אין דער צעשפּרייטקייט, נישט קיין אָרגאַניזאַציע דערפאַר. האָט עס דאָס פאָלק באַזאָרגט דורך דער רעליגיע. מיט אַ פּשוטן מי שברך אין שבתדיקן דאַווענען האָבן יידן באַזאָרגט אַלע זייערע נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן — צדקה פאַר אָרעמע, זאָרג פאַר קראַנקע, דערציִונג און קולטור, אַלגעמיינע געלערנטקייט אין אַ סביבה פון אַנאַלפאַבעטן אַרום. דער שבתדיקער „יקום פורקן מן שמיא" איז געווען ווירקזאַמער פון פּאָליציי און באַפעלן, אַ זאַץ אין חושן משפט און אַ תקנה פון רב האָט מערער מאַכט געהאַט ווי אַ באַפעל פון קייסער. האָבן יידן זיך געטיילט מיטן ביסן, האָבן יידן אַוועקגעגעבן זייער שבת פאַר פּדיון שבויים פון אומבאַקאַנטע יידן פון אַנדערע לענדער. און אַזוי האָבן מיליאָנען באַזונדערע יידן איטלעכער באַזונדער און אַלע אין כלל מיט פּשוטע פּריוואַטע כוונות אויפגעהיט דעם קיום פון פאָלק ווי אַזאַ. האָבן יידן באַוווּסטזיניק געדינט צו גאָט, און אומבאַוווּסטזיניק געדינט דעם פאָלק, זיין קיום. נישט דאָס פאָלק האָט אויף זיך גענומען דעם עול מלכות שמים, נאָר פּונקט פאַרקערט, האָט דאָס פאָלק אַרויפגעטאָן אויף גאָט דעם עול מלכות האומה. און ער האָט געטראָגן דעם עול כל זמן.. כל זמן דאָס פאָלק האָט אים דעם עול אָנגעטרויט. ביז עס איז געקומען די צייט פון

„אַ פּויסט ווו איז? ווו איז דער גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות,

אברהם גאָלאָמב

און איינלייגן די וועלט, צעררייסן הימלען,
מיין שטול, מיין כסא הכבוד איבערקערן"?!
(ביאַליק: „די שחיטה־שטאָט")

אמת, אַפילו שוין אין תלמוד געפינט זיך שוין אַזאַ מין „אַפּיקורסות" ווי „כמה עזין פני רקיע! עלית וישבת במרום ואין אתה מרחם על בניך!" (תענית, כ"ה, א'). דאָס איז אָבער אַ ספּאָראַדישער אויסרוף, וואָס מען דער־שרעקט זיך פאַר אים און מען זאָגט: „אל יטיח אדם דברים כלפי מעלה". דער אַלגעמיינער אויספיר איז אָבער קלאָר: יִדישקייט, אָדער ווי מען האָט עס גאָר נישט לאַנג אָנגערופן מיט דעם נישט־ריכטיקן נאָמען „יִדישע רעליגיע", איז נישט קיין טעאָלאָגישע, ווי עס זענען אַנדערע רעליגיעס, וואָס אין זייער סביבה האָבן מיר געלעבט יאָרטויזנטער, נייערט עס איז אַ פאָלקישע רעלי־גיע. אין צענטער שטייט נישט גאָט און זיינע „אינטערעסן", זאָגנדיק ווולגאַר, נייערט אין צענטער שטייט דאָס פאָלק מיט זיינע קיום־אינטערעסן. און דאָס ביסעלע גאָטס הילף איז טאַקע יאָ צונוץ געקומען. והא ראיה — איר זעט דאָך...

פאַרשטייט זיך, היות ווי די נאַציאָנאַלע צילן זענען געווען די אומדי־רעקטע, בעת די דירעקטע זענען געווען די פּריוואַטע שכר ועונש־צילן, זענען צוגעקומען מאָמענטן אויך נישט קיין פּאָסיקע. ווו עס איז דאָ ליכט, מוז זיין אויך שאָטן, אָן דעם קען נישט זיין. אָבער די שאָטנס שטרייכן נאָר אונטער די שטאַרקע ליכט, די גרויסע נוצן פאַרן קיום האומה. מיר זענען געוווינט צו זינגען דאָס לידעלע „נצח ישראל", אָבער מיר באַמיִען זיך לגמרי נישט קלאָר צו מאַכן זיך די פאַקטאָרן פון אָט דעם נצח. אין דער אמתן, אָן דעם רעלי־גיעזן פאַקטאָר פון שכר ועונש, וואָלט לאַנג פון יִדישן פאָלק קיין זכר נישט געבליבן. אָדער עס וואָלטן געבליבן באַנטשע שווייגערישע רעשטלעך. אויב דאָס איז נישט געשען, איז דאָס אַ דאַנק דעם גלויבן אַז גאַנצע כיתות פון מלאכי השרת פלעכטן קרוינען פאַר ישראל לעתיד לבא און פאַר יעדן איינעם באַזונדער איז אָנגעגרייט ממש ש"י עולמות אין גן־עדן. און וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, זענען זיי אַלע ווערט אָט די „עם הדומה" מיט זייערע קלעפּ וואָס זיי שלאָגן אונדז מיט זייער גאַנצן טומל און האַרמידער? אַז בסך־הכל איז דאָך נישט מער ווי „אוי וויי, אַ קלאָג צו זיי: אַ בלינדן אַ גאָט האָבן זיי"... איז דאָך טאַקע „שלא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם"... און אַזוי איז דאָך געווען אין אַלע אייביקייטן פון אונדזער גלות: אין די פינצטערסטע צייטן האָבן יִדן געלערנט, געשאַפן גרויסע אייביקע קולטור־ווערטן. קענטיק, אַז גאָטס הילף איז טאַקע שטאַרקער געווען פון אַלע אַנדערע כוחות. אין אונדזער מאַטעריאַליסטישער תקופה דערשאַצן מיר לגמרי נישט דעם כוח פון גייסט אין לעבן פון יחיד און קאָלעקטיוו.

פאַרשטייט זיך, אַז אַט דער אַטלאַסענער אויבערשלאַק האָט געהאַט אויך אַן אונטערשלאַג, וואָס איז שוין גאָר נישט געווען אַזוי גלאַנציק. פלעגן מגי־דים און דרשנים און זאָגערס און מטיפים, און רביים און אַפילו בדחנים אויף חתונות און שמחות „פריילעך" מאַכן דעם עולם מיט די שרעקן פון גיהנום, און ייִדן פלעגן פאַרגיסן באַכן טרערן אויף די זינד מער ווי אויף זייערע צרות. נישט אומזיסט זינגט עס קולבאַק:

> „דיין פרייד איז טרויער — די פרייד פון טיפע בעסער
> אין דער קאַפּעליע, יום־טובים זענען די לוויות
> און טרייסט — די קלאָרע ליכטיקע אָרעמקייט..."
>
> („ווילנע")

אָבער אפשר האָט אויך דער אומעטיקער כסדרדיקער פּחד געהאָלפן פאַר־געסן די צרות. ייִדן האָבן געלעבט מער מיט דער צוקונפט וואָס וועט מיר־צעשעם קומען, מיט דעם עולם הבא איידער מיט דעם איצט, מיט דער עולם הזה. האָט דער גלויבן און דאָס וואַרטן אויף דעם עולם הבא געהאָלפן אַריבערטראָגן דעם שווידערלעכן עולם הזה.

משכילים פלעגן אַמאָל לאַכן וואָס ייִדן אין דער גאָרער וועלט שפּרינגען גלייך „קדוש" און עסן אַלע אין דער זעלביקער צייט טשאָלנט מיט קוגל. אין זייער אויפגעקלערטער נאַיִווקייט האָבן זיי נעבעך נישט פאַרשטאַנען, אַז אַט דער איינצייטיקער געמיינזאַמער קוגל און דאָס גלייכצייטיקע אויסשפּייען ביי „עלינו" אויף אַלע וואָס „משתחווים להבל ולריק ומתפללים לאל שלא יושיע" — אַט דאָס האָט צעמענטירט און באַהעפט אַלע צעשאָטענע און צע־זייטע יחידים־ייִדן אין איין אוניווערסאַל פאָלק פון אייביק ביז אייביק און פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן. אַט דאָס איז געווען אַ מיזוג גלויות אַזאַ וואָס היינט זוכט מען אים מיט גאָר אַנדערע וועגן. ווייל דער ייִדישער קיום איז אַלע מאָל אָפּהענגיק פון דעם „שלא שינו את שמם, שלא שינו את לשונם ולא שינו את מנהגיהם".

דאָס איז געווען דער איינציקער (אפשר וואָלט געווען גוט צו זאָגן דער ע ר ש ט ע ר) פאַל פון אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון אַ פאָלק אָן אַ טער־ריטאָריע, פון אַן איבערטעריטאָריעלער אָרגאַניזאַציע, ווען די זאָרג פאַרן קיום פון פאָלק איז געווען די רעליגיע פון פאָלק. גאָר פאַרצייטנס זענען מיר מיר געוואָרן אַ פאָלק נאָך איידער מיר האָבן געהאַט אַ לאַנד, געוואָרן — דורך אַ תורה און די תורה־קולטור איז באַשטאַנען נישט פון גלויבנס, נאָר פון מעשים — מצוות און עבירות, געבאָטן און פאַרבאָטן, פירונג, שטייגער. איז דאָס געווען אַ רעליגיע פון פאָלק פאַרן פאָלק, פאַר זיין קיום, און די אויפגאַבע האָט מען איבערגעגעבן דעם רבונו־של־עולם, זאָל ער טאָן און היטן,

שומר ישראל, שמור שארית ישראל. און ער האָט די אַרבעט געטאָן — אַ ברירה האָט ער געהאַט?

דעריבער האָט עס געקאָנט זיין ביי אַלע אַנדערע פעלקער: אין איין פאָלק זאָלן קענען זיין עטלעכע רעליגיעס, מענטשן פון איין פאָלק זאָלן געהערן צו פאַרשיידענע רעליגיעס. קען דאָס אָבער נישט זיין ביי ייִדן. די פאָרמול „ייִדן פון אַלע רעליגיעס", וואָס איז געווען גאַנגבאַר אין אָנהייב פון יאָרהונדערט, איז געווען און איז געבליבן אַ צוגעטראַכטע און אַ פאַלשע, אַן אוממעגלעכע, ווייל ייִדישע רעליגיע איז ייִדישקייט. און זיין אַ ייִד אָן ייִדישקייט איז אוממעגלעך. דער אָפּשטאַם פון דער ייִדישער רעליגיע און איר גאַנצע אַנטוויקלונג איז אַ וועלטלעכער. די כוזרים האָבן געהאַט אַ ייִדישע רעליגיע, אָבער צי זענען זיי געווען ייִדן ווי מיר איז נאָך אַ גרויסער ספק.

און אויך איצט, ווען מיר האָבן שוין אַן אייגענע מדינה, בלייבט דאָך אָבער פאָרט די אַלטע אויפגאַבע ווי צו פאַרבינדן און צונויפהעפטן דאָס צעשאָטענע און צעשפרייטע ייִדישע פאָלק. און די פאַרבינדונג מוז זיין הן אַ געאָגראַפישע אַזוי אויך אַ היסטאָרישע, דורות צו דורות, דורות צו אייביקייט. און קיין אַנדער וועג איז אויך איצט ניטאָ, סיידן דער זעלביקער — אחדות האומה דורך אחדות הקולטור. און זי — די קולטור פון פאָלק — איז פאַרהייליקט געווען (און אַזוי דאַרף עס בלייבן!) ווי די רעליגיע. און אָפּהיטן די קולטור האָט דאָס פאָלק געהייסן זיין גאָט: דעם פאָלקס קיום און אחדות איז די אויפגאַבע פון דעם רבונו של עולם, דעם פאָלקס פירונגען — זיי זענען גאָטס תורה און מצוות, ווייל „אין אומתנו אומה אלא בתורותיה (ר' סעדיה גאון).

ביי די קריסטן האָט עס געקאָנט געזאָגט ווערן: וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צום קייסער (דער וועלטלעכער אָרגאַניזאַציע פון פאָלק) איז צום קייסער. ביי ייִדן האָט עס נישט געקאָנט זיין און עס קען נישט זיין: וואָס צום פאָלק איז איינצייטיק צו גאָט, און קיין אַנדערע, נישט פאָלקישע „אינטערעסן" האָט אויך נישט דער ייִדישער גאָט.

דער רמב"ם האָט געהייסן אַ גר צדק ער זאָל זאָגן „אלוהינו ואלוהי אבותינו" (משנה תורה, הלכות בכורים, און אין אַ תשובה צו איינעם אַ גר). ער האַלט אַזוי, הגם אין משנה גופא איז וועגן דעם פאַראַן אַ פלוגתא. נישט אַלע מפרשים פון רמב"ם זענען צופרידן מיט זיין פסק. ער נעמט אָן אַז אַ גר פאַרבינדט זיך מיט ייִדן נישט בלויז רעליגיעז, נאָר לויטן גאַנצן אָנגענומענעם שטייגער. און בכן, קען אברהם זיין דער פאָטער, ווי עס שטייט „אב המון גויִם". פון דער צווייטער זייט ווייסן מיר פון דער דערפאַרונג, אַז די פרומע ייִדן וואָס היטן שטרענג די רעליגיעזע פאַרבאָטן און געבאָטן, לויט אַלע דינים פון שולחן־ערוך, אָבער זיי האַלטן נישט פון דעם גאַנצן ייִדישן קולטור־שטיי־

גען׳, וואָס איז אין שולחן־ערוך נישטאָ, וואָס איז וועלטלעך, נאָך נישט סאַנק־ציאָנירט רעליגיעז, — אַלע אָט די פרומע ייִדן רייסן זיך סוף־כל־סוף ביס־לעכווייז אין משך פון אַ פּאָר דורות אין גאַנצן אָפּ פון ייִדישקייט, פון ייִדישן פֿאָלק, אָדער גאָר אָדער גאָרנישט, אָדער גאַנצע ייִדישקייט אָדער אויס.

אַזוי אַרום האָט דער רעליגיעזער געטלעכער מאַנטל פון פאָלקישער ייִדישקייט געהאָלפן דעם פאָלק אויפהאַלטן זיין קיום. דער ייִדישער גאָט אַליין זאָגט: „מיך קענט איר פאַרגעסן, אָבער אייער ייִדישקייט זאָלט איר אָפּהיטן (הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו). און נאָר דערפאַר האָט דאָס פאָלק אַלע זיינע נאַציאָנאַלע באַדערפענישן געקאָנט איינאָרדענען מיט אַ מי־שברך. דערפאַר האָבן ייִדן געקאָנט גיין אויף קידוש־השם פאַר זייער ייִדיש־קייט. ביז עס איז געוואָרן אַ פעסטע טראַדיציע און אַפילו איצט, ווען די רעליגיע ווי אַזאַ איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דאָך גרייכט דער נאַציאָנאַלער ביוודזשעט פון ייִדישן פאָלק אין די גלותן אַליין אין די גאָר גרויסע מיליאָנען, אין די הונדערטער מיליאָנען דאָלאַרן און דאָס אַלץ אָן אַ וואָסער עס איז צוואַנג, נאָר פרייוויליק.

איך טראַכט אַלע מאָל מיט גרויס אָנערקענונג און באַוווּנדערונג, ווי אונדזער פאָלק האָט באַזאָרגט אַלע זיינע סאָציאַלע באַדערפענישן, אַלע זיינע „צרכי ציבור״ מיט דער הילף פון רעליגיע. עס זענען דאָ אָרעמע לייט — איז סומך נופלים־חברות, מלביש ערומים, הכנסת כלה, גמילות חסד, ביקור חולים, רופא חולים, משמרת חולים (ווילנער גרויסע אָרגאַניזאַציע!), פאַראַן זעלנער אין דער צאַרישער אַרמיי — דאַרף מען פאַר זיי באַזאָרגן „מאכל כשר״, אָרעמע קינדער, איז — בתי יתומים, תלמוד תורה; אַלטע לייט, אָרע־מע — איז מושב זקנימס; אָרעמע טויטע — איז חסד של אמת־חברות, מנחם אבלים; פדיון שבויים, מתיר אסורים, ווער קען גאָר אויסרעכענען אַלע ייִדישע חברות וואָס זענען געווען אין תוך אַריין סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס און זיי האָבן אָנגעטאָן זיך אַ רעליגיעזן מאַנטל. ווער רעדט שוין וועגן לערנען? — דאָ איז דאָך קיין גבול נישט געווען. אויב די תלמוד תורהס האָבן געזאָרגט נאָר פאַר די אָרעמע קינדער, האָבן דאָך די ישיבות געגעבן אומזיסטע בילדונג און אויסהאַלטונג פאַר אַלעמען אָן אונטערשייד. און דאָס אַלץ נאָר מיט גאָטס הילף. איך ווייס נישט צי עס איז פאַראַן ערגעץ אין דער וועלט אַ צווייטע רעליגיע, וואָס זאָל אַריינעמען גאָר דאָס סאָציאַלע אין רעליגיע, ווו דאָס דינען דעם מענטשן, דעם שוואַכן און קראַנקן, דעם אָרעמען און קליינעם זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון דינען גאָט. די אַלטע פאָדערונג פון די פאַר־צייטיקע נביאים איז דורכגעפירט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער טאַקע אין גלות. דער רמב״ם זאָגט עדות: „מעולם לא ראינו ולא שמענו בקהל מישראל שאין להם קופה של צדקה״ (מתנות עניים, ט׳, ג׳).

עס איז פֿאַר מיר אַ שטאַלצער פֿאַרגעניגן (און מסתמא נישט בלויז פֿאַר מיר) צו לייענען ביי דעם רמב״ם אַזוינע שורות: חייבין אנו להזהר במצוות צדקה יותר מכל מצוות עשה, שהצדקה סימן לצדק זרע אברהם אבינו... ואין ישראל נגאלין אלא בצדקה... וכל מי שהוא אכזרי ואינו מרחם יש לחוש ליחסו, שאין האכזריות מצויה אלא בעכו״ם, וכל ישראל כאחים הם״ (דאָרטן גופא, פרק י׳, א׳ און ב׳). דאָ רעדט זיך נישט פֿון אויסדערוויילטע, געציילטע יחידים־מעצענאַטן, עס איז אַ פֿאָלקזאַך: די סאָציאַלע באַדערפֿענישן פֿון פֿאָלק זענען געוואָרן די רעליגיעזע מצווה פֿון יעדער יחיד פֿון פֿאָלק. און די וויכטיקסטע פֿאָרעם — מתן בסתר — נישט צוליב כבוד און כיבודים. און אַזוי אַרום איז די גאַנצע יידישע רעליגיע אין איר אַנטוויקלונג געוואָרן פֿון אַ גאָט־רעליגיע צו אַ פֿאָלק־רעליגיע. דאָס פֿאָלק און אַלע זיינע פֿאָלקישע ציבורדיקע באַדערפֿענישן שטייען אין צענטער פֿון דער רעליגיע, לגמרי נישט גאָט און לגמרי נישט די יחידישע לייטזעליקייט, נישט דאָס ראַטעווען די פּריוואַטע נשמה פֿון גיהנום. דער יחיד, יעדער יחיד פֿון ישראל איז אָנגעלאָדן מיט די באַדערפֿענישן פֿון ציבור, פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק, יעדער פּרט טראָגט אין זיך דעם יאָך פֿון די צרכי ציבור, פֿון כלל.

***

אין בבל איז איינגעשטעלט געוואָרן אין שבתדיקן דאַוונען די תפילה יקום פּורקן. אין אַראַמיש ווי די יידן האָבן דעמאָלט דאָרט גערעדט. זיי האָבן אַ סך שטאַרקער געהאַלטן פֿון זייער רייד־שפּראַך ווי מיר היינט, און זיי האָבן זייערע הייליקסטע תפילות (כל נדרי, קדיש) איינגעשטעלט דווקא אין זייער טאָג־טעגלעכער שפּראַך־אַראַמיש. דאָס איז אַ ברכה פֿאַר אַלע וואָס לערנען תורה „ולכל מאן דעסקין באוריתא״. אַ צווייטן יקום פּורקן פֿאַר דער קהילה און שפּעטער מן הסתם איז צוגעקומען אַ מי שברך שוין אין העברעיש פֿאַר אַלע וואָס זאָרגן וועגן די „צרכי ציבור באמונה״. די רעליגיע האָט פֿאַרהייליקט די גאַנצע סאָציאַלע אַקטיוויטעט און אַזוי גייט עס ביז היינט.

און נאָך איין שטריך: דאָס רוב נעמען פֿון די חברות זענען דאָך אַטריבוטן פֿון גאָט. ווי סומך נופלים, מתיר אסורים וכו׳. דאָס ווייזט, אַז די יידן האָבן געקוקט אויף זייער סאָציאַלער אַקטיוויטעט ווי אויף געטלעכקייט אין דער דאָזיקער פֿאָלקישער סאָציאַלער טעטיקייט אַריינפֿירן געטלעכקייט אין זייער מענטשלעכן לעבן, דערהייבן זייער פּשוט מענטשלעך לעבן ביז צו געטלעכקייט.

עס קען זיך נאָך שטעלן איין פֿראַגע: צי איז אין מיינע רייד אין דעם קאַפּיטל נישט פֿאַראַן, חלילה, קיין לעסטערונג פֿון יידישקייט? איז נישט אַ

חילול־השם, ווען מען קען מיינען — עס איז אַ מין אָפּנאַרעריי, מען נוצט אַ גאַנצע קאָמפּליצירטע סיסטעם פון שכר ועונש כדי אַריינצוצי׳ען די יחידים פון פאָלק אין יידישקייט, זיי זאָלן גיין אויף קידוש־השם פאַרן קיום פון כלל אָן וואָסער עס איז פּריוואַטער באַלוינונג. צוגעטראַכט אַזאַ באַלוינונג, כדי „אַריינצונאַרן” מענטשן, יידן, אין דעם שווערן יאָך אויפצוהיטן דעם קיום פון פאָלק... איז עס ריכטיק? איז עס מאָראַליש? איז עס גערעכט אַריינצו־בעמען גאָט אין שותפות פון אַזאַ פּלאַן?...

בין איך זיכער: יאָ, דער רבונו־של־עולם האָט אויך אַזוי געטאָן בשעת ער האָט באַשאַפן די וועלט. ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין קיום פון זיין באַשאַף, וואָס־זשע האָט ער געטאָן? — ער האָט אַריינגעגעבן אין זיינע באַשעפעניש דראַנגען, אינסטינקטן, און זיי, אָט די אינסטינקטן, טרייבן אַפילו די קליגסטע פון גאָטס באַשעפענישן אין שפּאָן...

הונגער און סעקס זענען די אויטאָמאַטישע בייטשן וואָס טרייבן אַלע באַשעפענישן: טוט, אַרבעט, יאָגט אַרויס די נשמה פון זיך, כדי וואָס? כדי גאָטס וועלט זאָל האָבן אַ קיום... איר מיינט אַז איר טוט אַלץ פאַר אייער גוטס, דערהאַלטן דאָס לעבן! איין קליינִקייט! דערהאַלטן דעם קיום פון אַרט! דאָס איז דער ציל פון באַשעפער. נאַר איר, אדרבא, מיינט אַז איר טוט עס אַלץ פאַר זיך, ווערט אייך זיין גרינגער צו טאָן גאָטס רצון — אויפצוהיטן דעם קיום פון זיין וועלט.

און וואָס שטאַרקער עס איז דער באַוווסטזיין פון יחיד, וואָס שטאַרקער עס וואָלט געקאָנט זיין דער ווילן זיך צו באַפרייען פון גאָטס געבאָט: „פּרו ורבו”, — אַלץ שטאַרקער איז דער אינסטינקט, און לאָזט זיך נישט באַפרייען, און לאָזט נישט אַרויס פון שפּאָן...

און אויב גאָט האָט עס געמעגט, מעג דער „שר האומה” — דער נאַציאָ־נאַלער קיום־דראַנג אויך אַזוי האַנדלען: איינשפּאַנען דעם יחיד אין שווערן יאָך פון פאָלקס קיום דורך זיינע יחידישע אינטערעסן. פאַר אונדז איז דער קיום פון יידישן פאָלק נישט ווייניקער ווערט ווי פאַרן רבונו־של־עולם דער קיום פון זיין באַשאַף.

מוסיפין מן החול על הקודש

פאַראַן ביי ייִדן אַזאַ אויסדרוק. עס מיינט: מען דאַרף נעמען פון דעם וואָכעדיקן און צוגעבן צום קודש. פאַרציִען דעם שבת לענגער, נישט איילן זיך צו מאַכן וואָכעדיק, אָנהייבן דעם שבת אין מיטן פון וואָכעדיקן פרייטיק, צוגעבן אַן אַכטן טאָג צום זיבנטאָגיקן יום־טוב. פאַרמינערן דאָס וואָכעדיקע און פאַרמערן דאָס הייליקע.

עס האָט אָבער נאָך אַ טיפערן באַטייט. די משכילים זענען ביי אונדז געווען שטאַרק אין כעס און זיי האָבן קריטיקירט: ס'טייטש! אין דער תורה זענען פאַראַן גאָר נישט קיין סך געבאָטן און פאַרבאָטן, זענען אָבער שפּעטער געקומען „רבנים" און זיי האָבן פאַרמערט, פון איינס געמאַכט אַ סך. אַזוי, למשל, קלאָגט זיך דער קלאַסיש־אפּיקורסישער „הדת והחיים". און ער איז דאָך ווייט נישט איינער. עפּעס אַן אומגליק מיט די רבנים: געגומען, זיך אָנגעזעצט אויף ייִדן צו מאַכן שווערער זיי דאָס לעבן וואָס איז אַזוי אויך גאַנץ שווער... אָרעמע ייִדן, נעבעך!...

אַז די צאָל מצוות און עבירות האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן, איז אַ באַקאַנטע זאַך. רעדט דאָך די גמרא נאָך, אַז עס איז גאָר אַ זכות, אַ גליק: „רצה הקב"ה לזכות את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצוות". זאָגט ביי פּרצן אַ חסיד: „ווער קען גאָר זאַט ווערן מיט מצוות?". און אומזיסט נעבעך באַשולדיקט מען די רבנים. ווי איז געווען דער פּראָצעס פון אָט דער פאַרמערונג? איז עס געווען עפּעס אַ ווילקירלעכער אויסטראַכט פון עמעצן, פון רבנים? זענען דען די „תקנות" (רעגלאַמענטאַציעס) פון עזרא, פון הלל, פון יבנה, פון לוד, פון די גאונים, פון רבינו גרשום, פון די וועדים און אַזוי כסדר, געווען סתם אויסגעטראַכט?

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פאָרשטעלונג איז קודם־כל נאַיִוו און אפשר איז די טענה קעגן דעם אָנוווּקס פון מצוות און עבירות גאָר אַ פּראָדוקט פון וועלן אַנטלויפן פון ייִדישקייט? אַ פּראָדוקט פון דעם דראַנג שוואַכער צו מאַכן דעם „יאָך" פון ייִדישקייט.

אין דער אמתן האָבן מיר דאָ אַ פּראָצעס ווי צו פאַרהיטן דעם קיום פון פאָלק. מיר האָבן שוין נישט איין מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז די ייִדישע רעליגיע האָט אַ ריין וועלטלעך־נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. עס איז דער פאַרהייליקטער ייִדישער שטייגער פון לעבן. אין די אינטערעסן פון קיום האומה, כדי

איינצוהיטן און איינצוהאַלטן די אייגענע, נאַציאָנאַלע אַנדערשקייט האָט מען פֿאַרהייליקט יעדער אייגנטימלעכן שטריך אין פֿאָלק, האָט מען קאָדיפֿי־צירט ווי רעליגיע יעדער אין תּוך אַריין וועלטלעכע אַנדערשקייט. יעדער ספּעציפֿיש־ייִדישע טראַדיציע איז געוואָרן רעליגיע, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין מצוות, כּדי אָפּצוהיטן די אייגענע נאַציאָנאַלע אַנדערשקייט. כּדי צו אַנט־לויפֿן פֿון נאָכמאַכעריי, פֿון די „מנהגי עכו״ם" זענען אַלע פֿרעמדע זיטן, מנה־גים און טראַדיציעס דערקלערט געוואָרן פֿאַר עבֿירות. און אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, איז פֿון גאָט, פֿון יענעם ייִדישן גאָט וואָס איר קענט אים נישט אָפּטיילן, נישט אָפּשיידן פֿון דער געטלעכער ייִדישקייט. אַלץ וואָס דערוווייטערט אונדז פֿון די פֿרעמדע, שכנישע פֿעלקער און זייער שטייגער — אַלץ איז קודש. אָט אַזוי איז געגאַנגען דער פּראָצעס פֿון מוסיפֿין מן החול על הקודש. אַל דאָס רעליגיעזע איז לכתּחילה געווען וועלטלעך־וואָכעדיק. און דאָס אייגנטימלעכע פֿון דעם איז געוואָרן אַ מינהג, דער מינהג איז געוואָרן אַ דין, אַ הלכה און — יקוב הדין את ההר. און ווערט רעדט נאָך, אין אַ צייט פֿון סכּנה, פֿון אַסי־מילאַציע, פֿון אונס אָדער מרצון איז דאָך „יהרג ולא יעבור", אַפֿילו אויף דעם קלענסטן מינהג, אַפֿילו על ערקתא דמסאנא (אַ שוך־בענדל).

און די „בייזע, שלעכטע, רשעותדיקע רבנים?" — נישט זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויפֿן אָרעמען פֿאָלק, כּדי אים צו פֿאַרפֿינצטערן דאָס לעבן, — זיי האָבן בלויז קאָדיפֿיצירט, בלויז קאַנאָניזירט דאָס וואָס דאָס פֿאָלק האָט שוין אַליין אַריינגעפֿירט אין לעבן. דער גאַנצער שולחן־ערוך איז נישט דיק־טירט געוואָרן פֿון עמעצן פֿון אויבן, — עס איז נאָר אַ סומירונג פֿון דעם אַלץ וואָס עס איז שוין געווען אָנגענומען אין פֿאָלק, אין זיין שטייגער. אָט אַזוי איז געגאַנגען דאָס פֿאָלק, פֿון שטייגער, פֿון פֿירונגען אין שולחן־ערוך אַריין, פֿון וואָכעדיקן לעבן אין דער רעליגיע אַריין, מוסיפֿין מן החול על הקודש.

און אַזוי זענען מיר געוואָרן אַ פֿאָלק וואָס באַמיט זיך צו פֿאַרהייליקן זיין גאַנץ לעבן, זיין גאַנצן שטייגער. אַז אַ קינד ווערט געבאָרן מאַכט מען אים אַ ברית־קודש, זיין גאַנץ לעבן איז געווען אין הייליקייט. אין די ערשטע טעג פֿון זיין לעבן, קומען חדר־ייִנגלעך לייענען קריאת־שמע פֿאַרן קינד. דאָס ערשטע וואָרט וואָס מען לערנט אַ קינד אין חדר איז שדי, קודש, מען טראָגט דאָס קינד אין חדר אַריין איינגעוויקלט אין אַ טלית, ווייל עס איז קודש; שבת און יום־טובֿ מאַכט מען קידוש; דאָס עסן איז הייליק; חתונה האָט אַ ייִד דורך חופּה וקידושין; דאָס גאַנצע משפּחה־לעבן דאַרף זיין בקדושה ובטהרה; אויף יעדער זאַך וואָס מען האָט פֿון דעם הנאה דאַרף מען מאַכן אַ ברכה, ווייל עס איז הייליק, נישט סתּם וואָכעדיק ווי ביי אַנדערע. דאָס ייִדישע ביי־יאָר איז נישט עפּעס סתּם אַ וואָכעדיקער פֿריידיקער טאָג, נאָר ער איז ווידער הייליק, דער טיש פֿון אַ ייִדן איז אַ סימבאָל פֿון דעם הייליקן מזבח. און אַז אַ

ייִד שטאַרבט, דאַרף מען זאָגן קדיש. נישטאָ אין קדיש קיין איין וואָרט וועגן דערמאָנען דעם טויטן, נאָר ער איז אין גאַנצן וועגן דער קדושה פון גאָט, וואָס פּילט אָן די גאַנצע אַטמאָספער פון דעם ייִדן אַרום און אַרום. אַ ייִד ווערט געבאָרן צוליב קדושה, כדי מיט דעם לעבן, נישט מיטן טויט, מקדש השם צו זיין. און דאָס לעבן אויף קידוש־השם איז אפשר העכער ווי שטאַרבן על קידוש־השם. און אַ גאַנצן טאָג, און אַזוי אַ גאַנץ לעבן — אַלץ אין קדושה. אַ ייִד דאַרף בנים, חיים און מזונות. צו וואָס? — ווייל: „חי — חי הוא יודך״, ווייל בנים עוסקים בתורה און ווייל ואכלת ושבעת וברכת (פון אַ פאָלקסליד, וואָס ווערט צוגעשריבן צו ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער). איז דאָס גאַנצע לעבן פון אַ ייִדן געווען כולו קודש, איין כסדרדיקע האָפענונג אויף אַ וועלט וואָס דאַרף קומען, אויף עולם הבא, אויף דעם יום שכולו טוב. און געגלויבט האָבן ייִדן אַז מיט זייער לעבן אין קדושה דערנעענטערן זיי אָט דעם אידעאַל, דעם יום שכולו טוב, דעם עתיד לבוא.

אָבער מיט איין מאָל, אין משך פון איין דור זענען מיר געוואָרן פון אַ פאָלק, וואָס לעבט אין קדושה — אַ פאָלק פון בלויז וואָכעדיקייט. נישט וועלט־לעכקייט, נאָר בפירוש וואָכעדיקייט. וועלטלעכקייט קען אויך האָבן קדושה, קען אויך זיין הייליק. פאַראַן אַ הייליקייט לשם שמים און עס קען זיין אַ הייליקייט אַן ערדישע, עס קען זיין אַ גלויבן אין אַן עולם הבא ערגעץ נישט אין די וועלטן, לא מעלמא הדין, און עס קען אויך עס איז געווען ביי אונדז אַ גלויבן אין אַן עולם הבא אויף דער וועלט, אויף דער ערד, לעתיד לבוא אויף דער ערד. און אָט צו דעם אידעאַל האָט מען געדינט, אויף אָט דעם לעתיד לבוא האָט מען געוואַרט און געהאָפט און פאַר אים האָט מען געקעמפט און אויך אָט דאָס לעבן איז געווען הייליק. אַן אַנדער הייליקייט, אָבער דאָך הייליק.

אויך אָט די הייליקייט איז ביי אונדז אַוועק, אויך די קדושה איז בטל געוואָרן. און מיר זענען געבליבן וואָכעדיק, אין גאַנצן „חולין״, אָן אַ ברעקל קדושה, נישטאָ קיין הייליקייט אין אונדזער לעבן, נישט קיין רעליגיעזע און נישט קיין וועלטלעכע. וואָכעדיק זענען מיר געוואָרן און וואָכעדיק איז אונ־דזער לעבן. און עס איז אומעטיק צו לעבן אָן קדושה, זוכט מען דעם אומעט צו דערטרינקען אין פאַרווייַלונגען, ווערן די פאַרווייַלונגען דערעסן אין זייער וואָכעדיקייט. זיי זענען היינטיק בלויז, און מיט דעם היינט אַליין קען מען נישט לעבן. בענקט די נשמה נאָך אַ ביסל הייליקייט, נאָך קדושה אין לעבן. און ווייס נישט אַלץ פון דער אַלטער קדושה, פון דער וואָס האָט אָנגעפילט אונדזער לעבן אין אַ פריערדיקער תקופה, אין אַ תקופה וואָס איז שוין נישטאָ קען גילטן אויך היינט ווי אַ קדושה אין אונדזער לעבן.

מען דאַרף אָבער קענען געפינען קדושה אין דער וואָכעדיקייט; מען דאַרף קענען דערהייבן מאָמענטן וואָכעדיקע ביז צו דער מדרגה פון קדושה; מען

דאַרף זיך אַליין מזכה זיין מיט קדושה, וואָרום אָן קדושה קען מען דאָך קראַנק ווערן פון אַ לעבן וואָס איז כולו וואָכעדיק. דער וויכטיקסטער סימן מובהק פון וואָכעדיקייט איז וואָס עס איז בלויז היינטיק, פאַר דעם מאָמענט און נישט מער, בעת קדושה איז דויערנדיקער, אייביקער.

עס איז בכלל זייער אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטל די פאַרהעלטעניש פון מאָמענט צו אייביקייט. עס קען אַמאָל אַ מאָמענט זיין אַ טייל פון דויער. מאַטעמאַטיש איז עס טאַקע נאָר איין מאָמענט, אָבער פּסיכאָלאָגיש אין מענטשן קען דער קורצער מאָמענט פאַרנעמען אַ לאַנגן דויער, און עס קענען, פאַרקערט, פּסיכאָלאָגיש גאַנצע דויערנדיקע פּראָצעסן פאַרוואַנדלט ווערן אין מאָמענטן, וואָס האָבן נישט קיין צייט־אויסמעסט; זיי לייגן זיך נישט צו־נויף, זיי סומירן זיך נישט אין קיין דויער. איז וואָכעדיקייט תמיד מאָמענט, קאָן מען לעבן אַ לאַנגן לעבן וואָכעדיק, און נישטאָ אין דעם וואָכעדיקן לעבן קיין בלייבנדיקער דויער. און פאַרקערט, קען זיין „יש קונה עולמו בשעה אחת" — איין שעה מאַטעמאַטיש, אָבער פּסיכיש, איז עס אַן עולם ועד, אַן אייביקייט. אין יעדער קדושה, אין יעדער דערהייבונג איז פאַראַן אָט דער פאַקטאָר פון דויער. און אויב די גאָר ווייטע היסטאָרישע קדושה רופט ביי אונדז היינט נישט אַרויס קיין געפיל פון הייליקייט, פון דערהויבנקייט, קענען מיר אָבער אַזוינע דערהויבענע מאָמענטן געפינען אין אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענ־הייט. יעדער מאָמענט פון נעכטן וואָס בלייבט ביי אונדז אין זכרון אויך היינט, ווערט דאָך שוין במילא אויס מאָמענט, אוי וואָכעדיק, גייט ער שוין אַריבער אין דער מדרגה פון קודש. יעדער מענטש קען האָבן זיינע פּריוואַטע אַזוינע מאָמענטן און איטלעך פאָלק מוז אין זיין היינט פאַרהייליקן אַלע מעגלעכע, פּאַסיקע מאָמענטן פון זיין נאָענטן נעכטן. דאָס איז דער זינען פון דעם מוסיפין מן החול על הקודש, וואָס מיר טאָרן נישט פאַרגעסן. מיר האַלטן איצט אין מיטן פון אַ פּראָצעס וואָס דאַרף פאַרהייליקן דאָס חרובע שטעטל, דאָס זעלביקע שטעטל וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט אַזוי אָפּגעחוזקט פון דעם; עס איז געקומען די צייט צו אָנערקענען די וויכטיקייט, — פאַרוואָס נישט טאַקע הייליקייט פון אונדזער אַלטער, טראַדיציאָנעלער לערנסיסטעם. אַ סך פון דער נעכטיקער, אָפּגעשטאָרבענער וואָכעדיקייט מוז אַריבערגיין אין דער מדרגה פון קודש.

אָט אַזוי ווי דער אייערנעכטן איז געוואָרן בז אונדז קודש אין דעם נעכטן, אַזוי דאַרף דער נעכטן ווערן ביי אונדז קודש היינט, כדי דער היינט זאָל קענען ווערן קודש מאָרגן. דאָס נעכטיקע וואָכעדיקע לעבן ווערט ביי אונדז היינט תורה. דאָס איז דער פּרינציפּ פון מוסיפין מן החול על הקודש.

אָבער במה דברים אמורים? ווען איז עס גערעדט געוואָרן? — ווען דער

בעכטיקער חול איז געווען אין ייִדישקייט, ווען עס איז נישט געווען אין די „דרכי האמורי" — קיין נאָכמאַכעריי, קיין אויספּוצן זיך אין פרעמדס.

מען דאַרף געדענקען דעם כלל גדול: איטלעך נאָרמאַל, פאַרזיכיק לעבן פון אַ פאָלק מיט זיינע זיטן, פּירונגען, געדאַנקען און אויסדריקן איז פאַר זיך אַ תורה, וואָס דאַרף געלערנט ווערן, וואָס איז ווערט געלערנט און גע־פאַרשט צו ווערן. דאָס לעבן גייט אַריבער אין קונסטן און אין וויסנשאַפטן — פון פּראַקטיק אין טעאָריע אַריין. און אַז דאָס לעבן ענדערט זיך, פאַרמען פון לעבן בייטן זיך, בלייבט דאָך די תורה פון דעם נעכטיקן, פאַרגאַנגענעם לעבן. ווערט איצט די תורה פון נעכטיקן לעבן היינט אַן אינהאַלט פון לערנען און פון לעבן. דאָס איז דער נאָרמאַלער וועג פון אַ קאָלעקטיוון פאָלקס לעבן: לעבן — תורה — צוריק אין לעבן אַריין. דאָס איז דער נאָרמאַלער, געזונטער גאַנג פון דער קולטור־צירקולאַציע,, וואָס פון אים באַשטייט דאָס גאַנצע לעבן פון אַ פאָלק (זע: „אויף די וועגן פון קיום", לעצטער עסיי).

און אַלץ וואָס ווערט געלערנט, דאַרף אַריינגערעכנט ווערן אין דער קאַ־טעגאָריע פון קודש. ווי צו אַ וועלט וואָס לערנט אַלץ צוליב וואָכעדיקע צילן און אינטערעסן. ווי צו די שוואַכע וואָס לעבן אין אַזאַ וועלט. טאָפּל ווי איז צו ייִדן פון אַזאַ לערנען ביי אונדז און פון אַזאַ לערנען ביי דער וועלט. מיר פאַרלירן אונדזער חותם פון אונדזער אייגנטימלעכקייט, פון דער קדושה און ווי איז אונדז פון דער וועלטס לערנען אַזוי און מיר ווי די שוואַכע ווערן אַ גרינגער קרבן פאַר אַלע אירע מאָרד־גלוסטונגען און רציחה־תאווהס. דאַרפן מיר לערנען די תורה פון נעכטן אין הייניטיקן לעבן אַריין, און דורך דעם וועלן מיר מקיים זיין דעם דעם פּרינציפּ פון „מוסיפין מן החול על הקודש".

וואָס זענען מצוות און וואָס — עבירות?

אַלץ וואָס היט אָפּ און וואָס עס פאַרשטאַרקט די ייִדישע אַנדערשקייט, די אייגנטימלעכקייט, די פאַרבינדונג צו דער ייִדישקייט פון דורות — אַל־דאָס איז מצוות. און פאַרקערט, אַלץ וואָס רייסט איבער די קייט, אַלץ וואָס שוואַכט־אָפּ די ייִדישע אַנדערשקייט, אַלץ וואָס עס דערנענטערט ייִדישקייט פון שטייגער צו דעם שטייגער פון כל הגויים, — אַלדאָס זענען עבירות. נישט פאַר גאָט זענען די מצוות און עבירות, נאָר פאַרן פאָלק. „גויִיש ברויט איז נישט גוט כדי צו פאַרהיטן ייִדן פון גויִישן וויין, וויין —כדי צו פאַר־היטן פון גויִישע טעכטער. און די לעצטע כדי צו פאַרהיטן פון אויסייִדישונג" (פון אַ גמרא). און אין יעדער צייט, אין יעדער תקופה קענען און דאַרפן אויפ־קומען נייע און נייערע תקנות צוגעפּאַסטע צו דער צייט צו פאַרשטאַרקן די ייִדישע אַנדערשקייט. סיג לסיג איין צאַם אַרום אַ צווייטן, אָפּצוטיילן דאָס ייִדישע פאָלק פון אַנדערע. אַ פאָלק לעבט צווישן אַנדערע פעלקער, ווי אַ מינדערהייט און קען זיך איינהיטן נאָר דורך דער אייגנטימלעכער אַנדערש־

קייט פון זיין לעבן־שטייגער. און דערפאַר זענען כסדר אויפגעקומען נייע תקנות, נייע מנהגים אַלץ כדי זיך צו דערווייטערן פון „די דרכי האמורי״ פון די נישט־ייִדישע וועגן און פירונגען.

פון דער צווייטער זייט איז אָבער געגאַנגען (און עס גייט) אַ צווייטער, אַ פאַרקערטער פּראָצעס: עס פאַלן אָפּ פאַרעלטערטע, נישט־צוגעפּאַסטע מנהגים און פירונגען. מצוות ווערן בטל, קודש ווערט אויס קודש, זיטן און מנהגים ווערן פאַרגעסן, הערן אויף צו זיין פּרינציפּן פון ייִדישקייט, פון ייִדישן קיום. עס זענען בטל געוואָרן קרבנות. אַט האָבן מיר אַ ייִדישע מדינה, טאַקע אין ארץ־ישראל גופא, און קיינער, אַפילו נישט די נטורי קרתא פאַר־לאַנגען נישט קיין קרבנות, הגם אין דאַוונען ווערט פיל מאָל איבערגעחזרט אַז מען וועט קומען קיין ירושלים און דאָרטן וועט מען ברענגען קרבנות ווי פאַרצייטנס. עס זענען בטל געוואָרן די „מים המוררים״ (נאָך אין צייט פון תלמוד, הגם עס איז בפירוש אָנגעזאָגט אין דער תורה), אַזוי אויך יבום, שעטנז, וקצות את כפה, ופרשו את השמלה וכדומה אַ סך. פאַרקערט, זענען אויפגעקומען נייע, וואָס אין דער תורה איז נישטאָ וועגן זיי קיין סימן־כתובה, פרוזבל, היתר עיסקא, עירובין, פּרטים פון מקווה, סוכה, בשר וחלב, טלית ותפילין, תפילה במקום קרבן בכלל און נאָך און נאָך... עס זענען צוגעקומען אמונות נייע וואָס ווערן אין דער תורה נישט דערמאָנט: תחית המתים, גן־עדן און גיהנום, בכלל יענע וועלט, מלאכים און שדים. קאַפּאָטע און שטריימל, היטל און קאָפּצודעק פאַר פרויען, דער גרעסטער טייל פון סידור און מחזור, אַלע טראַדיציאָנעלע מאכלים וכדומה נאָך און נאָך.

דאָס איז דערפאַר ווייל ייִדישקייט אָדער ייִדישע רעליגיע (מען קען עס רופן אַזוי און אַזוי) איז נישט קיין שטייַק וואַסער, נישט קיין פיקסירטע, איין מאָל פאַר שטענדיק פיקסירטע און פעסטגעשטעלטע פּרינציפּן, חוקים ומשפטים. ניין, ייִדישקייט איז אַ שטראָם, אַ שטראָם דורך צייט, פּושט צורה ולובש צורה רופט עס אָן די גמרא. דינים ומנהגים בייטן זיך, ענדערן זיך כסדר. דור דור ודורשיו, און תקופה־תקופה מיט איר ייִדישקייט.

און די תורה פון איין תקופה איז ווייט נישט פּשוטער המשך פון דער פריִערדיקער תקופה. עס איז תמיד אַ געענדערטע, אַן איבערגעאַרבעטע. עס איז דער תלמוד ווייט נישט דאָס וואָס דער תנ״ך; עס איז דער תלמוד בבלי אַנדערש פון דעם ירושלמי, הגם זיי זענען כמעט געשאַפן געוואָרן אייַנצייטיק. עס איז די גאונישע קולטור אין בבל ווידער גאָר אַנדערש און די אַלע זענען דאָך געוואָרן אין גרונט אַנדערש פון דער קולטור אין דער שפּאַנישער גאָל־דענער תקופה און אשכנזי איז ווידער אַוועק אויף אַנדערע וועגן, און אין מיזרח־אייראָפּע האָט זיך אַנטוויקלט אַ רייכע קולטור, וואָס איז ווידער געווען גאָר אַנדערש פון אַלע פריִערדיקע. אַלץ אין דער נאַטור גייט פּעריאָדנווייז,

דאָס לעבן באַשטייט פון פעריאָדן אויך ביי אַ יחיד. אַ פיליאָריקער בוים וואַקסט פעריאָדיש, ער שאַפט זיך יעדער פעריאָד נייע בלעטער, נייע בלומען און פרוכט. אַזוי איז אויך דאָס לעבן פון אונדזער אוראַלטן פאָלק. די קולטור פון איין תקופה איז נישט קיין פשוטער המשך פון דער פריִערדיקער! — עס איז תמיד אַ גילגול פון דער פריִערדיקער קולטור, אַן איבעראַרבעטונג. פרעגט זיך בכן: וואָסערע פון די קולטורן איז וויכטיקער אין לערנען, אין דער דערציִונג? וואָסער קולטור־תקופה דאַרף קומען פריִער און וואָסערע דאַרף קומען שפעטער? וואָס איז דער יסוד און וואָס איז דער דאַך?

מיט דער פראָבלעם האָט זיך שוין פאַרנומען די גמרא, און זי האָט פעסט און זיכער געפסקנט: די תורה איז ווי וואַסער, די משנה איז ווייִן און די גמרא איז געווירצטער ווייִן. דער יסוד פון פאָלקס קולטור־לעבן אין אַ געגעבענער תקופה איז די קולטור פון דער לעצטער תקופה, זי איז דער עיקר און אַלע פריִערדיקע זענען אויף איר געבויט, זיי דאַרפן אַרויסקומען פון איר, זיי קומען שפעטער. אָן דער לעצטער, דער נאָענטסטער צייט זענען די פריִערדיקע תקופות נישט מער ווי תולה על בלימה, זיי האָבן זיך נישט אויף וואָס צו האַלטן. די זעלביקע פלוגתא שטייט איצט אויך פאַר אונדז, און מען קריגט זיך, מען פילפולט זיך אַ גאַנצן דור שוין אויב נישט מערער. דאַרף פאַר אונדז זייִן מאַסגיביק דער פסק פון דער גמרא: די קולטור פון דער לעצטער תקופה איז דער יסוד, זי איז דער „געווירצטער ווייִן". דאָס איז אייגנטלעך דער אַלגעמיינער פעדאַגאָגישער געזעץ — פון נאָענטן צום ווייטערן. אין לעבן און אין קולטור־שטייגער, און אין דערציִונג מוז צוערשט קומען די ייִדישקייט אין דער פאָרעם און אין דעם געשטאַלט ווי מיר האָבן זי דירעקט געירשנט פון דער נאָענטסטער צו אונדז תקופה. זי האָט דאָך שוין אין זיך אַרייַנגעזאַפּט די פריִערדיקע. דורך איר טאַקע וועלן מיר קומען צו די פריִערדיקע אויך. דאָס איז דער געזעץ וואָס עס גיט אונדז אונדזער גאַנצע געשיכטע. אַלע שבטים און אַלע ישובים וואָס האָבן זיך פאַרנומען אויף אַנדערע וועגן, אַלע זענען אַרויסגעפאַלן פון אונדזער פאָלק, נישט געבליבן. לאָמיר דאָס געדענקען און לאָמיר דאָס היטן אין אונדזער קולטור־לעבן אויך איצט.

דער טערמין ביי אונדז פון אַמאָל. זאָל קיינער נישט זאָגן, נישט פון רעכטס און פון לינקס, — אַז דער פראָצעס פון שעפערישער ייִדישקייט איז אָפּגעשטעלט ביי אונדז. זאָל עס זייִן אונדזער טיפער גלויבן און קלאָרער וויסן אַז דור דור ודורשיו, און דור דור און זייִן ייִדישקייט. יעדער תקופה און אירע שאַפונגען, און אַלע זענען זיי הייליק בקדושת העם, אַלע גלייך, ווייל אלה ואלה זענען זיי דברי עם חי.

מען דאַרף געדענקען אַז אָרגאַניש לעבן טאָר זיך נישט איבעררייַסן, נישט אָפּשטעלן. אָט ווי פרישע בלעטער אויף אַ בוים זענען אַן איבערחזרונג פון

די פריערדיקע בלעטער, אַ נייע אויפלאַגע, און אַזוי איז אויך ייִדישקייט היינט מיט אונדז. אונדזער וועלטלעכע ייִדישקייט איז אַ נייע אויפלאַגע פון דער פריערדיקער רעליגיעזער און זאָל אונדזער היינטיקע קדושה זיין געבויט פון דעם נעכטיקן וואָכעדיקן. זאָל די נעכטיקע וואָך ווערן אונדזער היינטי־קער קודש. דאָס ניי־געשאַפענע דאַרף זיין אַ מין גילגול פון דעם אַלטן, ווי דער דור אַזוי זיין ניגון, אָבער דער שורש מוז אַלע מאָל זיין דער זעלביקער. דער שטאַם און די וואָרצלען פון בוים זענען די זעלביקע, נאָר די בלעטער און בלומען בייטן זיך אין יעדן פעריאָד, אין יעדער תקופה. און אין יעדן פעריאָד ברענגט דער בוים אַרויס נייע און נייע פרוכט. און די נייע בלעטער, די נייע בלומען און פרוכט זענען תמיד בצלמו און בדמותם פון די פריער־דיקע, פון פריערדיקע פעריאָד. אַזוי איז אויך מיט אָרגאַנישער קולטור פון אַ געזונט, נאָרמאַל פאָלק. ווי דער דור אַזוי זיין ניגון, און ווי דאָס פאָלק אַזוי זיין קולטור. „און דער ניגון איז שוין די נשמה פון דעם מענטש", און ווייִ צו אַ פאָלק וואָס שאַפט ניגונים, אָבער פון אַ פרעמדער נשמה אַרויס.

און בכן, אַלע די ריכטונגען וואָס לייקענען דעם היינטיקן חול פון אונ־דזער אייגנאַרטיקייט, פון אונדזער אַנדערשקייט, אָט די אַלע וואָס האַלטן „עד כאן" און נישט ווייטער, אַלע די וואָס ווילן אונטערפירן אַ סך־הכל אונ־טער אונדזער שעפערישקייט. אַלע די וואָס זאָגן, וואָס ווילן אונדז איינרעדן אַז מען דאַרף אָנהייבן פון דאָס ניי, אַ נייעם ניגון, אַ נייע קולטור, די אַלע וואָס האַלטן אין איין זוכן נייע קוואַלן פון קולטור, אַלע זענען היינט נאָר אַן איבערחזרונג פון די אַמאָליקע צדוקים וואָס האָבן שטאַרק געהאַלטן פון דער פיקסירטער ייִדישקייט און נישט געוואָלט אָנערקענען קיין זאַך פון זייער היינט, האָבן נישט געוואָלט אין זייער צייט מוסיף זיין צום קודש גאָרנישט פון זייער חול. און זיי זענען אַרויסגעפאַלן פון ייִדישן פאָלק. פונקט ווי יענע פאַרצייטיקע צדוקים אַזוי זענען אויך די היינטיקע אָפשניידער פון אונדזער היינטיקער ייִדישקייט. דער איינציקער געזעץ פון אונדזער לעבן ווי אַ פאָלק איז און בלייבט דער מוסיפין מן החול על הקודש.

ווען מיר פרובירן סומירן אין קורצן אַלץ וואָס מיר האָבן ביז איצט געזאָגט.

1. — די ייִדישע רעליגיע איז אידענטיש מיט דער שטייגערישער ייִדיש־קייט. ייִדן זענען דאָס איינציקע אייראָפּעיִשע פאָלק, וואָס זיין שטאַמט פון זיין אייגענעם וועלטלעכן שטייגער לעבן און פירונג. קולטור און רעליגיע קומען פון איין און דעם זעלבן פאָלקישן מקור. נאָר אָבער דער שטייגער וואַקסט אָן גיכער פון דער רעליגיעזער סאַנקציע, און דערפאַר איז אין יעדער דור פאַראַן שוין פאַרהייליקטע און נאָך נישט קיין פאַרהייליקטע עלעמענטן פון ייִדישקייט, רעליגיעזע און וואָכעדיקע ייִדישקייט, קודש און חול איינ־

צייטיק, רעליגיעזע און וועלטלעכע טיילן פון ייִדישקייט, וואָס זענען אָבער אין היסטאָרישער פאַרבינדונג דורך דורות איין גאַנצקייט.

2. — די ייִדישע רעליגיע האָט אין איר צענטער נישט גאָט, און זי איז נישט פאַרבונדן מיט קיין „גאָט־וויסנשאַפט"־טעאָלאָגיע. זי האָט אין איר צענטער דאָס פאָלק און זיין קיום, זיין איינהייטלעכע גאַנצקייט אין זיין צעשפרייטקייט איבער גאָר דער וועלט.

3. — הגם די ייִדישע רעליגיע זאָגט אָן פריוואַטן שכר ועונש דאָך איז איר ווייטסטער ציל דווקא דער גורל פון פאָלק ווי אַ גאַנצער. דער פריוואַטער שכר ועונש, די השגחה פּרטית איז דער מיטל כדי צו דערגרייכן די צילן פון כלל, פון גאַנצן פאָלקישן קאָלעקטיוו און זיין המשכדיקן קיום.

4. — דער מעמד הר סיני איז דורך דער טראַדיציע געצויגן געוואָרן פון אַן איינמאָליקער דערשיינונג ביז צו אַ פּערמאַנענטן אייביקן פּראָצעס וואָס טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. דער סימבאָל „מסיני" נעמט אַרום אַל דאָס טראַדיציאָנעלע אין ייִדישקייט און אַלץ וואָס עס וועט ווערן טראַדיציאָנעל אין דער צוקונפט.

5. — די ייִדישע רעליגיע מיידט אויס מיט אַלע מיטלען דעם באַגריף גאָט ווי אַ באַזונדערן, פאַרזיכיקן וועזן, ווי אַ באַזונדערע סובסטאַנץ — ווי אין מאַטעריעלן זינען אַזוי אויך אַפילו נאָר פון אַ גייסטיקן כאַראַקטער. עס איז, פאַרקערט, פאַראַן אַ שטרעבונג, איבערהויפּט פון צווייטן בית־המקדש אָן צו באַטאָנען נישט גאָט, נייערט די געטלעכקייט אין דער וועלט. די געהויבענע געטלעכע גרויסקייט פון דעם גאַנצן באַשאַף, אין דעם קאָסמאָס, אַזוי אויך איז דער ציל — די געטלעכע דערהויבנקייט פון מענטשלעכקייט אין ייִדישן לעבן, וואָס דאַרף דורך די ייִדן צעשפּרייטן זיך איבער אַלע פעלקער — לתקן עולם במלכות שדי. תורה.

6. — *געטלעכקייט* איז די העכסטע מדרגה פון *מענטשלעכקייט*, וואָס אַ מענטש דאַרף כסדר שטרעבן זיך צו דערהייבן צו איר. געטלעכקייט און מענטשלעכקייט זענען נישט קיין באַזונדערע, פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, נייערט עס זענען בלויז פאַרשיידענע מדרגות פון איין און דעם זעלביקן מהות. „משה עלה למרום" מיינט לגמרי נישט די הייכן וווּ עס דרייען זיך ספּוטניקעס און לוניקעס מיט הינט און מיט מאַלפּעס. עס מיינט די גייסטיק־מאָראַלישע הייכן פון מענטשלעכער געטלעכקייט, וואָס קיין אַנדערע מענטשן האָבן נישט געקאָנט דערלאַנגען.

7. — און ווייל די ייִדישע רעליגיע איז אידענטיש מיט דער שטייגערישער ייִדישקייט, דעריבער קען זי נישט זיין קיין פיקסירטע, איין מאָל און אויף אייביק דעפיניטיוו פעסטגעשטעלטע, דאָגמאַטיש באַגרינדעטע. פאַרקערט, איז זי פּושט צורה ולובש צורה, צוגעפּאַסט תמיד צו דער צייט און

צו די באַדינגונגען און — בעיקר — צו די צילן אויפצוהיטן די אַנדערשקייט. ווי עס שטייט „עת לעשות להי הפירו תורתך" און „מוטב שתעקר תורה ולא תשכח תורה". און דערפאַר איז „כל מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש איז אויך למשה מסיני". ווייל אַלץ וואָס איז עתיד לחדש — אַלע נייע שאַפונגען אין יידישקייט זענען אַזוי הייליק ווי אַלץ וואָס איז געגעבן משהן מסיני. און דערפאַר —

.8 — אַלע יידישע ישובים, אַלע יידישע גרופּעס וואָס לעבן מיט פּיקסירטע יידישקייט און זיי שאַפן מער נישט אין יידישקייט, זענען אַלע פאַרגליווערט, ווי ביימער וואָס שטייען נאַקעט, אָן בלעטער און אָן בלומען און אָן פרוכט, וואָס שטייען און וואַרטן ביז... אַ ווינט וועט זיי איינוואַרפן.

.9 — דאָס איז דורך דער גאַנצער לאַנגער יידישער געשיכטע דער נאַטירלעכער סוף פון אַלע די יידישע ישובים וואָס האָבן געוואָלט פּיקסירן יידישקייט און נישט דערלאָזן קיין אַנטוויקלונג.

.10 — און אַזוי קענען מיר נעמען דאָס אַלגעמיינע פון אַלע דורות און פאָרמולירן, יידישקייט באַשטייט פון:

א) שטייגער לעבן, וואָס איז פאַרענדערלעך, פּושט צורה ולובש צורה, אָבער אַלע מאָל אַנדערש, פאַרזיכטיק, נישט אַזאַ ווי ביי די שכנישע פעלקער.

ב) לערנען ווי אַן עלעמענט פון שטייגער לעבן, אויך אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער. דאָס לערנען האָט דעם ציל אַריינצופירן די פּיקסירטע קולטור פון דער פריערדיקער תקופה — די וואָס בכתב, אַריינפירן אין פּראָצעס פון שטייגער, אין דעם גאַנג פון נאָך נישט פּיקסירטן, נישט פאַרשריבענעם קולטור־לעבן. לערנען האָט געמיינט אַריינפירן די קולטור־פּראָדוקטן פון די פריערדיקע תקופות אין קולטור־פּראָצעס, אין שטייגער היינט.

ג) מערקווירדיקער פאַקט: אין פּראָצעס פון לערנען און אין די פּראָגראַמען פון לערנען האָבן די יידן נישט אַריינגענומען קיין לימוד פון געשיכטע. (די יידישע געשיכטע ווי אַ וויסנשאַפט האָט זיך אַנטוויקלט ערשט אין גיינצנטן י"ה און דאָס דורך משכילים און נישט־יידן) דאָס איז געווען נישט מחמת אַ ביטול־באַציִונג צום פאַלקישן עבר, נייערט, פאַרקערט, ווייל מען האָט זיך באַמיט דעם גאַנצן עבר און די תורה פון נעכטן אַריינצופלעכטן אין דעם אַקטועלן היינט.

ד) שפּראַך — אַלע מאָל אין שפּעטערישע תקופות אַן אייגענע, נישט די וואָס עס נוצט דאָס הויפּט־פאָלק אין לאַנד.

ה) יידן האָבן תמיד געשטרעבט צו אָרגאַניזירן דאָס סאָציאַלע לעבן זייערס פאַר זיך, באַזונדערס, ווי אַ וויכטיקן (אפשר וויכטיקסטן) עלעמענט פון דעם רעליגיעזן לעבן. און זיי האָבן דאָס דורכגעפירט אַלע מאָל בעסער ווי דאָס הויפּט־פאָלק אין לענדער.

ו) ייִדישקייט האָט תמיד פון די נביאים אָן געלעבט מיט אַן אידעאַל פאַר דער צוקונפט.

ז) — די אַלע נייע און נייערע אידייען וועגן ייִדישקייט און דעם גאַנג פון איר אַנטוויקלונג זענען תמיד אַרויסגעבראַכט אַזוי פאַרזיכטיק, כדי נישט אַנצורירן, נישט צו שטערן דעם פאָלקס גלויבן, נישט צעברעכן דאָס אָנגענו־מענע און פאַרהייליקטע ביים פאָלק. עס איז געווען אַ בפירושער פאַרלאַנג אָפּצוהיטן דעם המשך, און דאָס נייע זאָל זיך צונויפגיסן מיט דעם אַלטן, עס זאָל נישט קענטיק זיין דער רעוואָלט. דערפאַר פלעגט מען זיך אָפּטער באַנוגענען מיט אַ רמז, מיט אַ שוואַכער אָנדייטונג, נישט מער. דערפאַר האָט זיך אַנטוויקלט אַ באַזונדערער דרך אין ייִדישן דענקען. עס איז געווען דער נ י ג ל ה — דאָס דייטלעכע, און דער נ י ס ת ר — דאָס אָנגעגעבענע נאָר ברמז, מיט אַן אָנדייט, דאָס נישט־דערזאָגטע, וואָס „אין מגלין אלא לצנועין", וואָס מען טאָר גאָר גאָרנישט לערנען מיט אומדערוואַקסענע. פון דעם איז געוואָרן די „סתרי תורה", די קבלה מיט אירע סודות התורה. ניי, אַנדערש, אָבער דאָך איינס, אָפּגעהיט די גאַנצקייט און די המשכדיקייט.

איך באַוואונדער אָפּט דעם טיפן חוש — אפשר אינטויציע און אפשר קלאָרער באַוווסטזיניקער דרך, וואָס מען האָט באַהאַלטן פון ניט־דערפאַרענע אויגן: אָפּגעהאַקט מיט פעסטער האַנט די שאַפונג אין גייסט און אין גוסט פון תנ"ך, וואָס איז געווען אַזוי פאַרהייליקט. נאָר כ"ד ספרים און נישט מער (צען האָט מען נאָך פון די אויך געוואָלט אַרויסוואַרפן!). דער תנ"ך מיט גאָט־פּראָבלעמען אויבנאָן האָט אין צייט פון צווייטן בית־המקדש נישט גע־פאַסט. אויבנאָן האָט מען גענאַרפט אַוועקשטעלן די תורה, די געטלעכע תורה, וואָס גאָט בעט זיך: „הלוואי אותי עזבתי ואת תורתי שמרו" — דינט נישט מיר, די תורה היט און שאַפט! און תורה־ייִדישקייט; און ייִדישקייט — אַנ־דערשקייט. נישט פיקסירן נאָר שאַפן כסדר ניי, לויט דער צייט און לויט דעם לעבן פון פאָלק אין דער געגעבענער צייט.

און אָט דאָס נייע — פאַרזיכטיק, נישט געבראַכן, נאָר צאַרט פאַרזייט, עס זאָל וואַקסן פאַמעלעך, נישט רייסן קיינע טראַדיציעס ביים פאָלק; דאָס נייע דערלאַנגען דעם פאָלק אין דער פאָרעם פון אַ דרש אויף אַן אַלטן פסוק, אַן אגדה, כלומרשט אַ מעשה סתם.

הלוואי וואָלטן אונדזערע הייַנטיקע גדולים געהאַט אַזאַ פאַרזיכטיקע באַציִונג צום פאָלק און צו זיינע פאָרשטעלונגען און באַגריפן.

קדושת השטעטל

אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה.

מיר האָבן נאָך ביז איצט נישט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן ריכטיק די הייליקייט פון דעם חרוב־געוואָרענעם שטעטל. נישט וועגן דעם קידוש־השם פון שטעטל אין צייט פון חורבן, מיין איך דאָ צו רעדן, איך רייד וועגן דער קדושת השטעטל בעת זיין נאָרמאַלן קיום אין משך פון דורות.

לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער אַלע אונדזערע נייע ישובים אין דער וועלט, אין די אַמעריקעס, אין דער נייער אייגענער מדינה — אומעטום. זיי זענען אַלע יונג, נאָך קיין הונדערט יאָר נישט אַלט (די דריי הונדערט יאָר ייִדן אין די שטאַטן קענען זייער גרינג אָפּגעפּרעגט ווערן ווי אויך די הונדערט יאָר ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע). אָפט אַפילו האָבן נאָך די ישובים נישט דערגרייכט קיין פּופּציק. און וואָס אַלץ די ישובים האָבן אויפגעטאָן! עקאָנאָמישע פּאָזיציעס — ממש ניסים. געקומען אָרעמע ייִנגלעך, אָן אַ לשון, אָן בילדונג, אָן אַ צוגרייטונג, אָן אַלץ. פון אָרעמע קליינע שטעטלעך געלאָפן פון הונגער, פון נויט און פון רדיפות, אָפט נישט געזען קיין עלעקטריש לעמפּל, קיין באַן, אַפילו צומאָל נישט געהאַט געזען קיין וואַסער וואָס גיסט זיך פון אַ קראַן אין וואַנט.

די העכסטע בילדונג איז געווען אַ פּאָר יאָר חדר, אויב עס איז געשען אַ גליק, און אַז נישט — זענען דאָך דאָס געווען ייִנגלעך מיט זעק אויף די פּלייצעס איבער דערפער זוכן אַ פּאַרדינסטל פאַר אַ גאַנצער משפחה. זעלטן, גאָר זעלטן איז עס געווען אויך אַ שמעק אין אַ ישיבה ווו מען האָט גאָר געלערנט אַ שטיקל גמרא.

און אָט איז מען געקומען אין ווייטע, פּאַרוואָרפענע לענדער, צו פרעמדע און מאָדנע פעלקער, וואָס נישט טאַטעס און נישט זיידעס האָבן וועגן זיי געהערט.

און מען האָט אין משך פון קורצע יאָרן באַוויזן אויפצובויען ישובים פעסטע, פּיתום מיט רעמסס, עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פאַר זיך און פאַר די נייע לענדער, נייע אינדוסטריעס אויפגעבויט אין אָפּגעשטאַנענע לענדער! געשאַפן ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט, אָרגאַניזאַציעס, געבויט און אויפגעבויט אַ המשך פאַר דער רעליגיע, אויפגעשטעלט דערציִונגס־סיסטעמען; מען טראָגט

פריידיק דעם ביודזשעט פֿון דער מדינה און דווקא מיט אַ ברייטער האַנט, אָפּט אַ מין „מתן בסתר", עס זאָל קיין עין־הרע נישט שולט זיין, ווען מען זאָל מפֿרסם זיין די אמתע ציפֿערן...

איז דאָס אפֿשר דער אויפֿטו פֿון די אינטעליגענטן וואָס זענען פֿאַר־טראָגן געוואָרן מיט דעם עמיגראַציע־שטראָם? אפֿשר זענען זיי דאָס די פּיאָ־נערן בויער? אפֿשר האָבן זיי דאָס געגעבן די ישובֿים זייער פּרצוף און דעם פּאַרנעם?

— ניין, נישט זיי. זיי זענען אין די נייע ישובֿים אין אַ קליינער צאָל; זיי האָבן אין זייער מערהייט דווקא נישט געטראָפֿן די וועגן ווי זיך אַרויסצו־הייבן נישט פּערזענלעך און נישט געזעלשאַפֿטלעך. אָפּט האָבן זיי סנאָביסטיש געקוקט אויף דעם עולם געקומענע: עם־הארצים, דאָך, דאָסטאָיעווסקין נישט געלייענט! אחד־העמען נישט געקענעלט... אָך און ווי, מיט וועמען מען דאַרף זיין צוזאַמען... האָבן די דאָזיקע אינטעליגענטישע און האַלב־אינטעליגענטישע לאַ־יוצלחס זיך געטרייסט מיט מאַכן חוזק פֿון דעם „אַמעריקאַנער גבאי", פֿון די הדיוט־פּרעזידענטן וכדומה.

און דווקא אָט די אויסגעלאַכטע, די אומגעבילדעטע פּשוטע ייִדן — זיי זענען דאָס די בויער און די אויפֿטוער.

פֿרעגט זיך: מיט וואָס פֿאַר אַ כּוח? פֿון וואַנען דער אימפּעט? פֿון וואַנען די עקשנותדיקע ענערגיע? און זיי, דווקא זיי, נישט זייערע דיפּלאָמירטע און געבילדעטע זין זענען דאָס די אויפֿטוער.

די טראַפּאַרעט־ביאָגראַפֿיע פֿון דעם טיפּ ייִדן איז זייער אַן איינפֿאַכע: קליינע שטעטלעך, אָרעמקייט, אָפּטער הונגער, מיט נסים זיך אויסגעלערנט אונטערשרייבן זיך, דאַווענען אַ ביסל, צופֿעליק אַריינגעכאַפּט איבערלייענען אַ גרינג ביכל, עמיגראַציע, פּעדלערײ, עבֿודת־פּרך... ביז אַרויפֿגעאַרבעט זיך.

אַ טיפֿערע, נענטערע באַקאַנטשאַפֿט וועט ווייזן: אַן אַ שיעור צופּאַסונג־פֿעיִקייטן, „איינגעבאָרענע" חכמה, נאַטירלעכע אָריענטאַציע־פֿעיִקייטן, פֿון הימל־אַראָפּגעפֿאַלענע געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן, נאַציאָנאַלע איניציאַ־טיוו, שעפֿערישע אַקטיווקייט... פֿון וואַנען דאָס אַלץ?...

דער סקעפּטיקער אין מיר, טאַקע דער אינטעליגענטישער אָפּלאַכער אין מיר גופֿא זאָגט מיר אונטער: נו, און אַ ביסעלע כּבֿוד וואָס איז ווערט? דאָס גייט ביי דיר צופֿוס?... בין איך מסכּים מיט אים, אַוודאי איז דאָס אמת, אַוודאי קומען פֿון דעם אַרויס אַ סך קוריאָזן, אַ סך פּאַסיקער מאַטעריאַל פֿאַר הומאָר און סאַטירע. אָבער...

פֿון וואַנען אָט די ריכטונג? דער דראַנג? פֿון עפּעס מוז דאָך עס קומען.

וועט דער פּאַסיקסטער ענטפֿער זיין — אַלץ קומט פֿון קליינעם שטעטל. די ייִדישע אינטעליגענץ פֿון דער השכּלה אַן האָט לגמרי נישט דערשאַצט

דעם כוח פון שטעטל. דאָס האָט דאָך קאַסרילעווקע אויסגעהאָדעוועט איר גאון, פאַראייביקער, שלום־עליכמען; דאָס האָט זי דאָך געבאָרן און געהאָדעוועט אירע עילויים און גאונים; דאָס האָט דאָך אַ גרייעווע אויסגעהאָדעוועט דעם גרעסטן רב פאַר ירושלים (הרב קוק); האָט דאָך מאָטעלע (אַ העק, לעבן פינסק) אויסגעהאָדעוועט דעם שאַפער און ערשטן פרעזידענט פון דער מדינה; האָט שניפּישאָק אויסגעהאָדעוועט נישט נאָר לומדים, שרייבער און דענקער, נאָר אויך, דאַכט זיך, אַ גענעראַל אַפילו. אַלע אונדזערע שרייבער, דיכטער, דענקער — אַלע שטאַמען זיי פון שטעטלעך; דאָס האָבן די שטעטלעך אויפגעבויט ירושלים און אויך ניו־יאָרק, די ייִדישע ניו־יאָרק, מיט אַלע חסרונות און אויך מיט די מעלות. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן — אַלץ האָבן מיר בירושה פון שטעטל.

און אין וואָס און פון וואָס, פון וואַנען דער כוח פון שטעטל? דאָך נישט עפּעס מן השמים. דער כוח איז געווען אין דער:

א) ק ו ל ט ו ר ־ מ אָ נ י ס ט י ש ק י י ט פון שטעטל. קינדער זענען געוואַקסן אין איין קולטור, אין איין שטייגער. אַ געוואַלדיקער פאַקטאָר אָט דער מ אָ נ י ז ם פ ו ן ש ט ײ ג ע ר!

ב) באַגרענעצטקייט פון שטח. נישט געווען דאָ דאָס צערייסן די אויפמערקזאַמקייט אויף אָן אַ שיעור פראַנטן און ריכטונגען. ק אָ נ צ נ ט ר י ר ט ־ ק י י ט. דאָס איז דער צווייטער וויכטיקער פאַקטאָר.

ג) דער נידעריקער ניוואָ פון דעם שכנישן דאָרף. דאָס האָט איינגעפלאַנצט אין דעם ייִדן זיכערקייט און גלויבן אין זיך און אין ז י י נ ס.

אָבער אָט דאָס ז י י נ ס, דער גאַנצער גייסטיקער, קולטורעלער און מאָראַלישער פאַרמעגן זיינער איז געווען... נישט זיינס. קיינער פון די שטעטלשע האָט עס נישט געשאַפן קיין יש מאין, פון גאָרנישט, פון זיך אַליין. אָט דער גאַנצער אינהאַלט פון די מענטשן איז געווען אַ סך ע ל ט ע ר פון זיי. מיר זאָגן און מען דאַרף דאָס אונטערשטרייכן זייער שטאַרק: די נ ש מ ה פ ו ן אַ מ ע נ ט ש ן א י ז ע ל ט ע ר פ ו ן ז י י ן ג ו ף עלטער פון דעם מענטשן. יעדער איינער קריגט זיין נשמה, זיין גייסטיקן אינהאַלט פון דעם „עולם הנשמות", ריכטיקער וואָלט אפשר געווען צו זאָגן, אַז יעדער אינדיווידועלע נשמה איז אַ טייל פון דער קאָלעקטיווער פאָלקס־נשמה, וואָס ער ירשנט נישט ביאָלאָגיש, אָדער נישט נ אָ ר ביאָלאָגיש אין משך פון זיין לעבן אין דעם מאָניסטישן שטעטל... פאַראַן קולטור וואָס מען ירשנט דורך לערנען און פאַראַן קולטור וואָס מען נעמט איבער דירעקט, אָן ווערטער, אָן לערנען, דירעקט פון שטייגער, אָן אַ נאָמען, אָן אַ דעפיניציע, אָפט אַפילו אָן אַ דירעקטן וויסן אַפילו. עס איז ווי די גמרא רופא עס אָן, אַ „דבר הסמוי מן העין" — נישט אָפּצומעסטן און נישט אָפּצושאַצן, עס גייט דירעקט פון

דעם איינהייטלעכן, אַרומיקן קאָלעקטיוו, פון זיין דורותדיקייט צו דעם יונגן מענטשן. מיר וועלן אָט די ירושה רופן מיט דעם פּאַסיקסטן וואָרט — פאָלקישקייט, פאָלקיזם. און אָט די פאָלקישע ירושה — זי איז די שטאַרקסטע, די שעפערישסטע, די אַקטיווסטע.

וועלן מיר שוין פאַרבייגייענדיק צוגעבן אַז דער וויכטיקסטער איבער־טרעגער פון דער פאָלקישער ירושה איז די שפּראַך פון פאָלק. ווייל איז אונדז וואָס אונדזער פאָלק פאַרלירט זיין שפּראַך און צוזאַמען מיט איר פאַרלירט עס אויך זיין פאָלקישקייט!

ווער קען עס גאָר אָפּשאַצן דאָס אומגליק, ווען אַ פאָלק פאַרלירט זיין פאָלקישקייט!... מען רעדט און מען שרייבט ביי אונדז וועגן דער יוגנט, וועגן דער ירידה ביי אונדז, מען האָט טענות צו דער יוגנט, די יוגנט האָט טענות צו די עלטערן. ווי די, אַזוי יענע, האָבן טענות צו די יידישע שולן: מען לערנט און מען לערנט, — און מען לערנט נישט אויס צו זיין יידן... און מען כאַפּט זיך נישט, און מען פאַרשטייט נישט און מען וויל נישט פאַרשטיין, אַז די אמתע סיבה ליגט אין פאַרלירן די שפּראַך פון פאָלק, די שפּראַך פון פאָלקישקייט, דעם פאָלקיזם וואָס זי איז די נאָרמאַלע נשמה פון פאָלק אין יעדן מענטשן. און אַז דער שפּראַך פון פאָלק, האָט נישט דער דור די נשמה פון פאָלק, און אָן אַ נשמה איז זיין גאַנצע יידישקייט, זיין גאַנצער יידישער באַ־וווסטזיין, אַ טויטער. אַ סך וועגן דעם צו שרייבן. צו פיל!

ווי מיר זעען דאָ האָט דאָס וואָרט פאָלק ביי אונדז צוויי באַטייטן. איך האָב פריער געשריבן „דאָס פאָלק פאַרלירט זיין פאָלקישקייט". דאָס ערשטע וואָרט באַטייט אַלע מענטשן וואָס הייסן יידן. דער פאַרנעם — אַלע יידן, דאָס צווייטע מאָל מיינט שוין דער זעלביקער באַגריף, דאָס זעלביקע וואָרט נאָר די יידן וואָס זענען באַהעפט מיט דער יידישער טראַדיציע, מיט דעם שטייגער און שפּראַך. דער פאַרנעם איז, בכן, אַ סך אַ קלענערער. אין שטעטל האָבן זיך געהאַדעוועט יידישע יידן. און דער סימן מובהק אונטער־צושיידן יידישע יידן פון אַנדערע איז אָט־וואָס: דער יידישער ייד איז אַ ייד אַפילו ווען ער האָט גאָר נישט געלערנט, אַפילו ווען ער ווייס גאָרנישט און קען גאָרנישט. אַפילו די עם־הארצים זענען פולע און גוטע יידן. „קיווקע גנב" פון אָפּאַטאָשו איז אָט אַזאַ ייד. זייער צאָל איז געווען גאַנץ גרויס. מען קען אפשר זאָגן, אַז זיי זענען געווען די מערהייט פון פאָלק. דאָס איז דאָס טיפע וואַסער אין קעסל, וואָס זעט זיך כמעט נישט אַרויס. נאָר דער אויבערפלאַך זידט און קאָכט, און גלאַנצט און בלעזלט זיך אויפן פייער. אָבער אָן דעם טיפן טונקעלן וואַסער איז דער אויבערפלאַך אויך נישטאָ. אָט די פאָלקס־מענטשן לעבן מיט דער טראַדיציע מער ווי מיט דעם אייגענער שכל, מער ווי מיט זייער וויסן און געדאַנק.

ביי אונדז איצט, אין אונדזער אורבאַנישער תקופה איז פאַרקערט: די ייִדישקייט איז אַן אויסגעלערנטע. ווען מען זאָל נישט לערנען וועט די יוגנט אויסוואַקסן בפירוש נישט קיין ייִדישע. דאָ ליגט די סכנה. אוודאי דאַרף מען לערנען. איצט נאָך מער ווי פריִער; דאָ מער ווי דאָרטן. אָבער די אויסגע־לערנטע ייִדישקייט דאַרף האָבן אַ באַזיס. דער באַזיס איז אין לעבן. איז קומט אויס: בעסער אַ פעסטער באַזיס אָן ווענט, איידער ווענט אָן אַ פונדאַמענט. הגם עס איז אַך און ווי צוביידן, צו יעדער איינעם אָן דעם צווייטן. נאָך אין פרק איז פאַראַן דער פאַרגלייך: „כל שמעשיו מרובים מחכמתו, חכמתו מתקימת", און געגליכן איז עס צו אַ בוים מיט שטאַרקע וואָרצלען און קנאַפּע צווייגן. דאָ האָבן מיר פאַר זיך דעם טיפּ פון „נאַטירלעכן ייִדן", ד"ה אַזוינע וואָס ווען אַפילו זיי זאָלן גאָרנישט לערנען, גאָרנישט וויסן, זענען זיי דאָך ייִדן, אמתע ייִדן.

אַט די נאַטירלעכע ייִדישקייט גיט זיך איבער דירעקט פון לעבן, דירעקט דורך דעם שטייגער לעבן, אָן דעפיניציעס, אָן דערקלערונגען, דאָס זענען איינגעלעבטע געוווינהייטן, געוווינהייטן אין טאָן, אין פיר און אין דענקען, אין טראַכטן. די נאַטירלעכע ייִדישקייט איז אַזוי נאַטירלעך, ווי עס איז נאַ־טירלעך דאָס אָטעמען, דאָס אויסזען פון פנים, דער שמייכל און דאָס וויינען — אַלץ.

אַט די נאַטירלעכע ייִדישקייט איז אָרגאַניש, נישט אין ווערטער אויסגע־דריקט, זי האָט נישט און קען נישט האָבן קיינע דעפיניציעס און קיינע פאָר־מולעס, קיינע דאָגמעס, קיינע קרעדאָס. אַלע די לעצטע זענען פּראָדוקטן פון דער נאַטירלעכער ייִדישקייט, און דער עפּל איז ווייט נישט דער עפּלבוים. די גמרא רופט עס אָן „מסתורין", און אין דער טראַדיציע איז עס אַריין מיט דעם נאָמען „תורה שבעל פה". מען טאָר עס נישט פּרובירן פאַרשרייבן, מען טאָר עס נישט איבערגעבן פאָרמולירט בכתב — דורך ווערטער.

אַלץ וואָס עס איז שוין יאָ פאָרמולירט אין ווערטער, אַלץ וואָס בכתב איז גוט און ריכטיק, אָבער בלויז ווען עס ווערט געלערנט אַזוי אַז עס זאָל אַריינגיין אין לעבן, אין שטייגער, אין דעם פיר, אין די מעשים פון דעם מענ־טשן און אין זיינע האַנדלונגען, אַפילו אין די אונטערבאַוווסטזיניקע, איז די געוווינהייטן.

די ייִדישקייט וואָס איז פאָרמולירט אין ווערטער, אַפילו אין די שענסטע, קינסטלערישע און איז אויסגעלערנט, קלאָר אויסגעלערנט, אָבער נישט אַריינ־געלעבט אין די געוווינהייטן פון דעם מענטשן, ווירקט נישט, איז געגליכן צו דעם „בוים וואָס האָט אַ סך צווייגן און קנאַפּע וואָרצלען", ווי די גמרא זאָגט עס.

דאָס ייִדישע לעבן אין שטעטל האָט געשאַפן אַ ספּעציפישע ייִדישע

אַטמאָספער. מיט איר האָבן זיך אָנגעזאַפּט אַט די ייִנגלעך אין זייער שווערער קינדהייט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מילחמה. עס איז די „אווירא דשטעטל מחכים" — פון דאַן די לעבנס־חכמה, די ענערגיע, דער דראַנג צו בויען — אַלץ פון דאַנען. בויט נישט קיין שולן, לערנט נישט קיין תורה, קיין פּראָגראַמען, קיין קורסן, — שאַפט אַרום די קינדער אַן אַטמאָספער! און עס וועט זיין אַ פּעולה אין דערציִונג. אַן איר — איז די גאַנצע תורה אַן אַ פונ־דאַמענט, אַ תולה על בלימה. מיר ווילן עס נישט, מיר וואָלטן גערן געווען דאָס פאַרגעסן. אַלץ מחמת אונדזער סנאָביזם! דאָס פאָלק האָט געלעבט אין שטעטלעך, איז די גאַנצע אַטמאָספער געווען אַ פאָלקישע, און אַט דאָס איז פאָלקישקייט. אין איר איז אונדזער כוח אין די נייע ישובים, אין אַלע ישו־בים. דאָס קען נישט זיין קיין פּראָגראַם אויסצולערנען, דאָס איז שטייגער אין דער סביבה. ירושלים וועט געבויט ווערן פון די בתי־מדרשים און בתי־כנסיות פון בבל — אַזאַ קלוגע גמרא איז ערגעץ פאַראַן. מיט איין וואָרט — דער קולטור־שטייגער פון דער אָקאָרשט־פאַרענדיקטער תקופה — ער מוז זיין דער באַזיס, דער יסוד כל היסודות פאַר דער קולטור פון דער נייערער תקופה. די שטייגער־קולטור פון דער לעצט־אָפּגעגאַנגענער תקופה — זי איז דער געווירצטער וויין; די קולטור פון דער פריִערדיקער תקופה איז פּשוטער וויין, די גאָר אַלטע קולטור איז דאָס וואַסער. אַזוי איז דער גאַנג פון קולטור דורך דורות און דורך תקופות. „משה האָט באַקומען די תורה פון סיני, ער האָט זי איבערגעגעבן צו יהושוע, יהושע — צו די זקנים, די זקנים — צו די נביאים און די נביאים האָבן זי איבערגעגעבן צו די אנשי כנסת הגדולה". אַזוי דערציילט אונדז אַ באַקאַנטע משנה. עס וואָלט קיין ייִדיש פאָלק נישט געווען ווען די אנשי כנסת הגדולה וואָלטן געוואָלט איבערנעמען די תורה דירעקט פון משהן אַליין. מען קען נישט און מען טאָר נישט איבערהיפּן קיין קולטור־תקופות! דאָס האָט אַזוי דיקטירט דער געזונטער פאָלקישער אינס־טינקט. און פאָלקישקייט איז וואָס? — דאָס איז דער שטייגער און דער גע־מיט פון פּשוטע ייִדישע עמך־מענטשן אין דעם פּשוטן לעבן. דאָס איז פאָל־קישקייט. זי איז די נשמה פון קאָלעקטיוון לעבן וואָס גיט זיך איבער פון דור צו דור, פון תקופה צו תקופה. אַן דער פאָלקישקייט זענען אַלע געלערנטע תורהס — טויטע, געלערנטע כדי צו פאַרגעסן. די פאָלקישקייט פון שטעטל האָט דערצויגן די פאָלקס־מענטשן, און אין זיי די שעפערישקייט פון דער נייער תקופה, וואָס אין איר לעבן מיר איצט. אַלע טראַגישע סכנות וואָס לויערן אויף אונדזער קיום שטאַמען פון דעם וואָס מיר ווילן פאַרלייקענען, אויסמעקן די קולטור פון שטעטל, פון לעצטן געשיכטע־עטאַפּ אונדזערן.

פאַרשטייט זיך, איך וויל נישט אָפּלייקענען די חסרונות וואָס דער ייִדי־שער פאָלקסמענטש טראָגט אין זיך: ער איז נישט געגוג שטאָלץ מיט זיין

פאַלקישקייט, ערליידט בנוגע צו זיין פאָלקישקייט פון אַ שיפלות־קאָמפּלעקס און דערפאַר באַמיט ער זיך נישט אַליין איינצוהיטן זיין פאָלקישן קולטור־שטייגער אויך פאַר זיינע קינדער; נישט דעם שטייגער און נישט דעם לשון. און דאָ איז די סכנה פאַרן קיום פון פאָלק. לאָמיר דאָס געדענקען: די נשמה פון אַ פאָלק איז אין זיין שטייגער; דער שטייגער איז דאָ נאָר ביי לעבעדיקע דורות. זיי קומען אַלע פון שטעטל. דאָס שטעטל איז אונדזער מאַמע, די מאַמע פון דער תקופה וואָס קומט. וואָס ווערט געבוירן. אַ קינד קען נישט זויגן פון דער עלטער־באָבען; אַ פאָלק קען נישט איבערהיפּן קיין לעבעדיקע תקופה בדי צו זויגן יניקה פון אַ לאַנג־פאַרשטאָרבענער תקופה. „פוק חזי עמא מאי דיבר" — גייט צום פאָלקסמענטשן נעמט איבער זיין שטייגער־קולטור. ערשט פון דאַנען קען מען גיין ווייטער, צו פריִערדיקע תקופות. דאָס איז די תורה פון פאָלקיזם, וואָס אָן איר זענען מיר, חלילה, פאַרלוירן.

אין דעם אונטערשיידן די צוויי באַגריפן פון דעם זעלביקן וואָרט „פאָלק" גייען מיר בפירוש נאָך דעם רוסישן שטייגער, וואָס ביי זיי זענען די צוויי טיילן אַלעמאָל געווען זייער שטאַרק פאַרשיידן. די אינטעליגענטן אין דעם רוסישן פ אָ ל ק האָבן געהאַט תמיד גרויס דרך־ארץ און ליבשאַפט צו זייערע פ אָ ל ק ס מ א ס ן; מען איז געגאַנגען „אין פאָלק אַריין", מען האָט זיך געהאַלטן פאַרפליכט צו „דינען דעם פאָלק". איינער אַ גרויסער רוסישער געלערנטער האָט פאַרגליכן די אינטעליגענץ צו די בלעטער און „דאָס פאָלק" — צו די וואָרצלען. די בלעטער געניסן פון ליכט, פון דער זון. אָבער זיי מוזן אַרבעטן און שאַפן פאַר די וואָרצלען וואָס אַרבעטן אין דער פינצטער. (דער געלערנטער איז געווען דער באַרימטער און באַליבטער פּראָפעסאָר טימיריאַזעוו — טאַקע אַ באָטאַניקער).

איך גלייב אַז דער אונטערשייד איז פאַראַן ביי אַלע פעלקער (נאַציעס) ווו עס איז געווען אַ גרויסער היסטאָרישער אונטערשייד צווישן אָרעם און רייך, צווישן פויער און פריץ וכדומה. און הגם מיר יידן זענען אַלעמאָל געווען די זעלביקע יחסנים, אַלעמאָל איין קלאַס, אָן פריצים און אָן בעטלער, הגם יעדער אָרעמער יינגל האָט זיך געקענט אַריבערקלייבן מיט זיין לערנען צו דער אַריסטאָקראַטיע, דאָך איז אויך ביי אונדז געווען די פאַרטיילונג אויף „עמך" און די „פּני", די פלעבייער און יחסנים, די „אויבערשטע פון שטייסל" און דער „הינטער דער בימה". מיר דוכט זיך אַז עס זענען פאַראַן אַנדערע פעלקער, וואָס זענען מער מאָנאָליט, איינהייטלעכער, און ביי זיי איז נישטאָ די שטאַרקע דיפערענץ צווישן פאָלק (פשוטע מענטשן) און אַריסטאָקראַטיע. אַזאַ פאָלק (נאַציע) איז געזינטער, און זיין קולטור־וועג איז נאָרמאַלער. אַנדערש איז עס ביי אונדז: אַלע אונדזערע אינעווייניקסטע סכנות פאַרן קיום פון פאָלק נעמען זיך פון דער צעשפּאַלטונג, פון דעם וואָס די „פּני" רייסט

זיך צו אַנטלויפן פון „פאָלק". און דאָס פאָלק אַליין איז אויך נישט טריי צו זיך, עס יאָגט זיך צו דער פּני. פעלט אונדז פאָלקישקייט, עכטקייט, נאַטיר־לעכקייט און שטייגערישע טראַדיציע. אין דעם די גרויסע אינעווייניקסטע סכנות.

און דאָס איז די טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק דורך דער גאַנצער געשיכטע — דאָס וואָס אונדזער אינטעליגענץ האָט זיך נישט געוואָלט לערנען און אָפּלערנען פון פאָלק, פון עמך, נישט געוואָלט באַזירן אויף פאָלקסטימלעכקייט.

די צדוקים זענען דאָך געווען הייסע יידן, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו דער פאָלקסטימלעכער שטייגערישקייט, וואָס מען האָט דעמאָלט גערופן „תורה שבעל פה". פאַרוואָס זענען אונטערגעגאַנגען די קאַראַימער און פאַרוואָס האָט זייער באַוועגונג געקאָסט דעם יידישן פאָלק אַזוי טייער און געבראַכט נאָר שאָדן? — ווידער דערפאַר ווייל זיי האָבן אָפּגעוואָרפן די פאָלקסטימלעכקייט אין שטייגער לעבן, ווייל זיי זענען שולל געווען דאָס פאָלקיש אַנגעוואַקסענע אין פאָלק.

פאַרוואָס האָט די השכלה געהאָדעוועט משומדים, אַנטיסעמיטן און בכלל אָפּטריניקע פון יידישן פאָלק, ווען די ערשטע משכילים זענען דאָך געווען גוטע יידן און זיי האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געשטרעבט צום גוטן, נישט צו טאָן שלעכטס, נישט אָפּצורייסן פון יידישקייט ווי דאָס איז פאַקטיש אַרויסגעקומען? פאַרוואָס האָט זיך די השכלה געהאַלטן איין דור בלויז? פאַרוואָס איז אַזוי זעלטן צו געפינען אַ משכיל בן משכיל?

דאָס איז צוליב דער משכילישער שלילה צום פאָלקסמענטשן, צו דער פאָלקישער, פשוטער יידישקייט. קולטור איז אָרגאַניש, זי מוז וואַקסן פון אינעווייניק, פון פאָלקס לעבן. ערשט שפּעטער, ווען די וואָרצלען זענען פאַרפעסטיקט קען מען אַרויפגרעפטן נייע קולטור־עלעמענטן. ווען אָבער מען פאַרשטיקט און מען לאָזט נישט אַנטוויקלען די אָרגאַנישע קולטור און מען וויל דאָס פאָלק באַגליקן מיט קולטור געבראַכט פון דער פרעמד, איז עס נאָר חורבן דאָס אייגענע דערשטיקט און דאָס פרעמדע — ווי רייך און שיין — זי זאָל נישט זיין קען זיך נישט אָננעמען, ווייל עס איז נישטאָ אויף וואָס צו גרעפטן.

און בכל דור — אין יעדער תקופה האָבן מיר די זעלביקע אַנטיפאָלקישע באַוועגונג אונטער דעם אָדער צווייטן נאָמען, אָבער אַלעמאָל זענען די רעזולטאַטן די זעלביקע — אונטערגאַנג און אומקום. עס איז אונדזער טראַגישער גורל — די שלילה פון פאָלקישקייט, וואָס נאָר אין איר איז דער שעפערישער כוח פון יעדער פאָלק. אומעטום ווו מען הייבט אָן מיט דער שלילה פון פאָלקישקייט — אונטער וואָסער נאָמען מען זאָל דאָס נישט טאָן, אומעטום ברענגט עס נאָכדעם צום איינציק מעגלעכן סוף — אומקום.

אַט דערפֿאַר האָט דאָס אָרעמע, פֿאַרוואָרלאָזטע שטעטל געהאַט אין זיך דעם גייטיקן כוח אָנצולאָדן אַלע קינדער מיט שעפֿערישקייט אין זייער ווײַטערדיקן וועג, ווו זיי זענען צעשאָטן געוואָרן, אין אַלע אונדזערע נײַע ישובֿים איבער דער גאָרער וועלט.

מיר קלאָגן אָפֿט אויף דער ירידה וואָס מיר געפֿינען אין דעם צווייטן דור אין די נײַע ישובֿים. ריכטיק, עס איז אַ גוואַלדיקע ירידה. דער צווייטער דור, מיט אַ שפּראַך און מיט דיפּלאָמען און מיט רײַכע עקאָנאָמישע ירושות נישט אין פֿאַרגלײַך אָפּגעשטאַנען אין זײַן אַקטיוויקייט, אין זײַן שעפֿערישקייט. אָבער נישט דער דור, דער יורד איז דאָ שולדיק. עס איז ווי דער נביא זאָגט: „די עלטערן האָבן געגעסן אומצייטיקס און די ציינער פֿון די קינדער זענען אײַליק געוואָרן" — דער צווייטער דור לײַדט די זינד פֿון ערשטן דור, וואָס האָט נישט איבערגעגעבן צו זײַנע קינדער זײַן „תורה שבעל פה"־ירושה", וואָס ליגט אין לשון און אין שטייגער. לשון און שטייגער זענען קודם צום לערנען און זיי זענען דער יסוד פֿאַר דעם לערנען. דערפֿאַר האָט דאָס שטעטל געהאַט כּוחות אַרויסצולאָזן איבער דער גאַנצער וועלט שעפֿערישע פֿאָלקסמענטשן, אויב אַפֿילו נישט קיין געלערנטע, שעפֿערישע צו בויען און צו צעמענטירן. עס איז נאָר טראַגיש וואָס דער זעלביקער שעפֿערישער דור האָט נישט געוווסט ווי אָפּצושאַצן זײַן ירושה און ער האָט זי באַרויבט פֿון זײַנע אייגענע קינדער, פֿון דעם צווייטן דור. שפּראַך און שטייגער — אין זיי ליגט אָנגעשפּייכלערט די נשמה פֿון אַ פֿאָלק פֿון דור־דורות. דאָס האָט פֿאַרמאָגט דאָס שטעטל און דערמיט איז זי אָרעמערהייט רײַך געווען. און דערפֿאַר איר קדושה בקדושת השם.

אַט צו די מקורים פֿון ייִדישקייט מוזן מיר זיך אומקערן: ווײַל אַ פֿאָלק איבערגעבן זײַנע קינדער זײַן „תורה שבעל פה" דירעקט פֿון לעבן, דירעקט אין לעבן אַרײַן. און אויב דאָס לעבן איז שוין אַנדערש געוואָרן, אויב דער הײַנט איז שוין אַנדערש געוואָרן פֿון דעם נעכטן; אויב דער שטייגער קען שוין נישט זײַן קיין איבערחזרונג פֿון דעם נעכטיקן שטייגער, אויב דאָס אַלץ איז אַזוי, דעמאָלט דאַרף דער נעכטן ווערן פֿאַרהייליקט, די נעכטיקע וואָכעדיקייט דאַרף הײַנט ווערן אָנערקענט פֿאַר קודש, עס דאַרף קומען דאָס „מוסיפֿין מן החול על הקודש" ווי מיר האָבן דאָס פֿריִער געשריבן. דער נעכטן, ריכטיקער די שאַפֿונגען פֿון נעכטן מוזן הײַנט זײַן אַ תורה צום לערנען, און אויך אַ מינהג אין שטייגער אַרײַן. אוודאי האָט נישט דער פֿאַרצײַטיקער יציאת מצרים קיין שום אַקטועלן אָרט אין דעם הײַנט, אָבער ער איז דורך דעם יום־טובֿ פּסח געוואָרן אַ שטיק לעבן. און אַזוי אַלע יום־טובֿים און אַלע תעניתים און פּונקט אַזוי דאַרפֿן מיר עלעמענטן פֿון שטעטל פֿאַרוואַנדלען אין קודש און אַרײַנפֿירן אין לעבן — נישט בלויז אין שול — ווי פּראָצעדורן

פון היינט, פון אונדזער לעבן... אַזוי ווי דאָס האָבן פאַרשטאַנען צו טאָן אונדזערע פאַרצייטיקע, אַזוי דאַרפן מיר עס טאָן ווייטער.

עס קענען מן־הסתם אונדזערע היינטיקע שבתים און יום־טובים נישט זיין אַ פּשוטע קאָפּיע פון די זעלביקע יום־טובים אין שטעטל. אָבער פּונקט אַזוי האָבן אונדזערע יום־טובים אין איין תקופה נישט קאָפּירט די פריִערדיקע תקופות. מיר דאַרפן זאָגן אונדזערע פרומע: דער שולחן־ערוך איז געשאַפן געוואָרן אין זיין צייט און פ אַ ר זיין צייט. איצט האָבן מיר אַן אַנדער תקופה, אַן אַנדער צייט, — און דער שולחן־ערוך פון פריִער קען נישט זיין אָבליגאַטאָריש פאַר איצט.

מיר דאַרפן זאָגן אונדזערע וועלטלעכע: קען אַ פאָלק נישט אָנהייבן זיין געשיכטע פון איצט, פון היינט, ער מוז אָנערקענען און אָננעמען אַז זיין היינט איז אַ פּראָדוקט פון אַ סך, פון אַלע נעכטנס און אייערנעכטנס זיינע.

פון דאַנען קומען מיר צו גאָר אַ נייער אויפגאַבע פאַר אונדזער ייִדישן ייִדישקייט, אין אונדזער לעבן. מיר מוזן שאַפן דעם שלום על ישראל.

שלום על ישראל

מיר זענען אַ פֿאָלק פֿון מחלוקתן — ריכטונגען, פּאַרטייען, גרופּעס, קרײַגערייען, אַפילו צו־להכעיסן. כסדר, זעלטן ווען אַ תּקופה פֿון שלום ביי ייִדן. גאַנץ מעגלעך, אַז די אינעווייניקסטע קריגערייען האָבן אונדז געבראַכט מער שאָדן, ווי די דרויסנדיקע שונאים. בכל אופן האָבן תּמיד דרויסנדיקע שונאים געהאַט וואָס אויסצונוצן פֿון אונדזערע אינעווייניקסטע מחלוקתן און קרײַגערייען. די גמרא האָט מיט פֿולער רעכט צוגעשריבן אַלע אונדזערע חורבנות צו קריגערייען, אָפּט פּערזענלעכע, קליינלעכע, עפּעס אַ מעשה מיט קמצא און אַ בר קמצא, וואָס האָבן זיך צעקריגט האָט גורם געווען דעם חורבן פֿון ירושלים און אַזוי ווייטער. איך גלייב אַז אויב אַפילו די מעשיות זענען אויסגעטראַכטע, ליגט אין זיי דער היסטאָריאָסאָפישער אמת פֿון אונדזער געשיכטע, מיר האַלטן אין איין בעטן גאָט פֿאַר שלום און מיר האַלטן אין איין קריגן זיך.

זענען די קריגערייען היסטאָריש אומבאַדינגט נויטיקע, אָדער זיי זענען אומהיסטאָרישע, זיי האָבן נישט קיין היסטאָרישן ווערט? די גמרא טיילט שוין פֿאַנאַנדער: מחלוקתן לשם שמים און נישט אַזוינע. די ערשטע בלייבן לויט דער גמרא און די אַנדערע בלייבן נישט. שאַרפֿע קריגערייען האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. די שאַרפֿע מלחמות צווישן ייִדן און שומרונים, צווישן פּרושים און צדוקים, די ברידער־מילחמות פֿאַרן חורבן, די מחלוקות צווישן רבנישע ייִדן מיט די קאַראַימער און אַזוי ווייטער און ביז די מחלוקת צווישן די חסידים מיט די מתנגדים און די משכּילים, מיט מסירות און מיט חרמות און אַפילו מיט הריגות... און אַזוי ביז היינט. פֿון אַלע מחלוקתן, דוכט זיך מיר, זענען נאָר געבליבן די מיימאָניסטן מיט די אַנטי־מיימאָניסטן, די חסידים מיט די מתנגדים — ביידע אין ייִדישקייט. פֿון די אַלע אַנדערע איז תּמיד איין צד אָפּגעפֿאַלן פֿון ייִדישקייט.

ביי היינטיקן טאָג האָבן מיר אויך עטלעכע מחלוקתן. לאָמיר זיי אויסרעכענען: רעליגיעזקייט און וועלטלעכקייט; ציוניזם און גלותיזם; העברעיִזם און ייִדישיזם.

עס איז ביי אונדז געווען נאָך אַ מחלוקת צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם. איז די מחלוקת שוין בטל געוואָרן אין דעם צונויפֿגוס פֿון ציוניסטישן סאָציאַליזם, וואָס האָט אויך טאַקע געבראַכט גרויסע ברכה אין אונדזער לעבן און פֿאַר דער געשיכטע. אפשר אויך פֿאַר אַנדערע פֿעלקער, פֿאַר די וואָס

לערנען זיך איצטער ביי דער ייִדישער מדינה ווי צו בויען דאָס נייע לעבן זייערס. די גמרא זאָגט אויף אַזאַ דיסקוסיע: „אלה ואלה דברי אלוקים חיים“. פאַר אונדז איז דאָס אידענטיש מיט: „אלה ואלה דברי עם חי“.

שטייען מיר איצט ביי די דריי מחלוקותן. ווען מיר גיין כסדר: צי איז טאַקע נישט מעגלעך קיין שלום צווישן זיי? צי זענען מיר פאַרמשפּט אַנצו־ווערן איין צד פון דער מחלוקת ווי עס איז געווען ביי אונדז אין דער געשיכטע? אָדער די קריגערישע צדדים, ריכטיקער: די אידייען קענען שלום־מאַכן און עס זאָל זיין שלום על ישראל,ביידע צדדים זאָלן זיך ווידער אַמאָל צונויפ־שמעלצן אין איין ווייטערדיקע פּראָצעס?

פון דעם געשריבענעם ביז איצט דאַרף זיין קלאָר, אַז דער שרייבער זעט פאָרויס און טאַקע אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט אַ פולשטענדיקן צו־נויפשמעלץ צווישן רעליגיעזן און וועלטלעכן. די רעליגיע אונדזערע דאַרף און זי וועט מוזן אויסשפּרייטן איר קדושה אויף געביטן פון וועלטלעכקייט און די וועלטלעכע ייִדן וועלן מיט דער צייט פאַרשטיין אַז דאָס רעליגיעזע, דאָס פאַרהייליקטע איז נישט ווייניקער נאַציאָנאַל טייער ווי רעליגיעז הייליק. וועט עס געדויערן נאָך אַ דור, אפשר, אָבער דער צונויפשמעלץ וועט קומען. סיידן... סיידן עס וועלן אָפּפאַלן אַלע די וואָס שטרעבן בכלל אַוועקצורייסן זיך פון ייִדישקייט. דאָס זענען די נישט־דעצידירטע אַסימילאַטאָרן, די פּאָ־טענציעלע משומדים וואָס האָבן מורא פאַר דעם ביסל וואַסער פון דעם גלח. די וועלן סיי ווי אָפּפאַלן פון ייִדישן פאָלק. די צאָל ייִדן אין אַמעריקע וועט ווערן קלענער און נישט גרעסער.

די אָבער וואָס שטרעבן צו בלייבן אין ייִדישקייט, צי זיי האַלטן די שטריק ביים וועלטלעכן עק, צי פאַרקערט — ביים רעליגיעזן, — זיי וועלן זיך דערנענטערן צו איין עמק השווה.

די מחלוקת איז געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט אין דער פריִער־דיקער שטעטל־תקופה. דאָרטן איז עס געווען נייטיק צו ראַטעווען ייִדישקייט פון פאַרגליווערונג — אין אַ באַלזאַמירטער מומיע פון פיקסירטער רעליגיעז־קייט, פון עד כאן און נישט ווייטער. וועלטלעכקייט איז אויפגעקומען ווי אַן אַנטיטעזיס אין אָנהייב פון דער אורבאַנישער תקופה ביי אונדז. און מיר דאַרפן וואַרטן אויף דעם סינטעז, וואָס וועט זיכער קומען... די ייִדישע עקשנות און קריגסלוסטיקייט שטערט אים נאָר.

אין אַן ענלעכער סיטואַציע געפינט זיך איצט אונדזער מחלוקת צווישן ייִדיש און העברעיִש. אין תוך אַריין איז די גאַנצע קריגעריי אַ צוגעטראַכטע און נישט קיין אָרגאַנישע. זי קומט גאָר פון דער זייט, פון אַן אַנדער שטרע־בונג, איר מאַמע און איר טאַטע זענען נישט קיין ייִדישע ביידע. נישט דער העברעיִזם און נישט דער ייִדישיזם שטאַמען ביידע נישט פון אהבת ישראל...

אַז ייִדן ווילן זיך פּוצן אין פרעמדע שפּראַך־פעדערן איז גאָר אַן אַלטע געשיכטע, קלאָגט נאָך נחמיה אויף דעם. עס איז געווען אַ „גליק״ וואָס ייִדן זענען געבליבן יאָ ביי אַראַמיש, בעת אַראַמיש איז שוין נישט געווען קיין מלוכה־שפּראַך, און עס איז געוואָרן די ייִדישע שפּראַך. און טאַקע אַלע מאָל ווען ייִדן האָבן נאָר געקאָנט, האָבן זיי איבערגענומען מלוכה־שפּראַכן און... ביסלעכווייז פאַרלאָרן זייער שעפערישקייט און זייער פאָלקישקייט. איז עס געווען אַ גליק, וואָס ייִדן אין אשכנז האָבן זיך נישט געקאָנט אַסימילירן און זייער „עברי־טייטש״ איז געוואָרן ייִדיש גאָר אין סלאַווישן מיזרח־אייראָפּע...

אָבער עס האָט קיין מאָל נישט געפעלט ביי ייִדן די וואָס עס האָט זיי געצויגן פון ייִדיש־לשון. נישט צו העברעיִש, חלילה, נאָר צו דעם „לשון המדינה״. און ווען נישט די פּאָגראָמען, ווען נישט דער ייִדישער תחום המושב, ווען ניט די באַגרענעצונגען פאַר ייִדן זיך אַריינצוגיסן איר אַלגעמיינעם לעבן, וואָלט ייִדיש לאַנג אונטערגעגאַנגען אין מיזרח־אייראָפּע גופא. עס איז נישט ווייט געווען פון דעם אַז מיט דעם אויפקום פון אורבאַניזם וואָלט אונטערגעגאַנגען ייִדיש מיט העברעיִש צוזאַמען מיט ייִדישקייט בכלל, מיט די שטעטלעך צוזאַמען. אויב דאָס איז נישט געשען זענען אין דעם שולדיק אפשר אַנדערע מער ווי די ייִדן... גענוג צו שטודירן די ביאָגראַפיעס פון די ערשטע חובבי־ציון, פון די בילויים, כדי דאָס צו זען קלאָר: די פּאָגראָמען האָבן געבראַכט צום באַנקראָט פון דער רוסיפיקאַציע־אידעאָלאָגיע. אַז קיין עמאַנציפּאַציע גיט מען נישט, אַז מען וויל נישט לאָזן מיר זאָלן זיך צונויפשמעלצן מיט דעם „גרויסן״ רוסישן פאָלק (ס ל י אַ נ י ע, האָט מען דאָס גערופן אין רוסיש), טאָ לאָמיר זיך אַליין באַפרייען, עמאַנציפּירן. און דאָס ביכל „אויטאָעמאַנציפּאַציע״ איז געשריבן געוואָרן שוין נישט אין רוסיש, ווי דער פריִערדיקער זשורנאַל פון דעם זעלביקן רעדאַקטאָר (אַ משכיל בן משכיל) נאָר אין דייטש. צו העברעיִש איז מען נישט געקומען און נישט געטראַכט צו קומען. ערשט שפּעטער, צום סוף פון יאָרהונדערט איז מען געקומען צו העברעיִש: אי עס איז עמאַנציפּאַציע (באַפרייונג פון דעם גאַנצן „אַלטוואַרג״, וואָס מען האָט נאָך פריִער געוואָלט פון דעם זיך באַפרייען) און אי מען דאַרף צו קיינעמס חסד נישט אָנקומען. מיר קענען אַליין באַפרייען ז י ך פ ו ן ז י ך... דאָרטן ווו אַנדערע האָבן געלאָזט זיך באַפרייען פון ייִדישקייט, דאָרטן האָט מען נישט געדאַרפט אָנקומען צו העברעיִזאַציע, דאָרטן איז געווען אָפן דער דירעקטער וועג צו דעם געגאַרטן „לשון המדינה״, און מען האָט פאַרשפּאָרט אָנצוקומען צו דעם צווישן־פאַקטאָר פון העברעיִש. צו דעם האָט מען געדאַרפט אָנקומען דאָרטן נאָר ווו דער דירעקטער וועג איז נישט געווען אָפן. און אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער.

ווי איז איצט די סיטואַציע אויף דעם פּראַנט?

— יִדיש לשון האָלט אין כסדרדיקער ירידה. נישט צוליב העברעיִש, חלילה. ווען עס וואָלט געווען, אַז יִדיש טרעט־אָפּ איר אָרט דעם העברעיִש־לשון וואָלט אפשר דער ווייטיק נישט געווען אַזוי ווייטיקדיק, וואָלט אפשר די טראַגישע ירידה נישט געווען אַזוי טראַגיש. יִדיש אָבער טרעט־אָפּ איר אָרט פרעמדע שפּראַכן, מלוכה־שפּראַכן, און זיי שלעפּן אין אָפּגרונט אַריין נישט נאָר דאָס לשון פון פאָלק, נייערט אויך זיין נשמה, די גאַנצע פאָלקיש־קייט, דעם קיום האומה. און הלוואי זאָל איך בלייבן בעסער אַ ליגנער: אַן יִדיש אין דער וועלט וועט העברעיִש אויך נישט אויסהאַלטן אַפילו אין דער מדינה. סימנים פון דער וואָרענונג, פון דעם „מנא, מנא, תקל ופרסין" זעען זיך שוין איצט אין דער מדינה, וועגן חוץ־לאָרץ איז דאָך שוין נישטאָ וואָס צו רעדן.

די אָביעקטיווע סיטואַציע איז אַז ביידע יִדישע לשונות האַלטן זיך אָן אַנאַנד ווי אַ סיאַמער צווילינג: אָן יִדיש האָט העברעיִש נישט קיין אחיזה. אין אַלע ישובים, ווו יִדן האָבן אויפגעהערט צו רעדן יִדיש, דאָרטן איז העברעיִש אויך באַלד פאַרגעסן געוואָרן, אַרויסגעפאַלן פון יִדישן לעבן. און עס העלפט נישט אַפילו ווען מען לערנט פלייסיק די שפּראַך — אין אַקטועלן לעבן איז נישטאָ קיין העברעיִש.

און אָן העברעיִש האָט יִדיש נישט קיין כוח, געזאַמלט אין די נעכטנס, כדי צו קומען צום געגאַרטן מאָרגן. ביידע שפּראַכן האַלטן זיך צוזאַמען מיט דעם כוח פון יִדישקייט, פון טראַדיציאָנעלן המשך. דער פאַרלוסט פון איין שפּראַך איז תמיד אַ סימן אַז דער געמיינזאַמער באַזיס איז שוואַך, אַז יִדיש־קייט איז אין אַ סכנה. אַזוי ציט זיך ביי אונדז די איינהייטלעכע קולטור ביי צווייִשפּראַכיקייט שוין אָן אייביקייט — פון עזרא הסופר אָן. און דווקא די צווייִשפּראַכיקייט האָט איינגעהיט פאַר אונדז העברעיִש ווי דאָס לשון הקודש — די שפּראַך פון אַלץ וואָס איז אונדז הייליק. ביידע לשונות האַלטן זיך ווי אַ סיאַמער צווילינג, ביידע אָטעמען זיי מיט די זעלביקע לונגען און איין האַרץ פּולסירט אין זיי ביידן. עס האָבן זיך נישט געקריגט העברעיִש מיט אַראַמיש און עס קריגן זיך נישט העברעיִש מיט יִדיש. איין אויג העלפט דעם צווייטן און ביידע זעען איין זאַך. ביידע אונדזערע לשונות האַלטן זיך אויף דער צו־געבונדנקייט צום פאָלק און צו זיין קולטור, ביידע פירן זיי איין קולטור. אין ביידן געפינט די נשמה פון פאָלק איר תיקון, איר אויסדרוק. מען דאַרף אַפילו נישט איבערזעצן פון איין לשון אָן דעם צווייטן: אַ שטיקל ישעיה צי תהלים דאַרף זיין אין לשון־קודש און אַ שטיקל פּרץ און שלום־עליכם דאַרף מען נישט איבערזעצן אין העברעיִש פאַר יִדן.

עס זענען נישטאָ און עס דאַרפן נישט זיין קיין יִדישיסטן באַזונדער און העברעיִסטן פאַר זיך. און זיי דאַרפן נישט און זיי טאָרן נישט קריגן זיך

צווישן אַנאַנד, פונקט ווי דאָס רעכטע אויג טאָר זיך נישט קריגן מיט דעם לינקן און פאַרקערט. עס מוז זיין צווישן די צוויי שפּראַכן שלום־בית! עס דאַרפן זיין יידיש־העברעיִסטן צוזאַמען אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא, קעגן דער אַסימילאַציע. באַזונדער העלפן זיי נאָר דעם שונא. און אויך דער שלום דערנענטערט זיך, דאַכט זיך. מען קען אים שוין פּרוּווען, הגם נישט פון דער נאָענט. אונדזער נאַטור זיך צו קריגן שטערט נאָך דעם שלום. דער גייסט פון בר־קמצא און קמצא איז נאָך ביי אונדז געבליבן און ער טוט נאָך אָן צרות. עס קומט ביי מיר אויס ווי אַן אַנאַכראַניזם די רייד פון די אַנטי־יידישיסטן און פון די אַנטי־העברעיִסטן. ווידער אַמאָל איז עס אַן אָפּהילך פון די פאַרגאַנגענע צייטן.

פון וואַנען קומט צו אונדז אָט דער קריגערישער גייסט? — וועגן דעם וועלן ווייטער קומען אַ פּאָר שורות. דערווייל וועלן מיר איבערגיין צו דער דריטער מחלוקת וואָס צעטיילט נאָך אונדז, הגם שוין ווייט נישט אַזוי שטאַרק ווי פריִער. דאָס איז די קריגעריי וועגן ציון און גלות. די צאָל גלותיסטן האָט זיך, ווערבאַל גענומען שטאַרק פאַרקלענערט. ווער איז עס היינטיקע צייטן נישט קיין ציוניסט? פּאַקטיש אָבער איז דער גלות ביי זיך געוואָרן אַ סך פעסטער, זיכערער. די עליה ווערט אַלץ קלענער, די ירידה פון ארץ־ישראל איז, פאַרקערט, צו גרויס. אַלע פאָרן קיין מדינת ישראל, אָבער בלייבן דאָרטן בלייבן גאָר ווייניק. מען פאָרט לכתחילה בלויז זען, אָבער בלייבן דאָרטן — דאָס איילט מען זיך גאָר נישט. דער ציוניזם ווי אַ געדאַנק פון קיבוץ גלויות איז אָפּגערוקט געוואָרן ביז דער ווייטער צוקונפט. אַזוי ווייט און ברייט, אַז דער פירער פון מדינת־ישראל האָט זיך געשטעלט קעגן דעם וועלט־ציוניזם, ווי ער וואָלט גאָר געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער מדינה. וועלן מיר דאָ אין דער מחלוקת זיך נישט אַריינמישן, אָבער די פּראָבלעם איז דאָך ברייטער, עס איז נישט קיין פראַגע פון אַ פּאָליטישער דיסקוסיע, עס איז די פאַרהעל־טעניש צווישן אַ פאָלק וואָס האָט געלעבט און זיך אויסגעלעבט מער ווי צוויי טויזנט יאָר אָן אַ מדינה, מיט אַ מדינה וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן, און דאָס פאָלק איילט זיך דאָך נישט צו וואַרפן הכל בכל אין גלות און זיך אַרי־בערקלייבן אין ציון.

לאָמיר אָנהייבן פון דעם, אַז די מדינה איז געשאַפן געוואָרן פון גלות, ריכטיקער: דורך דער גולה — דעם פאָלק אין גלות, זיין טיפסטע בענקעניש, זיין משיח־אידעאַל, זיין וויי־געשריי פון טיפן גלות אַרויס. דאָס איז אַלט ווי אַלט עס איז טאַקע דער יידישער גלות. עס זענען אָבער אויפגעקומען נייע פאַקטאָרן — די וועלטלעכע אויפלאַגע פון דעם אַלטן „ולירושלים עירך ברח־מים תשוב". די אַלטע רעליגיעזע פאָרמולע איז געווען און איז געבליבן פּאַ־סיוו. ווען רעליגיעזע יידן זענען יאָ געפאָרן קיין ארץ־ישראל איז דאָך דאָס

געווען צוליב ריין־רעליגיעז־עגאָיסטישע מאָטיוון, צו פאַרשפאָרן גילול מחי־לות, וכדומה. נאָר די יידישע וועלטלעכקייט האָט די ציון־בענקעניש פון פאַסיוו פאַרוואַנדלט אין אַן אַקטיוון כוח. די רעליגיעזע האָבן אַפילו שטאַרק באַקעמפט דעם ציוניזם. ערשט שפעטער האָבן זיי געביטן זייער באַציִונג. דער צווייטער פאַקטאָר, — דער נייער — איז גאָר געקומען פון דער פרעמד. דאָס איז געווען דער סאָציאַלער אידעאַל פון דער צווייטער, שפעטרישסטער עליה, וואָס האָט ביי יידן אָנגענומען אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון דת העבודה אַפילו. עס איז בפירוש געווען אין ספעציפישן יידישן כאַראַקטער צו פאַרוואַנדלען דעם סאָציאַליזם, וואָס איז ביי אַנדערע געווען אַ סטימול צו קאַמף, אין אַ מין נייע רעליגיע, אין אַ סכום מיצוות וואָס מען מוז אַליין מקיים זיין, אין אייגענעם לעבן טאַקע.

דאָ האָט דער קעמפערישער סאָציאַליזם געקראָגן זיין יידישן אויסזען, און זיין יידישן אינהאַלט. דאָס גופא איז געווען אַ ברכה און נישט בלויז פאַר יידן. עס איז אַלע מאָל גוט ווען יידן פירן דורך אַפילו אַלגעמיינע אידייען לויט זייער וועג, אין זייער גייסט. אויף אַן ענלעכן וועג, האָפן מיר, וועט גיין דער שלום צווישן ציון און דעם גלות. דער גלות בלייבט. דער קיבוץ גלויות איז אָפגערוקט לעתיד לבוא. צי עס איז גוט צי נישט — נישט מיר משפטן און נישט מיר זאָגן דאָ דעות. עס איז אַ פאַקט. ווי אָבער וועט זיך איינשטעלן די קעגנזייטיקע השפעה צווישן זיי?

דער גלות איז שוואַך, נישט אין געלט, נאָר אין כוחות און אין גלויבן און אין יידישקייט. נישט דער הייטיקער גלות האָט אויפגעבויט די מדינה. געבויט, געלייגט די פונדאַמענטן, אַרויפגעצויגן די ווענט און געדעקט דעם דאַך — די מדינה האָט דער גלות פון שטעטל, פון מיזרח־אייראָפעִישן שטעטל. עס וואָלט געווען בפירוש נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז געלאָזט זיך קיין ארץ־ישראל האָבן זיך בלויז אָרעמע, געלאָזט זיך מחמת נויט. דאָס וואָלט געווען אַ בילבול. עס האָבן זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל דווקא באַלעבאַטישע זין און טעכטער, די יוגנט. די אָרעמע זענען געפאָרן (געגאַנגען, פלעגט מען זאָגן) קיין אַמעריקע. ארץ־ישראל האָט דורך דעם קינעטיזירט אָן אַ שיעור סטאַטישע ענערגיע וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט אין זיך. די כוחות וואָס האָבן געדרעמלט אין די בנימין השלישיס, האָבן אויפגעוואַכט אין די קינדער און אייניקלעך פון מנחם־מענדלען.

מען דאַרף אויך נישט האָבן קיין טעות און נישט מיינען אַז דאָס געלט פון אַמעריקאַנער ציוניסטן האָט אויפגעבויט די מדינה. דעם טעות האָט אַנו־מלט געמאַכט מיין אַלטער ליבער פריינד יעקב לעשטשינסקי, ווען ער האָט מיר אָנגעוויזן אַז אַרום אַכציק פראָצענט פון די געלטער פאַר ציון ווערט געזאַמלט פון יידן וואָס קענען נישט קיין יידיש... עס האָט נאָך אַ נביא אַמאָל

געזאָגט: „ולא בכסף תגאלו״. דעם אַדרעס צו געבן דאָס געלט האָט זיכער געשאַפן דאָס שטעטל. דער אורבאַנישער גלות ווייס איך נישט וואָס ער האָט געשאַפן. אפשר וועט ער נאָך קומען צו דעם וואָס דאָס שטעטל האָט געשאַפן.

ציון האָט נאָך עפּעס אויפגעטאָן גרויסעס: עס האָט פּאַראייניקט אַלע טיילן פון צעשאָטענעם און צעפּיצלטן פאָלק אין איינס. פריִער האָט עס געטאָן אפשר די רעליגיע, די תורה. ביי היינטיקן טאָג בלייבט דאַכט זיך ציון דער איינציקער צענטער וואָס האַלט צוזאַמען אַלע פונקטן פון דעם גרויסן קרייז, וואָס וואָלט זיכער אָן דעם צענטער זיך צעפאַלן אין גאַנצן. אַלע ייִדן, אַלע ריכטונגען, אַלע ישובים האָבן אין ציון איין צענטער. דאָס איז אפשר דער גרעסטער אויפטו אויפצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דעם ייִדישן פאָלק אין זיינע אַלע תפוצות.

און ווייטער. עס איז נאָך ווייט נישט מקוים געוואָרן דער חלום, אַז ציון זאָל ווערן דער מרכז רוחני פון דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק. דערווייל שטייט נאָך אויך ציון — דער צענטער, אויף דער סטאַדיע פון אַנטיטעזיס; דערווייל האַלט ער נאָך אויך אין לייקענען; נאָך לעבט אין צענטער דער אַלטער און שעדלעכער שלילת הגלות, וואָס איז געוואָרן אַ שלילת היידישקייט. אָבער איך האָף און איך גלייב, אַז דווקא אין צענטער וועט דער סינטעז קומען פריִער ווי ערגעץ אַנדערשוו? פאַראַן סימנים דערפאַר. אָבער איך וועל זיי דאָ נישט נעמען ציילן. איך וויל האָפן אַז דווקא דער צענטער וועט געבן דער גאַנצער גולה דעם אינהאַלט און די פאָרעם פון דער גאַנצער אינטעגראַלער ייִדישקייט. און עס וועט דעמאָלט דער צענטער נישט אָפּפרעגן און נישט אָפּלייקענען די פעריפעריע, דעם גלות און דער גלות וועט האָבן אין ציון נישט קיין אָפּלייקענער, נאָר אַ שעפערישן ביישפיל... אפרים וועט זיך נישט קריגן מיט יהודה און יהודה וועט זיך נישט רייצן מיט אפרים. אַזוי האָט אַמאָל געחלומט אַ נביא, און מיר מעגן חלומען אונדזער חלום פון גאַנצקייט, פון אינטעגראַלער ייִדישקייט, פון שלום על ישראל, און מיר וואַרטן און האָפן, אַז טאַקע מציון וועט קומען צו אונדז אָט די תורה, תורת היהדות השלמה.

צווייטער טייל

אַ פאָלק וואָס אַנטלויפט פון זיין אַנדערשקייט

און איצט ווי קומסטו אויפן וועג קיין מצרים צו טרינקען דאָס וואַסער פון שיחור? און ווי קומסטו אויף דעם וועג קיין אשור צו טרינקען דאָס וואַסער פון פרת?

(ירמיהו ב׳ 18)

אַרײַנפֿיר

די קאַפּיטלעך וואָס וועלן קומען אין דעם טייל קענען קיין פֿאַרגעניגן נישט געבן. מיר האָבן אין ערשטן טייל פֿון בוך געזען אונדזער אַנדערשקייט, אונדזער אייגנאַרטיקייט און מיר גלייבן אַז מיר וואָלטן געווען נישט אין פֿאַר־גלייך גליקלעכער ווי אַ פֿאָלק, העכער און שטאַרקער ווען מיר היטן אונדזער אַנדערשקייט, ווען מיר באַמיִען צו שאַפֿן פֿאַר איר מעגלעכערע באַדינגונגען, זי זאָל קענען בולטער און קלאָרער זיך אַרויסווייזן. עס איז נישט קיין שאָוויניסטישע איינרעדעניש צו טראַכטן, אַז מיר וואָלטן געקענט אַ סך מער אויך געבן אַנדערע, ווען מיר באַמיִען זיך אין אַלע תקופות פֿון אונדזער געשיכטע נישט צו פֿאַרראַטן אָט די אַנדערשקייט, ווען מיר לאָזן זיך נישט טרינקען פֿון די וואַסערן פֿון מצרים און פֿון אשור און פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער און לענדער, וואָס דער גורל האָט אונדז אַהין פֿאַרוואָרפֿן...

דער גורל? און אפֿשר איז דאָס נישט גורל נאָר אונדזער אייגענער כאַראַקטער? אפֿשר איז טאַקע ריכטיק די שווערע באַשולדיקונג פֿון די נביאים, אַז אין אונדזער אַזוי געראָפֿענעם גורל זענען מיר אַליין שולדיק?

עס שטעלן זיך פֿאַר אונדז ביטערע גורלדיקע פֿראַגעס אין אונדזער געשיכטע: זענען דאָס טאַקע אין אונדזערע חורבנות שולדיק נאָר די רשעים־פֿעלקער? איך קום זיי חלילה נישט צו פֿאַרענטפֿערן. זיי האָבן געהאַנדלט ווי עס איז זייער נאַטור — בלוטדורשטיקייט מיט געזעצן, לויט געזעצן, אָדער אָן זיי. איטלעך פֿאָלק האָט דאָך אונדז געשלאָגן און געמאַטערט לויט זיין כאַראַקטער. אָבער זענען מיר אין אונדזערע צרות נישט געווען שולדיק?

מיר האָבן אַמאָל באַזעצט אַ לאַנד כנען, גענומען אַ שטאָט פֿון יבוסי, אַ שטאָט וווּ מען האָט אַפֿילו געברענט קינדער צום גאָט מולך, און מיר האָבן פֿון דער זעלביקער שטאָט געקענט מאַכן אַ ירושלים עיר הקודש. לאָמיר געדענקען: די שטאָט פֿון הייליקייט, נישט די הייליקע שטאָט. נישט הקדושה. מיר זענען פֿון אייביק אָן נישט קיין פֿאַרהייליקער פֿון מאַטעריעלע זאַכן, נישט די שטאָט איז הייליק נאָר ווי דאָס אָרט וואָס אין אים איז דאָ הייליקייט. און די הייליקייט האָבן מיר געשאַפֿן — מיר דאָס יידישע פֿאָלק האָט פֿון זיין הייליקייט משפּיע געווען אויף דער שטאָט, אויף דעם לאַנד. לא בשמים היא — די הייליקייט איז נישט עפּעס אַזאַ מין זאַך וואָס גאָט שיקט עס אַראָפּ פֿון הימל און איז מזכה מיט דעם זיינע אויסדערוויילטע. ניין, קדור־

שה, היילִיקייט קומט פון מענטשן, פון אונדז איז די היילִיקייט אַריבער אויף די שטיינער און אויף די טרוקענע פעלדזן פון ירושלים. פעלקער און לענדער פון דער גאָרער וועלט האָבן אָנערקענט די קדושה וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן און מען האָט עס אָנגערופן „היילִיק לאַנד", „היילִיקע שטאָט". זיי, די מאָדערנע געצנדינער — קענען מיינען און גלייבן אין דער היילִיקייט פון דער ערד, פון די פעלדזן און זאַמדן דאָרטן. מיר אָבער יִדן ווייסן און מוזן וויסן אַז:

הוד, תפארת און חכמה איז אין קאָסמאָס און חסד ורחמים, צדקה און קדושה — דאָס זענען נאָר ביי מענטשן... און... לא המקום מ ק ד ש את האיש אלא האיש מ כ ב ד ו מ ק ד ש את המקום (עטוואָס אַנדערש ווי עס שטייט). און די קדושה פון עיר הקודש און פון ארץ הקדושה האָבן זיי געקראָגן פון אונדזער פאָלק, פון זיין היילִיקייט, און ברוך שחלק מקדושתו...

פרעגט זיך: נו, איז עס מעגלעך געווען נאָר איין מאָל אין אונדזער לאַנגער געשיכטע? איז טאַקע מער עס קיינמאָל נישט געווען קיין געלעגנהייט מיר זאָלן קענען אַ צווייט מאָל באַזעצן דאָס זעלביקע אָדער אַ צווייט לאַנד און מאַכן פון דעם אַן ארץ־ישראל? צו בויען אין דעם, צו שאַפן דאָרט נאָכאַמאָל אַ שטאָט פון היילִיקייט?

האָבן מיר טאַקע דאָס קיינמאָל אין דעם אומענדלעך לאַנגן גלות נישט געקענט זיך אַרויסרייסן פון דעם וואָלפס מויל, פון אַלע וועלף און געפינען עפּעס אַ ווינקעלע צו זיין פאַר זיך? האָט זיך דאָס נישט געקענט שאַפן ביי אַ גרופּע פון יִדן? איז דאָס געווען אַ קללה אויף אונדז פון „ויתהלכו מגוי אל גוי וממלכה אל עם אחר"? מען זאָל אַלעמאָל מוזן גיין פון איין גלות אין אַ צווייטן? אָפּרוען זיך כדי ווייטער צו גיין צו אַן עקדה?

און היות ווי מיר באַמִיען זיך צו גלייבן אַז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק, אַזוי אויך ווי פון אַ יחיד, איז זיין אייגענער כאַראַקטער, דאַרפן מיר אויך דאָ זוכן אין אונדז גופא די סיבה פון אונדזערע צרות, אין זיך, אין אונדזער קאָלעקטיוון כאַראַקטער. איך ווייס, עס איז בעסער און אָנגענעמער צו הערן גוטס אויף זיך, אָבער „אַזוי ווי מען מאַכט אַ ברכה אויף דעם גוטס, אַזוי דאַרף מען אויך אויפנעמען דאָס בייז" (אַ גמרא) און ווי ווייטיקדיק און פאַרדראָסיק דאָס קען זיין פאַר די לייענער, זאָלן זיי זיין אין כעס, בכל אופן נישט אויף דעם שרייבער. אים טוען די זאַכן מער וויי, ער קען זיך נישט באַפרייען פון דעם ווייטיק, ווי עס טוט וויי אַ מענטשן וואָס זעט זיין גוטן פריינט אין אַ צרה, ער זעט און ער ווייסט, און — אוי־וויי, ער קען דאָך נישט העלפן...

יאָ העלפן — נישט העלפן, אָבער דאָס עצם וויסן און קלאָר מאַכן איז אויך אַ גרויסער חוב, הגם עס טוט וויי צו שרייבן און עס וועט וויי טאָן צו

לייענען. מיר האָבן געזען אין יידישן פאָלק זייער פיל גוטס און שיינס, אָבער אויך אויף דער זון זענען פאַראַן פלעקן און אין אונדזער כאַראַקטער זענען פאַראַן דעפעקטן, וואָס ברענגען אונדז אַ סך צרות, אַ סך אומגליקן. אונדזערע פאַרצייטיקע האָבן אין דעם געזען עבירות. לאָמיר דאָ נוצן אַ גרינגערן אויס־דרוק — דעפעקטן. די דעפעקטן מאַכן אונדז פאַרגעסן אונדזער אַנדערשקייט, זיי פירן אונדז אויף אַנדערע, אויף פאַלשע וועגן.

אונדזער ענאַפּאַביע

אַזוי זעען מיר אומעטום, אין גאַנצן לעבן און אין דעד געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק אַן אייגנטימלעכע אַנדערשקייט, אַן אייגנאַר־טיקייט. קען זיין אַז יעדעס פאָלק קען געפינען זיין אַנדערשקייט, קען זיין אַז איטלעך פאָלק האָט זיין גאַנג און זיינע וועגן אין דער אַלגעמיינער קולטור פון דער מענטשהייט. מיר האָבן זיך דאָ פאַרנומען בלויז מיט דער אַנדערש־קייט פון אונדזער פאָלק.

אָבער אונדזער אייגענע אַנדערשקייט קען זיך נישט אַרויסווייזן אין איר פולער פאָרעם, מחמת אונדזער ע ג אַ פּ אָ ב י ע. פאַראַן יידן וואָס באַמיען זיך צו פאַרטושן אונדזער אַנדערשקייט, זי צו פאַרדעקן, און זיי שטרענגען זיך אָן אַרויסצווייזן, פאַרקערט, אַז מיר האָבן נישט קיין שום באַזונדערקייט, אַז מיר זענען „ככל הגויים״, איבערהויפּט גלוסט זיך זיי תמיד זיך צו ניווע־לירן מיט די פעלקער וואָס הערשן אין די געגעבענע לענדער. וויפל עס איז זיי געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן אַ פּאַראַלעל צווישן אונדז און דייטשן, צווישן אונדז און גריכן אַמאָל, צווישן אונדזער קולטור און דער רוסישער; וויפל האָבן זיך די יידן באַמיט צו באַווייזן אין פּוילן, אַז אונדזער פּוילישקייט איז שטאַרקער פון דער יידישקייט; אַז פּוילישע יידן זענען אמתע אָדער כמעט אמתע פּאָליאַקן, — און אַזוי אומעטום, אין אַלע לענדער... סיידן, סיידן מען האָט פון דרויסן נישט געלאָזן.

מיט יאָרן צוריק האָבן מיר אָט דעם פאַרלאַנג און דעם דראַנג אָפּצווישן די אַנדערשקייט אָנגערופן מיט דעם נאָמען עגאָפּאָביע.

אין וואָס באַשטייט זי, די עגאָפּאָביע?

בדרך־כלל האָבן אַזעלכע יידן נישט ליב זייער יידישקייט און זענען נישט צופרידן מיט איר. מען באַציט זיך צו אַלץ וואָס עס איז יידיש מיט אַ געוויסן אומכבוד, מען האַלט עס פאַר מינדערווערטיק, — דאָס פרעמדע איז שענער, בעסער, באַקוועמער און אָנגענעמער. עס איז אַ מין געפיל וואָס איז פאַר־קערט צום אתה בחרתנו. נישט אומזיסט האָט דער אתה בחרתנו אַרויסגערופן ביי משכילים און זייערע יורשים אַזאַ האַס, ממש אַ ציינקריצעניש. עס איז אַ מין אַ נ ט י ־ א ת ה ב ח ר ת נ ו, וואָס רעדט אָפן קעגן אַלץ וואָס עס איז יידיש, און נאָך מערער רעדט עס פאַרשטעלט, באַהאַלטן, אונטער זיסע און לאַקריצדיקע, כלומרשטע ליבע־רייד.

אין געוויסע תקופות איז די עגאָפּאָביע שוואַכער און אַמאָל איז זי שטאַר־קער. אַמאָל לאַכט מען אָפּ פון אַנדערע — „אוי וויי, אַ קלאָג צו זיי, — אַ טויבן אַ גאָט האָבן זיי״. אַ נאָמען „יורקע, פּעטרוק״ — איז אַ זידלוואָרט. און אַמאָל איז אַלץ דאָס ניט־יידישע שיין און פיין, און מען האַלט עס כסדר אין נאָכמאַכן, נאָכקרימען. ווערט אַ גויישער נאָמען, למשל היטלערס נאָמען אַדאָלף — אַ שיינדל פאַר יידן; אַפילו ווען זיי מעלדן זיך פאַר נאַציאָנאַל־געטרייע יידן, ווערן די פריערדיקע יורקע, פּעטרוק גאָר אַ גרויסער יחוס.

היינט אַ גוייש לשון איז דאָך גאָר איין קלייניקייט! ווער רעדט דען יידיש? — בלויז אַלטע יידן וואָס קענען זיך נישט אויסלערנען רעדן אַן „אָנ־שטענדיקע שפּראַך״, ווייל יידיש איז דאָך במחילה גאָר נישט קיין שפּראַך, עס איז אַ זשאַרגאָן, נישט פאַר קיין מענטשן געדאַכט.

„דו רייד דאָס לשון פון לאַנד,
וואָס איז קלאָר און ריין,
און רייד נישט קיין לשון,
וואָס מען קען נישט פאַרשטיין״...

בערך אַזוי (איך ציטיר אויסנווייניק) האָט מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק געזונגען אַ יידישער דיכטער (מיכל גאָרדאָן) אין אַ פּאָעמע וואָס ער האָט גערופן „שטיי אויף מיין פאָלק״. און דאָס וואָס ער האָט געזונגען האָבן געטראַכט כמעט אַלע „געבילדעטע״ אינטעליגענטן אין פאָלק. מען האָט עס שפּעטער גענומען פאַרדעקן, באַהאַלטן, אָבער באַהאַלטענערהייט האָט עס ווייטער געלעבט און געווירקט נאָך מער ווי אָפנערהייט. אַ קראַנקייט ווען זי איז באַהאַלטן און מען זאָגט זי נישט אַרויס איז געפערלעכער. דאָס איז די עגאָפּאָביע צו יידיש־לשון און צו יידישע נעמען. האָט איר געהערט אַזעל־כע יידן זאָלן רעדן מיט זייערע קינדער יידיש? עפּעס וואָלט מען דאָך גע־מאַכט די אייגענע קינדער קנאַפּוורטיקער. היינט בכלל שטייט עס אָן? מען איז דאָך נישט אין שניפּעשאָק! און טאַקע אָט דער ביטול צו יידישע שטעט־לעך און שטעט... מיט וואָס פאַר אַ חוזק מען פלעגט עס אַרויסזאָגן „באַר־דיטשעוו״, גבילעפּיאַטעוועקע וכדומה... און הלוואי פאַרמאָגן דאָס אַנדערע ניט־יידישע כרכן און שטעט כאָטש אַ הונדערט־חלק פון דער פיינער ערלעכקייט, וואָס עס האָט געהאַט אַ יידישע באַרדיטשעוו...

לאָמיר זיך עטוואָס אָפּשטעלן גענויער וועגן דעם ענין יידישע נעמען. מען בייט אום אַלטע טראַדיציאָנעלע יידישע נעמען זיי זאָלן זיין ענלעכער צו די נעמען וואָס עס נוצט דאָס הויפּט־פאָלק אין לאַנד. דערביי מאַכט נישט אויס וואָס דווקא אָט־דאָס הויפּט־פאָלק נוצט יאָ יידישע נעמען. יידן באַמיען זיך אויסצומיידן אַפילו אַלטע, פאַרצייטיקע תנכישע נעמען. אויב יאָ, זוכט

מען אויס דווקא אַזוינע וואָס זענען ביי ייִדן גענוצט געווען זעלטענער. די אָפּטער. די אָפּטע ייִדישע נעמען ווי אברהם, משה, דוד, שלמה, רחל, חנה זענען פסול, מחמת זייער ייִדישקייט. ייִדישע נעמען מיט אַ שיינעם באַטייט ווערן פאַרביטן מיט נעמען וואָס האָבן קיין שום באַטייט נישט. בלומע, פריידל, שיינע וכדומה בייט מען אויס אויף ווערטער אָן שום זינען, אַבי נישט ייִדיש, איז שוין גוט. איך דערמאָן זיך ווי אַ פאָטער איז געקומען אין שול אַריין מיט טענות פאַרוואָס מען רופט זיין טאָכטער „שרה" בעת איר נאָמען איז „סוזי". ער דערלויבט נישט מען זאָל זיין טאָכטער רופן שרה... אַזוינע פאַקטן זענען פאַראַן אָן אַ שיעור. שרה — סילוויאַ; לאה — העלענע; משה — מאַר־טין; אברהם — אַדאָלף; יצחק — איגנאַץ, אאַז"וו.

דאָס זעלביקע קומט פאָר מיט ייִדישע מנהגים; שלח־מנות האָבן ייִדן פאַרגעסן, אָבער דערפאַר היט מען אָפּ קודש־קדשים די מתנות צו מוטערטאָג וכדומה.

ייִדישע מאכלים זענען נישט מאָדערן, אָבער פרעמדע זענען גאָר־גאָר אויבנאָן. אַ רוסישער ייִד אין אַמעריקע וועט זיך באַמיִען צו בלייבן מיט זיין פריִערדיקן רוסישן נאָמען, אָבער אַ ייִדישן נאָמען וועט ער זיכער בייטן.

וועט איר עפּעס געפינען אַ חסרון אויף ייִדן, וועט מען אייך אויפנעמען מיט הסכמה. אַז איר וועט אָבער זאָגן עפּעס וועגן די נישט־ייִדן, וועט מען מיט אייך באַלד דיסקוטירן, באַווייזן אַז איר זייט אומגערעכט.

אַז גאָט העלפט אַ ייִדן, וועט ער זיך באַלד אַרויסקלייבן פון דעם ייִדישן ראַיאָן וווּ ער האָט געוווינט און ער וועט זיך אויסזוכן אַ דירה צווישן נישט־ייִדן, אין אַ „געהויבענעם" ראַיאָן. ער וועט זיך לאָזן קאָסטן מי יודע וויפל, נאָר מען זאָל אים אַריינגעמען אין אַ נישט־ייִדישן קלוב, צוזאַמען מיט לייט. סיידן מען וויל אים בשום־אופן נישט אַריינגעמען, וועט ער דעמאָלט זיך באַמיִען צו שאַפן אַ ייִדישן ענלעכן קלוב צו זיין כאָטש מיט לייטן גלייך.

האָטעלן און אָפּרו־פּלעצער וועט אַ ייִד אויך זוכן ערגעץ־וווּ עס זענען פאַראַן ווייניקער ייִדן, און וועט שטאַרק באַדויערן, אויב מען האָט אים נישט גערן דאָרטן: „אַזוינע אַנטיסעמיטן! זיי ווילן נישט אַריינלאָזן אַ ייִדן!" (און ער אַליין? וויל ער נישט אַנטלויפן פון ייִדן?).

אַ ייִד וועט זיך באַמיִען צו רעדן אַלע שפּראַכן אין דער וועלט, אַלע — אַ חוץ ייִדיש, וואָס איז, כידוע, גאָר נישט קיין שפּראַך. ייִדישע פרויען וועלן זיך באַרימען און שטאָלצירן וואָס זיי זענען אַזוי אינטעליגענט, אַז זיי קענען אַפילו נישט קיין ייִדיש... און אַז זיי קענען יאָ, וועלן זיי זיך אויספיינען מיט דעם שלעכטן ייִדיש, וואָס זיי וועלן מאַכן ש ע נ ע ר. אַ ייִד וועט זיך פירן אָנשטענדיק אויף אַ פאַרזאַמלונג מיט גויים און ער וועט זיין פּינקטלעך... „וואָס רעדט איר? עס איז דאָך אייך נישט עפּעס דאָרטן אַ ייִדישע אסיפה"...

אַז מען וויל ייִדן זאָלן האָבן דרך־ארץ פאַר אַן אונטערנעמונג, דאַרף מען דינגען אַ גוי זאָל זאָגן אַ גוט וואָרט, זאָל רעדן אַ פּאָר ווערטער, זאָל זאָגן, אַז מען דאַרף זיין אַ... ייִד. און ייִדן קוועלן פון נחת: איין קלייניקייט! אַ גוי, און זאָגט מיר אַ קאָמפּלימענט!...

צו אַ ייִדישן לערער וועלן ייִדישע טאַטע־מאַמע רעדן מיט אַן אַנדער טאָן ווי מיט אַ נישט־ייִדישן לערער פון זייער קינד. און די פאַרשיידענע באַציִונג גיט זיך איבער צו די קינדער, שוין אין שול אַפילו. אינטעליגענטע ייִדישע דאַמען וועלן פאַרבעטן אַ לעקטאָר אַ קריסט און זיי וועלן אויסמיידן אַ ייִדן: מ'שטיינס־געזאָגט, וואָס אַ ייִד קען זיי שוין אויסלערנען. אַ ייִד וועט עס האַלטן פאַר אַ גרויסער חרפּה, אויב מען וועט אים פרעגן צי ער האָט שוין געליינענט „דר. זשיוואַגאָ", לאָמיר זאָגן. אָבער ער וועט מיט אַ געוויסן שטאָלץ זיך באַרימען אַז ער האָט גאָר נישט געליינענט פון שלום־עליכמען. „ביי ייִדן איז ער אַ שרייבער, אָבער ווי קומט ער צו דער וועלט־ליטעראַטור?"... ייִדישע יוגנטלעכער וואָס מעלדן אַז זיי זענען „פּראָ טו בי אַ דזשוּ" (שטאָלץ צו זיין אַ ייִד) לערנען אַלע שפּראַכן אין דער וועלט, אַחוץ ייִדיש, ווייל עס איז ייִדיש...

עס איז גענוג צו באַטראַכטן ווי ייִדן האַלטן זיך אויף אַ ייִדישער פאַרזאַמלונג און ווי די זעלביקע ייִדן פירן זיך אויף אַ פאַרזאַמלונג ווו עס איז דאָ כאָטש איין נישט־ייִד. און וויל מען אַז אַ ייִדישע פאַרזאַמלונג זאָל האָבן עפּעס אָנזען, כבוד, מען זאָל זיך באַציִען מיט דרך־ארץ דאַרף מען האָבן אַ נישט־ייִדישן רעדנער. זאָל זיין אַ געדונגענער, אַבי אַ נישט־ייִד. איז אַ גראַדויירונג אין אַ ישיבה, דאַרף מען האָבן אַ ברכה פון אַ חשובן גוי, אַ ציוניסטישע אונטערנעמונג, — דאַרף מען קודם־כל געפינען אַ גוטן גוי וואָס זאָל געבן זיין הסכמה... אַ ייִדישע פאַרזאַמלונג זאָל האָבן אָנזען ביי ייִדן טאַקע, דאַרף מען אויסמיידן ייִדיש לשון. קומען צו דער פאַרזאַמלונג, קומען טאַקע איבערהויפּט ייִדן וואָס רעדן ייִדיש און לייענען ייִדיש, רופט מען ייִדן טאַקע דורך ייִדישע צייטונגען (ווייל די וואָס לייענען נישט קיין ייִדישע צייטונג, האָבן שוין קיין אינטערעס נישט בכלל צו ייִדישקייט), אָבער פירן די פאַרזאַמלונג וועט מען זיכער אויף אַן „אָנשטענדיקער" שפּראַך. די אייגענע ייִדישע ייִדן וועלן אפשר האָבן מער אַכטונג צו דער נישט־ייִדישער רעדע. עפּעס וועט זיי ייִדיש אויסקומען צו־היימיש, און אויב היימיש איז עס צו־וואָכעדיק, צו דעראונטערדיק. עס שמעקט מיט פישמאַרק, סע איז נישט גענוג אָנשטענדיק פאַר אַ קולטורעלן מענטשן. אָט דאָס איז די ייִדישע עגאָפאָביע. עס אי'ז אַ פּסיכישע קראַנקייט אַזאַ. מען האָט אין דער פּסיכאָלאָגיע אַ סך געפאָרשט און געשריבן וועגן דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס ביי אינדיווידועלע מענטשן. וואָסער מאַמע ציטערט דאָס נישט טאָמער חלילה וועט זיך ביי איר קינד אַנטוויקלען אַ מינדערווערטיקייט קאָמפּלעקס? אָבער וועגן דער באַציאַ־

נאַלער אַנאָמאַליע, וועגן דעם קאָמפּלעקס ביי אַ גאַנץ פאָלק האָט כ'צן זייער ווייניק געדעדט און ווייניק געשריבן, און מען טראַכט ווייניק ווי ער ווירקט זיך אויס אין לעבן פון פאָלק.

דער שרייבער פון דעם בוך גלייבט אַז מען דאַרף אין דעם געפיל פון עגאָפאָביע זוכן דעם הויפּט־מקור פון דעם יידישן גורל, די עגאָפאָביע איז אפשר דער הויפּט־פאַקטאָר פון דער יידישער געשיכטע. מיר וועלן דאָס ווייטער פּרובירן באַווייזן. דערווייל וועל איך דאָ שטעלן די פראַגע, פון ווען אָן הייבט זיך ביי אונדז אָן די עגאָפאָביע? די וואָס שרייבן וועגן דעם ענין אונטער פאַרשיידענע געמען ווילן אין דעם באַשולדיקן דעם גלות. דער טיפער דענקער ד״ר יחזקאל קויפמאַן (חורבן נפש) און ק. לעווין וכדומה — אַלע מיינען אַז דאָס איז אַ דערשיינונג פון די לעצטע תקופות, בכל אופן פון גלות. דאָס האָט ער פאַרקריפּלט אונדזער גייסט. אוודאי דערמאָנט די האַלטונג פון אַן אינטעליגענטן יידן צווישן יידן און נישט יידן אַ... דורותדיקע דינסט־מיידל: אַז זי דאַרף גרייטן פאַרן באַלעבאָס, וועט זי פּוצן און פּוצן דעם טיש מיט אַלע הידורים. אָבער זי אַליין — זי וועט מיט די שמוציקע הענט פאַר זיך אָפּברעכן אַ שטיק ברויט און קייען... וואָס, זי איז דען אויך אַ פּריצטע? אָבער די זאַך איז גאָר נישט אַזוי איינפאַך.

אין פאַרשיידענע תקופות האָבן אויף דעם יידישן כאַראַקטער געווירקט פאַרשיידענע פאַקטאָרן, אָפט קעגנזייטיקע, אין פאַרקערטע ריכטונגען. געווען לאַנגע דורות, גאַנצע יאָרהונדערטער ווען עס האָט די עגאָפאָביע נייטראַליזירט אַ פאַרקערטער געפיל, אַ געפיל פון דערהויבונג; עם הדומה לחמור... סתם אַ גוי איז אַ גזלן; אַ גוי, אַ יוון, אַ ביקסטרעגער, וואָס איז מוקצה, אַן אכזר און וואָס נישט?

פּריצים — אויסגעלאַסענע, געיעג־גייער, צו קלייבן פאַרגעניגן פון הרגענען חיות, פון זנות, פון זויפן און פרעסן, פון איזדיעקעווען זיך איבער פּויערים און יידן. דעם יידן האָט פון אייביק אָן פון דעם אַלעם געעקלט.

און דער פּויער? אַ בהמה ביים פּריץ, וואָס נאָך? האָט דער ייד געלעבט גאָר אין אַן אַנדער וועלט, האָט ער מיטן גאַנצן האַרצן געקענט (און געמעגט) זאָגן שלא עשני גוי.

דער ייד פלעגט טאַקע זינגען „מה יפית״ — געצוווּנגען דערצו מיט די שפּיצרוטן. ער האָט אָבער טיף געוווּסט און געפילט — אַ הונט בילט און בייסט, אַ פּריץ שלאָגט און דריקט און אַ פּויער איז אַ שטעקן אין האַנט פון פּריץ... האָט רש״י געקאָנט פאַרקויפן ווייַן פאַר שיכורים אין שרייבן זיינע פּירושים — צוויי וועלטן... און איז ער דען געווען איינער? איז דער ייד דעמאָלט געווען דורך לאַנגע דורות אַ געבויגענער גוף מיט אַ שטאָלצער נשמה. טאַקע „אתה בחרתנו״. גאָר אַנדערש איז עס אַלץ געוואָרן ווען דער פּריץ האָט

פאַרלאָרן זיין פריצישקייט, דער פויער — זיין פויערישקייט און דער ייִד איז געוואָרן אַ בירגער פון אַן איינקלאַסיקער געזעלשאַפט. נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

גלייך נאָך דער כלומרשטער און פאַלשער עמאַנציפּאַציע האָט די עגאָ־פּאָביע גענומען אָנמאַכן צרות אין ייִדישן פאָלק. נהיה ככל הגויים, אַ שטאַר־קער דראַנג צו אַנטלויפן פון ייִדישקייט מיט שמד און אָן שמד, אַבי פּטור צו ווערן; אויסייִדישונג צי מיט אמתער אַסימילאַציע פון דער פרעמדער קולטור, אָבער אָן איר, אַבי נאָר אַוועק פון ייִדישקייט. פריִער אין מערב־אייראָפּע און נאָך דעם, שפּעטער, אויך אין מיזרח־אייראָפּע. מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ די אויסגעייִדישטע ייִדן פון מערב האָבן דאָס געקוקט אויף די „נע־בעכדיקע" ייִדן פון מיזרח! האָט נאָך אחד־העם באַוויזן צו ענטפערן יענע שטאָלצע ייִדן מיט קנעכטישע נשמות מיט זיין קלאַסישן „עבדות בתוך חי־רות" (קנעכטשאַפט אין פרייהייט)...

אָבער עס האָט גאָר ווייניק געהאָלפן: אויך אחד־העמס מיזרח־ייִדן, וואָס אין זייער נאָמען האָט עס אחד־העם געשריבן, אויך אַ טייל פון זיי האָט שוין ביי דער ערשטער געלעגנהייט, — אַפילו נאָך איידער די געלעגנהייט איז געקומען — זיך געלאָזט אויף דעם זעלביקן וועג „צונויפשמעלצן זיך מיט דיא פאָליאַקן, מיט די רוסן". ווי שטאָלץ און שיין עס האָט געקלונגען אין זייערע אויערן „פּאָליאַקן פון משה גלויבן" — איין קליינינקייט! צונויפגיסן זיך מיט די „שטאָלצע זין פון צפון", ווי עס האָט געשריבן איינער אַ ייִד, ערב זיין שמדן זיך...

אַ מערכה — די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן האָבן טיילווייז אי־בערגעהאַקט דעם שטראָם פון אויסייִדישונג... אָך און וויי צו אַזאַ רפואה...

עס קען נישט זיין אַז אַזאַ שטאַרקער דראַנג צו אַנטלויפן פון ייִדישקייט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מיט דער עמאַנציפּאַציע. צו גיך, מיט אַמאָל זאָל זיך אַנטוויקלען אַזאַ נשמה־קראַנקייט. איך בין מער גענויגט צו טראַכטן, אַז די עגאָפאָביע איז געווען אין דער נשמה פריִער, נאָר אַנדערע פאַקטאָרן האָבן זי פאַרדרענגט, נישט געלאָזט זיך באַווייזן. אַזוינע פאַרדרענגטע קאָמפּלעקסן זענען פאַראַן ביי מענטשן.

די עגאָפאָביע איז אייגנטלעך אַ טאָפּעלער דראַנג: פון ייִדישקייט — איינער, און צו גוייִשקייט — צוויי. ווען דער צווייטער קאָמפּאָ־נענט פון דעם דראַנג איז פאַרשווערט, בלייבט אויך דער ערשטער פאַרדרענגט, נישט קענטיק, אָפּגעשוואַכט. דער צענטראָפוגאַלער דראַנג צו אַנטלויפן פון ייִדישקייט צעלאָזט זיך מיטן גאַנצן כוח ערשט ווען דער צענטראָפּעטאַלער צו גויים איז פריי, נישט פאַרצאַמט. אָבער אין אַ פאַרדרענגטער פאָרעם איז ער אויך דעמאָלט געבליבן. ווי יעדער פאַרדרענגטער קאָמפּלעקס זוכט ער

זיך אויס קאַמפּענסאַציע־ריכטונגען. ווי אַ וואַסער־שטראָם וואָס זיין וועג איז פאַרצאַמט, אַזוי זוכט אויך אויס די עגאָפּאָביע אַנדערע וועגן ווי אַזוי צו אַנט־לויפן פון יידישקייט, פאַרשטעלטע וועגן, אַמאָל גייט אַראָפּ אַ טייך אַפילו אונטער דער ערד דורך היילן און פאַרבאָרגענע טונעלן, וואָס דער שטראָם גראָבט זיך אויס...

וויל איך גלייבן אַז אפילו אין די פינצטערסטע תקופות פון אונדזער געשיכטע איז די עגאָפּאָביע געווען ערגעץ ביי אונדז. דער יצר־הרע פון וועלן אַנטלויפן פון יידישקייט איז געלעגן כמעט דערשטיקט, ערגעץ פאַרבאָרגן אין באַהאַלטענע ווינקעלעך פון דער נשמה... ווי דער גרויסער פּריוואַטער יצר־הרע אין קליינעם פינגערל פון פוס ביים ליוווטנעם צדיק (אַנ־סקי). אָבער עס איז שוין די טבע פון יצר־הרע בכלל, אַז ווי נאָר אַ קליין שפּעלטעלע — אַהאַ, ער איז דאָ! און אַזוי איז טאַקע געווען אויך מיט דער עגאָפּאָביע. אין משך פון גאַנצן מיטלעלטער, אפילו, האָט די עגאָפּאָביע געדרימלט, האָט זי זיך אָבער אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער גרייס אַלע מאָל ווען נאָר דער וועג צו גויישקייט איז אָפן. די צוויי און דרייסיק יאָר פון העלעניזאַציע אין אַל־טערטום זענען דער בעסטער עדות: איין דור, און וויפל האָט געפעלט אַז פון יידישן פאָלק זאָל גאָרנישט בלייבן?

און נאָך פריער? און וואָס האָט נחמיה געפונען אין ארץ־ישראל? און אין דער אייגענער מלוכה פון שומרון? און איז יהודה געווען אַ סך בעסער? און אין די צייטן פון שופטים? האָט דען דעמאָלט געפעלט ביי יידן דראַנג צו אַנטלויפן פון יידישקייט? טאָ פון וואַנען נעמט זיך צו אַ פאָלק אַזאַ עגאָ־פּאָביע? — איך ווייס נישט, אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז עס קען זיין — עס איז אַרויסגעוואַקסן פון... מתן תורה אַן.

עס איז דאָך באמת אַ רעטעניש: הונדערטער יאָרן קנעכט אין מצרים, אַ מינדערהייט, אין פּיין און אין שמאַך, — און דאָך איינגעהיט די אייגענע פאָלקישקייט! עס זאָגט די גמרא נישט אומזיסט: „שלא שינו את שמם, שלא שינו את לשונם, שלא שינו את מנהגיהם". און ווי נאָר פּטור געוואָרן פון דעם יאָך, ווי נאָר אַרויס מעבדות לחירות, איז גלייך אַ מעשה עגל־הזהב — עלעהיי דער מיצרישער גאָט אַפּיס דער אָקס, דער בעל פעור — שוין ציט זיי, די פריי־געוואָרענע קנעכט צו אַלץ וואָס פרעמד איז...

איך בין אַ צו־קנאַפּער היסטאָריקער און נאָך ווייניקער אַן עגיפּטאָלאָג, איך זאָל קענען פּסקענען וויפל מיצרישע ווערטער און קולטור די יידן האָבן אַרויסגעטראָגן פון מיצריים. אָבער אַז עס איז געווען אַ גוואַלדיקע דיסטאַנץ פון עצם פאָלקס־וועזן און משהס אידעאַלן — דאָס איז פאַר מיר זיכער. האָט משה — אַן עקשן נישט קיין קליינער — האָט ער זיך פאַרוועלט נעמען אַ פאָלק פון קנעכטשאַפט און מאַכן פון אים אַ ממלכת כוהנים וגוי קדוש, אַ פאָלק וואָס

שטייט העכער פון אַלע אַנדערע דעמאָלטיקע פעלקער מיט טויזנטער יאָרן פאָרויס, מיט אַ נישט־מאַטעריעלן גאָט, מיט מאָראַלישע געזעצן, מיט רעכט און גערעכטיקייט פאַר דעם שוואַכן און דעם דערדריקטן... גאָר אַנדערש ווי עס האָבן געגלויבט אַלע אַנדערע פעלקער.

און דאָס פאָלק?... צו־שוואַך געווען צו נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע מיסיע. איז די מעשה פון דער גמרא וועגן דעם אַז גאָט האָט אויף ייִדן גע־דאַרפט אַרויפהייבן אַ באַרג און זיי צווינגען צו נעמען די תורה. אָט די מעשה איז ווייט נישט סתם אַן אויסגעטראַכטע. עס איז אין איר פאַראַן אַ טיפער אמת. האָט משה נישט איין מאָל פאַרלאָרן זיין מוט, האָט ער זיך געקלאָגט „איכה אשא לבדי״... האָט דאָס פאָלק גרינגער געקאָנט טראָגן דעם פיזישן יאָך פון מיצרים, איידער דעם גרויסן יאָך פון משהס תורה, וואָס איז געווען העכער פון אַלע אַנדערע קולטורן דעמאָלט.

יאָ, איך ווייס: אַ סך ניט־ייִדישע און אויך ייִדישע דענקער האָבן זיך באַ־מיט צו באַווייזן מיט אַלע וויסנשאַפטלעכע ראיות, אַז משה... וואָסער משה? עס איז גאָר אַנדערש, נישט ער האָט געגעבן די תורה, עס האָט זי גאָר געגעבן אַן אַנדער ייִד וואָס מען האָט אים גערופן משה (אַזאַ וויץ פאַראַן ביי ייִדן), אַז ער האָט זי גאָר נישט געקראָגן פון אַ הויכן באַרג (נישט פיזיש, נאָר גייס־טיק!), נייערט ער האָט זי גאָר, ווי אַלע ייִדן, געלקחנט במחילה, ביי עפּעס איינעם אַ פּרעה, ביי כאַמוראַבי, ביי וועמען נישט! אַ קשיא אויף אַ ייִדן?... ווייס איך נישט, אפשר איז עס יאָ און אפשר נישט אמת, אָבער נאָר ייִדן האָבן פון אייביק אַן חתונה כדת משה וישראל, נאָר ער האָט זיין תורה נישט באַהאַלטן פאַר זיך, נאָר מיט גוטן צי מיט בייזן געגעבן דעם פאָלק. אַ גוואַל־טיק שווערע תורה פאַר אַ גאַנץ פאָלק היינט אַפילו און אַ פּשיטאַ שוין דע־מאָלט!...

גלייב איך, אַז שוין דעמאָלט האָט זיך אַריינגענעסטעט צו ייִדן דער דראַנג צו אַנטלויפן פון ייִדישקייט, פון דער שווערער ייִדישקייט. און פון דעמאָלט אָן באַגלייט ער אונדז — אָט דער דראַנג פ ו ן ייִדישקייט. און דאָ איז געלעגן דער זאָמען פון דער אייביקער עגאָפּאַביע ביי אונדז...

וואָס די עגאָפּאַביע האָט אונדז אַנגעבראַכט אין אונדזער געשיכטע וואָלט געווען צו פיל צו דערציילן. פאַראַן אַן אגדה, אַז בשעת נח איז אַרויס פון דער תיבה האָט ער גענומען פלאַנצן אַ ווייַנגאָרטן. האָט ער געהאַט די כוונה פאַר גאָט און לייט, איז אָבער געקומען צו אים דער שטן און געמאַכט מיט אים שותפות. האָט נוח געצויגן צו גוטס, צו גאָט, און דער שטן האָט אַלץ אַראָפּגעשלעפּט אין שאול תחתיה אַריין...

האָבן ייִדן געשטרעבט אַלע מאָל צו עפּעס העכערס, האָט די עגאָפּאַביע תמיד פאַרשלעפּט גאָט ווייסט וווהין... איוב מיר ייִדן זענען מער ווי אַ העלפט

פון אונדזער געשיכטע אין גלות, איז עס מ פ נ י ח ט א י נ ו — צוליב אונדזער עגאָפּאָביע: עס איז אונדז תמיד צו ענג צווישן ייִדן, עס געפעלט אונדז נישט, צעלויפן זיך ייִדן פון אַנאַנד, ווען נאָר זיי האָבן ווהין צו לויפן. האָבן ייִדן אַנגעהויבן דעם גלות נאָך איידער מען האָט זיי געטריבן.

זענען ייִדן געבליבן אין גלות, האָבן זיי קיין מאָל נישט געשאַפן קיין היים, מחמת זייער עגאָפּאָביע. אַ היים, אַ ייִדיש ווינקל ערגעץ אין דער וועלט, ערגעץ אין אַ ווינקל פון זייערע אַלע וואַנדערונגען — ווי און ווי אַזוי, אַז מען וויל גאָר אַנטלויפן פון זיך, פון אַלץ וואָס עס איז ייִדיש?...

אַז מיר זענען נישט געוואָרן קיין פאָלק פון הונדערטער מיליאָנען, אַז מיר האָבן נישט דערגרייכט קיין צאָלן וואָס זאָלן נישט מורא האָבן פאַר שונאים, — איז אין דעם שולדיק אונדזער עגאָפּאָביע, אפשר מער פון אַלע שחיטות פון אונדזערע שונאים.

מיר האָבן אייביק, פון טיפן אַלטערטום אָן צו טאָן מיט אַנטיסעמיטן און אַנשטאָט צו זיין פאַר זיך און נישט דאַרפן וואַרטן אויף זייערע לאַסקעס און גוטפריינדשאַפט, דאַרפן מיר כסדר טראַכטן מה יאמרו הגויים און למה יאמרו הגויים, — איז אין דעם ווידער שולדיק איבערהויפּט אונדזער עגאָ־פּאָביע.

אַז מיר פאַרלירן איין ישוב נאָך דעם צווייטן, אַז גאַנצע קיבוצים ייִדישע הערן אויף צו זיין לעבעדיק, אַקטיוו, שעפעריש, אַז זיי ווערן פאַרדאַרט און פאַרקוואַרט, ווי פאַראַליזירט, און זיי נעמען קיין שום אַנטייל נישט אין ייִדישן לעבן, — איז ווידער אין דעם שולדיק די עגאָפּאָביע...

מיר וואָלטן דעם חשבון געקאָנט ציִען און ציִען ווייטער און ווייטער. אָבער זאָל זיין גענוג מיט דעם געזאָגטן. איך האָב זיך גענומען צו שרייבן איצט אויף דער טעמע צוליב עפּעס אַ נייעם ווינקל ווו די עגאָפּאָביע האָט אונדז אָנגעמאַכט נייע צרות, פּונקט ווי דער שטן האָט אָפּגעטאָן נוחן. איך מיין דאָ אַ טראַגישן קאַפּיטל, וואָס פאַרקוועטשט אין הארצן נאָך איידער מען רירט זיך צו אים. איך מיין דאָ די עגאָפּאָביע אין ארץ־ישראל. אַ פאָלק האָט אייביק געבענקט, געחלומט אַהיים: ותחזינה עינינו, לשנה הבאה בירושלים. געבענקט און געחלומט, געוואָרט און געבעטן, געפּרובירט אַליין קומען, און נאָך יעדער דורכפאַל — ווידער געהאָפט און ווידער געבענקט, און ווידער געבעטן גאָט: „אוי, ווײ, טאַטע האַרציקער, תקע בשופר גדול לחירותינו!"...

איז אָבער געקומען דער שטן פון עגאָפּאָביע און האָט אויך דאָ אַריינ־געשטעלט זיך פאַר אַ שותף... און שיינע ריידעלעך האָט ער — דער שטן, און איינרעדן קען ער ווי דער נחש הקדמוני חווהן. און ער פאַרשטעלט זיך תמיד — דער שטן — ווי דער בעסטער גוטער פריינד, און טעאָריעס טראַכט ער אויס — די שענסטע, און ער קען די מלאכה! אוי, קען ער! האָט ער זיך

דאָ אויך פאַרשטעלט פאַר אַ גואל־צדק, ער וויל נאָר העלפן אַראָפּוואַרפן דעם גלות... איז געוואָרן אַ שלילת הגלות־טעאָריע, די גאולה שלמה ברענגט ער! אויס מיט דעם גלות בכלל. שלילת הגלות!

האָבן קלוגע נישט פאַרשטאַנען, האָבן נביאים קיין מוט נישט געהאַט צו זאָגן הויך דאָס וואָס ערגעץ אין אַ ווינקל פון האַרץ האָבן זיי שוין דער־שפּירט, אַז... אַז —

אייגנטלעך רעדט דאָ אין זיי דער אַלטער גילגול פון דעם עגאָפּאָבישן שטן וואָס אין אַלע אַנדערע לענדער, אין אַלע פריִערדיקע פּראָצעסן פון אויס־ייִדישונג... אַן אַלט לידל מיט אַ באַנייטער מעלאָדיע.

האָט עס נישט געהאָלפן וואָס נאָך אין אָנהייב פון יאָרהונדערט האָט אַזאַ געטרייער פריינד ווי אחד־העם געוואָרנט, אַז „שלילה זו תגרור אחריה שלילות הרבה", אַז די שלילת הגלות וועט פירן דירעקט צו נאָך און נאָך בעגירונגען, וואָס זייער סוף „מי ישוררו" — ווער קען גאָר פאָרויסזען... האָט עס נישט געהאָלפן.

האָט עס נישט געהאָלפן וואָס שוין אין די דרייסיקער יאָרן האָבן ייִדישע שרייבער אונטער דער פירערשאַפט פון ביאַליקן אַליין, אויף אַ ספּעציעלן „מישפט איבער דער יוגנט" גאָר שטאַרק געוואָרנט...

וואָס קען העלפן אַ ניכטערע שטים בעת מען איז ווי פאַרשיכורט געוועזן פון שלילת הגלות?

און די עגאָפּאָביע האָט זיך דערווייל שטילערהייט געגראָבן אַלץ טיפער און טיפער אין די הערצער פון אַ דור און פון אַ צווייטן... מען האָט נישט געזען די פאַרסמטע עפּעלעך אירע, מען האָט זיי נישט געוואָלט זען! מען איז גאָר געוועזן צופרידן: אַזוי זעען אויס יונגע דורות מיט גלייכע רוקנס!... האָבן טאַטעס און מאַמעס אָנגעקוואָלן: „מאַלע וואָס זיי שפּילן זיך דאָרטן אין כ נ ע נ י ם, אין אַן „אלף", ווייס איך וואָס? פון וואָס מען מאַכט אַ ווען... ערשט גאָר שפּעט האָט מען זיך — און ווייט נישט אַלע — אַרומגעזען: עס איז ווייט נישט קיין קינדערשפּיל; מען האָט דערזען נישט ווילנדיק, אַז עס שטייט אין קאָן נישט ייִדיש לשון וואָס די גלותדיקע ייִדן קענען זיך נישט געזעגענען מיט דעם; נישט פון גלות וויל מען זיך באַפרייען, נאָר פון יעדער ייִדישקייט; עס גייט נישט אין א ו י ס ג ל ו ת ן זיך, נאָר עס גייט אין א ו י ס י ִד י ש ן ז י ך — די אַלטע יענטע אין אַ נייעם שלייער. נישט נאָר בערל און זיסל זענען גלותדיקע נעמען, נאָר אויך אברהם און שרה, און יצחק און רבקה זענען מוקצה מחמת גלות...

אַזוי האָט די עגאָפּאָביע אין שותפות מיט דער גאולה פאַרשלעפּט אויף די אַלטע וועגן. מען האָט שוין באַמערקט, צו־שפּעט, אָבער בעסער שפּעטער איידער קיין מאָל נישט. האָבן זיך דערהערט פאָרזיכטיקע וואָרענונגען: ווהין

גייען מיר? צו וואָס פירן מיר? האָט אַ מיניסטער צוגעטראַכט אַ תרופה — יידישקייט־באַוווסטזיין — תודעה יהודית — וועט מען איינשפּריצן אין דער יוגנט. אין די חמדהלעך און שושנהלעך וועט מען אַריינשפּריצן עקסטראַקטן פון משהלעך און שלמהלעך, פון פריידעלעך און בלימעלעך... צי וועלן זיך אָבער יידישקייט־פּאַקן אָננעמען? איין גאָט ווייס. דערווייל שרייבט איין שרייבער: „ויקחו לעשות ענבים ויעש באושים", קלאָגט אַ צווייטער דערהע־רנדיק אַן אויסרוף „אנחנו לא יהודים", ציטערט אויף דער רעדאַקטאָר פון „מאזנים" (ב. י. מיכלי אין נומער פון ניסן־אייר פון תשי"ט) פון די „אנאַ־מאַליעס אין דער ישראל־יוגנט", וואָס עס האָט אויפגעדעקט אַ יידישער פאָרשער פון אַמעריקע אין אַן ענגליש בוך. וועל איך ציטירן עטוואָס פון זיינע ציטאַטן:

„יידישע קולטור, גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, קיבוץ גלויות — פון דעם האַלט נישט די יוגנט. קינדער פון אַ קיבוץ זעען זיך נישט ווי שותפים צו די ציוניסטישע ווערטן, ווייל יידישקייט און יידן זענען ביי זיי אין די אויגן קאָנאַפּווערטיקער און זיי ווילן זיך אַרויסנעמען פון דעם כלל. זאָגט אַ מיידל אַז דער תנך איז שרעקלעך נודנע. יוגנט באַגייסטערט זיך פון באַשרייבונגען פון כינעזישן און אינדישן לעבן און אַז דער לערער וויל אין אַ צוועלפטן קלאַס לייענען פאַר די קינדער אויף דעם זעלביקן וועג אַ דערציילונג פון שלום־עליכם, געלינגט עס אים נישט: „עס אינטערעסירט אונדז נישט". אַ לערער האָט אין אַ צענטן קלאַס געלערט זינגען אַ ליד. אַז ער האָט געזאָגט: עס איז איבערגעזעצט פון רוסיש, — האָבן זיך אַלע באַגייסטערט. אָבער ווען דער לערער האָט אויסגעזאָגט, אַז דאָס ליד איז אַ יידישס, האָט מען אים נישט געוואָלט גלייבן. אַ דערוואַקסענער שוין קיבוצניק גיט אַ זאָג: „ער האָט פיינט די אָרטאָדאָקסישע יידן. אַז ער דערזעט זיי, קען ער פאַרשטיין פון וואַנען עס נעמט זיך אַנטיסעמיטיזם".

דער אַמעריקאַנער יידישער פאָרשער האָט זיינע באַטראַכטונגען געמאַכט אין אַ קיבוץ פון השומר הצעיר. האָבן קעגנער אין דעם געזען אַ תולדה פון מאַרקסיזם. אָבער דער רעדאַקטאָר פון „מאזנים" ברענגט פאַקטן, אַז אָט די שינאה איז גאָר וויט פאַרשפּרייט, נישט דווקא צווישן די עטלעכע „כנענים" און דער גרופּע פון דער „סעמיטישער אַקציע" וכדומה.

דאָס זענען די ווייטיקדיקע ווערטער פון דעם רעדאַקטאָר פון „מאזנים" — דעם רעפּרעזענטאַטיוון זשורנאַל פון שרייבער־פאַרבאַנד. כ'בין זיכער, אַז יעדער לייענער ווייטיקט מיט אים צוזאַמען.

אַזוי פיל האָפענונגען! און איז דאָס די גאולה! גאָט מיינער! דאָס זענען דאָך די זעלביקע ווערטער וואָס אחד־העם האָט בשעתו, מיט עטלעכע און זעכציק יאָר צוריק געוואָרפן אין פּנים אַריין די מערב־אייראָפּעישע „עמאַנ־

ציפירטע״ ייִדן. ער איז געווען שטאָלץ וואָס ער געהערט בעסער צו די ייִדן מיט געבויגענע רוקנס און שטאָלצער גראַדער נשמה. דער היינטיקער שרייבער אָבער, ב. י. מיכלי שרייבט עס מיט ווייטיק, ווייל אַליין זעט ער עס אין אייגענעם היימלאַנד! ער פּרובירט טאַקע זוכן די סיבות. ער רופט אָן עטלעכע — דאָס אָפּרייסן זיך פון דער מאָראַליש־קולטורעלער טראַדיציע; די שול וואָס איז דורכגעפאַלן מיט איר ראָל, די היים וואָס איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון אינהאַלט; די גאַס וואָס ציט מיט איר פאַלשן גלאַנץ און פאַרפירט. און צום סוף שרייבט ער, איז דאָך דאָס אָן אָפּטע דערשיינונג אַז די יורשים צעטרענצלען די רייכע ירושה וואָס זיי האָבן געקראָגן אָן מי. ער האָפט אָבער, אַז אין אַ נויט וועט די יוגנט אַרויסווייזן מוט און געטרייקייט. דאָס איז טאַקע אמת, אַזוי איז געווען — פאַר דער מילחמה און נאָך דער מילחמה מיט דער עליה ב׳. אַזוי איז געווען אין נאָך פאַלן, און מען טאָר נישט פאַרלייקענען די פאַרדינסטן פון דער יוגנט. ער ברענגט אויך אַ ראיה פון ד״ר חיים סלאָוועסעס (פון פאַריזער פירנדיקע קאָמוניסטן) עדות־זאָגן וועגן דעם פאַרשטאַרקטן אינטערעס צו ייִדישקייט מצד די ייִדן אין... רוסלאַנד.

ער גלייבט אָבער אַ ביסל צו־שטאַרק אין דעם שוואַכן מיטל פון תודעה יהודית, וואָס דער מיניסטער ארן (איצט געוועזענער) האָט איינגעפירט צום לערנען. דאָ האָט ער אַ טעות: אַ ייִד דאַרף מען זיין, נישט אויסלערנען וואָס עס איז ייִדישקייט.

דער רמב״ם זאָגט ערגעץ, אַז כדי אויסצוגלייכן אָן אויסגעקרימטן שטעקן, דאַרף מען אים אויסקרימען אין דער פאַרקערטער ריכטונג... כדי צו ראַטעווען די יוגנט אין ארץ־ישראל פון דער עגאָפּאָביע, וואָלט מען געדאַרפט זי אויסבייגן שטאַרק אין דער פאַרקערטער ריכטונג צו דער בפירוש גלותדיקער קולטור... דאָס האָט אַפילו דער פאָלקסטימלעכער מיניסטער נישט געוואַגט צו טאָן... עס וואָלט געווען אַ צו־שטאַרקע רעוואָלוציע נאָך היינט.

איך ווייס אויך: די מדינה געפינט זיך אויפן וועג צום סינטעז. זי האָט שוין לאַנג דורכגעמאַכט דעם אַנטיטעזיס, דאָס אַנטלויפן פון ייִדישקייט, די נעגאַציע. זי האָט זיך שוין געשטעלט אויפן וועג צוריק, אויף דעם ד׳רך תשובה, עס איז נאָך ווייט צום אמתן סינטעז פון איין פאָלק און איין קולטור. מען האַלט נאָך אַלץ אין שפּאַלטן, אין דעם שניידן דאָס קינד ווי יענע כלומרשטע מאַמע האָט געהייסן אין שלמהס משפּט, אָבער מען וועט קומען, זיכער קומען צום אמתן אמת פון גאַנצקייט און אינטעגראַלקייט.

איך בין מיט דעם דאָרטן מער זיכער ווי מיט דעם דאָ. דאָ איז פאַראַן דער טייוול פון אַסימילאַציע: מען וויל אַוועקגיין און עס איז דאָ וווהין, צו וועמען צו גיין. דאָרטן, אַז מען וויל אַוועקגיין, זיך אויסייִדישן, בלייבט מען

שטייט ביי אַ פאַרמאַכטער טיר. נישטאָ צו וועמען צו גיין... אָ, די נאַרישע אַראַבער!...

און אין ערגעץ איז נישט בעסער. אומעטום איז נאָך ערגער, אַ סך ערגער. נישט אַלע קענען דאָך אַוועקפאָרן קיין פאַריז צי גאָר קיין אַמעריקע; נישט אַלע קענען דאָך אַוועקוואַרפן זייער העברעיִש־לשון, וואָס שטעמפּלט זיי פאַר ייִדן. אָבער אין חוץ־לארץ איז דאָך אָפן דער וועג צו פרעמדס. דאָ איז דאָך די סביבה אין גאַנצן אַ פרעמדע. דאָ איז די ייִדישקייט אין גאַנצן אַן אויסגעלערנטע, נישט קיין נאַטירלעכע, נישט קיין איינגעלעבטע. דער וועג צו אויסייִדישונג איז אַ סך גרינגער, אָפענער, קירצער. אפשר טאַקע צוליב דעם ווילן אַ סך סאַברעס פאָרן קיין חוץ־לארץ.

מיט די אייגענע הענט דערווייטערט איין דור פון זיך זיינע קינדער און קלאָגט נאָך דעם אויף אונטערגאַנג. מען קלאָגט שוין אין דער מדינה אויף דער יוגנט וואָס פאַרוואַרפט העברעיִש און לויפט צו פרעמדע שפּראַכן. אָט איז, ייִדן, די שטראָף פאַר דעם פאַרוואַרפן ייִדיש, וואָס איר האָט פאַרוואָרפן. דאָס איז דער לאָגישער און דירעקטער רעזולטאַט פון אייער באַציִונג צו ייִדיש. געדענקט דעם משל: אַ קינד האָט געזען ווי מען קאָרמעט דעם אַלטן זיידן פון אַ ליימענעם טעלער, ווען אַלע עסן פון פאָרצעליי. האָט ער זיך געשפּילט און גענומען קנעטן פון ליים עפּעס. פרעגט אים די מאַמע וואָס ער טוט, ענטפערט ער — דאָס מאַכט ער אַ ליימענעם טעלער צו געבן איר, דער מאַמען, עסן ווען זי וועט ווערן אַלט... מען קען נישט אַנטוויקלען קיין ליבע צו דער „נייער" ייִדישקייט אין ארץ־ישראל ווען מען פאַרוואַרפט גאָר די ייִדישע גענזאַנגען און מעלאָדיעס און מען זוכט נייע מעלאָדיעס... ביי די רוסן צי גאָר ביי די דייטשן. מיט איין וואָרט: „תיסרך רעתך" — מפני חטאינו — אונדזער עגאָפּאָביע הרגעט אַוועק אונדזער צוקונפט, אונדזער האָפענונג אויף דער צוקונפט, זי אַטראָפירט אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען, מינירט אונטער אַלע אונדזערע בנינים, גרויסע ווי קליינע — אַלע!

עס האָבן זיך איינגערעדט נישט קיין קלוגע עקשנים, אַז יעדער איינער וואָס שאַצט־אָפּ ריכטיק דעם ווערט פון ייִדיש־לשון פאַרן קיום פון פאָלק, יעדער איינער אזאַ איז נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט אַ ייִדישיסט, זאָל גאָט רחמנות האָבן. און ווער, איך בעט אייך, דאַרף זיך דאָס רעכענען מיט דער מיינונג פון אַ ייִדישיסט?... געשטעמפּלט מיט דעם שלעכטן נאָמען, און שוין פאַרטיק, יוצא. וואָרום ייִדן דענקען נישט מיט לאָגיק, נאָר מען אָפּערירט מיט זידלווערטער. פון גרויס עגאָפּאָביע וויל מען נישט זען, וויל מען נישט באַנעמען אַז ווו עס גייט פאַרלאָרן ייִדיש־לשון גייט פאַרלאָרן ייִדישקייט בכלל, אַז אָנשטאָט ייִדיש קומט נישט קיין העברעיִש, נאָר אַלע מאָל קומט אַ פרעמדע שפּראַך, וואָס רייסט אָפּ אין גאַנצן פון אַלע וואָרצלען — אויך פון העברעיִש,

ווייל עס איז נישטאָ קיין באַזונדערער חן און גוטזעליקייט צו העברעיִש, מען קען נישט אָפּוואַרפן גאָר די ייִדישקייט און אײנהייטן העברעיִש. און ווען מען דערגרייכט יאָ אַזאַ פענאָמען — אויסגיסן דאָס גאַנצע וויין און לאָזן די ליידיקע פלאַשן פון זה חדר און התתול מלקק חלב והכלב עומד על השולחן, ווערט פון דעם העברעיִש אויך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נישט קיין וואַרצלען מער אין ייִדישקייט. מיט איין וואָרט: וויל מען באמת האָבן ייִדן און אַ ייִדיש פאָלק, דאַרף מען אָננעמען די ייִדישקייט ווי זי איז אונדז געגעבן געוואָרן היינט, אין אונדזער דור. ייִדיש לשון איז ווייט נישט בלויז אַ כּלי, נישט בלויז אַ מיטל זיך צונויפצוריידן, צו פאַרשטענדיקן זיך, עלעהיי די פינגערשפּראַך פון שטומע. ניין! די ווערטער גופא פון ייִדיש־לשון האָבן שוין אין משך פון דורות איינגעזאַפּט אין זיך אָט די ייִדישקייט, די נשמה פון פאָלק, פון דורות ייִדן און ייִדענעס, באָבעס און עלטער־באָבעס, און דער וואָס רעדט ייִדיש און זאָגט „טיש", איז מער ייִד, מער אָנגעהעריק צום ייִדישן פאָלק, מער אָרגאַניש איינגעוואַקסן אין זיין פאָלקס באָדן איידער דער וואָס זאָגט טייבל, אָדער מעסאַ, אָדער סטאָל און אַפילו מער ייִד ווי דער וואָס זאָגט שולחן, מיינענדיק נישט דעם טיש אין בית־מדרש אויף דער בימה, נאָר סתם אַ טיש, אַ וואָכעדיקן טיש.

אין גמרא איז פאַראַן אַ ווילן אונטערצושטרייכן „קדושה ראשונה" און אַ הייליקייט פון שפּעטער, וואָסערע פון זיי איז בלויז אַ צייטווייליקע און וואָסערע איז אַן אייביקע. ייִדיש־לשון איז די קדושה שניה. דען ביי אונדז איז דאָך בכלל יעדער קדושה נישט פון הימל נאָר פון פאָלק, דאָס פאָלקישע איז הייליק, זענען ייִדישע ווערטער הייליק בקדושת העם. די וואָס פאַרוואַרפן ייִדיש — נישט ייִדיש פאַרוואַרפן זיי, נאָר ייִדישקייט בכלל, ייִדיש לשון טויג נישט פאַר זיי טאַקע, מחמת עס איז צו פיל ייִדיש, פאַרבונדן מיט ייִדיש־פאָלק, נאָר דערפאַר. אָ, ווען גויִים וואָלטן גערעדט ייִדיש, אָ, ווי שיין עס וואָלט געקלונגען פאַר די ייִדישע אויערן!

מיר פאַרגלייכן ייִדיש לשון היינט צו אַראַמיש אין דער תקופה פון תל־מוד. זייער ריכטיק. אָבער צי האָבן ייִדן זיך ווען עס איז אָפּגעזאָגט פון אַראַ־מיש, אַפילו ווען מען האָט די שפּראַך שוין נישט גענוצט אין רעדן? נוצט מען דען היינט נישט קיין אַראַמיש אין דאַווענען אין די הייליקע תפילות? אין לערנען?

יאָ, עס זענען דעמאָלט אויך געווען אַזוינע וואָס האָבן מבטל געמאַכט און אָפּגעלאַכט פון דעם אַראַמיש־לשון, פון דעם „לשון־עלגים" („זשאַרגאָן") — כשרע העברעער! דאָס זענען געווען די קאַראַיִמער מיט זייער „ריינעם" העברעיִש, אַך און ווײ.

אָבער ערגער, אַ סך ערגער איז די לאַגע אין חוץ לארץ, אין די תפוצות

פון היינט. מען פרעגט: פאַרוואָס איז די יוגנט, וואָס האָט יאָ געלערנט אין אַ יידישער שול, וואָס קען יאָ יידיש־לשון, וואָס ווייס גאַנץ היפש פון יידישער געשיכטע, פאַרוואָס אָט אַזאַ יידישע יוגנט וווייכט דאָך פון יידישער אַקטיוויקייט? פאַרוואָס זעט מען נישט די יוגנט אויף יידישע אונטערנעמונגען? אויף פאַרזאַמלונגען?

דאָס איז אָבער דאָך אַזוי קלאָר, אַזוי פשוט: דער ייִד איז אַן איינגעלערנטער, און דער כּ ו ד י אָ איז אַן איינגעלעבטער. ווער איז שטאַרקער? די אַלע אומאַנגענעמע אַסאָציאַציעס וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם אויסדרוק כּ ו ד י אָ, אָדער זשיד וכדומה, אַפילו ווען דער באַוווסטזיין קעמפט קעגן דעם, אַפילו ווען דער געדאַנק און די מאָראַל ווילן איינרעדן דאָס פאַרקערטע „מיר זענען שטאָלץ מיט אונדזער יידישקייט"... און אפשר וויל מען דאָס מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער עס בלייבט אַן אויטאָסוגעסטיע, בעת אין דער נאַטירלעכער איינגעלעבטקייט איז עס פאַרקערט.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס אַ יוגנט וואָס איז גאַנץ היפש באַקאַנט מיט יידישער קולטור, בכל־אופן מער ווי זייערע געקומענע עלטערן, פאַרוואָס איז אָט אַזאַ יוגנט ווייט פון יידישער אַקטיוויקייט, פון יידישער קולטור־שעפערישקייט, בעת זייערע עלטערן האָבן אַן זייער יידישער אויסבילדונג דאָך געשאַפן אַלע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס און אַלע אונטערנעמונגען. ערשט אַ סך שפּעטער האָב איך געקענט פאָרמולירן פאַר זיך דעם ענטפער: די עלטערן זענען נ אַ ט י ר ל עכ ע ייִדן, די קינדער זענען אָבער נאָר אוי ס געל ע ר נ ט ע יידן.

עס איז באַקאַנט אַזאַ דערשיינונג ווי עקספּלאָזיוו־יידישקייט: מענטשן וואָס זענען געוואַקסן אינגאַנצן ווייט פון יידישקייט, אין אַנדערע קולטורן, ווערן מיט איין מאָל, דורך אַ דרויסנדיקן שטויס געבראַכט צו שטאַרקער יידישקייט. אַזוינע מענטשן זענען געווען ד"ר ל. פּינסקער און ד"ר הערצל, און אַ סך — אַ סך אַנדערע. פּראָפ' פישל שניאורסאָן ע"ה האָלט שטאַרק פון אַזאַ יידישקייט, אחד העם האָט אָפּט אַרויסגעזאָגט אַן אַנדער מיינונג. בכל־אופן קיין אָרגאַנישע, נאַטירלעכע איז זי נישט. אָבער צו אַזאַ עקספּלאָזיווע פון יידישקייט דאַרף מען האָבן אין זיך אַ גרויסן קולטור־פאַרמעגן, אַ סך כוח און מוט. און דאָס איז דאָך זעלטן. דאָס רוב באַמיִען זיך צו געפינען זייער רו אין זוכן סיטואַציעס צו פאַרגעסן זייער יידישקייט, אין דערווייטערן זיך פון יידישער אַקטיוויקייט, אין וויכן פון יידישע קאָלעקטיוון, הגם דאָס קומט אַן נישט גרינג.

און אָט די אַלע קאָנפליקטן, קאָמפּלעקסן און שוועריקייטן מאַכן אַן פאַר די קינדער די עלטערן גופא, מיט זייערע אייגענע הענט — אויף אַ גאַנץ לעבן.

מען זאָגט: מען קען זיין אַ גוטער ייִד אויף אין שפּאַניש. יאָ, אַוודאי — מען קען לעבן אויך מיט איין פוס און אָן אויגן און אָן הענט און אָן לייב און לעבן. מער נישט וואָס אַז אָך־און־וויי צו אַזאַ לעבן. יאָ, מען קען זיין אַ ייִד אָן ייִדיש אויך, נאָר אַז אָך־און־וויי צו אַזאַ ייִדישקייט. יאָ, מען קען זיין אַ ייִד ווען מען איז אַ ייִד פון פריִער, קען מען רעדן טאָטעריש און טערקיש, אינדוסיש און האָטענטאָטיש און זיין אַ ייִד. אָבער אויסהאָדעווען אַ ייִדן אָן קאָנפליקטן און אָן קאָמפּלעקסן אין דער שפּראַך פון פאָלק וואָס הערשט אין לאַנד — דאָס איז זייער שווער, און אפשר אוממעגלעך.

פרעגט מען ביי די ייִדישע לערער: ווו איז די יוגנט וואָס איר האָט געלערנט ? ענטפער איך ווי אַ נישט־געבעטענער און נישט־באַפולמעכטיקטער פאָרשטייער פון די לערער: — די יוגנט האַלט אין זוכן ערטער און מיטלען ווי און ווהין צו אַנטלויפן פון דער עגאָפּאָביע, פון דעם אומאנגענעמען כור דיאָ־קאָנפליקט וואָס די עלטערן אַליין האָבן גוטהאַרציק באַשאָנקען מיט אים זייערע קינדער.

אָט אַזאַ איז אונדזער סיטואַציע: פון אינעווייניק יאָגט די יוגנט פון ייִדישקייט די עגאָפּאָביע וואָס דאָס ייִדישע לעבן אין די היימען און אין גאַס אַנטוויקלט, און פון דרויסן איז דער וועג צו אויסייִדישונג אָפן ברייט אָן קיינע דאַמבעס. און מיר ווילן דער וועג זאָל בלייבן אָפן, זאָל קיינמאָל נישט פאַרשפּאַרט ווערן. וועגן דעם טאָרן מיר נישט רעדן און מיר טאָרן נישט טראַכטן.

אָבער די עגאָפּאָביע, דעם אינעווייניקסטן פיינלעכן דראַנג צו אַנטלויפן פון ייִדישקייט — דעם דראַנג דאַרפן מיר אויסוואָרצלען. קודם־כל און פאַר אַלץ מוז מען אויסהיילן דאָס פאָלק פון דער קראַנקהייט.

די נשמה אין גלות

ווען מיר רעכענען אויס די שוועריקייטן פון גלות, נעמען מיר זייער זעלטן אין חשבון די השפעות פון גלות אויף אונדזער פסיכיק. מיר קלאָגן זיך אויף אַלע שוועריקייטן וואָס זענען, מערער פון דרויסן — עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, סאָציאַלע, מאָראַלישע. אָבער מיר פאַרגעסן די ווירקונגען אויף אונדזער גייסט, אויף די געפילן און אויפן געדאַנק.

נעמען מיר די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין אונדז — מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, פון יענע צייטן ווען אחד העם האָט געשריבן זיין „עבדות בתוך חירות" און איצט, וועלן מיר געפינען אַ גוואַלדיקע ירידה. מען כאַראַקטעריזירט דעם אונטערשייד, וואָס דעמאָלט האָט אַ ייִד געהאַט אַ קרומען רוקן און אַ גלייכע נשמה, און איצט איז עס ווי פאַרקערט. דאָס וואָס אחד העם האָט שטאָלץ געוואָרפן די מערב־אייראָפּעיִשע ייִדן ווי אַ זינד, דאָס איז מקוים געוואָרן איצט אויף אונדז נישט ווייניקער. מיר זענען געוואָרן נישט מיר, מיר זענען אַ מין אָפּשפּיגלונג פון פאָלק וואָס הערשט אין געגעבענעם לאַנד. מיר זענען אײַנגאַנצן אָפּהענגיק פון אים, מיר זענען עפּעס וואָס פּאַסט זיך צו. אונדזער שטייגער איז נישט אונדזערער, אונדזערע פירונגען, פאַרווײַלונגען, אונדזערע עסנס, אונדזערע יום־טובים, אונדזערע זיטן און געוווינהייטן, אַלע קאָנוועגאַנסן אין לעבן, אונדזער לשון — אַלץ איז איבערגענומען, אַלץ איז ווי דעם הויפּט־פאָלקס, ווי בגדים איבערגעניצעוועטע פון פרעמדע פּלייצעס. עס קומט צומאָל אויס אַז אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן איז נישט קיין המשך פון אונדזערס, נאָר עס איז מער אַ קאָפּיע פון דעם אַרום. ווען מען פאַרגלייכט צוויי ייִדישע ישובים אין צוויי פאַרשיידענע לענדער, וועלן מיר גרינג קענען געפינען אַן אונטערשייד אויך אין דער מאָראַל. „ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי ייִדלט זיך", זאָגט אַ ייִדיש קלוג וואָרט. זעט מען דעם אונטערשייד צווישן די צוויי לאַנד־פעלקער אויך אויף די ייִדן אין די זעלביקע לענדער. דאָס הייסט אַז די ייִדן זענען מער ענלעך צו יעדער הויפּט־פאָלק אין יעדער לאַנד, מער ווי זיי טראָגן אין זיך די טראַדיציעס פון זייער פאָלק.

אין דער הינזיכט איז דער ייִדישער גלות אין די פרייע לענדער ערגער ווי דער גלות איז געווען אין מזרח־אייראָפּע. אָט דער גלות וואָס מען וויל אַפילו אים נישט אָנרופן מיט דעם נאָמען, וואָס מען וויל אים לגמרי אַרויסנעמען פון דעם באַגריף גלות, דווקא ער האָט אונדז מער פאַרשקלאַפט, אַ סך

מער, אַזוי פאַרשקלאַפט אַז מיר האָבן אויפגעהערט צו זיין וואָס מיר זענען. ז'אַרטן ערשט זענען מיר געווען אין אונדזער לעבן אַ סך פרייער, ממש אויטאָנאָם, אין אַ געטאָ טאָקע, אָבער פאַרזיכיק, פרייער. אונדזער לעבן איז געווען אָרגאַניש אונדזערס, אייגנס. דער שבת איז געווען אונדזער שבת, דער יום־טוב — אונדזערער, מיר האָבן זיי געשטאַלטיקט, געפורעמט, אונדזער אייגענע טראַדיציע האָט זיי געהאָדעוועט. טאָקע אַ גלות, אַ שווערער גלות, מיט אַ סך צרות און פּיין, אָבער ביי זיך אין דער היים, ביי זיך אין גאַס, ביי זיך אין שטעטל, אין דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן איז מען געווען בפירוש אויטאָנאָם אָן קיין אַכט אויף די שכנים. מען האָט זיך מיט זיי נישט געמישט, נישט גערעכנט זיך מיט זיי...

ערגער איז אין די פרייע ישובים, דאָ זענען מיר נישט מיר און אונדזער לעבן איז נישט אונדזערס. עס קומט אויס אַז מיר זענען צו זיך אַליין, ביי זיך אַליין פרעמדע, אין שטוב, ביי זיך אין דער היים איז דער יידישער איך נישט קיין יידישער. ער פילט נישט דעם שבת, אָבער פילט אויך נישט דעם זונטיק, ער פילט נישט קיין יידישן יום־טוב און אויך נישט קיין נישט־יידישן, ער האָט נישט די וועלט און האָט נישט קיין יענע וועלט.

***

דאָס שרעקלעכסטע איז לויט מיין מיינונג דער גלות פון אונדזער געדאַנק: מיר פילן פרעמדע געפילן און מיר דענקען פרעמדע געדאַנקען. אָפט איז דאָס געפיל גופא נישט קיין טיפער, אָפט אַפילו אַ נאָכגעמאַכטער. דער געדאַנק איז נישט אונדזערער. מיר אינטערעסירן זיך מיט פרעמדע אינטערעסן, מיר באַגייסטערן זיך מיט פרעמדער קונסט, מיר דיסקוטירן מער פּראָבלעמען פון פרעמדן לעבן, פרעמדע ליטעראַטור פאַרכאַפּט מער. עס איז ביי אונדז אַ מין צעשפּאַלטנקייט פון גייסט: מען לעבט איין לעבן און מען טראַגט זיך אַרום מיט אַ צווייטס.

איך ווייס נישט צי מיר מעגן שטאָלץ זיין מיט אונדזער האַלטונג אין די פרייע לענדער אין דער גרויזאַמער צייט פון אונדזער גאָר נאָענטן חורבן. איך ווייס נישט צי עס קלאַפּט אונדז אָפט נישט דאָס האַרץ: רבש״ע! צי האָבן מיר נישט פאַרשוויגן? צי האָבן מיר נישט פאַרגעסן? צי האָבן מיר געטאָן כאָטש אַ העלפט פון דעם וואָס מען האָט געדאַרפט טאָן כדי אויפצווועקן דאָס געוויסן פון דער פרייער וועלט? צי האָבן מיר כאָטש געהאָלפן ראַטעווען די וואָס מען האָט מיט אָנשטרענגונג אפשר דאָך געקענט ראַטעווען? צי האָבן מיר נישט געוואַרט צו פיל אויף אַ דערלויבעניש פון די גרויסע לייט זיי זאָלן אונדז דערלויבן כאָטש אַ געשריי צו טאָן אין דער הייך?... איך האָב מורא אַז נישט איינעם פון אונדז, פון אונדזערע פירער קלאַפּט דאָס האַרץ פון ספקות.

עס קומט מיר אויס אַז ייִדן האָבן מער זיך אינטערעסירט מיט ד״ר זשיוואַגאָ איידער מיט דער גאַנצער חורבן־ליטעראַטור. עס איז ביי מיר אַ ספק צי מיר האָבן געטאָן וואָס מען האָט יאָ געטאָן ווייל מען האָט אין די נעכט נישט געקענט שלאָפן, אָדער ווייל מען האָט דאָך געדאַרפט יוצא זיין... עס איז מיר זייער שווער צו שרייבן נאָך עפּעס וועגן דעם, הגם... עס איז ווייט נישט אַלץ וואָס עס פילט זיך אינעווייניק, ווען איך דערמאָן זיך, אַז וועגן עפּעס אַ שווימבאַסיין אין ירושלים זענען געווען מער גאַסן־דעמאָנסטראַציעס אין ניו־יאָרק און אין וואַשינגטאָן איידער וועגן אונדזער גאַנצן חורבן... עס כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אַ פאַרגלייך פון דעם אַלץ וואָס עס איז געשריבן געוואָרן אין די לעצטע שורות מיט דער מסירת־נפש פון ייִדן פאַר פּדיון־שבויים אַמאָל, און עס גיט אַרויס פון האַרצן אַ פראַגע: גאָט! ווו איז אַהינגעקומען די באַרימטע ייִדישע רחמנות, כאָטש רחמנות?

מיר האָבן פריִער געשריבן אַז אַ קאָלעקטיוו איז אַ קאָלעקטיוו כל־זמן יעדער יחיד זיינער טראָגט אין זיין יחידישן האַרץ און מוח געפילן און געדאַנקען פאַרן קאָלעקטיוו. איז די אָפּגעפרעמדקייט אונדזערע פון אונדזערע כּללישע פּראָבלעמען נישט קיין טראַגישער סימן פון אַ צווייטן פּראָצעס, פון אַ צעפאַל־פּראָצעס? אַ פעלדז, אַז ער פאַרלירט דעם צעמענט וואָס באַהעפט אין אים זיינע באַזונדערע זעמדעלעך, ווערט צעפאַלן, וויטערט זיך אויך אויס, ער ווערט זאַמד. און אַ פאָלק ווען זיינע יחידים פאַרלירן דעם עמאָציאָנעלן און מאָראַלישן צעמענט, וואָס פאַרבינדט די יחידים צווישן אַנאַנד, ווערט אויס פאָלק. עס ווערט אַן ערב רב, נישט מער, אפשר אַ מין עטנישע גרופּע, אָבער... צי מיט שמד צי אָן שמד, אָבער די צאָל ייִדן אין די אַמעריקעס וועט גרעסער נישט ווערן. טראַגיש, אָבער אַזוי איז עס. דערווייל אָבער ווען מיר די פראַגע וועגן אונדזער צוקונפט לאָזן. עס פרעגט זיך: צי איז די צעשפּאַלטנקייט פון אונדזער באַוווסטזיין טאַקע אַן אָרגאַנישע, אָדער אַ געמאַכטע?

מיר דוכט זיך, אַז דאָס אַלץ וואָס עס פילט אָן אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן איז טאַקע נישט אָרגאַניש. די אינטערעסן זענען נישט קיין דורכגעלעבטע, נישט קיין טיפע, די פּראָבלעמען, די געפילן, די געדאַנקען, אידייען — אַלץ איז נאָר אויבנאויפיק, איבערגענומען, עלעהיי אַ מאָדע, אָבער עס פאַרנעמט נישט קיין טיפן אָרט אין דער נשמה. „דער מענטש איז דאָס וואָס ער טראַכט“, האָט עמיצער געזאָגט. פאַר אונדז איז עס נישט גילטיק. אָט דאָס אַלץ מיט וואָס אונדזערער אַ מענטש באַווייזט זיך צווישן מענטשן איז נישט אָרגאַניש, עס איז ווי להבדיל אַ דיבוק אין אונדז.

איך האָב אַלעמאָל ליב געהאַט דעם פּשוטן מענטשן, דעם ייִדן, דעם רוסישן פּשוטן פויער, דעם פּשוטן ייִדישן בעל־מלאכה. איך האָב אַלעמאָל נישט געקענט זיך אַליין דערקלערן, פאַרוואָס עס איז מיר נישט לאַנגווייליק מיט

די מענטשן? פאַרוואָס איך קען אָפּזיצן שעהן און אויסהערן זייערע נאַיווע אידייען און ריידערייען. ערשט אַ סך שפּעטער, אין אַמעריקע, האָב איך זיך געכאַפּט: דאָס איז געווען די אינעווייניקסטע אויפריכטיקייט און דירעקטקייט פון יענע מענטשן, תוכו כברו. נישט דאָס מויל רעדט, נאָר די נשמה פון מענטשן רעדט. עס איז מיר אָבער שווער צו הערן רייד, פיינע און קלוגע און סימפּאַטישע אוז בשעת מעשה וויסן און פילן, אַז דאָס אַלץ ווערט גערעדט ווייל עס פּאַסט, ווייל עס איז נייטיק, ווייל דער מאָמענט פאָדערט עס. עס איז מיר שווער תמיד צו הערן וואָס דער מענטש זאָגט און וואָס ער טראַכט ביי זיך; ווייל עס איז דאָך כמעט תמיד פאַראַן אַ גרויסע דיסטאַנץ צווישן די צוויי אַקטיוויטעטן: מען זאָגט איינס און מען טראַכט עפּעס אַנדערש, צומאָל דאָס פאַרקערטע; מען זאָגט דאָך עפּעס כדי צו פאַרטומלען, כדי צו פאַרדעקן וואָס מען מיינט און וואָס מען טראַכט... מיר האָבן דאָך פאַרגעסן אינגאַנצן וואָס אייגנטלעך איז ליגן. אונדזער גאַנצער אמת איז דאָך נישט מער ווי אַ קאָנווענציאָנעלער ליגן. עס הייבט זיך אָן מיט דעם באַרימטן „גיב אַ שמייכל״ און עס ענדיקט זיך מיט „געווען גליקלעך אייך צו טרעפן״... און אין האַרצן... „דער טייוול האָט דיך אָנגעטראָגן״...

מענטשן האָבן עס ליב, עס איז גאַלאַנטקייט, איידלקייט, העפלעכקייט, עס איז גלאַטע פּאָליטור אויף מעבל... איך פּערזענלעך טויג זיך נישט אויס צו דעם — טויג עס טאַקע נישט... אפשר איז דאָס אַן אַלגעמיינער שטריך אין דער היינטיקער קולטור פון דער וועלט בכלל. קען זיין, אָבער ביי אונדז באַקומט זיך בולטער און טראַגישער: דער ווייטער קאָנוועגאַנץ צווישן דעם וואָס מיר זענען און צווישן דעם ווי מיר ווייזן זיך איז אַ צו גרויסע דיסטאַנץ. אונדזער נאַטור, אונדזער טראַדיציע, אונדזער גייסטיקער אָפּשטאַם איז עפּעס אייגנס, און אונדזער געזעלשאַפטלעכער פּרצוף איז... פון אַן אַנדער וועלט גאָר.

אייגנטלעך איז די געשפּאָלטנקייט שוין געווען אויך אין דער אַלטער היים, אויף וויפל מיר זענען אַרויס פון שטעטל, וואָס איז געווען כולו יידיש. נאָך אין ישיבה זייענדיק, אין סאַמע ווילנע זיך אָנגעלייענט מיט דער רוסי־שער ליטעראַטור ווי אַ פּויק. זי פאַרשטאַנען. כ׳מיין — אַ קונץ? וואָס איז דאָרטן נישט צו פאַרשטיין? אַ האַרבער תוספות איז זיכער שווערער... ערשט שפּעטער, מיט יאָרן שפּעטער זיך געכאַפּט, אַז דאָס פאַרשטיין איז געווען, במחילה, נישט קיין דורכגעלעבטע, ווי למשל, מען פאַרשטייט וואָס עס טוט זיך אויף דער זון. איך האָב דאַכט זיך גוט פאַרשטאַנען, געטראַכט וועגן איר, געפילט און מיטגעפילט מיט אירע העלדן, געווען פאַרקאַכט אין אירע פּראָ־בלעמען... אָבער ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אין אַן אמת רוסישע שטאָט ערגעץ אויף דער וואָלגע, האָב איך נאָך אויפן וואָקזאַל דערפילט, אַז איך בין דאָ אַ פרעמדער, און די גאַנצע אָנגעלייענטע און פאַרשטאַנענע לי־

טעראַטור איז מיר פרעמד און ווייט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז עס עפּעס צו פאַרשטיין, וואָס טאָלסטאָי באַשרייבט ערגעץ: פּריצים מאַכן זיך פריילעך צו זייער ניי־יאָר און מען שפּאַנט איין „טראָיקעס״ אין שליטנס, און מען נעמט זיך יאָגן איבער די אומענדלעכע רו־סישע ברייטקייטן. אין איין שליטן טרייבט דער פּריץ און אין צווייטן — זיי־נער אַ קנעכט. און דער קנעכט גיט אַ שריי אויס צום פּריץ: „לייגסט פּריצל, וועט נישט אַריבעריאָגן!״... נו, טאַקע — וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? אָבער כדי צו פאַרשטיין דאָס דאַרף מען זיין עטוואָס אַנדערש, עטוואָס ווייטער פון אַ יידישער סביבה מיט אַ בלאַט גמרא... דאָס האָב איך ערשט פאַר־שטאַנען מיט יאָרן שפּעטער. און איך האָב מורא, אַז אַ סך, גאָר אַ סך יידן וואָס פאַרשטייען די קולטורן און ליטעראַטורן, אין וועלכע זיי לעבן, זענען אַזוי אַריינגעלעבט אין זיי ווי איך בין געווען אין דער רוסישער קולטור... אויב נישט נאָך ווייניקער, נאָך נידעריקער... איז איך, האָב איך כאָטש גע־האַט צו וואָס זיך אומצוקערן. צי האָבן דאָס אויך אַנדערע יידן? צי קומט זיי נישט אויס אָפּצולעבן אַ גאַנץ לעבן אין אַ... פרעמדער וועלט?

איך בין געווען זייער גוט באַקאַנט מיט די רוסישע זיטן און מינהגים, און אַז מיר איז אויסגעקומען דאָס ערשטע מאָל אין אַ זונטיק, אין אַ רוסישער שטוב צו „ע ס ן טיי מיט קוכן״, איז מיר געווען ווי איך וואָלט אַריינגע־פאַלן אין אַ פרעמדע וועלט.

אין מיין יוגנט איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ זומער־צייט אויף לערער־קורסן אין אַ פּראַקטיקער געזעלשאַפט פון יונגע רוסישע לערער, פּראָ־גרעסיווע, אידעאַליסטישע יונגע רוסן און פּראַקטיקע פּראָגרעסיווע פּראָפע־סאָרן רוסן, וואָס מען האָט באַזייטיקט פון די אוניווערסיטעטן פאַר זייער פּראָגרעסיווקייט. דאַכט זיך גוט. פיין זיך איינגעלעבט, געלערנט צוזאַמען. די בעסטע זכרונות ביז היינט ביי מיר פון יענעם זומער. אָבער חברה פלעגט אָפּט אין די שבת־צונאַכטן מאַכן „וועטשערינקעס״ (אָוונט־פאַרוויילונגען) מיט ביר און טענץ, פלעג איך זיצן טאַקע ווי אַ פרעמדער אויבן, אויף דער גאַלע־ריע און שמועסן מיט אַ וווּנדערבאַרן טיפן רוסישן דענקער מיט אַ לאַנגער באָרד (דושעטשקין). ביי פּרוגן אין איינעם פון זיינע רוסישע לידער איז דאָ אָט דאָס זעלבע געפיל. עס האָט אים נישט געהאָלפן זיין רוסישע ווייב און טאָכטער...

די פרילינג־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז מיר אויסגעקומען צו פאַר־ברענגען אין פּעטראָגראַד (לענינגראַד) ווו איך האָב דעמאָלט געאַרבעט. מען איז געווען אַזוי גליקלעך, אַז מען האָט פאַרגעסן עסן און אָפּגעפּרווירענע אויערן און נאָז. די וועלט קערט זיך דאָך איבער! זענען אין אַ פּריוואַטער שטוב (אַד־וואָקאַט לוריע) געזעסן עטלעכע יידישע אינטעליגענטן — ישראל עפרויקין,

ש. ניגער, לאַצקי בערטאָלדי, נחום שטיף, די באַלעבאַטים און צופעליק אויך איך. מען איז געזעסן און געוואַרט: עס איז געווען אָפּגעמאַכט מיט אַ רעדאַקציע פון אַ צייטונג, אַז זיי זאָלן אָנקלינגען באַלד ווי די דייטשישע אַרמיי וועט זיך סאָלידאַריזירן מיט דער רוסישער און אויך מעלדן אַ רעוואָלוציע. אויס מלחמה!... דאָס איז געווען אין פעברואַר 1917. אין צען יאָר אַרום האָבן זיך געטראָפן דריי אַזוינע „פּעטראָגראַדער רעוואָלוציאָנערן" אין תל־אביב. האָט מען גוטמוטיק געלאַכט פון זיך אַליין: מיר האָבן געטאַנצט אויף אַ פרעמדער חתונה...

פון אַזאַ מין טאַנצן אויף פרעמדע חתונות וואָלט מען געקענט שרייבן גאָר אַ סך. פון דער אייגענער דערפאַרונג אַפילו, אָבער עס איז אינגאַנצן איבעריק — מען ווייס דאָס גוט: מען לעבט אין אַ פרעמדער וועלט, טאַנצט מען מיט אויף פרעמדע חתונות און מען וויינט אויף פרעמדע לוויות. עס קומט אויס ווי מיר וואָלטן זיך אַליין פאַרלוירן, די אייגענע וועלט פאַרגעסן. זינט מיר זענען אַוועק פון אונדזערע אָרעמע שטעטלעך, פון דעם אָרעמען, אַבער אויטאָנאָמען לעבן וואָס מיר האָבן דאָרטן געלעבט, — האָבן מיר נישט אויפגעהערט צו טאַנצן אויף פרעמדע חתונות און לעבן אַ פרעמד לעבן.

***

און מחמת דעם האָבן מיר ווי כמעט פאַרלוירן אונדזער אייגענע שעפערישקייט. שאַפן אין אַ מענטשן שאַפט זיין נשמה. אָן איר קען מען בלויז איבערזאָגן וואָס מען הערט, איבערמאַכן וואָס מען זעט, מען קען בלויז איבערניצעווען פרעמדס. אָבער צו אָריגינעלן שאַפן קען דאָס נישט דערגיין. מיר יידן אין די נייע פרייע ישובים זענען זייער גוטע פאַרשפרייטער פון פרעמדע שאַפונגען, ווירטואָזן, קולטור־וואָיאַזשאָרן, אָבער שאַפן אָריגינעל — דאָס איז ביי אונדז זייער זעלטן. ערשטהאַנטיק שאַפן — פון דעם איז מען ווייט. מיר האָבן זייער פיל יידן־פסיכאָלאָגן און די ענדערונגען אין דער יידישער פסיכיק איז כמעט ווי נישט אָנגערירט. און אַזוי אויף אַנדערע געביטן אויך. מיר פאַרמאָגן זייער פיל יידן־אינטעליגענטן, אָבער יידישע קולטור־אַרבעטער ווערן אַלץ ווייניקער. און פאַראַן דערצו טיפע סיבות, נישט בלויז עקאָנאָמישע: שאַפן אָריגינעל קען מען בלויז פון דער אייגענער נשמה אַרויס. אַלע קונסט־שאַפונגען זענען בלויז אויסדרוקן פון דעם וואָס דער קינסטלער האָט ביי זיך אין נשמה, אין זיינע איבערלעבונגען — געפילן און געדאַנקען. אַפילו ריינע, אָביעקטיווע וויסנשאַפטן זענען שוין גאָרנישט אַזוי אָביעקטיוו, אַזוי אומאָפהענגיק פון דער נשמה פון זייער שעפער. קומען מיר ווידער צו די באַגריפן „נסתר" און „ניגלה" פון דער קבלה. אַלע קונסט־שאַפונגען זענען דער ניגלה־אַנטפלעקונג פון דעם לעבעדיקן נסתר וואָס ביים קינסטלער אין נשמה.

עס איז נאָר אַ פראַגע וויפל דער קינסטלער קען אַרויסברענגען טעכניש פון זיין נשמה אַרויס. אָבער ווען עס איז נישטאָ דער נסתר, קען די גרעסטע טעכניק גאָרנישט אויפטאָן. דער נסתר — דאָס איז דער קאַפּיטאַל וואָס ליגט אין באַנק. דער ניגלה — דאָס איז אַ טשעק. ווען אין באַנק איז גאָרנישט פאַראַן, וואָס טויגן דעמאָלט אַלע טשעקן?...

און אָט דער נסתר — דער גייסטיקער פאַרמעגן אין האַרץ און אין מוח איז נישט אויסצולערנען, נישט אין שולן און נישט מיט דיפּלאָמען קריגט מען אים. דער גייסט אין מענטשן וואַקסט אַזוי אָרגאַניש ווי דער גוף. מען קען אים נישט אַריינגעבן אין מענטשן, ער מוז זיך אַליין צעוואַקסן און צעבליִען. דאָס אויסגעלערנטע פון פרעמדע ביכער, פון מויל איז ווי אַ בגד, אַן אָנגעטאָ־נענער, ווי ברילן אָנגעטאָנענע, קיין אָרגאַנישעס איז אין דעם נישטאָ, און שאַפן אָרגאַניש מיט דעם קען מען נישט.

עס איז אָפט שווער צו דערקענען דעם אייגענעם כאַראַקטער פון יידן, מען קען נישט אָפּשיידן דאָס אָריגינעלע אין דער נשמה פון דער אַרויפגעטאָ־נענער שמינקע און גרים. אָבער דער שענסטער גרים איז פאָרט נישט מער ווי גרים, אָנגעשמירטע קאָסמעטיק. מען קען אים אָפּוואַשן. אָ, וויפל קולטור־גרים מיר האָבן שוין אויף זיך אָנגענומען און וויפל מיר האָבן שוין פון זיך אַראָפּגעוואַשן אין אונדזערע וואַנדערונגען. קיין אָרגאַנישעס איז אין דעם נישטאָ, נישט געווען און עס קען נישט זיין...

און דער נסתר אין דער נשמה פון שעפער איז אַלעמאָל רייכער פון דעם געשאַפענעם נגלה, פון דער שאַפונג, פון דעם פּראָדוקט. דאָס געשאַפענע איז אַלעמאָל אַ צמצום פון דעם שעפערס פאַרלאַנגען און פאַרשטעלונגען. איז דאָך גאָט אַליין אויך נישט געווען צופרידן מיט זיין שאַפונג, מיט דער וועלט. פשוט גערעדט מיינט עס, אַז כדי צו שאַפן דאַרף מען האָבן נישט אויסגע־לערנט, נאָר אַריינגעלעבט, דורכגעלעבט, איבערגעלעבט. מיט קיין אויסגע־לערנטער קולטור שאַפט מען נישט קיין קולטור־ווערטן.

דער נסתר אין אונדז איז אַ סך עלטער פון אונדז. מיר קריגן אים בירו־שה. פונקט ווי די שטריכן פון אונדזער אויסזען, פונקט ווי נאָך אַ סך דעמאָ־גראַפישע שטריכן אין אונדז, אַזוי איז דער נסתר אין אונדזער נשמה אויך עלטער, ווער ווייס וויפל דורות. שעפעריש אין אונדז איז בלויז אָט דער נסתר. ווייַ איז צו אונדז ווען מיר פאַרטכלעווען דעם נסתר, מיר דערשטיקן אים, און מיר ווילן שאַפן אייגנס פון דעם פרעמדס וואָס מיר האָבן אַריינגענומען, און עס איז נאָך נישט פאַרדייט, נישט געוואָרן אין אונדז אונדזער אייגנס. אָט פאַרוואָס מיר האָבן אַזוי ווייניק אָריגינעלע שעפערישקייט אין אַלע פרעמדע שפּראַכן. אויב מיר הערן פון גרויסע באַרימטע יידן אין פרעמדן לעבן, אין פרעמדע לשונות, איז עס אָדער די באַרימטע יענע זענען געבוירן און געוואַקסן

אין אַמאָליקע שטעטלעך (אָדער אויף דער היגער איסטסייד, ווען עס איז נאָך געווען אַ פּילפּאָך פֿאַרגרעסערט שטעטל). דער אייגענער נסתר הויזט נישט, פֿאַרט זיך נישט מיט דעם פרעמדן אויסגעלערנטן ניגלה. דאָס איינגעבוירענע אין אונדז פֿאַרבינדט זיך נישט אָרגאַניש מיט דעם אויסגעלערנטן פּרעמדס. בלייבן ביידע אומפּרוכטיק, עקרדיק, אומשעפעריש.

אָט דאָס פרעמדס וואָס מיר לערנען, וואָס מיר האָדעווען מיט אים אונ־דזערע דורות, די פרעמדע קולטור־שאַפונגען — זיי שטאַמען אויך פון אַלטע, איינגעבוירענע נסתר־ירושות, וואָס די שאַפונגען. אַלדאָס געלערנטע וואָס מיר לערנען, איז בלויז אַ צימצום, בלויז אַ פּראָדוקט פון יענעם גרויסן פֿאָלקישן נסתר, וואָס געהערט צו יענע פרעמדע פעלקער, — און ער — דער פרעמדער נסתר — גיט זיך נישט איבער מיט דעם פרעמדן ניגלה. די געלערנטע קול־טור — דער ניגלה דאָס איז דער עפּל. עסנדיק אַן עפּל פון אַ פרעמדן, ווייטן גאָרטן, נעם איך נישט איבער דעם עפּלבוים וואָס ער גיט אונדז די עפּל. די ווײַן אין פלאַש און דער ווײַנשטאָק אין ווײַנגאָרטן — ווי ווייט זיי קענען זײַן! קען איך טרינקען ווײַן פון פראַנקרייך, עסן מאַראַנצן פון ארץ־ישראל, פייגן — פון איראַק, ברויט — פון קאַנאַדער ווייץ, — און בלייבן נישט דאָס און נישט יענץ. און שעפעריש קען איך זיין נאָר ווי אַ י ד, נאָר מיט דעם נסתר וואָס איך האָב אין זיך געירשנט נאָך איידער איך בין געקומען אויף דער וועלט.

יאָ, איך קען פֿאַרטכלעווען מיין ירושה, עס קען דער נסתר אין מיר זיין סטעריל, פֿאַרטריקנט, טויט, אָבער אויך דאָס איינגעלערנטע פרעמדע בלייבט אומשעפעריש. עס קען אין מיר שרייען, גוואַלדעווען, איך קען זיך קאָכן און היצן, איך קען זיך פֿאַרכלינען מיט די פרעמדע זיסקייטן, — אָבער גלייבט מיר נישכ — עס איז מער געמאַכט, מער נאָכגעמאַכט, זעלבסט־סוגעסטיע. האָט איר געהערט ווי אין ארץ־ישראל נעמט מען אויף אַ באַרימטן פרעמדן שפּילער, אַ באַרימטע קינאָ־אַרטיסטין? אַ צעקלונגען בוד, וואָס די וועלט קלינגט מיט דעם? אַ גאַנץ פֿאָלק ווערט פֿאַרקאָכט מיט איין מאָל. אַלע פיס לויפן זען, אַלע מיילער זינגען הלל... איז דאָס אַלץ, רבותי, נישט יידישער גייסט, בייערט יידישע נערוון, יידישע היציקייט און, זייט מיר מוחל, מאָדע.

איר הערט אַזויפיל רייד וועגן קולטור, וועגן דער אָדער יענער שפּראַך, — אויפריכטיקייט רעדט נישט אַזוי פיל, אמתדיקייט שרייט נישט אין די גאַסן. „מיר טומלען, ברידערלעך, מיר טומלען" — באַרימט זיך אַ העלד אין אַ רוסישער קאָמעדיע. אין טומל אַרום קולטור דערטרינקט מען די קולטורלאָ־זיקייט. גייען ביי אונדז אַרום אַ סך געבילדעטע, דיפּלאָמירטע מענטשן, וואָס קענען טאָקע אַ סך, ווייסן אַ סך, אָבער שאַפן קענען זיי נישט, זיי האָבן זייער נסתר דערשטיקט און קיין פרעמדן האָבן זיי נישט געקענט ירשענען, נישט

איינגעלעבט. איז מען מפרשים, פאַרטייטשער, איבערחזרער, ניצעוועט מען פרעמדס. מיר האָבן אַ סך ווירטואָזן און זייער ווייניק קאָמפּאָזיטאָרן, אַ סך קריטיקער און ווייניק שרייבער אין פרעמדע שפּראַכן. מיר לערנען די קינדער אַלע „רייכע" שפּראַכן אין דער וועלט, און זיי בלייבן אַזוי אָרעם, אַזוי אומבאַהאָלפן שפּראַכלעך. דאָס אינטים אייגענע, פון דעם נסתר אַרויס קומט נישט צום אויסדרוק אַפילו אויב ער איז נאָך נישט אָפּגעשטאָרבן. אויך דאָס פרעמדע, דאָס אויסגעלערנטע פרעמדס איז דאָך פרעמד און עס בלייבט פרעמד, נישט אָרגאַניש, נישט שעפעריש.

***

די אָרעמקייט פון געדאַנק, פון אָרגאַנישן דענקען קומט צום אויסדרוק אויף אַלע געביטן פון אונדזער קאָלעקטיוון לעבן. מיר לעבן אומעטום אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען ווי מיט אַ יאָר פופציק צוריק, — און נישט געקוקט אויף די גראַנדיעזע ענדערונגען, האַלטן מיר זיך ביי די זעלביקע טעאָריעס, ביי די זעלביקע אידעאָלאָגיעס. הגם זיי זענען אַלע געשאַפן געוואָרן גאָר אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט וואָס עס איז פון איר קיין שפּור נישט געבליבן. דאָס לעבן איז גאָר אַנדערש און די טעאָריעס, די אידעאָלאָגיעס זענען געבליבן די אַלטע. שטימט עס נישט, — מילא, שטוקעוועט מען, לאַטעט מען, ניצעוועט מען, און עס בלייבט ביים אַלטן. נישטאָ קיין מוט, קיין גלויבן צו שאַפן עפּעס אַ ניי וואָרט. פאַראַן אמת אַ סך שפּאַלטונגען, דיסקוסיעס, (ריכטונגען, אַזוי צו זאָגן) פאַרשיידענע פאַסאָנען פון דער זעלביקער מאָדע, פון דער זעלביקער אידייע, אָבער אין זיי אַלע איז נישטאָ קיין ניי וואָרט, קיין נייער געדאַנק.

עס איז שוין געוואָרן אַ טראַפאַרעט־זאַך זיך צו פאַרענטפערן מיט דער גראַנדיעזער טראַגעדיע אונדזערער: מיט דעם חורבן איז אויך חרוב געוואָרן דער שעפערישער גייסט אונדזערער. דער רוב מנין און רוב בנין פון אונדזער פאָלק איז געווען דאָרטן, און מיט זיין אומקום איז אומגעקומען אונדזער שעפערישקייט. איז אין דעם פאַראַן אַ גרויסער אמת און נאָך אַ גרעסערער ליגן. אמת איז, אַז יענער חרוב־געוואָרענער ישוב איז געווען דער וואָס האָט ביי אונדז אַלץ געשאַפן, אַז די נייע ישובים האָבן זיך בלויז נאָכגעצויגן, נאָכגעגאַנגען נאָך יענעם ישוב און מיטגעהאָלפן אים אין זיין שעפערישקייט. אָבער טראַגיש איז אויך דער פאַקט וואָס אַזאַ קאַטאַסטראָפע האָט נישט אַרויסגערופן קיין שעפערישקייט, נישט אַקטיוויזירט דעם געדאַנק אין די נייע ישובים.

עס איז געווען נאָך די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן. אַ טראַגעדיע אין אַ סך אַ קלענערער מאָס. האָט זי אַרויסגערופן נייע אידייען, נייע ריכטונגען פון געדאַנק, נייע טעאָריעס און גאָר נייע פּראַקטיק. עס איז אויפגע־

קומען חיבת ציון, ביל״ו, עם עולם; דרייפוס־פּראָצעס האָט געבראַכט הערצ־לען; די פּאָגראָמען אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד האָבן אַרויסגעבראַכט זעלבסטשוץ, די צווייטע עליה קיין ארץ־ישראל, וואָס זי האָט צוגעגרייט די מדינה. אָרעמער און שוואַכער איז שוין געווען די רעאַקציע פון אונדזער געדאַנק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. און גאָר אָרעם האָט אונ־דזער געדאַנק רעאַגירט אויף דער גרעסטער טראַגעדיע אין אונדזער געשיכטע, אויף דעם דריטן חורבן. וואָס גרעסער דער חורבן — אַלץ קלענער די רעאַק־ציע אויף אים.

איז דאָס פּאַרענטפערן אונדזער אָרעמקייט פון געדאַנק מיט דעם חורבן בלויז אַ פּאַרענטפערונג, אָבער נישט קיין ענטפער. עס איז אַ דערקלערונג וואָס דערקלערט נישט.

איך מיין, אַז די סיבה ליגט אין אונדז מערער: אין די נייע ישובים איז אונדזער אינעווייניקסטער נסתר געוואָרן אָרעמער, במילא האָט ער נישט גע־קאָנט אַרויסגעבן פון זיך קיין קענטיקן ניגלה. עס איז אָרעמער אונדזער גייסט, טאָ ווער זאָל עפּעס שאַפן?

דער נסתר, דער גייסט פון אַ מענטשן איז עלטער פון אים. דאָס האָבן מיר שוין עטלעכע מאָל געשריבן, עס איז אַ פּראָדוקט פון דורות, פון דורות אייגן, פּאַרזיכיק לעבן. אַזוי איז אויך דער גייסט פון אַ קאָלעקטיוו. אונדזער אָרעם שטעטל איז געווען שעפעריש, האָבן זיך די נייע טעאָריעס און אידייען אויך געשאַפן דאָרטן, אין שטעטל. שפּעטער זענען זיי אויסגעוואַקסן. דאָס שטעטל האָט געבאָרן און די שטאָט האָט זיי געהאָדעוועט, אַנטוויקלט זיי. אין די נייע ישובים האָבן מיר נישט געשאַפן (ביז איצט נאָר?) קיין אייגן לעבן, מיר האָבן פּאַרוואָרפן דעם אייגן לשון וואָס אין אים איז די דערפאַרונג פון דורות, איז נישטאָ פון וואַנען עס זאָלן זיך שאַפן נייע טעאָריעס און נייע אידייען.

דאָ קומט נאָך מיט די צווייטע טראַגעדיע: אונדזער אומעכטיקייט.

מיר האָבן שוין געשריבן אַז מיר לעבן אין זיך אינעווייניק אַ פרעמד לעבן, אונדזער פרייד און אונדזער טרויער, אונדזער אמת און אונדזערע אי־בערצייגונגען זענען נישט ביי אונדז אין האַרצן אויסגעוואַקסן, זיי זענען אַדאָפּ־טירטע פון דער פרעמד. מיר זאָגן אַרויס געדאַנקען, וואָס שטאַמען נישט פון אונדזער נעכטן, פון אונדזער עבר. אונדזערע געפילן זענען אין אונדז דער־שטיקט און מיר לעבן איבער פרעמדע געפילן. מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג מען נעמט אויף אין ארץ־ישראל אַ פרעמדן „שטערן". מען לייענט פרעמדע ליטעראַטור מער ווי אָריגינעלע... אַ טומל קענען מיר מאַכן, עמאַ פּזיזא זענען מיר דאָך טיטולירט געוואָרן נאָך פּאַרצייטנס. רעדט מען ביי אונדז אַ סך,

און עס פילט זיך אין די רייד אַזוי ווייניק דורותדיקע עכטקייט. עפּעס פילט זיך אין יעדער רעדע, אין יעדער טאָן און אויפטאָן, אַז עס איז מער גערעדט ווי געמיינט, עס זענען מאָמענט־אינטערעסן, וואָס דער רעדנער אַליין גלייבט אין זיי נישט, און ער קען מיט דעם זעלביקן אַפּלאָמב און ברען באַלד רעדן פאַרקערט, זאָל מען נאָר דאַרפן. עס איז מער פּערזאָן ווי פאָלק; מער מאָמענט ווי דויער. און אין יעדער מענטשן, אין זיין רעדן דאַרף מען פילן זיין פאָלק. ייִדן לערנען זיך אויס שפּראַכן און זיי רעדן מיט דעם בעסטן אַקצענט, אָבער דערפאַר האָבן זיי פאַרלאָרן דעם ייִדישן טעמבער פון שטים, די אייגענע מעלאָדישקייט פון רעדן, די ייִדישע מאָדעלירונג. איטלעך פאָלק האָט דאָך זיין אופן, זיין אַקצענט פון רעדן, זיין מעטאָד פון פירן זיך. אַפילו שלאָגן ייִדן, שלאָגט דאָך איטלעך פאָלק לויט זיין כאַראַקטער און לויט זיינע טראַדיציעס. אין ייִדישע האַנדלונגען און פירונגען, אין ייִדישן רעדן פילט זיך יאָ דאָס לאַנד פון וואַנען דער ייִד איז געקומען, אָבער דעם ייִדישן אָפּשטאַם פילט מען אַ סך זעלטענער, סיידן — דער הויפּטסימן איז, אַז... עס איז נישטאָ קיין סימן פון אָפּשטאַם... עס ווערט שווער צו דערקענען דעם ייִדישן כאַראַקטער אין ייִדן. דער גאַנצער כאַראַקטער אונדזערער איז נישט אָרגאַניש, נישט אונדזערער. מיר זענען געוואָרן אומעכט, אַפילו אפשר אומאויפריכטיק מיט זיך אַליין אַפילו. אומעכט צו אונדזערע דורות, צו אונדזער טיף, אומאויפריכטיק צו זיך אַליין אויף וויפל עס איז נאָך ביי אונדז פאַראַן אַן אייגן געפיל און אַן אייגענער געדאַנק. איטלעכער פון אונדז האָט זיך זיין אינעווייניקסטע צענזור, וואָס לאָזט אים נישט אַרויסברענגען דאָס פאַרבאָרגענע אין האַרצן. עס איז נישט וואָס מיר ווילן אָפּנאַרן עמעצן, נאָר מיר פעלשן זיך צו זיך אַליין. דאָס אינטימע אין אונדז, דאָס וואָס דאַרף אַרויסשטאַמען פון דורות ווערט מיט יעדן דור קנאַפּער און שוואַכער, ווייל די שפּראַך פון פאָלק — דער רעזערוואַר, דער שפּייכלער און לאַגער פון דער פאָלקישער נשמה ווערט דאָך פאַרגעסן. צווייטנס פאַרלירן מיר די ייִדישע עכטקייט, ווייל דאָס אינטימע אין מענטשן, זיין דורותדיקע נשמה ווערט אַטראָפירט, שטאַרבט־אָפּ נאָך איידער עס ווערט געבאָרן. ווי קינדער וואָס ווערן נישט געבאָרן. מיר פאַרלירן אונדזער אייגענעם כאַראַקטער, מיר ווערן קאָפּיעס פון אַנדערע. קאָפּיעס אָבער נישט קיין אָריגינאַלן. נישט בלויז דאָס וואָרט איז נישט אונדזערס, נאָר דער עצם געדאַנק, דאָס געפיל נאָך איידער זיי ווערן אַרויסגעזאָגט, נאָך אין אונדז גופא זענען זיי נישט אונדזערע, נישט אָרגאַניש אונדזערע, נישט קיין אָריגינעל־אונדזערע. פון אַלע שרעקלעכע השפּעות וואָס עס האָט אויף אונדז דער גלות, איז דאָס פאַרלירן דעם אייגענעם א י ך אפשר די שרעקלעכסטע. עס ווערט אויף אונדז מקוים די קללה, וואָס ביאַליק האָט באַשריבן:

אברהם גאָלאָמב

„אַפילו אייער אייגן האַרץ
וועט אייער אייגן מויל נישט גלייבן...

— — — — — — — — — — — — —

ווי מיר! פאַלש איז אייער געוויין
נישט קיינער, קיינער גלייבט אים מער —
נישט גאָט, נישט איך, נישט איר אַליין״...

(דאָס לעצטע וואָרט)

אָט די אומעכטקייט פון כאַראַקטער ווערט אַלץ טראַגישער, מיר פאַרלירן זיך אַלץ מער און מער, מיר לעבן נישט אונדזערע געפילן, נישט אונדזערע געדאַנקען, נאָר מיר כאַפּן זיך אָן אין אַלץ וואָס איז פרעמד, ווי אונדזער נשמה וואָלט חלילה געווען אַ געניצטע, „סעקאָנד־הענט־איינגעהאַנדלט״. אָט פאַרוואָס מיר זענען אַזוי ווייניק שעפעריש אָריגינעל. עס איז שווער צו דערקענען ווער עס רעדט פון אונדז? — אונדזער נשמה אָדער דער פרעמדער דיבוק.

מיר פילן די אומעכטיקייט איינערביים צווייטן מער ווי ביי זיך אַליין, און דערפאַר האָבן מיר אַזוי ווייניק צוטרוי איינער צום צווייטן. שוין נישט צו רעדן וועגן צוויי ייִדן פון צוויי ריכטונגען, פון צוויי פאַרטייען. מען האָט זיך פשוט פיינט. אַפילו אָבער פון איין פאַרטיי פעלט אויך צוטרוי. ווי יענע צוויי פעלדשערס האָבן געשמועסט צווישן זיך: „דופק־סמויפעק — מיר ווייסן דאָך אַז קיין דופק איז נישטאָ״...

און מחמת אומצוטרוי קומט שוין אויך אומאַכטונג: מאַלע וואָס ער רעדט דאָרטן... איז ער — דער רעדנער פון אַ צווייטער פאַרטיי, איז דאָך אַ מיצווה צו זאָגן פאַרקערט ווען אַפילו איך ווייס אַז ער איז גערעכט, אלא, איז ער נישט קיין קעגנער מיינער, האָב איך סיי ווי חשדים... און פון דאַנען קומען אונדזערע באַרימטע קריגערייען. אַז „צוויי ייִדן זענען דריי פאַרטייען״, טאָ ווי זאָל מען זיך נישט קריגן? צו דעם קומט נאָך צו אַ ביסעלע צולהכעיס, ווערט עס שוין גענוג. פאַראַן אין גמרא, אַז מחמת דעם וואָס עס זענען אויפגעקומען אַ סך תלמידים פון הלל און שמאי וואָס האָבן נישט גענוג זיך פאַרטיפט, זענען ביי ייִדן געוואָרן מער מחלוקותן. עס איז אין דעם פאַראַן אַ שטיק אמת: מיר אַלע ציִען ווייניק פון אונדזערע אייגענע קוואַלן. דערפאַר זענען מיר צעקריגט און צעפּיצלט. פון אַמאָל איז אונדז געבליבן אַן איינהייטלעכע גאַנצקייט (ווייל אַל דאָס איבעריקע איז אָפּגעפאַלן און איז געגאַנגען פאַרלאָרן). געבליבן איז דאָס איינהייטלעכע. אונדזער היינט איז צעפּיצלט ווייל מיר פאַרטיפן זיך נישט אין אונדזער אַמאָל, מיר נעמען אים ווייניק אַריין אין אונדזער היינט. דערפאַר זענען מיר אַזוי נישט פאַראייניקט, נישט איינהייטלעך. מיר האָבן זיך ווי אָפּגעריסן פון אונדזער געמיינזאַמען וואָרצל. דאָס איז אומעטום און אַפילו

אין ארץ־ישראל, אין לאַנד וווּ מיר ווילן זען אונדזער אייביקן חלום פאַר־ווירקלעכט. אַז מיר האָבן זיך אָבער אָפּגעריסן פון אונדזער אייביקייט, דער־זעט מען נישט, דערפילט מען נישט די פאַרווירקלעכונג פון דעם חלום. פאַ־ראַן אין לאַנד אַ טראַגישע דערשיינונג — יורדים. צווישן זיי — אַלטע תושבֿים, אַפילו געוועזענע חלוצים; צווישן זיי — סאַברעס, איינגעבאָרענע און אויסגעהאָדעוועטע אין לאַנד. די דערשיינונג טוט וויי, אָבער מיט סתם פאַר־אַכטונג און האַס צו די יורדים טאָר מען אַזאַ דערשיינונג נישט אָפּפּטרן. עס מוזן דאָך זיין טיפע און גאָר טיפע סיבות צו דער ירידה. מיט צענזור־באַ־גרענעצונגען וועט מען דאָך אויך די פּראָבלעם נישט לייזן, ווי עס טוט די ייִדישע פּרעסע: מען פאַרשווייגט כּל־זמן עס לאָזט זיך, און אויב עס לאָזט זיך שוין מער נישט, גיסט מען אויס דעם גאַנצן גרימצאָרן אויף די יורדים און מען איז ווידער יוצא.

עס קאָן דאָך אָבער זיין, אַז די יורדים האָבן עפּעס וואָס צו זאָגן. עס קען זיין אַז מען דאַרף די דערשיינונג פאָרשן, און אין ארץ־ישראל זענען פאַ־ראַן גענוג אויטאָריטעטן וואָס וואָלטן געקאָנט די זאַך אָביעקטיוו פאָרשן. עס קען דאָך אפשר זיין, אַז אין דער ירידה איז אויך שולדיק אָט די קעגנ־זייטיקע באַציִונג צווישן ייִדן, וואָס איז ווייט פון אהבה, פון צוטרוי, פון אַכ־טונג. אין חוץ לארץ קען מען זיין אַ ייִד און באַמיִען זיך לעבן מחוץ ייִדן. אין ארץ־ישראל איז עס אוממעגלעך... לויפט מען. מען לויפט פון דורכויסי־קער ייִדישקייט, צו קאָנען אָטעמען מיט ווייניקער ייִדישקייט... עס איז אַ פּראָבלעם, וואָס מען דאַרף פאָרשן. און קען זיין ,אַז דווקא דאָ ליגט די טיפ־סטע סיבה פון דער ירידה, אַפילו ווען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען זענען גאַנץ גוטע. ווי עס זאָל נישט זיין, האַלטן מיר אָבער אויך אין אונדזער איי־גענער מדינה נאָך ווייט פון געמיינזאַמקייט און איינהייטלעכקייט. אויך דאָרטן פעלט אונדז דער שטאַרקער צובונד צו אונדזער איינהייטלעכן עבר. מיר ווייסן נאָר פון צוויי אופנים באַציִונג צום עבר: אָדער מיר ווילן פאַרליי־קענען דעם היינט און אים מאַכן אונטערטעניק לגבי דעם נעכטן, מען דער־לויבט נישט קיין שום אָפּנייג פון דער ייִדישקייט וואָס איז פאַרשריבן גע־וואָרן אין איר צייט און אירע באַדינגונגען, אָדער מיר פאַרוואַרפן דעם נעכטן אין גאַנצן און מיר ווילן פון אים גאָר נישט נעמען. בעת מיר ווייסן שוין אַז נישט דער וועג און נישט דער צווייטער קענען זיין ריכטיק. דערווייל אָבער — אָפּגעריסענע פון אונדזער געמיינזאַמען נעכטן, צעגייען מיר זיך אַלע אין פאַרשיידענע ריכטונגען און — מיר בלאָנדזשען אַלע, מיר ווייסן קיינער נישט דעם ריכטיקן וועג פון אונדזערע נעכטנס דורך דעם היינט צו דעם געמיינזאַ־מען און איינהייטלעכן מאָרגן.

עס שטייט אין סכּנה דער פאָלקישער כאַראַקטער אונדזערער. איטלעכס

פאָלק האָט זיך זיין כאַראַקטער. מען זאָגט: אַן אמת רוסישע נאַטור, ער רעדט ווי אַן אמתער דייטש, וכדומה. דער כאַראַקטער פון יעדן פאָלק דריקט זיך אויס אַפילו אין דער אינטאָנאַציע, אין דער אויסשפּראַך, אין דער לאָגיק פון רעדן און האַנדלען. איטלעך פאָלק האָט זיך זיין כאַראַקטער און מיר ייִדן האָבן אויך געהאַט אונדזער כאַראַקטער. עס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן אַ געזעמל ייִדן אין בית־מדרש און צווישן אַ צונויפפאַר פון פורמאַנעס ערגעץ אין אַ קרעטשמע אויפן וועג. און דאָך איז געווען עפּעס געמיינזאַמעס, עפּעס האָט פאַרבונדן דעם תלמיד־חכם מיט דעם עם־הארץ; דעם פּשוטן ייִד מיט דעם צדיק; דעם גביר מיט דעם אָרעמאַן. און דאָס איז נישט געווען נאָר די שפּראַך, די ווערטער פון לשון. עס איז געווען אַ סך מער פון דעם. די גאַנצע לאָגיק פון רעדן, פון אַרגומענטירן, די פּסיכיק איז געווען אַ נאָענטע, אַ קרובישע. אַ ייִד מיט אַ ייִדן האָט זיך געקענט פאַרשטיין אויך אָן ווערטער. איינער זאָגט:

— כ'מיין, וואָס הייסט? היתכן? און דער צווייטער ענטפערט:

— אַוודאי, וואָס דען? איך מיין אויך אַזוי... און זיי האָבן זיך זייער גוט איינפאַרשטאַנען, זיך קלאָר צונויפגערעדט. ווייל צונויפרעדן זיך, רעדט מען זיך צונויף לגמרי נישט מיט די ווערטער און מיט דעם לאָגישן טייטש זייערן. מען פאַרשטייט זיך מיט די נשמות, מיט דער שטענדיקער איינהייטלעכקייט:

— נו, אָ!... נאַ, נו... און עס איז גענוג. און פאַרקערט, קענט איר הייבט רעדן און רעדן און מיר ווערן רעדנדיק און שרייבנדיק, און אייער הערער (אָדער לייענער) וועט אייך נישט באַנעמען, נישט פאַרשטיין, ווייל ער... וויל נישט פאַרשטיין, ווייל ער וואַרט נאָר איר זאָלט זיך עפּעס שטרויכלען מיט אַ וואָרט, כדי ער זאָל אייך כאַפּן און איבערקערן אַלץ וואָס איר זאָגט מיטן קאָפּ אַראָפּ...

ווו איז אָבער דער עכטער, דער אמתער פאָלקישער כאַראַקטער פון דעם ייִדן?... עס איז איצט זייער שווער צו געפינען עפּעס אַזוינס. עס איז אַ סך גרינגער צו דערקענען אין אַ ייִדן דאָס לאַנד פון וואַנען ער קומט איידער צו דערקענען זיין ייִדישן אָפּשטאַם. מיר האַלטן אין אַ פּראָצעס צו פאַרלירן דעם געמיינזאַמען ייִדישן פאָלקישן כאַראַקטער. נישט נאָר ייִדן פון פאַרשיידענע לענדער קענען זיך נישט צונויפרעדן, צוליב זייערע פאַרשיידענע שפּראַכן וואָס זיי רעדן, נאָר זיי קענען זיך נישט פאַרשטיין אַפילו ווען זיי רעדן איין שפּראַך: מיר האָבן שוין איצט נישט קיין געמיינזאַמען פאָלקישן כאַראַקטער.

אין אונדזערע רייד און אין אונדזערע האַנדלונגען איז פאַראַן אַ סך געמאַכטס, אַ סך נישט אָרגאַנישס, און לאָמיר זאָגן אָפן — אַ סך צביעות. אַ מיאוס וואָרט! אָבער איך קען עס נישט אויסמיידן. אַ סך פרומע ייִדן זענען פרום ווייל זיי דאַרפן עס, ווען מען קוקט אויף זיי, זיי זענען פרום ווען זיי דאַרפן עס אַרויסווייזן. וואָלטן אַלע וואָס האַלטן זיך פאַר געטרייע ציוניסטן

באמת געבענקט נאָך ציון, וואָלטן זיי באמת פיינט געהאַט דעם גלות מיט אַלע זיינע גליקן; וואָלטן זיי געווען ציוניסטן פאַר זיך, — וואָלט בן־גוריון נישט געהאַט וואָס צו קריטיקירן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. וואָלטן אַלע סאָציאַליסטן ייִדישע... וואָלט עפּעס געווען בכלל אַנדערש. אַנדערש וואָלט אויסגעזען דער העברעיִזם און אַנדערש וואָלט עס געווען מיט דעם ייִדישיזם... גאָר אַנדערש וואָלט אויסגעזען אונדזער לעבן. עס וואָלט געווען אפשר ווייניקער אָרגאַניזאַציעס און ווייניקער פּרעזידענטשאַפטן, אָבער די אידייען וואָלטן געווען גאָר אין אַן אַנדער מערכה.

אָט דער ווידערשפּרוך צווישן דעם וואָרט און דעם טאַט, די נישט־איינשטימיקייט צווישן וואָרט און געדאַנק — דאָס אַלץ שטאַמט פון דעם וואָס מיר שטאַמען פון צוויי תקופות: מיר ציִען אונדזערע געדאַנקען פון אַ פריִערדיקער תקופה און מיר לעבן אין דער איצטיקער תקופה. צוויי תקופות וואָס קענען זיך ניט באַהעפטן, ווי עס קענען נישט זיין איינס טאָג מיט נאַכט, ווינטער און זומער. און קיינער פון אונדז האָט נאָך נישט געוואַגט צו קומען און צו פּרובירן שמידן די ייִדישקייט פון דער היינטיקער תקופה, פון אונדזער היינט.

די פרומע — ווילט איר היטן דעם שולחן־ערוך ווי ער איז געשריבן, דעמאָלט דאַרפט איר אויסמעקן פון ייִדישן פאָלק (פון אייער ייִדיש פאָלק) אַלע וואָס זענען מחלל שבת בפרהסיא, אַלע וואָס זענען קרקפתא דלא מנח תפילין און ביי וואָס וועט איר בלייבן?

שרעקלעכער נאָך איז די צבעותדיקע פאַלשקייט ביי קינדער. איך האָב געהערט ווי אַ יונגער תלמיד האָט אין אַ דיסקוסיע געהאַלטן אַ שטאַרקע און פיינע רעדע וועגן ייִדיש, „אונדזער שפּראַך”. איך בין געווען גליקלעך הערנדיק. נאָך דער רעדע, פרעגט ער מיך: איך האָב גוט גערעדט? און גייט גלייך איבער צו רעדן צו חברים אויף... ענגליש. אויף מיין פראַגע איז גלייך געקומען אַן ענטפער: אָ, דאָס האָב איך גערעדט צו געווינען דעם קאָנקורס... מיר איז אויסגעקומען ווייט נישט איין מאָל שפּעטער צו פאַרבאָטן תלמידים זיי זאָלן אין זייערע שריפטלעכע אַרבעטן שרייבן וועגן דער וויכטיקייט פון ייִדיש לשון, כל־זמן זיי אַליין וועלן נישט איבערגיין אין גאַנצן צו רעדן מיט ייִדן ייִדיש! פשוט פאַרבאָטן. און די קינדער פלעגן נישט פאַרשטיין פאַרוואָס איך טו עס... איך וויל דאָך זיי זאָלן ליב האָבן און זיין געטריי צו ייִדיש, פאַרוואָס־זשע לאָז איך עס נישט שרייבן?... עס איז מיר קיין מאָל נישט געווען גרינג זיי צו דערקלערן. אפשר האָבן זיי אויך דאָ געזען עפּעס אַנדערע מאָטיוון, באַהאַלטענע מאָטיוון: פון קליינוווייז אָן צוגעוווינט צו קאָנווענציאָנעלע ליגנס, אָנגענומענע שקרים, וואָס גילטן אָנשטאָט אמת... גיב אַ שמייכל, זאָג אַז דו ביסט גליקלעך צו טרעפן זיך מיט מיר... און אַזוי אַ גאַנץ

לעבן. אחד בפה ואחד בלב. און אַלע ווייסן דאָס און אַלע נעמען עס אָן און ענטפערן מיט דעם זעלביקן... שקר. ווירקט עס, ווערט עס אַ געוווינהייט, אַ טייל פון כאַראַקטער אויפן גאַנצן לעבן. מען רעדט און מען שרייבט נישט פון אייגענעם האַרץ אַרויס נאָר ווי עס לוינט זיך, ווי עס פּאַסט, ווי עס איז אָנגענומען. קומט עס אָפּט צו אַ מין טאָפּעלער פּערזענלעכקייט: אַ מענטש איז אַנדערש אין זיין רעדן, אין זיין אַרויסטרעטן צווישן מענטשן און גאָר אַנדערש אין זיין אינטימען לעבן. ביי זיך אין דער היים. ווערן באַוועגונגען אידייען, געזעלשאַפטלעכע ענינים געשעדיקט. פיל רייד און ווייניק מעשים. גייט ביי יידן אַרום אַ ווערטל, אַז „פ ר ו ם" איז אַ ראשי־תיבות פיל פיל רייד, ווייניק מעשים"... אָבער דער ראשי־תיבות גילט נישט בלויז בנוגע צו רעליגיע. עס איז דאָס זעלביקע אויף אַלע געביטן, איבערהויפּט אין די וואָס זענען אָנגענומען אין דער געזעלשאַפט. אַלע האָבן זיי „ווערבאַלע צדי־קים". עס איז גאָר נישט זעלטן צו טרעפן אַ יידן, וואָס גיט זיך דאַכט זיך אָפּ מיט לייב און נשמה עפּעס אַ געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אָבער פּרובירט אים נאָר נישט מאַכן פּאַר דעם פּרעזידענט, אים נישט געבן דעם בכבודיקסטן בענקל, — און ער וועט... צעברעכן די גאַנצע אַרבעט, זי אַרונטערייסן. יידן ווילן דעם שכר אויף דער וועלט, זיי האָבן נישט קיין געדולד צו וואַרטן אויף יענער וועלט, ווען דער רבונו־של־עולם וועט זיי באַצאָלן פאַר זייער אַרבעט. און וואָס איז דער שכר, וואָס ווערט פאַרלאַנגט? אין דער ערשטער ריי איז עס כבוד, כיבודים. עס קענען אָבער זיין אויך אַנדערע מאָטיוון. יידישקייט ווערט ביסלעכווייז אַן ענין פון רייכערע יידן: אַז אַ ייד האָט ברויט, זוכט ער דעמאָלט אַ ביסל כבוד מיט וואָס דאָס ברויט צו באַשמירן. איז אָפּט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט ביי יידן בלויז... אַ לייטער צו אַ העכערן בענקל. מען וואָלט מיט דער מאָס אין האַנט געקאָנט אָפּשאַצן אַלע יידישע אידייען, אַלע באַוועגונגען און עס וואָלט נישט שווער געווען צו דערזען אַ גוואַלדיקן אָפּ־שטאַנד צווישן דעם אמתן לעבן און דער ווערבאַלער צידקות. און דער סימן מובהק פון דער צביעות איז איבערהויפּט דער „וצדקתך" — די איבערגע־טריבענע ווערבאַלע געטרייקייט, דאָס פאַרשרייען אַלעמען און זיך אַליין מיט היפּערטראָפירטער פרומקייט צו דער אידייע. איבערהויפּט ווען די אידייע האָט דערפאָלג אין דער געזעלשאַפט.

דער אָנהייב איז די צופּאַסונג צו דעם פרעמדן אַרום, צום פרעמדן לעבן און די פרעמדע פאָרמען און נאָרמען און דער סוף איז אַ צביעות וואָס באַ־הערשט אַלע געביטן פון אונדזער לעבן און געזעלשאַפטלעכקייט.

טראַכט מען זיך אַריין אין אָט דער צביעותדיקער אומעכטיקייט וואָס פרעסט אויף אונדזער כאַראַקטער, כאַפּט עס אָן אַ שרעק. גאָט, וואָס וועט פון אונדז ווערן ? !

די אַרעמקייט פון פּעדאַגאָגישן געדאַנק ביי יידן

מיט דעם נאָמען בין איך אויסן טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידי־שער דערציִונג, נישט די פּראַקטישע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען פון דעטאַל־מעטאָדישן אָדער גאָר פּובליציסטישן כאַראַקטער. און עס איז מערקווירדיק: אויף דעם געביט פון טעאָרעטישער פּעדאַגאָגיק האָבן מיר יידן זייער ווייניק געשאַפן. כ׳וויס נישט צי מען וועט דאַרפן האָבן אַלע פינגער פון איין האַנט איבערצוציילן די שאַפונגען אויף דעם געביט, און עס שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס אַזאַ אומפּרוכטבאַרקייט?

און די פראַגע איז ווערט מען זאָל זי באַהאַנדלען: געוויסע אַלגעמיינע שטריכן פון אונדזער כאַראַקטער און פון אונדזער לעבן וועלן דאָ דאַרפן קלאָר ווערן אין דער באַהאַנדלונג פון אַן אינדיווידועלער פראַגע.

איך וועל רעכענען דעם אָנהייב פון אַ מאָדערנעם שולוועזן ביי יידן נישט פון הערץ הומבערג אין גאַליציע אויפן שוועל פון ניינצנטן י״ה און נישט פון די ערשטע שולן אין צאַרישן רוסלאַנד (אין אומאַן 1822, חייקל הורוויץ; אין ריגע ד״ר מאַקס ליליענטאַל; אין אָדעס — שטערן און נאָך; אין פּוילן — ראַבינער־שול וכדומה). איך שליס אויך אויס די גאַנצע תקופה פון די „קאַזיאָנע״ שולן פאַר יידן וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געבויט פון די פערציקער יאָרן אָן מיט די ראַבינער־שולן אין דער שפּיץ, מיטן שפּעטערדיקן „יידישן לערער־אינסטיטוט״ אין ווילנע (1873 — ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה) מיט אירע פאַרשיידענע שולן: („פאָלקס־שולן, „פינף־יאָריקע״, אָנהייב־שולן, 6יאָריקע וכדומה. פאַרשטייט זיך אויף דעם חשבון פון ספּעציעלע יידישע שטייערן: ליכט־אָפּצאָל, און קאָראָבקע, כשר־פליייש־אָפּצאָל), פון די שולן האָט מען נישט געקאָנט דערוואַרטן קיין אָריגינעלן יידישן פּעדאַגאָגישן דענקען, קיין אָריגינעל־יידישן שאַפן אויף דעם געביט פון יידישער פּעדאַגאָגיק אין טעאָרעטישן זינען. אין דעם שולוועזן זענען געווען פאַרנומען זייער אינטערעסאַנטע און שעפערישע פּערזענלעכקייטן. אין אָדעס, למשל, האָט אָנגעהויבן די תקופה בצלאל שטערן (נישט פאַרבייטן מיט דעם וואַרשעווער בן־הדור זיינעם אברהם שטערן) און געענדיקט די תקופה האָט נישט קיין אַנדע־רער ווי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וואָס אויף דעם געביט פון ליטעראַטור האָט ער געשאַפן אַ תקופה, ער איז געוואָרן דער „זיידע״ פון אונדזער ליטע־

ראַטור אויףביידע שפּראַכן. אָבער אויפן געביט פון דערציִונג ווי ער האָט אויך געאַרבעט צענדליקער יאָרן (פאַרוואַלטער פון דער תלמוד־תורה אין אָדעס), האָט ער גאָרנישט געשאַפן, גאָרנישט געלאָזן, גאָרנישט אויפגעטאָן. אַליין זועגן דער גאַנצער אַרבעט זיינער, דאַכט זיך, קיין מאָל נישט דערמאָנט. כאָטש אַנגעהויבן האָט ער מיט אַ פּעדאַגאָגישן אַרטיקל „מכתב על החינוך״ (געווען איבערזעצט און איבערגעדרוקט אין „נייע שול״, וואַרשע). אין אָט דער הונדערט־יאָריקער תקופה האָבן זיך מיט לערעריי פאַרנומען אַן אַ שיעור פּעיִקע און שעפערישע מענטשן, — און זיי האָבן אויפן געביט פון טעאָריע דאָך גאָרנישט געשאַפן. איך וועל נאָך דערמאָנען דעם ד״ר מאַקס ליליענטאַל, דעם מינכענער ייִדן, וואָס אים איז באַשערט געווען צו פאַרנעמען אַזאַ הילכיקן אָרט אין דער קולטור־געשיכטע פון די ייִדן אין רוסלאַנד (צו ערשט אין ריגע, שפּעטער אין פּעטערבורג און אין תחום בכלל, נאָך שפּעטער אין אַמעריקע). מען דאַרף צוגעבן, אַז כמעט אַלע ייִדישע שרייבער זענען געווען טעטיק אויפן געביט פון לערעריי. און דאָך זענען פון זיי קיין שאַפּונגען נישט געבליבן.

עס איז אמת וואָס עס שרייבט פּ. מאַרעק אין זיין „צוויי דערציִונגען״ — רוסיש, מאָסקווע, 1909, אַז צווישן די קאַזיאָנע לערער זענען געווען אַ סך גראָבע יונגען, עמי־הארצים. אָבער אין קיין תקופה, אין קיין איין לאַנד זענען אַלע לערער קיין מאָל נישט איינער אין איינעם אַלץ מענטשן פון ערשטן סאָרט. אָבער אויב אַפילו מיר זאָלן אָננעמען אַז די גרעסטע מערהייט פון די לערער אין אָט דער תקופה זענען געווען טויגעניכטסן, בלייבט נאָך פאָרט אַ היפּשע צאָל פּערזענלעכקייטן וואָס פון זיי האָט מען געקאָנט דערוואַרטן שע־פערישקייט אויפן געביט פון טעאָרעטישער פּעדאַגאָגיק, און עס איז אַזאַ שאַ־פונג נישט געווען. בלייבט דאָך פאָרט די אַלטע קשיא: ווו איז געווען דער פּעדאַגאָגישער געדאַנק?

אָבער אויף דער תקופה איז מיר די זאַך נישט קשה, און אָט פאַר וואָס: — עס איז נישט מעגלעך קיין שום שעפערישקייט דאָרטן ווו עס איז נישטאָ קיין אינטויציע, און אינטויִציע איז מעגלעך נאָר דאָרטן ווו עס איז נישטאָ קיין נאָכמאַכערישקייט און נאָר דאָרטן וו עס ווירקט טראַדיציע. דער גאַנ־צער שולוועזן איז געווען נאָכמאַכעריש און איז געשטאַנען אין מילחמה קעגן דער טראַדיציע פון פאָלק. אין אַזאַ באַוועגונג קען נישט זיין קיין שעפעריש־קייט און במילא אויך נישט קיין טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען. אויך די ייִדישע ליטעראַטור אויף פאַרשיידענע שפּראַכן וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער השכלה איז געווען נאָכמאַכעריש און גאָר נישט שעפעריש אָרגאַניש. און אַ פּשיטאָ שוין האָט נישט געקענט זיין קיין שעפערישקייט אויפן געביט פון פּעדאַגאָגיק, ווייל אויף דעם געביט איז שעפערישקייט אַ סך זעלטענער ווי אויף דעם געביט פון ליטעראַטור בכלל.

בכן שטעל איך נישט קיין פאָדערונגען צו אָט דער תקופה פון דער ריין השכלה־נאָכמאָכערישער מאָדערנער דערציִונג ביי ייִדן.

אָבער אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַ צווייטע תקופה פון באַוווסטזיניקער ייִדיש־נאַציאָנאַלער דערציִונג. אין רוסלאַנד זענען אויפגעקומען די חדרים מתוקנים, וואָס האָבן זיך באַמיט צונויפצוקניפּן די טראַדיציאָנעלע דערציִונג מיט מאָדערנע פעדאַגאָגישע געדאַנקען. אין ארץ־ישראל האָט זיך אָנגעהויבן אַ העברעיִשער שול־וועזן, וואָס האָט זיך באַמיט ביסלעכווייז אַרויסצושטופּן דעם פראַנצויזישן און דעם דייטשישן פון אַליאַנס און פון „הילפס־פאַראיין", דאָרטן זענען געווען זייער שעפערישע מענטשן, איך וועל פון זיי אָנרופן נאָר עטלעכע: ד"ר יצחק עפשטיין און ש. ווילקאָמיטש — אַ וווּנדערבאַרער פעדאַגאָג מיט זייער פיל פאַרדינסטן, וואָס האָט פון זיין ווינקעלע („ראש פינה") משפיע געווען אויף דעם גאַנצן דער־ציִונגס־וועזן אין ארץ־ישראל. שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך און נאָך, אַלץ פּיאָנערן־אויפטוער. אין רוסלאַנד זענען אַחוץ די „קאַזיאָנע" שולן אויפגעקומען געזעלשאַפטלעכע שולן, איבערהויפּט פאַר מיידלעך און רעפאָרמירטע תלמוד־תורות פאַר ייִנגלעך. די שולן האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דער חברה „מפיצי השכלה" מיט אירע אָפּטיילונגען. און אויך דאָ האָבן גענומען בלאָזן גאָר אַנדערע ווינטן. צו ערשט איז דאָך די געזעלשאַפט געווען רוסיפיקאַטאָריש (טשעריקאָווער; געשיכטע פון „מפיצי השכלה", רוסיש, 1913, פעטערבורג). נייע נאַציאָנאַלע שטרעמונגען האָבן גענומען ווירקן אין דער געזעלשאַפט און אין אירע אָפּטיילונגען. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף אַרום דער שפּראַכן־פראַגע. אין די שולן זענען געווען זייער אָפט לערער מיט אויסערגעוויינלעכע פעדאַגאָגישע אויפטוען און פעיִקייטן. אין די שולן איז געגאַנגען אַ שעפערישע פעדאַגאָגישע אַרבעט. די מלוכה האָט קיין פראָגראַמען און מעטאָדן נישט אַרויפגעצוווּנגען, און לערער האָבן באמת אַרויסגעוויזן אַ סך דערפינדערישקייט אין זייער אַרבעט. די געזעלשאַפט האָט געהאַט אינסטרוקטאָרן. צווישן זיי אַזאַ געטרייען און טיף־דענקענדיקן מענטשן ווי חיים בן חיים פיאַלקאָוו (ד"ר ח. ווייצמאַנס אַ קרוב). אין 1902 (אפשר 1904) האָט אהרן בן משה קאָנשטאַם (דער שפּעטערדיקער אָנפירער פון די „גראָדנער" פעדאַגאָגישע קורסן") געגרינדעט די ערשטע לערער־אָרגאַניזאַציע. עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ פעדאַגאָגישער זשורנאַל. (צו־ערשט „יעווריעיסקאַיאַ שקאָלאַ" און שפּעטער „וועסטניק יעווריעיסקאָוואָ פראָסוועשטשעניא"). עס זענען פאָרגעקומען קאָנפערענצן פון לערער, זומער־קורסן. עס האָט אינעווייניק אין דער לערערשאַפט געווירט דער אידעאַל פון אַ ייִדישער שול אויף ייִדיש און אויף העברעיִש... מיט איין וואָרט — עס איז געווען אַן אַקטיווע לערערשאַפט, געזעלשאַפטלעך און פעדאַגאָגיש באַוווסטזיניק וואָס האָט זיך

באַצויגן צו דער לערערישער אַרבעט מיט פּיעטעט און האָט אויך געהאַט וויסן און ווילן צו שעפערישער אַרבעט. אין דער פּראַקטיק אין די שולן איז נישט שווער געווען צו געפינען אָט די שעפערישקייט.

און דאָך האָט זיך אָט די גאַנצע אַרבעט נישט אָפּגעשפּיגלט אין שריפט, און נאָך ווייניקער זענען געווען פּרוּוון צו שאַפן פון דער אַרבעט, אין דער אַרבעט גאַנצערע פּעדאַגאָגישע קאָנצעפּציעס. פון דער פּראַקטיק צו דער טעאָריע איז עס נישט אַריבער. די „מפיצי השכלה" (פאַרקירצט אין רוסיש „אָפּע") האָט באַשטעלט דורך אַ קאָנקורס אַ פּראַקטיש־פּעדאַגאָגישע אַרבעט. דעם קאָנקורס האָט געוווּנען י. י. גלאַס פאַר זיין „החדר", וואָס האָט געהאַט זייער ווייניק אייגנס און איז געווען אַ קאָמפּילאַציע. דער גלאַס אַליין איז, ווי מען האָט גערעדט, געווען זייער אַ שוואַכער לערער אין דער שול־פּראַקטיק. ער איז דאַכט זיך געשטאָרבן אין אַמעריקע. צו דער תקופה קען מען אויך צורעכענען פּיאַלקאָווס בוך וועגן אויסערשול־בילדונג, כאָטש עס איז אַרויס שפּעטער. אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט אָפּ, איז דאָס אַלץ וואָס עס איז געבליבן אין בוך־פאָרעם, אַחוץ אַרטיקלען אין די אויבן־אָנגערופענע זשורנאַלן. נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע האָט זיך די יידישע אינטעליגענץ מערער קאָנצענטרירט אויף דער דערציִונגס־אַרבעט. עס זענען אויפגעקומען אין ווילנע די אַרבעטער און אָוונט־קורסן, אין דעמיעווקע ביי קיִעוו די ערשטע אומלעגאַלע יידישע שול (נאָך פריִער, דאַכט זיך, ווי פּר' מישקאָווסקי אינפאָר־מירט, אין נעסוויזש). אין 1907 זענען געגרינדעט געוואָרן די גראָדנער פּע־דאַגאָגישע קורסן וווּ טעאָריע פון דערציִונג וואָלט געדאַרפט פאַרנעמען גאָר אַ חשובן אָרט; אין 1910 זיינען אויפגעקומען די ערשטע יידישע שולן אין אַמעריקע. אין ארץ־ישראל האָט שוין עקזיסטירט אַ יידישע גימנאַזיע, — און קיין גאַנצערע פּעדאַגאָגישע ווערק האָבן זיך אַלץ נישט באַוויזן. לערנ־ביכער, כרעסטאָמאַטיעס — זייער פיל (על פי רוב פון זייער אַ קנאַפּן פּעדאַ־גאָגישן ווערט), אָבער קיין פּעדאַגאָגישע אָפּהאַנדלונגען, באַטראַכטונגען, באַ־גרינדונגען — דאָס נישט.

עס איז אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געשאַפן געוואָרן אין אַלטן רוסלאַנד אַ יידישער שול־וועזן. אין דער זעלביקער צייט איז אויפגע־קומען אַ שול־וועזן אויף יידיש אויך אין פּוילן, אין מיטן פון דער מלחמה. עס זענען פאָרגעקומען קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן. עס האָבן זיך גע־ווידמעט גרופּירונגען און ריכטונגען. מען האָט זיך געקריגט און געקליגלט, אַרגומענטירט און דיסקוטירט, — און קיין פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור איז דאָך נישט געשאַפן געוואָרן. זשורנאַלן מיט אַרטיקלען, לערנביכער מיט זייער קנאַפּ מעטאָדיקעס, — דאָס יאָ, אָבער נישט קיין ברייטערע פּעדאַגאָגיקעס.

אין אַמעריקע זענען פאַראַן יידישע שולן מיט יידיש, און אַ סך מערער

העברעיִשע שולן, אין זיי אַרבעטן גאָר נישט ווייניק מענטשן שעפערישע, מענטשן וואָס האָבן שוין זייער לעבן אָפּגעגעבן, מענטשן וואָס דענקען און שרייבן, — און על־פּי רוב האָט דאָס שרייבן זייערס נישט קיין פאַרבינדונג מיט זייער פּעדאַגאָגישער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק. אין ארץ־ישראל איז פאַראַן אַ נאָרמאַלער שול־וועזן, אַ מלוכהשער, נאָך פון פריִער איידער די מדינה איז געווען. דערציִונגס־אינסטאַנצן פאַר קינדער פון קינדער־גאָרטן ביז אַן אוניווערסיטעט מיט אַ קאַטעדרע פאַר פּעדאַגאָגיק. אַ גרויסע צאָל שעפערישע מענטשן מיט וויסן און ווילן זענען דאָ באַשעפטיקט פּראָפעסיאָנעל. — און קיין פּעדאַגאָגיק איז נישט געשאַפן געוואָרן. עס איז אַ האַלבער יאָרהונדערט מיט אַ סך רעוואָלוציאָנערע אויפטועו אויף דעם געביט פון דערציִונג ביי ייִדן, — און עס זענען נישט אײַפגעקומען קיין פּעדאַגאָגן־טעאָרעטיקער.

פאַרוואָס ?

מען קען עס נישט דערקלערן מיט אומפעיִקייט, מיט אָרעמקייט אין כוחות — דאָס איז געוויס נישט ריכטיק.

עס איז נישט געווען קיין באַדאַרף? — אויך נישט ריכטיק. אַזוי פיל שולן, אַזוי פיל לערער (אין אַמעריקע — אויך אַן אַ צוגרייטונג!), סעמינאַרן און תלמידים אין זיי, לעקטאָרן און פּראָפעסאָרן, — און צי זיי אַלע דאַרפן נישט קיין ווערק פון ייִדישער פּעדאַגאָגיק? אין ארץ־ישראל אַליין זענען אַ סך סעמינאַרן (אַ חוץ קורסן און קאָנפערענצן)· אַ פאָר מיט אַ סטאַזש פון צענדליקער יאָרן צוצוגרייטן לערער, און אויך אין אַמעריקע זענען פאַראַן פאַרשיידענע סעמינאַרן צוצוגרייטן לערער, — און מיר האָבן נישט זוכה געווען צו זען קיין געשאַפענע קורסן פאַר ייִדישער פּעדאַגאָגיק. מען לערנט דאָך געוויס אַזאַ מין לימוד, טאָ פאַרוואָס ווערט עס נישט סומירט? פאַרוואָס ווערט עס נישט פון אַ תורה שבעל פה אַ תורה שבכתב?

אונדזער דערציִונגס־וועזן אין מזרח־אייראָפּעיִשן סעקטאָר פון אונדזער פאָלק איז כמעט נישט ייִנגער פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. און אַזאַ פאַרשיידענע מערכה! אַזאַ פּרוכטבאַרקייט אויפן געביט פון ליטעראַטור און אַזאַ אָרעמקייט אויפן געביט פון פּעדאַגאָגיק!

עס איז אַ סך ייִנגער פון דער דערציִונגס־אַרבעט דער געביט פון ייִדישער וויסנשאַפט, — און די ייִנגערע שוועסטער, די וויסנשאַפט, האָט ווייט אַריבערגעיאָגט די עלטערע אין כמות און אין איכות, איבערהויפּט אין ארץ־ישראל דורך די מיטאַרבעטער פון אוניווערסיטעט, אין גלות — מיטן ייִוואָ.

בלייבט דאָך ווידער און נאָך אַמאָל די אַלטע קשיא „פאַרוואָס"? ווו זענען די סיבות פון אַזאַ אומשעפערישקייט אויפן געביט פון פּעדאַגאָגיק לגבי די אַלע אַנדערע געביטן?

עס דאַכט זיך מיר אַז די סיבות זענען קודם כל עטלעכע און טיפערע,

זיי רירן אפשר אָן שטריכן פון אונדזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און עס איז כדאי מיר זאָלן זיך פון דעם עפּעס לערנען.

ראשית — איז די שעפערישקייט אויפן געביט פון פּעדאַגאָגיק בכלל אַ דערשיינונג אַ סך אַ זעלטענערע ווי אויף אַנדערע געביטן. ביי אַלע פעל־קער איז דער פּראָצענט שעפערישע פּעדאַגאָגן פון צווישן אַלע טעטיקע לע־רערס זייער אַ קליינער און די פּראָפּאָרציע מיט שרייבערס בכלל איז ווידער אַ נישטיקע. לערעריי איז בכלל אַ פּראָפעסיע וואָס מאַטערט אויס און גיט זעלטן שעפערישן מוט. מערער פּעדאַגאָגן זענען צווישן די אַקאַדעמישע אַר־בעטער אויף דעם געביט. אַזוינע זענען ביי ייִדן געווען אין דער גאַנצער תקופה זייער ווייניק. אין רוסלאַנד פון נאָך דער רעוואָלוציע געדענק איך אַ פּאָר נע־מען. זענען זיי, דאַכט זיך, אַוועק פון ייִדישער אַרבעט. דאָס איז איינס, און אַ גאַנץ שוואַכער תירוץ, ווייל מען קען נישט לערנען קיין גזרה שוה: עס איז נישט צו פאַרגלייכן דאָס נאָרמאַלע ביי אַנדערע פעלקער צו אונדז. ביי אונדז איז דער שטאַנד לערערס אין דער תקופה, אין דעם האַלבן יאָרהונדערט גע־ווען נישט אין פאַרגלייך שעפערישער, אַקטיווער, איידער ווי לערערשאַפט ביי אַנדערע פעלקער וואָס באַקומען אַלץ פאַרטיקע פון מיניסטעריומס. ביי אונדז האָט דער פּראָצענט שעפערישע פּעדאַגאָגן געדאַרפט זיין נישט אין פאַרגלייך גרעסער ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. מוזן מיר זוכן ספּעציפיש־ייִדישע סיבות, און זיי זענען פאַראַן. איך וועל פּרוּוון אַנאַליזירן עטלעכע פאַקטן, כדי צו קענען שפּעטער מאַכן פון זיי אויספירן.

עס איז אַרויס אין ארץ־ישראל ערב דער ערשטער מלחמה אַ גרויס בוך „שעורי הסתכלות" (איך געדענק נישט גענוי דאָס יאָר און אויך נישט די נעמען פון אַלע מחברים)... אַ מאָדערנער נאָמען פאַר הייַנטיקע לערערס, נישטאָ מער אַזאַ טערמין אויף אַלע שפּראַכן. „באַשיימפּערלעכע לעקציעס" — וואָס מיינט עס? איך גלייב נישט אַז עמעצער פון די ייִנגערע לערערס זאָל וויסן וואָס עס איז אַזוינס. ווייזט זיך אַרויס אַט־וואָס:

די אַלע לערערס אין ארץ־ישראל זענען אַוועק פון רוסלאַנד פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע אָדער נאָנט צו איר. און מיט זייער ווילן און בעסטן וויסן, האָבן זיי מיט זיך געטראָגן דאָס וואָס זיי האָבן גענומען פון רוסיש, במילא פון דער רוסישער ווירקלעכקייט. און אין צאַרישן רוסלאַנד האָט נאַ־טור־וויסנשאַפט געהאַט אַ ביטערע מערכה — די רעאַקציע האָט געציטערט פאַר נאַטורוויסנשאַפט ווי פאַר רעוואָלוציע. פאַרקערט האָט די גאַנצע פּראָ־גרעסיווע געזעלשאַפט געקוקט אויף נאַטורוויסנשאַפט ווי אויף אַ באַפרייערין. גענוג צו דערמאָנען אַזוינע קעמפערישע נעמען פון נאַטורפאָרשער ווי טימי־ריאַזעוו, קראָפּאָטקין, לוקאַשעוויטש, מאַראַזאָוו וכדומה. האָט די רעגירונג ווו נאָר זי האָט געקאָנט, פאַרבאָטן צו לערנען נאַטורוויסנשאַפט, און זאָל זי נישט

ברענגען קיין „קראַמאַלע״. איז נאַטור־לימוד געווען פאַרבאָטן פאַר די פאָלק־שולן אין רוסלאַנד פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע. האָבן זיך רוסישע פּראָ־גרעסיווע פּעדאַגאָגן געקליגלט און אַריינגעפירט דעם נאַטור־לימוד אין פאָלק־שול „קאָנטרעבאַנדע״ אונטער דעם נאָמען „באַשיימפּערלעכע שמועסן״. גוטע ביכער זענען געווען געדרוקט אויף דעם געביט. די רעוואָלוציע איז דורכגע־פאַלן, אָבער נאַטור־לימוד האָט זיך איינגעבירגערט אין די רוסישע פאָלק־שולן, און מען איז שוין מער נישט אַנגעקומען צו די „באַשיימפּערלעכע שמועסן״. דאָס איז געווען דער מקור. די ייִדישע פּעדאַגאָגן זענען אַוועק אין ארץ־ישראל, האָבן זיי מיטגעבראַכט מיט זיך דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס פאַר די „באַשיימפּערלעכע שמועסן״. קיינער האָט זיי דאָרטן נישט געשטערט צו לערנען נאַטור־לימוד אָפן און דירעקט, נאָר זיי זענען געגאַנגען לויטן באַ־קאַנטן מוסטער און זיי האָבן נעבעך נישט געוווּסט אַז אין רוסלאַנד איז שוין דער מוסטער אויך נישט גילטיק...

איך ווייס פון ייִדישע לערערס אין פּוילן וואָס האָבן זיך זייער פיל באַ־נוצט מיט די „שעורי הסתכלות״ אין די צוואַנציקער יאָרן. אין רוסלאַנד האָט מען שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן אָט דעם עפּיזאָד. אין ארץ־ישראל זענען גע־קומען לערער וואָס האָבן געבראַכט זייער צוגרייטונג שוין נישט פון רוסלאַנד, האָבן זיי די „שעורי הסתכלות״ ווייניק גענוצט, אָבער ייִדישע לערער אין פּוילן האָבן נאָך איבערגעקייט די אַלטע תורה...

איז דאָס איין פאַקט, אַ מעשה מיט אַ בוך, אָבער, מיר דאַכט זיך, אַז עס דאַרף אונדז לערנען מער ווי צען ביכער... אָבער לאָמיר איבערגיין צו אַנדערע פאַקטן.

איך גלייב ביז היינט אַז מיין רבי ר׳ אהרן בן משה קאָנשטאַם, דער פירער פון די גראָדנער פּעדאַגאָגישע קורסן, איז געווען דער גרעסטער פּע־דאַגאָגישער פענאָמען ביי ייִדן. אַן אַדוואָקאַט לויט זיין בילדונג האָט ער אין די געביטן וואָס ער האָט דירעקט געלערנט ווייניק געוווּסט אַליין, כעמיע, נאַטור־פילאָסאָפיע, פּסיכאָלאָגיע וכדומה. און דאָך פלעגט ער האָבן אַ גוואַל־דיקע השפעה אויף אַלע זיינע תלמידים אויף זייער גאַנץ לעבן (זע ׳ראשונים״, תל־אביב, 1937). די השפעה איז געווען אַ ריין פּעדאַגאָגישע. אַ גאַנצע סיס־טעם איז געווען דאָ, אין זיין וועג פון דערציִונג. ער האָט כמעט גאָרנישט גע־שריבן, גאָרנישט געפּרובירט פונאַנדערשפּרירן זיין אייגענעם גאַנג אין דער־ציִונג, נישט געפּרובירט פאָרמולירן און אָנרופן די מעטאָדן וואָס ער האָט גענוצט מיט אַזוי פיל דערפאָלג אין זיין דערציִערישער השפעה. ער האָט פיינט געהאַט דאָס שרייבן און די וואָס שרייבן אויף פּעדאַגאָגישע טעמעס, „שרייבערלעך! גלייך גענומען און וועגן אַלץ געשריבן״, — פלעגט ער זאָגן מיט ביטול און מיט האַס. אין זיינע לעקציעס וועגן פּעדאַגאָגיק און מעטאָדי־

קעס פלעגט ער זיך פילן ווי געפּענטעט, נישט היימיש, פלעגט כסדר האַלטן אין קוקן אויף די צוגעגרייטע נאָטיצן, ווי ער וואָלט כסדר פאַרגעסן וואָס ער דאַרף זאָגן. ער פלעגט פון צייט צו צייט ווען אונדז ווייזן מוסטער־לעקציעס פון נאַטור־לימוד (די השפעה פון רוסלאַנד!). אַלע לעקציעס פלעגן כמעט תמיד זיין געלונגען. דאָס פלעגט אים קאָסטן געזונט. ער פלעגט דאַכט זיך, דאַרפן ליגן אין בעט נאָך אַזאַ לעקציע. אַ לאַנגע צייט האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין אָט די דיסהאַרמאָניע צווישן דער גוואַלטיקער דערצ:ערישער השפעה און דער דירעקטער לערערישער אַרבעט אין קלאַס ווי מיט קינדער, אַזוי אויך מיט דערוואַקסענע. ערשט אַ צייט שפּעטער האָב איך געקענט פאַר־שטיין דעם פענאָמען. („אורים״ תל־אביב, חוברות לשאלות חינוך והוראה, ד״ה, אין רעצענזיע אויף „ראשונים״). גאַר פּשוט: אין מענטשן זענען געווען צווי ריכטונגען — זיין גייסט און זיין וועג פון איין זייט און זיין פּעדאַ־גאָגישער גלויבן, וואָס איז געווען דער היפּוך פון אים און פון זיין גאַנג. ער פלעגט אַלע זומער פאָרן קיין יענאַ דייטשלאַנד, צו דעם לעצטן הערבאַרטיאַ־נער פּראָפ׳ ריין הערן זיינע לעקציע און האָט אין דעם געגלייבט ווי אַ חסיד אין זיין רבין. און די גאַנצע הערבאַרטיאַנישע פּעדאַגאָגיק האָט צו אים, צו זיין טעמפּעראַמענט, צו זיין כאַראַקטער, — צו זיין נשמה געקלעפּט און גע־פּאַסט ווי אַ דייטשישע קופּערנע היטל צו אַ קאָפּ פון אַ חסידישן רבין. ער איז געווען כולוי אינטו:ציע, שעפערישער אימפּעט, רמז, אַנדייטונג, אוממיטל־באַרע נשמהדיקייט. די גאַנצע הערבאַרטיאַנישע סיסטעם איז געווען ווי קייטן אויף זיין גייסט, ווי אייזערנע רייפן וואָס לאָזן קיין ריר נישט טאָן... ער האָט אָבער געגלייבט אין זיין דייטשישן פּראָפעסאָר און אין זיין תורה, און האָט מן־הסתם שטאַרק געליטן וואָס אים געלינגט נישט די דייטשישע מושטרע. ער פלעגט נישט רעדן פון דעם, אָבער אינעווייניק האָט ער זיך געגעסן, גע־קוקט אויף זיך אַליין קרום, געווען געפאַלן ביי זיך. געווירקט האָט ער נאָר ווען ער פלעגט פאַרגעסן זיין פּראָפעסאָר ריינס תורה, ווען ער פלעגט אַרויס „פון האַלאַבליעס״ פון דער דייטשישער תורה און ווערן ער, ווען ער פלעגט זיין נאַטירלעך ווי ער איז, ווען ער פלעגט פאַרגעסן, אָדער ווען ער האָט גע־מיינט, אַז עס איז נישט קיין דערצ:ונג, נאָר סתם אַזוי אַ פאַרברענגעכץ. ער האָט נישט געקענט צונויפּבדרענגען זיין אייגענעם גאַנג מיט דער תורה פון זיין פּראָפעסאָר, פירן זיך לויט דעם פּראָפעסאָר האָט ער אויך נישט געקאָנט. צו אַקטיוו, צו שעפעריש איז געווען זיין נאַטור. ער האָט נישט געהאַט די גבורה אָפּצוולייקענען, אָפּצוואַרפן די דייטשע תורה וואָס ער האָט געזען אַז ז׳ טויג נישט. — ניין, ער האָט ז י ך געמאַכט שולדיק, נישט די פרעמדע תורה, און דאָס האָט אים געקרענקט, דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין האַס אויף אַלע וואָס שרייבן פּעדאַגאָגיק; ער האָט נישט געגלייבט זייער שרייבן

— פאַרוואָס איז ביי זיי יאָ פאַראַן האַרמאָניע צווישן טעאָריע און פּראַקטיק און ביי אים נישט. שרייבן די הערבאַרטיאַנישע פּעדאַגאָגיק? — אַז זי איז זיין גאַנץ לעבן געווען פרעמד, ער האָט כסדר געמוזט קוקן אין בוך, ווייל אָרגאַניש האָט זי צו אים נישט געקלעפּט. שרייבן זיין אייגענע אַרבעט? — אוי, דאָס איז דאָך אַלץ קעגן דער טעאָריע!

אַזוי האָט אַ גרויסער שעפּערישער גייסט אַ גאַנץ לעבן געליטן פון אַ גייסטיקער צעשפּאַלטנקייט און עס האָט אים געוואָרפן אין אַ כּף־הקלע צווישן זיין פּראָפעסאָרס פאַלשער תורה, וואָס האָט ווי אַ פרעמדער גע־ץ געדריקט און געשטיקט, און צווישן זיין אייגענער שעפערישער אינטויציע, וואָס ער האָט אַליין אין איר נישט געגלייבט. די יסורים וואָס דער מענטש האָט איבערגע־ליטן ווייסן נאָר די וואָס זענען מיט אים געווען נאָענט. ווען זיינער אַ געווע־זענער תלמיד האָט אים געבראַכט אַ מתנה — זיין ערשטע גרעסערע פּעדאַ־גאָגישע אַרבעט אין אַ זשורנאַל, האָט ער אַ גאַנצע נאַכט געוויינט — אפשר דערפאַר וואָס זיין באַליבטער תלמיד איז נישט קיין הערבאַרטיסט ווי ער, אָדער אפשר, ווער ווייס — ער האָט נישט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיך און וועגן זיינע איבערלעבונגען — אויך אַ סימן פון אַ גייסטיקן שפּאַלט אין דער נשמה.

ווי עס זאָל נישט זיין איז דאָ דעם יידישן פאָלק געשען אַ גרויסער שאָדן: צו־ליב דעם היפּערטראָפירטן גלויבן אין גוי און צוליב דעם קנאַפּן גלויבן אין יידישן „איך", האָט דאָס יידישע פאָלק נישט געקראָגן קיין פונדאַמענטאַל־באַרעטע גלענצנדיקע פּעדאַגאָגישע סיסטעם. יאָ, עס האָט געפעלט מוט זיך צו באַפרייען פון די פרעמדע אָנערקענטע געצן און אַרויסגיין אָפן צו דעם איי־גענעם גלויבן, מיט דעם אייגענעם גאָט.

זענען די געבראַכטע צוויי דערשיינונגען צופעליקע, באַזונדערע, וואָס לאָזן אונדז גאָרנישט אָפּלערנען פון דעם פּרט אויף דעם כלל? ניין, בשום אופן נישט. זיי זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדז, דאָ אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז שטריכן פון אונדזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, און אָט די שטריכן — זיי גיבן די ריכטונג אונדזער אַרבעט.

כדי צו מאַכן די זאַך נאָך קלערער וועל איך ברענגען נאָך אַ פּאָר פאַקטן.

האַרט ערב דער מלחמה איז אין וואַרשע אַרויס אַ מעטאָדיק פון דעם יידיש־לימוד פון אַן אָנערקענטן אויטאָריטעט. אַזוי ווי דאָס בוך האָט דאַכט זיך נישט באַוויזן זיך צו פאַרשפּרייטן, און איצט קריטיקירן דאָס ווערק, בשעת די לייענער קענען נישט קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון מיינע רייד, וואָלט געווען שיטן זאַלץ אויף די ווונדן, וועל איך נישט אָנרופן קיין נעמען. איך האָב בשעתו צופעליק געקראָגן אַן עקזעמפּלאַר צום רעצענזירן און עס ליגט ביי מיר דאָס בוך מיט די נאָטיצן מיינע. איך וועל דאָ ברענגען עטלעכע פאַקטן וואָס מאַכן בולט דעם זעלביקן שטריך.

א) דער נאָמען איז וואָרט אין וואָרט אַן איבערזעצונג פון רוסיש, ווי מען וואָלט אַזאַ אַרבעט אָנגערופן אין רוסיש, אָבער אין יידיש איז עס פשוט גרייזיק. דער מחבר האָט אין געדאַנק איבערגעזעצט, און דאָס האָט ער גע־טאָן נאָך דעם ווי ער איז מער ווי דרייסיק יאָר געווען דער מעטאָדיסט פון דעם לימוד פּראַקטיש און טעאָרעטיש.

ב) אין גאַנצן בוך איז נאָר איין מאָל ציטירט אַ יידישער שרייבער (פ. שניאורסאָן), אָבער דערפאַר ווערן ציטירט דייטשישע און רוסישע שרייבער, מעטאָדיסטן וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי זענען שוין לאַנג פאַרעלטערט און פאַרגעסן געוואָרן אין זייער היימלאַנד.

נישט נאָר דער שרייבער אַליין, נאָר אַ גאַנצע נעץ פון יידישע שולן האָבן טאָג־איין טאָג־אויס געאַרבעט אויף דעם לימוד, און דער שרייבער איז געווען אין צענטער פון אָט דער אַרבעט. עס זענען פאָרגעקומען קאָנפערענצן פון די יידיש־לערערס, עס זענען געדרוקט געוואָרן אַן אַ שיעור אַרטיקלען אויף די טעמעס אין זשורנאַל וואָס דער מחבר פון דער מעטאָדיק האָט געהאַט אַ גרויסע דעה אין אים. און אָט די גאַנצע דערפאַרונג פון אַ גאַנצן דור לערער און שולן האָט דער מחבר... נישט באַמערקט. באַגרינדונגען צו געדאַנקען זע־נען אין קיין פאַל נישט גענומען פון דער יידישער שול, וואָס דער מחבר האָט אַזוי גוט געקענט און געוווּסט. ער האָט אַלץ באַגרינדעט מיט מיינונגען פון פרעמד־שפּראַכיקע אויטאָריטעטן. איי, יענע האָבן געאַרבעט און געשאַפן אין גאָר אַנדערע תנאים און זייערע צילן זענען אין תוך גאָר אַנדערע, — דאָס האָט דער מחבר נישט באַמערקט...

ווי דערקלערט מען אָט אַזאַ דערשיינונג, וואָס איז אוממעגלעך ביי יע־דער אומה ולשון? — גאָר פשוט: ווען דער שרייבער איז צוגעטראָטן צו זיין אַרבעט האָט ער געזוכט עפּעס וואָגיקס, אויטאָריטעט. נו, וועט ער עס דען זוכן ביי יידן? ביי יאַנקלען און ביי זרחן?... דאָס איז דער ביטול צום אייגע־נעם נאַציאָנאַלן „איד". אַן אַלטע קרענק.

מען האָט זיך אין די יידישע שולן אין מיזרח־אייראָפּע און אין ארץ־ישראל בשעתו אָנגעכאַפּט אַן דעם „דאַלטאָן־פּלאַן" און געשריגן קדוש. לערער האָבן נישט איין מאָל געפרעגט שטילערהייט פאַרשעמט: „ווער איז דער דאַל־טאָן?" און גלייך געוואָרן חסידים. גאַנץ גוט. נאָך שטאַרקער האָט מען זיך גלייך נאָך דער רעוואָלוציע צעגאָסן און צעזונגען „אויף אַלע גאַסן און גע־מאַרקן" אין רוסלאַנד און אין פּוילן „אַרבעט־שול, אַרבעט־שול" נאָך איידער דער גרעסטער רוב מנין פון די היציק־שרייענדיקע לערער האָט געוווּסט וואָס עס מיינט דאָס וואָרט... מילא, בין איך עס שוין מוחל: נאָך אַמאָל האָבן דאָך יידן אויף דעם ערשטן באַרג סיני געשריגן „נעשה" פאַר דעם „נשמע" (מיר

פאַרשטייען). איז אַזוי באַגעגענען יידן אַלע נייע תורות פון וואָסער באַרג סיני זיי זאָלן נישט קומען. אָבער דער באַרג דאַרף זיין אַ פרעמדער. וואָרום אָט זעט: דער דאַלטאָן־פּלאַן און דאָס לערנען „פאַר זיך“ אין די בעסערע ישי־בות, האָט עמעצער פון אונדזערע דענקענדיקע פּעדאַגאָגן זיך דערמאָנט, אַז אָט די סיסטעם פירט זיך ביי יידן הונדערטער יאָרן, און דווקא מיט גרויס דער־פאָלג? איך דערמאָן זיך נישט. און עס איז מיר נישט קלאָר פאַרוואָס: דאַל־טאָן־פּלאַן איז אַ דערפינדונג אַן אַמעריקאַנער, אָנגענומען ביי לייט, אָבער גיי רייד וועגן אַ ישיבה, על וועט דאָך שמעקן מיט בטלנות...

לאָמיר גיין ווייטער — זינט דער ייוואָ עקזיסטירט אין ווילנע און אין ניו־יאָרק האָט ער אַרויסגעגעבן איין באַנד פּעדאַגאָגיש־פּסיכאָלאָגישע שריפטן (אַ צווייטער באַנד איז, דאַכט זיך, אומגעקומען אין חורבן־פּוילן). אויף אַנ־דערע געביטן זענען פון זעלביקן ייוואָ אַרויסגעגעבן צענדליקער בענד. איז דאָס ריכטיק: עס שטימט מיט דער אָרעמקייט פון אַרבעטער און אַרבעטן אויף דעם געביט פון פּעדאַגאָגיק. אָבער ווען מען זאָל נעמען אָט דעם „בן־יחיד“ וועט מען זען וויפל עס זענען אין אים פאַראַן אַרבעטן וואָס זענען אויסגעוואַקסן פון יידישן לעבן אַרויס און זיי האָבן אַ שייכות צו אונדזערע אַקטועלע לעבנס־פּראָבלעמען, און וויפל עס זענען פרעמדע, גויישע פריצים פאַרפאָרן אין שטעטל אַריין, אָדער גויישע סענאַטאָרן איינגעבעטן אויף יידישע פאַרזאַמ־לונגען צוליב חשיבות וועגן.

איז פון די אַלע דערשיינונגען מעגן מיר מאַכן אַן אויספיר:

אויף דעם געביט פון פּעדאַגאָגיק ווירקט ווי אויף אַנדערע געביטן פון יידישן לעבן דער ביטול צו זיך אַליין, צום אייגענעם קאָלעקטיוו. עס אַסאָ־ציאירט זיך נישט דער באַגריף ייד מיטן באַגריף אויטאָריטעט, און מהאי טעמא דערוועגן זיך נישט יידן אַפילו די פּעדקסטע, צו פּרובירן צו סיסטעמאַטיזירן זייערע פּעדאַגאָגישע געדאַנקען אין אַ סיסטעם, אין אַ טעאָריע, מיר האָבן זייער פיל מוזיקאַלישע ווירטואָזן, מיר זענען אַ פאָלק פול מיט ניגונים, אי־בערהויפּט די חסידים, און מיר פאַרמאָגן אַזוי ווייניק יידישע קאָמפּאָזיטאָרן. ווידעראַמאָל די זעלביקע סיבה; שעפערישקייט קען נאָר זיין דאָרטן וווּ עס איז פאַראַן אַריינגעלעבטקייט אין אַ טראַדיציע (זי איז דאָס רוי־שטאָף פון איט־לעכער שאַפונג), אָבער אַז מיר קוקן אויף דעם מיט ביטול, טאָ ווי קען דאָ געמאָלט זיין שאַפונג?

האָט דאָך אַפילו אחד העם געקענט שרייבן אַז אין די יידישע פאָלקס־לידער איז נישטאָ קיין „טעם און ריח“! (פונקט צו אַ פאַרקערטער מיינונג קומט פּרץ, פאַרגלייכנדיק די יידישע מאָטיוון מיט די פון גרים און אַנדערסאָן — קלאָר! נישט אומזיסט איז ער דער שעפער פון פאָלקסטימלעכע געשיכטן).

און אַז אחד־העם איז אַזוי, — איז דאָך פון פשוטע בשר־ודמס שוין נישטאָ וואָס צו רעדן.

איך האָב באַמערקט אַ דערשיינונג: אַז איר באַאויפטראָגט אַ גויִישן לע־רער פון געזאַנג צי פון טענץ צו באַארבעטן אַ ייִדישן מאָטיוו, וועט ער זיך באַציִען מיט דעם גאַנצן ערנסט צו דער זאַך, ער וועט בעטן אויפקלערונגען, אינפאָרמאַציעס, — ער ווייס: צו פאָלקס־ניגונים, לידער דאַרף מען זיך באַ־ציִען ערנסט. ווען אָבער איר גיט עס איבער אַ ייִדישן קונסט־לערער וועט ער (נאָך מער זי!) אַ קוק טאָן אויף אייך — איר מיינט עס ערנסט? אפשר דאַרף מען גאָר אויף אייך פרעגן אַ דאָקטאָר... זיי וועלן עס נעמען ווי אַן אַרויפגע־צוווּנגענע זאַך, זיי וועלן זיך פילן באַליידיקט וואָס מען גיט זיי, ערנסטע און וויכטיקע קינסטלער, אַזוינע נאַרישקייטן צו טאָן — עס איז נידעריקער פון זייער כבוד... אָדער זיי נעמען עס גערן און זיי מאַכן פון דעם עפּעס וואָס שמעקט מיט שונד, צום לאַכן...

ייִדישע מאַמעס וואָס זענען העכסט שטאָלץ ווען זייערע טעכטער טאַנצן רעגיאָנאַלע פאָלקסטענץ אין פאַסיקע קליידער, וואָס מען זשאַלעוועט אויף דעם קיין געלט נישט, די זעלביקע מאַמעס זענען נישט צופרידן ווען מען מאַכט זייערע טעכטער זאָלן טאַנצן ייִדישע טענץ, תנכישע טענץ און אַ פשיטא שוין פאָלקס־טענץ אין טראַדיציאָנעל ייִדישער קליידונג. דאָס פאַרמינערט די וויכ־טיקייט פון זייערע טעכטער...

דער פּעדאַגאָגישער פּראָצעס איז זייער אינטים, אפשר דער אינטימס־טער פון אַלע קונסטן. איך האָב באַגעגנט גאָט־געבענטשטע לערערינס, וואָס קענען נישט פאַרטראָגן קיין גאַסט ביי זיך אויף דער לעקציע. נישט ווייל זיי שעמען זיך, — עס שטערט זייער אינטימקייט אויף דער לעקציע. פאָרעמען דעם פּעדאַגאָגישן פּראָצעס, דעם איבערגעלעבטן אין ווערטער אין שריפט — דאָס קען נאָר איינער וואָס גלייבט אין זיך, אין זיין אַרבעט, האָט צוטרוי און קען דאָס אינטימע אין זיך אַרויסברענגען אין וואָרט. ביי אונדזער ייִדישער באַציִונג צו זיך אַליין איז עס גאָר פון די זעלטענע זאַכן.

דער פּראָצעס פון שאַפונג הייבט זיך תמיד אָן אינעווייניק, נישט אין קאָפּ, נאָר אין האַרץ. עס מוז זיין אַן איבערלעבונג. שפּעטער זוכט מען אָט די איבערלעבונגען צו פאָרעמען אין געדאַנקען, צוערשט פאַר זיך אַליין און נאָכ־דעם ערשט אַריבערטראָגן אין ווערטער פאַר אַנדערע. אָן אַ גלויבן אין דעם איז אוממעגלעך — קיינער וויל נישט אַרויסטראָגן עפנטלעך עפּעס וואָס ער אַליין האַלט פון דעם נישט. ייִדישע לערער זענען טאָפּל געשטראָפט: ערשטנס זענען זיי ווי אַלע ייִדישע אינטעליגענטן אַזוי נישט פעסט פאַרגלייבט, נישט שטאָלץ אין זייער ייִדישקייט — אַז מען האַלט אַלץ אין איין קריטיקירן אַלע

יִדן און זיך אַליין אויך. צווייטנס זענען יִדישע לערער צווישן די אינטעלי־גענטן די צום קנאַפּסטן געשעצטע ביי זיך אַליין, איבערהויפּט איז עס צו מערקן אין די אַמעריקעס.

אַ גרויסער טייל לערער קוקט גאָר אויף זיין לערערישער אַרבעט ווי אויף אַ צייטווייליקער זאַך, ביז עס וועט זיך עפּעס מאַכן בעסערס. קיין שאַפונג קען דאָ ביי אַזאַ באַציִונג נישט זיין.

אין רוסיש האָב איך אַמאָל געלייענט אַ „פּעדאַגאָגישע פּאָעמע" (פון איינעם מאַקאַרענקאָ, איבערגעזעצט אין העברעיִש אויך), פון זיין אַרבעט מיט יונגע פאַרברעכער. איך האָב אין מיין אַרבעט באַגעגנט יִדישע לערער און איבערהויפּט לערערינס וואָס וואָלטן פון זייער אַרבעט אויך געקענט אָנשרייבן נישט איין פּאָעמע, אָבער עס איז זיי אַפילו נישט איינגעפאַלן אין געדאַנק: אויך מיר אַ וויכטיקייט, דאַרטן!... מיר דערשאַצן זיך אַליין נישט.

איך ווייס וועגן איינעם אַ יִדישן לערער אין אַמעריקע, וואָס האָט אויס־געאַרבעט אַן אייגענע סיסטעם ווי צו לערנען יִדיש. איך ווייס נישט, וואָס די סיסטעם איז און אין וואָס זי באַשטייט — בלויז קלאַנגען געהערט, דאָס רוב וויצן און אַפלאַכן פון דעם „צעדרייטן" און זיין גאַנצער אַרבעט, און קען זיין אַז אין איר זענען פאַראַן גוטע אויפטועך, וואָס גייען פאַרלוירן וויל קיי־נער זאָרגט נישט אַז די אויפטועך זאָלן בלייבן, און דער מענטש אַליין אויך נישט, און די הויפּט־סיבה פון דעם אַלעם — אונדזער אומאַכטונג צו זיך אַליין: אַט ווייס איך דאַרטן וואָס „יִדישע מאַכערייקעס" — אויסגעבבטלט און יוצא. דאָס איז די עיקרדיקסטע סיבה, די אַלגעמיינסטע, דער מקור פון אַלדעם בייז, דער פענאָמען איז בולט אויף אַלע געביטן פון יִדישן לעבן, און אומעטום איז ער דער שטן וואָס סמט אָפּ אונדזער שעפערישקייט.

אַחוץ דעם ווירקן נאָך עטלעכע באַזונדערע פאַקטאָרן, נישט קיין אַלגע־מיינע. לאָמיר גיין כסדר.

א) מיר יִדן זענען בכלל נישט קיין בריות אויף אַלגעמיינע סינטעטי־שע ווערק. מיר האָבן נישט קיין אָריגינעלע פילאָסאָפישע ווערק. טיילווייז איז עס צוליב דעם פריִערדיקן מאָטיוו, און טיילווייז צוליב אַן אַלטן שטריך, וואָס מיר זענען געניגט צו אַ ווונק, ודאי לחכימא ברמיזא, וד"ל, ואידך זיל וגמור — אַ גאַנצער לעקסיקאָן ביי אונדז יוצא צו זיין מיט אַ ווונק און גענוג. איז געקומען פּרץ און האָט אָנגעשטעלט פּינטעלעך מער אפשר ווי ווערטער, — אַט דאָס האָבן מיר ליב!

ב) וויי̇טער קומט אונדזער צעפּיצלטקייט און צעברעקלטקייט: איטלע־כע שול איז דאָך אַ וועלט פאַר זיך, איטלעכע שול מיט אירע מעטאָדן, מ־ט איר פּעדאַגאָגיק, און איטלעכע שול וויל דאָך איבערשטייגן די צווייטע, איט־

לעכע שול זוכט פון אונטער דער ערד מיט וואָס זיך אונטערצושיידן פון דער־צווייטער, איטלעכע שול וואָלט גאָר געוואָלט אַז אירע וועגן זאָלן נאָר בלייבן איר פּאַטענט, „קאָפּירייט", און זאָל די צווייטע שול, חלילה, נישט „כאַפּן דעם שניט" און קיין שול וויל גאָרנישט איבערנעמען פון דער צווייטער, פאַר־קערט, ווילן מיר גאָר ווייזן אַז דאָס וואָס יענע שול האָט איינגעפירט „טויג גאָר אויף כפרות". ווי קען דאָ קומען צו אַ שעפערישן, קאָלעקטיוון סומירן די דערפאַרונג פון דורות לערער?! דאָס איז אין אַמעריקע.

ג) רעדן וועגן רוסלאַנד? רעדן וועגן פוילן? — אַז דאָס מויל ווערט שטום און די האַנט גייט נישט. שווייגן מיר בעסער דאָ. גאָט ווייס.

ד) עס איז נאָך ביי ייִדן פאַראַן אַ „מי שמך". זאָל עמעצער וועלן זאָגן עפּעס, — איז באַלד — ווער ביסטו אַזוינער דו זאָלסט אונדז לערנען האַ... מען פאַרשטייט נאָך אַ ראַבאַי וואָס האָט חן ביי גוייִם און אויך (במילא שוין) ביי רייכע ייִדן, אָבער אַ ייִדישער לערער!... דאָס קען מען נישט פאַרטראָגן...

ווען גאָט האָט געשטראָפט צו טאָן אָנפירנדיקע אַרבעט אין ייִדישע שולן אין אַמעריקע דער וויס זייער גוט וואָס איך מיין, איז לאָמיר בעסער אויך דאָ שטעלן אַ פאַרצייטיקן וד"ל און הייִנטמאָדישע... און יוצא זיין, ווי זאָגט עס דער קלוגער אבן עזרא? — „והמבין יבין והמשכיל ידום" — און גענוג.

און דערווייל גייט פאַרלוירן די אַרבעט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אָנ־שטרענגונג און שעפערישקייט פון אַ גאַנצער מחנה ייִדישע לערער אין פאַר־שיידענע לענדער און אין פאַרשיידענע קיבוצים. עס גייט פאַרלוירן צוזאַמען מיטן דור און עס בלייבט נישט קיין ירושה פאַר דורות.

דער אַמאָליקער פֿאָלקסטיפּ און דער היינטיקער דורכשניטלעכער ייִד

ווען מיר נעמען זיך אַריינטראַכטן טיפֿער וועגן דער צוקונפֿט פֿון אונדזער פֿאָלק, ווערט אָפֿט פּשוט קאַלט. עס קען זיך אויסדוכטן אַז מיר ווערן צעשאָטן אויף באַזונדערע שבֿטים. אַ פֿאַרקערטער פּראָצעס: נישט שבֿטים שמעלצן זיך צונויף אין איין פֿאָלק, נאָר פֿאַרקערט — אַ פֿאָלק צעפֿאַלט זיך אויף שבֿטים. איך זע אין דעם אַ גוואַלדיק־גרויסע סכּנה פֿאַר דער גאַנצקייט פֿון פֿאָלק און פֿאַר זיין קיום. נאָך פֿאַרצייטן האָט אַ נבֿיא זיך באַקלאָגט: וויפֿל שטעט דו האָסט, אַזויפֿיל געטער פֿאַרמאָגסטו (ירמיהו). היינט וואָלט מען געדאַרפֿט זאָגן: וויפֿל לענדער מיר באַוווינען, אַזויפֿיל קולטורן היטן מיר און אַזויפֿיל ייִדישע פֿעלקער זענען מיר. און אין יעדער פֿאָלק באַזונדער האַלטן מיר זיך אין איין קריגן... אַנדערש איז עס געווען אַמאָל:

שמאָל איז געווען דער האָריזאָנט פֿון שטעטל. ממש הינטער דעם האָריזאָנט איז שוין געווען אַ פֿרעמדע וועלט. עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פֿון איין שטעטל צו אַ צווייטן איז שוין געווען אַ ווייטער מהלך. האָט מען זיך זעלטן טאַקע געטראָפֿן. דערפֿאַר איז יעדער שטעטל באַזונדער געווען אַ גאַנצע וועלט פֿאַר זיך. יעדער איינער האָט געקענט און געוווּסט יעדער איינעם און אַלע האָבן געקענט אַלעמען — איין משפּחה. האָט יעדער שטעטל געהאַט זיינע אייגענע טראַדיציעס, זיין פֿאָלקלאָר, זיינע זאַבאָבאָנעס, זיינע ווערטלעך און וויצן, זיינע נוסחאָות אין דאַווענען, זיינע צונעמען, זיינע טיפּן — אייגענע ליגנער, אייגענע צדיקים און עילוים, אייגענע, זאָל נישט אויסגערעדט זיין, גנבֿים, זיינע יחסנים, שתּדלנים, גבֿירים און קבצנים — אַ וועלטל פֿאַר זיך. און וואָס קלענער דער קרייז מענטשן, אַלץ פֿעסטער איז דער „שטאַט" פֿון יעדער איינעם: עס פּאַסט דאָך נישט! דערפֿאַר איז דער שטייגער געווען מער איינהייטלעך, פֿעסטער, איינגעוואָרצלטער. האָבן שטעטלעך געהאַט אייגענע דיאַלעקטן אַפֿילו.

זענען די „קלובן" וואָס פֿלעגן פֿאַרבינדן די שטעטלעך געווען די קרעטשמעס ביי די וועגן, וווּ עס פֿלעגן אָריינפֿאָרן בעלי־עגלות און סוחרים, קרעמער, שדכנים וכדומה. דאָ ביי אַ גלאָז טיי פֿון זודיקן „געלן גזלן" (דער קאָכעדיקער סאַמאָוואַר אויפֿן טיש) און ביי אַ היפּשן לחיים פֿלעגן זיך טרעפֿן

ייִדן מיט ייִדן, שטעטלעך מיט שטעטלעך. אָדער אויף אַ יאַרמאַרק, אָדער גאָר אין שטאָט אויף די אכסניאס (אין שטאָט זענען שוין קיין קרעטשמעס נישט געווען, דאָ האָט שוין געוועלטיקט דאָס גמרא־וואָרט אכסניא). און כּתוב לבֿ הפורמאַנעס בגלעזל פלעגט מען אַרויסווייזן פּאַטריאָטיזם — איטלעכער פאַר זיין שטעטל. האָבן שטעטלעך געהאַט זייערע צונעמען. דערמאָנט זיך מיר „געלוואָנער שפּיציקע קעפּ און שאַרפע מוחות" (אַ קליין כעלם אין דער ליטע), דערמאָנען זיך מיר נאָך ענלעכע. איטלעך שטעטל האָט זיך געהאַט מיט וואָס צו באַרימען: ווער מיט אַ רבֿ, און ווער — מיט אַן אייגענעם עילוי וכדומה... כּ'מיין — אונדזער גאַנצע ליטעראַטור איז דאָך אַ פּראָדוקט פון שטעטל. פאַרשפּאָר איך צו דערציילן וועגן שטעטלעך. דערפאַר זענען דאָ געווען דורותדיקע איינגעפעסטיקטע טיפּן. אַלע האָבן אין זיך געטראָגן די טראַדיציעס פון דורות, די חכמה פון דורות און די נאַרישקייטן פון דורות. אַ שטעטלשער ייִד האָט אין תּוך אַריין ווייניק געדאַרפט לערנען: אַוויראַ דשטעטל — די אַטמאָספער פון שטעטל האָט אַליין אויסגעלערנט. מען האָט נישט געדאַרפט לערנען קיין „דינים ומנהגים", קיין חזנות, מלמדות, רבנים, מען האָט נישט געדאַרפט האָבן קיין סעמינאַרן דערצו — מען האָט נאָר געדאַרפט אַביסל צוגרייטן, ביז נאָך דעם פלעגט מען דאָס שוין פון שטייגער נעמען און די גרעסטע גאונים האָבן דען געהאַט לערער? אַליין פלעגט מען לערנען. דער חדר פלעגט טאַקע גאָר — גאָר קנאַפּ וואָס אויסלערנען, נאָר דאָס איבעריקע האָט מען זיך אַליין אויסגעלערנט. ביז די העכסטע שפּיצן פון די תּורה־בערג, ביז די טיפסטע חכמות.

און פון דעם גלייכן ניוואָ האָבן דאָך אַרויסגעשטעקט אינדיווידועלע טיפּן וואָס דער גרעסטער קינסטלער אונדזערער שלום־עליכם האָט זיי אַלעמען אַזוי רעליעף אויסגעהאַמערט. ווילט איר קענען דאָס ייִדישע שטעטל מיט אַלע זיינע פּיטשעווקעס — גייט צו שלום־עליכמען. אין דעם אַלגעמיינעם שטילן וואַסער האָבן זיך דאָך בולט געלעבט פאַרשיידענע ייִדן, טיפּן באַזונדערע. איך האָב מורא פאַר פּראָפאַנאַציע איך זאָל נעמען אויסרעכענען שטעטלשע טיפּן, און מען דאַרף דאָס נישט — שלום־עליכם און אַלע אַנדערע ייִדישע שרייבער האָבן דאָס געמאַכט בעסער. זענען מיר געווען איין פאָלק ווי עס שטייט אין חומש: „איז די גאַנצע ערד געווען איין שפּראַך און איינע ווערטער". אַזוי איז אונדזער ייִדיש פאָלק געווען מיט איין שפּראַך און מיט איינע ווערטער און מיט די זעלביקע פּסיכישע און מאָראַלישע אייגנשאַפטן. זענען מיר געווען איין פאָלק מיט אַלע באַזונדערע אינדיווידועלע ניואַנסן פאַר יחידים, פאַר שטעטלעך און פאַר ראַיאָנען.

די צרה האָט זיך אָנגעהויבן ווען מען האָט זיך דערטראַכט צו בויען...

אַ שטאַט. די אורבאַניזאַציע האָט אונטערגעגראָבן די פונדאַמענטן פון אונ־דזער דורותדיקן קיום...

***

און זאָל מען נישט זאָגן, די רעליגיע האָט אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק און זי וועט דאָס אויך ווייטער טאָן... מיט גאָטס הילף...

דאָ האָט מען פשוט פאַרביטן די יוצרות: מען האָט פאַרביטן די סיבה מיט דער תולדה. נישט די רעליגיע האָט אויפגעהאַלטן די גאַנצקייט און איינ־הייטלעכקייט פון ייִדישקייט, נאָר פונקט פאַרקערט: דאָס גאַנצע, איינהייט־לעכע לעבן אין שטעטל האָט אַנטוויקלט און אויפגעהאַלטן די רעליגיע... לאָז מיר בעסער אַוועקוואַרפן דאָס מאָדערנע וואָרט „רעליגיע" — עס איז אַ פרעמד וואָרט ביי אונדז און עס פלאָנטערט אונדז נאָר. מיר האָבן שוין אין ערשטן טייל געלערנט, אַז אונדזער ייִדישקייט דאָס איז די רעליגיע. דאָס גאַנצע שטעטלשע לעבן איז געווען אונדזער רעליגיע. אַלדאָס ייִדישקייט, אַלץ וואָס עס שיידט אונדז אָפּ פון אַנדערע פעלקער — אַלדאָס איז איז אונדזער ייִדיש־קייט און דאָס איז אונדזער רעליגיע. מיר טאָרן נישט מאַכן קיין שום הבדלה צווישן ייִדישקייט און ייִדישער רעליגיע. מען דערציילט, אַז ווען בן יהודה איז געקומען צו דעם גרויסן רב און דעם ערשטן (כמעט) רעליגיעזן ציוניסט און האָט גענומען רעדן העברעיִש, האָט אים ר' שמואל מאָהיליווער געזאָגט: „איך בעט אייך, רעדט ווי אַלע ייִדן רעדן". אָט אין דעם איז געלעגן דער כלל: ווי אַלע ייִדן דאָס איז ייִדישקייט וואָס מען דאַרף היטן ווי די רעליגיע פון ייִדישן פאָלק.

און דווקא האָבן דאָס אונדזערע פרומע און גאָטספאַרכטיקע פאַרטיידי־קער פון „רעליגיע" אַריינגעטראָגן אָט דעם פלאָנטער. זיי האָבן אָפּגעטאָן איין קליינקייט: די שטעטלשע ייִדישקייט האָט מען געקענט פאַרמולירן אָט אַזוי: גאָר די ייִדישקייט איז אונדזער רעליגיע. זענען געקומען אונדזערע היינטיקע רעליגיעזע און איבערגעקערט די פאָרמול מיטן קאָפּ אַראָפּ. זיי לערנען אָט אַזוי: נאָר די רעליגיע איז אונדזער גאַנצע ייִדישקייט. און דער פשט פון דער פאָר־מול איז אַזאַ: מער ווי דאָס וואָס עס איז פאַרשריבן אין שולחן ערוך דאַרפן מיר נישט. מעג מען פאַרוואַרפן דאָס ייִדישע לשון, מעג מען אויסליידיקן זיך פון דורות ייִדישקייט, אַבי מען איז מקיים דאָס פאַרשריבענע... און מיט דעם פאַרשריבענעם מאַכט מען אויך אַ מין... היתר עסקא אַזאַ. למשל: האָט מען מיט חילול שבת בפרהסיא שטילערהייט שלום געמאַכט. דערפאַר אָבער האָט מען דערהויבן די יאַרמלקע למעלה ראש!... מען וואָלט דאָ געקענט מאַכן אַ

שאַרפֿע סאַטירע, נאָר עס איז מיר דאָס האַרץ נישט דערביי. די טראַגעדיע איז דאָ אין דעם: די רעליגיעזע ייִדן מאַכן אַ מין יד אחת מיט די אַסימילאַטאָרן: מען מעג זיך אָפּזאָגן פֿון אַלע ייִדישע טראַדיציעס, פֿון דער גאַנצער דורות־דיקער ייִדישקייט, מען קען זיך פֿירן און לעבן ווי אַלע נישט־ייִדן פֿירן זיך, און דערביי יוצא זײַן פֿאַר ייִדישקייט מיט אַ קליינער צאָל פֿאַרפֿליכטונגען, איבערהויפּט אין סינאַגאָג. אָבער די פֿאַרענדיקטע שטעטל־תּקופֿה האָט דאָך אונדז געלאָזן עפּעס אַ רײַכע קולטור. איז וואָס איז מכוח דעם?

— חס ושלום, ענטפֿערן אייך די רעליגיעזע! — מען טאָר דאָס גאָר נישט: עס שטייט בפֿירוש אַזוי און אַזוי... איז מען פּטור... אַזוי האָט אַמאָל געזאָגט אויך אַ קלוגער מאַכמעדאַנער: אויב עס איז נישטאָ אין קאָראַן, איז דאָך דאָס געוויס טריף... און אַזוי אַרום קומט אויס אַז אונדזערע רעליגיעזע חזרן איבער וואָס מען האָט שוין פֿאַרצייטן געטאָן ביי אונדז עטלעכע מאָל, און אַלעמאָל האָט עס אָפּגעשניטן גרויסע טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק: זיי טיילן אָפּ רעליגיע פֿון דורותדיקער ייִדישקייט. מען קען דאָ אַפֿילו נוצן פֿאַרצייטי־קע טערמינאָלאָגיע: זיי נעמען אָן די תּורה שבכתב (פֿון שולחן ערוך) און זיי וואַרפֿן אָפּ אַלץ וואָס עס איז בעל פּה (נישט פֿאַרשריבן אין שולחן ערוך). ווהין דאָס פֿירט — דאָס האָט אונדז די געשיכטע גוט אויסגעלערנט. צו קיין ייִדישקייט זיכער נישט.

ווי זעט אויס די ייִדישקייט ביי אָט די מאָדערן־פֿרומע ייִדן? ווי איז זייער צוגעבונדנקייט צום ייִדישן פֿאָלק, צום ייִדישן ייִדן??

— אָט גייען הינטער מיר צוויי יונגע פֿרויען שפּאַצירן, די קעפּ צוגע־דעקט מיט עפּעס אַזוינע מאָדנע צודעקס, וואָס איך קען עס נישט אָנרופֿן. זיי רעדן צווישן זיך הויך ענגליש. איך הער זיך צו: מען רעדט וועגן בלוזקעס און מאָדעס. זיי זענען באַקאַנטע און איך פֿאַרפֿיר מיט זיי אַ שמועס. זיי זע־נען מאָדערן, זיי ווייסן זייער גוט פֿון אַלע קינאָ־אַרטיסטן, זיי לייענען ענג־לישע ביכער. איך פֿרעג צי זיי האָבן עפּעס באַקאַנטשאַפֿט מיט ייִדן און מיט ייִדישע ביכער? קיין ייִדישע ליטעראַטור טאָר מען נישט לייענען, עס איז „טריף פּסול", זאָגט מיר איינע פֿון זיי... נישט דיסקוטירט ווייטער. אָבער מיט וואָס זענען זיי מער ייִדן ווי יעדער פֿרומע אַנגלאָסאַקסישע נישט־ייִדי־שע פֿרוי? מיט וואָס איז זי מער ייִד? זיי האָבן דאָך מיך פֿיינט. זיי האָבן דאָך זיכער פֿיינט זייערע עלטערן די נישט־פֿרומע, די זיידעס און די באָבעס. אַלע שלום־עליכמס טיפּן זענען זיי פֿרעמד, פֿרעמד און אפֿשר אומסימפּאַטיש. האָבן זיי דאָך פֿיינט דאָס גאַנצע אָריגינעלע ייִדישע פֿאָלק. צו וואָסער פֿאָלק געהערן זיי און אַלע גלייכע צו זיי? צום ייִדישן זיכער נישט, אַפֿילו מיט די צוגעדעקטע קעפּ. איך רוק זיך אָפּ און איך טראַכט ווייטער שוין אַליין: אָט

אַזוי קען מען יוצא־זיין פאַר אַלע געטער — מען קען זיך אַסימילירן און פאַרדינען יידישן גן־עדן אויך... איך האָב דרך־ארץ פאַר פרומע יידן, ווי פאַר אַלע אידעיִש אויסגעהאַלטענע בכלל. אָבער איידער מען אַנטוויקלט פרומקייט, מוז מען באַהעפטן קינדער צום לעבעדיקן היינטיקן יידישן פאָלק.

ווי זשע זעט אויס דער דורכשניטלעכער ייד בכלל אין אַמעריקע און ווי זעט ער אויס אַנטקעגן דעם פשוטן פריערדיקן שטעטלשן יידן?

אָט ווען מיר עס באַלד זען.

דער היינטיקער ייד אין די נייע ישובים איז אין אַ סך הינזיכטן דאָס פאַרקערטע פון דעם אַמאָליקן פאָלקסמענטשן. קודם־כל וואַרפט זיך אין די אויגן וואָס ער האָט נישט קיין גלויבן, עס פעלט אים לגמרי עפּעס הייליקס.

בכלל איז אין אימיגראַציע אַ מענטש פרייער פון זיינע געוווינהייטן, פון זיינע טראַדיציעס. קיין נייע הייליקייטן האָט ער נאָך נישט געשאַפן. די נייע באַדינגונגען האָבן ביי דעם געקומענעם יידן צוגענומען זיין שטייגער, אויך זיין רעליגיע, זיינע מינהגים — אַלץ. דערצו האָט ער זיך נאָך איבער־גענומען מיט דעם ווולגאַרן פּאָזיטיוויזם, ביזנעס איז בעפאַר אַלץ. היינט ווען גאָט גיט און די ביזנעס גייען אויך נישט שלעכט, איז דאָך שוין זיכער — ער איז דער חכם, ער איז דער קלוגער, דער פקח און היט זיך! ווער איז גלייך צו אים? איז ער דער צענטער פון אַלץ, און אַלץ מיט דעם כוח פון זיין עקאָ־נאָמישער הצלחה. בכן איז נישטאָ קיין אַנדער הייליקייט ווי די הצלחה. ווער עס האָט די מאה האָט די דעה, איז שוין ביי יידן אַן אַלטער כלל, היינט אַ פשיטא שוין אין די נייע ישובים. זאָגט טביה — ווער עס איז א פ ש ר רייך, דער איז ז י כ ע ר קלוג. דאָ, אויף דעם קאָנצענטרירט זיך דער ייד אין זיינע נייע ישובים.

נאָך געלט איז דער וויכטיקסטער טרייב־כוח — כבוד. אַ ייד אין די אַמעריקעס אַז גאָט העלפט אים, זשאַלעוועט ער נישט דעם דאָלאַר, אָבער ער וויל דעם שכר מצווה נישט אויף יענער וועלט, נאָר באַלד אויף דער וועלט טאַקע. און כבוד איז אַ גאַר אַ וויכטיקער סטימול אין דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין די נייע ישובים. דאָס געהערט אויך צו דעם געביט פון ווולגאַרן פּאָזיטיוויזם. דער כבוד־סטימול ווירקט אָבער אויך נאָר דאָרטן ווו עס איז פון פריער געווען אַ טראַדיציע פון צרכי ציבור. עס איז אויך אַ ירידה אין די מאָטיוון, עס איז פרצס „פיר דורות און פיר צוואות”, אָבער דאָך טראַדיציע. דאָרטן ווו די טראַדיציע איז נישטאָ, דאָרטן איז זייער שווער דעם כבוד־סטימול זאָל אַרויסרופן נייע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן.

דער פּראָצענט יידן מיט געזעלשאַפטלעכע יידישע אינטערעסן האַלט אין פאַלן פון דור צו דור. די צאָל יידן ווערט נישט קלענער, אָבער די יידן שאַפן

נישט קיין ציבור, קיין קאָלעקטיוו, זיי האָבן נישט קיין קאָלעקטיוו־ייִדישע אינטערעסן; זיי וואָלטן גערן געוועט צו פאַרגעסן זייער אָנגעהעריקייט צום ייִדישן קאָלעקטיוו בכלל. העכסטנס וועלן זיי אָנערקענען זייער אָנגעהערי־קייט צו דער ייִדישער סינאַגאָג. דער אידייענגאַנג איז דאָ אַזאַ: לעולם איז מען אַן אַמעריקאַנער. קיינע אַנדערע שייכותן, אַפילו נישט די מדינה ישראל, קיינע פּראָבלעמען פון אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט, כל־זמן מען מיינט נישט זיי דירעקט, קיינע הילפרופן פאַר ייִדן אין אַנדערע לענדער. מען וועט זיך אַפילו באַליידיקן, וואָס מען דערמאָנט זיי גאָר אַזוינע זאַכן. נישט זייער ציג, נישט זייער חנוכה־ליכט. מער נישט — יעדער אַמעריקאַנער האָט זיך זיין קלויסטער, האָבן זיי אויך זייער קלויסטער, וואָס מען רופט דאָס סינאַגאָג. דאָס אַלץ. נישט אומזיסט האָבן ייִדן אין אַמעריקע אַ מנהג: צו יעדער ייִדי־שער אונטערנעמונג דאַרף מען האָבן אַ הכשר, אַ „גוטהייסונג" פון אַ חשובן גוי. אויב גויים האַלטן פון דעם, מעגן שוין ייִדן אויך האַלטן.

אַמאָל האָבן ייִדן אין ייִדישע שטעטלעך געהאַט אַ שבת־גוי. זוכן ייִדן איצט אין די נייע ישובים אַ י ו ם ־ ט ו ב ־ ג ו י. מער נישט וואָס די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן צווישן דעם ייִדן און גוי האָבן זיך דיאַמעטראַל געענדערט.

דער דאָזיקער „נייער", מאָדערנער ייִד איז אַן עם־הארץ, ער קען נישט און ווייס נישט פון ייִדישקייט גאָרנישט. עס איז אָבער אַ גוואַלדיקער אונ־טערשייד צווישן דעם אַמאָליקן עם־הארץ און דעם הייַנטיקן. דער הייַנטיקער איז שטאָלץ מיט זיין עם־ארצישקייט, ער איז האָפּערדיק: ער איז אַזוי אַמע־ריקאַניזירט, אַזוי אַמעריקאַניש, ער וועט אָנערקענען די נייטיקייט פון אַן אינטעלעקטועלן ייִדן צו קענען שפּראַכן און קולטורן, אָבער נישט ייִדיש. ער וועט מיט שטאָלץ מעלדן אייך — קיין ייִדישן אלף ווייס ער נישט. עס קומט אויס ביי אים, אַז זיין אינטעליגענץ, זיין אַמעריקאַנישקייט איז פּראָפּאָרציאָ־נעל צו זיין ייִדישער עם־ארצישקייט. דער פּסיכישער צושטאַנד, דאָס זעלבסט־געפיל פון דעם נייעם עם־הארץ איז פאַרקערט צום געפיל פון אַמאָליקן עם־הארץ. עס קען דערגיין ביז אַ מדרגה פון פּרעכער עם־ארצישקייט, וואָס דער־נענטערט זיך צו גראָב־יונגישקייט. עס קומט ביי אים אויס, אַז אַלץ וואָס האָט יאָ אַ שייכות צו ייִדישקייט איז קנאַפּווערטיק, וואָס אים שטייט גאָר־נישט אָן דערמיט זיך צו פאַרנעמען, נישט פאַר זיין כבוד. וועלן מיר דאָ נישט נוצן דעם טערמין גראָבער יונג, מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט אַ מאָדערנערן, איידעלערן באַגריף „סנאָביזם".

דאָס איז מכוח דער ייִדישקייט פון דעם הייַנטיקן אַמעריקאַנער ייִד. וואָס איז בנוגע צו זיין אַמעריקאַנישקייט? דאָ איז ער אַ מאַסן־מענטש. מיר פלעגן

אַמאָל נוצן דאָס וואָרט פאָלקסמאַסן, אָבער מיט אַן אַנדער באַטייט, גאָר אַנ־דערש. דעמאָלט האָבן מיר געהאַט אַ יידישע מאַסע, ריכטיקער — אַ מאַסיוו — אַ קאָלעקטיוו מענטשן, וואָס איטלעכער יחיד אין אים איז שטאַרק באַ־העפט צום צווייטן, ווי די באַזונדערע זעמדעלעך אין אַ בעטאָנשטיין. און דער גאַנצער מאַסיוו איז געווען אַ יידישער. קיין נישט־יידישע עלעמענטן זענען דאָ לגמרי נישט געווען, אויב נישט רעכענען דעם שבת־גוי.

ווידער איז די מאַסע נישט געווען אַזוי שטאַרק, זי האָט געלאָזן גענוג אָרט פאַרן אינדיווידו, פאַר זיין פריוואַטן לעבן. די היים איז געווען פריוואַט, דאָס אָנטאָן זיך וכדומה. גאָר אַנדערש איז די מאַסע איצט. זי איז קודם־כל נישט אין פאַרגלייך גרעסער, ברייטער. וואָס גרעסער דער שטראָם אַלץ שווע־רער איז זיך קעגנצושטעלן קעגן אים. צווייטנס, איז די מאַסע אַריינגעדרונ־גען אין אַלע געביטן פון לעבן: אַלץ ווערט צוגעגרייט פאַר מאַסן, פאַר מי־ליאָנען: בגדים, שיך, עסנוואַרג — אַלץ ווערט אויסגעפּאַרטיקט פאַר מאַסן, נישטאָ קיין אָרט פאַרן אינדיווידו און פאַר זיין געשמאַק. פאַרווייַלונגען, פאַר־ברענגען — אַלץ ווערט דערלאַנגט פאַרטיקערהייט, אין שטוב אַריין. געדאַנ־קען, מיינונגען, טעאָריעס — אַלץ ווערט דיקטירט דורך דער מאַסן־פּראָדוק־ציע פאַר דעם מאַסן־געברויך. בגדים אָנצוטאָן, מאכלים צו עסן, געדאַנקען און מיינונגען אַרויסצוזאָגן, פאַרווייַלונגען צו פאַרברענגען, ביכער צו לייע־נען, לידער צו זינגען — אַלץ ווערט דיקטירט דורך דער מאַסן־פּראָדוקציע. דער יחיד איז ווי אַ קליין שפּענדל אין אַ גרויסן שטראָם.

און די מאַסע איז נישט קיין יידישע. אין דער גרויסער מאַסע ווערט דאָס יידישע לגמרי פאַרלוירן. נישטאָ ביי דעם מאַסן־יידן קיין כוח און אויך נישט קיין ווילן צו לאָזן זיין שיפל שווימען אין אַ קליין ריטשקעלע ווען דער גרויסער טייך שלינגט, ציט און טראָגט.

דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון שטייגער וואָס טראָגט דעם נאָמען „קול־טור" איז היינט אַ סחורה וואָס מען קויפט זייער וואָלוול איין. דער געברוי־כער איז פאַסיוו. בעת דער אַמאָליקער מאַסן־ייד האָט זיין קולטור אַליין גע־דאַרפט זיך שאַפן: זינגען — איז אַליין, טאַנצן אַליין, לייענען אַליין, אַלץ אַליין.

די היינטיקע שול, די גאַנצע דערציִונג איז אַ מאַסאָווע: אַלע טעקסטן זענען צוגעגרייט פאַרטיק פאַר מיליאָנען און יוצא; מיינונגען, געדאַנקען — לערן אויס פון בוך און געדענק. וועגן אַליין דענקען, וועגן אַליין שאַפן איי־גענע געדאַנקען, וועגן טראַכטן אַליין — דאָס ווילן נישט די שולן, דאָס קען אפשר שעדלעך זיין פאַר דעם מאַסן־כאַראַקטער פון דער היינטיקער געזעל־שאַפט.

קולטור איז נישט קיין זאַך פון דרויסן, עס דאַרף אַרויסקוועלן פון לעבן, פון דעם מענטשן דירעקט. דאָס וואָס מען האַנדלט איין פאַר געלט איז שוין נישט קיין קולטור, עס איז סחורה. דער אונטערשייד — עפּל אין פּרוכט־גאָרטן און עפּל — אין קראָם ווו מען קויפט איינגעוויקלט אין פּאַפּירלעך, זיי זאָלן נישט צופוילן. די גרויסע ציוויליזאַציע האָט דערשטיקט די קולטור בכלל און די ייִדישע איבערהויפּט. דאָס איז די טראַגעדיע פון דער אורבאַניזאַציע. וואָס רייכער און מעכטיקער עס איז די ציוויליזאַציע, אַלץ אָרעמער ווערט די קולטור, און טאָפּל אָרעם ווערט די ייִדישע קולטור.

צי האָבן די סנאָביסטישע ייִדן אַן ייִדישער קולטור אַוואָסער עס איז אַנדער קולטור? איך ספק זייער. אָפט דוכט זיך מיר, אַז זיי פאַרמאָגן אויך נישט קיין אמתע קולטור פון דעם הויפּט־פאָלק אין לאַנד וואָס זיין שפּראַך רעדן זיי. און אָט פון וואַנען איך נעם צו ספקן: קולטור, ווי שוין געזאָגט, איז אַן אַקטיווער פּראָצעס פון פירן זיך, פון אויסלעבן זיך. קיין פּאַסיווע קולטור, קיין קולטור פון קוקן און הערן אַליין איז נישטאָ. אָט די אַקטיווע קולטור קען מען נישט אויסלערנען — נישט אין קלאַסן און נישט אין שולן, נישט פון לעקציעס און נישט פון רעפעראַטן. מען קען זי בלויז איבערנעמען פון לעבן דירעקט. ווער עס האָט אַזאַ נאַטירלעך־דערוואָרבענע קולטור, דער קען איבערנעמען שפּעטער אַ צווייטע קולטור. גלייכן איז עס צו אַ בוים וואָס האָט וואָרצלען, קען מען אויף אים אַרויפגרעפטן אַ נייע קולטור. אַ בוים וואָס האָט נישט קיין וואָרצלען — קען מען אויף אים נישט גרעפטן קיין נייע, קיין אַנדערע קולטורן. דוכט זיך מיר אַז די ייִדן וואָס האָבן אָרגאַניש, נאַטירלעך נישט קיין ייִדישע קולטור פון דורות (און אויך נישט קיין נישט־ייִדישע קולטור פון דורות) — אַזוינע ייִדן קענען נישט האָבן אויך די נישט־ייִדישע קולטורן, וואָס איר שפּראַך רעדן זיי. זיי רעדן אַ שפּראַך, אָבער זיי פאַרמאָגן נישט דאָס אינטימע פון דער שפּראַך, זיי מאַכן נאָך קולטור־שטייגער און עס איז נאָכגעמאַכט, נישט אָרגאַניש. זיי לייענען ליטעראַטור, אָבער די נשמה פון אָט דער געלייענטער ליטעראַטור בלייבט פאַר זיי אַ פרעמדע. זיי נעמען נאָר די שאָלעכץ פון דער פרעמדער קולטור. זיי רעדן וועגן קולטור־אינטערעסן פון דער גרויסער מאַסע, זיי ווילן נישט דורכלאָזן קיין בעסטסעלער, אָבער אָרגאַניש איז עס זיי פרעמד, עס האָט נישט קיין אַסאָציאַציעס מיט זייער אינטים לעבן. בלייבט דאָס לעבן אָן אַן אָרגאַנישער קולטור, נישט די און נישט יענע — נישט קיין ייִדישע קולטור און נישט די פון הויפּט־פאָלק.

סיידן — אין דריטן, אין פערטן דור, אָדער סיידן זיי האָבן ייִדישע וואָרצלען אין לעבן, אפשר פון זייערע עלטער־זיידעס. מען טאָר נישט פאַרגעסן: אַ צוואַנציק־יאָריקער ייִד איז פיזיש טאַקע נישט מער ווי צוואַנציק יאָר

אַלט, אָבער גייסטיק טראָגט ער אין זיך ירושות פון אַ סך דורות, ער איז אַ סך עלטער ווי ער פערזענלעך ציילט זיינע יאָרן. דער כלל איז: אַן קולטור אין פּאַקטישן לעבן, קען מען נישט אויפנעמען, נישט פאַרדייען קיין נייע, קיין פרעמדע קולטור. אַזוינע מענטשן אַן אָרגאַנישער, היימישער איינגעלעבטער (נישט בלויז אויסגעלערנטער) קולטור קענען לערנען זייער פיל, קענען זיין באַלייענט — גייענדיקע ביבליאָטעקן, און דאָך קענען זיי נישט פאַרדייען קיין קולטור. זעך מיט וויסן זענען זיי. און געגליכן זענען זיי צו מענטשן וואָס זייער קראַנקער מאָגן קען נישט פאַרדייען קיין פיזישע שפּייז. וואָס איז די פעולה פון לערנען און פון לייענען? קיין אָרגאַנישן וווקס, קיין אַנטוויקלונג וועט די נשמה נישט האָבן פון דעם לערנען און פון לייענען. קולטור האָט תמיד אַ נשמה און אַ שאָלעכץ. קולטור לעבט אין די נשמות פון מענטשן. די ווערטער, די אַנדערע מיטלען פון אויסדרוק זענען די שאָלעכץ. אינהאַלט און פאָרעם, מענטש און זיינע בגדים, אָבער די זעלביקע בגדים קען טראָגן אַ טויטער מאַנעקען. פאַראַן מענטשן וואָס האָבן אַ סך געלערנט, אַ סך געלייענט, און עס איז געבליבן ליגן אין זכרון אָט אַזוי רוי, ווי זיי האָבן דאָס איינגעשלונגען, עס האָט נישט אַרויסגערופן ביי דעם מענטשן קיין אייגענע, זיינע געדאַנקען. ער קען געדענקען וואָס דער און יענער, וואָס אַלע גרויסע לייט פון דער וועלט האָבן געזאָגט, אָבער ער אַליין האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן און קען גאָרנישט זאָגן, ער קען בלויז ווי אַ גראַמאָפאָן איבערזאָגן וואָס ער האָט אויסגעלערנט. בעת אַ מענטשנס מוח איז נישט קיין לאָגער פון די בעסטע שטאָפן, נייערט אַ פאַבריק, און אַלץ וואָס דער מענטש נעמט אַריין דאַרף זיין ווי רווישטאָף אין די מאַשינעס, וואָס האַלטן אין איין איבעראַרבעטן די רויִ־שטאָפן.

אָט דאָס נישט קענען איבערקאָכן, פאַרדייען און איבעראַרבעטן דאָס געלערנטע און געלייענטע אין אייגענע שאַפונגען — דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע סימנים פאַר דער אַטראָפיע פון גייסטיקן פאַרדייִ־אַפּאַראַט. און דאָס קומט על פי רוב ווען מען האָדעוועט קינדער אויף מאַטעריאַל פון אַ פרעמדער קולטור. מען זעט, מען הערט, מען לערנט און מען לייענט, און דאָס ווערט פאַרגעסן, אָדער עס בלייבט ליגן ווי אַ טויטער באַלאַסט אין זכרון.

מיר האָבן אויבן געשריבן אַז דער ווערטפולסטער טיפּ איז דער פאָלקס־מענטש (ביי יעדער פאָלק אַזוי). דער יִדישער דורכשניט־מענטש אין אַמע־ריקע איז דער קעגנזאַץ פון דעם. ער איז דער אַנטיפאָלקישער מאַסנמענטש. ווי אַ מאַסנמענטש הערט ער און חזרט איבער אַלע רייד און אַלע געדאַנקען וואָס זענען גאַנגבאַר אין דער סביבה אַרום. פרעמדע רייד, פרעמדע געדאַנקען, פרעמדע מיינונגען, פרעמדער געשמאַק, פרעמדע אידייען, אַלץ נאָכגעמאַכט,

אַלץ קאַפּירט, אַלץ סוראָגאַט, טאַנדעט צונויפגעשטוקעוועט. אַלץ לויט דעם ווי עס פּאַסט, ווי עס איז די מאָדע ביי לייטן. איין תנאי בלויז: דער אַנגענו־מענער טראַפּאַרעט דאַרף נישט זיין קיין יידישער.

און דערפאַר איז אויך דער דור נישט בלויז אָן אַ גאָט, נאָר אויך אָן אַ פּירער. דעם גאָט האָט אַוועקגערויבט דער פאַלשער, ווולגאַרער פּאָזיטיוויזם אין אַלע זיינע פאַרשיידענע געשטאַלטן. דער טיפּ ייד קען אויך נישט האָבן קיין פירער, קיין יידישן פירער. פאַראַן אין דער גמרא נישט זעלטן דער אויסדרוק „לא אכשרא דרא". לאָמיר זאָגן — משיח וואָלט שוין געקומען, נאָר דער דור איז נישט געווען מסוגל אים אויפצונעמען, נישט ווערט געווען, נישט פעיק געווען, — מיט איין וואָרט — דער דור האָט נישט געקאָנט אויפ־נעמען.

אָט די קללה איז געקומען אויף אונדז איצט. עס קען זיין אַ רבי ווען עס זענען דאָ חסידים; עס קען זיין אַ לערער, ווען ער האָט תלמידים. ווען מען זאָל האָבן אַן אָביעקטיווע און אַבסאָלוטע מאָס פאַר מענטשלעכער גרויס־קייט, ווייס איך נישט, צי זענען אַלע גרויסע און אַנערקענטע פירער אונ־דזערע פון אַמאָל געווען טאַקע אַבסאָלוט גרעסער פון אַלע היינטיקע מ ע ג ־ ל ע כ ע פירערס. אָפט דוכט זיך מיר אַז מיר וואָלטן געקאָנט האָבן אויך היינט אַן אחד־העם און אַ חפץ־חיים און נאָך און נאָך, נאָר לא אכשרא דרא — אונדזער דור איז נישט מסוגל אויפצונעמען אַ יידישן פירער. איבערהויפּט איז דאָס געוואָרן געוואָרן ווענן די וועלטלעכע יידן און ווענן די גאַנץ און האַלב־אַסימילירטע יידן. די וועלן באַדאַי דינגען אַ גוי, ער זאָל זיין אַ מגיד פאַר יידן און... אַ גוטער בעטער, הלוואי זאָל מען נישט דאַרפן. קענען נאָך זיך האַלטן חסידישע רביים, געבליבענע פון אַמאָל. קיין נייע וועלן שוין נישט אויפקומען. האָט נאָך געקאָנט זיין אַ דערשיינונג פון אַ „חזון איש". האָט אַמאָל געקאָנט זיין ביי וועלטלעכע יידן אַ פּרץ־קולט. האָבן יונגע יידן אַמאָל געקאָנט אויסשפּאַנען די פערד און וואָגן, וואָס האָט געפירט אַ מענדעלע־מוכר־ספרים און טראָגן אויף די פּלייצעס זיין וואָגן. האָבן יונגעלייט געקאָנט גיין צופוס צענדליקער קילאָמעטער כדי אַ קוק צו טאָן אויף שלום־עליכמען.

נישטאָ דאָס היינט. און בפירוש זענען יאָ געווען און אפשר זענען זיי אויך איצט נאָך דאָ אַזוינע וואָס וואָלטן געקאָנט זאָגן דעם דור אַ ניי וואָרט, אַ ריכטיק וואָרט, — נאָר מחמת די זינד פון דור, קומט עס נישט צו שטאַנד.

דאָס איז דער ערשטער סימן פון צעפאַלונג. קען זיין אַז דער פירער איז בלויז די פאַן וואָס ווערט געטראָגן דורך דער מאַסע, דער פּלאַקאַט וואָס מען טראָגן פאַרויס, אָבער אַ מאַסע אָן אַ פירער ווערט אַ המון, דער פירער — דאָס איז דער צעמענט, וואָס קלעפּט צונויף אַ זאַמד אין אַ פעלדז. אָן אַ

פירער ווערט פון אַ גאַנץ, צעמענטירט פאָלק אַ צעשאָטענער זאַמד. ייִדן וועלן זיין, צי מיט אָדער אָן אַ באַצייכענונג אין פאַס, אָבער קיין ייִדנטום וועלן זיי נישט שאַפן. עס איז שווער געווען אָנצושרייבן אָט דעם לעצטן זאַץ, אָבער וואָס זאָל מען טאָן? סיידן... גאָט ווייס.

יאָ, זיכער איז דער היינטיקער דורכשניט־ייִד שענער, בעסער אָנגעטקליידט, וועלטישער, מיט אַ טעלעפאָן און ראַדיאָ און נאָך מאָדערנע זאַכן. אָבער:

דער אַמאָליקער פשוטער ייִד און זיין גאַנצע סביבה איז געווען געגליכן צום שוואַרצן ערדישן באָדן. ער גלאַנצט נישט לגמרי, אָבער ער איז פרוכטבאַר. בעת דעם היינטיקן דורכשניט ייִדן אַפילו דעם געבילדעטן וואָלט איך פאַרגליכן צו אַ שטאָלצן האַרטן און פעסטן פעלדז, וואָס גלאַנצט אַנטקעגן דער זון... אָבער ער איז פרוכטלאָז. קיין זאַך וואַקסט אויף אים נישט.

אָפּשנײַדער פֿון ייִדישקייט

אויב ייִדישקייט וואָלט געווען אַן אָפּגעשניטענע, וואָלט
זי זיך נישט געקאָנט האַלטן (עטוואָס געענדערט פֿון תלמוד).

מיר האָבן אין פֿריִערדיקן קאַפּיטל געזען אַז אַפֿילו די פֿרומע, וואָס האַלטן זיך פֿאַר די אײַנציק־אמתע געטרײַע ייִדן, אויך זיי ווילן נישט אָננעמען גאָר די ייִדישקייט ווי זי איז דערגאַנגען צו אונדז אין איר שעפֿערישן שטראָם־פּראָצעס. אויך זיי ווילן זי אָפּשנײַדן — עד כאן נעמען מיר אָן און ווײַטער ווילן מיר נישט! איז עס בײַ אונדז אַ מאָדנע דערשײַנונג: פֿון זינט עס עקזיסטירט דאָס ייִדישע פֿאָלק, גייט אָן אין פֿאָלק גופֿא אַ שטאַרקער געראַנגל צווישן די „המשכיסטן", וואָס פֿאַר זיי איז ייִדישקייט טאַקע אַ שטראָם וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ און צווישן די אָפּשנײַדער, וואָס ווילן די שטראָמיקייט פֿון ייִדישקייט נישט אָנערקענען. פֿאַר זיי איז ייִדישקייט ווי אַ שטייִיק וואַסער, וואָס בײַט זיך נישט, וואָס ענדערט זיך נישט. אָט אַזוי איז ייִדישקייט געווען בײַם באַרג סיני, אָט אַזאַ איז זי געווען אין בית־שני און אַזוי איז זי איצט און אַזוי מוז זי בלײַבן אויך ווײַטער, ביז דער אייביקייט.

משה־רבינו נאָך קלאָגט זיך אַז ייִדן זענען אַן עם קשה עורף — עקשנים. אָבער ער אַליין   משה הייסט עס, איז אויך געווען נישט קיין קלענערער עקשן: ער האָט אין זײַן גרויסן חלום געזען אַ וויזיע פֿון אַ גוי קדוש און ממלכת כוהנים. האָט ער גענומען אַ פֿאָלק פֿון קנעכט און האָט עס געוואָלט איבערשמידן, עפּעס שאַפֿן פֿון זיי אַזאַ מין פֿאָלק, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געזען און וואָס ער — דער גרויסער וויזיאָנער — האָט עס אויך נאָר אין חלום געקענט זען. און ער לאָזט נישט אָפּ. דאָס פֿאָלק — ווי אַלע פֿעלקער — וויל לעבן פּשוטער, אָן שווערעקייטן, ווי אַלע לעבן. אָבער אָט דער שטרענגער משה — ער לאָזט נישט: רק מען טאָר נישט, רק מען מוז אײַנהאַלטן זיך, אײַנצאַמען, ווײַל מען טאָר נישט און מען טאָר נישט און מען טאָר דאָך פֿאָרט נישט!... און אַרום לעבן פֿעלקער פֿרײַ און צופֿרידן — אַלץ מעג מען, אַלץ וואָס עס גלוסט איז כשר און גוט. און טאָמער איז עס שווין פֿאַר די גוטע געטער אויך צו פֿיל, נעמט מען פֿאַר אַ שותּף גאָט גופֿא, און דעמאָלט מעג מען דאָך זיכער אַלץ — ס'איז דאָך פֿאַר גאָט! גאָט האָט ליב! און די זיסע געטער דערלויבן אַלץ וואָס עס איז געשמאַק, אַלע אינסטינקטן און אַלע פֿאַר־

לאַנגעז. און דאָ — „גאָר איר זאָלט זיך נישט אָפּנייגן נאָך די גלוסטונגען פון אייער האַרץ און נאָך אייערע אויגן!"; צאַמט נאָר זיך, האַלט אָפּ זיך... נו, ווי קען מען עס פאַרלאַנגען? און אַזוי ציט זיך יאָרהונדערטער און יאָר־טויזנטער. איז נאָך ווייניק משה עקשנות, זענען שפּעטער געקומען נאָך און נאָך טרוימער־נביאים... זענען נאָך שפּעטער געקומען נאָך און נאָך — אַ צוים אַרום אַ צוים, אַ פעסטונג אַרום אַ פעסטונג, אַלץ שווערער געמאַכט... איז טאַקע „שווער צו זיין אַ ייִד" און אַלץ שווערער, אַלץ ווייטער אַנטוויקלט וואָס משה האָט אָנגעהויבן... האָט טאַקע דאָס רוב פון פאָלק נישט אויסגע־האַלטן, אַוועק ווו עס איז גרינגער, צו די וואָס זייערע געטער האָבן אויך ליב דאָס וואָס מענטשן האָבן ליב...

און ביי די וואָס זענען געבליבן ציט זיך ווידער און ווייטער די זעלביקע מחלוקת: זע די שווערע ייִדישקייט האַלט גאָר אין וואַקסן! ווילן מיר נישט! מילא, וואָס ביז אַהער איז שוין פאַרפאַלן, אָבער נאָך? — דאָס נישט! ווילן מיר ככל הגויים! פּטור און אַ סוף!

אין כמעט אַלע היסטאָרישע מחלוקתן טרעטן די צדדים אַרויס קלאָרער אין די ערשטע סטאַדיעס. שפּעטער ווערן די אידייען פאַרקאָמפּליצירט, אָפט אַפילו ביז נישט צו דערקענען די אמתע מאָטיוון. אויך דאָ אַזוי: די ערשטע אָפּשניידער מיט אַ טעאָריע, מיט באַגרינדונגען זענען מסתמא געווען די צדו־קים. הגם זייערע שריפטן האָט דאָס פאָלק נישט איינגעהיט (עס זענען אָבער פאַראַן פעסטע שפּורן). זיי האָבן נישט געוואָלט. געוונג דאָס וואָס עס איז פאַרשריבן, צו וואָס נאָך? איי, ייִדן האָבן זייער פיר, זייער שטייגער, זייערע בייע שאַפונגען — וועמען גייט עס אָן? ווער דאַרף דאָס? ניין, מער ווי דאָס וואָס עס איז פאַרשריבן ווילן מיר נישט און יוצא! און פאַרקערט, זעט, אדרבא, ווי שטרענג מיר היטן דאָס פאַרשריבענע! בעסער פון אייך! טאָ ווער זענען די אמתע ייִדן? מיר צי איר?... אָט אַזוי האָבן געטענהט די ערשטע אָפּשניידער, די צדוקים און אַזוי טענהן אויך די הײַנטיקע אָפּשניידער. איר זאָגט אַז עס און דאָ נאָך ייִדישע קולטור, געשאַפן נאָך דעם פאַרשריבענעם שולחן־ערוך, ניין, דאָס איז שוין נישט פון גאָט! און מיר טאָרן דאָס גאָר נישט אָנ־נעמען!... אָט אַזוי איז ייִדישקייט תמיד צעשפּאָלטן. צייטן בייטן זיך, עס ענדערן זיך פאָרמען פון לעבן, ייִדן בייטן לענדער, — און די מחלוקת בלייבט ווידער די זעלביקע. עס קענען זיך בייטן די נעמען פון די צדדים, אָבער דער תוך בלייבט דער זעלביקער — המשך אָדער אָפּשניידן.

און די אָפּשניידערס זענען פון פאַרשיידענע מינים: פאַראַן אָפּשניידערס וואָס געזעגענען זיך אין גאַנצן מיט ייִדישקייט — לאָזט אונדז צו רו! אין אַמעריקע זענען מיר אַמעריקאַנער, אין מעקסיקע װעלן מיר זיין מעקסיקאַ־

נער און געענדיקט. דאָס זענען משומדים אָן שמד. זיי זענען ייִדן נאָר פאַר... אַנטיסעמיטן.

פאַראַן נאָך אַ ביסל, אַ רעשטל פון יענע ייִדן וואָס האָבן געטענהט: „יהודי בביתך ואדם בצאתך"־ייִדישקייט דאַרף זײַן נאָר אין דער היים, בעת קיינער זעט נישט. אין גאַס, אין דער וועלט דאַרף מען זײַן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך. וועלן מיר נישט דיסקוטירן מיט דער פאָרמול. דער עיקר — זי האַלט נישט אויס: די גאַס באַהערשט די שטוב און ייִדישקייט בלייבט נישט דאָ און נישט דאָרטן. עס טרעפט נאָך אָפט פאַרקערט: אין דער עפנטלעכקייט טרעפט מען זיך מיט ייִדן. די גויים אפילו, אויב זיי האַנדלען מיט ייִדן, האַלטן זיך אָבער שפּעטער נאָך די געשעפטן ווײַט פון זיי, בלייבט מען צווישן ייִדן. ווי זאָגט מען — מאַכן אַ לעבן מאַכט מען טאַקע פון נישט־ייִדן בעסער ווי מיט ייִדן, אָבער אויסלעבן ־זיך — דאָס מוז מען שוין אָנקומען צו ייִדן. און צווישן ייִדן איז מען ייִדישלעך, רעדט מען וועגן ייִדישע ענינים, טוט מען עפּעס. אָבער אין שטוב — דאָ איז שוין גאָרנישטאָ, קיין סימן נישט פון ייִדישקייט. איז געוואָרן די פאָרמול גאָר פאַרקערט: יהודי בצאתך ואדם בביתך. אָבער אַזוי ווי סתם אַן „אדם" איז דאָך נישטאָ, ווערט די שטוב אין גאַנצן טאַקע פאַרגויִישט. גיסט זיך אָט די גרופּע אַרײַן אין דער פריִערדיקער, מען גייט איבער אין לאַגער פון די „כופרים" — אויסגעייִדישטע ייִדן.

וועגן די פרומע אָפּשניידערס פון ייִדישקייט האָבן מיר שוין גערעדט פריִער. עס בלייבט אונדז נאָך צו רעדן וועגן דעם וועלטלעכן שטראָם אין ייִדישקייט. וועט וועגן דעם זײַן אַ באַזונדערער קאַפּיטל. דערווײַל וועלן מיר דאָ אָנרירן נאָר בקיצור די „ווערבאַלע" ייִדישקייט. ווי געזאָגט פריִער, איז ייִדישקייט געוואָרן ביסלעכווייז אַ געזעלשאַפטלעכער ענין — אויף פאַרזאַמלונגען און אויף מיטינגען, אין אָרגאַניזאַציעס און אין פּאַרטייען; גרופּעס און כדומה. און אויף מיטינגען — וואָס טוט מען? מען רעדט דאָך, איבערהויפּט מען רעדט, דער עיקר איז דאָך אין די רייד. איז שוין געוואָרן ביי אונדז אַ שטייגער — מען רעדט וועגן ייִדישקייט. ווי ייִדן זאָגן אין דאַוונען: „ונשלמה פרים שפתותינו" — מען איז יוצא מיט רעדן וועגן ייִדישקייט. קען מען זײַן זייער נאַציאָנאַל און אין שטוב זאָל זײַן אָן ייִדישקייט. מען קען זײַן ייִדישיסטן און העברעיִסטן — הייסע, פאַרברענטע און די קינדער? — סאַמע ענגליש אָדער שפּאַניש. מען קען זײַן ציוניסטן היציקע ביז גאָר, אַזש כדי צו פאַרברענען יענעם אין פלאַמען רייד, מען קען זײַן סאָציאַליסטן אָ קאָמוניסט און וואָס נאָר איר ווילט. אָבער צום שטייגער לעבן אין שטוב האָט עס גאָרנישט קיין שום שייכות. מיטן רעדן איז מען יוצא. דאָס געהערט שוין צום געביט פון אונדזער אויפריכטיקייט און עכטקייט... „מיר טומלען, ברידערלעך,

מיר טומלען" — באַרימט זיך אַ העלד אין אַ רוסישער קאָמעדיע. אַזוי איז מיט אונדז...

געהערט אַמאָל אַ רעדע פֿון אַ לערער, אַז מען דאַרף רעדן ייִדיש אין די היימען. אַ פּלאַם־פֿייערדיקע רעדע געווען. פֿרעג איך נאָך דער רעדע דעם לערער — ווי רעדט איר מיט אייערע קינדער? ווערט ער אַן אַנגעצונדענער: ווער האָט אייך געגעבן רעכט צו מישן זיך אין מיין פּריוואַטן לעבן?! איך באַקום אַ בריוו פֿון אַ ייִדישער שול אויף ספּעציעל־געדרוקטע בריוו־פּאַפּיר. שטייט דאָרטן געדרוקט אונטן: „ייִדן, רעדט מיט אייערע קינדער ייִדיש!". זייער פֿיין, געפֿעלט עס מיר. איז אָבער דער טשוואַק, אַז אַלע לערער פֿון יענער שול רעדן מיט זייערע קינדער שפּאַניש.

דאָס איז די ווערבאַלע ייִדישקייט אונדזערע.

וואָס עס פֿאַרדריסט און עס טוט ווי איז דאָס אָפּשניידן ייִדישקייט אויך מצד גרויסע פֿילאָסאָפֿן־ייִדן. ווער־ווער נאָר זיי האָבן, דאַכט זיך, געמעגט יאָ פֿאַרשטיין דעם גרויסן אונטערשייד צווישן אַנדערע רעליגיעס און צווישן ייִדישקייט. דאַכט זיך, אַז פֿון די עשׂרת־הדברות אַן האַלט ייִדישקייט אין איין שרייען צו ייִדן: מאַכט פֿון מיר נישט קיין רעליגיע ווי אַנדערע רעליגיעס. יענע זענען אַ סיסטעם פֿון אַ וועלט־באַנעם־קרעדאָס, גלויבונגען, דאָגמעס, טעאָלאָגיע. בעת ייִדישקייט איז קודם כּל אַ שטייגער לעבן, רופֿט עס קולטור אָדער ציוויליזאַציע — אַלץ איינס, דער תּוך אָבער בלייבט דער זעלביקער: אָט אַזוי פֿירן זיך ייִדן, אָט אַזוי לעבן ייִדן. ייִדישקייט זאָגט פֿון משה רבינו אָן — זוכט נישט קיין גאָט, זוכט נישט פֿאַר אים קיין פֿאָרמולעס, קיין אַטריבוטן פֿאַר אים. אלא זוכט און באַמיט זיך צו געפֿינען דאָס געטלעכע, דאָס דערהויבענע אין קאָסמאָס, זוכט און געפֿינט דאָס אומענדלעכע, דעם אין סוף אין דעם סופֿיקן, שטרעבט אייער מענטשלעכקייט צו דערהייבן ביז צו געטלעכקייט, גלייבט און זוכט צו ברענגען די „מלכות שדי" אויף דער וועלט.

ווער נאָך האָט עס געדאַרפֿט אַזוי באַנעמען ווי די גרויסע, וועלט־באַרימטע פֿילאָסאָפֿן־ייִדן? — איז עס אָבער אַ ווייטיק וואָס דווקא זיי זענען אַוועק זוכן אין ייִדישקייט די רעליגיע־סיסטעם, די אַבסטראַקטע פֿילאָסאָפֿיע, — און זיי זענען געשטרויכלט געוואָרן. מיט דעם לשון פֿון גמרא וואָלט מען געקאָנט זאָגן: „נכנסו לפּרדס" און זענען געניזוקט געוואָרן. מער נישט, איינער — דער רמב"ם — איז נכנס בשלום ויצא בשלום, ספּינאָזאַ אָבער... ער איז ביז פֿיר און צוואַנציק יאָר פֿון זיין קורץ לעבן געזעסן און געלערנט ייִדישע ספֿרים. ער האָט אַ סך געשעפּט פֿון ייִדישע מקורים; ער האָט זיין פּאַנטעיִזם נישט געדאַרפֿט דאָרטן אַ סך זוכן. ער האָט נאָר אפֿשר געדאַרפֿט אַריבערטראָגן דעם צענטער: וואָרום דער גאַנצער אונטערשייד צווישן ספּינאָזאָס פּאַנטעיִזם און דעם ייִדיש־קבליסטישן באַשטייט דאָך אין דעם וואָס ספּינאָזאַ

געפינט גאָט אין קאָסמאָס, בעת די קבלה האָט געזען דעם קאָסמאָס אין גאָט, ווייל „כי הוא מקומו של עולם ואין העולם מקומו". די גאַנצע וועלט, דער קאָסמאָס גאָר און גאָר איז דאָך נישט מער ווי אַ צימצום פון געטלעכקייט.

און נישט געקוקט אויף דעם האָט ספּינאָזאַ געהאַלטן ייִדישקייט פאַר אַ נידעריקערער מדרגה, ווייל זי באַשטייט פון דינים און חוקים, פון געבאָטן און פאַרבאָטן, פון מצוות עשה און לא תעשה. און מחמת דעם איז זי נישט דערגאַנגען ביז צו דער הויך פון „ריינעם גלויבן", ווי דאָס איז קריסטנטום (מאַקס ווינער, ייִוואָ־בלעטער, 23, ז' 59). אין דער זעלביקער צייט האָט דאָך ספּינאָזאַ זייער ריכטיק אָפּגעשאַצט אַז די ייִדישע רעליגיע (ריכטיקער: ייִדישקייט) איז אַ סאָציאַלער אָפּמאַך צווישן דעם פאָלק און זיין גאָט, אַ מין נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע. און ווי אַזאַ קען זי נישט באַשטיין פון פּרינציפּן און פון טעאָרעטישע אמתן, זי מוז פורעמען דאָס לעבן, דעם אויפפיר, דעם שטייגער. אָבער ספּינאָזאַ האָט עס דווקא געהאַלטן פאַר אַ חסרון. ער האָט געזוכט אין ייִדישקייט אַ פילאָסאָפישע סיסטעם מיט דעפיניציעס, מיט אַטריבוטן און טעאָריעס, וואָס פאַרפליכטן אָבער נישט צו קיין מעשים, צו קיין אויפפיר („דווקא", ספּינאָזאַ־נומער). ווי האָט ער עס נישט באַנומען? שווער צו פאַרשטיין. סיידן טאַקע ווי עס דערציילט די גמרא אויף איינעם פון יענע פיר: „הציץ ונפגע" — ער איז געשטרויכלט געוואָרן. ער איז אַוועק, און נאָך אים זענען אַוועק אַ סך. אָט שרייבט אַ פשוטער ייִד: ער קען נישט גלייבן, אַז ער טוט גאָט אַ נחת רוח מיט דעם וואָס ער וועט לייגן תפילין און טראָגן ארבע כנפות (י. כהן, אין „דף", ז' 9). ער מיינט אויך אין זיין נאַיִוקייט, אַז די תפילין און תפילה זענען געמאַכט במקום קרבן פאַר גאָט, וואָס דאַרף דאָס האָבן. ער פאַרשטייט אויך נישט אַז די מצוות און עברות זענען פאַר דעם מענטשן נישט חלילה פאַר גאָט. ער — דער היינטיקער מאָדערנער ייִד — באַנעמט נישט אַז ייִדישקייט קען נישט זיין אָן מצוות און אָן עבירות, אָן מען מוז און מען טאָר. יאָ זיכער, זיי קענען זיך בייטן און זיי מוזן זיך ענדערן לויט דער צייט און תקופה, ווי עס פאָדערט אין יעדער צייט דער ציל פון קיום האומה... האָט אָבער דאָך אַ ספּינאָזאַ געמעגט פאַרשטיין, אַז דאָס ייִדישע פאָלק קען האָבן אַ קיום נאָר דורך זיין באַזונדערן שטייגער לעבן און נישט מיט אַבסטראַקטע אידייען.

דאָס זעלביקע איז געשען מיט אַ צווייטן גרעסטן וועלט־פילאָסאָף פון ייִדישן אָפּשטאַם, שוין טאַקע אין אונדזער צייט. איך האָב אין זינען אַנרי בערגסאָן. דאָס איז געווען אַ גאון, וואָס האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער פילאָסאָפיע. און געשטאָרבן איז ער על קידוש־השם — ווי אַ ייִד אין דער היטלער־תקופה (ער האָט זיך פאַרקילט שטייענדיק אַ קראַנקער אין דער ריי מיט נאָך ייִדן). און געווען איז ער נישט קיין „קדוש בעל כרחו" — אַ גע־

צווונגענער ייִד וואָס גייט צום טויט, ווייל קיין אַנדער ברירה האָט ער נישט. בערגסאָנען האָט דאָך היטלער געשאָנקען דעם „טיטול אַריער" האָנאָריס קאַוזאַ, אַזוי צו זאָגן. אָבער דער פילאָסאָף האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד. נישט אומזיסט שטייט ביי אונדז פאַרשריבן: יש קונה עולמו בשעה אחת. אָבער אין זיין גייסט, לויט זיין אידעאָלאָגיע און געפיל איז בערגסאָן געווען אַ קאַטאָליק ביז זיין טויט. דער אוראייניקל פון ר׳ שמואל זביטקאָווער אין פּראָגע, ביי וואַרשע, דער אייניקל פון דער לעגענדאַרער בעלת־צדקה טעמערל, אין וואַרשע, זאָגט אַליין עדות אויף זיך, אַז ער איז דערגאַנגען ביז קאַטאָליציזם... פאַרשיידן זענען די וועגן אַפילו ביי פילאָסאָפן. ער, דער ייִד, וואָס האָט זיך „לעגאַל" געקאָנט ראַטעווען דאָס לעבן, געקראָגן דאָס „רעכט" ווייטער צו לעבן, ער וויל נישט נעמען דאָס לעבן ווי אַ חסד פון די הענט פון די נאַציס. אָבער ער באַזאָרגט זיך מיט אַ קאַטוילישן „אל מלא" נאָכן טויט. עס איז אים געלעגן אין זינען... מסתמא האָט דער פילאָסאָף געפונען אין קאַטאָליציזם אַ פּערפעקטערע סיסטעם פון גאָט־פילאָסאָפיע, בעת ייִדישקייט וויל עס נישט און באַמיט זיך עס אויסצומיידן. קענטיק אַז דער גרויסער פילאָסאָף האָט מער אפשר געוווּסט פון קאַטאָליציזם איידער פון ייִדישקייט. אָבער ספּינאָזאַ האָט דאָך יאָ געוווּסט. בלייבט אַ קשיאַ.

אויך די משכילים — פריִער אין דייטשלאַנד און שפּעטער אויך אין רוסלאַנד — האָבן געהאַט טענות, פאַרוואָס ייִדישקייט איז נישט קיין „ריינע" רעליגיע, אַ רעליגיע וואָס באַשטייט פון טעאָרעטישע פּרינציפּן, גלויבונגען. אָבער צו וואָס נאָך די מצוות? ווער דאַרף זיי? גאָט? און פאַר מענטשן איז גענוג דער גלויבן, דאָס האַלטן די פּרינציפּן...

פאַרשטייט זיך, עס איז אַ סך גרינגער צו האָבן גלייבונגען און זיך קענען פירן ווי אַלע אַנדערע נישט־ייִדן פירן זיך אין לעבן. אָבער ייִדישקייט האָט דאָך גאָר אַנדערע צילן. ייִדישקייט איז דאָך פּונקט פאַרקערט — אַ שטייגער לעבן און נישט קיין סכום גלייבונגען. אָט האָבן מיר ייִדן מיט אַ „ריינעם" ציוניסטישן, סאָציאַליסטישן און אַנדערע גלויבנס. זיי זענען אַלע „ריינע" זיי פאַרפליכטן צו גאָרנישט אין פּראַקטישן לעבן. עס וואָלט שוין זיכער פון ייִדישקייט קיין זכר נישט געבליבן, מען וואָלט שוין לאַנג געקענט פאַרגעסן אַז עס זענען אַמאָל געווען ייִדן אויף דער וועלט, ווען מען וואָלט זיך לכתחילה באַנוגנט מיט „ריינער" ייִדישקייט, אָן פּראַקטישע געזעצן אין פּערזענלכן לעבן.

איבעריקנס איז דאָך קריסטנטום לכתחילה געווען אַזאַ „ריינע" ייִדישקייט אָן מצוות, אָן שטייגערישע פּראַקטיק, האָט דאָך נאָך פּראַנץ ראָזענצווייג געשריבן, אַז קריסטנטום איז אַ „ייִדישקייט פאַר געצנדינער". און וווהין האָט די „ריינע" רעליגיע פאַרפירט?

קען זיין אַז פילאָסאָפן קענען זיך באַנוגענען מיט אַ ריינער רעליגיע אָן פּראַקטיק, געגנוג די טעאָרעטישע סיסטעם. אָבער אַ פאָלק מוז האָבן אַ פּראַקטיק, יידן מוזן האָבן זייער נאַציאָנאַלע פּראַקטיק אין לעבן, זייער נאַציאָנאַלן שטייגער. אָן דעם קען דאָס יידישע פאָלק נישט עקזיסטירן.

איז זיכער פאַרדראָסיק אָט די באַציִונג פון יידן־פילאָסאָפן צו יידישקייט. אָבער עס איז נישט קיין טראַגעדיע: הלוואי זאָלן מיר האָבן מאָסן פשוטע יידן אָן פילאָסאָפישע סיסטעמען, עם־הארצים־מאָסן מיט אַ יידישן אויפפיר, וואָלטן שוין פון זיי ווי פון דעם פעטן באָדן אויסגעוואַקסן אויך פילאָסאָפיעס און טעאָריעס און קונסטן.

איין זאַך לערן איך אָבער ווי אַ לערער: אויך די גרעסטע דענקער מוזן זיין באַהעפט צו די וואָרצלען פון אַ פאָלק, צו די פשוטע פאָלקישע מאָסן, מיט זייער פאַרזיכיקן שטייגער לעבן. פון דעם קומען אַרויס נאָך און נאָך אויספירן. וועגן דעם ווייטער.

דערווייל וועט זיין גענוג צו זאָגן: יידישקייט האָט אָפּשניידער פון אַלע זייטן — פון רעכטס און פון לינקס, מצד די פרומע יידן און מצד די נישט־פרומע, פשוטע יידן און פילאָסאָפן. עס איז שווער טאַקע צו זיין אַ ייד, און די שוועריקייט איז נישט בלויז פון דרויסן — מען האָט אונדז פייַנט; עס איז אָן אינעווייניקסטע שוועריקייט און מען זוכט פון אַלע ריכטונגען אָפּצושניידן זי, מאַכן גרינגער. און אַפילו די ריכטונג וואָס האָט געדאַרפט, לויט איר כאַראַקטער אַליין העלפן דער יידישקייט זיך ווייטער אַנטוויקלען, אַפילו די ריכטונג האָט אויך די אויפגאַבע נישט אויסגעפירט.

וועלטלעכע ייִדישקייט

וועלטלעכע ייִדישקייט האָט זיך אַנטוויקלט נאָר אין מיזרח־אייראָפּע. ייִדן אין מערב־אייראָפּע האָבן פון אַזאַ מין ייִדישקייט לגמרי נישט געוווּסט. דאָרטן זענען ייִדן אַריבער פון רעליגיעזער פרומקייט דירעקט צו אַסימילאַציע. אויב עס איז עפּעס פון ייִדישקייט געבליבן אַ זכר, איז עס נאָר אויף דעם געביט פון רעליגיע. פון קיין וועלטלעכער ייִדישער קולטור האָט מען דאָרטן לגמרי נישט געוווּסט. עס איז אמת געווען אַ וויסנשאַפט וועגן ייִדן, אָבער זי איז טיילווייז געשאַפן געוואָרן פון נישט־ייִדן, אַפילו פון אַנטי־סעמיטן, און די ייִדן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער וויסנשאַפט, האָבן דאָך זיך געקאַנט אָפּגעבן דערמיט, עלעהיי מען גיט זיך אָפּ מיט אַרכעאָלאָגיע, וואָס האָט נישט קיין שייכות צום אַקטועלן לעבן. ווידער איז די וויסנשאַפט־לעכע פאָרשונג קיין מאָל נישט געווען קיין מאַסן־באַוועגונג. עס זענען תמיד געווען געציילטע יחידים־וויסנשאַפטלער און זיי האָבן נישט מיטגעריסן מיט זיך קיין גרעסערע, קענטיקע צאָלן ייִדן. אַז עס קען זיין אַ וועלטלעכע ייִדיש־קייט אָן רעליגיע — דער געדאַנק געהערט אין גאַנצן נאָר די ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע.

אָנגעהויבן האָט זיך די באַוועגונג אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט, מיט דער ירידה פון אַלטן ייִדישן שטעטל. יאָרהונדערטער איז דאָס ייִדישע לעבן דאָ געפלאָסן אין דער ראַם פון שטעטל און זיין אינהאַלט איז דורכויס געווען תּלמודיש. אָבער אין צווייטן העלפט פון י״ה מיט די רעפאָרמען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אין רוסלאַנד האָט דאָס ייִדישע שטעטלשע לעבן זיך שטאַרק אַ וואַקל־געטאָן, עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו אַנטוויקלען די שטעט, און ייִדן האָבן מער ווי אַנדערע, גיכער ווי אַנדערע זיך אַ צי געטאָן „אין שטאָט אַריין״. אָן ענלעכע סאָציאַלע ענדערונג אין מערב־אייראָפּע מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פריִער האָט געבראַכט מיט זיך די השכלה און די אַסי־מילאַציע מיט מאַסנהאַפטיקע שמדן, — צו אויסייִדישונג בכלל, אָבער נישט צו קיין וועלטלעכער ייִדישקייט.

פאַרוואָס דער אונטערשייד? וואָסערע סיבות האָבן אין רוסלאַנד און אין פּוילן (מיט גאַליציע אָבער נישט מיט פּויזנער קאַנט, וואָס אונטער פּרייסן), געפירט צו וועלטלעכקייט און נישט צו אויסייִדישונג?

ווידער זענען דאָ די סבות געווען אַ דרויסנדיקע, מען דאַרף זיי זוכן נישט אין יידישן לעבן גופא, נייערט אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער ראַם. אין מערב־אייראָפּע האָבן די יידן געלעבט אין דירעקטער שכנות מיט דעם הערשנדיקן הויפּט־פאָלק ווי איין אייניציקע מינדערהייט (כמעט אַזוי איז געווען אין פויזן, אָבער גאָר נישט אַזוי — אין דעם פילפעלקערדיקן עסטרייך־אונגאַרן מיט גאַליציע). אין מערב־אייראָפּע איז די אורבאַניזאַציע פון יידן באַגלייט געוואָרן באַלד מיט עמאַנציפּאַציע — יידן האָבן געקראָגן גלייכע רעכט.

אין מיזרח־אייראָפּע איז דאָס אין גאַנצן אַנדערש געווען:

1. — יידן האָבן געלעבט ווייט אָפּגערוקט פון רוסישן הויפּט־פאָלק און רעכטלעך אָפּגעטיילט פון אים דורך דעם תחום־המושב.

יידן האָבן יאָ געקאָנט אַסימילירן אין זיך רוסישע קולטור, אָבער זיי האָבן פשוט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו אַסימילירן זיך אין דעם רוסישן פאָלק אַריין.

2. — אין דעם באַגרענעצטן תחום המושב האָבן יידן געלעבט אין דירעקטער שכנות מיט סובאָרדינירטע, אונטערדריקטע פעלקער. און אַ כלל האָבן מיר אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע, אַז מיט סובאָרדינירטע פעלקער אַסימילירן זיך נישט קיין יידן. דערפאַר איז ביי די יידן אין רוסלאַנד די רוסיפיקאַציע געגאַנגען נישט אין פאַרגלייך שוואַכער ווי די ענלעכע באַוועגונגען אין מערב. מען דאַרף אָבער זאָגן אָפן: אויך דאָ איז געגאַנגען אַ רוסיפיקאַציע איבערהויפּט ביי די יידן וואָס האָבן אַ דאַנק זייער רייכקייט (סוחרים פון ערשטער גילדע), אָדער זייער געבילדעטקייט זיך אַרויסגעריסן פון תחום המושב. ביי די איז די אַסימילאַציע געגאַנגען פונקט אַזוי ווי ביי די מערב־אייראָפּעישע יידן. אויפן צווייטן אָרט דאַרף מען שטעלן די יידן אין די גרעסערע שטעט פון „נײַ־רוסלאַנד" (אוקראַינע). אין פּוילן איז ביי די זעלביקע גרויסשטעטישע יידן געגאַנגען מער אַ פּאָלאָניזאַציע איידער אַ רוסיפיקאַציע. דאָ האָט געווירקט דער פּאָטענציאַל פון קאַמף קעגן רוסיפיקאַציע ביי דער אָרטיקער הויפּט־באַפעלקערונג. פאַר אונדז איז נישט וויכטיק אַריינצוגיין אין פּרטים פון דעם ווידערשטאַנד. דער עיקר איז אַז דאָרטן ווו קיין רוסיפיקאַציע האָט נישט געקאָנט זיך אַנטוויקלען שטאַרקער, דאָרטן האָט זיך אַנטוויקלט די יידיש־וועלטלעכע קולטור־באַוועגונג. מען דאַרף דערביי מודה זיין אַז אין די וועלטלעכע באַוועגונגען איז געווען אַריינגעטריפט עטוואָס פון דער אַסימילאַציע־גיריקייט. דאָס איז געווען דער עלעמענט פון דראַנג זיך אָפּצורייסן פון דער שטייגערישער טראַדיציע. ער איז געבליבן ווי אַ ביטערע ירושה פון דער פרײַערדיקער תקופה. און ווען נישט די דרויסנדיקע שטערונגען פאַר דער רוסיפיקאַציע, וואָלט אויך אין מיזרח־אייראָפּע געגאַנ־

גען די אויסיִדישונג נישט אַנדערש ווי אין מערב. די צווייַ פאַקטאָרן — די שכנהשאַפט פון סובאָרדינירטע פעלקער, די געאָגראַפישע אָפגעגרענעצטקייט פון דעם הערשנדיקן הויפט־פאָלק האָבן נישט געלאָזט דער אַנטוויקלונג גיין אין די וועגן פון מערב. דערצו נאָך — זענען דאָך די שטעטלעך נישט אונטער־געגאַנגען מיט איין מאָל, און כל־זמן זיי זענען געווען, האָבן זיי געשיקט אין די שטעט אַריין כסדר נייע און נייע קאַדרען אַקטיווע יִדישע שעפערישע אינטעליגענטן. עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט אַז כמעט אַלע שעפערישע מענטשן קומען דווקא פון קליינע שטעטלעך. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, — פאַרוואָס דווקא די קליינשטעטלעך האָבן געגעבן די שעפערישע מענטשן איז נישט דאָ צו באַהאַנדלען, אָבער דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט. דער פאַקט איז אַ טאָג־פּעלער: אין די שטעטלעך איז יִדישקייט געווען נאַטירלעך, ווי אַ סאָסנע וואַקסט תמיד אויס אַ סאָסנע און אַ בער וואָס ווערט געבאָרן פון בערן עלטערן וועט קיין מאָל נישט אויסוואַקסן קיין וואָלף, אַזוי איז עס אויך געווען מיט יִדן אין שטעטל. ווידער זענען די שטעטלעך געווען דער קוואַל פון יִדישקייט און יִדישער קולטור, וואָס גייט אָפּט אויפן נאָמען פון די גרויסע שטעט. מען דאַרף צוגעבן נאָר איין פאַקטאָר פאַר וועלטלעכקייט. דאָס איז דער קאַמף קעגן דער מאַכט פון קלער ביי די רוסן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בערך אין יענער צייט. אויך דאָרט איז דער קאַמף געגאַנגען אונטער דעם נאָמען פון וועלטלעכקייט. אפשר האָבן טאַקע פון דאָרטן יִדן איבערגענומען אויך דעם טערמין וועלטלעכקייט. אמת, יודל מאַרק האָט אַמאָל באַוויזן אַז דאָס זעל־ביקע וואָרט איז גענוצט געוואָרן ביי יִדן מיט מער ווי אַ יאָרהונדערט פריִער. אָבער עס איז גיכער אָנצונעמען, אַז די וועלטלעכע יִדן האָבן דאָס וואָרט גענומען פאַרטיקערהייט פון די רוסן און נישט פון דער אַלטער ליטעראַטור. האָבן יִדן איבערגענומען דעם זעלביקן טערמין, אָבער זיי האָבן אין אים אַריינגעגעבן גאָר אַן אַנדער אינהאַלט.

ביי די פּראָגרעסיווע רוסן איז וועלטלעכקייט קיין מאָל נישט געווען פאַרבונדן מיט אַנטירעליגיעזקייט (אַזאַ קאַמף האָבן יאָ געפירט די קאָמוּ־ניסטן צייטנווייז, אָבער פריִער פאַר זיי איז עס נישט געווען). קיינער פון די רוסישע אינטעליגענטן האָט נישט געוואָגט אָנצוגרייפן די רעליגיעזע עמאָ־ציעס פון פאָלק. צו הייליק און צו טייער איז געווען דאָס פאָלק ביי דער פּראָ־גרעסיווער אינטעליגענץ. פאַר דער בעסערער רוסישער אינטעליגענץ, הגם אַליין כמעט תמיד פון פּריצים, איז דאָס „פאָלק" — כמעט תמיד דאָס פּויער־טום — געווען אַ מין גאָט, וואָס צו אים דינט מען. „ג ײ ן א י ן פ אָ ל ק אַ ר ײ ן" — איז געווען אַ באַוועגונג. מען האָט זיך באמת צו לערנען פון דעם „פאָלק", זיך קליידן ווי דאָס פאָלק וכדומה. אָנרירן, קריטיקירן דעם

פֿאָלקס גלויבן! דאָס האָט זיך קיינער נישט דערלויבט. איז וועלטלעכקייט געווען אַ קאַמף קעגן דער מאַכט פֿון קלער. נאָר דאָס.

ביי ייִדן אָבער איז אַזאַ „פֿאָלקיזם" קיין מאָל נישט געווען. דאָס פֿאַרקערטע — אַן אַנטיפֿאָלקישקייט — איז יאָ געווען. די גאַנצע השׂכּלה אָטעמט מיט דעם. אַפֿילו די השׂכּלה־ליטעראַטור אויף העברעיִש און שפּעטער אויך אויף ייִדיש אַפֿילו, האָט מיט אַ בייז אויג געקוקט אויף ייִדן און קריטיקירט, נישט באַמערקט די צרות פֿון פֿאָלק און מיט אַ הכנעה־שמייכל געקוקט אַרויף צו די סאַטראַפּן, וואָס האָבן דאָס געמבולט מיט צרות אויף דעם ייִדישן „אָרעמען פֿאָלק". אָט די אַנטיפֿאָלקישקייט איז געווען אַן אויסדרוק פֿון דער אַסימילאַציע־גיריקייט פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ וואָס האָט אָבער דאָך נישט געהאַט דעם מוט זיך צו שמדן רעליגיעז.

די גאַנצע באַוועגונג איז פֿאַר זיך אַ טעמע פֿאַר באַזונדערע פּסיכאָלאָגיש־סאָציאָלאָגישע פֿאָרשונגען. דאָ האָב איך עס געבראַכט, נאָר כּדי צו דערקלערן פֿאַרוואָס די וועלטלעכע באַוועגונג האָט ביי ייִדן אָנגענומען גלייך פֿון אָנהייב אָן אַן אַנטירעליגיעזע ריכטונג, אַ קאַמף קעגן דער רעליגיע, וואָס איז איינצייטיק געווען אויך אַ קאַמף קעגן דעם עצם פֿאָלק מיט זיינע איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס. באַוווסטזיניק האָט וועלטלעכקייט, חלילה, נישט געמיינט קיין אויסייִדישונג, ווי אויך האָט עס נישט געמיינט די השׂכּלה, אָבער מען האָט דאָך געמיינט, אַז ייִדישקייט קען עקזיסטירן נאָר מיט אידייען, אָן אַ שטייגער אין די פֿאָרמען פֿון לעבן. מען האָט געטראַכט, אַז מען קען לעבן ווי אַלע גויִים און דאָך זיין גוטע ייִדן מיט די אַבסטראַקטע אידייען אין האַרצן.

אָט דער סכום פֿאַקטאָרן האָבן געבוירן די ייִדישע וועלטלעכקייט, דער דראַנג פֿון ייִדישקייט וואָס איז געווען אויך דאָ, האָט נישט געקאָנט פֿירן צו אויסייִדישונג און ער האָט געפֿירט צו וועלטלעכקייט, און איר געגעבן איר אייגנאַרטיקן כאַראַקטער.

גאָר אַ שטאַרקן קלאַפּ דער אידייע פֿון רוסיפֿיקאַציע האָבן געגעבן די פּאָגראָמען אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן: חתנס צד בריקעט! ער וויל נישט. די בעסערע ייִדישע אינטעליגענץ האָט מיט ווייטיק און שטאַרקן פֿאַרדרוס געמוזט זיך מייאש זיין פֿון דעם פֿריִערדיקן אידעאַל. דער אידעאַל איז פֿריִער אָפֿן און דרייסט פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרן: לאָמיר זיין רוסן, זיך רוסיפֿיצירן, מען האָט אַפֿילו געוואָלט דערגיין ביז צו דאַוונען אין רוסיש (דער ערשטער פּראָיעקט פֿון דער חברה „מפֿיצי השׂכּלה", וואָס די רעגירונג האָט נישט באַשטעטיקט (אין די 50ער יאָרן. זען טשעריקאָווער „געשיכטע פֿון דער חברי מפֿיצי השׂכּלה, פּעטערבורג, 1913, רוסיש). אָט דער אידעאַל האָט אין

זיך געהאַט צוויי מאָמענטן: אַוועקגיין פון ייִדישקייט און אַריינגלידערן זיך אין רוסישן פאָלק. אין דער רוסיש־ייִדישער ליטעראַטור ביז די פאָגראָמען איז דער אידעאַל פראָקלאַמירט געוואָרן און פראָפאַגאַנדירט געוואָרן אָפן. נאָך די פאָגראָמען איז געקומען אַן אויסניכטערונג (סאָלאָווייטשיקס בריוו צו דער חברה מפיצי השכלה, לעוואַנדעס תשובה, פינסקערס „אויטאָעמאַנציפאַציע“, ליליענבלומס „יודישער וועקקער“, גאָלדפאַדענס „אַ שטיין אין האַרצן“ און אַ סך אַנדערע). מען קען פשוט זאָגן, אַז יענע פאָגראָמען וואָס זענען געווען ממש ווי אַ קינדער־שפיל אַנטקעגן די „פראָגרעסירטע“ פאָגראָמען פון צוואַנציקסטן י"ה, האָבן פסיכיש אַ סך שטאַרקער געווירקט איידער די שפעטערדיקע. פאַרוואָס עס איז געווען אַזוי איז ווידער נישט דאָ צו באַטראַכטן.* וויכטיקער איז דאָ צוצוגעבן, אַז יעדער אידייע וואָס ווערט פאַרדרענגט, ווערט אַרויסגעשטויסן פון אָפענעם באַוווסטזיין דורך דרויסנדיקע פאַקטאָרן, פאַרלירט נישט אַלע אירע מאָמענטן. עפעס פון זיי בלייבט אין אונטער־באַוווסטזיין; מען זאָגט עס נישט אַרויס אָפן, אָפט שרייט מען הויך און העכער דאָס פאַרקערטע, אָבער אָט דאָס שרייען העלפט נאָר באַהאַלטן טיפער דאָס אומבאַקוועמע; מען פאַרשרייט זיך אַליין; אָפט איז דאָס הויכע שרייען קעגן אַ אידייע דער בעסטער סימן אַז די פאַרשריִענע אידייע, די טריפע איז זייער שטרק אין אונטער־באַוווסטזיין. אין די אַלע נייע אידייען, אין דער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע זענען געבליבן גאַנץ טיפע דראַנגען אַוועקצוגיין פון ייִדישקייט. זיי ווייזן זיך אַרויס שפעטער אין דער אָדער צווייטער פאָרעם ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. אויך די וועלטלעכע אידעאָלאָגיע איז ווייט נישט פריי פון זיי. און טאַקע צוליב די פאַרבאָרגענע מאָטיוון האָט וועלטלעכקייט ביי ייִדן געהאַט איר אַנדער כאַראַקטער, נישט ווי ביי די רוסן און אַנדערע פעלקער־שכנים.

וועלטלעכע ייִדן, וואָס האָבן ריכטיק באַנומען אַז די ייִדישע שעפערישקייט טאָר זיך נישט אָפשטעלן, אַז אין נייע באַדינגונגען קען און דאַרף די ייִדישע שעפערישקייט גיין אויך אויף נייע וועגן, — האָבן אָבער נישט געוואָלט אָנערקענען קיין שטייגער־ייִדישקייט און דערמיט פאַרפעלט אויסצופירן די היסטאָרישע אויפגאַבע וואָס עס איז אויף איר געלעגן.

* מיר וועלן זיך דאָך עפעס פרובירן אויסלערנען אויך פון דעם פאַקט און אָט־וואָס: די אַקטיווע רעאַקציע פון ייִדן אויף צרות פון שונאים הענגט אָפ נישט פון דער גרויס פון די צרות, פון זייער מאָס, נאָר זי — די קינעטישע רעאַקציע — הענגט־אָפ פון דעם סכום סטאַטישער קולטור־ענערגיע וואָס איז פון פריִער אָנגעזאַמלט געוואָרן אין פאָלק: וואָס מער אַסימילירט, אַלץ ווייניקער אַקטיווקייט האָבן ייִדישע ישובים אַרויסגעוויזן אַפילו איז דער צייט פון אונדזער גרעסטער טראַגעדיע. ייִדישע קולטור־אַקטיווקייט גרייט אונדז צו אויך... על כל צרה שלא תבא.

אין דער אמתן האָט וועלטלעכקייט געדאַרפט ווערן די ייִדישקייט פון דער נייער אורבאַנישער תקופה. דאָס שטעטל האָט געהאַלטן אין אונטערגיין, אירע אַלע פאָרמען פון לעבן האָבן נישט געקאָנט פאַסן אין די גרויסע שטעט אַריין, איבערהויפּט אין די נייע ייִדישע ישובים אין דער אימיגראַציע. וואָס עס איז געווען גוט און פאַסיק אין דער אַבסאָלוטער פאַרזיכיקייט פון שטעטל, האָט נישט געפּאַסט און נישט געקאָנט אויסהאַלטן אין די נייע פאָרמען פון לעבן. האָט וועלטלעכקייט געדאַרפט שאַפן די נייע פאָרמען. נישט באַקעמפן, נאָר באַגייען, נישט פאַרמינערן נאָר דערגעבן, פאַרהייליקן די נייע שאַפונגען פון פאָלק. דאָ, אויף דעם געביט האָט געדאַרפט זיין דער קאַמף צווישן דער רע־ליגיעזער און וועלטלעכער ייִדישקייט, אַ נייע הייַנטצייטיקע אויפלאַגע פון דעם פאַרצייטיקן קאַמף צווישן די פּרושים און צדוקים. וועלטלעכקייט האָט זיך געדאַרפט פאַרן מיט פאָלקישקייט, מיט אהבת ישראל. אהבת ישראל האָט געזאָלט פאַרנעמען דאָס אָרט פון אהבת המקום און יראת שמים.

די וועלטלעכע ייִדן האָבן געדאַרפט פאַרשטיין אַז מען טאָר נישט אָפּ־וואַרפן, אָפּלייקענען דעם פאַרזיכיקן ייִדישן שטייגער, וואָס אָן אים איז ניט מעגלעך דאָס אייגנטימלעך־מיסטעריעזע, וואָס איטלעך פאָלק פאַרמאָגט, דאָס וואָס מען האָט אָנגערופן „תורה שבלב", אָבער וואָס אין תוך אירן איז זי דאָס זעלביקע וואָס דער תלמוד האָט אָנגערופן: תורה שבעל פה פון יעדן דור, פון יעדער תקופה. דער עיקר אָבער — זי איז דער מקור פון שעפערישקייט און זי גיט זיך איבער, ווי שוין געזאָגט, נישט דורך קיין קולטור שבכתב.

מיר האָבן פריער געשריבן אַז ייִדן האָבן זיך אַליין באַרויבט, צוגענו־מען אַלדאָס זייערס, צוגענומען פון פאָלק און פאַרשריבן אויף דעם חשבון פון גאָט. נישט דאָס פאָלק האָט געשאַפן זיין תורה, נאָר גאָט האָט זי געגעבן און דערצו נאָך האָבן די ייִדן לגמרי זי נישט געוואָלט נעמען, באשר גאָט האָט זיי געצוווּנגען: „ווילט איר נעמען די תורה איז גוט, אַנישט איז פה תהא קבו־רתכם"... נישט די און די פּירונגען זענען טייער ווייל זיי זענען פאָלקישע, נאָר גאָט האָט געהייסן און ער וועט שטרענג באַשטראָפן פאַרן נישט פאָלגן.. ער וועט מיט דער פולער האַנט באַצאָלן פאַרן פאָלגן... נישט דאָס פאָלק נאָר גאָט, נישט ליב ווייל אייגנס, נאָר אַלץ איז אַרויפגעצוווּנגען — מען מוז און מען טאָר נישט! און פרעג נישט! טו אַז מען הייסט! איז אַנשטאָט אהבת ישראל געקומען גאָר יראת שמים... קענסט זיך נישט העלפן...

איז כל־זמן יראת שמים איז געווען אַ גוטע בייטש, האָבן ייִדן געהיט ייִדישקייט. אָבער אָט איז יראת שמים געוואָרן אויס בייטש, ייִדן האָבן פּשוט און פּראָסט אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַרן גיהנום און דעם גן־עדן ווילן זיי דווקא אויף דער וועלט, איז געוואָרן אויס מיט ייִדישקייט, הפקר, און אַלעמאָל איז שווער צו זיין אַ ייִד, טאָ צו וואָס? פאַר וועמען? צוליב וואָס? אַז

עס איז גרינגער און באַקוועמער צו זיין נישט קיין ייִד און צו גיין מיטן שטראָם, מיט דער מערהייט. האָבן ייִדן נאָך דערצו אויסגעטראַכט אַ טעאָריע, אַז מען מוז גיין מיט דער מערהייט, אַז אַ מינדערהייט קען גאָרנישט עקזיסטירן, כלומרשט איז עס אַ געזעץ אַזאַ. זענען גאָר ייִדן ביז היינט דען נישט געווען אַ מינדערהייט? האָבן נישט געלעבט גרויסע צאָלן ייִדישע ישובֿים צעשאָטן, צעוואָרפן איבער קרעטשמעס, אַרענדאַרן, און נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיי זענען תמיד געווען נישט קיין מינדערהייטן, נאָר אַפילו יחידים, פשוט איינציקע משפחות צווישן טויזנטער נישט־ייִדן און דאָך זענען אַלעמאָל ייִדן געווען ייִדן, זענען ייִדן אַלעמאָל און אומעטום ייִדן געווען ביי זיך לכל הפחות גאַנצע ייִדן. מאַכט נישט אויס וואָס די טעאָריע פון אוממעגלעכקייט פאַר מינדערהייטן איז אַ פאַלשע, מאַכט נישט אויס וואָס איצט זענען אויך דאָ קליינע גרופעס, יחידים אַפילו, וואָס האָבן נאָך יראת שמים און זיי קענען זיין אַ מינדערהייט און בלייבן גאַנצע ייִדן. די צרה איז נאָר וואָס די מערהייטן ייִדן אָן יראת שמים ווילן נישט זיין קיין ייִדן, און ייִדישקייט האָט נישט פאַר זיי קיין צוציִונג אָדער קיין בייטש וואָס זאָל זיי האַלטן אין ייִדישקייט. דאַרף זיין עפּעס אַזוינס וואָס זאָל איינהאַלטן ייִדן אין ייִדישקייט אויך אָן יראת שמים, אָן דעם גלויבן אין גיהנום און גן־עדן. אָט דאָס האָט געדאַרפט זיין וועלטלעכקייט. אַ וועלטלעכער ייִד איז אַ ייִד נישט צוליב רעליגיעזע מאָטיוון, נאָר דירעקט ווייל ער וויל זיין אַ ייִד און ווייל אַלדאָס ייִדישעס איז אים ליב און טייער.

קיין ייִדישע שטעטלעך זענען אָבער מער נישטאָ. און אין שטאָט וואַקסן אויך אין ייִדישע היימען קינדער אָן ייִדישקייט. נישטאָ קיין ייִדישקייט אין דער סביבה, נישטאָ דאָך קיין ייִדישקייט אַפילו אין די היימען. מען דאַרף ערשט שפּעטער דערציִען די קינדער פאַר ייִדן, מאַכן פון זיי ייִדן. אָן דער אָרגאַניזירטער דערציִונג וואָלטן די קינדער אויסגעוואַקסן לגמרי נישט קיין ייִדן. זיי וואָלטן אויך נישט געווען קיין גויִים, קיין מיטגלידער פון אַן אַנדער פאָלק. ווייל מינוס־ייִד איז נאָך לגמרי נישט פּלוס־ענגלענדער אָדער עפּעס אַנדערש. אָבער קיין נאַטירלעכע ייִדן זענען זיי שוין נישט. מען דאַרף ערשט די קינדער — געבוירענע ייִדן — דערציִען זיי זאָלן זיין ייִדן. און יראת שמים איז מער נישט קיין ווירקנדיקער כוח, און די וואָס מיינען צו זיין רעליגיעזע ייִדן, ווילן אויך פון ייִדישקייט נעמען נאָר די „רעליגיע שבכתב“, און זיי לייקענען די גאַנצע ייִדישקייט שבעל פּה, די גאַנצע נייערע, מאָדערנע שפּעטערישע ייִדישקייט, אָט די ייִדישקייט וואָס האָט זיך געשאַפן אין די לעצטע עטלעכע דורות, און וואָס נאָר זי שפּיגלט אָפּ דאָס ייִדישע פאָלק פון היינט, פון די־רעקטן נעכטן.

לאָמיר שטעלן נישט קיין דיסקרעטע פראַגע: פאַרוואָס זענען די פרומע פרום?

איז דאָס דערפאַר ווייל אַט אַזוי פירן זיך יידן און עס ווילט זיך זיין ווי אַלע יידן, אָדער ווייל אַזוי האָט געהייסן גאָט און ער איז אַ גוטער צאָלער — פאַר גוטס און פאַר שלעכטס? עס צאָלט זיך גוט אַט די פרומקייט אויף דער וועלט אָדער אויף יענער וועלט? איז ממה נפשך — וואָלט מען **געווען פרום** צוליב דער צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק און אַלץ וואָס עס שאַפט זיך אין יידישן פאָלק, וואָלט דאָך געווען אַן אַנדער באַציִונג צו אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין יידישקייט אויך צו די שאַפונגען וואָס זענען נישט קיין רעליגיעזע און מען צאָלט פאַר דעם נישט — נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט, נישט גאָט און נישט לייט. אָבער די אָרטאָדאָקסיע באַציט זיך דאָך צו גאָר דער וועלטלעכער יידישקייט מיט ביטול און האָט נישט ווייניקער ווי די אַסימילאַטאָרן, צומאָל נאָך מער — מיט איסור און חרמות אַפילו.

איז דאָך פון דעם געדרונגען אַז נישט יידישקייט ווי אַזאַ איז זיי ליב, נאָר רעליגיע. און פאַרוואָס? דאָס איז שוין אַ פּריוואַטע אינוועסטיציע, און מיר דאַרפן זיך אין פרעמדע געשעפטן נישט מישן...

פאַראַן וועלטלעכע יידן, וואָס שאַצן אָפּ זייער הויך, וואָס האָבן ליב און עס איז זיי טייער אַן אַ שיער עלעמענטן פון דער יידישער רעליגיע, און נישט ווייל מען וועט זיי דערפאַר באַצאָלן, נאָר פּשוט ווייל עס איז יידישעס, ווייל עס איז זייערס, ווי עס איז זייערס זייער מוטער, זייער אייגנס. איך בין אַ ייד און אַלץ וואָס איז יידיש איז מיר ליב און טייער. און דאָס וואָס איך זאָג ט יי ע ר זאָגן אַנדערע „ה יי ל י ק״. פאַר מיר אַלץ איינס. עס זענען אָבער מיר נישט באַקאַנט קיין פרומע יידן וואָס זאָלן טייער האַלטן אַלדאָס יידישעס ווייל עס איז יידיש. אויך זיי — די פרומע ווילן דאָך אָפּשניידן יידישקייט, עד כאן און ווייטער נישט. זיי זענען קנעכט פון דעם יידישן גאָט, אָבער נישט געטריי דעם יידישן פאָלק. דאָס אינטים פאָלקישע, אינטים יידישע אין שטייגער, אין לשון, אין זיטן, אין ליטעראַטור, אין מוזיק איז זיי אויך אפשר גאָר דערווידער ווי דעם אַסימילאַטאָר. נישט יידישקייט ווילן זיי, נאָר יידישע רעליגיע. אַסימילאַציע, אויסיידישונג, אָפּפרעמדונג פון יידיש לשון, פון יידישן געמיט — מהיכא תיתי, פאַרוואָס נישט? נאָר לאָמיר נאָך דערביי פאַרדינען אַ גוטן חלק עולם־הבא. פאַרוואָס נישט?

אָט דאָ האָט עס געדאַרפט קומען די וועלטלעכע יידישע אידעאָלאָגיע און מוסיף זיין מן החול על הקודש, פאַרוואַנדלען די שאַפונגען פון דער גייסטער צייט אין אַ המשך פון יידישע תורות, אויך אַ תורה, וואָס איז קודש בקדושת העם. דאַרף די יידישע ליטעראַטור פון דער לעצטער תקופה אַריינגענומען ווערן אין סכום פון יידישער נאַציאָנאַלער, טייערער (ד״ה הייליר־

קער) שאַפונג. דאַרף דאָס לשון וואָס איז דער אינסטרומענט, דער גוף פון גאַר דער לעבעדיקער און שעפערישער גייסטיקייט אין פאָלק ווערן פאַררעכנט פאַר קודש נישט ווייניקער ווי עס איז קודש אַראַמיש. דאַרף דאָס די וועלטלעכע אידעאָלאָגיע אין ייִדישקייט נעמען דאָס פאָלקישע און דאָס פאָלקסטימלעכע פון דער לעצטער תקופה, און פון פאָלקישער מדרגה דאָס אַלץ אַריבערפירן אין דער מדרגה פון נאַציאָנאַלס, פון חול אין דעם קודש. דאָס הײַנטיקע איז נישט ווייניקער וויכטיק און טײַער, נישט ווייניקער הייליק ווי אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די פריִערדיקע תקופות און וואָס עס איז שוין פאַרהייליקט געוואָרן רעליגיעז.

איז אָבער די וועלטלעכע אידעאָלאָגיע אַוועק אויף אַ פאַלשן וועג: אַנשטאָט מוסיף צו זײַן, האָט זי אַראָפּגענומען. עס איז אַוועק דער זעלביקער גאַנג פון „שלילה", אָפּלייקענען, אָפּוואַרפן נישט אַנדערש ווי אין ארץ־ישראל. דאָרטן האָט מען עס גערופן „שלילת הגלות" — מען וואַרפט אָפּ אַלץ וואָס שטאַמט פון גלות. דאָ, אין די גלותן האָט מען אָן אַ נאָמען אָפּגעוואָרפן אַלץ וואָס טראָגט אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. און וואָס איז בײַ ייִדן טראַדיציאָנעל און עס טראָגט נאָך נישט קיין רעליגיעזן כאַראַקטער? במילא איז אויסגעקומען בײַ די וועלטלעכע ייִדן, אַז גאָר די ייִדישקייט באַשטייט פון דער נײַסטער ליטעראַטור און מער נישט. אַקטיוו איז יאָ געווען דער קאַמף קעגן טראַדיציעס אונטער דעם לאָזונג פון אַנטי־רעליגיעזקייט. דערפאַר האָט די וועלטלעכע אידייע נישט געשאַפן עפּעס גרויסעס אין ייִדישן לעבן. דערפאַר האָט פּרץ ווען ער האָט געוואָלט געבן הערצ־יען־טיפן, האָט ער זיי געמוזט נעמען כסדר פון דער אַלטער רעליגיעזער וועלט. די וועלטלעכקייט האָט נישט אַרויסגערוקט קיין נאַציאָנאַלן אידעאַל, קיין פּראָגראַם ווי צו שאַפן דאָס ייִדישע לעבן, ווי צו אָרגאַניזירן עס אין דער נײַער וועלט. און דערמיט האָט די וועלטלעכע ייִדישקייט פאַרלוירן איר אויפגאַבע, נישט דורכגעפירט. די וועלטלעכע אידעאָלאָגיע האָט נישט געשאַפן איר ריכטונג, איר וועג צו אַ שעפערישער צוקונפט. עס איז געווען מער אַ געדאַנק צו באַהעפטן זיך מיט דער ייִדישקייט פון „דער באַבען", אָבער עס איז נישט געווען קיין פּלאַן צו בויען אַ ייִדישקייט פאַר אייניקלעך.

די וועלטלעכע אידעאָלאָגיע האָט געדאַרפט אַריבערפירן די פּראַקטישע ייִדישקייט פון געטלעכער הייליקייט צוריק צו פאָלקישער טײַערקייט. האָט זי אָבער בעסער אָפּגעוואָרפן אַלץ און יוצא מיט גאָרנישט. ייִדישקייט מוז פאַרמאָגן מצוות מעשיות, מוז האָבן פּראַקטישע אַקטיוויטעטן, וואָס ווערן דורכגעפירט אין לעבן ווײַל מען איז אַ ייִד, ווײַל מען וויל זײַן אַ ייִד. אָן דעם, בלויז מיט ייִדישע אידייען, בלויז מיט אַבסטראַקטער ליבע קען מען קיין ייִד נישט זײַן. דאָס איז דאָך געווען דער חסרון פון דער השכלה, דאָס איז

געווען דער טעות פון אונדזערע פילאָסאָפן פון ספּינאָזאַן און ביז... דאַכט זיך, אַז ביז זשיטלאָווסקין. ייִדישקייט איז אַ שטייגער לעבן, אַ קולטור. אַ „ריינע״ ייִדישקייט איז ווי אַ נשמה אָן אַ גוף. וועלטלעכע ייִדישקייט האָט נישט באַשאַפן קיין ייִדישע פּראַקטיק, נישט געשאַפן קיין מצוות און עבירות, נישט געשאַפן קיין שטייגער, קיין אויפפיר און דאָס פירט זי צו אַ באַנקראָט. זי קען נישט אָפּהאַלטן דעם פּראָצעס פון אויסייִדישונג. און דאָס איז געווען איר אויפגאַבע. און אָט פאַרוואָס. מיר מוזן דאָ אין קורצן איבערחזרן עטלעכע געדאַנקען וואָס מיר האָבן שוין אייגנטלעך באַהאַנדלט פריִער.

די ייִדישקייט וואָס איז געווען ביי אונדזערע עלטערן איז געווען אין גאַנצן אַריינגעפּאַסט אין לעבן פון קליינע שטעטלעך. איין גאַנצע קולטור אין דער סביבה, דאָס גאַנצע לעבן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנץ יאָר דורכויס ייִדיש. אַ גוי, גויִיש לעבן און שטייגער — קיין סימן נישט. שטעטל און דאָרף — אין געאָגראַפישער שכנות, אָבער שטייגעריש — צוויי ווייטע וועלטן. פּאַראַלעלע שטחים וואָס באַגעגענען זיך קיין מאָל נישט. איז אַזאַ גאַנצער סביבה זענען קינדער געוואַקסן גאַנץ, אָן קאָנפליקטן און אָן צעשפּאָלטנקייט. דאָ זענען געווען נאַטירלעכע ייִדן, זיי האָבן געקאָנט שפּעטער, אין אַ הע־כערן עלטער איינזאַפּן נאָך קולטורן, אָבער אַליין איז מען געבליבן ייִדן; מען האָט קיין ייִדישקייט נישט געדאַרפט לערנען, מען איז עס געווען במילא, פון זיך אַליין. איז מען געווען אַן עם־הארץ, אָבער טאַקע אָט די עם־הארצים זענען געווען דער געזונטער מאַסיוו פון פאָלק, ווי פון אַ פּרוכטבאַרן באָדן איז פון דעם מאַסיוו געוואַקסן די גאַנצע ייִדישע קולטור אין אַלע איִרע פאַר־מען. מיר מוזן געדענקען: אונדזער גאַנצע ביזאיצטיקע קולטור איז אַ שטעטלשע. מיר זענען אָבער איצט אַרויסגע־וואַקסן פון שטעטל, מיר זענען געוואָרן דורכויס אַ גרויסשטאָטיש פאָלק. די אַלטע שטעטלשע לעבנס־פאָרמען קענען ווייטער נישט עקזיסטירן. מיר האַלטן אין איין בענקען נאָך דער ייִדישקייט פון דער „אַלטער היים״. אָבער די סיבה פון דער אָפּגעשוואַכטער ייִדישקייט איז נישט קיין געאָגראַפישע, נישט קיין פראַגע אַלטע אָדער נייע היים. די סיבה ליגט אין דעם אומבייט פון שטעטל אויף שטאָט. נישטאָ אין שטאָט די פריִערדיקע אָפּגעזונדערטקייט, די איזאָ־לאַציע; דאָס נישט־ייִדישע לעבן דרינגט אַריין אין גאַס און אין די היימען, אין שטייגער און אין דערציִונג. נישטאָ אין שטאָט קיין דורכויסיקע ייִדישע היימען. עס קענען זיין געציילטע, יחידי סגולה אויסגעהאַלטענע שולחן־ערוך פרומע היימען און עס קענען אויך זיין צומאָל וועלטלעכע אויסגעהאַלטענע היימען. אָבער אויך זיי זענען נישט זיכער: די שטאָט איז גרויס, די סביבה איז פרעמד, די גאַנצע איינשטעלונג פון לעבן איז אַ פרעמדע. נישט מעגלעך קיין איזאָלאַציע. די גאַנצע אַטמאָספער פון לעבן איז אַ געשפּאָלטענע. אין

אַזאַ געשפּאָלטענער סביבה קענען נישט וואַקסן קיין גאַנצע ייִדן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן אַז אַפילו אַזאַ שטאָט ווי ווילנע איז אין איר ייִדישקייט געווען אָפּהענגיק פון די קליינע שטעטלעך, אַפילו דער ווילנער גאון איז אויך נישט געווען קיין ווילנער, ער איז געקומען פון אַ קליין שטעטל. און אַזוי אַלע רעליגיעזע און וועלטלעכע גדולי ישראל פון ווילנע. איז אַ פּשיטאַ שוין היינטיקע ייִדן אין די היינטיקע גרויסע שטעט. און מיר האָבן מער נישט קיין ייִדישע קליינע שטעטלעך. לעבט איצט יעדער יונגער ייִד אין אַ געשפּאָלטענער וועלט: ער איז אַ ייִד און נישט קיין ייִד. ער רעדט אַ פרעמדע שפּראַך און ער פילט זי נישט, ער קען זי נישט פילן. ער איז פריי אין די זונטיקס און ער האָט נישט די דורותדיקע נשמהדיקייט וואָס זיינע נישט־ייִדישע חברים האָבן פון זייער זונטיק. ער האָט אַ שבת וואָס איז פאַר אים אין גאַנצן ליידיק. ער איז אויסגעוואָרצלט פון דורותדיקער ייִדישקייט און איז נישט איינגעוואָרצלט אין קיין שום אַנדער פאָלק און אין קיין שום אַנדער שפּראַך וואָס ער רעדט זייער פליסיק. זי איז ביי אים אַ טעכנישער מיטל אָבער נישט קיין נשמה־מכשיר.

אַזאַ ייִד מוז אויסוואַקסן מיט אינעווייניקסטע קאָנפליקטן. קיין נאַטירלעכער, אָרגאַנישער ייִד איז ער נישט. ער דאַרף קומען צו זיין ייִדישקייט דורך דעם באַוווּסטזיין. און אַפילו ווען אַזאַ ייִדישקייט־באַוווּסטזיין איז שוין דאָ, איז דער ייִד נישט פריי פון זיינע קאָנפליקטן, פון זיין געשפּאָלטענעם באַוווּסטזיין. דאָס משכילישע „זיי אַ ייִד אין דער היים און אַ מענטש (וואָס מיינט עס?) אין גאַס? איז אַ שווערע פּסיכישע קללה, וואָס מאַכט שווער צו לעבן. עס איז די באַקאַנטע פּראָבלעם פון ייִדישער „אידענטיפיקאַציע", ווי מען רופט עס אָן. מען רעדט ווייניק וועגן דעם, מען שרייבט נאָך ווייניקער. דאָס מאַכט אָבער די פּראָבלעם נישט קלענער, נישט גרינגער: מען ווייס, אַז מען איז אַ ייִד. אַנדערע לאָזן דאָס פילן און וויסן, נאָר מען וויל זיך פאַרגעסן, מען וויל פון דעם אַנטלויפן, ווי פון יעדער ווייטיקדיקער דערקענטעניש; מען באַמיט זיך צו קאָמפּענסירן דאָס שווערע געפיל מיט פאַרשיידענע מיטלען. עס איז „שווער צו זיין אַ ייִד", עס איז אָפט נאָך שווערער צו פילן און וויסן אַז מען איז אַ ייִד. אין בעסטן פאַל איז מען אַ האַלבירטער מענטש: מען וויל נישט זיין קיין ייִד אין אַמעריקע, נייערט מען וויל זיין אַן אַמעריקאַנער ייִד, אַ מעקסיקאַנער ייִד, אַ פראַנצויזישער ייִד וכדומה און אַלע מאָל איז די לאַנדאידענטיפיקאַציע פריִער, קודם איז מען אַן אַמעריקאַנער, אַ קאַנאַדער, דאָס ייִד־באַוווּסטזיין קומט אויפן צווייטן אָרט. מען באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען צו מאַכן דעם „ייִד־קאָמפּאָנענט" אין דער אייגענער אידענטיפיקאַציע וואָס קלענער, וואָס ווייניקער עלעמענטן פון ייִדישקייט זאָלן שטערן דעם פולן אָנערקענען זיך פאַר אַ פולן אַמעריקאַנער, מעקסיקאַנער וכדומה. עס איז אַ

שטרעבונג צו גאַנצקייט, צו איינהייטלעכקייט; מען איז נישט צופרידן מיט דעם ייִד־באַוווּסטזיין און מען באַמיט זיך אים צו פאַרגעסן, פאַרמינערן אים ביי די קינדער. אויף וויפל דאָס געלינגט נישט, רעדט מען זיך איין דאָס פאַרקערטע: מען איז „שטאָלץ צו זיין אַ ייִד"... אַט די פראַזע וואָס איז צו גאָרנישט מחייב און וואָס האָט גאָרנישט אונטער זיך, קיין שום אינהאַלט נישט, איז בלויז אַ קאָמפּענסאַציע, וואָס דאַרף כאָטש עטוואָס גרינגער מאַכן דעם שווערן געפיל פון זיין אַ ייִד. „נו, יאָ, איך בין טאַקע אַ ייִד, אָבער וואָס דאַרף מען מיר דאָס דערמאָנען כסדר?"...

מען דאַרף געדענקען און נישט פאַרגעסן קיין מאָל, אַז ביי יעדער מעגלעכקייט איז ביי ייִדן גובר דער דראַנג אַוועקצוגיין פון ייִדישקייט ווי עס איז געשען אין גאַנץ מערב־אייראָפּע נאָך דער אומגליקלעכער עמאַנציפּאַציע. דאָרטן איז דאָך פון דער אַמאָל בליִענדיקער ייִדישקייט געבליבן בלויז מעטריקאַלישע פּאָסילן פון ייִדישקייט. אויף דעם זעלביקן וועג איז דאָך אויך וועסט אַוועק די ייִדישקייט אין מיזרח־אייראָפּע, באשר די פּאָגראָמען פון לעצטן פערטל 19טן י"ה האָבן דעם פּראָצעס פאַרהאַלטן און אים געגעבן אַ צווייטע ריכטונג: פון עמאַנציפּאַציע איז מען געקומען צו אויטאָעמאַנציפּאַציע.

דער צווייטער פאַקטאָר פאַר דעם אויפבלי פון וועלטלעכער ייִדישקייט אין מיזרח־אייראָפּע איז געווען דער לענגערער דויער פון די ייִדישע קליינשטעטלעך. אין צוואַנציקסטן י"ה מיט דעם מיגראַציע־שטראָם פון די שטעטלעך, מיט זייער אונטערגאַנג, מיט דעם אויפקום פון נייע מדינות ווו די פריִער אונטערגעדריקטע שפּראַכן און קולטורן זענען געוואָרן הערשנדיקע, מלוכהשע, איז דער שטראָם פון אויסייִדישונג, פון אַסימילאַציע געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שאַרפער. אַ כלל — ד אָ ר ט ן ווו ד י ש ו ו ע ר ק ײ ט צ ו ז ײ ן אַ י ִ ד ו ו אָ ס ש ט אַ מ ט פ ו ן ד ר ו י ס ן ה ע ר ט א ו י ף, ד אָ ר ט ן ק ו מ ט א ו י ף אַ ש ו ו ע ר י ק ײ ט צ ו ז ײ ן אַ י ִ ד פ ו ן א י נ ע ו ו ײ נ י ק ג ו פ א. אַז נישט פיזישע שוועריקייטן קומען פסיכישע, מאָראַלישע שוועריקייטן. און וואָסער שוועריקייט איז שווערער?

און קיין נאַטירלעכע ייִדישקייט איז נישטאָ; מען דאַרף ייִדישקייט אַריינגעבן, מען דאַרף גרעפּטן ייִדישקייט, ווי מען גרעפּט גוטע קולטורן אויף יונגע ביימעלעך.

און דאָ הייבט זיך אָן אַ פּעדאַגאָגישע פּראָבלעם. מען קען זיין דער גרעסטער בעל תנ"ך און נישט ליב האָבן קיין ייִדן, נישט וועלן זיך אידענטיפיצירן מיט ייִדן, מיטן ייִדישן פאָלק. דער תנ"ך איז שוין לאַנג געוואָרן צו אוניווערסאַל, ער איז שוין לגמרי נישט ספּעציפיש ייִדיש. „דאָס ייִדישע פאָלק איז געוואָרן אַ באַזונדער פאָלק, ווען די נישט־ייִדן האָבן אויפגעהערט אונדז צו

פאַרשטיין״ — האָט געזאָגט גאָר אַ קלוגער ייִד. דער תנ״ך קען נישט אייג־פלאַנצן קיין אידענטיפיקאַציע מיט דעם היינטיקן ייִדישן פאָלק. דער גאַנצער תנכיזם וואָס ווערט איצט אַזוי פאַרטיפט איז טאַקע פאַרבונדן מיט אַן אָפּע־גען אָדער פאַרשטעלטן דערווייטערן זיך פון היינטיקן ייִדישן פאָלק. מיט איין וואָרט, דער תנ״ך קען נישט ראַטעווען פון דער צעשפּאָלטנקייט, קען נישט פאַרגרינגערן די ייִדישע אידענטיפיקאַציע. מען קען זיין אַ גוואַלדיקער תנכיסט און אַ העברעער און זיין ווייט פון ייִדן און וועלן זיין ווייט פון ייִדי־שער פאָלקישקייט. מען קען דורך דעם תנ״ך נישט אויסבילדן קיין ייִדן. דער אמת איז שוין געווען קלאָר פאַר די בעלי התלמוד אין די תלמודישע צייטן.

דאָס זעלביקע מוז אָבער איצט אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם תלמוד און דער גראַנדיעזער תלמודישער קולטור. מען קען זיין זייער טיף אַריינגעטאָן אין דער תלמודישער קולטור און זיין זייער ווייט פון פשוטער אהבת ישראל, פון אהבה צו אַלץ וואָס עס איז ייִדיש.

עס איז דער כלל: מען קען זיך נישט אַריינוואָרצלען אין דעם ה יי נ־ט י ק ן ייִדישן פאָלק אַריין דורך דער אַ מ אָ ל י ק ע ר ייִדישער קול־טור. די פאַקטן ווייזן דאָס אין דער מדינה אַזוי ווי אין גלות. קען זיין, אַז אין אַ הונדערט יאָר אַרום וועלן זיך אַנטוויקלען נייע וואָרצלען, מדינה־ייִדישע וואָרצלען, און יעדער מדינה־ייִד וועט דורך דעם לשון און קולטור פון דער מדינה זיין איינגעוואָרצלט. אָבער די נייע וואָרצלען וועלן פאַרבינדן דעם דור מיט אַ ניי פאָלק, אַ ניי־ייִדיש פאָלק, אָבער דאָס וועט זיין אַ ניי פאָלק, נישט אונדזער היינטיק־נעכטיקס ייִדיש פאָלק, נישט קיין המשך־ייִדישקייט. ספרדים וואָס קענען העברעיִש גלייך מיט אונדז, וואָס לערנען גמרא גלייך מיט אונדז, וואָס דאַוונען כמעט גלייך מיט אונדז, זענען אָבער דאָך אַן אַנדער שבט, זאָל זיין אַ ברודער־שבט, אָבער קוים קענען זיי נישט אונדזער פאָלקלאָר, קוים איז זיי פרעמד אונדזער „מאי דקאמרי רביצין״ וכדומה, קוים אַזוי זע־נען זיי נישט מיר, צוויי שבטים, צוויי פעלקער זענען מיר. דאָס זעלביקע וועט אומבאַדינגט זיין מיט דעם פאָלק אין ציון: אַן אַנדער שבט, אפשר אַן אַנדער פאָלק וועט עס זיין; אפשר בעסער פון אונדז, אָבער נישט קיין המשך־שבט. נישט קיין המשך־ייִדיש פאָלק.

דער פאָלקסטימלעך־ גלותדיקער (געוועזענער) בילדונג־מיניסטער זלמן ארן, האָט עס דערפילט, האָט ער אַלאַרמירט די דערציִער. „מיטן פּנים צום גלות — איז געוואָרן אַ נייע לאָזונג, מען דאַרף אין דערציִונג אין דער מדינה אַריינפירן עפּעס וואָס זאָל זיין דער אַנטיפּאָד, דאָס פאַרקערטע פון דעם שלילת הגלות־לאָזונג פון ביז איצט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע פּראָ־גראַם, אַ נייער לימוד „תודעה יהודית״־ייִדיש באַוווּסטזיין דאַרף מען אַריינ־געבן אין דער יוגנט. געניטע פּעדאַגאָגן — פון עלטערן דור, פון גלותדיקן שטאָם נאָך, האָבן אים געהאָלפן. אָבער...

ווײ־ווײ — עס וועט נישט העלפֿן, עס קען נישט העלפֿן: מיט פֿאָלקישע וואָרצלען דאַרף מען זיך אַ ר ײ נ ל ע ב ן, נישט אַ ר ײ נ ל ע ר נ ע ן. ווולגאַר געזאָגט — דורך עסן קוגל און געפֿילטע פֿיש מיט קרעפּלעך; דורך זאַפּטיקע ייִדישע קללות און וויצן קען מען זיך אַרײַנוואָרצלען אין דעם הײנטיקן ייִדישן פֿאָלק, מער און זיכערער אײדער מיט אַ גאַנצער רײ לימודים וועגן ייִדן, וועגן ייִדישקײט. אין דער מדינה נישט אַנדערש, נישט בעסער ווי אין גלות.

מיר פֿלעגט אַמאָל אויסקומען אין קורס פֿון ביאָלאָגיע צו פֿאַלמעסן מיט תּלמידים טויבן און אַנדערע בעלי־חיים, האָבן מיר זײער גוט געוווּסט די אַנאַטאָמיע פֿון אַ טויב. קײן אײן טויב אין דער וועלט ווײס נישט קײן מיליאָנטל וועגן טויבן וויפֿל מיר מיט מײַנע תּלמידים האָבן געוווּסט. אָבער... קײנער פֿון אונדז האָט נישט געקענט אַ וואָרק־טאָן ווי דאָס קלענסטע טײַבעלע. אונדזערע טויבן האָבן שוין — ווײ־ווײ — מער נישט געלעבט... און עס וועלן מיט מיר מסכּים זײַן אַלע ייִדן: בעסער ייִדיש וואָרקען, אַ יונה הומיה, אײדער אַלע תּורהס וועגן ייִדן, וואָס זענען שוין אין לעבן נישטאָ. און וואָרקען טויביש קען מען נאָר ווען מען איז אין סאַמע טױבן־שטאָם, אײַנגעוואָרצלט...

***

די אויסגעוואָרצלטקײט אונדזערע רופֿט זיך אָפּ אויך אויף אונדזער ליטעראַטור. איך קען זיך נישט באַרימען אַז איך קען אַלץ וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור. איך וועל נאָר זאָגן, אַז איך האָב זעלטן געפֿונען אין אונדזערע שריפֿטן אין ײדע שפּראַכן טיפֿן, אָדער אידײען טיף־וואָרצלדיקע אין אונדזער פֿאָלק און אין זײַנע אינטימקײטן. די וואָס זענען יאָ פֿאַראַן זענען ייִדן פֿון נעכטן, פֿון פֿאַרגאַנגענהײט, אָבער הײַנטיקע, מאָדערנע ייִדן מיט טיפֿערע וואָרצלען — זײ קען מען געפֿינען אין דער ליטעראַטור זײער ווײניק ווי צווישן די שפּעפּער פֿון די ווערק, פֿון דער ליטעראַטור אַזוי אויך צווישן די טיפֿן געשאַפֿענע, אין די אַרויסגעבראַכטע אידײען און פּראָבלעמען. אויף די פֿינגער איבערצוצײלן.

נאָך ווײניקער זענען די אײַנגעוואָרצלטע ייִדן און ייִדישקײטן פֿאַראַן אין אונדזער געזעלשאַפֿטלעכן לעבן: ווי די ליטעראַטור אַזוי און נאָך מער איז דאָס ייִדישע אין דעם אַן אויבערפֿלאַכע, נישט קײן טיפֿע. עס איז באַקאַנט, אַז אַ ברונעם וואָס נעמט זײַנע וואַסערן פֿון די אויבערשטע ערד־שיכטן איז אָרעם אין וואַסער און זײַן וואַסער איז ברודיק, נישט רײן, נישט קלאָר. מען דאַרף זיך דערגראָבן צו די טיפֿערע ערד־שיכטן כּדי צו האָבן גוט וואַסער...

זעלטן, גאָר זעלטן באַמת מען זיך בײַ אונדז צו דערקלײבן זיך צו די־

טיפערע יידישע באַדן־שיכטן פון אונדזער טיפער קולטור. בלייבן מיר אַ פאָלק פון אויבערפלאַכקייטן — אין אונדזערע שריפטן און אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. שטייען מיר פאַר אַ גאַנצער ריי סכנות: אויסוואַרצלונג, אַפּפרעמדונג, פלאַכקייטן — אַלץ צוזאַמען — פאַרלירן מיר די דורותדיקע פאַרבינדונג מיט דעם יידישן פאָלק פון נעכטן, פון אייערנעכטן, פון היינט. אָן די פאַרבינדונגען קענען מיר זיין נעאָ־יידן, פאַרשיידענע שבטים פון כמעט־יידן, פון אָפּשטאַם־ יידן, אָבער נישט קיין המשך־יידן. קען אויך די ליטעראַטור זיין יידיש לויט דער שפּראַך, אַפילו היסטאָריש און קולטור־קריטיש און דאָך זיין ווייט און פרעמד דעם היינטיקן יידישן פאָלק. מען קען דאָך זיין אַן אַרכעאָלאָג ערגעץ אין ארץ־ישראל און נישט האָבן קיין שום שייכות צום יידישן פאָלק פון היינט. מען קען אַפילו פיינט האָבן די יידן פון היינט, זיי נישט קענען און נישט וועלן קענען. עס קען אַמאָל אַפילו זיין אַ מין עס־קייפּ — אַ מין אַנטלויפן צו די טויטע אַמאָליקע יידן, כדי צו קאָמפּענסירן דעם אייגענעם געוויסן פאַר דער ווייטקייט פון לעבעדיקן יידישן פאָלק. עס איז ביי מיר קלאָר אַז כמעט אַלע די וואָס פאַרנעמען זיך אַזוי טיף און אַזוי געטריי מיט דער פאַרצייטיקער יידישער קולטור, האָבן אין זיך אַ ווידערווילן צו דער היינטיקער יידישקייט און צו דער היינטיקער קולטור פון לעבעדיקן פאָלק. ערגעץ אַ שערבל פון פאַרצייטן איז אַ מציאה, אַ זאַץ פון אַן אַלטן פאַרגעסענעם ספרל איז ווערט אַ דאָקטער־טיטול און דאָס אַלץ אפשר כדי צו מעגן פאַרגעסן אַ גאַנץ לעבעדיק פאָלק מיט זיין לעבעדיקער שעפערישער קולטור. אָט די אַלע פאַרצייטיקע און אַמאָליקע יידישקייטן קענען נישט ראַטעווען דעם יונגן יידן פון דער געשפּאָלטנקייט, קענען אים נישט מאַכן גרינגער זיין אידענטיפיקאַציע ווי אַ ייד, זיי קענען נישט גרינגער מאַכן זיין יידישן שפּלות־קאָמפּלעקס. דאָס קען יאָ מאַכן נאָר די דערציִונג אין דער היינטיקער קולטור, אין דעם היינטיקן שטייגער פון דעם נאָך לעבעדיקן יידישן פאָלק. נאָר אַזוי קען מען ווערן כאָטש טיילווייז אַ גאַנצער יידישער ייד. אַ ייד דאַרף לערנען, דאַרף זיך באַקענען מיט די פריִערדיקע תקופות פון זיין פאָלקס־קולטור, אָבער דער אָנהייב דאַרף זיין פון דעם היינט, פון דער היינטיקער, איצטיקער קולטור. דעם טיפן פּעדאַגאָגישן כלל האָט נאָך געוווּסט אונטערצושטרייכן די גמרא פאַר איר צייט. ביי אונדז איצט וויל מען דאָס נישט וויסן. מען קען זיין אַ העברעיִסט און פיינט האָבן יידישקייט; מען קען זיין אַ ציוניסט; מען קען זיין אַ פרומער ייד און וועלן אַנטלויפן פון פאָלקישער יידישער יידישקייט. און אַזוי איז דאָס טאַקע. בלויז די פאָלקישע קולטור פון איצט קען ראַטעווען דעם היינטיקן יידן, קען אויסהיילן די צעשפּאָלטענע נשמה פון דעם יידן.

דאָס האָט געדאַרפט זיין די אויפגאַבע פון וועלטלעכער יידישקייט; דאָס

איז געווען איר היסטאָרישע פּליכט, — און זי האָט עס נישט געטאָן, נישט דורכגעפירט. אויך זי איז אַוועק אויפן וועג פון נעגאַציעס, פון אָפּוואַרפן און אָפּלייקענען, און דערפאַר האָט זי פאַרלאָרן זיך אַליין, זי האָט אַפילו איר וועלטלעכקייט נישט געקאָנט איבערגעבן אירע קינדער. בלייבט די אויפגאַבע און זי וואַרט אויף די וואָס וועלן זיך נעמען זי אויסצופירן.

דאָס איז די אויפגאַבע צו פאַרבינדן די קולטור פון די לעצטע עטלעכע דורות מיט דער קולטור פון די פריִערדיקע דורות און תקופות. נישט שפּאַלטן נאָר באַהעפטן, נישט אָפּטיילן נאָר פאַרבינדן, צונויפקניפּן — איין פאָלק דורך אַלע תקופות און איין קולטור דורך די תקופות. די זעלביקע הייליקייט, ווייל די זעלביקע עובדא אין דער געשיכטע פון פאָלק.

אפשר וואָלט פאַר דער ריכטונג געפּאַסט בעסער דער נאָמען פ אָ ל ק י ז ם איידער ו ע ל ט ל ע כ ק יי ט. פאָלקיזם, ווייל זי נעמט זיך פאַרהייליקן דאָס פאָלקישע, דאָס שטייגערישע און די קולטור־שאַפונגען וואָס דאָס פאָלקישע האָט געבאָרן, אַריבערפירן דאָס אין דער מדרגה פון נאַציאָנאַלן, מן החול אל הקודש. פאָלקיזם — אויך דערפאַר, ווייל זי וועט די גאַנצע קולטור פון פאָלק אין איר אייביקייט אַריבערשרייבן צוריק צו איר אמתן בעל־הבית. דאָס פאָלק האָט בשעתו אל דאָס זייניקס, די גאַנצע קולטור וואָס עס האָט אַליין געשאַפן פאַרשריבן אויפן נאָמען פון גאָט: נישט דאָס פאָלק האָט עס געשאַפן. אין תוך אַריין, לויט דעם באַנעם פון באַגריף גאָט, ווי מיר האָבן זיך באַמיט דאָ צו אַנטוויקלען, איז אין דעם באַגריף נישט געווען קיין פעלשונג, נישט געווען קיין אונטערשייד, ווייל ווי מיר פאַרשטייען, איז דאָך נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן גאָט און זיין פאָלק. דאָס העכסטע אין פאָלק, דאָס מענטשלעכסטע און דאָס פאָלקישסטע דאָס איז געטלעך. אָבער אין פאָלק גופא האָט זיך די זאַך געענדערט. מען האָט זייער שטאַרק גענומען אָפּטיילן דאָס פאָלקישע פון דעם געטלעכן. דאָס לעצטע איז הייליק, דאָס ערשטע איז גאָר נישט ווערט און מען מעג אָדער מען דאַרף עס פאַרוואַרפן. איז דער פאָלקיזם באַרופן צוריק אויפצושטעלן די האַרמאָניע צווישן די צוויי באַגריפן: דאָס פאָלקישע איז געטלעך. דאָס האָט די וועלטלעכע אידעאָלאָגיע פאַרפעלט צו טאָן און דערמיט פאַרזינדיקט זיך פאַר דער געשיכטע, אויף אייביק.

די רעליגיעזע מוזן זיך באַציִען צו דער גאַנצער וועלטלעכער ייִדישער קולטור מיט דער זעלביקער קדושה ווי צו דעם גאַנצן פריִערדיקן אוצר אונדזערן און די וועלטלעכע דאַרפן זיך באַמיִען צו באַנעמען אַלע שריפטן און אַלע שטייגער־פירונגען מיט דער זעלביקער פּיעטעט, וואָס זיי פאַרמאָגן צו די טייערסטע וועלטלעכע שאַפונגען. ווייל ווי די עלעמענטן אַזוי די אַנדערע זענען אַלע געשאַפן געוואָרן פון דעם זעלביקן פאָלק מיט דעם זעלביקן גט־

לעבן גייסט וואָס אין אים. עס שטייט „אלה ואלה דברי אלוהים חי״, ווען מיר דאָס זיך דערלויבן צו פאַרטייטשן אלה ואלה דברי עם חי.

לויט אונדזער אויפפאַסונג האָט וועלטלעכקייט געדאַרפט זיין אַ מין פאָלקיזם, צום פשוטן פאָלק און צו זיין פאָלקישקייט. וועלטלעכע ייִדישקייט האָט היינט געדאַרפט ביי אונדז זיין עטוואָס ווי עס איז געווען חסידיזם אין זיין צייט.

פון אַלע באַוועגונגען און ריכטונגען ביי אונדז, איז חסידיזם געווען די פרוכטבאַרסטע אויף אַלע געביטן, נישט דווקא אין רעליגיע. נישט די געבילדעטע השכלה, נישט אַנדערע נאָר דווקא אָט די אָפּגעלאָכטע און אויסגעלאַכטע „פינצטערע״ באַוועגונג.

פאַרוואָס? און מיט וואָס? מיט איר ווענדונג צו פאָלקישער פשוטקייט, צום פרימיטיוון אורשפרונג פון יעדער קולטור.

ווען עס קומט אַ סכנה פון צעשפּאַלטונג: קבלה, הייליקע ספרים פון איין זייט און לילית פון דער צווייטער זייט (יוחנן וואַסערטרעגער — פרץ), דעמאָלט קען ראַטעווען דער פשוטער טרעגער מיט זיין חוש און ער פירט דעם גרויסן רב, דעם אורח חיים.

מיר האָבן אין אַן אַנדער אָרט באַהאַנדלט די קולטור־צירקולאַציע אין לעבן פון אַ פאָלק („אויף די וועגן פון קיום״. דער עסיי צום נצח ישראל). אין יעדער תקופה קומט איר קולטור־צירקולאַציע און אַלע מאָל מוז זיך דער קרייז אָנהייבן פון פשוטן פאָלק. חסידיזם האָט עס געהאַט. אונדזער וועלטלעכקייט איז מער געגאַנגען אין די פוסטריט פון דער השכלה, זיך נישט צו רעכענען מיט דעם באָדן פון קולטור, מיט דעם פשוטן ייִדן. זי האָט בלויז טיילווייז גענומען שעפּן פון פשוטער פאָלקישקייט און אויך נישט מיטן גאַנצן האַרצן. ווי גייט יעדער קולטור־צירקולאַציע? דאָס וואָס איז נעכטן געווען פשוט־וואָכעדיק ווערט היינט פאַרהייליקט. מיר האָבן דאָס באַטראַכט פריִער אין קאַפּיטל מוסיפין מן החול על הקודש. און דאָס דאַרף אַריינגיין אין לעבן, אין שטייגער ווי קודש טאָקע. מיר האָבן אין אונדזער וועלטלעכקייט נישט געשאַפן קיין קודש, קיין זאַך נישט פאַרהייליקט. כלומרשט די שפּראַך — ייִדיש, אָבער שפּראַך איז דאָך נאָר די כלי, אָבער וואָס אין שפּראַך, וואָסער אינהאַלט? איז דאָך אַפילו די שפּראַך אַליין אויך געווען נאָר כדי זיך צונויפצורעדן מיט דער באָבען. וועלטלעכקייט האָט אָבער נישט געהאַט קיין אידעאָלאָגיע פאַר דער צוקונפט; עס איז אין וועלטלעכקייט נישט געשאַפן געוואָרן קיין אידעאַל ווי צו בויען דאָס לעבן פון פאָלק, אַז די שפּראַך זאָל באמת קענען זיין אַ כלי פאַר אַ פולן אורבאַנישן לעבן מיט אַלע געביטן פון אַזאַ לעבן. אַזוי האָבן יאָ געהאַנדלט די העברעיִסטן. די ייִדישיסטן האָבן אָבער דערפאַר נישט געזאָרגט. מען האָט זיך לגמרי נישט פאַרטראַכט, אַז

יעדער תקופה אין אונדזער געשיכטע האָט געהאַט איר שפּראַך, און יידיש איז די שפּראַך פון דער פאַרגאַנגענער שטעטלשער תקופה. און כדי יידיש זאָל קענען בלייבן אונדזער שפּראַך אויף ווייטער האָט מען געדאַרפט בויען אַ פאַרזיכיק לעבן מיט יידיש. האָט וועלטלעכקייט נישט געהאַט קיין אני מאמין, קיין גלויבן. איז איר גאַנצער אינהאַלט געווען און געבליבן אַ נעגאַטיווער: מיר האַלטן נישט פון דעם, נישט פון דאָס און נישט פון עפּעס אַנדערש. איז מען געבליבן ביי דער צעבראָכענער קאָרעטע...

אָבער וועלטלעכקייט, וואָס האָט געבלאָנדזשעט ביז הייַנט האָט נאָך לגמרי נישט געזאָגט איר לעצט וואָרט. איר געשיכטלעכע אויפגאַבע איז נאָך געבליבן. מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל געשריבן, אַז די יידישע רעליגיעזע און די וועלטלעכע וועלן מוזן זיך צונויפטרעפן ערגעץ אין אַ מיטלפּונקט (שלום על ישראל). דערווייל פאַרשטייען נאָך נישט ביידע ריכטונגען זייער אויפגאַבע. אָבער ביידע צדדים וועלן דאָס סוף־כל־סוף מוזן פאַרשטיין. אַן די וועלטלעכע עלעמענטן ווערט יידישקייט רעדוצירט צו אַ קאָנסערווירטער רעליגיע פון עפּעס „אַן עטנישער גרופּע" פון אַמעריקאַנער פאָלק (אויב אַזאַ איז פאַראַן), אַן די עלעמענטן פון יידישקייט וואָס זענען פאַרהייליקט ווי רעליגיע, האָט וועלטלעכקייט נישט קיין מאָרגן. פון דעם שלום צווישן די צוויי ריכטונגען הענגט־אָפּ דער קיום פון יידישן פאָלק אין די נייע ישובים. אין דער אייגענער יונגער מדינה איז דאָס די פראַגע: המשך — פאָלק, אָדער עפּעס ניי, „אשר לא ידע את יוסף".

אַמאָל האָט אַ גרויסער יידישער דענקער געלערנט, אַז די רעליגיע וועט האָבן איר ווידערגעבורט אין קונסט. דאָס וועט אָבער דעם קיום פון אונדזער פאָלק נישט העלפן. מיר מוזן דערפירן צו דעם אַז דאָס רעליגיעזע זאָל ווערן וועלטלעך טייער און דאָס וועלטלעכע זאָל ווערן פאַרהייליקט.

צי קענען מיר, צי וועלן מיר קומען צו דעם?

— אויב מען וועט וועלן, איז עס לגמרי נישט קיין חלום.

און דער סוף פּסוק איז, אַז:

א. — אין שטעטל איז אַ ייד געווען אַ ייד, ווייל ער האָט נישט געקאָנט זיין עפּעס אַנדערש, אַזאַ נאַטירלעכע יידישקייט קען נישט זיין אין הייַנטיקן אורבאַנישן לעבן.

ב. — דער וועלטלעכער ייד דאַרף זיין אַ ייד, ווייל ער וויל זיין אַ ייד, מיט דעם באַוווסטזיין, מיט דעם אָנגעשטרענגטן ווילן. ער קען זיין אויך עפּעס אַנדערש, אָבער ער וויל דווקא זיין אַ ייד.

ג. — אַט דער ווילן האָט אויסגעפעלט. האָט זיך דערפאַר וועלטלעכע יידישע קולטור געשאַפן נאָר דאָרטן ווו עס זענען געווען שוועריקייטן פון

דרויסן צו ווערן אויס ייִדן. דאָרטן ווו עס זענען אַזוינע דרויסנדיקע באַריערן נישט געווען האָט זיך קיין וועלטלעכע ייִדישקייט נישט געשאַפן.

ד. — דאָ דאַרף מען אונטערשיידן צווישן העברעיִש־וועלטלעכע און ייִדיש־וועלטלעכע. די ערשטע האָבן פאַרשטאַנען און אויפגעבויט אַ נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע ראַם פאַר אַ פאַרזיכיקן ייִדישן לעבן. די ראַם איז געווען אין ארץ־ישראל נאָך פאַר דער מדינה. די ייִדיש־וועלטלעכע האָבן נישט גע־טראַכט פון אַזאַ ראַם און דערפאַר איז זייער אידייע געבליבן הענגען אַ תולה על בלימה — אָן אַ באָדן.

ה. — די ייִדיש־וועלטלעכע האָבן געהאַלטן נאָר פון דעם פאַרזיכיקן עבר, זיי האָבן אָבער נישט געפּלאַנירט און נישט געבויט קיין פאַרזיכיקן עתיד. מיט דער געוועזענער ייִדישקייט פון שטעטל קען מען אָבער נישט בויען קיין אורבאַנישע ייִדישקייט.

ו. — מען האָט געגלייבט אין דער גוטסקייט פון דער „וועלט", אַז מען וועט לאָזן לעבן, — און מען האָט זיך אָפּגענאַרט. מען האָט געגלייבט, אַז ייִדן אין דער וועלט וועלן בלייבן פאַרזיכיקע ייִדן אָן אַן אייגענער סאָציאַל־פּאָליטישער ראַם, — און מען האָט זיך אָפּגענאַרט. נישטאָ מער קיין אמתער גלויבן אין אַ ייִדישער קולטור־אויטאָנאָמיע וואָס זאָל זיין באַוואָרנט פון אינעווייניק און פון דרויסן.

פון דעם אויספיר קומען אַרויס ווייטערדיקע אויפגאַבעס פאַר דעם קיום פון ייִדישן פאָלק אין דער וועלט, זיי וואָלטן געדאַרפט ווערן דער גלויבן און דער אידעאַל פון אַלע ייִדן וואָס גלייבן אין המשך־ייִדישקייט, וואָס גייט ווייטער ווי אַ שטראָם און ווערט נישט איבערגעריסן.

צו זיי וועלן מיר קומען אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל פון בוך.

קיום צוליב וואָס?

מיר זענען אַן אַלט פאָלק, מיר לעבן צווישן פעלקער וואָס ווען זיי זענען געבאָרן געוואָרן זענען מיר שוין געווען אַ ישראל סבא, אַן אייביק פאָלק מיט אייביקע צרות, שוין דעמאָלט אין גלות. און שוין דעמאָלט איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע, צוליב וואָס איז דאָס שעפּעלע צווישן זיבעציק וועלף? צוליב וואָס די ליידן און דער עקשנותדיקער קיום? האָבן אַנדערע נישט געקאָנט פאַרשטיין און געשאַפן אַ לעגענדע וועגן דם אייביק גייענדיקן און גפּלאָגטן אַהאַספער; אַ קללה פון גאָט אַזאַ, אַן עדות פון גאָטס צאָרן, וואָס זיי נעבעך, די פעלקער, דאַרפן אויף אונדז אויסגיסן. זענען מיר אַזוי אַן אייביקער אָביעקט פון דעם שלאָג־אינסטינקט פון אַלעמען. איז נישט קיין ווונדער וואָס עס איז אויפגעקומען אָט די פראַגע צו וואָס? און זי שטעלט זיך ביז היינט פון פריינד און פון פיינט. ווועלן מיר גיין כסדר: די פראַגע איז פאַרשטענדלעך, אָבער נישט באַרעכטיקט. און אָט פאַרוואָס:

מיר זענען אַ טייל פון קאָסמאָס, און ווו איז זיין ציל? צי איז דאָ, צי קענען מיר זוכן די צילן פון קיום בכלל? צוליב וואָס אַזוי פיל מינים און אַרטן באַשעפענישן אויף דער וועלט? צוליב וואָס די חכמה פון אַטאָם און פון די זונען מיט זייערע סיסטעמען? צוליב וואָס די אומענדלעכע חכמה פון די ענזימען, האָרמאָנען און אינסטינקטן?

אָט בין איך געלעגן ביים ברעג פון אַ וואַסער; לעבן מיר איז געווען אַ וועג פון מוראַשקעס פול מיט פאַרהאָרעוועטע מילבן, אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלדז איז געווען אַ נעסט פון וועספּעס וואָס האָבן געהאַוועט אַהין און צוריק... צוליב וואָס?? וויפל יאָרטויזנטער האָט עס גענומען ביי גאָט אויסצואַרבעטן אין זיי די אינסטינקטן? און נאָר זיי? און מיר, די קלוגע צווישן גאָטס באַשעפענישן? האָט ער אין אונדז אַריינגעגעבן צוויי אינסטינקטן — דערהאַלטן דאָס לעבן און דערהאַלטן דעם מין, און עס איז דאָ לעבן אויף דער ערד.

און טאָמער איז אויסגעוואַקסן אַ באַוווסטזיין אין דעם יחיד, און ער קען אפשר מורד זיין און נישט ווועלן פאָלגן די אינסטינקטן, איז וואָס פאַרזיכיקער עס איז דער מענטש, אַלץ שטאַרקער און אַלץ קאָמפּליצירטער איז דער פיזישער, דער פיזיאָלאָגישער, דער פסיכישער און מאָראַלישער אינהאַלט פון דעם אינסטינקט, און גיי רייס זיך אַרויס פון שפּאַן און פאָלג

נישט! די נאַטור מוז בלייבן שטאַרקער פון יחיד. שטעל נישט קיין פראַגעס, און פאָלג וואָס מען הייסט דיר טאָן! צי עס איז די פרימיטיווע דינגעניש צווישן רחל און לאה, וועמען דער מאַן זאָל געהערן די נאַכט, צי עס איז די ראַפינירטע פּאָעזיע פון שיר־השירים — דער מקור איז דער זעלביקער — די וועלט מוז האָבן אַ קיום. דער יצר־הרע איז די טרייב־קראַפט פון פּראָגרעס, דער יצר־טוב איז נאָר זיין שוואַכער קאָרעגירער.

און צו וואָס? צוליב וואָס דאָס אַלץ?

צווי פּאַרציייטיקע ענטפערס זענען פאַראַן:

האָט קוהלת געטענהט הבל הבלים, אַלץ נאַריש, קיין שישקע פּולווער נישט ווערט...

האָט איובן גאָט אַליין געענטפערט: „ווו ביסטו געווען ביי מיין גרונט־פעסטיקן די ערד? זאָג אויב דו האָסט פאַרשטאַנד!"... ס'הייסט: ווי קומסטו, קליין מענטשל, גאָר צו וועלן באַגרייפן דעם שכל פון באַשאַף? צו קורץ איז דער מוראַשקעס לעבן, זי זאָל קענען עפּעס פאַרשטיין איר מי, — און מיין לעבן? און דאָס לעבן פון דער מענטשהייט בכלל? אפשר, ווער קען וויסן? אפשר איז פאַראַן אַ ציל אין דעם אומענדלעך קליין ביז דעם אומענדלעך גרויס מיט מיליאַנען און מיליאַרדן ליכטיאָרן (אַ ליכטשטראַל גייט דורך אין אַ סעקונדע 360.000 קילאָמעטער. אַ ליכטיאָר איז גלייך 5.879.800.000.000 מייל).

דאָס איז אָביעקטיוו — דער יחיד אין קאָסמאָס — די מוראַשקע און דער מענטש; די אַמעבע און איינשטיין. אָבער סוביעקטיוו, פאַר זיך אַליין, פאַר מיין קורץ לעבן קען יעדער מענטש, מעג יעדער מענטש זיך שטעלן די פראַגע: „למה זה אנוכי" — צוליב וואָס האָוו איך אַזוי פיל? און עס מעג זיך שטעלן די פראַגע אויך אַ קאָלעקטיוו, אַ פאָלק.

פאָלק — נישט מענטשן, האָבן זיי אויסגעטראַכט די פעלקער. אַלע באַ־שעפענישן לעבן אין קאָלעקטיוון. וויפל שכל און ווי קאָמפּליצירט קעגנזיי־טיק עס זענען די פאַרהעלטענישן צווישן די אָרגאַניזמען אין אַ געוויינטלעכן וואַלד! אין אַ קליין סאַזשלקע!

און אַלע צוזאַמען זענען זיי איין אָרגאַנישער קאָלעקטיוו, אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזם. ווי אַן אינדיווידועלער אָרגאַניזם איז צונויפגעשטעלט פון פאַר־שיידענע קעמערלעך, און איטלעכס האָט זיין אויפגאַבע אין אַלגעמיינעם לעבן, אַזוי אויך איז אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזם צונויפגעשטעלט פון אינדיווידן און פון גרופּעס, און איטלעכע האָט זיין אָרט און זיין געביט אין לעבן פון דער גאַנצער געמיינשאַפט (מיט די פּראָבלעמען אין דער נאַטור גיט זיך אָפּ איבערהויפּט די עקאָלאָגיע). און פאָלק איז אויך אַזאַ מין קאָלעקטיווער אָר־גאַניזם. און ווי אַ יחיד קען אויך אַ פאָלק זיך שטעלן צילן, אויפגאַבעס און

אויף פראַגעס. דאָס זענען אָבער אַלע מאָל צילן און אויפגאַבעס סוביעקטיווע, זיי ליגן נישט אין דער נאַטור, נאָר אין דער קולטור פון קאָלעקטיוו.

האָבן מיר געשריבן אין אָנהייב פון בוך, אַז די מענטשהייט איז אַ סימ־פאָניע און יעדער פאָלק שפּילט זיין פּאַרטיטור. זענען מיר אַרויס אויף דער וועלט, אַריין אין דער סימפאָניע גאָר מיט אַ געהויבענער אויפגאַבע: להודיע בעמים גבורתיך. האָבן זיך די ערשטע שמידער פון אונדזער אַנדערשקייט אַרומגעטראָגן מיט גאָר אַ גרויסן אוניווערסאַלן אידעאַל „לתקן עולם במל־כות שדי”. נישט מער און נישט ווייניקער, אין אַ וועלט פון מענטשן־חיות און פעלקער־וועלף זאָלן מיר ווערן די לערער, דער נס לגויים און דער נר לגויים. האָבן די נביאים יאָ געקאָנט חלומען, אַז „אַלע פעלקער וועלן שטראָ־מען און עס וועלן קומען אַ סך אומות און זיי וועלן זאָגן: קומט און לאָמיר גיין צום הויז פון יעקבס גאָט, און ער וועט אונדז לערנען”... און וואָס לער־נען? — „אַז אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הייבן קיין שווערד און מען וועט מער נישט לערנען קיין מלחמה”...

אָט וועגן וואָס עס האָבן געחלומט אונדזערע נביאים! און זיי האָבן גע־גלייבט אַז מיר וועלן דאָס זיין די דערפאָלגרייכע לערערס... גרויסע וויזיאָ־נערן זענען זיי געווען די נביאים, אָבער אויך זייער נאַיוו: זיי האָבן נישט גע־ווּסט, אַז כדי אַ לערער זאָל באמת האָבן דערפאָלג דאַרף ער האָבן אויך מזל צו תלמידים, — און אין אַ וועלט פון סנחרבס און היטלערס האָט אַזאַ תורה נישט געקאָנט גילטן, זענען מיר געווען שלימזלדיק. היינט, האָט איר געזען, אַז אַ לערער וואָס די תלמידים שלאָגן אים זאָל עפּעס זיי קענען אויסלערנען?

האָט מען טאַקע יאָ כלומרשט גענומען אונדזער תנ״ך און אים געמאַכט הייליק, אָט ווי אַ קמיע, ווי עפּעס אַ זאַך, וואָס אַז מען האַלט עס איז עס מזל־דיק. עס איז אַ מצווה דאָס האַלטן און אַז מען האַלט עס שוין, מעג מען שוין אויף דעם חשבון זינדיקן אַנדערש. איז עס נישט קיין תורה, קיין סכום אָנ־ווייזונגען און לערנונגען ווי צו לעבן, נאָר אַ שטיקל צירונג אויסצופּוצן מיט דעם דאָס לעבן. פאַראַן ביי פעלקער אַזוי פיל געטער און הייליקע — האַלבע געטער איז צוגעקומען נאָך איינס. עס איז אַן אַנדער באַגריף פון הייליקייט, נישט ווי ביי אונדז, נאָר ווי ביי געצנדינער. ביי אונדז איז הייליקייט אין אויפפיר פון מענטשן. ביי זיי איז עס אַ זאַך פון הימל, עפּעס אַזאַ מאַטעריע פאַראַן ביי גאָט און ער שענקט עפּעס פון דעם עמעצן וואָס געפעלט אים. מיר האָבן זיי געלערנט איינס, און זיי — די טייערע תלמידים אונדזערע האָבן זיך איינגעחזרט עפּעס גאָר אַנדערש, עפּעס וואָס איז פאַרקערט לגמרי.

פאַרקערט, טרעפט, עס זאָל נישט אויסגערעדט זיין, אַז די לערערס אַליין שטעקן זיך אָן פון די תלמידים מיט זייערע באַגריפן און מיט זייערע דרכים.

האָבן שוין אַמאָל די נביאים געהאַט אַ שווערע אַרבעט צו קעמפן קעגן דער פּאַרקערטער השפּעה מצד די תּלמידים אויף די לערער.

אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש האָט זיך דער ייִדישער געדאַנק אין גאַנצן מייאש געווען פון די תּלמידים און זיך ווי אָפּגעזאָגט פון דער לערעריי. מיר וועלן די וועלט נישט אויסלערנען, די פעלקער נישט איבער־מאַכן. עס וועט זיין אַ גליק אַז מיר וועלן איינהיטן זיך אַליין און נישט לער־נען זיך פון זיי, פון די תּלמידים הייסט עס. מיר גייען אונדזער וועג, און איר — ווי איר ווילט. „אלה ברכב, ואלה בסוסים, ואנחנו בשם ה׳" איז אָבער די זאָרג זיך איינצוהיטן, אויפצוהאַלטן די אייגענע אַנדערשקייט, געווען גאָר נישט קיין גרינגע, האָט מען זיך נישט געקאָנט באַנוגענען מיט ווערטער, מיט אידייען, מיט שיינע שריפטן, — מען האָט געמוזט אָנקומען צו מעשים. האָט מען פאַרבאָטן „זייער ברויט זיך צו פאַרהיטן פון זייער ווין, זייער ווין האָט מען ווידער פאַרבאָטן, כדי אויסצומיידן זייערע טעכטער"... און אַזוי ווייטער, „אַ צוים אויף אַ צוים" — אַ באַוואָרעניש אויף אַ באַוואָרעניש. און די סכּנה איז געווען גאָר נישט קיין קליינע: אונדזערע „קטני אמונה" האָבן זיך איינ־גערעדט, אַז מיר האָבן אויפגעטאָן מיט אונדזערע תּלמידים אַ גרויסע פּעולה: איין קלייניקייט — מיר האָבן זיי אויסגעלערנט גלייבן אין איין גאָט!... בין איך ווי אַ לערער גאָרנישט אַזוי גליקלעך מיט דעם אויפטו. ערשטנס, ווייס איך גאָרנישט, צי דער פּאַטענט קומט אונדז, פאַראַן בנוגע צו דעם ספיקות. צווייטנס, ווייס איך נישט ווי דריי קענען זיין איינס, און דריטנס, איז עס עפּעס אַ קונץ צו מאַכן פון איין גאָט אויך אַ געץ? אַ פאַמיליע אַ גאַנצע מיט אַ גאַנצן שטאַט פון האַלבע געטער, וואָס מען רופט זיי „הייליקע", אָבער זייער הייליקייט איז נישט ווי מיר פאַרשטייען עס, אָפּהענגיק פון זייער אַרט לעבן, נאָר עס איז אַ מתּנה פון גאָט פאַר די וועמען ער האָט אויסגעקליבן; אויסגעקליבן מענטשן, אויסגעקליבן ערטער זיך צו באַווייזן, אַרויפגיסן דאָרטן טראָפּנס פון אָט דער הייליקייט... ווי ווייט דאָס איז פון אונדזערע באַגריפן!...

האָט מען גענומען אונדזערן אַ יונגנמאַן, מעגלעך, אַ גאַנץ ווילן, מען האָט אים געקרייציקט ערשטנס כדי ער זאָל זיין אַ קרבן פאַר אַלע זייערע זינד פון פריִער און פון שפּעטער, צווייטנס כדי מען זאָל האָבן אַ תּירוץ אונדז צו שלאָגן. האָט מען פאַר אים צוגעטראַכט אַ געצנדינערישע ביאָגראַפיע...

ניין, עס איז נישט אונדזערס אָט די גאַנצע תּורה. פון אונדז האָט מען גענומען טערמינען, ווערטער, אָבער געבויט האָט מען בצלם און בדמות פון פריִערדיקע איינגעגעסענע טראַדיציעס און געדאַנקען. מען האָט נאָך אונדז איינגערעדט אַז מיר האָבן דאָס אויסגעלערנט די תּורה פון אחדות הבורא. איז, ווי געזאָגט, ערשטנס, האָבן מיר נישט אויסגעלערנט, און צווייטנס, איז נישט דאָס דער עיקר פון אונדזער לערנען. מיר אַליין האָבן ווי נישט באַ־

מערקט, אַז מיר האָבן עפּעס נאָך געלערנט, באשר מען באַמערקט עס נישט ביז היינט. מיר האָבן געלערנט וועגן אַמאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף. פון דעם „לא תעשה כל פסל" ביז „אין לו גוף ואין לו דמות הגוף" האָבן מיר געלערנט און געלערנט — נישט קיין גוף, נישט קיין שטיין און נישט האָלץ און נישט קיין פלייש מיט בלוט, און נישט קיין זאַך און נישט קיין שום באַזונדערער אינהאַלט עפּעס, וואָס מען קען אויסטיילן באַזונדער. האָבן מיר געלערנט און טאַקע נישט אויסגעלערנט. דאָס האָבן די בעלי התלמוד געהייסן דעם ערשטן ייִדן נעמען אַ האַק און צעברעכן אַלע מאַטעריעלע געטער פון פאַר אים און פון נאָך אים. אַפילו ייִדן אַליין האָבן נישט קיין שטאַרקן חוש צו דעם טיפן אמת פון דער כלומרשטער לעגענדע. די אידייע אָפּצוואַרפן יעדער מאַטעריעלע פאָרשטעלונג פון גאָט האָט דורכגענומען די גאַנצע ייִדישקייט אין איר אייביקייט און זי האָט זיך נישט אָנגענומען פון אַנדערע, פון די וועמען מיר האָבן כלומרשט געדאַרפט לערנען.

אויב אין דער צייט פון בית־ראשון האָבן מיר געחלומט צו ווערן אַ נר לגויים, האָבן מיר אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש די גרויסהאַלטעריש אידייע אין גאַנצן פאַרוואָרפן. עס איז געבליבן אַ צווייטע, אַן אַנדערע, אַ פאַרקערטע זאָרג: ווי היט מען זיך איין מיר זאָלן זיך נישט אָפּלערנען פון אַנדערע, האָט מען זיך געהאַלטן אין איין פרייען: „והבדילנו מן התועים, טאַטעניו!"... אין תקופות ווען עס האָט זיך געשטאַרקט ביי ייִדן אַ דראַנג צו גיין אין אַ פרעמדן חדר, זיך לערנען פון יענע, האָט מען פאַרן אייגענעם געוויסן צוגעטראַכט אַ טעאָריע, אַז כלומרשט לערנען מיר יענע, איז דאָס געווען אַ גאַנצע „מיסיאָן־טעאָריע"... מען דאַרף זיך אַליין כאָטש אויסזאָגן דעם אמת — מיר האָבן ווי לערער פאַר פעלקער נישט געהאַט קיין מזל: אַלץ וואָס מען האָט ביי אונדז כלומרשט יאָ גענומען האָט מען איבערגעמאַכט אויף זייער שטייגער, עטוואָס מעשה געץ.

און אויב עס איז נאָך ווי עס איז און ווען עס איז באַשערט יאָ עפּעס אויסצולערנען די וועלט, איז עס נאָר און עס וועט ווייטער אויך זיין נאָר ווען מיר וועלן אָפּהיטן אונדזער אייגענע אַנדערשקייט און נישט נאָכמאַכן קיינעם. איין זאַך האָבן מיר געזען: סאָציאַליזם. איז ער ביי לייטן געווען אַ סטימול פון קאַמף, אַ מאָטיוו צום קאַמף. איז ער אין אַ ייִדישער אויפלאַגע געוואָרן אַ מצווה מקיים צו זיין אין אייגענעם לעבן, אַ מצווה ווי אַנדערע ייִדישע מצוות, וחי בהם.

און מיר דאַכט זיך, אַז עס זענען שוין איצט קענטיק די אונטערשיידן: דער קעמפערישער סאָציאַליזם האָט טאַקע באַהערשט די גאַנצע וועלט כמעט, אָבער פון סאָציאַליזם איז אין אים גאָר ווייניק וואָס פאַרבליבן. מיליאָנען לעבנס האָט ער צוגענומען ווי קרבנות, האַלט אין שרעק די וועלט, און ווער

ווייס צו וואָס ער פירט. דער באַשיידענער עקספּערימענט פון „סאָציאַליזם פאַר זיך" האָט קיינעם נישט געשעדיקט און האָט איצט אַרויסגערופן תלמי־דים ביי אַנדערע פעלקער. דאָס איז גערעדט געוואָרן ווען יידן גייען אין זייערע אייגענע וועגן.

און דערפאַר לאָמיר זיך נישט פאַרמעסטן צו לערנען די וועלט, לאָמיר זיך אַליין לערנען היטן אונדזערס.

מיר קענען איצט רעזומירן:

1. — מיר דאַרפן נישט און מיר קענען נישט זוכן אין דער נאַטור קיין צילן, מען טאָר נישט פרעגן צו וואָס: מיר פאַרנעמען אַזאַ קליין אָרט אין קאָסמאָס, הן אין חלל און הן אין צייט, אַז מיר קענען גאָר נישט פּרעטענדירן צו קענען ווען עס איז באַנעמען וווהין דער קאָסמאָס גייט. ווען גאָט האָט זיך פאַרנומען צו זיין דער „בונה עולמות ומחריבן", דער „מחדש בכל יום מעשי בראשית" האָט ער אָנגעזאָגט אַלע זיינע אַמאָליקע, איצטיקע און קו־מענדיקע באַשעפענישן: „לעבן!" און מיט דער מצווה רייסט זיך אַ גראָז אַרויס דורך אַ שפּעלטל פון אַ פעלדז, הייבט אויף אַ וואָרצל פון אַ בוים אַ שווערן בעטאָן וואָס ליגט איבער אים, מיט דעם באַפעל האָוועט אַ מענטש זיין לעבן: מיט דעם באַפעל „לעבן!" בויען מוראַשקעס און פעלקער מדינות, פירן מלח־מות, בויען און מאַכן חרוב ציוויליזאַציעס. מיט דעם באַפעל פון גאָט שמייכלט אַ קינד און עס בענקען געשלעכטער צו אַנאַנד און עס בענטש אַ זיידע איי־ניקלעך. מיט דעם באַפעל דרייען זיך פּלאַנעטן און זון־סיסטעמען אין אומ־ענדלעכקייט פון צייט און חלל. און —

פרעג נישט בן אדם קיין קשיות, ווייל עס וועט זיין הבל הבלים אָדער... „ווו ביסטו געווען ווען די ערד איז געגרונטפעסטיקט געוואָרן?" און ווו ביסטו געווען ווען אויף דיין אייגענעם פינגער האָט אַ נאָגל גענומען וואַקסן, צי האָר האָבן באַדעקט דיין קאָפּ?...

2. — דאָס איז דער אָביעקטיווער ענטפער. אָבער סוביעקטיוו פאַר זיך אַליין מעג דער מענטש און ער דאַרף זיך יאָ שטעלן די פראַגע און זוכן זיינע אייגענע, מענטשלעכע, פּריוואַטע צילן אין זיין קורצן לעבן. דאָס איז וואָס פּסיכאָלאָגיע רופט ס ו ב ל י מ אַ צ י ע, דערהייבונג — פון חיהשן צום מענטשלעכן און פון מענטשלעכן צו געטלעכן. און דער מענטש איז דערמיט אַ מענטש, וואָס ער קען סובלימירן זיין נאַטור. דאָס איז דער מותר האדם מן הבהמה.

אָט די פעיִקייט צו קענען סובלימירן האָט אָבער אויך אַ פאַרקערטע זייט — אַ פעיִקייט צו פאַרערגערן די נאַטור ערגער ווי אַלע חיות. נישטאָ קיין אַרויף אָן אַן אַראָפּ, און ווי אומענדלעך הויך עס קען זיך דערהייבן אַ מענטש, אַזוי אויך קען ער אַראָפּפאַלן ביז אומענדלעך נידעריק, דעגראַדירן.

3. — די סובלימאַציע אָדער דעגראַדאַציע קען זיין אַן אינדיווידועלע, פון איינצלנע מענטשן און זי קען זיין פון גאַנצע קאָלעקטיוון, פון פעלקער. מיר האָבן געהאַט די שוידערלעכע געלעגנהייט איבערצולעבן אויף אונדז אַזאַ דעגראַדאַציע פון אַ גאַנץ פאָלק, פון פעלקער גאַנצע.

4. — ביי אונדז איז די סובלימאַציע פאַרבונדן מיט דעם פאַקט וווהין מיר קוקן: ווילן מיר נאָכגיין אַנדערע, זיין ווי זיי, קומט ביי אונדז אַ דעגראַדאַציע. אַ סובלימאַציע קומט ביי אונדז נאָר ווען מיר פאַרטיפן זיך אין זיך אַליין, אין אונדזער אייגענעם „איד”. דאָס איז דער אַלטער כלל פון די נביאים. און בכן:

5. — קיום צוליב וואָס? — צוליב קיום פון יידישן פאָלק זאָגט דער אָביעקטיווער ענטפער, און עס זאָגט דער קאָלעקטיווער, פאָלקישער קיום־אינסטינקט. און דער סוביעקטיווער ענטפער שטרעבט צו סובלימאַציע פון אונדזער קאָלעקטיוון, פאָלקישן „איד”, צו פאַרשטאַרקן אַלץ וואָס מאַכט בולטער אונדזער פאָלקישע אַנדערשקייט, אונדזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. קיום נישט געקוקט אויף אַלע גרויזאַמע שוועריקייטן פון אינעווייניק און פון דרויסן.

גרונט־געזעצן פון יידישער געשיכטע

יעדער וויסנשאַפט שטרעבט צו זוכן די איינהייט אין דער פילצאָליקייט, דעם „אחד" אין דער פאַרשיידנקייט, דעם כלל פון אַ סך פּרטים, דעם מאָניזם אין דער פאָליגעשטאַלטיקייט פון דער וועלט און אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט. יעדער וויסנשאַפט און אַלע וויסנשאַפטן צוזאַמען זענען אַ תולדה פון דער שטרעבונג צום „אחד" און זיי שטייען אויפן וועג צו אָט דעם „אחד", וואָס ער באַהערשט און הערשט איבער אַלע דערשיינונגען.

יעדער וויסנשאַפט הייבט אָן מיט באַשרייבונגען, מען קוקט זיך צו, מען באַטראַכט און מען באַשרייבט. דאָס איז דער ערב־וויסנשאַפט. ערשט ווען מען קומט צו געזעצן פון די דערשיינונגען, ערשט דעמאָלט ווערט אַ וויסנשאַפט געבוירן.

די יידישע געשיכטע איז נישט אַ סומע פון צופעליקע דערשיינונגען, וואָס זענען נישט פאַרבונדן קאַוזאַל, סיבותדיק. די באַשרייבונג פון אַלע געשיכטלעכע פאַקטן איז נאָר אַ צוגרייטונג צו דער געשיכטלעכער וויסנשאַפט, דאָס זענען נאָר די ציגל וואָס ווערן געבראַכט צום בנין. דער בנין וועט ווערן ווען עס וועלן ענדגילטיק פעסטגעשטעלט ווערן די געזעצן וואָס הערשן און וואָס ברענגען די פאַקטן.

מיר דוכט זיך אַז מען קען די גאַנצע געשיכטע דערפירן צו עטלעכע, גאָר נישט קיין סך גרונטגעזעצן. איך וועל דאָ פּרובירן פאָרמולירן אָט די געזעצן, כדי צו קענען לויט זיי פּרובירן פאָראויסזען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג:

1) געזעץ פון אינעוויניקסטע, עטנאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישע סיבות. דער הויפּט־פאַקטאָר פון דער געשיכטע, פון אַלע אונדזערע גורלות ליגט אין אונדז גופא, נישט אין די דרויסנדיקע־סאָציאַלע, פּאָליטישע, קלימאַטישע וכדומה אַנדערע באַדינגונגען. די גאַנצע אָרגאַנישע וועלט — די געוויקסן און בעלי־חיים זענען אַזוי פילאַרטיק און פילפאָרמיק, נישט מחמת די דרויסנדיקע פאַקטאָרן האָבן זיי אַזוי אויסגעשטאַלטיקט, נייערט אַזוי פירן אָן די געגנען אינעווייניק אין די אָרגאַניזמען. אַזוי איז אויך מיט פעלקער, וואָס זענען אַ מין „סופּער־אָרגאַניזמען". ווי אַ מענטש בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט ער — זאָגט אַ קלוג יידיש ווערטל. און אָט דאָס ווערטל פאַסט אויך צו מענטשלעכע פעלקער־קאָלעקטיוון.

מיר דאַרפן זוכן די גורלות אונדזערע אין זיך. „מפני חטאינו גלינו"

און מפּני „מצוותינו נגאל״. דעם גײַסט האָבן אַזוי טיף און אַזוי ברייט געֿ פילט אונדזערע נביאים, און דערפֿאַר האָבן זיי אַזוי כּסדר און אַזוי פֿיל אַפּעלירט צום פֿאָלק. ווייל דער מענטש איז דער שמידער פֿון זיין גורל און דאָס פֿאָלק ווי אַ קאָלעקטיוער סופּער־אָרגאַניזם איז ווידער דער שעפער פֿון זיין גורל. די דרויסנדיקע באַדינגונגען — און זיי זענען אַזוי פֿיל — זיי קענען נאָר מאָדיפֿיצירן, ענדערן, אַנדערש געשטאַלטיקן די געשיכטע, אָבער נישט ענדערן די גורלות.

אין די זעלביקע עקאָלאָגישע באַדינגונגען לעבן פֿאַרשיידענע אָרגאַניזֿ מען וואָס פּאַסן זיך צו אויף פֿאַרשיידענע וועגן צו די באַדינגונגען פֿון דרויסן. און אַזוי אויך פֿעלקער און ענלכע באַדינגונגען פֿאַרשיידן, אויף פֿאַרשיידענע וועגן.

2) דאָס געזעץ פֿון צוויי קעגנגעזעצטע שטרעֿ בונגען אין אונדז. אין יידישן פֿאָלק הערשן צוויי פֿאַרקערטע שטרעבונגען. אַזוי צו זאָגן אַ יצר־טוב און אַ יצר־הרע. דער יצר־הרע דאָס איז די שטאַרקסטע עגאָפּאָביע אין אונדז. דאָס איז דער דראַנג צו אַנטלויפֿן פֿון זיך, פֿון אַלץ וואָס איז יידיש, פֿון יידישעס, דער דראַנג צו אַסימילאַציע, וואָס נעמט אַמאָל אָן אָפֿענע פֿאָרמען און אָפֿט באַהאַלט ער זיך אונטער אַ מאַסקע פֿון נאַציאָנאַליזם אָבער ער איז אַלע מאָל פֿאַראַן.

מיר האָבן פֿריער באַטראַכט אַ סך דערשיינונגען ווו אָט די עגאָפּאָביע ווייזט זיך אַרויס בולט. מען קען זיין זיכער, אַז ווען נישט די עגאָפּאָביע וואָלט אונדזער געשיכטע אויסגעזען גאָר אַנדערש. די עגאָפּאָביע איז פֿאַֿ ראַן אין איטלעכן יידישן אינדיוויד, ווי אין יעדער מאָלעקול פֿון דאַמף איז פֿאַראַן דער דראַנג זיך צו דערווייטערן פֿון די אַנדערע מאָלעקולן, סיידן די ווענט פֿון שטאָלענעם קעסל דריקן צונויף אַלע מאָלעקולן צוזאַמען... ווי נאָר עס עפֿנט זיך אַ קראַן, אַזוי גלייך צעטראָגן זיך די מאָלעקולן פֿון דאַמף מיט אַ פֿייף און געטומלט אין דער פֿרעמדער סביבה אַריין, כּדי דאָרטן פֿאַרלאָרן צו ווערן.

די עגאָפּאָביע צעשפּליטערט אונדז, צעטראָגט אונדז, אַנשטאָט צו בויען אַן אייגענעם קאָלעקטיוון לעבן צעטראָגט די עגאָפּאָביע די „יידישע מאָלעקולן״ —די יחידים־יידן אין דער אַרומיקער סביבה כּדי זיך צו אינפֿילֿ טרירן אַהין און פֿאַרלאָרן ווערן אין איר. סיידן די דרויסנדיקע דאַמבעס, ווענט דריקן צוריק מאָלעקול צו מאָלעקול...

אַ סך יידישע ישובים זענען אַזוי אונטערגעגאַנגען און זיי גייען אונטער איצט אויך. און די סכּנה אונטערצוגיין מחמת עגאָפּאָביע ווערט וואָס וויי־ טער זיכער נישט שוואַכער.

3) דאָס געזעץ פֿון אָפּזונדערונג. דאָס יידישע

פאָלק איז שעפעריש, עס אַנטוויקלט זיך גייסטיק און עטנאָגראַפיש נאָר דאָרטן און דעמאָלט ווו די עגאָפאַביע ווערט אָפּגעשוואַכט, און די ייִדן לעבן פּאַרזי־כיק, אָפּגעזונדערט פון דעם הויפּטפאָלק וואָס הערשט אין געגעבענעם לאַנד. די אָפּזונדערונג איז על פּי רוב געשאַפן פון דרויסנדיקע פאַקטאָרן. עס קען זיין אַן אָפּזונדערונג אַ געאָגראַפישע (פּערסישע תקופה), עס קען זיין אַ עט־נאָגראַפישע אָפּטיילונג, אָפּווייטערונג (מזרח־אייראָפּע. מיט סובאָרדינירטע פעלקער אַסימילירט מען זיך נישט), אָדער אַ ריין יורידישע אָפּזונדערונג (אין בבל). אָבער איין זאַך בלייבט — די ייִדן זענען אַזוי צי אַנדערש דערווייטערט פון הויפּטפאָלק און זיי קענען זיך נישט אַריינפּילטרירן אין אים, נישט קאָ־לעקטיוו און נישט אָפּילו איינציקווייז. דאָס הערשערישע אַבסאָרבירט זיי נישט אין זיך נישט עקאָנאָמיש און נישט אין גייסטיקן לעבן אַריין. אין אַלע אַנדערע סיטואַציעס, ווען נאָר עס לאָזט זיך אינפּילטרירן זיך ייִדן אַריין איינ־ציקווייז אין דעם הויפּטפאָלק אַריין און זיי ווערן ביסלעכווייז פאַרלאָרן אין אים ווי מאָלעקולן פון דאַמף אין דער לופטן. זיי אַסימילירן זיך, און עס בלייבט בלויז אַ טרוקענע סעקטע, ווי פאַרשטיינערטע עלעהיי דער שטיין־אָפּזאַץ אויף די ווענט פון אַ דאַמפּקעסל... אויך די טרוקענע סעקטע ווערט ביסלעכווייז פאַרגעסן. אַמאָל איז געווען אַ ייִדישער ישוב. אפשר קען מען נאָך געפינען אַ מצבה אויף אַ פאַרגעסענעם און פאַרגאַנגענעם בית־עולם.

4) דאָס געזעץ פון אייגענער שפּראַך נישט פון הויפּטפאָלק. אין אַלע זיינע שעפערישע תקופות האָט דאָס ייִדי־שע פאָלק זיך באַנוצט מיט אַ שפּראַך וואָס איז געווען זיינע אַן אייגענע, צי ער האָט זי געשאַפן, צי בלויז אַדאַפּטירט און צוגעפּאַסט — דאָס איז אַלץ איינס, אָן אונטערשייד. די געשיכטלעך שעפערישע תקופות ציילן אָן דריי שפּראַכן, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט אויף זיי גערעדט, געדאַוונט, געשאַפן אין זיינע דריי שעפערישע הויפּט־תקופות. דאָס איז העברעיִש מיט דעם תנ״ך; דאָס ייִדיש־אַראַמיש מיט דעם תלמוד און נאָך; דאָס איז ייִדיש מיט דער גאַנ־צער נייער ייִדישער ליטעראַטור אויף ייִדיש און העברעיִש, וואָס זי איז גע־שאַפן געוואָרן דורך דעם רייד־ייִדיש. ייִדן האָבן טאַקע געשאַפן אויף אָן אַ שיעור נאָך שפּראַכן. אָבער ווי אַ כלל זענען אַלע ליטעראַטורן וואָס ייִדן האָבן געשאַפן אויף די שפּראַכן פון די הויפּט־פעלקער אין די לענדער אָפּגעפאַלן, פאַרלאָרן געגאַנגען אין לעבן פון ייִדישן פאָלק. נאָך מער — אַלע שבטים און אַלע ישובים וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט אין די שפּראַכן פון די הערשנדיקע פעלקער, זענען אַליין אַרויסגעפאַלן פון ייִדישן פאָלק. זייערע אָפּשטאַמיקע איז נישטאָ וואָס צו זוכן צווישן ייִדן. פאַרוואָס אַלע ייִדישע ליטעראַטורן אויף פרעמדע שפּראַכן מוזן אַרויספאַלן פון ייִדיש לעבן און נאָך מיטציִען די גרוי־פּעס ייִדן וואָס נוצן די שפּראַכן וועט קלאָר ווערן פון דעם.

5) גענעץ פון פולער קולטור־צירקולאַציע.
יעדע קולטור האָט דריי מאָמענטן איינצייטיק: דאָס פשוטע פאָלקישע לעבן; די קולטור־פּראָדוקטן וואָס וואַקסן אַרויס פון אָט דעם לעבן און דאָס פאַרשפרייטן זיי צוריק אין פאָלקס לעבן אַריין. יעדע קולטור, וואָס ציט נישט אירע זאַפטן פון די אייגענע פאָלקישע וואָרצלען, האָט נישט קיין פולן קרייז. זי איז ווי אַ פרעמדער אָנוווּקס אויף דעם אָרגאַניזם. אַזאַ אָנוווּקס קען זיין אַ מין קאַנסער וואָס עסט אויף דעם קערפּער. די השכלה און די ענלעכע צו איר באַוועגונגען זענען אַרויסגעפאַלן פון ייִדישקייט און פון ייִדנטום, טאַקע ווייל זי האָט אָנגעהויבן נישט פון פאָלקישן פשוטן לעבן, נאָר פון דער פרעמד, און דאָס פרעמדע גוטס איז געוואָרן פאַר אונדז סאַמע שלעכטס. אַלע קולטורן וואָס ייִדן שאַפן כלומרשט פאַר זיך אין די שפּראַכן פון די הערשנדיקע פעלקער זענען אויך אַזוי נישט אָרגאַניש, פרעמד דעם פאָלקישן אָרגאַניזם פון ייִדישן פאָלק. אָדער זיי קלעפּן זיך לגמרי נישט צו, אָדער זיי זענען אויס איין דור זייער רייך כדי שוין ביים צווייטן דור צו פאַרלאָרן גיין און מיטשלעפּן אין אָפּפרעמדונג אויך די באַנוצער פון די פרעמדע שפּראַכן. די שפּראַכן גופא נעמען זיך אָן אַ דאַנק דער עגאָפאָביע, אַפילו ווען זי באַהאַלט זיך אונטער אַ מבול פון נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַליסטישע פראַזעס.

6) דאָס געזעץ פון צווייִשפּראַכן־סימביאָז.
איינצייטיק מיט דעם פאַטאַל־שעדלעכן דראַנג צו פרעמדע שפּראַכן עקזיסטירט אַ צווייטער געזעץ — דער סימביאָז פון די צוויי אייגענע שפּראַכן. דורך אונדזער גאַנצער, לאַנגער געשיכטע לעבן מיר אין איין קולטור מיט צוויי שפּראַכן,ביידע זענען אייגענע. איינע איז אַ ירושה פון אַ פריִערדיקער תקופה און די צווייטע איז אַ שאַפונג פון דער אַקטועלער תקופה. דורך דער שפּראַך און קולטור פון דער אַקטועלער תקופה איז דאָס פאָלק פאַרבונדן מיט דער פריִערדיקער. איינע ווירקט און באַפּרוכטיקט די צווייטע. אַלץ וואָס עלטער טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון הייליקייט, אויך די שפּראַך ווערט און איז דאָס לשון פון אַלץ וואָס איז קודש און די אַקטועלע קולטור מיט איר שפּראַך איז וואָכעדיק, טאָג־טעגלעך. עס איז אַ גליק פאַר דער פאַרהייליקטער שפּראַך פון דער פריִערדיקער תקופה וואָס עס איז דאָ אַ צווייטע שפּראַך פון אַקטועלן היינט: דאָס היט אָפּ די שפּראַך פון ענדערונגען, פון איבערוואַנדלונגען, וואָס קענען מאַכן פון איר עפּעס גאָר אַן אַנדער שפּראַך. ווי דאָס איז געשען מיט אַנדערע שפּראַכן וואָס שטאַמען אַלע אָפּ פון איין אַלטער שפּראַך. די לאַטיינישע שפּראַך איז אַרויסגעפאַלן פון לעבן, ווייל אירע „קינדער" האָבן זי אַרויסגעוואָרפן, פאַרביטן. העברעיִש אָבער האָט קיינמאָל אין איר געשיכטע נישט אויפגעהערט צו לעבן אין איר אָפּגעזונדערטער הייליקער בימה פון פאָלק, אין וואָכעדיקייט האָט מען זי נישט אַריינגעמישט. ערשט מיט דעם פאַר־

וואַנדלען העברעיִש אין אַ שפּראַך פון פשוטער וואָכעדיקייט איז אויפגעקומען די סכנה צו פאַרלירן די אייביקע העברעיִשע שפּראַך און אַנשטאָט איר האָט שוין אין אַנוואַקסן עפּעס אַ צווייטע, וואָס האָט שוין אַפילו געקראָגן אַ נאָמען „עברית ישראלית", וואָס קען זיך אָפּרוקן פון איר מאַמען, גאָט ווייס ווי ווייט.

7) *דאָס געזעץ פון תקופות*. נישט די אַלגעמיינע געשיכטע און נישט די ייִדישע ציִען זיך נישט ווי איין גראַדע ליניע. מען רעדט וועגן „וואַקלונגען פון געשיכטלעכן אומרו" (ווי אין זייגער). מען רעדט וועגן קרייזן אין געשיכטע. מען קען, מיין איך, פאַרגלייכן דעם גאַנג פון געשיכטע צו אַ ליניע וואָס גייט אין ספּיראַלן: די זעלביקן קרייזן, נאָר איטלעך מאָל אין אַן אַנדער אָרט, אין אַן אַנדער צייט. יעדער קרייז אין דעם ספּיראַל האָט זיינע דריי מאָמענטן — דאָס פּשוט פאָלקיש לעבן און שטייגער, די איבעראַרבעטונג און פאַרוועגדונג פון דעם לעבן אין קונסט און אין געדאַנק, אין ליטעראַטור און פילאָסאָפיע. דער דריטער מאָמענט איז די פאַרשפּרייטונג פון די קולטור־שאַפונגען אין לעבן פון פאָלק אריין. דער אויסגאַנג־פּונקט איז דאָס פאָלקישע לעבן. אָבער די ספּיראַלן זענען נישט קיין פּשוטע איבערחזרונג, ווייל יעדער קרייז הייבט זיך אין אַן אַנדער סביבה אין אַן אַנדער אָרט און אין אַן אַנדער צייט. די דריי פאַקטאָרן ענדערן דעם אויסזען פון יעדער קרייז אין ספּיראַל, הגם דאָס געזעץ פון תקופות בלייבט אין זיין תוך דער זעלביקער.

דובנאָוו רעדט וועגן העגעמאָניע־ישובים אין דער ייִדישער געשיכטע. אין יעדער תקופה פירט אַן אַנדער שבט די העגעמאָניע. זי גייט איבער פון אַן אָפּגעשוואַכט, אַלט־געוואָרענעם ישוב צו אַ נייערן, צו אַ ייִנגערן. אָבער עס איז נישט קיין פּשוטע איבערגעבן אַ פאָן פון איין דור צום צווייטן. אויך די משנה אין אבות משה קיבל תורה ומסרה ליהושוע און אַזוי ווייטער. יעדער תקופה אַרבעט אויס איר קולטור און די נייע איז אַלע מאָל אַנדערש, אייגנאַרטיק, זי איז אָבער פאַרבונדן מיט דער פריִערדיקער קולטור פון דער פריִערדיקער תקופה. אין תוך אַריין איז דער תלמוד גאָר אַ נייע קולטור, ער איז נאָר פאַרבונדן מיט דער תנכישער, די גמרא רופט עס אַן „פּושט צורה ולובש צורה"; יעדער תקופה מיט איר קולטור.

מיט דורות וואַקסן אַן די קולטור־שאַפונגען אַזוי פיל און אַזוי שטאַרק, אַז עס איז זייער שווער די אָנגעוואַקסענע קולטור אַריינברענגען אין פאָלק אַריין צוריק. באַקומען זיך צוויי קלאַסן: די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע, די געלערנטע און וואָס האָבן די מעגלעכקייטן צו לערנען און די גייסטיקע אָרעמע, וואָס נישט זיי זענען געלערנט און נישט זיי האָבן די מעגלעכקייט צו לערנען. פון דעם וואַקסן אויס פאַרשיידענע שוועריקייטן.

8) *יעדער תקופה דאַרף איר קולטור־צירקולאַציע פון אַלע דריי מאָמענטן*: דאָס פּשוטע לעבן

פון די אומגעלערנטע שיכטן אין פאָלק, וואָס איז נאַטירלעך אַנדערש, אייגנ־אַרטיק, ווי ס׳איז אַנדערש דאָס לעבן פון אַ סאָסנע פון דעם לעבן פון אַ פּאַלמע; די תקופה דאַרף האָבן דעם צווייטן מאָמענט — די איבעראַרבעטונג פון דעם לעבן אין קונסט און וויסנשאַפט; דער דריטער מאָמענט — די פאַרשפּרייטונג פון די קולטור־פּראָדוקטן אין פאָלק. יעדער מאָמענט מיט זיינע שיכטן אין פאָלק וואָס פירן דורך די כסדרדיקע מאָמענטן אָדער מדרגות פון קולטור־צירקולאַציע, אָדער קולטור־לעבן, פעלט איין מדרגה איז דער קיום פון דעם ישוב אין סכנה.

אין יעדער תקופה האָט געהאַט די העגעמאָניע (לויט דובנאָווס אויסדרוק) דער ישוב וואָס האָט פאַרמאָגט אַלע דריי מדרגות פון קולטור. טאַקע דערפאַר איז ער געוואָרן דער פירנדיקער, דער העגעמאָן־שבט. ווייל ער האָט פאַרמאָגט די דריי מדרגות, בעת די אַנדערע ישובים פון אונדזער צעשפּרייטונג האָבן זיי נישט, און דערפאַר האַלטן זיי זיך אָן דעם העגעמאָן־ישוב, אָדער זיי גייען בכלל אונטער. אַלע ישובים וואָס זענען אונטערגעגאַנגען, זענען אונטערגעגאַנגען טאַקע מחמת זיי האָבן נישט פאַרמאָגט די פולע קולטור־צירקולאַציע..

9) דאָס געזעץ פון קאַמף צווישן תקופות.

דער איבערגאַנג פון איין תקופה צו אַ צווייטער איז ווייט נישט קיין פרידלעכער. עס איז אַ קאָליזיע צווישן צוויי קולטורן, צווישן צוויי שיכטן אין פאָלק און ווי יעדער צוזאַמענשטויס, איז עס ווייט פון שלום. עס איז נישט קיין טויטער קאַפּיטאַל וואָס איין דור גיט איבער דעם צווייטן — טוט קינדערלעך וואָס איר ווילט... די קולטור פון דער תקופה וואָס אַוועק איז אַלע מאָל רייכער, זי האָט דאָך די דריטע מדרגה — די איבערגעאַרבעטע קולטור־רייכקייטן אין פאָלק צוריק, בעת די נייע אָנקומענדיקע תקופה איז אָרעם — זי האָט דאָך בלויז די ערשטע מדרגה — דאָס פּשוטע לעבן פון פּשוטן פאָלק אין זיין פּשוטער שפּראַך. איז עס אוממעגלעך די רייכערע קולטור זאָל אָפּטרעטן איר אָרט אָן אַ ווידערשטאַנד. סאָציאַל איז עס דער קאַמף צווישן דעם תלמיד־חכם און עם־הארץ, קולטורעל איז עס דער קאַמף פון דעם אָנקומענדיקן פּרימיטיוו קעגן דער ראַפינירטער קולטור, די חוצפה פון עם־הארץ. היסטאָריש איז עס דער געראַנגל צווישן דער תורה שבכתב מיט דער תורה שבעל פה. די צוויי זענען דאָך פאַראַן ווי מיר נעמען עס אויף אין יעדער תקופה פון דאָס ניי. דאָס וואָס איז אַמאָל געווען בעל פה, ווערט אין דער צווייטער תקופה שבכתב. עס איז לגמרי נישט בלויז דער איבערגאַנג פון תנ״ך צו דעם תלמוד, דער תלמוד איז פאַר אונדז היינט אויך אַ תורה שבכתב בעת די היינטיקע בעל פה־תורה האַלט זיך נאָך אין שאַפן, אין וואַקסן. יענע איז געענדיקט, פאָרמירט, פאָרמולירט און די נייע איז אין פּראָצעס פון פורעמונג, פון געשאַפן ווערן.

יעדער דור גייט דאָך אַוועק פול מיט רייכקייט, מיט וויסן, דער ניי־געבאָרענער — נאַקעט אָרעם. אַט דער קאַמף צווישן תקופות איז טאַקע בולט אין דעם איבערגאַנג פון תנ״ך־תקופה צו דער תלמודישער. אין דעם תנ״ך זענען די שווערפּונקטן — גאָט, בית־המקדש, כּוהנים, נביאישע ליטעראַטור. אין דער תלמודישער תקופה — תורה, דאָס מיינט אוניפיקאַציע פון שטייגער, לערנען ווי אַ עיקר־טייל פון לעבן, נישט כּוהנים נאָר תלמידי חכמים, נישט נביאים נאָר לומדים און פּוסקים, נישט ליטעראַטור נאָר מעשים.

אַ צווייטער ביישפּיל פון דעם תקופות־קאַמף איז דער רעוואָלט פון חסידיזם וואָס קען דינען גאָט אויך מיט אַ גלעזל בראָנפן און אַ מעשהלע קעגן דער מתנגדישער לומדות. דער רעוואָלט פון פּשוטן המונישן ייִדן קעגן דער לומדישער אַריסטאָקראַטיע.

דער שלום צווישן די תקופות קומט דאָך שפּעטער ווען די נייע תקופה זאַפּט אַריין אין זיך די קולטור־אוצרות פון דער דירעקט פריִערדיקער און דורך איר פאַרבינדט זי זיך צו נאָך פריִערדיקע תקופות. יעדער תקופה איז נאָר דער־מאָלט געשיכטלעך ווען זי האָט אַלע דריי מאָמענטן־מדרגות. אַלע אַנדערע ריכטונגען און פאַרלאַנגען אַריינצוברענגען פרעמדע עלעמענטן זענען געפערלעך, מסוכן ווי אַ קאַנסער. יעדער תקופה איז אַ קרייז אין געשיכטלעכן ספּיראַל פון נצח ישראל.

10) ו ב ג ו י ם   ל א   י נ ו ח ־ ג ע ז ע ץ. ייִדן קענען לעבן צווישן פעלקער און דאָך בלייבן קולטורעל פאַר זיך, געקניפּט און געבונדן מיט ייִדישע ישובים אין אַנדערע לענדער, נאָר ווען זיי פילן אויס אַ חלל צווישן צוויי ווייטע קלאַסן אין דעם הויפּט־פאָלק: פּריצים און פּויערים און ייִדן באַזונדער צווישן זיי.

ווי נאָר אַזאַ צווישנקלאַס שאַפט זיך ביים הויפּט־פאָלק גופא, הייבט זיך אָן אַ פּראָצעס פון אַרויסשטופּן און אַרויסשטויסן ייִדן. און דער פּראָצעס ענדיקט זיך על פּי רוב קאַטאַסטראָפאַל פאַר ייִדן.

אין אַ וועלט פון פאַרזיכיקע, מאָנאָנאַציאָנאַלע פעלקער־מדינות וועלן ייִדן נישט קענען שאַפן קיין פאַרזיכיקע נאַציאָנאַל־קולטורעלע מינדערהייטן. זיי וועלן נישט קענען ביישטיין דעם אַרויסשטויס־פּראָצעס מצד דעם הויפּט־פאָלק פון לאַנד און דעם פּראָצעס פון אויסייִדישונג מצד די ייִדישע יחידים כּדי צו קענען לעבן ווי יחידים־גלידער פון דעם הויפּט־פאָלק דירעקט, אָן דער פאַרבינדונג מיט דעם ייִדישן מינדערהייט־פאָלק.

דובנאָווס אידייע וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז געווען פּאַסיק אין ניינצנטן יאָרהונדערט אין אַזוינע מולטינאַציאָנאַלע מלוכות ווי עסטרייך־אונגאַרן און דאָס צאַרישע רוסלאַנד. די אידייע איז אָבער אומפּאַסיק פאַרן צוואַנציקסטן י״ה מיט זיינע מאָנאָנאַציאָנאַלע מדינות.

כ׳בין זיך מודה ומתוודה: נישט פאַרשטאַנען די ראָל פון דער פאַרזיכי־קער מדינה אין דער היינטיקער וועלט.

ווען נישט די עגאָפּאָביע (געזעץ 2) וואָלטן מיר געקענט האָבן און גע־האַט סאָציאַל־קולטורעל פאַרזיכיקע ישובים אין עטלעכע לענדער אָן אָדער מיט דעם פּאָליטישן ראַם פון אַ מדינה. מיט דער עגאָפּאָביע איז אָבער אויך די מדינה אויסגעשטעלט פאַר אַ סך אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע סכנות. עס איז בלויז טראַגיש, וואָס מען זעט ביי אונדז נישט אַרויס די געפערלעכע פּרוכט וואָס וואַקסן אויף דעם בוים פון עגאָפּאָביע.

דער לעצטער געזעץ דאַרף אָבער נישט פירן צו אַן אויספיר, פאַרפאַקט זיך יידן און פאַרלאָזט אַלע אייערע גלותן. צו שטאַרק זענען יידן פאַרבונדן מיט דער וועלט, זיי זאָלן עס קענען טאָן, און עס העלפט נישט דאָס רופן און מאָנען. אַ פאָלק קען אויך נישט אַוועקוואַרפן האַק און פּאַק, אַלץ מיט אַן אַנ־דער, „את הנפש אשר עשיתי בחרן". צו שטאַרק זענען אונדזערע פּאָזיציעס אין אַלע גלות־לענדער מען זאָל עס אַוועקוואַרפן.

דאָס געזעץ פירט אָבער צו אַנדערע אויספירן: די מדינה אָן די גלותן — אַ שטאַרקער ספק צי זי וועט קענען האָבן אַ קיום, די גלותן אַזוי ווי זיי זענען — ווער ווייס וואָס עס וואַרט זיי? דאַרף געזוכט ווערן — און טאַקע באַצייטנס — אַזאַ מין איינאָרדענונג, עס זאָל זיין פּאַסיק פאַר דער היינטי־קער וועלט. דאָס איז זייער אַ גרויסע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעם וואָס פאַ־דערט גאַר אַ סך נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונג.

סך־הכּלען און אויספירן

אויפן סמך פון דעם אַלץ וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן ביז איצט, קען מען פאָרויסזען מער־ווייניק דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער ייִדישער געשיכטע אין דער וועלט און אויך אָנמערקן די פליכטן פון ייִדן פאַר דער דאָזיקער צוקונפט.

פאָרויסזען, אויב, פאַרשטייט זיך, די מענטשהייט וועט נישט חרוב ווערן דורך מלחמות און אַנדערע קאַטאַסטראָפעס, וואָס קיינער קען פון דעם נישט וויסן היינט.

אָנמערקן פליכטן פאַר די אַלע ייִדן וואָס גלייבן אין המשכדיקייט פון ייִדישקייט און זיי שניידן נישט אויס קיינע טיילן פון דער ייִדישער געשיכטע, פאַר די ייִדן וואָס האָבן אַ אמונה אין דער גאַנצער אינטעגראַלער ייִדישקייט. וועלן מיר פּרובירן גיין כּסדר.

די צאָל ייִדן אין דער וועלט וועט נישט גרעסער ווערן. גרויסע טיילן פון פאָלק וועלן אָפּפאַלן ביסלעכווייז דורך אויסייִדישונג און טיילווייז דורך אַסימילאַציע. דער פּראָצעס וועט גיין איצט שטאַרקער ווי פריִער אין נאָרמאַלע צייטן, היות ייִדן לעבן אומעטום אין דירעקטער שכנות מיט די הערשנדיקע הויפּטפעלקער פון די לענדער. דער קיום פון ייִדישן פאָלק ווי אַזאַ וועט זיין אָפּהענגיק פון באַוווסטזיניקן און אַנגעשטרענגטן ווילן פון ייִדן.

דער צווייטער פאַקטאָר וואָס וועט העלפן אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק איז די ייִדישע מדינה. איבערהויפּט ווען זי וועט זיך שטעלן אויף די פּרינציפּן פון המשכדיקייט און אינטעגראַלער גאַנצקייט פון ייִדישקייט.

וואָלטן וועלטלעכע ייִדן ביז היינט געשאַפן אָרגאַניזירטע קהילות מיט נאָרמען פון ייִדיש לעבן אין די היימען און אין געזעלשאַפט, וואָלטן זיי געקאָנט איצט שוין האָבן אַ גרויסע און שטאַרקע אָנהענגערשאַפט, איבערהויפּט פון ייִנגערע ייִדן וואָס זוכן איצט אַ רעליגיעזן אינהאַלט אין לעבן. די אָרטאָדאָקסיע וואָס ציט איצט קאַדרען קען זיי נישט איינהאַלטן געגוג, היות זי האַלט זיך ביי פאָרמען וואָס שטאַמען פון אַמאָליקן שטעטל און זיי זענען זייער שווער פאַר אַן אורבאַניש לעבן.

די רעפאָרמער גיבן נאָר אַן אינהאַלט פון גאָטעסדינסט אין דער סינאַגאָגע אָבער נישט קיין פאָרמען פון ייִדישקייט אין דער היים.

די ייִדן וואָס גלייבן אין המשכדיקער אינטעגראַלער ייִדישקייט מוזן איצט

ווערן אַקטיוועד. ייִדן זוכן אַ גלויבן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז שווער צו לעבן אָן אַ גלויבן. דער ייִדישער גלויבן באַשטייט נישט נאָר פון אידייען, פּרינציפּן און געדאַנקען, נאָר איבערהויפּט פון פירונגען און שטייגער אין טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס לעבן איז איצט וואָכעדיק און עס פעלט יום־טוב. עס ווילט זיך אָפּרוען פון דער האַמעטנער וואָכעדיקייט. די געקויפטע פאַר־ווײַלונגען באַפרידיקן נישט, זיי זענען פּאַסיוו און פרעמד, זיי גייען נישט פון די אייגענע נשמות אַרויס.

די וואָכעדיקייט איז אויך פּריוואַט, ערשט די רעליגיע, די ייִדישקייט פירט אַריין דעם מענטש אין דער געזעלשאַפט, זי פאַרבינדט אים מיטן פאָלק, מיט דער נאַציע, מיט דורות און מיט דעם אוניווערס.

דער ייִדישער אויפפיר איז אייגנטלעך די פאַרקערפּערטע ייִדישע גע־שיכטע און ער העלפט דעם מענטשן זיך פאַרבינדן מיטן קאָלעקטיוו, מיט פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. ייִדישקייט דערהייבט אַזוי אַרום דעם מענטשן, זי העלפט אים אַרויסרייסן זיך פון דער גרויסשטאָטישער איינזאַמקייט און זי פירט אים אַריין אין ברייטערע קרייזן מיט העכערע אַלגעמיינע אינטע־רעסן, וואָס זענען אַ העכערע מדרגה פון מענטשלעכע, און זי קען דערפירן דעם יחיד ביז די העכסטע מדרגות, ביז געטלעכקייט אין לעבן.

דערבײַ איז ייִדישע רעליגיע — ייִדישקייט אין גאַנצן נישט אָפּהענגיק פון טעאָלאָגיע. ייִדישקייט פאַרנעמט זיך דאָך נישט מיט קיינע פּראָבלעמען פון מהות פון גאָט, זיינע אַטריבוטן, וכדומה. ייִדישקייט פאַרנעמט זיך נאָר מיט דעם מענטשן, זי זוכט און באַמיט זיך צו דערהייבן דעם מענטשן ביז די מדרגות פון געטלעכקייט אין לעבן, אין מענטשן, אין דער נאַטור, אין קאָסמאָס.

אַזוי אַרום איז ייִדישקייט אַ העכערע מדרגה פון לעבן, זי דערהייבט דעם מענטשן פון זיין אומעטיקער טומלדיקער און דאָך איינזאַמער וואָכעדיקייט. ווייל אַלע פאַרווײַלונגען זענען ווידער טומל און באַפרידיקן נישט, און נישט־ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט ווייעט דאָך מיט פרעמדקייט און דערווייטערונג.

אויך ביז איצט האָט ייִדישקייט אין אירע רעליגיעזע פאַרמען דאָך נאָר אַ נאַציאָנאַל־וועלטלעכן מקור, זי פאַרנעמט זיך מיט דעם פאָלק, מיט זיין קיום, זי באַמיט זיך אָפּצושוואַכן דאָס אינדיווידועלע און שטאַרקן דאָס קאָלעקטיווע אין דעם יחיד. נישט זיין ווילזיין, דעם יחידס אויף דער וועלט אָדער אויף יענער וועלט, נייערט דער קאָלעקטיוו, דאָס פאָלק און זיין גליק, זיין צו־קונפט איז אין צענטער פון ייִדישקייט. דערפאַר זענען אויך די ייִדישע מצוות נישט געצילט פאַר די אינטערעסן פון יחיד און זיין גליק אין גן־עדן, נאָר זייער ציל איז כמעט תמיד נישט אַזוי בין אָדם למקום, נישט פאַר גאָט, נאָר אַ סך מערער, טאַקע כמעט תמיד אויך נישט בין אָדם לחברו, נאָר איבער־הויפּט בין אָדם לעמו. און ווייל ייִדישקייט דערהייבט דעם מענטשן, דערפאַר

איז טאַקע „וקדשנו במצוותיו" — דורך די מצוות ווערט דער יחיד דערהויבן צו העכערע מדרגות פון מענטשלעכקייט.

די פראַקטישע אורבאַנישע ייִדישקייט האָט עטלעכע פרינציפן וואָס מוזן אָפּגעהיט ווערן:

1. — מן התורה מנין. יעדער נייער איינפיר, אַלע נייע פאַר־מען דאַרפן האָבן זייער אָפּשטאַם אין דער אייגענער ייִדישער פּרי־ערדיקער קולטור. מען דאַרף די נייע פאָרמען נישט נעמען פון דער פרעמד, עס דאַרף זיין אַ צופאַסונג, אָבער נישט קיין נאָכמאַכונג.

2. — ייִדישקייט איז אַ פּראָצעס וואָס ציט זיך שעפעריש דורך תקופות. יעדע נייער תקופה איז באַזירט אויף דער דירעקט פּריערדיקער, וואָס דאַרף ווערן די תורה, דער גייסטיקער אינהאַלט פון דער נייער תקופה. דאָס איז דער כלל פון ייִדישער המשכדיקייט.

3. — די איצט פאַרענדיקטע תקופה (מיר רופן זי די תלמודיש־שטעטל־שע) האָט געשאַפן אַן אייגענעם שטייגער, אַן אייגענע שפּראַך. פון דעם איז אויסגעוואַקסן אַן אַלזייטיקע קולטור מיט אַ ליטעראַטור. אָט די אַלע סאָציאַלע נאָרמעס און די ליטעראַטור דאַרפן איצט ווערן די תורה פאַר דער נייער תקופה, דער אינהאַלט צום לערנען און שטודירן. און דאָס דאַרף העלפן איינ־שטעלן דעם נייעם שטייגער וואָס דאַרף זיין דער המשך פון פריערדיקן.

4. — פאָלק איז נישט בלויז אַ קאָלעקטיוו מיט זיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע אינטערעסן, נייערט עס פאַרמאָגט טאַקע אויך אַן אייגענעם, אייגנ־אַרטיקן גייסט — אַ פּסיכיק, מאָראַל, עטיק און אַפילו וועלט־באַנעם, טאַקע אַן אייגענע נשמה, איטלעך פאָלק מיט זיין „שכינה". דאָס אַלץ האָט זיך אויס־געאַרבעט אין משך פון אַנצאָליקע דורות און עס קומט צום אויסדרוק אין דער קולטור, שטייגער און שפּראַך.

5. — דער גייסט פון אַ פאָלק איז ווי די נשמה פון אַ יחיד, מען קען אים נישט דעפינירן און באַשטימען זיינע פונקטן. אָבער ער איז דער שעפערישער מקור און ער גיט דעם כאַראַקטער די שאַפונגען פון פאָלק ווי אַ כלל און אויך די שאַפונגען פון יחידים אין פאָלק. דער גייסט איז דער ניסתר און די שאַ־פונגען — זיי זענען דער ניגלה וואָס אַנטפּלעקט דעם ניסתר און וואָס איז תמיד בלויז אַ צימצום פון דעם ניסתר, ער איז תמיד אין־סופיק, אומענדלעך און אומבאַגרענעצט, די שאַפונגען, ווי זיינע קינדער זענען אָבער אַלע מאָל סופיקע, באַגרענעצט און באַשטימטע.

גליקלעך איז דער מענטש וואָס זיין פּריוואַטער גייסט, זיין יחידישע נשמה איז איינגעשטימט מיט דעם גייסט פון קאָלעקטיוו, פון פאָלק אין גאַנצן. אויף אַזוינע מענטשן קען מען זאָגן, אַז דאָס פאָלק רעדט מיט זייער מויל. אַזוינע זענען געווען די נביאים און אַ גרויסע צאָל פון די חכמי התלמוד,

אויב אָפילו זיי זענען אין זייער צייט געווען אין דער מינדערהייט. טראַגישע קאָנפליקטן הייבן זיך אָן ווען אַזאַ איינשטימיקייט צווישן יחיד און כלל איז נישטאָ. דעמאָלט הייבן זיך אָן מחלוקתן און קריגערייען — אַ דור הפלגה.

6. — די דאָזיקע איינשטימיקייט קען געשאַפן ווערן דורך אָפּהיטן די תורה פון דער פריערדיקער דירעקטער, נאָר וואָס פאַרענדיקטער תקופה. לערנען איר קולטור, פאַרהייליקן זי אויסנוצן אַלדאָס מעגלעכע אין די נייע פאָרמען. אַלטער וויין אין נייע לאָגלען. אַלטער אינהאַלט אין נייע באַדינגונגען. דאָס לעבן פון דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה, דאַרף ווערן די פאַרהייליקטע תורה פאַר דער אורבאַניש־וועלטלעכער תקופה.

גליקלעך איז דאָס פאָלק, וואָס אַ דאַנק די נאָרמען פון זיין לעבן גייט די טראַנספאָרמאַציע און ירושה פון תקופה צו תקופה פון זיך אָן אָנשטרענגונג און אָן קריגערייען.

ביי אונדז איז אַזאַ גליקלעכע „פושט צורה ולובש צורה“ קיין מאָל נישט געווען, און נאָך ווייניקער קען מען עס דערוואַרטן איצט.

6. — די אָרטאָדאָקסיע וויל נישט אָנערקענען קיין שום ענדערונג און באַמיט זיך איינצוהאַלטן אַלץ דאָס פריערדיקע אומגעענדערט.

די רעפאָרמער פון אַלע שיטות און ריכטונגען לייקענען אין גאַנצן די פריערדיקע תקופה. זיי שטרעבן צו פאַרוואַנדלען ייִדישקייט אין אַ מין גאָטעסדינסט, און נאָר אין דעם זאָלן ייִדן זיך אונטערשיידן פון הויפּט־פאָלק אין יעדן לאַנד. זייער שטרעבונג איז צו ווערן גויים וואָס דאַוונען אין אַזאַ מין קלויסטער וואָס מען רופט סינאַגאָגע, טעמפּל.

אויך דער ציוניזם איז נאָך נישט געקומען צו דעם סינטעז פון גלותדיקער שעפערישער ייִדישקייט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען פון אייגענער היים, ווי ביאַליק האָט עס אַמאָל געזאָגט: מיר זענען געקומען קיין ארץ־ישראל נישט כדי צו פאַרוואַרפן אונדזער קולטור, נאָר כדי זי זאָל קענען בעסער און פרייער זיך אַנטוויקלען (דברים שבעל־פה).

דאָ ליגט די אויפגאַבע פון דער אינטעגראַלער ייִדישקייט (איך וואָלט געזאָגט פון דער אינטעגראַל־ייִדישער אמונה) צו ברענגען דעם „שלום על ישׂראל“.

7. — בלייבט נאָר די שיטה פון אינטעגראַלער ייִדישקייט ווי די וואָס קען אונדז אַרויספירן פון דעם היינטיקן פלאָנטער. זי טראָגט נאָך אין זיך דעם גייסט פון אייביקער ייִדישקייט פון אַלע תקופות. זי לייגט דעם הויפּטאַכט אויף דער קולטור פון דער לעצטער תקופה. אָבער זי זאָגט זיך חלילה נישט אָפּ פון די פריערדיקע תקופות; זי איז וועלטיש — זי פאַרבינדט ייִדן פון דער גאַנצער וועלט; זי איז וועלטלעך — זי זאָרגט פאַרן קיום פון פאָלק אויף ד ע ר און נישט פאַרן גן־עדן פון ייִדישע יחידים אויף יענער וועלט;

אינטעגראַלע ייִדישקייט אָנערקענטביידע ייִדישע שפּראַכן און ווייס די ראָל פון יעדערער:

ייִדיש איז ביי היינטיקן טאָג די איינציקע כלי פאַר דעם ייִדישן גייסט, די שפּראַך פון דער ייִדישער נשמה (אַפילו ביי די וואָס האָבן אויפגעהערט צו רעדן ייִדיש), אין איר קומט די ייִדישע נשמה צום אויסדרוק. נאָר דורך איר געפינט דער ייִדישער גייסט אַ וועג זיך אויסצודריקן אויך אין העברעיִש.

העברעיִש האָט אָבער זיינע געביטן פון לעבן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם לשון דירעקט, נישט דורך ייִדיש. און דערפאַר איז העברעיִש קיין מאָל נישט געשטאָרבן און בכן קיין מאָל נישט אויפגעשטאַנען קיין תחית־המתים. דאָס נישט נוצן העברעיִש אין וואָכעדיקן לעבן האָט די שפּראַך פאַרהיט אין איר ריינקייט, זי זאָל נישט פאַרביטן ווערן, ווי עס איז געשען מיט אַנדערע אַנטיקע שפּראַכן. נאָר אַ דאַנק דער צווייטער שפּראַך פון טאָג־טעגלעכקייט איז העברעיִש אין זיין ריינקייט געבליבן די שפּראַך פון אייביקער ייִדישקייט, און זי פירט אונדז דורך אַלע קולטור־תקופות. אָבער דער וועג אירער איז תמיד דורך דעם לשון פון דער לעצטער תקופה. היינט דורך ייִדיש.

אַלע שפּראַכן פון די הערשנדיקע פעלקער זענען און בלייבן פרעמד און פירן אַוועק פון ייִדישקייט, אַפילו ווען די כוונות זענען צו ייִדישקייט.

ווען מיר איצט טאָקע פּרובירן אין קורצן צו פאָרמולירן די פּרינציפּן פון דעם אינטעגראַל־ייִדישן אני מאמין:

א. — די אייביקייט פון ייִדישן פאָלק, זיין המשכדיקייט דורך תקופות וואָס ענדערן די פאָרמען אָבער דער תוך בלייבט אין זיי דער זעלביקער.

ב. — יעדע תקופה מיט איר קולטור און מיט אירע קולטור־שאַפונגען, און אַלע מאָל איז די קולטור פון איין תקופה דער באָדן צו אַקערן און פלאַנצן די קולטור פון דער ווייטערדיקער תקופה.

ג. — פּונקט ווי די גאַנצקייט און המשכדיקייט פון ייִדישן פאָלק דורך אַלע תקופות, איז אויך די גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון ייִדישן פאָלק איבער אַלע לענדער פון זייער צעזייט־און צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט. די געשיכטלעכע און געאָגראַפישע גאַנצקייט פון אונדזער פאָלק איז היינט ווי אַלע מאָל די וויכטיקסטע אויפגאַבע און אונדזער חוב. ביידע אויפגאַבעס דאַרפן דערגרייכט ווערן דורך „ותלמוד תורה כנגד כולם" — דורך לערנען. נישט לערנען לשם ענדיקן, נייערט לערנען ווי ייִדן האָבן געלערנט ווי אַ טייל פון פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויסלעבן זיך; לערנען ווי אַ מצווה, ווי אַ פליכט אין לעבן, ווי אַ פליכט פאַר דעם נצח ישראל. כל־זמן ייִדן וועלן אין אַלע לענדער לערנען און זיך פאַרנעמען מיט די זעלביקע קולטור־פּראָדוקטן איז געזיכערט די גאַנצקייט פון ייִדישן פאָלק איבער אַלע

לענדער. און עס איז אויך געזיכערט די פאַרבינדונג מיט די פריִערדיקע תקופות.

עס איז געזיכערט דער שלום על ישראל. אמת, די געלערנטע שאַפּ־יגען זענען אַליין נישט דער גייסט פון פאָלק, זיי זענען דאָך בלויז דער ניגלה פון פאַרבאָרגענעם ניסתר, אָבער דורך דעם ניגלה קען מען זיך אַריינלעבן אין דעם ניסתר. און אַז יידן וועלן האָבן דעם איינהייטלעכן גייסט, וועלן במילא נישט זיין קיין מחלוקתן און קריגערייען. דאָס האָט נאָך געוווּסט אונטערצו־שטרייכן די גמרא אַז אַלע קריגערייען נעמען זיך פון דעם נישט־געניגנדיקן אַריינטיפן זיך אין דער קולטור פון פאָלק אין די פריִערדיקע דורות.

ד. — דאָס יידישע לשון איז ביי היינטיקן טאָג די ערשטע מצווה אויפ־צוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק און זיין גאַנצקייט. ווען מען וואָלט היינט צו־נויפגעשטעלט דעם סדר פון די מצוות, וואָלט אויף דעם ערשטן אָרט געוויס געדאַרפט געשטעלט ווערן מצוות יידיש לשון.

ה. — אין סכום יידישע תורהס צום לערנען דאַרף מען אַריינרעכענען אויך אַלע אינדיווידועלע שאַפונגען וואָס אין זיי איז פאַראַן דער מאור שביה־דות, אין יידישן לעבן. אַלע אַנדערע שאַפונגען וואָס האָבן דאָס נישט, דאַרפן אַריינגערעכנט ווערן צווישן די ספרים חיצוניים.

די וויכטיקייט פון יידיש לשון איז גרעסער און העכער ווי די וואָס אין די שאַפונגען אין יידיש. דאָס יידיש שבעל־פה, פון פאָלקס מויל אַרויס איז אַלע מאָל רייכער מיט אַ סך מער פּאָטענציעלע שאַפונגען וויפל שאַפונגען עס זענען שוין פאַראַן. אין דער שפּראַך ליגט טויזנט יאָר יידישע נשמה. אין שפּראַך בכלל איז די נשמה פון אַ פאָלק. אַ פאָלק ווערט אַזאַ ווען עס שאַפט פאַר זיך אַ שפּראַך, ווערט זי די כלי פון דעם פאָלקס נשמה נאָך איידער זי האָט אַפילו אַן אלף־בית, נאָך איידער עס איז געשאַפן געוואָרן אין איר אַ ווערק אין שריפט. אַ פאָלק — ווי אַ יחיד, ווערט געבאָרן מיט אַן אומבאַ־האָלפענער שפּראַך און שטאַרבט מיט אַ קלאָרער און רייכער שפּראַך. דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן איז פאַרבונדן מיט צוויי זאַכן: מחשבה, רעיון, געדאַנק און געפיל. דאָס איז איינס. זיי זענען אין מוח ווי אַ קינד ביי אַ מוטער, איי־דער עס ווערט געבאָרן. ווען זיי ווערן אויסגעדריקט אין וואָרט צי אין עפּעס אַנדערש, דעמאָלט ווערן זיי געבאָרן. געבאָרן ווערט תמיד אַ סך ווייניקער וויפל עס איז פּאָטענציעל מעגלעך. די שאַפונגען זענען בלויז אַ צימצום פון דעם אינעווייניקסטן גייסטיקן אינהאַלט פון דעם יחיד, און נאָך מערער — פון דעם קאָלעקטיוו. קיין פאָלק האָט מן־הסתם נישט אַזוי פיל שאַפונגען זיי זאָלן באמת פאַרקערפּערן דעם גאַנצן פולן אינהאַלט פון זיין גייסט. די שפּראַך בעל־פה איז נענטער צו דער פאָלקס־נשמה ווי די שפּראַך שבכתב. די נשמה פון דעם יידישן פאָלק איז אַמנאָענטסטן אין דער שפּראַך יידיש. מער ווי

אין אַלע יידישע שאַפונגען בכלל. נאָר דער וואָס איז אַריינגעלעבט אין אַ שפּראַך, נישט פּשוט אויסגעלערנט — נאָר דער איז נאָענט צו דער נשמה פון פאָלק וואָס האָט די שפּראַך געשאַפן. מיט אַ פרעמדער שפּראַך אין מויל זענען ייִדן נישט אַריינגעלעבט און נישט באַהעפט צו דעם גייסט פון קיין פאָלק. אויך העברעיִש האָט ביי היינטיקן טאָג ניט אַריינגעזאַפּט די נשמה פון יידישן פאָלק. פון דאַנען אַ גרויסער טייל פון נעגאַטיווע דערשיינונגען ביי דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט. פּונקט ווי דער גאַנצער מאַטעריעלער קאָס־מאָס איז בלויז אַ באַגרענעצטע פאַרקערפּערונג פון דער קאָסמאָס־אידייע, פון דעם „אין־סוף ברוך הוא”, פּונקט אַזוי איז אויך די גאַנצע געשאַפענע קול־טור פון אַ פאָלק בלויז אַ צימצום פון דער נשמה פון פאָלק. און דער נאָענט־סטער וועג צו איר איז דורך דער שפּראַך. נאָר דער אַריינגעלעבטער אין דער נשמה פון פאָלק היינט קען דורך איר קומען צו די פריִערדיקע אוצרות פון גייסט וואָס זענען שוין היינט נישטאָ אפילו אין פּאַטענץ, ווי דאָס איז היינט דער תנ״ך און זיין שפּראַך.

דאָס יידישע קולטור־לעבן איז אַן אייביקער, מעכטיקער שטראָם וואָס טראָגט זיך דורך אייביקייטן איבער וועלטן און פעלקער. דער שטאָף פון דעם שטראָם איז איבערהויפּט העברעיִש. יעדער יחיד, יעדער דור, יעדער תקופה איז ווי אַ בייטייך וואָס טראָגט אַריין זיינע וואַסערן אין הויפּט־שטראָם אַריין. די וואַסערן פון די בייטייכן גיסן זיך צונויף מיט די וואַסערן פון הויפּט־שטראָם ביז ער ווערט רייכער, שטאַרקער, מעכטיקער. אָן די צופלוסן ווערט דער שטראָם ביסלעכווייז פאַרטריקנט, ביז ער פאַרלירט זיך אין גאַנצן ווי עס פאַרלירן זיך בלינדע טייכן אין אַ מדבר.

די קולטור־צופלוסן פון יעדן דור און פון יעדער תקופה זענען די פאַר־מען פון לעבן, פון שטייגער און אין זייער שפּראַך דווקא. דערפאַר זענען גע־ווען גערעכט די פרושים און זייערע נאָכפאָלגער וואָס האָבן פאַרהייליקט דאָס יידישע לעבן מיט זיינע ביידע שפּראַכן פון זייער צייט. דערפאַר זאָגן מיר אויך היינט:

יידיש לשון איז דער לבוש פון דעם פאָלקס נשמה אין אונדזער תקופה. זי און נאָר זי. אָבער זי מיט אַלץ וואָס אין איר איז נאָך אַ בייטייך, וואָס פירט און וואָס מוז פירן צו דעם הויפּט־שטראָם פון אַלע תקופות און ער איז פאַרבונדן מיט העברעיִש לשון, מיט לשון־קודש. יידיש אָן העברעיִש איז אַ וועג צו אייביקייט, וואָס איז אָבער אָפּגעהאַקט, ער דערפירט נישט צום הויפּט־שטראָם. העברעיִש אָן יידיש איז יאָ דער שטראָם, אָבער צו אים קע־נען נישט דערגיין די וואַסערן פון אונדזער היינט. אָן יידיש קענען מיר זיך נישט אַריינגיסן מיט אונדזער גייסט און קולטור אין דער יידישער אייביקייט.

ו. — אַלע פרעמדע שפּראַכן פון הערשנדיקע פעלקער אין די לענדער

ווו ייִדן לעבן זענען שעדלעך בכלל, ווייל זיי פאַרמאָגן אין זיך נישט קיין ייִדישן גייסט — דעם ניסתר, די נשמה פון ייִדישן פאָלק. ביי ייִדן אין די מיילער האָבן זיי אויך נישט די נשמה פון פאָלק וואָס האָט די שפּראַך געשאַפן. האָבן די ייִדן וואָס נוצן די פרעמדע שפּראַכן נישט קיין וואָרצלען וואָס פון זיי וואַקסט קולטור.

ז. — ווי אַ מוטער וואָס ווערט נישט באַפּרוכטיקט פאַרלירט אַלע אירע מעגלעכע קינדער, אַזוי איז אויך מיט אַ שפּראַך וואָס ווערט נישט קולטיווירט. זי פאַרלירט אירע מעגלעכקייטן עס זאָלן אין איר געשאַפן ווערן ווערק. אַלץ וואָס דאָס פאָלק לעבט איבער בלייבט דערשטיקט פאַרשטומט, די גאַנצע נשמה פון פאָלק ווערט ביסלעכווייז אַטראָפּירט. ווי אַ בוים וואָס שטייט אָן בלעטער און אָן פּרוכט. ער שטייט נאָך — ביז ער וועט אויספּוילן, אָבער קיין לעבן איז שוין אין אים נישטאָ.

ח. — אַלץ וואָס ייִדן האָבן געשאַפן און אַלץ וואָס זיי שאַפן איצט אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט איז דאָך נאָך פון די פריִערדיקע פּאָטענצן פון ייִדיש לעבן און ייִדיש לשון. עס ווענדט זיך פון ווען די פּאָטענצן זענען באַפּרוכטיקט געוואָרן. קיין נייע פּאָטענצן אין פרעמדע שפּראַכן שאַפן זיך אָבער נישט.

ט. — און דערפאַר דאַרפן איצט אַלע באַוווּסטזיניקע ייִדן אין אַלע לענדער צעהילכן אין אַלע סכנה־אַלאַרמס. אָבער נישט וועגן דער סכנה פאַר ייִדיש, נאָר וועגן דער סכנה פאַר דער ייִדישער שעפערישקייט, במילא פאַרן קיום פון גאַנצן ייִדישן פאָלק ווי אַזאַ.

י. — כדי דאָס ייִדישע פאָלק זאָל באמת ווייטער האָבן אַ קיום און אַ המשך דורך דורות און איבער לענדער, מוז אייגגעשטעלט ווערן אַ שטייגער לעבן, וואָס דאַרף אַרייַינגעמען: ייִדיש לשון, ייִדיש לערנען ווי אַ טייל פון טאָג־טעגלעכן לעבן, ייִדישע יום־טובים און מנהגים. זיי דאַרפן זיין רעקאָנסטרויִרט לויט די אורבאַנישע באַדינגונגען, אָבער זיי מוזן אומבאַדינגט זיין אַנדערש פון די ווי עס פירט זיך דאָס הערשנדיקע פאָלק אין לאַנד.

יא. — נאָך אַן אומענדלעך לאַנגן גלות האָבן ייִדן געשאַפן אַ מדינה. קליין און שוואַך, נישט געקוקט אויף אַלע ניסים וואָס זי האָט באַשאַפן. די מדינה איז דאָס איינציקע ווינקעלע אויף דער ערד ווי ייִדן בויען זייער לעבן אַליין, צוגעפּאַסט צו זיך, צו די אייגענע באַדערפענישן און ווו זיי דאַרפן זיך נישט צופּאַסן צו פרעמדע נאָרמען און פאָרמען. די מדינה איז דאָס איינציקע אָרט ווו ייִדן זענען איינגעאָרדנט לויט די נאָרמען פון היינטיקע מאָנאָנאַציאָנאַלע לענדער און מדינות.

יב. — דער קיום פון אָט דער קליינער און שוואַכער מדינה איז אָפּ־

הענגיק פון קיום פון פאָלק אין דער וועלט. נאָר מיט דעם כוח פון גאַנצן ייִדנטום איבער דער וועלט קען זיך האַלטן די מדינה.

און אַזוי אויך פאַרקערט, דאַרפן די ייִדישע פעריפעריעס האָבן אַ צענ־טער, וואָס נאָר ער שאַפט פון די אַלע פונקטן אַ קרייז, אַ גאַנצקייט.

עס איז שווער צו גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון קיבוץ גלויות, עס איז שווער צו גלייבן אין דער נייטיקייט פון קיבוץ גלויות. אַ פאָלק קען נישט אַוועקוואַרפן זיינע פּאָזיציעס וואָס עס האָט אין דער וועלט און מען טאָר זיי נישט אַוועקוואַרפן. און דער אַלטער זאָג „צדקה עשה להם הקב״ה שפיזרם לבין האומות״ האָט נאָך אויך היינט ווייט נישט פאַרלאָרן זיין ווערט און זיין זינען.

יג. ווען איז עס אָבער אַלץ גערעדט געוואָרן? — דאָס וועט זיין ווען עס וועט קומען דער „שלום על ישראל״, ווען עס וועלן זיך צונויפגיסן די אַלע פאַרשיידענע שטראָמען אין ייִדישקייט — ייִדיש און העברעיִש; רעליגיע און וועלטלעכקייט, ציון און גלות. און די ייִדישע ישובים אין די גלותן וועלן זיך בויען אויף אַ פּרינציפּ פון סאָציאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. נישט בלויז קולטור־אויטאָנאָמיע, נאָר אומבאַדינגט סאָציאַל־קולטורעלע, און דאָס קען זיין נישט בלויז פאַרבונדן אויך מיט געוויסע טעריטאָריעלע קאָנצענטראַציעס.

יד. — דאָס אַלץ קען זיין מעגלעך נאָר ווען דאָס ייִדישע פאָלק אין דער גאָרער וועלט, אין אַלע זיינע ישובים און אויך אין דער מדינה וועלן זיך אויס־היילן פון דער עגאָפאָביע. אויף דעם דאַרפן זיין געווענדט אַלע אָנשטרענגונ־גען ביי אונדז. ערשט דעמאָלט וועט מקוים ווערן דער קיום פון ייִדישן פאָלק אין דער וועלט דורך זיין אינטעגראַלער גאַנצער שעפערישער ייִדישקייט.

Este libro se terminó de imprimir en el mes de julio de 1961 en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S. R. L., Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Copyright by:
A. GOLOMB
México

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY

Industria Argentina

A. GOLOMB

Nuestro Derrotero Entre los Pueblos

(ENSAYOS)

BUENOS AIRES
1961